STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09916

KEMFER DERTSEYLN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעמפער דערציילן
(שיח לוחמים)

•

שמועסן נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה

פראַיעקטירט און אַרויסגעגעבן:

דוד אלון (משמר הנגב), גיורא מאָסינזאָן (נען), עמוס עוז (חולדה), עמרם הישראלי (גבעת־חיים — איחוד), יריב בן־אהרון (גבעת־חיים — מאוחד), אבא קאָוונער (עין החורש), בצלאל לעוו (גן שמואל), נאוה בנארי (עין השופט), רחל האַלפערין (יפעת), מנחם שלח (משמר העמק), אביעזר יערי (מרחביה), אברהם שפירא (יזרעאל), שלומית טויב (מסילות), מוקי צור (עין גב), ברכה דלמצקי (ברעם).

מיט דער הילף און ראַט פון אל״מ מרדכי בר־און.

רעדאַקטאָר: אברהם שפירא

צייכענונגען: אברהם אילת (שמיר)

הילע און שער־בלעטער: ברכה דלמצקי

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פונעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט
און דעם אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע

קעמפער דערציילן

(שיח לוחמים)

שמועסן נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה

פאַרעפנטלעכט דורך אַ גרופּע יונגע חברים פון דער קיבוצישער באַוועגונג

אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג י. ל. פרץ

תל־אביב, תש״ל — 1969

KEMFER DERTZEILN
FIGHTERS TALK

I. L. Peretz Publishing House, Tel Aviv

קעמפער דערציילן (שיח לוחמים)

יידיש: יאָסל חריף, מאַלאַשאַ מאַלי, אברהם און דוד קאַרפּינאָוויטש, דוד שטאָקפיש
רעדאַגירט דורך שלמה שווייצער
לידער איבערגעזעצט דורך משה יונגמאַן

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©
כל הזכויות שמורות ל„שיח לוחמים"
All Rigths Reserved to Si'akh Lokhamim

מערכת האיחוד, ת"א רח׳ הירקון 126

דפוס „ארזי", אילת השחר 4, תל־אביב, טל׳ 34294

אומעטיקע זיגער

אַ קורצע צייט נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָבן זיך באַגעגנט עטלעכע יונגע קיבוצניקעס פון פאַרשידענע קיבוצים, וועלכע האָבן זיך נאָר־וואָס אומ־געקערט פון די שלאַכטן, און ביי אַן אָפענעם „טייפּ־רעקאָרדער" (מאַגנעטאָפאָן) האָבן זיי דערציילט זייערע איבערלעבונגען אין דער מלחמה.

וואָס מער זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין זייער שמועס, אַלץ מער האָבן זיי באַמערקט, אַז נישט בלויז פון דער מלחמה אַליין רעדן זיי, נאָר פון דער ווירקונג וואָס זי האָט געהאַט אויף זיי און אויפן גאַנצן דור, וואָס האָט אָנטייל־גענומען אין דעם קריג.

דער יונגערמאַן, וואָס איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין קיבוץ (אַ טייל פון די אָנטיילנעמער אין שמועס זענען נישט קיין געבוירענע אין קיבוץ, זיי זענען געוואָרן קיבוצניקעס אין רעזולטאַט פון זייער טעטיקייט אין שטאָטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס), וואָס זיין גאַנץ לעבן און דערציונג איז געווענדעט צו שלום, צו האַרעפּאַשנער אַרבעט, שטייט דאָ פאַר דער גרויזאַמער סתירה: ער איז געצווונגען צו נעמען געווער אין האַנט און גיין קעמפן, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד און דאָס לעבן פון זיין משפּחה, און כדי אויסצומיידן אַ צווייטן חורבן פון יידישן פאָלק מוז ער הרגענען און אומברענגען דעם שונא, וואָס איז אויך נישט מער ווי אַ מענטש... און כאָטש די מלחמה איז אַ גערעכטע פאַרטיידיקונגס־מלחמה און דאָס שיסן איז באַרעכטיקט, בלייבט דאָך דאָס שווערע געפיל, אַז דו האָסט פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט...

✶

די קיבוצישע באַפעלקערונג איז אַ גאָר קליינער פּראָצענט (4%) פון דער ישראל־באַפעלקערונג, אָבער צוליב דעם ספּעציעלן געזעלשאַפטלעכן אָרט פון לעבן, מיט די מאָראַלישע ווערטן, איז די השפּעה פון קיבוץ ווייט פאַרשפּרייט אין לאַנד. נאָך מער ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן באַווייזן זיך די קיבוצניקעס צווישן די בעסטע און איבערגעגעבנסטע סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן אין צה"ל. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ, אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן, דער גאַנצער דור קעמפער וואָס פאָרמירט אוים די ישראל־אַרמיי. די געציילטע קיבוצניקעס וואָס נעמען דאָ אָנטייל אין דעם שמועס, דריקן אוים די מחשבות און געפילן פון טויזנטער — די זעלנער פון גאַנץ צה"ל.

די נישט־פאָרמעלע אינטימע חברים־שמועסן, וואָס זענען אַרוים אין בוך „שיח לוחמים", וועלכער איז לכתחילה באַשטימט געווען בלויז פאַר דער אינערלעכער

קיבוצישער באַפעלקערונג, האָבן אַזוי אַרום פאַרכאַפּט און פאַראינטערעסירט דאָס גאַנצע פאָלק און דאָס בוך איז געוואָרן דער „בעסט־סעלער" פון דער זעקסטאָגיקער־מלחמה־ליטעראַטור.

✶

פאַרן יידישן לייענער איז די איבערזעצונג אַ ספּעציעלע געלעגנהייט זיך צו באַקענען גאַנץ נאָענט און אינטים מיטן אויסדרוק־אופן און געדאַנקען־שטייגער פון דעם אַזוי־גערופענעם „סאַברע", פון דעם דור וואָס איז געבוירן אין ישראל און וואָס זעט אויס גאַנץ אַנדערש פון דעם סאָרט יידן וואָס מ'איז געוווינט געווען צו זען אין גלות.

דאַכט זיך, אַז קיינער אין דער וועלט פאַרלאַנגט שוין היינט נישט מער קיין באַווייז וועגן דער קאַמפּס־פעיקייט פונעם יידן. די אַנטיילנעמער פון די שמועסן אין דעם בוך, זיי אַליין זענען די וואָס האָבן געפירט די מלחמה. דאָס וואָס ס'איז וויכטיק אין דעם בוך — דאָס זענען די אידעען, די מחשבות און געפילן וואָס ליגן אין דער אויפפירונג אין שלאַכט, און דאָס קען אפשר העלפן פאַר־שטיין וויאַזוי און פאַרוואָס צה"ל האָט אַזוי געקעמפט און געזיגט, און ווער עס זענען די קעמפער — די זיגער.

✶

זיי האָבן זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון די שלאַכטפעלדער; אויסגעטאָן די פאַרבלוטיקטע מיליטערישע כאַקי־קליידער און צוריק אָנגעטאָן די פּשוטע, פאַרשטויבטע אַרבעט־קליידער. זיי זענען באַפרייט פון „אַקטיוון דינסט", אָבער שווערער איז זיך צו באַפרייען פון די אַלע גרויזאַמקייטן, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען אין די קורצע־פולע זעקס טעג. און נאָך שווערער, זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אַ טייל פון זייערע חברים האָבן זיך נישט אומגעקערט אַהיים.

די מלחמה איז געווען אַ קורצע. דער זיג — אַ קאָלאָסאַלער. אָבער די זיגער — זיי זענען אומעטיק...

יהודה גור־אריה

די אַנטיילנעמער און זייערע קיבוצים

יפעת איז אַ גרויסער, גוט־אויסגעבויטער קיבוץ, אַ 30 ק״מ מזרח פון חיפה, אין עמק יזרעאל, מיט מער ווי טויזנט איינוווינער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך דער הייניקער מיניסטער פאַר אַגריקולטור, גבתי, און אַ סך אַנדערע אָנגעזעענע מענטשן פון דער קיבוץ־באַוועגונג און פון עפנטלעכן לעבן אין ישראל. זייער אַ סך זין פון קיבוץ זענען שוין צוריק־געקומען פון דער אַרמיי און נעמען אַ טיכטיקן און וויכטיקן אָנטייל אין יעדן געביט פון קיבוץ־לעבן. די ווירטשאַפט איז באַזירט אויף אַ הויך־אינטענסיווער אַגריקולטור און אַ פאַבריק פון אַגריקולטור־מכשירים.

די וואָס האָט דורכגעפירט דעם אינטערוויו:

רחל האַלפערין (יפעת), 23 יאָר אַלט, געבוירן און באַקומען איר בילדונג אין יפעת. נאָך איר מלחמה־״דינסט האָט זי שטודירט מוזיק כדי צו ווערן אַ לערערין. איר קורס האָט זי איבערגעריסן צוליב דער מלחמה, וועלכע זי האָט דורכגעמאַכט אַרבעטנדיק אין יפעת. זי איז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „שיח לוחמים״.

די אַנטיילנעמער:

עמרם גולן, 22 יאָר אַלט, יוגנט־פירער, געאַרבעט מיט גרופעס פון אָפּגעשטאַנענער יוגנט, וואָס ווערט דערצויגן אין קיבוץ. אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָט ער געדינט ווי אַ סער־זשאַנט ביי די פּאַראַשוטיסטן (רעזערוויסטן), אין ירדן, ווי אויך אויף די סירישע הויכקייטן.

אהרן בן שחר, 23 יאָר אַלט, פאָטער פון אַ קינד. געאַרבעט אין דער פאַבריק אין יפעת און גייט איצט דורך אַ העכערן טעכנישן קורס אין חיפהער טכניון. אַ פּאַראַשוטיסט (זעלנער). געקעמפט אין ירושלים.

חגי מירום, 21 יאָר אַלט. חתונה געהאַט אַ וואָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. געאַרבעט אויפן פעלד. יוגנט־פירער און אַרכעאָלאָג אין זיין פרייער צייט. אַ סערזשאַנט ביי די פּאַראַשוטיסטן, איז ער אָבער געוואָרן אומפעיק צום דינען צוליב אַ פּאָרפאַל בעת אַ שפּרונג־איבונג. אין אָנהויב פון דער מלחמה אין יוני 1967 איז ער „אַנטלאָפן״ פון דער היים און געקעמפט אין אַן אינפאַנטעריע־באַטאַליאָן אין ירדן.

לוטן אורן, 30 יאָר אַלט, אַ פאָטער פון אַ 6 חדשימדיק קינד. דערצויגן אין קיבוץ מזרע און נאָך דער חתונה פאַרבונדן זיך מיט יפעת, דער קיבוץ פון זיין פרוי. אַרבעט אַלס מעסטער אין יפעת און אין אַנדערע ישובים אין דער געגנט.

רפאל אופיר, 25 יאָר אַלט, פאָטער פון 2 קינדער. אַ נאָענטער פריינד פון אהרן. אַקטיוו געווען אין דער יוגנט־אָנפירונג אַ סך יאָרן. פאַרבראַכט אַ יאָר נאָך זיין מיליטער־דינסט אין אַ יונגן קיבוץ (שדה בוקר). געקעמפט אין דער פאַנצער־דיוויזיע, וועלכע האָט איינגענומען שכם, און דאַן געקעמפט אויף די סירישע הויכקייטן.

חולדה

אַ מוסטער פון אַ „צונויפגעלעבטער״ קבוצה, אַן ענג־צונויפגעקניפּטע געזעלשאַפט פון 500

איינוווינער. געפינט זיך צופוסנס פון די הרי־יהודה, נישט ווייט פון הויפטוועג ירושלים— תל־אביב, אויפן האַלבוועג צווישן די שטעט.

דער אונטערוויוער: **עמוס עוז**, 30 יאָר אַלט, אַ טאַטע פון 2 קינדער. געבוירן אין ירושלים, פון דער קלויזנער־משפחה, באַקאַנט פון זייער לומדות און זייער עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטישע אַנשויאונגען. פון עלטער פון 15 יאָר אָן געלערנט אין חולדה, וווּ ער איז איצט אַ מיטגליד. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון קיבוץ. ער איז אַ לערער פון ליטעראַטור אין דער קיבוץ־מיטלשול. אַ מחבר פון דריי ראָמאַנען און אַ סך דערציילונגען. שטודירט פילאָזאָפיע און ליטעראַטור אויפן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אַ קאַפּיטאַן אין רעזערוו און אין דער 6־טאָגיקער מלחמה איז ער געווען מיט די ערשטע טאַנקן, וואָס האָבן דערגרייכט דעם סועץ־קאַנאַל. אין 1968 האָט ער באַקומען אַ ליטעראַטור־פּרייז און פאַרבראַכט 6 חדשים אין אויסלאַנד, איינגעלאַדן דורכן סט. קראָס־קאָלעדזש, אָקספאָרד.

ער איז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „שיח לוחמים".

אַנטיילנעמער: **שי חולדאי**, 28 יאָר אַלט, פאָטער פון אַ קינד. געבוירן און שטודירט אין חולדה. נאָך זיין מיליטער־דינסט האָט ער פאַרבראַכט אַ יאָר ווי אַ יוגנט־פירער אין דער יוגנט־באַוועגונג אין תל־אביב. איצט איז ער דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַלע עקסטראַ־קורסן טעטיקייטן פון די קינדער אין קיבוץ; איז זייער אַקטיוו אויפן קולטור־געביט און אין חינוך־ענינים. אין דער 6־טאָגיקער מלחמה געדינט ווי אַ לויטענאַנט אין אַן אינפאַנטעריע־רעגימענט.

עין־חרוד (איחוד — מאוחד), צוויי קיבוצים אין עמק יזרעאל, צווישן עפולה און בית־שאן. געגרינדעט דורך די חלוצים פון „גדוד העבודה", אין 1921. איצט ציילן ביידע קיבוצים אַריבער 1500 איינוווינער, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטער אַגריקולטור, ווי אויך מיט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אין עין־חרוד געפינט זיך אַ גרויסע מיטלשול, וווּ עס לערנען די קינדער פון די אַרומיקע ישובים. די חברים פון עין־חרוד זענען באַקאַנט מיט זייער טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור, קונסט און ספּאָרט.

פון די קבוצים עין־חרוד האָבן זיך באַטייליקט אין די שמועסן: **בארי, גד, עמוס, צבי, אילן, שמואל, עוזי, אמנון** און **אבנר**.

אפיקים

דער דריטער לויט דער גרויס קיבוץ אין לאַנד מיט איבער 2000 חברים. געפינט זיך אין עמק הירדן. געגרינדעט אין יאָר 1932 דורך דערציגענע אין דער רוסישער השומר־הצעיר־באַוועגונג, האָט דער קיבוץ שנעל אויסגעבויט און אינטענסיפיצירט סיי די אַגריקולטור, סיי די אינדוסטריע (זייער דיקטן־פאַבריק איז איינע פון די גרעסטע אין לאַנד) און האָט אויפגענומען אַ סך גרופּעס פּיאָנערן פון דער גאַנצער וועלט.

שי, 27 יאָר אַלט, אַ פאָטער פון אַ קינד. געבוירן אין אפיקים און געלערנט דאָרט און אויך אין דער געמיינזאַמער מיטלשול פון די קיבוצים אין עמק הירדן. בעת זיין מיליטער־דינסט, נאָך אַן אינטענסיוו איבן זיך אַלס פאַראַשוטיסט, איז ער געוואָרן אַן אָפיציר אין אַ נח"ל־איינהייט. צוריקקומענדיק אין אפיקים האָט ער געאַרבעט ביי אַגריקולטור, דאַן אַלס עלעקטריקער אין דער פאַבריק פון קיבוץ. איצט שטודירט ער מעכאַניק אין חיפהער טכניון.

אין דער 6־טאָגיקער מלחמה איז ער געווען אַ לויטענאַנט און דער פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון אַ פאַראַשוטיסטן־קאָמפּאַניע, וואָס איז דורך אַ העליקאָפּטער איבערגעפירט געוואָרן הינטער דעם שונאס ליניעס ביי אום־כתף אויפן סיני־האַלבאינדזל, וווּ זיי האָבן צעשטערט אַן עגיפּטישע אַרטילערישע באַטעריע.

משמר הנגב

אַ קיבוץ אויפן וועג קיין באר־שבע, געגרינדעט אין 1946. 350 איינוווינער. דער יישוב איז אַ טיפּישער מוסטער פון די קיבוצים, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט דעם פּוסטן נגב אין אַ גרינעם גאָרטן פון סעדער, פעלדער און גערטנער.

אַנטיילנעמער: **אשר** איז אַ מיליטערישער דאָקטער, 34 יאָר אַלט. געקומען צוריק מיט עטלעכע יאָר פון אַרגענטינע. נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט ער אָנטיילגענומען אין דער שווערער שלאַכט ביים ירדנישן דאָרף קאַראַמע. ווען ער האָט געראַטעוועט פאַרוווּנדעטע אונטערן פייער, איז ער אַליין פאַרוווּנדעט געוואָרן און פאַרלוירן אַ האַנט. ער האָט באַקומען די אויסצייכנונג „ציון לשבח" (צל"ש).

אויך **אליהו** האָט אָנטיילגענומען אינעם שמועס.

גבעת חיים

דאָס זענען צוויי קיבוצים מיטן זעלבן נאָמען, נאָענט איינער צום צווייטן, וואָס אונטער־שיידן זיך הויפּטזעכלעך מיט זייערע פּאָליטישע פאַרבינדונגען: איינער געהערט צום „קיבוץ המאוחד" און דער צווייטער צום „איחוד הקבוצות והקיבוצים".

זיי געפינען זיך אין געאָגראַפישן צענטער פון לאַנד, נאָענט צו דער גרענעץ פון דעם טייל ירדן, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה. ביידע קיבוצים זענען גרויסע און אַלטע (געגרינדעט אין 1935; איינוווינער — אַרום 800) מיט אַ גרויסער און אונטער־וואַקסנדיקער צאָל חברים פון ייִנגערן דור. זיי באַקומען זייער הכנסה פון אינטענסיווער אַגריקולטור, ווי אויך פון אַ גרויסער קאָנסערוון־פאַבריק און פון אַנדערע קלענערע אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען.

דאָ האָט דעם אינטערוויו דורכגעפירט:

עמרם הישראלי (גבעת חיים), 31 יאָר אַלט, אַ טאַטע פון דריי קינדער. אַ לערער אין אַ פאַלקסשול און אַ מיטלשול, האָט דעם טיטל מאַסטער פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן פון תל־אביבער אוניווערסיטעט. איז געווען אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון אַ קליינער גרופּע וואָס האָט געגרינדעט קלובן פאַר די ייִנגערע חברים פון די קיבוצים אין זייער געגנט. דאָס איז גאָר שנעל געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג. ער איז געווען אַקטיוו אין די דערציונג־קרייזן פון דער קיבוץ־באַוועגונג און פאַרנומען אַ ריי פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן. אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה געדינט ווי אַן אינפאַנטעריע־אָפיציר.

אַנטיילנעמער:

פּעטער, 40 יאָר אַלט, אַ טאַטע פון 2 קינדער. געבוירן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טערעזיענשטאַט. אַנגעשלאָסן זיך אין גבעת חיים ווען ער איז געקומען קיין ישראל אין יאָר 1949. האָט פאַרנומען אַ ריי פאַר־אַנטוואָרטלעכע אַמטן אין קיבוץ. איצט איז ער קאַסירער.

שמעון, 29 יאָר אַלט, אַ פאָטער פון 2 קינדער. אַרבעט אין פעלד. איצט שטודירט ער אַגראַר־עקאָנאָמיע.

גד, 18 יאָר אַלט, געבוירן און געלערנט אין גבעת חיים. ווען די זעקסטאָגיקע מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט ער געדינט זינט דריי חדשים אין אַן אינפאַנטעריע־איינהייט.

אבי פורת, 22 יאָר אַלט, געבוירן און געלערנט אין קיבוץ משמר השרון. נאָכן מיליטער־דינסט אין אַ קאָמאַנדאָ־איינהייט פון פּאַראַשוטיסטן, אַרבעט ביי די פיש־אָזיערעס און אין די ווייַנגערטנער. אַקטיוו אין קולטור־לעבן פון קיבוץ (ער איז אַ באַגאַבטער פּלייט־שפּילער, אַמאַטאָר), אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ליטעראַרישע נייגונגען נישט פאַרן, נישט נאָכן

שרייבן דעם דאָזיקן אַרטיקל. ער האָט אויך נישט גענומען קיין אָנטייל אין די דיסקוסיעס אין זיין קיבוץ אין שייכות מיט „שיח לוחמים".

ער האָט געקעמפט אין דער 6־טאָגיקער מלחמה אַלס מש"ק * אין דער שלאַכט פאַר ירושלים.

עופר פענינגער ז"ל, 25 י. אַלט. די משפחה פון זיין מוטער האָט געלעבט דורות לאַנג אין צפת. זיין פאָטער איז געקומען פון דער יידישער יוגנט־באַוועגונג פון דייטשלאַנד. נאָכן מיליטער־דינסט (ווי אַן אינפאַנטעריע־אָפיציר) איז ער צוריק אַוועק אַרבעטן אין קיבוץ. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט דערציען דעפעקטיווע קינדער, און ער האָט געדאַרפט אָנהויבן שטודירן פסיכאָלאָגיע אויפן אוניווערסיטעט אין תל־אביב, האַרבסט 1967. ער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער שלאַכט פאַר ירושלים. ער איז געווען סך־הכל זעקס חדשים נאָך זיין חתונה.

נאָך זיין טויט האָט מען ערשט אַנטדעקט, אַז ער איז געווען אַ קינסטלער מיט טאַלענט, ווייל ער האָט געוויזן זיינע מאָלערייען נאָר צו אייניקע. נאָך זיין טויט איז פאַרגעקומען אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין תל־אביבער מוזיי, און די קריטיקער האָבן אים שטאַרק געלויבט. אַ בוך רעפּראָדוקציעס און צייכענונגען איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט, און זיינע בריוו וועלן בקרוב דערשיינען אין בוך־פאָרם.

נען

דער ערשטער קיבוץ וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „נוער עובד" (אַרבעט יוגנט) אין 1930. דער קיבוץ וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון רחובות, פאַרמאָגט גרויסע מאַראַנצן־סעדער און אַ פאַבריק פון באַוואַסערונג־שפּריצערס.

אָנטיילנעמער: **יאַסקע** און **קובי**.

משמר השרון

אַן אַלטער קיבוץ, אויפן וועג צווישן נתניה און חדרה. פאַרמאָגט גרויסע סעדער און גערטנער.

אָנטיילנעמער: **נדב, עוזי, אברהם, פנחס, דובי** און **איתן**.

גבע

געגרינדעט אין 1921 אין עמק יזרעאל דורך חלוצים פון רוסלאַנד און פוילן איז גבע אַ קלאַסישער מוסטער פון אַ „קבוצה" — דער קליינער, היימישער קיבוץ, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף דער אחדות פון דער געזעלשאַפט און אויפן צוריקקערן אויפן באָדן ווי אויף אַ מאָראַלישן פּרינציפּ. היינט ציילט גבע אַרום 900 חברים, אָבער אין אַ סך הינזיכטן האָט ער איינגעהאַלטן זיין ענג־קאָלעקטיווע סאָציאַלע סטרוקטור. די ווירטשאַפט: הויפּטזעכלעך אַגריקולטור, מיט אַ קליינער פאַבריק פאַר עלעקטראָנישע מכשירים. איינע פון די ספּעציעלע כאַראַקטער־שטריכן פון קיבוץ איז די גרויס פון די משפחות פון די חברים.

דעם אינטערוויו האָט דורכגעפירט **עמוס עוז** (חולדה).

אָנטיילנעמער:

נחמן רז, 40 יאָר אַלט, אַ פאָטער פון זיבן קינדער. נאָך זיין מיליטער־דינסט איז ער געוואָרן אַ פירער פון אַ גרופּע קינדער פון ותיקים־קיבוצניקעס, וועלכע זענען געגאַנגען וווינען אין עולים־דערפער ווי סאָציאַלע און אַגריקולטור־אינסטרוקטאָרן. אין די לעצטע צען יאָר איז ער געווען אַ לערער אין דער מיטלשול פאַר קיבוצים אין עמק חרוד, איצט איז ער

---

* מש"ק — מפקד שאינו קצין — אונטעראָפיציר.

דירעקטאָר. ער איז געווען אַן אָפיציר אין סאָציאַלן דינסט אין דער אַרמיי, אויך אין דער 6־טאָגיקער מלחמה.

אורי הררי, 37 יאָר אַלט, אַ פֿאָטער פֿון 3 קינדער, דער עלטסטער איז אַלט 18 יאָר. אַ סך יאָרן פֿאַרנומען זיך מיט די שעפֿסן אין קיבוץ; אַרבעט אַלס יוגנט־פֿירער אין זיין פֿרייער צייט. אין דער 6־טאָגיקער מלחמה געווען אין אַ קאָמאַנדאָ־איינהייט.

אלי גורן, 37 יאָר אַלט, אַ פֿאָטער פֿון צוויי קינדער. געאַרבעט ביי די ציטרוס־ביימער אין גבע. האָט פֿאַרנומען אַ ריי פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין קיבוץ (געווען אויך סעקרעטאַר), ווי אויך אַ סעקרעטאַר פֿון דער הסתדרותישער יוגנט־באַוועגונג און געהילף־סעקרעטאַר פֿון דער קיבוץ־באַוועגונג. אַ חבר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער הסתדרות. אין דער מלחמה איז ער געווען אַ טאַנק־אָפיציר. זיין ייִנגערער ברודער איז געהרגעט געוואָרן אויף די סירישע הויכקייטן.

גילי קורן, 33 יאָר אַלט, אַ פֿאָטער פֿון צוויי קינדער (איינס געבוירן אין מאַי 1967). געבוירן און אויפֿגעצויגן געוואָרן אין גבע. אַ מאַיאָר אין רעזערוו. ער איז געשיקט געוואָרן דורך דער אַרמיי קיין פֿראַנקרייך אויף אַ ספּעציעלער אויסשטעלונג. נישט געקוקט אויפֿן דרוק, אַז ער זאָל זיך אָנשליסן אין דער רעגולערער אַרמיי, זעט ער זיין אָרט אין גבע, וווּ ער פֿירט אָן מיט אַ גרויסער קי־סטאַדע (איינע פֿון די וויכטיקסטע אַגריקולטור־צווייגן פֿון קיבוץ) און איז טעטיק ווי אַ יוגנט־פֿירער אין זיין פֿרייער צייט.

יוסי לימור, 22 יאָר אַלט. געבוירן אין סיביר. געקומען קיין ישראל אין 1950 מיט זיינע עלטערן, וועלכע זענען ביידע געשטאָרבן אין 1955 פֿון קראַנקייטן אַלס פּועל־יוצא פֿון די ליידן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געוואָרן אַדאָפּטירט דורך די עלטערנס פֿריינד אין גבע און דאָרט דערצויגן זינט 1954. נאָך זיין מיליטער־דינסט (אַלס פֿאַראַשוטיסט) אַרבעט ער אַ יאָר צייט אין אַ יונגן קיבוץ (שדה בוקר), און איצט איז ער אַ חבר פֿון קיבוץ גבע, וווּ ער אַרבעט אין אַ באַרן־סאָד. ער איז אַ גוטער באַסקעט־באַל־שפּילער.

בעת דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט ער געקעמפֿט אַלס מש״ק אין דער שלאַכט פֿאַר ירושלים.

רמת יוחנן

אַ קיבוץ פֿון אַ 650 איינוווינער, געגרינדעט אין 1931, געפֿינט זיך 10 ק״מ צפֿון־מזרח פֿון חיפֿה. אין עלטערן דור זענען פֿאַראַן אייניקע פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון דער קיבוץ־באַוועגונג „איחוד הקבוצות״. דער קיבוץ איז באַרימט אין לאַנד פֿאַר זיין אַרבעט פֿון אויפֿלעבן דעם העברעישן פֿאָלקלאָר, און באַזונדערס די אַגריקולטור־פֿעסטיוואַלן. זיין ווירטשאַפֿט איז הויפּטזעכלעך אַגריקולטור, אָבער לעצטנס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פֿאַבריק, וואָס פּראָדוצירט פֿאַרשידענע פּלאַסטישע פּראָדוקטן.

דעם אינטערוויו האָט געפֿירט **אברהם שפּיראָ** (יזרעאל), 31 יאָר אַלט, חתונה געהאַט, האָט איין קינד. געבוירן אין חיפֿה און ווי אַ חבר פֿון דער נוער עובד יוגנט־באַוועגונג, געדינט אין נח״ל און באַזעצט זיך אין קיבוץ יזרעאל, וווּ ער אַרבעט אין די סעדער. ער איז געווען אַקטיוו אין דער יוגנט־באַוועגונג במשך די אַלע יאָרן אויף פֿאַרשידענע אַמטן און איז דער גרינדער און רעדאַקטאָר פֿון „שדמות״, אַ פֿאַרשפּרייטער מאַגאַזין, וואָס באַהאַנדלט די פּראָבּלעמען פֿון קיבוץ, פֿון יידישן געדאַנק און קולטור. דער זשורנאַל האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל צוזאַמענדיק די גרופּע מענטשן, דורך וועמענס איניציאַטיוו „שיח לוחמים״ איז געשריבן געוואָרן. ער האָט שטודירט יידישע פֿילאָזאָפֿיע און ליטעראַטור אויפֿן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָט ער אָנטיילגענומען אין פּאַרטיידיקן זיין קיבוץ, וואָס איז נאָענט ביי דער ירדן־גרענעץ. ער ווערט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „שיח לוחמים״. איצט איז ער פֿאַרנומען מיט ווייטערדיקע שטודיעס אין ירושלים און מיט אַרויסגעבן חינוך־מאַטעריאַל פֿאַר דער יוגנט־באַוועגונג.

די אַנטיילנעמער: **מתתיהו שלם, אלישע שלם, אמיתי שלם.**

די ביאָגראַפיעס פון דער שלם־משפחה זענען דערשינען מיט פרטים אין דער דיסקוסיע א. ג. „פאַרן פאָלק און לאַנד”. דאָ דאַרף צוגעגבן ווערן, אַז מתתיהו איז אַ זייער גוט באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין דער קיבוץ־באַוועגונג אין ישראל. ער איז איינער פון אַ קליינע גרופּע פּיאָנערן, וואָס האָבן איינגעפירט דאָס האָדעווען שעפּסן אין לאַנד און האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן אין רמת־יוחנן מיט די סטאַדעס. ער איז אויך גוט באַקאַנט פאַר זיין אַנטייל אין אויפלעבן דעם העברעישן פאָלקלאָר, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אויבן ביי דער באַמער־קונג וועגן רמת יוחנן. ער האָט פערזענלעך געגרינדעט און געפלעגט דעם „אינסטיטוט פאַרן דאָרפישן פאָלקלאָר”, וואָס געפינט זיך אין זיין קיבוץ, און גרייט צו מאַטעריאַל פאַר אַלע ישובים אין לאַנד. ער איז אויך אַ פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר, וועמענס לידער זענען געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קולטור־ירושה פון לאַנד.

אלישע פירט אָן מיט די פּלאַנטאַציעס פון באַנאַנעס. ער איז אַלט 38 יאָר, ער איז סגן־אלוף (קאָלאָנעל) אין רעזערוו און האָט געהאַט די קאָמאַנדע איבער אַ פּאַראַשוטיסטן־רעגימענט בעת דער מלחמה.

תל־קציר

אַ יונגער קיבוץ, געגרינדעט אין 1950 דורך דער ישראלדיקער סקויטן־באַוועגונג. געפינט זיך דרום־מזרח פון ים כנרת און האָט אַ סך יאָרן געליטן פון די סירישע האַרמאַטן אויף די הויכקייטן דערנעבן. אויך איצט זענען זיי אויסגעשטעלט פון צייט צו צייט אויף אַטאַקעס פון דער ירדן־אַרטילעריע, וואָס געפינט זיך אויף דרום. די צאָל איינוווינער — אַרום 100. תל־קציר איז אויסשליסלעך אַן אַגריקולטור־קיבוץ.

דעם אינטערוויו פירט **מוקי צור** (עין־גב).

אַנטיילנעמער:

באַרבאַראַ, 33 יאָר אַלט. געבוירן אין דייטשלאַנד און געבראַכט קיין ישראל דורך די עלטערן נאָך אַלס קינד. נאָכן מיליטער־דינסט אַלס זעלנערקע אין נח״ל, שליסט זי זיך אָן אין קיבוץ, ווו זי אַרבעט אַלס בוכהאַלטערין. אַ מאַמע פון פיר קינדער, איינס איז געבוירן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1967.

צפורה, 33 יאָר אַלט, געבוירן אין פּערסיע, דערצויגן אין אַ יוגנט־עליה־גרופּע אין תל־קציר, פון וועלכן זי איז שפּעטער געוואָרן אַ חברה. אַ מאַמע פון דריי קינדער. זי אַרבעט אין דעם הויז פאַר די קליינע קינדער. בעת דער מלחמה האָט זי אַכטונג געגעבן אויף דעם בונקער, ווו מ'האָט באַהאַלטן די קליינטשיקע קינדערלעך.

בירה'לע, 21 יאָר אַלט, געבוירן אין תל־אביב. אָנגעשלאָסן זיך אין תל־קציר נאָכן דינען אין נח״ל. אַ מאַמע פון 2 קינדער. בעת דער מלחמה אָנגעפירט מיטן בונקער פון קינדער־גאָרטן.

רחקע, 21 יאָר אַלט, געבוירן אין תל־אביב, אַריין אין קיבוץ תל־קציר נאָכן דינען אין נח״ל. אַ מאַמע פון 2 קינדער. בעת דער מלחמה געאַרבעט ווי אַ ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר אין בונקער פון דער הויפּטקוואַרטיר.

מוקי צור (עין גב), 28 יאָר אַלט. פאַרהייראַט, 1 קינד. אַ זון פון יעקב צור, געוו. ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אורוגוואַי, אַרגענטינע און פראַנקרייך. געלערנט אין ירושלים (חוץ זיינע רייזעס בעת זיין פאָטערס דיפּלאָמאַטישע מיסיעס). ווי אַ חבר פון דער יוגנט־באַוועגונג „הנוער העובד” האָט ער געדינט אין נח״ל און אָנגעשלאָסן זיך אין קיבוץ עין־גב. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון קיבוץ. ער אַרבעט אין קיבוץ אַלס אַ לאַנדשאַפט־גערטנער, לערנט און

רעפערירט אויפן אידעאָלאָגישן סעמינאַר פון זיין קיבוץ־באַוועגונג. ער איז געווען סעקרעטאַר פון קיבוץ. אַ מחבר פון אַ ריי אַרטיקלען. שטודירט פילאָזאָפיע און קבלה אויפן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטיילביים פאַרטיידיקן זיין קיבוץ, וואָס געפינט זיך אויף דער ירדן־גרענעץ.

טירת־צבי

געגרינדעט אין 1937 אין עמק בית־שאן. דער עלטסטער און ביז היינט גרעסטער רעליגיעזער קיבוץ (איינוווינער — 600), וועמענס חברים זענען אָרטאָדאָקסאַל־פרום און דערציען זייערע קינדער ממשיך צו זיין זייער דרך. ליגנדיק נאָענט פון דער ירדן־גרענעץ, איז טירת צבי נאָך אַלץ אויסגעשטעלט אויף אָפטע אַרטילערישע אַטאַקעס.

דעם אינטערוויו האָט געפירט **עמרם הישראלי** (גבעת־חיים).

אָנטיילנעמער:

מיכה חורין, פאַרהייראַט, 1 טאָכטער. פירט אָן מיט די פיש־סטאַוועס, איינע פון די וויכטיקסטע ווירטשאַפט־צווייגן פון קיבוץ. אַ מאַיאָר ביי די פאַראַשוטיסטן (אין רעזערוו). אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה געקעמפט אין ירושלים אַלס געהילף־קאָמאַנדיר פון זיין באַטאַליאָן און האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע, ווען זיין אָפיציר איז דערהרגעט געוואָרן בעת די קאַמפן.

דני שור, 27 יאָר אַלט, אַ פאָטער פון 2 קינדער. אַ לערער פון פיזישער דערציונג אין דער מיטל־שול פון קיבוץ. געקעמפט אין ירושלים ווי אַ לויטענאַנט און קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר.

מרחביה

דער ערשטער יידישער ישוב אין עמק יזרעאל (געגרינדעט אין 1911), פאַרבונדן מיט דער יוגנט־באַוועגונג „השומר הצעיר" זינט 1929. דאָרט געפינען זיך אירע צענטראַלע אַרכיוון. איינוווינער: 650 נפשות. ווירטשאַפט: אַגריקולטור (דערין אַן אויסגעצייכנטע קי־סטאַדע); אַ דרוקעריי; אַ פאַבריק פון פלאַסטישע אויסאַרבעטונגען. אַ צענטראַלע שול פאַר אַ סך קיבוצים פון דער געגנט געפינט זיך אין מרחביה.

אביעזר יערי, 31 יאָר, פאַרהייראַט, 3 קינדער. ער איז דער זון פון איינעם פון די גרינדער און פירער פון „השומר הצעיר" און פון מפ״ם, מאיר יערי. האָט געאַרבעט ביי אַגריקולטור־אַרבעטן, אין דער דרוקעריי, און אַ ריי קולטור און אַדמיניסטראַטיווע אַמטן — אויך אַלס סעקרעטאַר פון קיבוץ. ער האָט אַ ריי יאָרן געאַרבעט אין דער יוגנט־באַוועגונג אין ישראל און ענגלאַנד. מחבר פון דערציילונגען און אַרטיקלען. אַ מאַיאָר אין רעזערוו. ער האָט בעת דער מלחמה געדינט אין אַ פאַנצער־דיוויזיע. איצט שטודירט ער אָריענטאַליש וויסן אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט.

דאָס איז אַ טייל פון אַ סומירונג־דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב, נאָך דעם ווי דער מאַטעריאַל פון דעם דאָזיקן בוך איז געוואָרן צונויפגעזאַמלט און טיילווייז אַרויסגעגעבן. די לעצטע דיסקוסיע פון „שיח לוחמים" און די ערשטע פון אַ נייער סעריע אין אַ קיינמאָל נישט פאַרענדיקנדיקן זיך דיאַלאָג.

אָנטיילנעמער:

גד אופז (אילת־השחר), 32 יאָר אַלט, פאַרהייראַט, 2 קינדער. געבוירן און דערצויגן אין אילת־השחר. אַ סך יאָרן באַשעפטיקט זיך מיטן ציטרוס־פלאַנצונגען. געווען אַ פירנדיקע פערזאָן אין עקאָנאָמישן אויפבוי פון זיין קיבוץ. פאַרבראַכט צוויי יאָר אין קאַנאַדע, אַרבעטנדיק דאָרטן מיט אַ יידישער יוגנט־באַוועגונג. איצט שטודירט ער יידישע פילאָזאָפיע אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט.

עמרם הישראלי (גבעת חיים).

ראובן כהן (גל עד), 26 יאָר אַלט, געבוירן אין פלאָרענץ. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין משפחה אין פאַרשידענע איטאַליענישע מאָנאַסטירן. געקומען קיין ישראל אין יאָר 1949. געענדיקט לערנען אין גל עד. געוואָרן אַ חבר אין קיבוץ אין 1960. נאָכן מיליטער־דינסט געאַרבעט צוויי יאָר ביי דער יוגנט אין חיפה און רחובות. אין קיבוץ אַרבעט ער אין סאָד און מיט יוגנט־גרופּעס. איז אַ גוטער פלייט־שפּילער אַמאַטאָר. אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָט ער געדינט אין אַן אויסשפּיר־איינהייט פון פּאַראַשוטיסטן און געוואָרן פאַרוואונדעט אין דער שלאַכט פאַר ירושלים. האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן קולטור און חינוך־פּראָבלעמען אין קיבוץ־זשורנאַלן.

הגר לעווין, 21 יאָר אַלט. נאָכן ענדיקן איר בילדונג אין גל עד און אַ יאָר אַרבעט צווישן דער יוגנט אין תל־אביב שליסט זי זיך אָן אין דער אַרמיי, ווו נאָכן אויסשולן אַלס מש״ק ווערט זי די פאַראַנטוואָרטלעכע פון זאָרגן פאַר די פרויען באַשעפטיקטע אין דער אַוויאַציע אויף אַ גרויסן אַעראָדראָם. זי איז ממשיך איר אַרבעט און טוט אויך אַנדערע אַרבעטן בעת דער מלחמה. נאָך איר באַפרייען זיך פון דער אַרמיי אַרבעט זי אַ צייט אַלס לאַנדשאַפט־גערטנערין. איצט שטודירט זי פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט.

אבי, אורי.

די שמועסן זענען אויפגענומען געוואָרן צוויי חדשים נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה.

יריב בן־אהרן, 36 יאָר אַלט. פאָטער פון 3 קינדער. טעטיק אויף געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע און דערציערישע געביטן אין זיין קיבוץ — גבעת־חיים (הקיבוץ המאוחד). האָט געלערנט צוויי יאָר אויף אַן אידעאָלאָגישן קורס אין אָפעל, דער לערן־צענטער פון הקיבוץ המאוחד. געאַרבעט ביי אַגריקולטור און געווען דער סעקרעטאַר פון קיבוץ. פאַרעפנטלעכט אַ בוך „הקרב" (די שלאַכט), אויפן פאָן פון דער סיני־מלחמה אין 1956. פון מאָל צו מאָל פאַרעפנטלעכט ער אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטן.

שלומית טויב פון קיבוץ מסילות אין עמק בית־שאן. אין קיבוץ האָט זי געאַרבעט מיט קינדער און שפּעטער — אַלס רעפּאָרטערין פון די זשורנאַלן „השבוע בקיבוץ הארצי" און „חותם".

איצט לערנט זי ליטעראַטור און פילאָזאָפיע אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט.

אבא קאָוונער:

געבוירן 1918 אין סעוואַסטאָפּאָל. ווי אַ קינד אַריבער מיט די עלטערן קיין ווילנע, ווו געענדיקט די העברעישע „תרבות"־גימנאַזיע און געלערנט אין דער אַקאַדעמיע פאַר פּלאַס־טישער קונסט.

דערצויגן אין דער יוגנט־באַוועגונג „השומר הצעיר". געשטאַנען אין שפּיץ פון ווילנער געטאָ־אויפשטאַנד און נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן, געווען דער אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין די ווילנער וועלדער.

אין 1946 עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין דער באַפרייונג־מלחמה געדינט אין צה״ל אין דער „חטיבת גבעתי". לעבט אין קיבוץ עין־החורש. אָנגעזעענער דיכטער און פּראָזאַיקער. פאַר־עפנטלעכט ביז איצט 7 ביכער לידער און פּראָזע, אויף טעמעס פון געטאָ, פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן, באַפרייונג־מלחמה א״אַ. פאַר זיין לעצטער פּאָעמע „אחותי קטנה" באַקומען דעם ברענער־פּרייז (1968).

מיר האָבן זיך נישט אומגעקערט פונעם קאַמף פאַרשיכורטע פון נצחון.

נאָך מער. פון דער בראשיתדיקער אויפטרייסלונג האָט אַרויסגעפּלייצט אַ קוואַל שטוינונגען, נאָכדענקענישן און שניידיקע קריטיק אינעם נוסח: „פרעג, בן־אדם, וועגן דער וועלטס שטייגער, פרעג, ווו דער וועג, ווו?" *

אין דעם דאָזיקן שמועס צווישן מערערע אָנטייל־נעמערס ווערט די מלחמה פאַרוואַנדלט אין אַן אויסגאַנגפונקט. בשום אופן נישט אין קיין עיקר.

✶

די פּאָרעם, וואָס דאָמינירט אינעם זאַמלבוך — דאָס זענען שמועסן פון קעמפערס. דער אינהאַלט ברענגט אַרויס בעיקר דאָס מיטרייסנדיקע געפיל פון קעמפער־פאַרברי־דערונג, אַ געהייליקטע אין אויטאָס פון די אויסשפּירערס, אין די טאַנק־מאַנשאַפטן, אין די פאַראַשוטיסטן־גרופּעס. אַ גייסט פון דערהויבנקייט האָט געשוועבט איבער די יונגעלייט, בעת זיי זענען מיט זייערע קערפּערס אַריבער די פעלדער פון הריגה און טויט; אָט די דערהויבנקייט שוועבט אין די דאָזיקע בלעטער.

נישט זאַלץ פון דער ערד! בלויז אייזערנער אָדער איז אָט דער דור געווען אין דעם פעלדזיקן אָרעם פון פאָלק.

✶

פון צווישן די שורות וואַקסט אַרויס דאָס אָפּגרענעצן זיך פון אַ זיגערישער געזעלשאַפט, וואָס אין מיליטערישן דערפאָלג גופא איז זי געניגט צו זען אַן אַנטישיידנדיקן און אויסשליסלעכן באַוויז פאַר דער גערעכטיקייט פון אירע ווערטן און פאַר דער יושרדיקייט פון אירע פירונגען.

מ׳וועט דאָ געפינען מער ווי אַ שמץ צאָרן, וואָס שטאַמט פונעם אַנטקעגנשטעלן זיך יענע דערוואָרטונגען, וועלכע ווילן זען אין דעם, וואָס מיר זענען „גוטע סאָלדאַטן" — אונדזער באַשיימפּערלעכן דינסט פאַר דער געזעלשאַפט.

✶

די עכסטע שטאַפּלען פונעם נצחון געהערן דעם מענטשלעכן גייסט. זיכער איז אמת, ווען מען זאָגט — אַז גייסט מיינט נישט דאָס, וואָס דער מענטש איז, נאָר בלויז דאָס, וואָס ער וויל זיין. אין דעם זין זאָגט דער נצחון גאָרנישט וועגן דעם מענטשן, לויט ווי ער איז אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

✶

אין אַ סך פון די שמועסן רייסן זיך אַרויס קולות פון די טיפעניש.

אַן אַרומנעמענדיקע קלעמעניש, אַ געפּלעפּטקייט, יסורים — דאָס אַלץ קוקט צו אונדז אַרויס פון אַ ביסל שטאַמלענדיקע, נישט־זיכערע זאַצן. ווי הונדערט עדות, וועלן זיי עדות זאָגן אויפן היינטיקן דור.

דאָס איז ער, וואָס האָט געטראָגן אונדזער געווער — און האָט אויך געטראָגן אונדזער שלאַפקייט.

---

* פונעם מאָטאָ אין י. ח. ברענערס זשורנאַל „המעורר".

דאָס געפּיל פונעם טויט ברענגט מיט זיך אַ ברענענדיקן טרויער.

ירושלים די געאַכטערטע, איז אַ קרבן אויסגעמישט מיט בלוט.

דער גאָט פון צבאות קען נישט אָן מענטשן־קרבנות — אָן אוראַלטער קולט און אויך אַ נייער.

דאָס געפיל, אַז עס פעלן די געפאַלענע, הילט איין אַ סך פון די שמועסן, פאַרטונקלט דאָס ליכט פון אויג.

אַרום אונדז, צווישן אונדז — במשך פון איינעם, צי אפשר צוויי מעת־לעתן — ווי געשלאָגענע פון אַ ליכטבליץ, זענען געפאַלן מענטשן, טייל מאָל אין די צענדליקער. מיט זיי האָבן מיר געלעבט אין איינעם: ווי ברייט איז דער קענטשאַפט־קרייז פון קיבוצישע זין — ער שפּרייט זיך אויס אויף אַ לאַנד, אַ ברייטן! אַ סך זענען זיי, די, מיט וועמען מיר האָבן אַדורכגעמאַכט איבונגען, געלערנט און אָנגעפירט — אַ גאַנצער שיכט קעמפערס, וואָס זענען אַריין אין פייער.

✶

דריי בילדער גייען אַצינד אויף פאַר מיינע אויגן.

דאָס ערשטע — פאַרטאָג, אויפן געבערג אין דער מערב־זייט ברענען צוויי פּײַנטלעכע טאַנקען. צוויי זונען פלאַקערן פאַר מיינע אויגן אין נעפּלדיקן פרימאָרגן — דאָס איז דער מלחמה־באַגינען.

דאָס צווייטע — מיטאָגצייט פונעם זעלבן טאָג ציִען דאָרט פאַרביי אונדזערע מענטשן. דורך טירלעך פון די צעשטערטע פאַנצער־וואָגנס הענגען אַרויס טויטע קערפּערס. ווי וועלקנדיקע בלומען מיט צעבראָכענע שטענגלעך אין אַ פאַרסמאַליעטער וואַזע.

דאָס דריטע — צוויי וואָכן נאָך דער מלחמה —דאָס פאַרשטעלן אויפסניי פון דער שלאַכט אויפן אָרט. אָפיצירן פאָטאָגראַפירן זיך לעבן צעקרומטן שטאָלוואַרג און לעבן אַשבערגלעך, אויף וועלכע ס׳ליגן פונאַנדערגעוואָרפן רעשטלעך מונדירן.

דאָ, אויף די דאָזיקע בוד־בלעטער, פאָטאָגראַפירן מיר זיך נישט לעבן אַ פאַרברענטן וואָגן און נישט אויפן הינטערגרונט פון פאַרגאַנגענע פּייזאַזשן, אַפילו נישט לעבן זיכערערע גרענעצן. מיר פאָטאָגראַפירן זיך דאָ נישט לעבן די זאַכן. אַצינד ווילן מיר זיין אַ ביסל אין זיי.

מען זאָגט, אַז אין די דאָזיקע זעקס טעג איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייע און אַנדערע וועלט. אָבער אין דעם־אַ שמועס רעדן מיר וועגן אַן אַנדערן באַשאַף — וועגן דעם, וואָס איז אַדורך צווישן די חורבות, צווישן רויך און טויט. דאָס איז דער באַשאַף, דער פאַר־הוילענער, בלינדער, וואָס אינעם מענטשן.

✶

צו די ווערטער פון דער זאַמלונג איז נישטאָ קיין ניגון. דאָס זענען ווערטער זייער פערזענלעכע, אָפּגעריסענע, פאַרבאַהאַלטענע.

פאַראַן בלויז אַ מין ריטעם. דאָס קלאַפּן פון גוססדיקע טריט. דאָס קלאַפּן פון הערצער. בלויז די מענטשן, וואָס גייען אַוועק אויף מער נישט צוריקצוקומען — זיי קערן זיך

אום צו אונדז, ווי אַ מעלאָדיע אָן ווערטער, זיי שפּרייזן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפּורן פון פּוסטריט.

*

אַיעדער מענטש און זיינע זעקס טעג.

מיינע טעג אינעם טאַנקיסטן־היטל מיט פאַרמאַכטע טרייבלעך.

אין טעלעקסקאָפּ פאַרגרעסער איך דעם ציל. דעריבער איז מיר דער טויט אויך געבליבן פאַרגרעסערט.

דעריבער קלעפּן זיך אַ סך ווערטער בכלל אַצינד נישט איינס צום אַנדערן.

אפשר צוליב דעם הער איך גאָרנישט. ווייס איך גאָרנישט צו זאָגן.

אַ פּידל, וואָס אירע סטרונעס האָבן געפּלאַצט. בלויז אויפן הילצערנעם אָפּהילכער הער איך אַ טויבן און ווייטן געפּויק.

צו די דאָזיקע ווערטער איז נישטאָ קיין מעלאָדיע, פאַראַן בלויז אַ ריטעם.

דאָס איז דאָס קלאַפּן פון פּויקן אין שלאַכט.

אויפן טויט פון די יינגלעך ווײנט אַ מענטש.

די דאָזיקע ווערטער האָבן נישט קיין קלאַנגען. נאָר האָב קיין טעות נישט: אויף באַרגשפּיצן, אין ערגעצן פון מדבריות, ווו נאָר די ערד האָט אַן עק — שווין הערט זיך דאָס שאַלן און הילכן פון יובל־קלאַנגען. כל הנשמה תהלל־יה.

(גבעת חיים) **יריב בן־אהרן**

אין איינער פון די נעכט

אין איינער פון די נעכט, פאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה, בין איך געזעסן, גאַרנישט טועגדיק, לעבן דעם פלויט פונעם קיבוץ ווי אַ שומר. מיט נישט ווייניק לאַנגווייליקייט, האָב איך געקוקט אויף די אַרומיקע בערג. צו מאָל אַפילו געזוכט סאַטעליטן אין הימל, אָדער לייכטנדיקע שטערן. מיין שותף צום היטן, מיט אַ סך יאָרן עלטער פון מיר, האָט בעסער געוואָלט זיצן און שווייגן, קאָן זיין, דערפאַר, וואָס דאָס עברית קומט אים נאָך אָן שווער. פּלוצעם האָט ער גענומען אונטערברומען פאַר זיך אַן אַריע פון מאָצאַרטס אַן אָפּערע. מיין חבר איז באַקאַנט ווי אַ ליבהאָבער פון ווינער אָפּערעס, ווי אַ הייסער פאַרערער פון קלאַסישער מוזיק, אַ מענטש מיט אייראָפּעיִשע מאַנירן אין יעדן פּרט. זיצט ער מיט מיר ביים טויער פון עין־גב און מיט לייב און לעבן שטעקט ער נאָך איצט אין דער קולטור פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע.

אַן אויטאָ פון אַ באַוווסטער וואָפל־פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן טויער: געבראַכט שטעכלדראָט פאַר באַפעסטיקונגען. אַ משונהדיקע געשטאַלט האָט געהאַט דער־אַ אויטאָ, וואָס אין געוויינלעכע טעג פלעגט ער פאַנאַנדערטראָגן די זיסע חלומות פון די קינדער און אַצינד האָט ער באַקומען אַזאַ ערנסטע מינע. אָבער אין אינדזער לאַנגווייליקער וועלט האָט ער אַריינגעבראַכט די מלחמה.

מיין חבר האָט גענומען רעדן, אַ מידער, אָן תּרעומות, גלייך ווי ער וואָלט ברעכן די הענט אין פאַרצווייפלונג: „ווו איך גיי — גייט מיר נאָך די מלחמה. שוין דורכ־געמאַכט דעם ערשטן וועלטקריג, שפּעטער אַפילו געווען אָפיציר אין דער אונגאַרישער אַרמיי, אָבער צוליב דעם האָב איך זוכה געווען צו אַ „ספּעציעלער באַהאַנדלונג" אינעם נאַצישן אַרבעט־לאַגער, און צום סוף טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין קאַצעט". דאָ האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זיינע איבערלעבענישן, ווי אַזוי, נאָך אַ שלווהדיקער קינדהייט און לעבן פון אַ יידישן יוגנטלעכן אין אַ פרעמדער אַרמיי — איז ער אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון טויט, און ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דער קאַצעטן־פּלאַנעטע. כ'האָב זיך איצט דערמאָנט די אַריע פון מאָצאַרטן, וואָס ער האָט אונטערגעפייפט מיט אייראָפּעיִשער וויל־מאַנירלעכקייט, אָבער אַצינד האָב איך עס געזען מיט אַנדערע אויגן, מיט אויגן פונעם יידן דעם וואָגלער, וואָס זוכט זיך אַ היים אין יעטוועדן אָרט און געפינט בלויז מאָצאַרטן, די מאַנירלעכקייט און די שרעק פון זיין קיום.

מיר זענען געגוויגט צו פאַרגעסן יענע טעג פון פאַר דער מלחמה און אפשר איז רעכט אַזוי, אָבער דאָס זענען געווען טעג, ווען מיר האָבן זיך צום מערסטן דערנענטערט צום יידישן גורל, פון וועלכן מיר פלעגן אַנטלויפן, ווי אָפּגעבריטע, במשך פון יאָרן. פּלוצעם האָבן אַלע גענומען רעדן וועגן מינכען, וועגן דעם חורבן, וועגן יידישן פאָלק, ווּעמענס גורל ס'איז הפקר. דער חורבן האָט זיך אויסגעמאָלט אין אונדזערע אויגן ווי אַ רעאַלע מעגלעכקייט, לויט ווי ער האָט זיך אויסגעמאָלט אין די אויגן פון אייראָפּע — דאָס איז געווען אַ ממשותדיקע בילד פונעם שונאס נצחון, פון וועלכן מיר האָבן כאַשלאָסן פאַר יעדן פרייז צו אַנטרינען. וואָס דאָס מיינט פּאַרטיליקן אַ פאָלק, דאָס וויסן מיר — די, וואָס האָבן געזען דעם חורבן און די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך אים. קאָן

זיין, אַז דאָס איז די סיבה פון דעם, וואָס אין דער וועלט וועט מען אונדז נישט פאַרשטיין: מ׳וועט נישט פאַרשטיין די געוואַגטקייט און נישט פאַרשטיין די וואַקלעגישן און די געוויסן־פּייניקונג אונדזערע בעת דער מלחמה און נאָך איר. די, וואָס האָבן איבער־געלעבט דעם חורבן, די וואָס זעען פאַר זיך דאָס בילד פון טאַטע־מאַמע, די, וואָס הערן זייערע קרובים שרייען פון חלום, די וואָס האָבן געהערט דערציילונגען — זיי ווייסן, אַז ס׳איז נישט פאַראַנען קיין פאָלק, וואָס טראָגט מיט זיך אַזאַ שאָטן־בילד. און דאָס דאָזיקע בילד מאַכט, אַז מיר זאָלן קעמפן און זיך שעמען מיט אונדזער מלחמה. דאָס ווערטל: „אַנטשולדיקט, מיר האָבן געזיגט" איז נישט קיין איראָניע — ס׳איז אמת. פאַרשטייט זיך, מ׳קאָן זאָגן — אַן אַנשטעל פון וואַקלענישן און נישט מער. אַן אויספּיינערן זיך מיט גוטע מידות, קען זיין אַפילו אַ פּאַראַדאָקסאַל אויפפירן זיך. אָבער ווער זאָגט, אַז אַ דערשיינונג, ווי מלחמה, איז אין שטאַנד נישט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּאַראַדאָקס?

ווען די בערג רונד־אַרום פון עין־גב האָבן געגנומען פּלאַקערן און אַרויפציען אויף זיך זייערע שוואַרצע מלחמה־קליידער אין אָנהייב פון די שלאַכטן, איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע פון אונדזערע אויסשפּירער אויף איינעם פון די בערג האַרט ביי דער סירישער גרענעץ און זיך פאַרנומען מיט — — — לעשן דאָס פייער אויף אַ קליין שטיקל פעלד פון אַן אַראַבישן פעלאַך. „פעלד איז פעלד", האָט געזאָגט איינער פון די אויסשפּירער. צי איז דען פאַראַנען אַ מער פּאַראַדאָקסאַל אויפפירן זיך פון דעם־אָ? נאָר מיר דוכט זיך, אַז דווקא דאָס דאָזיקע אויפפירן זיך קאָן אויסדריקן די סיטואַציע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. אונדזערע געפילן זענען געמישטע. מיר טראָגן אין האַרצן אַ שבועה נישט אומצוקערן זיך צו אייראָפּע פון די חורבן־טעג, אָבער מיר ווילן אויך נישט פאַרלירן דעם ייִדישן חוש פון אידענטיפיצירן זיך מיט קרבנות.

מיר זענען אפשר אין אַ פאַרקערטן מצב פון יענעם, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער געטאָ־ייד, וואָס האָט געזען דעם מאָרד, די אָנמעכטיקייט, געהערט דעם ווייגעשריי און געבליבן איז אים בלויז מורד צו זיין אינעם האַרצן, חלומען וועגן דעם, אַז ער וועט אַמאָל האָבן כוח צו שלאָגן, רעאַגירן, קעמפן. מיר זענען טאַקע, ווי מיר קעמפן, רעאַגירן, שלאָגן בלית ברירה, אָבער חלומען וועגן אַ מצב, ווען מיר וועלן קאָנען אויפהערן, ווען מיר וועלן קאָנען לעבן דעם שלום.

דער דאָזיקער אונטערשיד אין די שטעלונגען גיט אפשר צו פאַרשטיין, אויף וויפל ס׳אונטערשיידט זיך דאָס רעאַגירן פון די געבוירענע אין לאַנד, אין דער מדינה לגבי דעם, וואָס ס׳געשעט, פון דעם רעאַגירן פון די, וואָס דער גלות איז געווען זייער אַנטשיידנדיקע איבערלעבעניש. פאַר די איינע איז דער עצם פאַקט פון ייִדישן נצחון אַליין שוין אַ וווּנדער־חלום. — פאַר די אַנדערע, אַ פאַקט, און צו מאָל אַן אויפ־טרייסלענדיקער פאַקט. איינע זעען נאָך פאַר זייערע אויגן די אָנמעכטיקייט פון אַ פאָלק, וואָס ל׳עבט אין אַ וועלט פון ברוטאַלקייט און האָט נישט קיין מעגלעכקייט זיך אויפצובונטעווען און צו רעאַגירן. די אַנדערע ווינקען טייל מאָל צו אַן אַבסטראַקטער גערעכטיקייט, וואָס וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט אויסצומיידן דעם גורל פון דער מלחמה, פון די קרבנות, פון די פּליטים.

מוקי צור

(עין גב)

כ׳האָב נישט געהאַט קיין געוויסן־ביסן
ווען כ׳האָב געשאָסן —
אָבער כ׳האָב זיך געפרייט ווען ער איז אַנטקומען...

אַ שמועס אין קיבוץ יפעת

עמרם: אין דער אמתן איז דאָס נישט געווען מיין ערשטע מלחמה... כ׳בין אַ ביס
געווען אין סמוע *, אָבער דאָס איז נישט געווען עפּעס ערנסט. יעדן פֿאַלס, ב
כ׳האָב זיך נישט געטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיט אַ סאָלדאַט פֿונעם שונא, אָדער... אי
ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס גענוי אָנצורופֿן... אָט דאָס געפֿיל פֿון הרגענען... און ו
אַזוי הרגענען... און וואָס איך וועל פֿילן... כ׳האָב נישט געוווסט גענוי, ווי אַז
איך וועל רעאַגירן. אין מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע סאָלדאַט
זייערע און ווייטער געלאָפֿן לעבן... כאָטש דאָס איז נישט געווען קיין סך... אין אַנדער
ערטער איז די צאָל געהרגעטע געווען פֿיל גרעסער, אויך אונדזערע און אויך זייער
פֿאַר מיר איז גענוג געווען איין מענטש, וואָס איז געלעגן אַ צעריסענער און נאָ
ווי נישט איז זיך געצאַפּלט... נישט וויכטיק, צי דאָס איז אונדזערער, אָדער זייערע
איך ווייס, אַז מיין געפֿיל איז געווען גאָרנישט קיין אָנגענעמס. ס׳איז מיר געווען זייע
נישט באַקוועם. איך מוז זאָגן, אַז... איך ווייס נישט, צי כ׳זאָל עס אָנרופֿן רחמנות.
צי ס׳וועט זיין ריכטיק... אָבער עפּעס וואָס פֿון דעם דאָזיקן סאָרט. אַפֿילו אויך
ס׳איז... נאָך אַ מאָל... צי דאָס זענען סאָלדאַטן, וואָס מיט אַ רגע פֿריער זענען זי
געזעסן און אויף אונדז געשאָסן, אַזוי ווי מיר שיסן אויף זיי, און גראָד ווי זיי באַהאַלט
זיך, באַהאַלטן מיר זיך... און דערנאָך גרייפֿן זיי אָן און מיר גרייפֿן אָן... אינעם מאָמענט
ווען ער איז געלעגן און מ׳האָט נאָך אויף אים געשאָסן און ער האָט זיך געצאַפּלט
אויף עפּעס אַן אופֿן, איז ער פֿאַר מיר געווען אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס מ׳דאַרף אויף
אים רחמנות האָבן — און אַזוי האָב איך אויך געפֿילט לגבי אים. מיר זענען געלאָפֿן
אַדורך גיך, ס׳איז שווער געווען אַ סך דערויף צו קוקן און אויך איבערצולאָזן עפּעס
שטאַרקס אין דער נשמה, אָדער אין זכרון.

געווען דאָרט אַ סאָלדאַט אַ זייעריקער, פֿון די סיריער, וואָס איז געלעגן אַ פֿאַר
וווּנדעטער. שווער פֿאַרווונדעט און ס׳האָט אים וויי געטאָן. דאָס זענען געווען „אל־
פּתח״־לייט **, און ביי אַלע אונדזערע סאָלדאַטן האָט יעדנפֿאַלס געברענט אַ שׂנאה
צו זיי. און איינער האָט פֿאָרגעשלאָגן מ׳זאָל אים ליקווידירן. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר
האָבן אים נישט דערלויבט.

* אַן אַראַביש דאָרף דרומדיק פֿון חברון, וווּ צה״ל האָט דורכגעפֿירט אַ רעוואַנזש־אַקציע
אין יאָר 1966.

** אַן אַראַבישע טעראָר־אָרגאַניזאַציע.

— — — איך גיי אַרויס פונעם שטאַנדפּונקט, אַז דער דאָזיקער אַראַבער איז אַ מענטש...
אַ־ן ס׳איז נישט וויכטיק, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דעם. אין מאָמענט, ווען דער־אָ מענטש איז דאָרט געלעגן, מיין איך, אַז פאַר מיר, אַפילו — ער איז געווען אין גאַנצן צעריסן פון עפּעס אַ גראַנאַט, וואָס האָט אין אים געטראָפן, איז ער געבליבן אַ מענטש. אַפילו, אויב ער האָט געגוססט. און דערפאַר וואָלט איך אים נישט געהרגעט. כ׳האָב נישט געהאַט אַזאַ פאַל, ווען אַ סאָלדאַט איז געלעגן און מ׳האָט אים ליקווידירט. פאַר מיר איז פאַראַן אַ פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן אַ סאָלדאַט, וואָס גייט הרגענען און ווערן געהרגעט אין קאַמף און אַ סאָלדאַט, וואָס הייבט אויף די הענט.
כ׳האָב געהאַט אַ שווער געפיל. און פאַקטיש, לענגאויס דער גאַנצער ליניע, במשך פון דער גאַנצער מלחמה האָב איך געהאַט דאָס זעלביקע געפיל. אויך ווען מיר האָבן אין אָנהייב זיך אָנגעשטויסן אויף טויטע קערפּערס. פאַר מיר איז נישט וויכטיק... אַפילו, אויב ער איז אַן אַראַבער, צי וואָסער מענטש עס זאָל נישט זיין... אַ וועלכער נישט איז מענטש... איך, פּערזענלעך, טראַכט, אַז דערהרגענען אים, אַפילו אין דעם מצב, וואָס ער געפינט זיך, אויב אַפילו דאָס וועט זיין פאַר זיין טובה וועגן — מיין איך, אַז כ׳וואָלט דאָס נישט געטאָן, אַפילו אויב כ׳וואָלט באַקומען אַן אָנווייזונג. אַזוי פיל איך. ס׳איז מיר שווער צו זאָגן, וואָס איך וואָלט געטאָן, ווען איך וואָלט טאַקע באַקומען אַ באַפעל, אָדער ס׳וואָלט געהאַלטן דערביי.

אהרון: דו פּרווּוסט זיך פאָרשטעלן, ווי דו וואָלסט געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל? ווי אַזוי דו, אַ סאָלדאַט, אַ קאָמאַנדיר — ווי אַזוי וואָלסטו רעאַגירט אין ענלעכע סיטואַציעס — אפשר ביסטו אויך געשטאַנען פאַר אַזאַ פּראָבלעם?

חגי: ס׳איז נישט וויכטיק, ווי דו וואָלסט געטאָן, נייערט, ווי מיר האָבן געטאָן.

עמרם: נו, אדרבא...

אהרון: ניין. איך בין נאָך נישט גרייט דערצו... נאָר איך מיין, אַז מ׳דאַרף פעסט־שטעלן ווי אַ כלל, נישט צו רעדן וועגן „וואָס וואָלט איך געטאָן״... ווייל די גאַנצע מעלה פון דער געלעגנהייט איז דאָס, אַז מ׳קאָן רעדן וועגן דעם, וואָס מען האָט געטאָן. און געטאָן האָט מען געבוג, נישט טראַכטנדיק וואָס דו וואָלסט געטאָן.

לוטן: אין דער־אָ מלחמה האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין סיטואַציעס, אין וועלכע ס׳האָבן דאָס וואָרט כמעט נאָר דער לעבנס־דערהאַלטונג־אינסטינקט, די גיכע רעאַקציעס און דערשיינונגען, וואָס זענען באַגלייט־דערשיינונגען פון אַ גיכן פאָרויסמאַרש. איך מיין, אַז צום ערשטן מאָל אין דער סיטואַציע גופא, ווען כ׳האָב קלאָר געמאַכט פאַר זיך אַליין אַ געדאַנקען־אַנאַליז, איז געווען, בעת כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען לאַנגע שורות געהרגעטע און ביי יעטוועדן טויטן קערפּער האָט עס מיך אַ צוויק געטאָן ביים האַרצן. איך האָב אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם פאַקט, אַז דער־אָ מענטש איז אפשר אַ פאָטער, דער מענטש איז אַן ערדאַרבעטער, דער מענטש איז אַ דאָרפסמאַן א. א. וו. שפּעטער האָב איך זיך געפּרווּוט פרעגן, ווי אַזוי בינדט זיך דאָס מיטן מלחמה־פּראָבלעם, מיטן באַוווסטזיין, אַז דערפאָלג מיינט אייגנטלעך פאַרניכטן דעם שונא. איך מיין, אַז די דערהויבנקייט פון דער דערציִונג, וואָס מ׳האָט אונדז געגעבן, קומט צו אויסדרוק אין עצם דערוועקן זיך פון אַזעלכע געדאַנקען.

כ'זע דערין אַ דערפאָלג אין געשטאַלטיקן דעם וועלטבאַנעם און אין אויספורעמען אַ געשטאַלט פון אַ מענטש. כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז וואָס ווינציקער פאַרגרונטיקט, וואָס ווינציקער איינגעוואָרצלט ס'איז די דערציִונג פונעם מענטשן — אַלץ מער איז ער געניגט צו רעאַגירן לויט דעם געדאַנק פונעם צד־שכנגד. איך מיין דערמיט — נישט צו האַנדלען לויט אַן אייגענעם אינערלעכן אמת פון יעדן איינעם, נאָר פרווון צו טראַכטן, וואָס וואָלט געטאָן דער אַנדערער צד. און היות ווי מיר ווייסן גאַנץ גוט — געוועט נישט ווינציק מעלדונגען וועגן דעם — ווי אַזוי דער שונא וואָלט זיך באַגאַנגען מיט אונדז, האָבן אייניקע אויף דעם סמך זיך דערלויבט אַפּצווייכן פון דעם דאָזיקן אינערלעכן אמת און האַנדלען אויף אַזאַ אופן, ווי זיי האָבן געוווסט, אַז ס'וועט האַנדלען דער אַנדערער צד. די מעלה פון דער דערציִונג, וואָס מיר האָבן באַקומען, איז דאָס, אַז מיר האָבן געהאַט אַן אייגענעם אינערלעכן אמת, אַז מיר האָבן געוווסט, אַז אונדזער אופן פון רעאַגירן איז באַזירט אויף ווערטן און לויט זיי האָבן מיר געהאַנדלט. דער פאַקט, אַז מיט אונדז וואָלט מען זיך באַגאַנגען אַנדערש, האָט נישט דיקטירט אונדזערע גענג. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין ליניע, וואָס גייט אַרויס פון דער ראָם פון דער מיאוסער ווירקלעכקייט, וואָס איז דאָרט געווען.

דאָס פּראָבלעם, וואָס באַשעפטיקט מיך — צי קאָנען מיר נישט דערגרייכן צו אַזאַ סיטואַציע, אַז מיר זאָלן אויספירן נישט־הומאַנישע, אוממענטשלעכע באַפעלן. — — —

מ'האָט מיר דערציילט וועגן אַ באַפעל, וואָס איז נישט הומאַניש, און וואָס איז אוממעגלעך, אַז אַזאַ באַפעל האָט געקאָנט געגעבן ווערן. איך מיין, אַז מ'דאַרף באַטראַכטן, אָדער קאָנטראָלירן, אויף וויפל מיר קאָנען דערגרייכן אין ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען צו אַ לאַגע, ווען אויס איבערמאָסיקן צוטרוי צו אונדזערע קאָמאַנדירן, אָדער צוליב געוויסע באַדינגונגען, וועלן מיר אויספירן באַפעלן, וואָס זענען אין קעגנזאַץ צו יענע ווערטן, אויף וועלכע מיר האָבן זיך דערצויגן.

חגי: איך מיין, אַז די דערציִונג וואָס כ'האָב באַקומען, איז איינגעוואָרצלט בערך ווי די דערצייִונג, וואָס ס'האָט באַקומען לוטן, און די ווערטן, לויט וועלכע מיר זענען געוואָרן דערצויגן, זענען ענלעכע — יעדנפאַלס די מענטשלעכע ווערטן — אָבער ס'טוט מיר לייד צו זאָגן, אַז אין משך פון דער־אַ גאַנצער מלחמה און פאַרווונדעטע, אָדער דערהרגעטע, פונעם פיינט, וואָס כ'האָב געזען, איז מיר אַפילו איין רגע נישט אויסגע־קומען צו טראַכטן וועגן דעם ענין טאַטע פון קינדער, אָדער פויער, אָדער נאָך ענלעכע זאַכן. איך מיין, אַז ס'איז פשוט דערפאַר, וואָס כ'האָב באַקומען — איך שעם זיך נישט דאָס צו זאָגן — דעם שאָק פון דער מלחמה דעם ערשטן טאָג, וואָס כ'בין אין איר אַריין, ווען מיר האָבן געהאָלפן עוואַקוִירן די פאַרווונדעטע פון דער פאַנצער־בריגאַדע, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז... פאַרווונדעטע און דערהרגעטע... און ס'קען זיין, אַז דער־אַ שאָק, וואָס כ'האָב באַקומען אין די ערשטע מינוטן פון דער מלחמה — האָט עס אָפּגעטעמפּט אַלע מיינע עמפּפינדונגען לגבי געהרגעטע סאָלדאַטן פונעם שונא, אָדער אַנדערע אַזוינע זאַכן, וואָס איך האָב געזען שפּעטער.

— — — אין דער נאַכט, נאָכן פאַרענדיקן די שלאַכט אין ירדן, בין איך געלעגן אין אַ לויער ביי די ברעגעס פונעם ירדן. די אַנווייזונג איז געווען נישט צו דערלאָזן דעם איבערגאַנג פונעם אַנדערן ברעג אין אונדזער ריכטונג. און ס'איז געווען קלאָר, אַז די

דאָזיקע אָנווייזונג קאָן נישט אויסגעטייטשט ווערן אויף צוויי אופנים. און ס'איז מיר אויסגעקומען צו זיין קאָמאַנדיר פון אַ גרופּע, וואָס איז געלעגן אויף אַ געוויסער אַקס. כ'האָב געוווּסט, אַז די מענטשן, וואָס שטייגן אויף דעם באַרג־אַרויפצו, זענען בדרך כלל נישט קיין סאָלדאַטן. און אין יענער נאַכט זענען דאָרט מענטשן אַדורך דריי מאָל און קיין איין מאָל האָב איך נישט געגעבן קיין אָנווייזונג צו עפענען אַ פייער. נישט דערפאַר, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען וועגן דעם צו טראַכטן... און אין אַלע פאַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט ציווילע. כ'האָב נישט געהאַט קיין שום אינטערעס צו עפענען אַ פייער, ווען ס'איז געווען ביי מיר אַ וועלכער נישט איז פאַרדאַכט, אַז ס'גייט אַריבער אַ ציווילער. צומאַרגנס ביינאַכט האָט מען אונדז אַוועקגעלייגט אויף לויער אויף אַן אַנדער אָרט. און ס'זענען געווען באַריכטן וועגן באַוועגונגען פון איראַקישע כוחות אויף דער אַנדערער זייט, און די פאַראָרדע־נונגען זענען געווען נאָך שטרענגער, ווי אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט. איך ווייס נישט... אפשר דערפאַר, ווייל כ'האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט, מורא געהאַט פאַר אַ צוזאַמענ־שטויס מיט אַ באַוואָפנטן כוח — ווען מיר האָבן באַמערקט געשטאַלטן, וואָס הויבן זיך אַרויס פון דער ריכטונג פון ירדן, דאַן האָב איך נאָכן געשריי „האַלט!" געגעבן אַ קאָמאַנדע אויף פייער און האָבן געהרגעט אַ מענטשן. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט מיט דעם ענין, און איך בין צוגעגאַנגען אים רעווידירן און כ'האָב געפונען אַן אַראַבישן פעלאַך, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט אַן אַרמיי, האָב איך געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך פּאַסקודנע געפיל. און וואָס ס'האָט נאָך אפשר צוגעגעבן צי דעם שרעקלעכן געפיל, איז געווען מיין איינדרוק פון די זעלנער, וואָס זענען געווען אינעם לויער, ווען ס'איז אויסגעקומען צו הרגענען. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך גענומען פון אונדזער זיין אין אַ בריגאַדע, וואָס ס'איז איר נישט אויסגעקומען צו קעמפן אין אַ ממשותדיקן קאַמף פאַר אַ פּאָזיציע. אָדער קעמפן פנים־אל־פנים מיט באַוואָפנטע כוחות. און דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע געלעגנהייט פאַר די־אָ זעלנער אַרויסצוגיין מיט אַ וואַסער נישט אין מלחמה־שטאַלץ. איך געדענק, אַז ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פונעם לויער, בין איך געזעסן מיטן קאָמאַנדיר און ער האָט מיך אויסגעפאָרשט וועגן דעם געשעענעם, און ער האָט געזען, אַז איך האָב אַ שלעכט געמיט. איז זאָגט ער צו מיר: הער זיך איין, דו האָסט דאָ נישט אויסגעפירט קיין שום זאַך, וואָס איז קעגן די אָנווייזונגען, דו ביסט אין גאַנצן געדעקט. אויב ס'וואָלט געקומען אַ באַוואָפנטע גרופּע און דו וואָלסט נישט געהאַנדלט אַזוי, קאָן זיין, אַז איר וואָלט אַלע פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער אין עפּעס אַ ווינקל איז געבליבן ביי מיר אַן אומאַנגענעם געפיל, אַז דאָס איז נישט געווען „פעיר"*. איך גלייב נישט, אַז כ'וואָלט געפילט אַזוי, ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס מיט אַ כוח, וועמענס ציל ס'וואָלט געווען אונדז צו ליקווידירן, און מיר וואָלטן געשאָסן. אָבער ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט ביינאַכט אונטערשיידן צווישן די און יענע?!

רחל: אהרון, דיר איז אויסגעקומען זיך אַנצושטויסן אויף דער ציווילער באַפעלקערונג אין ירושלים?

---

* Fair — ערלעך.

אהרון: גוט... איך האָב דאָרט נישט געשאָסן... אפשר איז געווען עפּעס אַ קלייגער קוריאָז, וואָס מ׳קאָן וועגן אים דערציילן. מיר זענען געזעסן אין עפּעס אַ פּאַרזיכערט אָרט, ווען חברה האָבן זיך פּאַרויסגערוקט אין דער שטאָט... געווען דאָרט עטלעכע שווערע מאַשין־געווערן... און אויפן בערגל אַנטקעגן איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען עפּעס אַ פייערקאַמף... די גאַנצע צייט האָבן זיי געשאָסן אויף אונדז, און מיר אויף זיי... און זיי האָבן אויך געשאָסן אין אַ זייט אויף איינער אַן אָפּטיילונג אונדזערער. און זיך נישט דערנענטערט... די עראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיי איין מאָל... אונדזערע טאַנקען האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אויף זיי און זיי האָבן גענומען אַנטלויפן... און איין סאָלדאַט האָט אַפילו נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער ווי ס׳האָבן אַ סך פון זיי געטאָן... און געלאָזט זיך לויפן. און ער איז געלאָפן אַ וועלכע פינפהונ־דערט מעטער אויפן שאָסיי... אַזוי — זייטיק פון אונדז. און דער גאַנצער פייער־כוח, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווענדעט געווען אין דער זייט פון יענעם סאָלדאַט, און ער איז געווען אַ סאָלדאַט... און דאָס איז געווען קלאָר... און ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. און דאָס איז געווען רעכט לויט מיין מיינונג, וואָס מ׳האָט אויף אים געשאָסן. די קוילן האָבן געסווישטשעט און ער איז ווייטער געלאָפן. צום סוף איז ער אַנטלאָפן. איז שווער צו זאָגן, אַז כ׳האָב געהאַט עפּעס אַ געוויסן־ביסן צוליב דער דערציִונג, וואָס כ׳האָב באַקומען. די זעלבע דערציִונג, וואָס ס׳האָבן באַקומען חגי און לוטן. אָבער איך האָב זיך געפרייט, וואָס ער איז אַנטקומען.

עמרם: איך געדענק עפּעס, וואָס האָט זיך פּאַרלאָפן אינעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה, ווען מיר זענען אַריין אין לאַטרון*. דאָס דאָרף איז שוין אין גאַנצן געווען ליידיק. און ס׳האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ מענטש, זייער אַן אַלטער... זיך אָנגע־שפּאַרט אויף זיין שטעקן... ער האָט אַדורכגעשניטן די גאַס. כ׳בין געשטאַנען אין אַ ראָג, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר. ער איז געווען צעטומלט... במשך פון דער נאַכט איז געווען אַן ערנסטע קאַנאָנאַדע. זיי זענען געווען זייער דערשראָקן. האָב איך אים געזאָגט... אַזוי... אַראַביש קען איך נישט... אָבער איך זאָג אים: „איר האָט געוואָלט? האָט איר באַקומען!" פּאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט פּאַרשטאַנען, אָבער דאָס איז עס, וואָס כ׳האָב געקאָנט אים זאָגן. און כ׳האָב געפילט, אַז איך דאָרף דאָס זאָגן. אָבער ס׳איז געווען זייער מאָדנע. וואָס איך געדענק פון לאַטרון, דאָס זענען די וועגן, וואָס איך האָב דאָרט געמאַכט און די איבונגען אין דער סביבה. לאַטרון געדענקט זיך מיר ווי אַן אָרט, זייער נישט קיין אָנגענעמס פּאַר אונדז, פּאַר מדינת ישראל, און אַצינד פּלוצעם מיר... איך שטיי לעבן אָט דעם אַלטן תרח און כ׳ווייס אייגנטלעך נישט, וואָס ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק... ווו געגנט ער איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן... און ער שטייט לעבן מיר, גלייך ווי קיין שום זאַך האָט נישט פּאַסירט. איך דערצייל נישט סתם, אַז ס׳האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט די דאָזיקע פראַגע. איך מיין, אַז ס׳איז געווען אין דעם אַ סך. שפּעטער זענען מיר געזעסן דאָרט אין די פּאָזיציעס... ס׳איז אַרויס אַ פּראָצעסיע פונעם דאָרף און אין דער שפּיץ איז

---

* אַ דאָרף ביים וועג קיין ירושלים, אין 1948 איז דאָרט געווען אַ שטאַרקע פּאָזיציע פון אַראַבישן לעגיאָן, וועלכער האָט אָפּגעשניטן דעם וועג קיין ירושלים. אַלע פּרוּוון צו דעראָבערן דעם אָרט האָבן זיך פּאַרענדיקט מיט דורכפאַלן און שווערע פּאַרלוסטן פון אונדזערע כוחות.

געגאַנגען איינער, וואָס האָט געטראָגן אַ ווייסע פאַן. איך ווייס נישט פון וואַנען זיי זענען אַרויס, ווייל ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָבן מיר קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען, אַחוץ אַ דריטהאַלבן נעבעכדיקע אייזלינס. און פּלוצעם גייט אַרויס אַ פּראָצעסיע. און איך מוז זאָגן, אַז ביי מיר... עס פעלט מיר אויס דאָס וואָרט, אָבער אַביסל האָט עס אַ צוויק געטאָן ביים האַרצן, אָט דאָס גאַנצע בילד. איך ווייס נישט צי נאָך זעלנער האָבן דאָס געפילט. קאָן זיין, אַז יאָ. כ'האָב אויך קיינעם נישט געזאָגט, נישט גערעדט מיט קיינעם, אָבער דאָס איז געווען זייער אַן אומעטיק בילד. ווייל נאָך אַלעמען זענען מיר פּלוצעם אָקופּאַנטן און ס'איז נישט וויכטיק, פאַר וואָס. וווהין זיי גייען ווייסן מיר נישט. ווען מיר זענען אַרויס צו פאָרן אויפן שאָסיי, נאָך צוויי שעה וואַרטן אינעם דאָרף, האָבן מיר זיך ווידער אַמאָל אויף זיי אָנגעשטויסן. זיי זענען געגאַנגען. זיי האָבן נישט געוווסט אייגנטלעך וווהין. און זענען געגאַנגען. איז האָב איך אַ רגע געפרעגט זיך אַליין: נאָך אַלעמען זענען מיר אַזאַ מין אָקופּאַנט. און באמת געפרעגט זיך... נישט סתם אַזוי דערציייל איך, נייערט אַזוי ממש זענען געווען מיינע געדאַנקען. מעגלעך, אַז זיי זענען אויס אַ ביסל ווי אין דער לופט, אָבער דאָס האָב איך געפילט. און דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע איז, אַז טאַקע לגבי יענעם מענטשן, וואָס איז געשטאַנען איינער אַליין דאָרט און ווי שטאַרק האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט, וואָס ער איז אַזוי אומגליקלעך... אַזוי איינזאַם אַצינד, און ווייס נישט פון גאָרנישט... דאָן יענער געדאַנק פון ווער ווייס, וואָס ער האָט געטאָן מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ס'איז דאָ געווען מלחמה, און פּלוצעם זע איך די פּראָצעסיע פון שוואַנגערע פרויען און וויינענדיקע קינדער... זיי האָבן כלומרשט גאָרנישט נישט געטאָן... און זיי זענען שטילע און רויִקע... אַלטע לייט, וואָס קוקן אויף דיר... בעטן באַרמהאַרציקייט.. פרעגן שטום: וואָס האָבן מיר געטאָן?.. בסך הכל זענען נישט מיר די שולדיקע. דו זיצסט אין דער פּאָזיציע און קאָנסט זיי נישט העלפן, פאַרשטייט זיך. געווען ביי מיר אַ מישמאַש פון געפילן. דאָס איז געווען אַזאַ מין צוזאַמענשטויס. פון איין זייט, דווקא ווייל ס'איז לאַטרון, איז אַ מין ווילן נוקם צו זיין. איך ווייס נישט, אויף וואָסער אופן זיך נוקם זיין. און פון דער אַנדערער זייט זען אָט די פּראָצעסיע... די דאָזיקע טעמע פון רחמנות איז אַ ביסעלע... ביי מיר יעדנפאַלס... אַ ביסעלע אָנגעווייטיקט... אפשר... אויב אַזוי זע איך די זאַכן, וואָס פּאַקטיש... כ'האָב נישט געקאָנט באַשליסן ביי זיך וואָס און ווער... ווי אַקוראַט מיט זיי צו האַנדלען... ווי זיך באַציִען... ווי אַזוי קוקן אויף זיי... ווייל פּאָרט, אין דער רגע, ווען זיי גייען פאַרביי, שיסט מען נישט אויף זיי... אָבער מען לאָזט אַראָפּ קעגן זיי עפּעס אַ קללה. נאָך אַלעמען זענען די זעלנער געווען גענוג אויפגערעגט און גענוג דענערווירט. בפרט, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג. און גענוג, מ'זאָל אויף זיי אויסשרייען עפּעס אויף אַראַביש... דאָס איז גענוג אויף צו באַווייזן. גענוג, וואָס מ'שרייט אויף זיי עפּעס וואָס. אָדער אַפילו וואָס מען קוקט צאָרנדיק. דאָס איז אויך גענוג כדי צו צעטומלען די געפילן.

רחל: געווען אַ געפיל, אַז אונדזערע זעלנער האָסן זיי?

עמרם: אין אַ געוויסער מאָס. מיר האָבן כמעט נישט גערעדט מיט זיי. און ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט... אויך נישט געווען קיין שטימונג דערצו. און ס'איז אויך געווען זייער שווער. אַ טייל פון די מענטשן... קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך באַצויגן

אַ ביסל אַנדערש. אין יענעם מאָמענט האָט מיך בכלל נישט געאַרט, וואָס זיי וואָלטן געטאָן מיט אונדז... אין מאָמענט, ווען זיי וואָלטן אַריין אין לאַנד... דאָס אינטערעסירט מיך נישט... אַפילו ווען זיי וואָלטן אונדז אַלעמען אויסגעשאָכטן... אָבער ווען זיי האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט... אין מאָמענט, ווען איך זע זיי ווי פּליטים...

רחל: מיר דאַכט זיך, אַז אין דיינע רייד קאָן מען אונטערשיידן צוויי זייטן... זאָגן... פאַראַן אַן ענין פון איינזעעניש, דערבאַרעמען זיך, אָדער רחמנות און פאַראַן אַן ענין, אַ מער געדאַנקלעכער לגבי דעם ציוניזם, פון אונדזער רעכט אויפן לאַנד — אויב כ׳זאָל דאָס אַזוי אָנרופן... אפשר וועסטו פּרווון אַרויסברענגען דיינע געדאַנקען אין דער־אָ ריכטונג.

עמרם: די זאַך איז, וואָס דאָס איז אַ ביסל שווערלעך, ווייל ס׳איז געווען אַזוי שטאַרק צונויפגעמישט. די דאָזיקע צוויי זאַכן שטויסן זיך אָן מיט אַנאַנדער, ס׳איז מיר ממש שווער קלאָר צו מאַכן. דווקא וועגן דעם פּונקט האָב איך אַ סך געטראַכט... ס׳איז מיר אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז די אַלע ערטער... הגילגל און גבע און די אַלע ערטער, אַז דאָס זענען ערטער, וואָס האָבן געהערט צו אונדז. דאָס דערמאָנט זיך מיר, ווען איך זע אָט די נעמען, אַפילו די אותיות ממש פאַר די אויגן...

רחל: צי איז דאָס אַן ענין פון געאָגראַפיע אָדער פון געשיכטע? פון פאַרבינדונג מיטן לאַנד, אָדער מיט אונדזער היסטאָרישן עבר?

עמרם: די היסטאָרישע שייכות — בעיקר צו ירושלים. לאָמיר קודם כל רעדן וועגן ירושלים. ס׳איז אַזוי קלאָר, אַז די דאָזיקע ירושלים דאַרף זיין אונדזעריקע. פריער בין איך געווען גאַנץ ווייט דערפון. דער רוב פון אונדז האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט און בכלל נישט געטראַכט דערוועגן... אַפילו ווילנאַי* שרייבט: די אַלטע שטאָט און די ביַיע שטאָט. דעמאָלט האָט מען בכלל נישט געהאַט קיין באַציִונג צו דער אַלטשטאָט. אָבער איצטער איז דאָס אַזוי קלאָר פאַר מיר. פאַראַן אין דעם אַ מין וווּנדער. ס׳איז ממש וווּנדערלעך, אַז פּלוצעם איז אַזוי קלאָר, אַז די דאָזיקע ערטער זענען אונדזערע און מוזן זיין אונדזערע, און ס׳איז אומפאַרשטענדלעך, פאַר וואָס זיי זענען נישט געווען אונדזערע.

רחל: אונדזערע, אין וועלכן זכות? אין זכות פון דער געשיכטע? אין זכות פון תנ״ך?

עמרם: יאָ... יאָ... אין זכות, וואָס דאָס איז געווען אונדזערס...

אהרן: איך מיין, אַז דאָס איז נישט אַזוי שייך צו דער טעמע בכלל. ס׳איז אַזאַ לאַגע, אַז מיר ווילן פאַרזיכערן געוויסע גרענעצן פאַר דער דאָזיקער מדינה. און אַן דעם איז קלאָר, אַז ס׳וועט קיין זיכערקייט פאַר אונדז נישט זיין. און ס׳אינטערעסירט קיינעם נישט, צי דאָס איז עטיש אָדער נישט, ווייל פריער האָט דער שטח געהערט צו אַן אַנדערן... און דערנאָך זענען געקומען אַנדערע און צוגענומען... און דערנאָך זענען מיר נאָך אַ מאָל געקומען... אַזוי אַז דאָס ענדערט גאָרנישט.

ווען מיר זענען אַרויף קעמפן אין ירושלים, זענען מיר נישט געווען קיין באַפרייער

---

* אַ ישראלדיקער געאָגראַף.

און נישט קיין היסטאָרישע געשטאַלטן. איך מיין, אַז דאָס איז אַלעמענס געפיל. מיר זענען געווען סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַן אויפגאַבע און ווילן זי אויספירן. מיט אַלץ וואָס אַרום דעם, מיט געדאַנקען וועגן דער היים, מיט באַטראַכטונגען וועגן דעם מצב, וועגן דעם, וויפל חברה ס׳וועלן גיין. ווען מיר זענען געווען אין ירושלים און געזען ירושלים, וואָס ווערט באַשאָסן אין דער פינצטער און הג״א־אויפזעער * אויף די גאַסן און די מאַשינען, וואָס פאָרן אָן ליכט, אויף וויפל זיי זענען בכלל געפאָרן, און די כסדרדיקע באַשיסונגען — האָבן מיר נישט געהאַט קיין געפיל פון אַ היסטאָרישער שעה — וואָס אַנדערע האָבן געמאַכט פון דעם גאַנצן ענין. ניין... איך זאָג עס נישט מיט גרינגשעצונג, אָבער... דערנאָך איז מיין צוגאַנג צו דער מלחמה געווען בערך ווי דער צוגאַנג פון חגי; און מיין ערשטע באַגעגעניש איז געווען מיט אונדזערע פאַרווונדעטע, וואָס מיר האָבן עוואַקוּירט אויף הינטן. דאָס איז געווען זייער אַן ערנסטער שאָק פאַר מיין גאַנצער אַפטיילונג און דערנאָך האָבן מיר געטאָן אונדזער אַרבעט... איך מיין, אַז דאָס איז בכלל אַן ענין פון איבונג, אויב נישט פון גאַנצן צה״ל, איז פון די פאַראַשוטיסטן... זיי האָבן געאַרבעט, ווי סאָלדאַטן. זיי זענען נישט געווען מענטשן, זיי זענען געווען סאָלדאַטן. — — — און נישט אַריינגעטראַכט — אויך נישט פון שטאַנדפונקט פון געוויסן, ווייל ס׳איז אויך נישט געווען קיין צייט וועגן דעם צו טראַכטן.

רחל: און איצט טראַכט מען דערוועגן?

אהרון: יאָ... איך יעדנפאַלס, נאָך דעם אַריינגאַנג דורכן שער־האריות ** ווען די מלחמה איז שוין אַנגעגאַנגען אינעווייניק, האָבן חברה שוין דערגרייכט צום כותל און געגאַנגען ווייטער אַנטקעגן די סנייפּערס... ס׳האָט זיך דאָרט באַוויזן דער רב גורן *** — און אויף אַלעמען האָט ער נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק... אין דער צייט, ווען אַלע מאַשינען זענען געשטאַנען מחוץ פונעם לייבן־טויער, פאַר דעם טויער, און ס׳זענען דאָרט געווען אַ סך סאָלדאַטן... איז אַרויס פונעם טויער אַ גרופּע פיר גענוג אַלטע אַראַבער... און אַ פרוי... און זיי האָבן געטראָגן אַ מיידעלע איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. זיי האָבן נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מיידעלע. זי איז געווען טויט. זיי האָבן זי גענומען... לעבן דעם לייבן־טויער, אַ ביסל אין דער זייט, ווען מ׳גייט אַרויס אויף צפון איז פאַראַן אַ בית־עולם... זיי האָבן פאַר איר געמאַכט אַ גרוב און זי אַריינגעלייגט און פאַרדעקט די גרוב... איך מיין, אַז דאָס איז געווען אַ מאָמענט, וואָס האָט געגעבן אַלעמען... מען רופט דאָס קאָנפראָנטאַציע מיט זיך אַליין, מיט אַ ביסל מענטשלעכע געפילן — אַ סך מער פון דעם גאַנצן אַרומפאָרן דאָרט מיט שופרות.

אברהם: אפשר ביסטו גרייט צו באַהאַנדלען די פראַגעס... וואָס מ׳האָט זיי פריער באַהאַנדלט. היסטאָרישע רעכט; מאָראַלישע רעכט — יאָ, אָדער נישט? פאַרנומענער שטח? באַפרייטער? דעמאָלט איז נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן. דאָס איז קלאָר. ווי אַזוי זעט מען עס איצטער?

אהרון: איך קאָן נישט זאָגן, ווי מען זעט דאָס... כ׳קאָן זאָגן, ווי אַזוי איך זע

* הגנה אזרחית — ציווילע שוץ־איינהייטן.
** דער „טויער פון לייבן״ — דער מזרחדיקער טויער פון דער ירושלימער מויער.
*** דער הויפּט־רב פון צה״ל.

דאָס... כ'האָב נישט קיין פּראָבלעמען. ירושלים איז אונדזערע, זי מוז אויך זיין אונדזערע, זי וועט בלייבן אונדזערע.

רחל: פאַר וואָס? ווייל דו האָסט זי איינגענומען?

אהרון: ווייל כ'האָב זי איינגענומען און כ'בין געווען באַרעכטיקט זי איינצונעמען. ווייל איך האָב נישט אָנגעהויבן די מלחמה. דאָס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז ישראל איז נישט קיין מדינה, וואָס איז געגאַנגען סתם פאַרכאַפּן. גוט, וואָס ס'איז געווען אַזאַ געלעגנהייט, און גוט, וואָס ירושלים און נאָך שטחים זענען איינגענומען געוואָרן. פאַראַן אַ פולע באַרעכטיקונג צו פאַרהאַלטן דעם שטח.

רחל: פון וואָסער שטאַנדפּונקט?

אהרון: שווער צו זאָגן. אין אַ גרויסער מאָס פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, אָדער פון וועגן די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען בעת דער באַפרייונג־מלחמה, ווייל זיי האָבן פאַרטריבן פון דאָרטן די יידן, אָדער די פּאָגראָמען, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף זיי פריער אינעם יידישן קוואַרטאַל. און בעיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבן מיט אונדז געוואָלט טאָן, אויב זיי וואָלטן איינגענומען די מדינה. זיי וואָלטן עס געטאָן אָן שום פּראָבלעמען... איך מיין, אַז קיינער צווייפלט נישט אין דעם... אגב, כ'האָב געהערט אַ שיינע און אמתע מעשה: פאַראַן אין נהריה אַ געשעפט פון איינעם אַ יידן... ער פאַרקויפט דאָרט אַלערליי מעטאַלענע זאַכן — צווישן אַנדערע אויך מעסערס און קיך־מעסערס, חלפים אַזוינע. אין די צוויי וואָכן פון פאַר דער מלחמה איז פלוצעם געווען ביי אים פּראָספּעריטי. ס'זענען געקומען אַראַבער פונעם גליל און איינגעקויפט מעסערס. און ס'זענען אַוועק ביי אים טעגלעך — דאָס שטאַמט פון אַ באַגלויבטער קוועלע — אַ פערציק—פופציק גוטע מעסערס, וואָס יעדער פון זיי קאָסט צוואַנציק—דרייסיק פונט. ביז דער ייד האָט זיך געכאַפּט און אויפגעהערט פאַרקויפן... געזאָגט „כ'האָב נישט" און אויס... און זיי האָבן זיך נישט געשעמט, די אַראַבער. געגאַנגען קויפן מעסערס און אויספּרוּוון די שאַרף פונעם מעסער... אויסטייטשונגען זענען איבעריק...

לוטן: כ'האָב נישט באַלאַנגט צו די, וואָס האָבן דעראָבערט און נישט צו די, וואָס האָבן געשטורעמט ירושלים. אָבער איך מיין, אַז מ'דאַרף טעכניש פונאַנדערשיידן צווישן דעם ענין ירושלים און אַלע אַנדערע שטחים; אַזוי לאַנג ווי דאָס זיכערקייט־פּראָבלעם פון דער מדינה איז מחייב צו בלייבן אין די שטחים, וואָס געפינען זיך מחוץ די געביטן, צו וועלכע מיר זענען געוווינט געווען, דאַרף מען דאָרט בלייבן. ווי געזאָגט, דאָס הייסט אויף אַזוי פיל אויף וויפל די זיכערקייט־נויטן דיקטירן עס. איך זאָג: אין מאָמענט, ווען די זיכערקייט־פראַגעס וועלן געלייזט ווערן, איז לויט מיין מיינונג נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג צו פאַרבלייבן אין די געביטן, היות זיי זענען נאָר אַ רעזולטאַט פון מיליטערישן דערפאָלג. און ס'איז נישט וויכטיק, ווער ס'האָט אָנגעהויבן די מלחמה און אויף וועלכן גרונט זי איז אַנטשטאַנען. לגבי ירושלים וואָלט איך אַזוי נישט געזאָגט, ווייל ירושלים האָט פאַר מיר אַ פיל טיפערן באַטייט... און עפּעס וואָס איז אין האַרצן, עפּעס וואָס איז אין די געפילן... ווייל איך ווייס, אַז דאָס איז געווען דער מקור, דאָס איז געווען דער ווינקלשטיין פאַר אַלע יידן. ירושלים איז ממש אַ סימבאָל פון אונדזער גאַנצער געשיכטע. זי גייט דורך לענג אויס אונדזער גאַנצער געשיכטע. און זי איז

געווען דער ברענפונקט אויף דער גאַנצער ליניע. ירושלים איז נישט בלויז אַ באַגריף... דאָס איז אַ וועלט, וואָס שליסט איין אין זיך אַלץ...

רחל: אפשר קאָן מען פרעגן, דו, ווי אַ מענטש אַ נישט־רעליגיעזער, וואָסער געפיל האָסטו לגבי די הייליקע ערטער...

לוטן: איך מיין, אַז נאָך אַלעמען, אַזוי לגבי דעם רעליגיעזן מענטשן, ווי אויך לגבי דעם וועלטלעכן איז דער פּראָבלעם פון געפיל עפּעס ביז גאָר ווענזנטלעכס. און דערפאַר, טראָץ דעם, וואָס כ׳בין נישט קיין רעליגיעזער, האָט עס מיך אַמשטאַרקסטן באַרירט... דער כותל האָט צו מיר גערעדט. ווידער אַ מאָל, צוליב דעם, ווייל כ׳האָב געפילט, אַז דער כותל, דאָס איז נישט בלויז אַ מויער... ס׳איז נישט בלויז שטיינער... נאָר דאָס איז אַן אויסדרוק. געוועג, אַז איך ווייס, אַז דאָס איז דער אַדרעס פאַר אַלע יידן, ווען עפּעס טוט וויי, ווען מ׳איז אין אַ נויט — סימבאָליזירט ער דאָרט אַלץ. אָבער אַריינגיין מערער אין אָט דעם ענין — דאָס איז אַ וועלט פאַר זיך.

חגי: דאָס איז דאָס פּראָבלעם... פון דאַנען נעמט עס זיך...

לוטן: דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך. זעסטו, פאַר דעם גלייביקן איז תשעה־באב דער חורבן פון בית־המקדש. איך זע דאָס... איך ווייס, אַז היסטאָרישע פּראָצעסן שפּילן זיך נישט אָפּ אין איינעם, אָדער צוויי טעג, נאָר יעטוועדע דערשיינונג איז אַ רעזולטאַט פון אַ לענגערער אַנטוויקלונג. דעריבער קאָן איך נישט נעמען אַ געוויסן טאָג און אויפקלעפּן אויף אים אַ געשעעניש, מחמת דעם, וואָס איך ווייס, אַז דאָס איז טאַקע היסטאָריש. איך ווייס, אַז פאַר מיר סימבאָליזירט תשעה־באב אַ מצב, ווען...

אהרון: דאָס איז עס... ער סימבאָליזירט... בלויז אַ סימבאָל...

לוטן: פאַר מיר סימבאָליזירט תשעה־באב א מצב, אין וועלכן די יידישע קולטור איז אין גאַנצן דערשטיקט געוואָרן. איך זע נישט תשעה־באב ווי דעם ברענענדיקן בית־המקדש, אָדער ווי די שטיינער, וואָס קייקלען זיך אַראָפּ פון אַ געוויסן אָרט, איך זע דערין נישט בלויז דעם רעליגיעזן אַספּעקט... וואָס עס מיינט פאַרן רעליגיעזן מענטשן, כאָטש איך מיין, אַז אין סך־הכל איז עס די זעלביקע זאַך, נאָר אין אַן אַנדער לבוש. אַזוי מיין איך. פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אויף אַ לענגערער מעטע, שפּילן דאָ נישט קיין ראָל אַזוי פיל און אַזוי פיל הונדערטער הרוגים. פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט האָט עס נישט קיין וואָג. די סאַמע שוואַכע ערדציטערניש דאָ ברענגט אום טויזנטער. דאָס טוט וויי. דאָס איז טייער. זיכער אַזוי. אָבער אויב מ׳זאָל עס שאַצן אויף אַ לענגערער מעטע — האָט עס קיין וואָג נישט... דאָס טויג אויף צו דערציען אַ דור און עס סימבאָליזירט העלדישקייט, אָבער עס האָט נישט קיין היסטאָרישן באַטייט. אויסער דעם איז מיין צוגאַנג אויך, אַז מיט דער אָקופּאַציע געווינסטו נישט קיין שום רעכט בלויז דערפאַר, ווייל דו האָסט אָקופּירט. איך זאָג: דאָס איז לגבי די פאַרנומענע שטחים און איך מאַך אַ געוויסן אונטערשייד לגבי ירושלים.

— — — איך וויל דערציילן סתם אַזאַ מין ראַזשינקע פון דער זייט... ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דזשענין מיטן אַטאַקירנדיקן כוח, איז אויף אונדז געעפנט געוואָרן אַ גיהנום־פייער פון סנייפּערס. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט דאָרט אין די ראָוועס און די קוילן האָבן געסווישטשעט און געסווישטשעט... און געטראָפן אין די ראָוועס... און

געטראָפן חברה... פלוצעם ווערט געגעבן אַ באַפעל... אַרויף אויף די דזשיפּן און אַריינ־רייסן זיך אין בנין פון דער פּאָליציי. דעם טעם פון פייער האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט פאַרזוכט. כ׳געדענק, אַז אין יענעם מאָמענט האָט עס מיך אַ כאַפּ געטאָן: גרויסער גאָט, אפשר איז אָט דער קאָמאַנדיר אַראָפּ פונעם זינען? ווי אַזוי איז מעגלעך צו געבן אַזאַ פאַראָרדענונג? קוילן פייפן אויף אַזאַ מין אופן... ווי קאָן מען בכלל געבן אַן אָנווייזונג אַריינצורייסן זיך אינעווייניק? באַפעל איז באַפעל. כ׳בין אויפגע־שפּרונגען אויפן דזשיפּ, ווי דער אַמאָק וואָלט מיך געטראָפן. כ׳בין אַדורך די צוויי־דריי־הונדערט מעטער. ערשט נאָך דעם... שוין אַ מער געפרווטער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט וואָס דער קאָמאַנדיר זאָל האָבן פאַרלאָרן דעם זינען, נאָר אַז בעצם, אַדאַנק אַזעלכע אַנטפּלעקונגען, מיין איך, זענען מיר דערגאַנגען צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען.

כך זה התח



אזוי האט
זיך אנגעהו

...כ׳האָב נאָך אַמאָל דערזען מיין פאָלק — נישט נאָר דעם קיבוץ מיינעם האָב איך געזען. ווען דאָס הויז דאָ איז אויסגעליידיקט גע־וואָרן נאָכדעם ווי זיינע 125 זין זענען אַוועק צום פראָנט, זענען די פרויען, וואָס זענען פאַרבליבן אין די אויסגעגראָבענע גריבער, די מאַמעס און די טאַטעס, אַלע זיי אויסגעשטאַנען דעם פּרוּוו פון ציטערן און גרייט זיין אַזוי ווי דאָס איז געווען פאָרויסצוזען. און אָט האָב איך דערזען אַ שטאָט.

נישט די גרעסטע פון אַלע שטעט, נישט די פּאַטריאָטישסטע פון אַלע שטעט. אַ שטאָט אין שרון. אַ מיטלמעסיקע, אַ פּשוטע מיט אירע הענדלערס און אַרבעטער, מיט אירע סוחרים און אַרבעטלאָזע. ס׳איז געווען אַ שיינער, דורכזיכטיקער פרימאָרגן, איינער פון די פרימאָרגנס, וואָס ווען אַ מענטש שטייט אויף אים צו באַגעגענען וווּנדערט ער זיך און טוט אַ זאָג: צי קען דען אין אַזאַ פרימאָרגן אויסברעכן אַ מלחמה? און דאַן האָט זיך פון די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אַדורכגעבראָכן אַ שטים, די שטים פונעם ספּיקער, וואָס האָט אויס־גערעכנט די רעזערוויסטן־איינהייטן, וועלכע זענען גערופן געוואָרן זיך צו שטעלן.

גרעסערע גרעסערע זאַכן ווי די ווערן מיט דער צייט פאַרגעסן. אָבער די שטים פון דעם ראַדיאָ־ספּיקער איז נישט געווען ווי די היסטערישע שטים פון דעם לאַנד פונעם טייך *. אויך נישט ווי די פּאַרריסענע שטים פון דעם ספּיקער פון וואַרשעווער ראַדיאָ אין סעפּטעמבער 1939. דאָס איז אויך נישט געווען די טראַגישע שטים פון דעם מאַן פון פּראָג. אויך נישט ווי די מיט לויב באַדעקטע פּאַטעטישע שטים פון יורי לעוויטאַן, פון דער באַלאַגערטער מאָסקווע. דאָס איז געווען אַן אַנדער שטים.

אָפּגעהילכט האָט זי, די שטים, אַזוי ווי די קלעפּ פון האַמער בעת ער טעסעט דעם שטיין. זי האָט אויסגערעכנט איינע נאָך די אַנדערע אומבאַטייטיקע קאָדעקס־נעמען פון רעזערוו־איינהייטן, נישט צוגעבנדיק קיין שום לאָזונג, קיין שום מליצה. און האָט פאַרענדיקט. און די שטאָט — יאָ די שטאָט! האָט אַזוי ווי איינגעהאַלטן איר אָטעם.

כ׳בין אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער אַ צייטונג־שטענדער. דער צייטונג־פאַרקויפער האָט געהאַלטן אין דער־לאַנגען די פאַרלאַנגטע צייטונג און פּלוצעם איז ער, דערהערנדיק די

---

* געמיינט עגיפּטן.

שטים, שטיין געבליבן אַן אָנגעשפּאַנטער. זיינע אויגן זענען ברייטער געוואָרן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר פון דער זייט און אַ זאָג געטאָן ווי אַ דערשטוינטער: יאָ, אויך מיך האָט מען גערופן! ער האָט איינגעוויקלט זיינע בלעטער און איז אַוועק. פון דער קלייט אַנטקעגן איז אַרויס אַ פּאַרקויפערין, זיך אָפּגעשטעלט, איינהערנדיק זיך, אויף דער שוועל. זי האָט צוגעקנעפּלט איר בלוזקע אַביסל נערוועז, פאַרמאַכט איר בייטל און איז אַוועק. דער אייגנטימער פון דער יאַטקע האָט אַראָפּגענומען זיין פאַרטעך, אַראָפּגעלאָזן די לאָדנס און איז אַרויסגעגאַנגען. אויפן באַגראָזטן פּלעצל איז געשטאַנען אַ קרענצל מענער און זיך צוגעהערט צו אַ טראַנזיסטאָר. יעדעס מאָל ווען ס׳האָט זיך דערהערט אַ קאָדעקס־נאָמען פון מויל פונעם ספּיקער, האָט זיך איינער אָפּגעריסן פונעם קרענצל און איז אַוועקגעגאַנגען. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט האָט זיך אָפּגעריסן אַ צווייטער און אַוועק, אָפּגעריסן אַ דריטער און אַוועק. אַזוי ווי אַ בינטל צווייגלעך זענען זיי זיך צעפאַלן, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט. זיי זענען אַוועק. קלאַפּנדיק אויף אירע קנאַפּל, איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען אַ מיידל. דאָ האָט איר געטראָפן די שטים. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט געהערט. זי האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק און איז אַוועק. און אין שטאָט האָט גענומען הערשן אַ שטילקייט, וואָס האָט קיין גלייכן נישט צו איר.

כ׳האָב שוין געזען שטעט אין טעג פון באַשערטקייט. כ׳האָב געזען פעלקער ווי זיי שפּאַנען אונטערן קלאַנג פון קוויטשנדיקע און באַטויבנדיקע הילכערס. כ׳האָב זיי געזען אויף וואָקזאַלן אַרומגענומענע אין די אָרעמס פון קלאָגנדיקע ווייבער און פאַרצווייפלטע מאַמעס, כ׳האָב זיי געזען ווי זיי גייען אַדורך אין די מאַסן און ס׳באַשענקען זיי מיט זייערע קושן לייכטזיניקע פרויען. כ׳האָב זיי געזען ווי זיי גייען אַרויס מיט זייערע פּיקעס, וואָס זענען באַצירט מיט פרישע בלומען, ווי זיי קלאָפּן מיט זייערע באַנאָגלטע שיך און ווי פון זייערע גאָרגלען טראָגן זיך מאַרשן. כ׳האָב זיי געזען שמייכלענדיקע און פאַרריסענע. און תמיד, תמיד פלעגט זיי דער המון צופּאָכען און צעיובלען: הורא, וויוואַט, האָך־האָך, ניעך זשיע! אָבער זינט איך לעב האָב איך נאָך נישט געזען אַ שטאָט וואָס זאָל אין אַזאַ שטילקייט אויפשטיין צו דערפילן איר פליכט. אַז אַ פאָלק זאָל אַרויס אין אַ מלחמה מיט אַזאַ שווערן גורל־געפיל אין אַזאַ רויִקייט און גרייטקייט, אַז ס׳קען עפּעס העכערס דערפון נישט זיין — און דאָס אין נתניה און אין קרית שמונה, אין ירושלים, אין תל־אביב און אין באר־שבע. און אָט דאָס איז מיין פאָלק. און איך האָב מיין פאָלק נישט געקענט.

אבא קאָוונער

ס'איז געווען אַ געפיל, אַז יעדער איינער וועט אָוועקגעבן אַלץ

פון אַ שמועס מיט שי (קבוץ חולדה)

שי: פאַר די קאַמפן איז געווען אַ געפיל, אַז מיר גייען אין אַ מלחמה. ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר אויף נײַן־און־נײַנציק פּראָצענט, טראָץ דעם, וואָס כ'האָב נאָך נישט מיט־געמאַכט קיין שום קאַמף ביז די איצטיקע קאַמפן, אַז פּראָבלעמען פון שרעק, אָדער זאָרג פאַר מײַנע פּערזענלעכע ענינים וועלן מיר נישט קאָנען שטערן אינעם אויספירן זאַכן, וואָס כ'וועל דאַרפן אויספירן אין גאַנג פון דער מלחמה. ווען איך פּרוּוו זיך איצטער אַ טראַכט טאָן, אויף וואָס דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך באַזירט, איז שווער צו געבן אַן ענטפער, ס'איז אַ קאָמפּליצירטער צונויפגעשטעל פון זאַכן. אפשר שטאַמט דאָס קודם דערפון, וואָס מיר אַלע, דער גאַנצער דור מײַנער, האָבן געוווּסט, אַז אין מאָמענט, ווען מיר וועלן מוזן מלחמה האַלטן, און וועלן פילן, אַז דאָס איז אַ גערעכטע מלחמה, דעמאָלט וועט נישט זײַן קיין זאַך, וואָס זאָל אונדז שטערן צו טאָן צום בעסטן ווי מיר וועלן קענען.

— — — דאָס אָרט, ווו דו ביסט דערצויגן געוואָרן, האָט נישט קיין ווירקונג אויף דער פעיִקייט אָנצופירן, אָדער צו זײַן אַ קאָמאַנדיר. דערפאַרונג אינעם אָנפירן — דאָס האָט אַ סך צו זאָגן אינעם איינשטעלן די באַציִונגען צווישן דיר און מענטשן און אונטער־געאָרדנטע, וואָס אין אַ סך היניזיכטן זענען זיי ענלעך אויף לערן־יינגלעך, ספּעציעל אין אַ באַטאַליאָן ווי מײַנער, מיט אַ סך נײַע עולים, וואָס די מערהייט פון זיי זענען עלטער פון מיר, צווישן זיי, זעלנער אין עלטער פון אַ יאָר 37—38.

עמוס: מ'האָט געדאַרפט געבן צו פאַרשטיין די־אָ מענטשן פאַר דער מלחמה, פאַר וואָס מען קעמפט?

שי: ס'איז נישט געווען קיין שום נויטווענדיקייט דערין פאַר דער דאָזיקער מלחמה. ס'איז געווען אַ געפיל, אַז יעדער איינער וועט אָוועקגעבן אַלץ. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב נישט געקאָנט וויסן, ווי אַזוי זיי וועלן זיך אויפפירן אין מאָמענט, ווען ס'וועלן פייפן די קוילן. אָבער פאַר דעם האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז יעדער איינער פון זיי איז גרייט און ווילּיק אויף אַלץ. געווען מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים פּראָבלעמען, אַ סך פּראָבלעמען, און זענען געקומען און צוגעשטעלט זיך און געטאָן אַלץ, וואָס מ'האָט זיי געזאָגט, און ס'איז בכלל נישט געווען קיין פּראָבלעם פון באַפעלן.

עמוס: און טראָץ דעם האָסטו געדאַרפט זיי געבן צו פאַרשטיין, געבן עפּעס אַן אויפקלערונג — פאַר דער רגע, ווען ס'וועלן פייפן די קוילן?

שי: איך האָב אַ סך אויפגעקלערט. פאַקטיש האָב איך געשפּילט אַלטע מעלאָדיעס. מײַן עיקר־פּראָבלעם איז געווען — פאַרוואַנדלען פאַר זיי דעם אַבסטראַקטן, טעאָרעטישן ענין פון פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און פון באַשיצן די היים — אין אַן אויפפירן זיך אין קאַמף. כ'האָב זיך שטאַרק באַמיט אויפצוקלערן, אַז אין דער צייט פונעם קאַמף וועלן זיי דאַרפן נישט טראַכטן וועגן קיין שום אַנדער זאַך, אַחוץ דעם אָפּערירן מיטן געווער און אויספירן און איבערוויזן באַפעלן. כ'האָב געהאַלטן, אַז ווען זיי וועלן זײַן פאַרנומען מיטן איבערווייזן מײַנע באַפעלן פון איינעם צום אַנדערן און מיטן גרייטן און אָנווענדן דאָס געווער, וועלן דאַן געלייזט ווערן אַלע פּראָבלעמען פון צווייפלעניש.

דאָס איז געווען געגנוג טעאָרעטיש, ווייל איך אַליין בין נאָך נישט געהאַט געווען אונטער אַ פייער.

עמוס: און זיי האָבן געוווּסט, אַז דו ביסט נישט געווען אין קיין פייער?

שי: זיי האָבן געוווּסט.

עמוס: און נישט געווען אַרום דעם קיין פראַגעס פון צוטרוי? מ׳האָט דיך נישט געפרעגט: „איז ווי אַזוי ווייסטו?", „איז וואָס־זשע רעדסטו?"

שי: כ׳בין געווען פאַר זיי ווי אַ גאָט.

עמוס: ווי אַזוי דערקלערסטו דאָס?

שי: איך מיין, אַז דאָס איז פשוט דער גלויבן אינעם קאָמאַנדיר, אָדער דער ווילן זיך צו פאַרלאָזן. ווייל פחד איז געווען. געווען אַ מין באַהאַלטענער פחד. כ׳מיין, אַז דער ווילן זיך צו פאַרלאָזן איז זייער נאַטירלעך ביי סאָלדאַטן, וואָס אַליין זענען זיי נייע עולים, וואָס די געשטאַלט פון זייער קאָמאַנדיר סימבאָליזירט פאַר זיי די זיכערקייט — אַז זיי האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, פון וועמען צו שעפן בטחון. דאָס איז אַן אָפּטיילונג, וואָס איך אַרבעט שוין מיט איר אַ יאָר זעקס. דער פחד האָט זיך ביי זיי אויסגעדריקט אינעם תיכּפדיקן און בלינדן אונטערוואַרפן זיך יעטוועדן באַפעל מיינעם אַריינצוגיין אין די פּאָזיציעס. מיר זענען געווען פאַר דער מלחמה אין אַ פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע לעבן קיבוץ ניר־יצחק און מיר האָבן געמאַכט אַ סך איבונגען צו אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה. ווען איך פלעג זאָגן: אַריין אין די פּאָזיציעס, פלעגן זיי לויפן, ווי אינדן, אַריינשפּרינגען אין דער פּאָזיציע. און מערסטן טייל האָבן זיי געוווּסט, אַז דאָס איז אַן איבונג. כ׳האָב געמאַכט אָנשטרענגונגען קאָנסאָלידירן די אָפּטיילונג. איינער פון די זאַכן, וואָס האָבן צוגעהאָלפן צו דער צונויפשמעלצונג, איז געווען די רעליגיע, די תפילות. אין דער תפילה־צייט — פלעג די גאַנצע אָפּטיילונג קומען דאַוונען. בערך אַ העלפט פון די מענטשן זענען געווען רעליגיעזע. צוויי רעליגיעזע פון מיין אָפּטיילונג האָבן אָרגאַניזירט דאָס דאַוונען און די גאַנצע אָפּטיילונג פלעג קומען און זיך זאַמלען אַרום זיי און דאַוונען.

עמוס: אויך דו?

שי: אויך איך. און בעיקר ווייל כ׳האָב געוואָלט, זיי זאָלן זען, אַז איך שטיי מיט זיי.

עמוס: און די דאָזיקע מאָמענטן פון דאַוונען האָבן דיר פּערזענלעך עפּעס געגעבן?

שי: איך מיין, אַז נישט דאָס דאַוונען אַליין, נאָר דאָס עצם שטיין פון דער גאַנצער אָפּטיילונג אַרום דעם ספר־תורה. איך מיין, אַז דאָס האָט עפּעס געגעבן.

עמוס: האָסט אויך נאָכגעפאָלגט דעם אינהאַלט פון דער תפילה אין יענע רגעס, געדענקסטו זי?

שי: איצט געדענק איך נישט. אָבער כ׳דערמאָן זיך, אַז פאַר די פּרימאָרגן־שפּרוכן, וואָס ווערן געגעבן אין ראַדיאָ, האָבן מיר געפרווּווט טראַכטן, וועלכער טאָג איז מזלדיק פאַר אַ מלחמה און וועלכער — נישט מזלדיק. איך געדענק, אַז לויטן פּסוק איז מיטוואָך זייער אַ גוטער טאָג פאַר מלחמה.

ע מ ו ס: און ווי אַזוי איז געווען מאַנטיק?

ש י: מאַנטיק האָבן מיר דאָס שוין נישט געטאָן, כ'האָב נישט באַוויזן. אינעם מאָמענט, ווען כ'בין געווען אין עזה און איך האָב געזען, אַז מיר זיגן אין דער מלחמה און מיר האַלטן ביי ווערן אַן אָקופּאַציע־מיליטער, האָב איך אַוועקגעזעצט די גאַנצע אָפּטיילונג און געזאָגט צו איינעם פון אונדזערע בחורים — דירעקטאָר פון דער פּאַלקסשול אין אופקים — ער זאָל לייענען אין ספר יהושע וועגן עכן. אויב עפּעס וואָס האָט באַווירקט די אָפּטיילונג פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט פון אויפפירן זיך ווי אַן אָקופּירנדיקע אַרמיי — איז עס געווען דער קאַפּיטל.

ע מ ו ס: ווי אַזוי האָבן זיך געהאַלטן די מענטשן אין דער צייט פון גרייטקייט־צושטאַנד, אין דער צייט פון דעם לעצטן אָפּוואַרטן?

ש י: געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן. דאָס איז געווען אַ תקופה פון אַרבעטס־פיבער. מיר האָבן געגראָבן און זיך איינגעגעסט. אָבער טראָץ דער לאַגע זענען געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך אַרויסגעדרייט, נישט געוואָלט אַרבעטן. ס'איז געווען אַ שטיל אויסמיידן. זיי זענען פּשוט אַנטרונען. געווען מענטשן גענוג דערוואַקסענע, וואָס אַ טייל פון זיי איז נישט געוווינט צו פיזישער אַרבעט, און דעריבער האָבן זיי געפּרוווט זיך אַרויסדרייען פון דער אַרבעט. איך דערקלער דאָס דערמיט, וואָס מיט דעם גאַנצן „באַגאַזש" *, און ס'איז בעיקר ווען ס'איז נישט פאַראַן קיין „באַגאַזש" — באַך אַ שעה־צוויי שווערער אַרבעט, ביסטו גענייגט צו פאַרגעסן די טעאָריע און טראַכסט מער וועגן דעם שווייס און די שוועריקייטן און דער מידקייט.

און פון דער אַנדערער זייט — דער ביישפּיל פון אַ פאַלקסשול־לערער. אַ פינף־און־דרייסיק־יאָריקער ייד מיט אַ בייכל, אַן אַנגעזעסענער מענטש, אַ שטילער, און דער האָט געהאָרעוועט, אַרויסשלאָגנדיק זיך פון די כוחות. און געטאָן יעטוועדע אַרבעט. און ער האָט געשלעפּט אַ פוס בעת דער מלחמה און בשום אופן נישט מסכים געווען צו בלייבן פון הינטן. אַ ייד, אַ שטילער, ווען דו טרעפסט אים אין גאַס, וועסטו זען אַזאַ מין לערער אין ברילן, אַ „מלמד". און ער איז געוואָרן אַ סאָלדאַט און זיך אויסגעלערנט אָנשטעלן מאַשין־געווער אויף אַן אויסערגעוויינטלעכן אופן. און ער פלעג גיבר זיין שטרויכלונגען, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן.

ע מ ו ס: מיט וואָסער כוח ביסטו אַליין בייגעשטאַנען די דאָזיקע מידקייט?

ש י: כ'האָב נישט געדאַרפט ביישטיין. איינע פון די זאַכן, וואָס לייזן אַלע פּראָבלעמען פאַר די קאָמאַנדירן — איז דאָס קאָמאַנדירן גופא. די עצם נויטווענדיקייט צו זיין אַ פּערזענלעכער ביישפּיל, דער עצם פאַקט, אַז דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיקע מענטשן און פאַר זייער לעבן, דאָס לייזט דיר דעם גאַנצן ענין פון מאַכן אַן אָנשטעל. דו שטרענגסט זיך אַפילו נישט אָן דאָס צו טאָן.

מיר זענען געזעסן אין ניר־יצחק, און דעם ענין פון קיבוץ האָבן זיי אויפגענומען, ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אָן באַזונדערער נייגעריקייט. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז מיר זענען געקומען העלפן ניר־יצחק, ווייל די דאָזיקע גרענעץ־

---

* געמיינט: אידעאָלאָגישער באַגאַזש.

קיבוצים באַהיטן באר־שבע. די מערהייט פון זיי זענען געווען פון באר־שבע, דימונה, אופקים. דער קיבוץ האָט זיך באַצויגן צו זיי אויסגעצייכנט. דאָס איז געקומען צ'ים אויסדרוק אין דער הילף. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אינעם שטעלן צו אונדזער דיספּאָזיציע דעם שווים־באַסיין. נישט צום באָדן זיך, ווייל דאָס וואַסער איז געווען רעזערווירט פאַר אַ נויטפאַל, נאָר אויף צו נעמען אַ טוש אונטער די באַסיין־קראַנען. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין צושטעלן קינאָ־פילמען, אינעם אַרויס־העלפן מיט באַלעמס צו די ספּאָרט־שפּילן, בעת דער צייט פון וואַרטן. דאָס האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט אין דעם, וואָס דער קיבוץ האָט צוגעטראָגן 2000 ל״י פאַר די משפחות פון די געפאַלענע פון דעם רעגימענט. ס'האָבן זיך געשאַפן זייער שיינע באַציונגען צווישן רעגימענט און דעם קיבוץ.

ע מ ו ס : געווען אַ סך פרייע שעהן אין דער צייט פונעם וואַרטן. וואָס האָבן מענטשן געטאָן?

ש י : מיר האָבן זיך באַמיט צו זאָרגן דערפאַר, אַז יעטוועדע שעה זאָל זיין פאַרנומען. די מענטשן האָבן פאַרברענגט אַ סך צייטביים רייניקן דאָס געווער, איין מאָל נאָכן אַנדערן. די צווייטע זאַך — ספּאָרט. מיר האָבן געמאַכט אַ סך ספּאָרט. די אַרמיי האָט געזאָרגט פאַר פאַרווייליגנען אין די אָוונטן. מיר האָבן געאַרבעט אין דער קיבוץ־ווירטשאַפט און ביי די פאַרפעסטיקונגען. קיין מאַנגל אין באַשעפטיקונג איז נישט געווען.

ע מ ו ס : צי האָבן די מענטשן געלייענט ביכער?

ש י : זיי האָבן געלייענט ביכער. געלייענט דעם תנ״ך. די ליטעראַטור ווערט געטיילט אין אַזאַ פאַל אויף צוויי: תנ״ך און סידור, אָדער דעטעקטיוו־ביכלעך און ראָמאַנען. מיר האָבן געברענגט אַ שאַך און ווער ס'האָט געקענט שאַך — האָט געשפּילט. געברענגט אַ שעש־בעש*. מיר האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז אַ מענטש זאָל נישט בלייבן מיט זיך אַליין צו פיל צייט.

ע מ ו ס : געווען אַזאַ תקופה אין דער־אָ וואַרטצייט, ווען דו האָסט געהאַט ספיקות, אָדער מורא, וואָס וועט געשען בעת דער מלחמה. נישט מיט דיר אַליין פערזענלעך, נאָר בכלל מיט פאָלק ישראל? אָדער צי ביסטו די גאַנצע צייט געווען זיכער, אַז טאָמער ברעכט אויס אַ מלחמה, וועט זי זיך ענדיקן מיט אַן אַבסאָלוטן, אַנטשיידנדיקן נצחון?

ש י : כ'בין נישט געווען זיכער, אַז זי וועט זיך ענדיקן מיט אַן אַבסאָלוטן, און אַנטשיידנדיקן נצחון, אַזוי ווי זי האָט אין דער אמתן זיך געענדיקט. כ'בין געווען איבערצייגט, אַז מ'וועט ביי אונדז נישט דעראָבערן קיין שום אָרט. כ'בין געווען זיכער, אַז ס'וועלן זיין פאַרלוסטן אין דער אַרמיי, אפשר אויך צווישן דער ציווילער באַפעל־קערונג. אָבער כ'בין געווען איבערצייגט, אַז דערמיט וועט זיך ענדיקן אונדזער קאַשמאַר. און די מורא איז פאַרשטייט זיך, געווען וועגן דעם, ווער עס וועט זיין צווישן די די דאָזיקע אבידות.

* אַן אַראַבישע שפּיל.

עמוס: צי האָסטו געזאָרגט פאַר דער היים?

שי: כ'האָב זיך געזאָרגט.

עמוס: צי האָסטו מורא געהאַט, אַז זי קען באָמבאַרדירט ווערן?

שי: איך קען דיר דערציילן אַ קוריאָז וועגן דעם דאָזיקן ענין. אדי איז געקומען מיך באַזוכן אין ניר־יצחק אין דעם שבת פון פאַר דער מלחמה. און זי האָט דערציילט, אַז רון (מיין ברודער — דער פליער), איז געקומען אַהיים און געזען אַז מען אָרדנט איין און מען גרייט צו די בונקערס, האָט ער געלאַכט און געזאָגט: זייט מוחל, איר מיינט טאַקע, אַז מיר וועלן דערלאָזן עפּעס אַן עראָפּלאַן דערגרייכן אַהער צו באָמ־באַרדירן? אַזאַ מין זאַך, ווי קאָמיש דאָס זאָל נישט זיין, האָט מיך אין דעם פּרט באַרויִקט מער פון אַנדערע זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אונדז געקאָנט באָמבאַר־דירן פון לאַטרון, און אין דער הינזיכט בין איך געווען באַזאָרגט. וועגן „אָקופּירן דאָס אָרט" — האָב איך זיך נישט געזאָרגט.

●

פאַר דער שלאַכט
(פון אַ שמועס אין קיבוץ גת)

דן: קומט לאָמיר אָנהייבן מיט דעם גרייטקייט־פּעריאָד. די מענטשן האָבן נישט געמאַכט קיין שום חשבון. אָוועק אין רעזערוו־דינסט און נישט געטראַכט וועגן די פּערזענלעכע שווערקייטן, וואָס זענען געווען אָן אַ שיעור — און נישט וועגן געשעפטלעכע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. זיי זענען געקומען און גרייט געווען אַוועקגעבן אַלץ. און פּלוצעם האָבן זיי געזען, אַז ס'האַלט נישט דערביי, מען זאָל טאָן עפּעס וואָס, נאָך אַ חודש, נאָך צוויי — האָבן חברה זיך איינגעבראָכן, און געזאָגט: אויב אַזוי?... און דעמאָלט האָבן אויף יעדן איינעם געגנומען דריקן זיינע פּערזענלעכע פּראָבלעמען... און דעמאָלט איז געווען זייער אַ וויכטיקע פראַגע פון לאָיאַליטעט. כ'האָב זיך שטאַרק באַמיט זיי אויפצוקלערן די נייטיקייט פונעם אָפּלייגן, פון נישט־אַרויסגיין אין אַ מלחמה, צוליב פּאָליטישע אויסרעכענונגען, וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען... איך פּערזענלעך האָב געטראַכט, אַז דאָס מיינט — נישט אַרויסצוגיין אין מלחמה...

אמנון: חברה האָבן זיך צעטיילט אין צוויי מחנות. איין מחנה, וואָס האָט שטרענג קריטיקירט די גאַנצע אָנפירונג פון דער מדינה, און געטענהט: אויב ס'וואָלט געווען בן־גוריון... און אויב ס'וואָלט געווען דיין — דאַן וואָלט מען בכלל נישט געמאַכט די אַלע אָפּלייגענישן... און בכלל... און געווען אַן אַנדער מחנה, און איך צווישן זיי. כ'האָב געזאָגט: אין דעם מאָמענט זענען מיר מאָביליזירטע סאָלדאַטן. מ'דאַרף שענקען

פולן צוטרוי דער אָנפירונג, טראָץ דעם, וואָס איך געהער גראָד נישט צו דער רעגירונג־פּאַרטיי, אָבער איך האָב נישט קיין צווייפל אין זייערע אויסרעכענונגען.

דעם זעלבן אָוונט האָט זיך אַנטוויקלט אַ וויכוח צווישן מיר און מיין פּאַרטרעטער. ער האָט מיר געזאָגט: הער זיך איין, דו ביסט אַ רודף־שלומניק. איך וויל אַרויסגיין מיט אַ קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר וואָס איז גרייט צו קעמפן. ער האָט עס געזאָגט אין אַ געוויסן שאַרפן טאָן. איך, פּערזענלעך, בין שטאַרק באַליידיקט געוואָרן דערפון. ער האָט דערנאָך געטענהט, אַז ער האָט עס געזאָגט אין אַ וויץ.

אגב, פרימאָרגנס נאָך דער שלאַכט, האָב איך אים געפרעגט: נו, וואָס איז דיין מיינונג וועגן מלחמה און שלום? א. אַ. וו. (אויך ביי אים איז דאָס געווען די ערשטע מלחמה)... איז זאָגט ער: „אמנון, אין מיין גאַנצן לעבן וועל איך האַלטן אַ טויבנפאָר צוגעדריקט צו דער ברוסט... איך וויל נישט הערן וועגן מלחמה״. אַזוי איז עס נאָך דער מלחמה.

●

פון אַ שמועס מיט אשרן (קיבוץ משמר הנגב)

ד ו ד: צי קענסטו אַרויסברענגען דיין געפילן־באַשטאַנד פון פאַר דער מלחמה?

א.: דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירט געפיל. פון איין זייט האָסטו געוווסט, אַז די היים איז אין אַ סכנה, און אַז די ירדנישע האַרמאַטן גרייכן ביז תל־אביב, ס׳איז אונדז געווען קלאָר פון פאָרויס אָט די מעגלעכקייט (נאָר מיר האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן דאָס טאָן מיט גרעסערער עפעקטיווקייט) און אַז דער מצרישער און אַראַבישער לופט־פלאָט איז גאָר שטאַרק. מיר האָבן געטראַכט, אַז ביז וואַנען מ׳וועט זיי ליקווידירן, וועלן זיי באַוויזן אָנצומאַכן גרויס שאָדן. און ס׳איז געווען אַ געפיל, פון דעם שטאַנדפונקט, דו האָסט געוווסט און געפילט, אַז דו פאַרטיידיקסט דיין היים. און כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די מלחמה האַלט ביים אויסברעכן. און דאָס איז נישט קיין אָנגענעם געפיל. דער פאַקט אַליין, אַז דו ווייסט עפעס וואָס און טאָרסט נישט רעדן מיט קיינעם אויף דער דאָזיקער טעמע. מיר זענען דאָ געווען נאָענט פון דער היים און כ׳האָב באַוויזן אָהיימצושפרינגען, אַזוי זיך אויף אַ האַלבע שעה, אויף אַ שעה. כ׳האָב זיך דאָ אַרומגעדרייט אינעם הויף און איינגעקוקט זיך אין די חברה, און דער אמת איז, אַז כ׳האָב מערער געדאגט פאַר זיי, ווי פאַר זיך אַליין. געקוקט אויף די בונקערס, געקוקט אויף די קינדער, געטראַכט, צי וועלן זיי באַוויזן אַריינצוגיין, אָדער נישט באַוויזן אַריינצוגיין, ס׳וועט זיין גענוג — נישט זיין גענוג. כ׳האָב געקוקט אויף די נייע שוצגראָבנס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן. ס׳איז פשוט שווער געווען אויסצודריקן מיט ווערטער די זאָרג פאַר דעם, וואָס וועט דאָ זיין אין דער היים. דעריבער איז געווען זייער אַ שווער געפיל. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז אַ סך פון

די חברה, פון די קינדער, פון די מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אויפן הויף, גלייך זיי ווייסן נאָך גאָרנישט, וואָס לייענען צייטונגען און פּילפּולען זיך וועגן אַלערליי זאַכן, און זיי ווייסן נישט, אַז די דאָזיקע גרויסע און שרעקלעכע זאַך האַלט ביים געשען. דער אמת איז, אַז די גאַנצע זאָרג איז געווען פאַר דער היים, ווייל דו האָסט פּשוט געוווּסט, אַז כל זמן דו ביסט אויפן פראָנט, געפינסטו זיך אין אַ גוטער געזעלשאַפט און האָסט נישט וואָס צו זאָרגן. דאָס איז אַ זאַך פון געפיל. און דאָ האָסטו שטענדיק אַ געפיל, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן. דאָס איז אַ נישט אָנגענעם געפיל.

דוד: צי איז געווען ביי דיר אַ שמץ פון אַ געדאַנק, אַז אויך דו קענסט געטראָפן ווערן, אַז ס׳איז מעגלעך אַז דו וועסט דאָ איבערלאָזן דיין משפחה?

א.: ניין, דאָס איז מיר נישט איינגעפאַלן. כ׳האָב וואָס אַן אמת געטראַכט וועגן דעם, געטראַכט, אָבער נישט געפילט. דאָס איז געווען אַ מאָדנער מצב. לאָגיש האָב איך געוווּסט, אַז די סכנה, דאָס אַרטילעריע־פייער וועט קודם כל זיין געווענדט אויף אונדז. אָבער צוליב עפּעס וואָס איז נישט געווען קיין געפיל, אַז ס׳קען דיר עפּעס פּאַסירן. דאָס איז אַן ענין פון געפיל און נישט פון קיין לאָגיק. לאָגיש האָב איך געוווּסט, אַז דאָס וועט אונדז קאָסטן טייער, און כ׳האָב עס אויך געפילט. אָבער נישט אַזוי, אַז דאָס וועט געשען מיר.

ציוניזם און גורל־געפיל

פון אַ שמועס אין קיבוץ עין־שמר

אורי: כ׳בין געווען דורכגעדרונגען דורך צוויי קעגנזייטיקע געפילן. ביז צום פאַרמאַכן די דורכגוסן האָב איך נישט געגלייבט, אַז ס׳וועט זיין אַ מלחמה. נאָכן פאַרמאַכן די דורכגוסן, איז געווען קלאָר פאַר מיר, אַז זי וועט אויסברעכן. ס׳איז מיר אויך געווען קלאָר, אַז ווי אַ גוטער ייד, אָדער גוטער ישראלי, דאַרף איך וועלן, ס׳זאָל זיין אַ מלחמה, און פון דער אַנדערער זייט האָב איך מורא געהאַט פאַר דער מלחמה. געווען אַ צווייפלעניש, געווען אַ דערשלאָגנקייט ווי אַ רעזולטאַט פון דעם געפיל, אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך. און פחד.

ס׳איז געווען זייער אַן ערנסטע דערשלאָגנקייט. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז יעדן אָונט האָסטו געוווסט, אַז אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, ווען דו וועסט אויפשטיין, קען מען דיר זאָגן: „דאָס איז עס, טו זיך אָן און מיר פליען אַרויס״. מיר האָבן געמאַכט אַ ביסל פּאָליטישע אויסרעכענונגען — אויב אבא אבן איז אָפּגעפאָרן — ביז ער וועט צוריקקומען, וועט מען נישט אָנהייבן. דאָס געפיל איז געווען, אַז יעדער טאָג, וואָס איז אַדורך — איז דו וואָלסט באַקומען געשענקט נאָך אַ טאָג.

נאָך אַ געפיל איז געווען ביי מיר און ביי אונדז פאַר דער מלחמה — מיר האָבן געוווסט די זייער גורלדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אונדז. געוווסט, אַז די אויגן פון גאַנץ צה״ל און די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק זענען אויפגעהויבן צו אונדז. און מיר זענען געגאַנגען מיט אַ געפיל, אַז מיר טוען ממש אַ ציוניסטישן טאַט מיט אונדזער קעמפן. נישט מיטן קעמפן, נאָר מיטן אופן פון אויספירן: אויף וויפל מיר פירן אויס פינקטלעך די פאַרשיידענע פּרטים. שטעלן אָן די ריכטונג. קומען אָן און לאָזן זיך אַראָפּ מיטן ריכטיקן ווינקל... באַפרייען רעכטצייטיק די באָמבעס... אין דער געגעבענער סיטואַציע איז דאָס געווען דער קאָנקרעטער אופן צו פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע אידעע.

אַזאַ איז געווען דאָס געפיל. אין סך־הכל האָב איך זיך געפרייט, וואָס כ׳געפין זיך, ווו איך געפין זיך. ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז דאָס איז איינס פון די בייטיקסטע ערטער.

עמוס: אורי, אָט דאָס געפיל פון דערשלאָגנקייט, וואָס דו האָסט דערציילט וועגן אים — צי האָבן די חברה גערעדט צווישן זיך וועגן דעם, אָדער צי דערציילסטו בלויז וועגן זיך אַליין?

אורי: פון איין זייט איז געווען אַ באַדערפעניש אויסצולאָדן די געפילן. ס׳וועדט דערפון גרינגער. אָבער פון דער אַנדערער זייט — איז נישט אָנגענעם צו רעדן וועגן פחד... ביי מיר איז געווען אַ געפיל, אַז אַזאַ זאַך שלאָגט אַראָפּ דעם מאָראַל, און דעריבער האָט מען זיך באַמיט נישט צו רעדן וועגן דעם.

— — — דער דורכשניט פון די מענטשן ביי אונדז איז אַ פאַרשידנאַרטיקער. אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי איז ווי עס איז פאַרבונדן מיט דער אַרבעטנדיקער התישבות *. איך האָב געהאַט אַ „באַגאַזש״ פון ווערטן, וואָס האָט אויסגעפורעמט

---

* מיינט: קיבוצים און מושבים.

אַ באַשטימטע וועלט־אַנשויונג, אַ באַגאַזש פון ווערטן, וואָס כ׳האָב באַקומען אין די יאָרן פון מיין דערציִען זיך אין קיבוץ.

— — — אין איינעם אַ טאָג זענען מיר געזעסן אין דער פרי אינעם אינסטרוקציע־צימער און געוואַרט אויף עפּעס אַן אינסטרוקציע, און ספּאָנטאַניש, גאָר פּלוצעמדיק, האָבן מיר אָנגעהויבן צו זינגען. מיר זענען געזעסן און געזונגען. דאָס איז געווען אַ געוויסע פאָרעם פון אויסלאָדענען די געפילן און אַן אויסדרוק פון די קלעמענישן. די איינהייט איז זייער אַ קאָנסאָלידירטע, די מענטשן שלאָפן אין איינעם. — — — כ׳האָב געזאָגט צו זיך אַליין, אַז אין אַזאַ מצב איז דער איינציקער אויסוועג צו זיין אָפּטימיסטיש. דאָס הייסט, זאָגן, אַז ס׳וועט זיין גוט; דאָס פאַרפליכטעט דיך נישט.

איין טאָג, בעת דעם גרייטקייט־פּעריאָד, בין איך געזעסן מיט איינעם אַ ייד אין דער באַזע. מיר זענען געזעסן און געגעסן נאַכטמאָל. און ער האָט מיך געפרעגט: „וואָס זאָגסטו, וואָס וועט זיין?” כ׳האָב געענטפערט: „ס׳וועט זיין גוט”.

ער האָט געפרעגט: „וואָס, דו גלייבסט אין דער אמתן?”

האָב איך געענטפערט: „איך גלייב אין דער אמתן”. ער איז געווען איבערראַשט פון מיין אָפּטימיזם. פאַקטיש בין איך געווען פּעסימיסטיש אַזוי ווי ער. אָבער שפּעטער האָב איך אים געזאָגט, אַז בעצם איז דאָס אַ פילאָזאָפיע, וואָס כ׳האָב זיך אויסגע־אַרבעט, כדי גובר צו זיין. כ׳האָב מיר אויסגעאַרבעט אַ זעלבשוץ־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אויסערלעכן אָפּטימיזם. דער גורם פון פּעסימיזם איז געווען נישט בלויז די פּערזענלעכע סכנה, נאָר דאָס פאַרערגערן זיך פונעם מיליטעריש־פּאָליטישן מצב צוליב דער פאַראייניקונג פון אַלע אַראַבישע לענדער קעגן אונדז.

פאַר מיר איז די מלחמה געווען אַ לאַנג־דויערנדיקע, פון מאָנטיק אין דער פרי ביז שבת אָוונט. זעקס טעג. ביי יעדן אַרויספלי ווייסטו, אַז דו קענסט גיין און נישט קומען צוריק.

— — — דער ערשטער אַרויספלי איז געווען דער סאַמע שווערסטער. ווייל דאָס איז די ערשטע פייער־טבילה, די ערשטע באַגעגעניש מיט דעם אומבאַוווּסטן. אין דער אמתן בין איך אַרויס מיט דער צווייטער רונדע און געזען, אַז די ערשטע רונדע פון מיין איינהייט — אַלע זענען צוריקגעקומען בשלום. כ׳האָב געזען, אַז מען פליט אַרויס און מ׳קערט זיך אום, און דער עסק „אַרבעט”, פון דעסטוועגן בלייבט מען לעבן. דאַן איז געווען אַ געוויסע פאַרלייכטערונג.

ע מ ו ס: ווען די חברה פון דער ערשטער רונדע זענען אַרויס, זענט איר געשטאַנען און געקוקט אויף זיי?

א ו ר י: מיר האָבן געזען, ווי די עראָפּלאַנען גייען אַרויס מיט די באָמבעס, און מיר האָבן געוווּסט, וואָס ס׳טוט זיך. מיר זענען געגאַנגען עסן פרישטיק, געוווּסט, אַז מיר עסן דאָ און גראָד אין דער זעלבער צייט וואַרפן אונדזערע חברה אַראָפּ די באָמבעס אויף די פליפלעצער אין מצרים. און ס׳איז געווען זייער אַ מאָדנע געפיל.

ע מ ו ס: איר האָט גערעדט וועגן דעם בעתן עסן?

א ו ר י: יאָ. מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז זיי זענען דאָרטן — און מיר דאָ. מיר האָבן געפילט יענעם היסטאָרישן מאָמענט. און ביי דער דאָזיקער פייערלעכער געלעגנהייט האָב איך אויך אָנגעשריבן אַ בריוו אַהיים.

— — — אַ וואָך נאָך דער מלחמה בין איך אָנגעקומען מיט אַן אויספלוג צום קאַנאַל און מיר זענען פאַרביי אַ געוויסן פונקט, וואָס כ׳בין פאַרבייגעפלויגן איבער אים אינעם ערשטן אַרויספלי, אַנטקעגן דעם שאָסיי קיין איסמאַיליאַ. האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: אָט שטיי איך דאָ. ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק בין איך דאָ פאַרביי־געפלויגן, און מ׳האָט געשאָסן אויף מיר מיט אַ זעניט און איך האָב זיך געפילט ווי אַ מויז, וואָס לויפט אַרום צווישן קעץ. דאָס איז געווען אַ באַזונדער געפיל...

עמוס: צי האָסטו געפילט נאָך דער מלחמה אַ פערזענלעכן שטאָלץ, וואָס דו האָסט אַקציעס אין אָט דעם עסק.

אורי: די מיליטערישע אַוויאַציע האָט „איינגעזאַמלט״ אַ סך קאָמפּלימענטן, אַ סך לויב. און אויך מיר פערזענלעך. גוט צו וויסן, אַז דו ביסט געווען אויף אַ בייטיקן אָרט בעת דער מלחמה. צוזאַמען מיט דעם בין איך איבערצייגט, אַז די נצחונות און די דערגרייכונגען פון דער מיליטערישער אַוויאַציע זענען נישט געקומען דערפאַר, ווייל די פליערס זענען גרעסערע העלדן פון אַנדערע; אויב מען וואָלט גענומען די פליערס און זיי אַריינגעשטעלט אין די פאַראַשוטיסטן־רעגימענטן און די פאַראַ־שוטיסטן וואָלט מען אַריבערגעפירט אין דער אַוויאַציע — וואָלטן די רעזולטאַטן פון דער מלחמה זיך נישט געענדערט. מ׳דאַרף אויך געדענקען, אַז די פאַראַשוטיסטן און אַנדערע האָבן געהאָט אַ גרעסערן פראָצענט פאַרלוסטן. אין אַלע פאָרמאַציעס האָט מען געקעמפט, — ווייל מ׳האָט געוווסט, אַז מ׳דאַרף קעמפן. ס׳איז פאַראַן אַ שטאָלץ אין דער אַוויאַציע און דער דאָזיקער שטאָלץ איז אַ באַרעכטיקטער. אָבער פון דער אַנדערער זייט ווייס איך, אַז אויב יעדער איינער פון די, וואָס זיצן דאָ, וואָלט זיך געפונען אויף דעם אָרט, ווו איך האָב זיך געפונען בעת דער מלחמה — וואָלט ער דאָס געטאָן מיט דער זעלבער מאָס פון דערפאָלג. מ׳דאַרף נישט צושרייבן די פליערס גייסטיקע אייגנשאַפטן, וואָס זאָלן כלומרשט אַריבערשטייגן די אייגנשאַפטן פון אַנדערע קעמפער.

קאמפגייסט

פון צייט צו צייט פלעגן מיר שמועסן, וואָס זענען עס אייגנטלעך די פאַרבינדונגען וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן די זעלנער אין מיליטער און דערנאָך אין רעזערוו־דינסט. און ס'פלעגט אים שווער זיין צו פאָרמולירן. אָדער וואָס איז דער אונטערשיד צווישן די פאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין דער קינדער־געזעלשאַפט אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן, אינעם העכערן עלטער, צי נידעריקערן עלטער, און צווישן די פאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין מיליטערישן לעבן. ס'איז אים שווער אָנגעקומען דאָס צו באַצייכענען. ער האָט געזאָגט: דאָס איז העכער ווי ברודערשאַפט, ס'איז מער ווי חברים, ס'איז מער ווי פריינד־שאַפט. בעצם, האָט ער נישט געוווסט ווי אַזוי עס אַ נאָמען צו געבן. ער האָט בלויז געוווסט, אַז ס'האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע באַציונגען, אַז איינער איז גרייט צו גיין פאַרן צווייטן ביזן סוף. פאַרשטייט זיך, אַז עופרן איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז עמעצנס לעבן זאָל זיך איבעררייסן אויף אַזאַ אופן, ווייל נישט אַזאַ איז דער געדאַנקען־גאַנג פון אַ יונגן מענטשן, אַפילו נישט פון אַ דערוואַקסענעם. ער אָבער האָט געזאָגט (ער איז דער־מאָלט אוודאי אויסן געווען די איבונגען, אָדער לייכטערע דעסאַנטן, אָדער אַקציעס, וואָס באַלאַנגען צום ציווילן לעבן, וועלכע קענען פאַסירן אין אונדזער תקופה. ס'האָט זיך אָבער נישט גערעדט וועגן אַ מלחמה, אין וועלכער ס'קאָן זיין פאַרניכטונג). — „כ'ווייס, אויב כ'גיי אַרויס אין וועלכער ס'איז אַקציע, אָדער אויב מיר וועט עפּעס געשען, ווייס איך, אַז די חברים לעבן מיר וועלן גרייט זיין צו געבן געווי דאָס וואָס איך בין גרייט צו געבן פאַר זייערטוועגן".
איך מיין, אַז פאַרן זעלנער איז עס דאָס סאַמע זיכערסטע געפיל וואָס קאָן נאָר זיין, אויב ער ווייסט, אַז לעבן אים און אין הינטערלאַנד (איך רעד איצט וועגן מיליטער) זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זענען גרייט אָפּצוגעבן זייער לעבן. און איך האָב געזען אין דער דאָזיקער אַקציע — פון איבערפירן עופרן ווען ער איז געווען פאַרוווּנדעט, — איך האָב געזען ווי יענע זעלנער זענען גרייט געווען מקריב צו זיין זייער לעבן. זייער מזל איז, וואָס זיי זענען אַרויס לעבעדיקע. לויט די באַדינגונגען אָבער האָט עס געקאָנט זיין אַנדערש. איך האָב געהאַט דאָס פולע געפיל, אַז יענער זעלנער האָט נישט געטראַכט קיין איין מינוט, אַז ער דאַרף זיך אַליין אָפּהיטן און דורך דעם פאַרקלענערן די שנעלקייט, אָדער מעגלעכקייט איבערצופירן דעם פאַרוווּנדעטן אויף אַ זיכערן אָרט.
און איך מיין, אַז יעדער פון די עלטערן (איר זענט דאָך קינדער פון טאַטע־מאַמע), איז אַ ביסל אַריינגעטאָן אין דער געפיל־וועלט פון זיינע קינדער. דאָס קאָן געבן נישט נאָר דערמוטיקונג, נאָר אויך אַ מין טרייסט, אַז אונדזערע קינדער, ווען זיין גייען, האָבן זיי אַ שוץ. כ'ווייס נישט ווי אַזוי זיך אויסצודריקן, נאָר איך האָב אַ געפיל, אַז אויב איר זענט זיכער, אַז דער צווייטער

איז גרייט זיך מקריב צו זיין אַזוי ווי איר פּאַר אַנדערע — האָבן דאָס זעלבע געפיל די עלטערן, וואָס זיי שיקן זייערע זין אין דער מלחמה. און איר געפינט זיך אין אַזאַ ראַם, אַז יעדער פון די עלטערן זאָגט נישט צו זיין זון: „זאָלסט נישט גיין אויף אַ געפער־לעך אָרט". ווייל מיר ווייסן, אַז פּאַר דעם זענען מיר באַשאַפן געוואָרן און אַזאַ איז אונדזער אויפגאַבע און אַזאַ איז די אויפגאַבע פון די זין.

שושנה פעניגער

(אין אַ שמועס פון די חברים פון מיליטער וועגן איר זון עופר, וועלכער איז געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר ירושלים).

וועגן חברשאַפט און וועגן „לית ברירה"

פון אַ שמועס אין קיבוץ גבעת השלושה

יריב: רעדנדיק וועגן דער מלחמה, האָט דער שעף פון גענעראַל־שטאַב געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אויפגאַבע, וואָס איז נישט אויסגעפירט געוואָרן; אַז קיין שום איינהייט האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון דערפילן איר אויפגאַבע. און כ'פרעג זיך אַליין: מיט וועלכן כוח איז דאָס געטאָן געוואָרן? האָט איר געזען דערשיינונגען פון פחד אין דער דאָזיקער מלחמה? האָט איר געזען צוריקטרעטן? האָט איר געזען מענטשן, וואָס האַלטן זיך אָפּ פון דערפילן אַן אויפגאַבע? וואָס האָט געגעבן דעם דאָזיקן כוח די מענטשן צו אַטאַקירן אַנטקעגן פייער — נישט ווי אַ דערשיינונג פון איינצלנע... איך האָב דאָס געזען איין מאָל און נאָך אַמאָל... און ביים אַרויסראַטעווען פאַרווונדעטע זענען געווען סצענעס, וואָס גרענעצן כמעט מיט זעלבסטמאָרד. דאָס הייסט, איבער יעטוועדער באַזינונג און אויסער יעטוועדער אָנגענומענער, אָדער באַזאַכ־טער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע. ווי אַזוי דערקלערן, אַז נישט קיין יחידים, נאָר אַ גאַנצע אַרמיי — באמת א גאַנצע אַרמיי — האָט זיך צוגעאייגנט אַ מין פעיקייט אַזוי צו האַנדלען?

הלל: כ'ווייס נישט צי כ'וועל עס קענען דערקלערן. אָבער דער אמת איז — אַז ס'איז טאַקע אַזוי. כ'האָב מיט מיינע אויגן געזען, נישט נאָר אין מיין איינהייט, נאָר אויך אין אַנדערע איינהייטן — קיין איין איינהייט האָט זיך נישט דערלויבט צו רוקן זיך אויף צוריק. פון טאַקטישן שטאַנדפּונקט איז שוין געווען נויטיק זיך צוריקצורוקן, צוריקצוציען און ענדערן די אַטאַקע, אפשר זי דורכפירן פון אַן אַנדער ריכטונג, אפשר ברענגען נאָך כוחות. און איך מיין, אַז דאָס איז באמת געווען איינע פון די גרויסע זאַכן אין דער דאָזיקער מלחמה, אַז מ'האָט קיין איין מאָל זיך נישט גערוקט אויף צוריק. ס'זענען געווען פאַלן פון פחד ביי איינצלנע, ווען מ'האָט בעת אַ שווערער באָמבאַרדירונג

באַדאַרפט אָנפילן די טאַנקען מיט ברענשטאָף, און די שאָפערן פון די זחל״מס * מיטן ברענשטאָף זענען אַרויסגעשפרונגען און אַנטלאָפן. אָדער אַ קאָלאָנע מיט פאַרזאָרגונג איז באַשאָסן געוואָרן און מ׳האָט באַדאַרפט נאָך זיי נאָכלויפן, נאָך עטלעכע פון די שאָפערן, וואָס זענען צעטומלטע געשפרונגען פון דער מאַשין, און זיי צוריקברענגען צו דער מאַשין. געווען עטלעכע אַזעלכע פאַלן. אָבער תמיד איז געווען עמעצער, וואָס האָט זיך אומגעקערט — און אַפילו ווען ס׳איז נישט געווען דער זעלבער שאָפער, אָדער די זעלבע מאַנשאַפט פון דער דאָזיקער מאַשין — איז ער דאָרט אַריין און ממשיך געווען. און דאָס האָט קיין מאָל נישט אַרויסגערופן קיין פּאַניק, נאָר פאַרקערט. איך געדענק דעם דאָזיקן ענין פון אָנפילן מיט ברענשטאָף אונטער אַ באָמבאַרדירונג, דעמאָלט זענען די שאָפערן פון זחל״ם אַרויסגעשפרונגען און באַלד זענען אָן שום באַפעל — ס׳האָט גענומען סעקונדעס — געשפרונגען חברה פון די אויסשפּירערס... זיי זענען אַראָפּ פון די דזשיפּן, אַריין אין די זחל״מס און ווייטער אַריינגעגאָסן דעם ברענשטאָף.

יגאל: — פון וואָס דרינגט עס אַרויס? — קודם כל דרינגט עס אַרויס פון אַ באַשטימטער סיטואַציע אין וועלכער מיר געפינען זיך אין דעם דאָזיקן לאַנד אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן — פון טראַדיציע, פון פריערדיקע נצחונות, פונעם געפיל, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ברירה. דאָס אַלץ צוזאַמען דערפירט דערצו, אַז די אַרמיי, ווי אַ גרויסער גוף, קעמפט אַזוי, אין אַזאַ פאָרם. אָבער וואָס? די־אָ קעמפערס, אין מאָמענט ווען די קעמפן, מיר זעט עס אַזוי אויס, אַז דער ציוניזם און אַלץ וואָס איז מיט אים פאַרבונדן מיט אָדער אָן געגנדזנפּיסלעך — האָט נישט קיין אָרט אין דעם מאָמענט. ווען דער זעלבער קעמפט, טראַכט ער נישט וועגן רענעסאַנס פון פאָלק ישראל און וועגן דעם אַז מ׳וויל אונדז אומברענגען און דאָס אַלץ... דאָס איז ווייט פון אים... ער טראַכט וועגן דעם אַז ער... ס׳איז נישט נאָר אַן אינסטינקט, ס׳איז אַ געדאַנק, וואָס קומט אין רעזולטאַט פון איבונגען. און אין דער שלאַכט וויל יעדער ווייטער עקזיסטירן, בלייבן לעבן. דאָס קאָן זיין אַ מענטש אַלס פּרט אָדער אַ קעמפנדיקע איינהייט, וואָס וויל פאַרזעצן און עקזיסטירן; און אָן ציוניזם. פאַראַן אויך די באַציִונגען צווישן די קעמפערס גופא — אויך דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר צה״ל. נישט יעדער איינער זאָגט: ווי אַזוי וועל איך אַרויס פון דער גאַנצער מהומה און בלייבן לעבן? נאָר: ,ווי אַזוי וועל איך דאָס מאַכן צוזאַמען מיט מיין חבר׳, ,ווי אַזוי וועלן מיר דאָס טאָן ווי אַ איינהייט׳, ,ווי אַזוי וויל איך אויסזען אין זיינע אויגן, אַז איך קעמף איצט, ווען ער איז פאַרוווּנדעט און איך דאַרף אים אַרויסראַטעווען און כ׳טו עס אַזוי צי אַנדערש׳ — דאָס איז דער וויכטיקער פּונקט אָן אידעאָלאָגיע און אָן ציוניזם — די דאָזיקע באַציִונגען צווישן די קעמפערס. און טייל מאָל זענען עס נישט חברישע באַציִונגען, נאָר פּשוט אַ מאַנשאַפט־אַרבעט... אַ מאַנשאַפט־אַרבעט... ווען אַ מאַנשאַפט קעמפט אין טאַנק, האָט יעדער איינער זיין באַשטימטע אויפגאַבע. דער אַרטילעריסט דאַרף זיין דרייסט כדי צו קוקן אינעם צילער און דריקן אויפן ציינגל, ווען ער זעט, אַז דער טאַנק פון אַנטקעגן זעט זיין בעך, אַז ער שיסט אויף אים. דער קאָמאַנדיר פון טאַנק זעט אַלץ וואָס אַרום אים טוט זיך. יעדער איינער האָט אַ באַשטימטע אויפגאַבע און אין דער זעלבער צייט אַרבעט מען

* זחל״ם — אַ געפּאַנצערטע מאַשין אויף קייטן־רעדער.

ווי אַ קאָלעקטיוו. דער קאָמאַנדיר פון טאַנק קאָן באַוועגן מיטן קאָפּ און ווייניקער געטראָפן ווערן. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש אין דער לעצטער מלחמה, אַז די קאָמאַנדירן פון די טאַנקן זענען געטראָפן געוואָרן אין אויבערשטן טייל פון קערפּער. אַ מאַסע קאָמאַנדירן זענען דערהרגעט געוואָרן, ווייל אַ העלפט פון זייערע קערפּערס איז געווען אויסער דעם טאַנק. פאַר וואָס האָבן זיי זיך אַזוי געפירט? ווייל האַלטן דעם גוף אינעווייניק — איז מיסברויכן מיטן צוטרוי אין דער מאַנשאַפט... איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן איז דער, אַז דער קעמפער טראַכט ווי איז ער אין באַצוג צו אַנדערע; צי איז ער אין אָרדענונג? דער ציוניזם איז נישט געקומען צום אויסדרוק אין דער שלאַכט. בעת דער שלאַכט פונקציאָנירט דער ענין ווי אַזוי זיגן, ווי אַזוי בייצושטיין און ווי אַזוי אויסצוזען אין די אויגן פון דיינע חברים.

אהוד: דער קאָמאַנדיר וואָס גייט דער ערשטער און רופט „נאָך מיר", שיינט מיר, אַז דאָס איז די סיבה פונעם נצחון.

צבי: פאַראַן אויך דער פאַקטאָר פון דער באַציִונג צווישן מענטשן, די פריינדשאַפט. דאָס איז אַ נישט־פּראָפעסיאָנעלע אַרמיי, אין וועלכער דו טרעפסט זיך מיט די זעלבע מענטשן יעדעס יאָר, מענטשן מיט משפחות, עלטערן פון קינדער. דער געדאַנקען־גאַנג און די שמועסן זענען בדרך כלל וועגן דער היים און די דאָזיקע ענינים — און דאָס פאַרוואַנדלט די זאַך אין אַ פיל מער מענטשלעכן. דעמאָלט זענען די באַציִונגען צווישן די מענטשן אַ סך טיפערע, ווייל עס שאַפן זיך פערזענלעכע פאַרבינדונגען נישט אויפן באָדן פון מיליטערישקייט... איך מיין, אַז דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן. פאַרשטענדלעך, אַז עס זענען פאַראַן נאָך פאַקטאָרן, אפשר אונטער־באַוווסט־זיניקע, דער ענין פון „נישטאָ קיין ברירה". הגם אין דער צייט פון דער שלאַכט איז עס נישט קיין פאַקטאָר, וואָס מען פילט.

אהוד: — — — ס'איז זייער וויכטיק, באמת, די קאָנטשאַפט מיט מענטשן און זייערע משפחות. איך קען נישט כמעט די משפחות פון מיינע זעלנער, כ'האָב אָבער געזען פאָטאָגראַפיעס. איינער איז געפאָרן אַ היים און געבעטן פון זיין פרוי זי זאָל טעלעפאָנירן און אָפּגעבן אַ גרוס מיין היים. און אַז דער דאָזיקער זעלנער איז פאַרווונדעט געוואָרן, האָב איך באַלד געטראַכט וועגן זיין פרוי. וואָס וועט זיין מיט איר?.... דאָס הייסט, פאַראַן אַ פאַרבינדונג מיט משפחות, אַפילו ווען מ'קען זיי נישט. נאָך עפּעס, העלדנטאַטן אין צה"ל זענען געוואָרן כמעט אַ טעכניק. מיר האָבן די גבורה פאַרוואַנדלט אין אַ טעכניק.

יגאל: און ווידער די דאָזיקע דערשיינונג, אַז די קאָמאַנדירן גייען פאָרויס און די זעלנער אַטאַקירן הינטער זיי און האַלטן זיך נישט אָפּ צוליבן פייער. איך טראַכט, אַז דאָס האָט זיך היינט פאַרוואַנדלט אין אַ טעכניק אין צה"ל. אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן פון אונדזער רעגולערן דינסט, האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו דעם, אַז מיר פאָרן פאָרויס און קוקן אויף אונדזער חברה, וואָס איז הינטער אונדז. און דעמאָלט ווייסן מיר ווו זיי געפינען זיך. און דעמאָלט האָבן מיר איבער זיי די שליטה. ס'איז אַ פשוטער טעכנישער ענין. ס'איז געוואָרן אַ געוווינהייט, וואָס איז מיר היינט שווער צו דערקלערן.

צבי: אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז צונויפגעשטעלט פון פלאַסטן־פלאַסטן, וואָס איז גורם, אַז דער זעלנער זאָל לויפן פאָרויס? דאָס היסטאָרישע געפיל. דאָס „נישטאָ

קיין ברירה״, די דערציִונג, דער באַוווסטזיין. מיר שיינט, אַז דאָס אַלץ לאָזט זיך אויס־דריקן אין איין זאַץ — „וואָס וועט זאָגן חברה״. דאָס מיינט, אַז יעדער איינער אין דעם לאַנד פילט זיך אַליין ווי אַ חבר אין קיבוץ, אויב מ׳קען עס אַזוי זאָגן.

י ר י ב : הער זיך איין, דאָס איז די סאַמע בעסטע זאַך, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן געזאָגט געוואָרן אויף דער דאָזיקער מדינה...

צ ב י : מעגלעך, אַז איך טרייב איבער, נאָר אייגנטלעך, דער פאַרנעם פון דער מדינה, די פאַראַנענע באַציִונגען אין לאַנד, זענען אַזעלכע, אַז עס דוכט זיך, אַז יעדער איינער קען יעדן איינעם ; אָדער, אַז יעדער איינער האָט דאָס געפיל, אַז ער איז נישט עפּעס אַ שרייפל אין אַ מעכטיקער מאַשין, נאָר אַז ער איז אַ טייל פונעם אָנשטרענג און אַ טייל פון דעם ענין, אַן אַקטיווער שותף. ער איז באַקאַנט, מען ווייסט וועגן אים און ער איז אַ חלק פונעם אַלגעמיינעם בילד. און ווען דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער מלחמה, זענען די סטאַטוסן שוין באַשטימט געוואָרן און ער מוז זיי נאָכקומען, ווייל ער האָט נישט קיין שום אַנדער ברירה. און נישט צוליבן געדאַנק, אַז אויב ער וועט אַזוי נישט טאָן, וועט דאָס פאָלק ישראל אומקומען, ס׳וועט נישט זיין קיין ווידעראויפריכטונג פאַר דורות און זיינע קינדער וועלן געהרגעט ווערן און זיין פרוי און זיין הויז. מיר שיינט, אַז אין מאָמענט פון אַנטשיידונג, צי ער זאָל אויפשטיין און שטורעמען — ווירקט אויף דיר יענער סטאַטוס. דו קענסט נישט דורכפירן זאַכן, וואָס זענען אַנדערש פון דער נאָרמע. און די נאָרמע זאָגט טאָן אַזוי און אַזוי, ווייל אויב דו וועסט נישט טאָן, האָסטו פאַרשפּילט דעם פּרעסטיזש אין וועלכן דו געפינסט זיך אויף אַ פּערמאַנענטן אופן. איך מיין, אַז דאָס איז אויך די סיבה דערפאַר, אַז די זין פון קיבוץ זענען זיך אָן אין מיליטער, ווייל פאַר זיי איז דער דאָזיקער ענין פון געזעלשאַפטלעכן משפט אַ פיל שאַרפערער. זיי זענען נאָך מער באַקאַנט, פאַר זיי זענען די סטאַטוסן נאָך פעסטערע און קלאָרערע. אויסער דעם פילט יעדער קאָמאַנדיר, אַז יעדער רגע און רגע דאַרף ער זיך אַליין אַרויסבאַווייזן, לויטן איינקלאַנג צו די נאָרמעס אָדער מאַסשטאַבן, לויט וועלכע ער ווירקט. אַנדערש האָט ער נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג ווי אַ קאָמאַנ־דיר. איך ווייס, ביי מיר אין דער איינהייט איז פאַראַן חברה, וואָס פון שטאַנדפונקט פון פערזענלעכער בילדונג, שטייגן זיי מיך אָן שום ספק איבער — פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז לויטן היינטיקן מאַסשטאַב, געהערן זיי כלומרשט, צו אַן אַנדער ניוואָ ; פון שטאַנדפונקט פון זייער באַטייליקן זיך אין די שלאַכטן — זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם באַפרייונגס־קריג און אין דער סיני־אַקציע. ווי זייער קאָמאַנדיר, האָב איך נישט געקאָנט אַרויפּברענגען אויפן געדאַנק די מעגלעכקייט פון אַן אַנדער פירונג ווי די, וואָס איז אָנגענומען און וואָס דאַרף זיין. איך וועל דערציילן נאָר וועגן איין פאַל, ווו ס׳איז נישט געווען קיין שום באַרעכטיקונג צו האַנדלען ווי זיי האָבן געהאַנדלט, ווען נישט יענע נאָרמעס. נאָכן דעראָבערן אבו־עגילה, זענען מיר געשיקט געוואָרן — אַן אויסשפּיר־קאָמפּאַניע פּלוס אַ קאָמפּאַניע טאַנקען — אין דער ריכטונג פון איסמאַיליאַ נאָכצויאָגן דעם שונא און דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע זאָגט צו אונדז : „איך בין אייך מקנא״. מיר זענען געגאַנגען פאָרויס ביז צו אַ געוויסן פּונקט און מ׳האָט אונדז פאַרהאַלטן. איצט ווייס איך, אַז דער לופט־פלאָט האָט באַריכטעט וועגן אַ גרויסער קאָנצענטראַציע פון פאַנצער,

דעריבער האָט מען אונדז אָפּגעשטעלט. אין יענער צייט האָבן מיר נישט געוווּסט וועגן דעם און זענען אַריין אין נאַכט־לאַגער. אין די פרימאָרגן־שעהן זענען מיר אַטאַקירט געוואָרן דורך אַ טייל פון דער באַרימטער פערטער דיוויזיע פון די עגיפּטער, זייער עליטע־כוח, מיט די מאָדערנסטע טאַנקען. זיי האָבן נישט געוווּסט וועגן אונדז, זיי האָבן זיך באַוועגט און אַרויף אויף אונדז. די מאַשינען פון דער אויסשפּיר־קאָמפּאַניע זענען אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן, אַבסאָלוט. און וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען? אַכציק פּראָצענט פון דער חברה האָבן נישט געהאַט קיין סיבה צו בלייבן אין ראַיאָן פון דעם אָפּרו־לאַגער, נאָר האָט געדאַרפט זיך צעלויפן אויף די בערגלעך, כדי צו בלייבן ווי אַן איינהייט, בלייבן ווי אַ מענטש — בלייבן לעבן. ווייל דו האָסט גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן מיטן פערזענלעכן געווער אַנטקעגן זעכציק טאַנקען 55־ט, וואָס זענען אויף דיר אַרויף. און וואָס האָט פּאַסירט? — די מערהייט חברה איז געבליבן אויפן אָרט, פאַרנומען שוצערטער און דער עסק האָט זיך אַזוי געצויגן אַן אַנדערטהאַלבן שעה אונטערן סאַמע שטאַרקסטן פייער פון זייערע טאַנקען, וועלכע זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ קליין הייפל פון אונדזערע עם־איקסן *, וועלכע האָבן זיי אַפילו נישט דורכגעלעכערט. איך האַלט, אַז דאָס איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון יענע נאָרמעס, לויט וועלכע ס'איז נישטאָ קיין סיבה, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס אַנטלויפן און דאָס האָט זיך אַנטפּלעקט דעמאָלט אין אַלע ראַנגעס פון דער אָנפירונג און פון די זעלנער. און אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט, אַז עס זענען געווען באַדינגונגען פון פינצטערניש און אַז קיין שום אויג וואָלט פאַקטיש נישט געקוקט אויף קיינעמען — מיין איך, אַז דאָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן מאַסשטאַב.

הלל: ווען מיר זענען געווען אין אל־עריש, האָט אונדזער אויסשפּיר־קאָמפּאַניע באַקומען אַ באַפעל זיך איינצושטעלן אויף די בערגלעך פאַר דזשאַבל־ליבני, כדי צו פאַרשטעלן דעם וועג פון דער פערטער דיוויזיע, וואָס האָט לויט פאָרויסזעאונגען, געדאַרפט אַרויסגיין אין אַ קאָנטר־אַטאַקע אין דער ריכטונג פון אֶל־עריש. מיר האָבן אויך באַדאַרפט באַקומען אַ קאָמפּאַניע טאַנקען אַלס פאַרשטאַרקונג.

די קאָמפּאַניע טאַנקען האָט נישט פאַרענדיקט אָנצופילן דעם ברענשטאָף און די אויסשפּיר־קאָמפּאַניע איז אַרויס אַליין. דעם קאָמאַנדיר פון דער אויסשפּיר־קאָמפּאַניע, אָדער עמעצן אַנדערש, איז נישט איינגעפאַלן צו מאַכן דעם מינימאַלן חשבון, צי קען אַן אויסשפּיר־קאָמפּאַניע אָפּשטעלן אַ דיוויזיע טאַנקען? גענוי אַזוי האָט פּאַסירט.

* לייכטע פראַנצויזישע טאַנקען.

כ׳האָב בכלל נישט געטראַכט וועגן מלחמה

פון אַ שמועס אין קיבוץ עין־חרוד (איחוד־מאוחד)

ג ד: — — אין אָנהייב פון די קאַמפן, זייענדיק אין באַוועגונג, האָבן מיר זיך באמיט נישט צו פירן די טאַנקען און מאַשינען דורך די פעלדער, נאָר בלויז אויף די סטעזשקעס, „נישט צעטרעטן און נישט פאַרניכטן״. איך געדענק, אַז כ׳האָב געקוקט אויף וואַסער פעלד כ׳בין געפאָרן — אַן אַרבוזן־פעלד. כ׳האָב בכלל נישט געטראַכט וועגן מלחמה. מיר האָבן נאָך דער מלחמה געמאַכט אַן אויפלוג קיין ירדן. כ׳בין נישט געווען אין כעס, נישט געווען אויפגעבראַכט, כ׳האָב געטראַכט, אין די וואָכן וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין שפּיטאָל, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן צום שלאַכטפעלד און זען דאָרט אַראַבער — וועל איך עפּעס האָבן קעגן זיי. אָבער „ווו״. כ׳בין געקומען אַהין און גאָרנישט. כ׳האָב זיי שיין געזאָגט „שלום״, כ׳בין אַריין אינעם הויז פון דער וואַסער־פּאָמפּע, ווו כ׳בין אַ סך שעהן געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער, ביז מ׳האָט אונדז עוואַקואירט. כ׳האָב דאָרט געפונען אַן איינזאַמען אַראַבער. ער האָט דערציילט, אַז נאָך פריער זענען אַהערגעקומען חברה, געוואָלט זען דאָס אָרט, לעבן וועלכן זיי האָבן געקעמפט.

א ב ר ה ם: אין צייט פון קריג, האָסטו געטראַכט וועגן עפּעס וואָס אויסער דער שלאַכט?

ג ד: יאָ. כ׳האָב געטראַכט. געווען אַ שלאַכט און חברה זענען געהרגעט געוואָרן און אויך דער שעף פון דער קאָמפּאַניע איז געהרגעט געוואָרן און ס׳איז געווען די צייט פון וואַרטן. כ׳בין געווען אין גרייטקייט און געהאַט צייט צו טראַכטן.

ע ו ז י: האָסט געטראַכט וועגן ציוניזם?

ג ד: נישט געגנוי וועגן ציוניזם, אָבער כ׳האָב געטראַכט: וואָס קאָן איך נאָך בעסער האַנדלען, כדי אויסצומיידן, אַז אונדזערע זאָלן געטראָפן ווערן. כ׳האָב געטראַכט וועגן זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט מלחמה און אויך וועגן אַנדערע זאַכן. ווי אַזוי דאָס דערקלערן, — — —

דעם ערשטן טאָג, אויך נאָך דעם ווי חברה זענען דערהרגעט געוואָרן, האָבן מיר אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די טאַנקען און זיך אַרומגעקוקט. ס׳איז נאָך אַלץ געווען אַ געפּיל פון אַן אויספלוג. מיר זענען אַרויסגעפאָרן, כדי אַרומצוזוכן דזשענין פון הינטן. אַלע האָבן הנאה געהאַט פון דער לאַנדשאַפט און געזאָגט איינער צום צווייטן: זעט סאַראַ שיינקייט.

א מ נ ו ן: איך מיין, אַז דאָס איז כאַראַקטעריסטיש. עס דרינגט אַרויס פון אומקלאָרקייט, וואָס איז געווען לגבי דער גרויסער שלאַכט. מ׳האָט דיר נישט אָנגעצייכנט דעם ענדגילטיקן ציל. מ׳האָט געהייסן גיין פאָרויס — זענען מיר געגאַנגען פאָרויס. מ׳שיסט — ענטפערט מען צוריק. מ׳שיסט נישט — פאָרט מען אויפן שאָסיי און מ׳קוקט אויף דער לאַנדשאַפט. דאָס איז גילטיק לגבי ירדן, ווו דער שטח איז אַ דאָרפישער, מיט ווייניק פּאָזיציעס.

ע ו ז י: — — — ווען מ׳האָט אונדז גערופן, פאַר דער מלחמה, איז געווען אַ זיכער

געפיל, אַז עפּעס קאָכט זיך. טראָץ דעם וואָס יעדער האָט איבערגעלאָזט אין מיטן זיין אַרבעט — דער האָט פאַרלאָזט די קאַרטאָפל און דער האָט פאַרלאָזט דעם בוימוואָל און דער, וואָס איז געקומען פון דער שטאָט, האָט איבערגעלאָזט זיין אַרבעט אין מיטן — האָט דאָס מיליטערישקייט באַלד געגעבן אירע צייכנס. מ׳קען נישט זאָגן, אַז אונדזערע זעלנער זענען מיליטאַריסטן, אָדער וואַרטן אויף אַ מלחמה. גלייכצייטיק מיט דעם איז געווען אַ זייער גרויסע גרייטקייט.

— — — איך געדענק, ווען כ׳בין געקומען קיין ירושלים, איז געווען אַ גאַר שווערע אַטמאָספער. כ׳בין געקומען אין אָוונט. שראַפּנעלן פון ביידע זייטן און די שטאָט איז וויסט און פינצטער. כ׳האָב געזען די שפּאַנונג אין די זעלנערס אויגן; מ׳קוקט אויף דיר ווי אויף אַ טאַטן און דו דאַרפסט זאָגן עטלעכע גוטע ווערטער, און גלייכצייטיק פאַלט אויף דיר מיט איין מאָל אַרויף אַן אחריות פאַר דער גאַנצער גרופּע. כ׳האָב געזען, ווי די אַלע ענינים פירן זיך אין אַן אַטמאָספער פון געשפּאַנטקייט און אויפמערקזאַמקייט.

כ׳האָב זיך איבערצייגט, אַז אונדזערע מענטשן זענען פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט פּולקאָם גרייט צו דער שלאַכט. אויך דער באַוווסטזיין איז געווען אַ קלאָרער. כ׳בין זייער געוואָרנט דאָס אָנצורופן ציוניזם, נאָר ס׳איז זייער קלאָר געווען, אַז מיר גייען צו אַנטשיידונג.

גד: וואָס עוזי האָט געזאָגט, האָט אויסגעדריקט מיין געדאַנק. ער האָט עס געזאָגט בעסער פון מיר. כ׳געדענק, אין מאָמענט ווען דער קאָמאַנדיר איז פאַרווונדעט געוואָרן און כ׳האָב באַדאַרפט איבערנעמען די קאָמאַנדע איבער דער קאָמפּאַניע — האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט, וואָס נאָך קען איך טאָן און האָב נישט געטאָן. כ׳בין ממש געווען אַ צוציק. אין דער קאָמפּאַניע זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט זיין מיינע עלטערן. מיך האָט געדריקט דער געדאַנק, וואָס מען דאַרף טאָן און כ׳האָב עס נאָך נישט געטאָן. כ׳האָב נישט געוווּסט, ווער עס קאָן מיר געבן אַן עצה.

צבי: דערלויב מיר דיך צו אינטערוויואירן, גדי: ווי אַזוי האָסטו זיך געפילט, ווען דו ביסט אַרויס פון שפּיל? * ביסט געזעסן אין אַ זייט אַ פאַרווונדעטער און אַלץ אַרום דיר איז ווייטער אָנגעגאַנגען, איז פאַרגעקומען.

גד: ס׳איז געווען אַ שרעקלעך געפיל, שרעקלעך צוליב איין זאַך. ס׳זענען געווען אַכט טאַנקען, בעת כ׳בין פאַרווונדעט געוואָרן, ווען מיין טאַנק איז געטראָפן געוואָרן, זענען אויך צוויי אַנדערע טאַנקען געטראָפן געוואָרן. קיין איין קאָמאַנדיר איז נישט געבליבן אין דער קאָמפּאַניע, אַלע זענען געטראָפן געוואָרן. און איך האָב דאָס געוווּסט.

איך האָב געוווּסט כמעט אַלץ. און כ׳האָב געוווּסט, אַז די קאָמפּאַניע איז טויט. און ס׳איז געווען אַ שרעקלעך געפיל.

אברהם: און דאָס האָט געדריקט אויף דיר, דעמאָלט ווען דו ביסט געווען נישט אַזאַ לייכט־פאַרווונדעטער און אָפּגעגאַנגען אין בלוט און פול מיט בראַנד־ווונדן?

---

* די אומשטענדן ביי וועלכע גד רפן איז פאַרווונדעט געוואָרן זענען דערציילט געוואָרן אין דער פרעסע, נאָך דעם ווי ער האָט פונעם שעף פון גענעראַל־שטאַב באַקומען אַן אויסצייכענונג — צל״ש (ציון לשבח).

גד: יאָ, זייער.

שמואל: אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס עוזי האָט געזאָגט, איז ביי אונדז אין סיני — אפשר צוליבן ריזיקן שטח — געווען אַ מאַסע צייט צו טראַכטן און כ'האָב אַפילו געטראַכט וועגן ציוניזם.

ס'איז געווען אַן ערנסטע באַמבאַרדירונג און מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן. פלוצעם פאַרטראַכסטו זיך. כ'האָב אויך געשמועסט מיטן חבר, וואָס איז געזעסן לעבן מיר: וואָס איז דאָס, מיר, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן נישט צוריקצוציען זיך, גייען אויף צוריק? דאָס איז געווען אַ צוריקציען זיך פון עטלעכע הונדערט מעטער, בלויז צוליב רעאָרגאַניזאַציע. נאָר דער דאָזיקער מאָמענט אַליין, און דו זאָגסט: איך וועל זיין דער ערשטער. און דאָ, בדרך כלל, אַנטדעקן זיך די חברה, וואָס שטעלן אָפ דעם צוריקצוג. מיר זענען אַרויס פונעם שיס־ראַדיוס און תיכף זיך אָרגאַניזירט צו אַ צווייטער אַטאַקע. נאָך אַ טעמע צו מיינע דעמאָלטיקע מחשבות: בעת דער שלאַכט האָבן מיר דערהרגעט אַ מצרישן אָפיציר און דערנאָך געטראַכט, אַז ס'וועט צונוץ קומען צו נעמען זיינע דאָקומענטן. פלוצעם דערזע איך צווישן די פאַפירן אַ בילד פון צוויי קליינע שמייכל־לענדיקע קינדער אויפן ברעג ים און אַ בריוו מיט אַ פרויִשער האַנטשריפט. כ'האָב באַלד געטראַכט (ס'איז געווען אינמיטן דער שלאַכט, ווען מ'האָט געשאָסן אַרום), איך האָב זיך געגעבן אַ ביישפיל פון צוויי מענטשן פון קיבוץ, פון דאַנען; וואָסער געפיל האָט אין דער היים די משפחה, וואָס איר זון איז דערהרגעט געוואָרן? און דאָ האָב איך דערהרגעט אַ פאָטער פון קינדער. עפעס נעמט דיר דאַן גרילצן. אַנטקעגן דעם — פינף מינוט שפעטער, אויף אַן אַנדער אָפשניט פון דער מלחמה, האָב איך זיך פלוצעם געכאַפט, אַז איך שיס און הרגע ווי עפעס אַ סטאַנדאַרטע מלאכה, ווי עפעס אַן אויס־געלערנט שפיל, אפשר אויף די זומער־קאָלאָניעס. אמת איז, אַז דאָס זענען געווען זעלנער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן אונדז. פון דעסטוועגן... און נאָך אַ מאָמענט: נאָכן דעראָבערן די מיתלה*, האָב איך זיך אומגעקערט מיט מענטשן פון דער צווייטער ליניע. ס'איז געווען אַ באַפעל צו פאַרטרייבן די מצרישע זעלנער פון וועג. זיי זענען געווען מיט געווער. מ'האָט נישט געקאָנט וויסן וואָס זיי קאָנען אָפטאָן. און ווען כ'האָב זיך אומגעקערט מיט יענע אַדמיניסטראַציע־זעלנער, האָט עס מיר שטאַרק געגרילצט. איך האָב נאָך אַמאָל געטראַכט וואָס מען רופט „ציוניזם". איינע פון די שווערסטע זאַכן איז צו באַשטימען נאָך דער שלאַכט, ווו ס'איז די גרענעץ: ווען ס'איז די שלאַכט און ווען ס'איז נאָך דער שלאַכט, ווען מ'מעג הרגענען און ווען ס'איז פאַרווערט. פאַר מיר איז די גרענעץ געווען נאָך דעם ווי ס'האָט זיך געענדיקט דער ערשטער פייער־קלאַפ. אַלע פליטים וואָס זענען געבליבן דערנאָך — זענען פאַר מיר שוין געווען געפאַנגענע. איך זאָג דיר, אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך ממש געטראַכט פון דער טעמע וואָס הייסט ציוניזם. שפעטער, ווען כ'בין געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער אין שפיטאָל, איז מיר שוין בכלל נישט געווען קלאָר ווו ס'איז די גרענעץ אין דער דאָזיקער מלחמה, ווען הרגענען און ווען נישט. מיר זענען געווען פאַרויס. מיר האָבן נישט געהאַט קיין סך פאַרוווּנדעטע, און מיר האָבן טאַקע נישט אָנגערירט די אַראַבער, וואָס האָבן זיך אַרומ־

* אַ שמאָלער טאָל צווישן צוויי בערג, דער איינציקער דורכגאַנג צום דרום־טייל פון סועץ. דאָרט איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון דער אַנטלויפנדיקער מצרישער אַרמיי.

געדרייט אין די שטחים. מיר האָבן זיי גרינגעשעצט. שפּעטער אָבער, ווען כ׳האָב געהערט פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט און זיך רעאָרגאַניזירט און אַטאַקירט די אונטערשטע פּאָלקן, בין איך געוואָרן ווינציקער ליבעראַל אין דעם ענין, פון דעסטוועגן האָב איך זיך געגנוג געבראַכן דעם קאָפּ: ווו איז די גרענעץ און ווען האָט די מלחמה זיך געענדיקט? און דאָס באַלעסטיקט מיך ביז היינט און כ׳קאָן נאָך אַלץ נישט געפינען דעם ענטפער. דאָס פּראָבלעם איז פון פּערזענלעכן און דערציערישן שטאַנדפּונקט. איך וויל נישט אונטערשיידן צווישן דעם שטאָטישן און קיבוצניק לגבי דער דערציִונג, וואָס מיר האָבן באַקומען. כ׳בין זיכער, אַז אַלע האָבן מיר באַקומען די זעלבע דערציִונג. מיר, וואָס האָבן מיט צוויי טעג פריער געשריגן קעגן, דרייען איצט ממש איבער דאָס געשטאַלט. ווען כ׳האָב אָבער געטראַכט וועגן דעם אין אַ שפּעטערדיקן עטאַפּ, האָב איך געזאָגט: אייגנטלעך, זייער גוט וואָס זיי האָבן אַזוי געטאָן, זיי האָבן געמוזט, און ס׳איז ביי מיר באמת פאַראַן אַ סתירה מיט דער דערציִונג, וואָס כ׳האָב באַקומען קעגן הרגענען. ס׳קומט אַזאַ מאָמענט, אַז דו ווייסט אייגנטלעך נישט וואָס איז דאָ ריכטיק.

אילן: דער פּאָזיטיווער פּונקט דאָ איז דער עצם מאָמענט, אַז דער מענטש הייבט אָן טראַכטן. אונדזערע טיפן קענען נישט אַזוי די קאָפּברעכעניש אין די פּראָבלעמען פון גוט — נישט גוט, גערעכט — נישט גערעכט, דערלויבט — פאַרבאָטן. ווייל אין די ראַמען פון אונדזער לעבן, געהערן מיר נישט, בדרך־כלל, צו די מענטשן, וואָס פאַרטיפן זיך אַזוי אין די פּראָבלעמען וואָס זענען פאַרבונדן מיט נשמה־גריבלעניש. אַ שאָד, וואָס גראַד דאָס געהערט צו אַזאַ טעמע, אָבער גוט, אַז דאָס באַוועגט מענטשן צו אינערלעכער ראַנגלעניש. ווייל אַ מענטש וואָס האָט נישט זיין אינערלעכע וועלט, איז נישט פעיִק צו דיסקוטירן מיט זיך אַליין... צום ביישפּיל: די חברה איצט, אין רעזולטאַט פון דערציילונגען, פון אַן אַנאַליז פון פּראָבלעמען און אויך אַזאַ סאָרט שמועס, פּילן זיך אַ ביסל אַליין און פרעגן, צי ס׳איז יאָ אין אָרדענונג, אָדער נישט אין אָרדענונג.

עוזי: די אָפּשאַצונגען דאָ וועגן דער מלחמה זענען פּערזענלעכע, זיי זענען נישט פאַרבונדן מיט דערציִונג מיטן שטאָטישן צי קיבוצישן אָפּשטאַם. איך לייען איצט אַ קאָמאַנדאָ־בוך און אַ סך מאָל שטעל איך זיך קעגן לייענענדיק דעם שרייבערס אָפּשאַצונגען בנוגע פאַרשידענע עטאַפּן. ווייל איך האָב אַ פּערזענלעכע אָפּשאַצונג צו דעם, וואָס הייסט מלחמה.

איך האָב דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע מלחמה איז געווען מיט אַ פיינט, ס׳איז אָבער נישט געווען קיין מלחמה אויס שנאה. אינעם רוב מלחמה־ביכער זעט מען אינעם פיינט אַ שונא און אַסך מאָל ווערט אונטערגעשטראָכן — אַ פּערזענלעכער שונא. אין אונדזער איינהייט האָבן מיר נישט געפילט, אַז מיר קעמפן קעגן אַ שונא. מיר האָבן געקעמפט פאַר אַ באַשטימטער נויטווענדיקייט און אַ באַשטימטער ווירקלעכקייט. פאַר דער גערעכ־טיקייט פון דער זאַך. לויט מיין מיינונג, גיט דאָס אויסווירקונגען אויפן גאַנג פון דער מלחמה און אויך אויף אירע רעזולטאַטן און אויף דער תקופה נאָכן קריג.

אויב איר האָט פאַר דער מלחמה געהערט דאָס קול פון קאַיראָ* — האָבן זיי געהעצט

---

* קול קאַהיר — מצרישע ראַדיאָ־אוידיציעס אויף עברית.

פון היסטערישער שנאה. מלחמה פון בייזווילּיקע באַשולדיקונגען, אָן טיפן אינהאַלט — שוואַכט אַ סך אָפּ דעם קאַמפּס־כּוח.

מיר האָבן געקעמפט, געזיגט און טרעפן זיך מיט די אַראַבער אויף יענע דעראַבערטע ערטער און כ'האָב דעם איינדרוק, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום געפיל פון שנאה, ווי גדי האָט עס שוין אויסגעדריקט.

אַ בכבודיק קאַפּיטל אין יעדן מלחמה־בוך וועלכן מיר האָבן געלייענט, באַשעפטיקט זיך מיט דער שפּאַנונג און שרעק פון פאַר דער ערשטער שלאַכט. און ביי אַלטע זעלנער — פאַר יעדער שלאַכט. ווען איך פּרוביר אַנאַליזירן אונדזער אַריינטרעטן אין שלאַכט, האָב איך דעם איינדרוק, אַז דאָס קאַפּיטל איז געווען זייער קורץ.

אבנר: ביי אונדז איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל נישט געווען קורץ. כ'האָב אָבער נישט מורא געהאַט, כ'בין געווען גרייט...

עוזי: נישט איין מאָל האָט מען מיך געפרעגט, אויב מ'האָט מורא אין עראָפּלאַן פאַרן שפּרינגען מיטן פאַראַשוט. כ'האָב תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס צופּט אין האַרצן. כ'וואָלט דאָס נישט באַצייכנט ווי אַ שרעק און דאָס ווערט אַלץ קלענער פון איין שפּרונג צום צווייטן. אָבער דאָ, אין דער מלחמה, איז עס געווען נאָך ווייניקער. מיר שיינט, אַז דאָס קומט פון אונדזער רייפקייט. אפשר האָט אומבאַוווּסטזיניק זיך אַריינ־געגנבעט — די דערציִונג. דו אָנערקענסט דיין גערעכטיקייט און דעם מוז צו פירן מלחמה און דו גייסט אין איר אַריין. כ'האָב נישט דערפאַר קיין קלאָרע דערקלערונג. אָבער שרעק איז נישט געווען פאַר דער שלאַכט, ווען מ'האָט אונדז באָמבאַרדירט. די אויפפירונג איז געווען אַ פרייע, מ'האָט געהאָלפן די פאַרוווּנדעטע... ס'האָט זיך געפילט אַ שפּאַנונג, נישט קיין שרעק.

שמואל: ס'איז געווען אַ מאָמענט פון שרעק, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין דזשאַבל־ליבני. ביים אָפּרו־לאַגער פון גאַנצן פּאָלק, אין די נאָכמיטאָג־שעהן — האָט מען אונדז פּלוצעם באַשאָסן מיט אַן אָנגעצילט פייער. שראַפּנעלן האָבן אָנגעהויבן לויפן פאַר די אויגן... דו זעסט די טראַסע פון די שראַפּנעלן, מיט זייער פאָספאָר. מיר זענען געווען אין אַן אָפענעם דזשיפּ, נישט אין טאַנק. און דו האָסט מורא. דער שטח איז געווען אַן אָפענער און פלאַכער — אַ טאָל פון אומקום.

אין אַנדערע שלאַכטן, אין מיתלה, צום ביישפּיל... מיר זענען געווען ניין טאַנקן אַנטקעגן אַ פאַרשטאַרקטער בריגאַדע, וואָס האָט זיך גערוקט פאָרויס און מיר האָבן זיי באַדאַרפט פאַרשטעלן דעם וועג. דאָרט איז ממש נישט געווען קיין מאָמענט פון שרעק, אָבער אין דזשאַבל־ליבני, אַז מיר האָבן געזען די שראַפּנעלן לויפן צו אונדז — האָב איך ממש מורא געהאַט. — — — איך ווייס נישט וואָס דערפירט דעם מענטש צו שרעק אין דער מלחמה: דער שראַפּנעל, אָדער דער געדאַנק וועגן אַ כוח, וואָס איז גרעסער פון דיר.

אמנון: דער פחד איז דאָ, ווען ס'איז פאַראַן אומזיכערקייט, ווען מ'ווייסט נישט וואָס וועט געשען. נאָכן ערשטן שאָס, טראַכט מען ווי אַזוי צו גיין פאָרויס, ווי אַזוי צו שיסן און מ'האָט נישט מורא.

צבי: אין מיין איינהייט זענען מיר מער „סטערילע". מ'זעט נישט דאָס בלוט, דאָס

פייער. די גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט. כ'האָב געהאַט אַ מאָסע צייט צו טראַכטן. אונדזער אַרבעט האָט די גאַנצע צייט געפאָדערט מאַקסימאַלע קאָנצענטרירונג. טייל מאָל האָט מיך אָנגעגריפן אַ מין צעשטרייטקייט, כ'בין פּשוט געווען ווי אַ בלינדער אין אַ קוימען און נישט וויסנדיק ווי ס'איז די לאַגע — האָט מיך די גאַנצע צייט געפּרעסן אַ געדאַנק — כ'האָב נישט מורא געהאַט, אַז כ'וועל געהרגעט ווערן, כ'האָב מורא געהאַט, אַז פּלוצעם — כ'ווייס נישט ווי אַזוי — וועט מיך עמעצער אַ צי געבן אין דער הייך און כ'וועל ווערן אַ געפאַנגענער. דער לאָגישסטער אויסוועג פון דער לאַגע, אין וועלכער כ'געפין זיך, איז געווען, אַז כ'וועל אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. כ'האָב געטראַכט וועגן דעם און מורא געהאַט. די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך עס מאַכן, אַזוי, אַז כ'זאָל אויסהאַלטן אין די ערשטע טעג פון די אויספאָרשונגען און כ'האָב קאַלקולירט: מיט וואָסער דרוק וועלן זיי מיר דראָען און צי וועל איך זיך איינברעכן. כ'האָב דאָס ממש גענוי אויספּלאַנירט. דאָס האָט מיך ממש פּאַראַליזירט. און אַזוי האָב איך געטראַכט, באַוועגנדיק זיך אונטערן וואַסער יענע נאַכט. אַ צייט האָב איך זיך נישט געפילט באַקוועם פון פיזישן שטאַנדפּונקט. און דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך יעדעס מאָל ממש פּאַראַליזירט און דערפירט צו אַזאַ מין צעשטרייטקייט, אין דער צייט ווען ס'האָט זיך געפאָדערט אַ מאַקסימאַלע קאָנצענטרירונג. און ס'איז געווען נאָך אַן אינטערעסאַנטע זאַך: אַלע מאָל, זייער נאָענט פון אונדז (ס'איז נישט קלאָר צי מ'האָט אונדז דעמאָלט אַנטדעקט), זענען געפאַלן טיף־באָמבעס. דאָס איבעררעאַשט דיך, דיין האַרץ איז ממש אַזוי...

אברהם: וואָסער ווירקונג האָט איצט די מלחמה אויפן טאָג־טעגלעכן?

שמואל: לגבי מיר האָט די מלחמה זיך געענדיקט מיט איין מאָל, ווי אַ ווייסע ליניע אויפן שאָסיי. כ'האָב אָנגעהויבן מיין נאָרמאַל לעבן. דאָס איז עס.

גד: דאָס קאָן נישט זיין. דו האָסט געהאַט חברים אַזוי. טראַכטסטו נישט וועגן זיי? און ס'איז אַריבער איבער דיר און דו ביסט פאַרווונדעט געוואָרן...

שמואל: כ'האָב נישט פאַרגעסן אין גאַנצן, אָבער אויף מיין טאָג־אָרדענונג האָט עס נישט קיין ווירקונג. כ'דערמאָן זיך, ווען כ'זע אַ פילם.... אָבער אויפן המשך פון לעבן האָט דאָס נישט קיין ווירקונג.

גד: דאָס קאָן נישט זיין. ס'איז אפשר געגוייער צו זאָגן, אַז דו ווילסט נישט ס'זאָל אויף דיר ווירקן. אויך איך וויל, נאָר עס קומט מיר נישט אויס. איך קאָן נישט זאָגן, אַז ס'איז געווען און דאָס איז עס — — —

אבנר: — — — דאָ זענען דערמאָנט געוואָרן די נאַכט־קאָשמאַרן. ביי מיר איז עס נישט קיין פראַגע פון נאַכט־קאָשמאַרן. כ'וועל דיר ברענגען אַ ביישפּיל: אין עזה־פּאַס איז געווען אַ פּראָבלעם פון מינעס. מ'האָט זיך באַוועגט נאָר אויף די שאָסייען און אויך זיי זענען געווען מינירט. דאָס איז ממש געווען בולט — יעדע מאַשין, וואָס איז אַראָפּ פון שאָסיי, אָדער פון דער פאַרקער־אַקס — איז אַרויף אויף אַ מינע.

ווען כ'האָב זיך דעמאָביליזירט — האָבן מיר געאַרבעט ביי קאַרטאָפל. כ'בין געפאָרן מיט עמעצן מיט אַ טראַקטאָר אויפן שאָסיי. ער איז אַראָפּ פון שאָסיי און איך האָב אינסטינקטיוו אַ געשריי געטאָן אויף אים: וואָס טוסטו, דו וועסט אַרויף אויף אַ מינע.

ער האָט זיך אויסגעדרייט, ווייל ער האָט נישט געהערט דייטלעך. און דעמאָלט האָב איך זיך אַליין געכאַפּט.

ביי מיר האָט זיך געענדערט די קריטעריע לגבי אַ סך זאַכן. דאָס וואָס האָט צום מייסטן אויפגערעגט די זעלנער, און אויך מיך — אָט די גאַנצע קליינלעכע אַרומרייסעניש צווישן די אָנפירערס און די עסקנים. זיי האָבן אַזוי אויפגערעגט, אַז ס׳איז שווער זיי אָנצורופן אָנפירערס. ס׳איז מיר געוועז קלאָר, אַז נאָך דער דאָזיקער מלחמה, איז נישטאָ קיין שום לאָגיק אין דעם מערך פון די צוויי פּאַרטייען למשל. אויף וויפל דאָס אַלץ ציט זיך ווייטער, קערן מיר זיך צוריק צו די פריערדיקע טעג. באַלד נאָך דער מלחמה איז מיר געוועז קלאָר, אַז אין פאַרלויף פון אַ וואָך וועט זיין אַ פאַראייניקונג. זאַכן, מיט וועלכע כ׳בין גרייט געווען משלים צו זיין פאַר דער מלחמה, אָדער פאַרשידענע פערזענלעכע פּלענער, אַ פערזענלעכער געדאַנק — איצט, איז פאַר אַ סך יונגע בחורים, מיט וועלכע כ׳האָב זיך געטראָפן, קלאָר, אַז דאָס וואָס זיי דאַרפן איצט טאָן האָט זיך אין גאַנצן געענדערט. פאַראַן איצט אַ סך מער בחורים, וועלכע זענען גרייט צו גיין אין סטאַבילן מיליטער־דינסט, אָדער צו דער נייער התישבות*. איך פיל, אַז איצט איז פאַראַן אַ סך ווייניקער טאָלעראַנץ צו כל מיני מענטשן, וואָס האָבן געענדיקט די מלחמה — און מ׳זעט שוין פאַר דעם דאָזיקן קליינטשיקן וועג און אַלערליי קליינלעכע חשבונות. פריער האָב איך זיך באַצויגן מיט אַ מין גרינגשעצונג צו אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער מדינה, און פון דער זייט, און איצט — רעגט עס אויף.

אברהם: פאַראַן דאָ אַ פראַגע: צי איז אונדזער צושטייער צו דער מדינה נאָר אַ בלוט־קרבן, אָדער געשטאַלטיקן מיר זי אויך?

אבנר: ביי מיר איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין אַלע באַגריפן. כ׳האָב גערעדט מיט עטלעכע חברה און כמעט אַלע האָבן געזאָגט: די מלחמה האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין אונדזערע פערזענלעכע פּלענער. איצט, צום ביישפּיל, לייגן מיר אָפּ — דאָס לערנען. און בכלל, איצט איז נישטאָ צו דעם קיין צייט, אויב מיר ווילן נישט ווידער זיך שלאָגן אין צען יאָר אַרום. מיין פערזענלעכע אָפּשאַצונג איז, אַז דאָס וועט געשען, מיר מוזן...

אילן: איך מיין, אַז אַ מענטש, וואָס אים איז לייכט אָנגעקומען אַ זאַך, אַן מי, פילט אַנדערש ווי דער, וואָס האָט באַצאָלט פאַר דער זאַך. ביז איצט, אין אונדזערע באַדינגונגען, איז דאָס אָנגעהעריקייט־געפיל צום וואָרט ישראל, מיטן גאַנצן באַטייט, געווען זייער טעאָרעטיש. אין מאָמענט אָבער ווען דאָס איז געקומען צום אויסדרוק — איז דיר קלאָר געוואָרן דיין צוגעהעריקייט און דיין אידענטיפיצירונג. דאָס עצם אַרויסגיין אין קריג, אַז דו ביסט גרייט געווען אויף אַלץ — האָט עס געבראַכט צום אויסדרוק. איצט פילסטו מער אָנגעהעריקייט. און מער ווי דו געהערסט צו דעם — געהערט עס צו דיר. דאָס דאָזיקע געפיל שטויסט דיך צו געבן פון זיך מערער פאַרן כלל. דו פילסט, אַז עס געהערט צו דיר. אין קיבוץ שטויסן מיר זיך בדרך כלל אָן אויף דעם, אַז מען זאָגט: דער קיבוץ געהערט אונדז, נאָר אין דער ווירקלעכקייט ווערט דאָס צעטרענצלט,

* באַזעצן יידן אויף באָדן.

ווייל די ווערסיע זאָגט: דו באַלאַנגסט מערער צו אַלעמען, ווי צו זיך אַליין. דאָס איז איינע פון די זאַכן, וואָס די מלחמה האָט אונדז געמאַכט — אַ געשטאַרקט געפיל פון אַנגעהעריקייט.

אבנר: כ'וועל נישט זאָגן, אַז יעדער איינער איז גרייט געווען געהרגעט צו ווערן. בלויז טרומפּעלדאָר האָט געזאָגט „ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד"; אָבער יעדער איינער — ווען מיר זענען געזעסן אין זחל"ם — אויב ס'איז דערהרגעט געוואָרן דער פון לינקס, — פילט, אַז ער דאַרף ווי ס'איז ראוי זיין דעם דאָזיקן שטייער, וואָס איז געווען אַ שווערער שטייער. מ'דאַרף ממשיך זיין וואָס די דאָזיקע חברה האָבן איבערגעריסן, דאָס איז אונדזער שטייער פאַרן המשך.

פּרינציפּן אין שטורעם פון דער שלאַכט

פון אַ שמועס מיט אשרן (קיבוץ משמר הנגב)

א.: — — — מיר האָבן זיך געפונען נאָך רפיח. פאַרביי אונדז זענען דורכגעגאַנגען קאָלאָנעס צו דרום צו. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ מצרישער טאַנק. אונדז איז בכלל נישט איינגעפאַלן, אַז אין טאַנק זענען פאַראַן עגיפּטער. פּלוצעם האָט דער דאָזיקער טאַנק זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעשניטן דעם שאָסיי און אָנגעהויבן שיסן פון זיין קוילנוואַרפער און דעמאָלט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מצרישער טאַנק. אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אַז אין יענעם מאָמענט האָט קיין איינער נישט מורא געהאַט און קיינער האָט זיך אַפילו נישט אַנגעבויגן, קיין איינער האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרנעמען זיך מיט די פאַרווונדעטע, נאָר די אַלע וואָס זענען נישט געווען באַשעפטיקט, האָבן גענומען זייער עוזי און אַנטקעגן געגאַנגען דעם טאַנק און איינער פון די חברה האָט געעפנט אַ פייער אויפן טאַנק, מיטן עוזי, און דערנאָך די איבעריקע חברה פון דער קאָמפּאַניע. דאָס זעט אויס פאַנטאַסטיש, אָבער אַזוי איז עס געטאָן געוואָרן און נאָך פאַנטאַסטישער איז דער פאַקט, אַז דער טאַנק איז אַנטלאָפן, אַרויפגעקלעטערט אויף איינעם פון די בערגלעך. צו אונדזער מזל, איז באַלד פאַרבייגעגאַנגען לעבן אונדז נאָך אַ קאָלאָנע פון צענטוריאָנס. דער ערשטער צענטוריאָן, דערזעענדיק ווי חברה לויפן אַנטקעגן אַ טאַנק, האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס ס'איז געשען, פאַרנומען אַ פייער־פּאָזיציע און ליקווידירט דעם טאַנק. גוט, דאָס איז געווען אַ מזל־זאַך, אינטערעסאַנט אָבער, אַז לאָגיש גענומען, האָבן מיר אַלע באַדאַרפט אומקומען, אַפילו ווען דער טאַנק וואָלט נישט געשאָסן — ער האָט אונדז געקענט צעטרעטן אָן פּראָבלעמען. דעמאָלט האָט עפּעס דאָס דאָזיקע פחד־געפיל זיך נישט דערוועקט. איך מיין, אַז אויך דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם, וואָס אין יענעם מאָמענט איז גרויס געווען די שפּאַנונג. ס'איז שוין געווען אין מיטן דער מלחמה, ס'זענען שוין געווען די ערשטע פאַרווונדעטע, די ערשטע דערהרגעטע, און פאַקטיש האָט די שפּאַנונג שוין דערגרייכט איר הויכפּונקט.

דוד: צי זענען נאָך דעם געווען פאַלן, אין וועלכע דו האָסט געפילט אַ פחד?
א.: בעתן רעגולערן דינסט, האָב איך געדינט אין אַ פאַלק, וועלכער איז תמיד געווען פאַרמישט אין פיל אַקציעס. די דאָזיקע דערוואַרטונג, דער־אָ פחד וואָס פאַר אַן אַקציע איז מיר געווען באַקאַנט. די־אָ דערוואַרטונג, די־אָ אומזיכערקייט, די־אָ שפּאַנונג. דאָס איז נישט נאָר פחד, דאָס איז אַ געמישט געפיל פון די אַלע פאַקטאָרן. אין מאָמענט ווען דו הייבסט אָן ווירקן, ווערט אַלץ פאַרשוווּנדן און דו טוסט אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן.

דאָס מאָל, אין דער דאָזיקער מלחמה, איז געווען אַ מאָדנע געפיל. פאַרן אָנהייב פון קריג איז ביי מיר נישט געווען קיין שמץ שרעק. דער מצרישער טאַנק האָט אונדז אַטאַקירט. מיר האָבן נישט מורא געהאַט. און אַזאַ איז געווען דאָס אַלגעמיינע געפיל, מיר האָבן ממש נישט מורא געהאַט. אָבער ווען האָב איך יאָ מורא געהאַט: ווען ס׳האָבן אונדז אַטאַקירט פיר „מיג״־עראָפּלאַנען. דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז דאָס איז דער סוף. דאָס איז שוין געווען אַ סך שפּעטער, פאַרן דעראָבערן ביר־גאַפגאַפאַ *, מיר האָבן יעדעס מאָל געהערט ווי ס׳דערנענטערן זיך עראָפּלאַנען, מיר האָבן אַפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ קוק צו געבן. די עראָפּלאַנען דערנענטערן זיך — אונדזער חברה אַרבעטן גוט — אונדזער לופט־פלאָט. די עראָפּלאַנען האַלטן זיך אין איין דערנענטערן און לאָזן זיך כלומרשט אַראָפּ, און מיר, אָן אַ פאַרוואָס, מיט אָט דער איבערגעטריבענער זיכערקייט, אַז אין דריטן טאָג פון דער מלחמה, קען נישט זיין, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ לעבעדיקער און גאַנצער מצרישער עראָפּלאַן. בקיצור, דער דאָזיקער עראָפּלאַן עפנט אַ פייער און דער אג״ם־אָפּיציר ** גיט אַ געשריי: „מיגן״, שנעל זיך פונאַנדערשפּרייטן. מיר זענען אויפגעשפּרונגען ווי משוגעים און אָנגעהויבן לויפן אין די זאַמדן און דער עראָפּלאַן דרייט זיך איבער אונדז און שיסט (אַזוי ווי אין די פילמען, דו הערסט דעם „פּאַ־פּאַ־פּאַ״) און מיר קוקן אין הימל און זעען נאָך דריי זייערע עראָפּלאַנען, נאָך דריי „מיגן״. זיי פאַרנעמען פּאָזיציעס, מאַכן אַן אַרומקרייז און גרייטן זיך צום אָנגריף. מיר זענען געלאָפן ווי משוגעים און זיך געוואָרפן אין זאַמד אַ זעכציק מעטער פונעם שאָסיי. דער עראָפּלאַן, וואָס האָט געשאָסן, איז צוגעשטאַנען צו די דריי וועלכע האָבן אויף אים געוואַרט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף.

אַז דו ליגסט אין זאַמד און האָסט נישט וווּהין אַריינצוגיין, ווו זיך צו באַהאַלטן, און דו וואַרטסט נאָר אַז די עראָפּלאַנען זאָלן קומען צו דיר, און אַן עראָפּלאַן קומט — און דו זעסט אַ מאָנסטער, וואָס האַלט אין איין גרעסער ווערן — אַ ריזיקער רעש און מ׳הייבט אָן שיסן שוין פון דער ווייטנס און דו האָסט נישט קיין שום מעגלעכקייט זיי עפּעס צו טאָן און דו ליגסט סתם אַזוי — איז עס אַ געפיל, אַז דאָס איז דער סוף. און דו וואַרטסט בלויז, אפשר נישט. אָבער דאָס איז אַ מזל־זאַך.

דער עיקר, עס פליט אַדורך דער צווייטער עראָפּלאַן, דער דריטער, פערטער — און דאָס זענען מינוטן, וואָס זעען דיר אויס ווי שעהן — און זיי זענען אַדורך. דו הייבסט אויף דעם קאָפּ, ביסט אין גאַנצן צעטומלט און קוקסט זיך אַרום צי דו לעבסט נאָך. דו קוקסט ממש אויף דיינע הענט און פיס, צי דו לעבסט נאָך, צי דו ביסט נישט

---

* אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין צענטער פון סיני.
** אגף מטה — שטאַב־אָפּטיילונג.

פאַרווונדעט, ווי קאָן דאָס זיין. ווי נאָר ס׳זענען אַריבער די דאָזיקע מאָמענטן, די סעקונדעס, כ׳וויס נישט וויפל צייט דאָס האָט גענומען, דערמאָנסטו זיך פּלוצים, אַז דו דאַרפסט זיך אַרומקוקן, אפשר איז ווער פאַרווונדעט געוואָרן און דו האָסט נישט באַ־מערקט. דאַן בין איך אויפגעשטאַנען, אַרומגעקוקט זיך צי עס שרייט עמעצער, צי נייטיקט זיך ווער אין הילף. גלייך שרייען חברה: לייג זיך, לייג זיך, זיי קומען ווידער. אין יענעם מאָמענט אָבער בין איך שוין געווען גלייכגילטיק, פון איין שטאַנדפּונקט, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז ליגן צי שטיין איז כמעט די זעלבע זאַך. און דו זעסט ווי זיי האָבן זיך דאָרט ווידער אויספאָרמירט אין אַ קוואַדראַט און ס׳הייבט זיך אָן נאָך אַן אָנגריף. אין דעם מאָמענט לויפן פאַרביי כל מיני געדאַנקען. כ׳האָב געטראַכט, וואָס פאַראַ נאַ־ישקייט האָב איך געטאָן, וואָס כ׳האָב געשריבן אַ בריוו (מיט אַ קורצער צייט צוריק) אַ היים. דער בריוו וועט קומען אַ היים, ווען איך וועל שוין נישט זיין... סאַראַ נאַרישקייט, פאַר וואָס איז מיר איינגעפאַלן גראָד היינט צו שרייבן, כ׳האָב נישט געקאָנט וואַרטן ביזן סוף פון דער מלחמה?

ס׳פליט פאַרביי דער ערשטער עראָפּלאַן. ער האָט געשאָסן און געטראָפן צווישן מיר און איינעם פון די סאַניטאַרן וואָס איז געלאָפן צוזאַמען מיט מיר. ווען ער איז אַדורך אין מיטן, איז געווען אַ געפיל פון נאָענטקייט צום טויט. דער צווייטער עראָפּלאַן פליט פאַרביי, אַ ריזיקער רעש. שיסט נישט, טוט גאָרנישט. דער דריטער עראָפּלאַן האָט געוואָרפן צינד־באָמבעס און ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצער רויך, מיר האָבן כמעט גאָרנישט געזען. דער פערטער עראָפּלאַן שיסט ווידער. אַלץ האָט זיך צעשפּרייט אין פאַרלויף פון עטלעכע סעקונדעס. דו קוקסט און שטוינסט, וואָס דו לעבסט נאָך. און דו זעסט, אַז זיי גרייטן זיך צו אַ דריטן אָנגריף. דאָס ברענגט אין גאַנצן אַרויס פון די כלים. און דו קוקסט און דו פּרוווסט — אפשר קאָן מען פאַרבעסערן די פּאָזיציע, אפשר קאָן מען געפינען עפּעס אַ לאָך אַריינצוקריכן אינעווייניק. וואָס וואָלסטו דאַן נישט געגעבן פאַר וואָסער נישט איז קליין לעכל, ס׳איז אָבער נישטאָ גאָרנישט. זאַמד, דאָס איז אַלץ. דו זעסט, אַז אויך אַנדערע חברה קוקן אַרום, און יאוש, נישטאָ גאָרנישט. און זיי גרייטן זיך צום דריטן אָנגריף.

פּלוצעם באַווייזן זיך אונדזערע עראָפּלאַנען. אין אָנהייב האָבן מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס קאָן פּאַסירן אַזאַ זאַך, אַז עס קומען אונדזערע עראָפּלאַנען. דאָס איז ממש געווען ווי משיח וואָלט געקומען. און מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט.

און ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ לופט־שלאַכט. מיר זענען געווען זייער איבערגענומען און ס׳איז שווער געווען צו וויסן — ווי אַזוי די דאָזיקע שלאַכט וועט זיך אַנטוויקלען. די שלאַכט איז געווען זייער אַ שנעלע און איך האָב נאָך באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, צי כ׳האָב נישט קיין פאַרווונדעטע. אַ טייל איז געלעגן און נישט געוואָלט אויפשטיין, זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס וועט זיין. און מיט אַמאָל רייסט איין מצרישער עראָפּלאַן אויף אין דער לופט און אַלע אַנדערע טראָגן זיך אָפּ, און, ווייזט אויס, אויך אונדזערע עראָפּלאַנען. און דאַן האָב איך אָנגעהויבן זאָגן צו דער חברה: מ׳קאָן אויפשטיין, נישטאָ שוין קיין שום זאַך אויפן הימל. מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַפילו קיין זחל״ם איז נישט געטראָפן געוואָרן. קיין איינער האָט נישט גערופן צו הילף, גאָרנישט. מיר זענען אָבער געווען אינגאַנצן צעטומלט. און דאָס געפיל פון דער שרעק האָט אונדז נאָך נישט אָפּגעלאָזט. מיר איז געווען מאָדנע וואָס איך לעב. דאָס האָט זיך נישט געלייגט אויפן

שכל און מ׳גייט זיך אַזוי פּאַמעלעך־פּאַמעלעך צווישן די זאַמדן, אין דער ריכטונג פון אונדזערע אויטאָס. און מיט אַמאָל באַקום איך אַ ידיעה, אַז אונדזערס אַן עראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן. און מיר זאָלן זיך צוגרייטן, מיר באַקומען באַלד דעם פאַרווונדעטן פליער.

באַלד איז געווען דאָס דאָזיקע געפיל, ברידערלעכקייט פון קעמפערס. וואָס וואָלטן מיר נישט געטאָן אין דעם מאָמענט פאַרן דאָזיקן פליער. אַלץ, דאָס אוממעגלעכע. מיר זענען גרייט געווען מיט אַלעמען. פון דעסטוועגן האָבן מיר תיכף קאָנטראָלירט צי די אינפוזיעס זענען גרייט און צי אַלע קליינע דעטאַלן זענען גרייט. האָסט געהאַט אַ געפיל, אַז דו מוזט טאָן דאָס סאַמע מאַקסימאַלסטע, כדי צו העלפן דעם פאַרווונדעטן פליער וואָס קומט צו דיר.

דער פליער איז אָנגעקומען. צו אונדזער מזל און צו זיינעם — איז זיין ווונד געווען אַ גאָר לייכטע. ער איז אָבער געווען אין גאַנצן איינגעבראָכן. ער האָט געזאָגט: „סאַראַ נאַרישקייט כ׳האָב אָפּגעטאָן, סאַראַ נאַרישקייט כ׳האָב אָפּגעטאָן. כ׳האָב גענומען אַזאַ ווינקל, אָנשטאָט אַן אַנדער ווינקל״. און דו ווייסט, ביי זיי איז דער ענין פון ווינקל אַן ענין פון לעבן און טויט. און ער איז געווען זייער גערירט. ווען איך האָב באַקוקט די ווונד און געזען אַז ס׳איז גאָרנישט, האָבן מיר אים באַרויִקט און אַלע סאַניטאַרן אַרום האָבן אים געצערטלט. איך מיין, אַז אַ זויגלינג צערטלט מען נישט אויף אַזאַ אופן. און זיי האָבן אים באַרויִקט, געברענגט „טעמפּאַ״ און געברענגט כ׳ווייס וואָס, אַלערליי סיגאַרעטן, זאַפטן (וועלכע זיי האָבן באַוויזן צוצושלעפן) האָבן זיי אים געבראַכט, און צום טרינקען און פילן, און זענען גרייט געווען צו טאָן אַלץ; וואָלט מען זיי געשיקט אין פייער — וואָלטן זיי געשפרונגען אין פייער. אַבי העלפן דעם פליער מיט וואָס נאָר ס׳לאָזט זיך. דער עיקר, מיר האָבן אים אַוועקגעלייגט, זיך פאַרנומען מיט אים. ער האָט געבעטן אַ סיגאַרעט און באַקומען אַ פאַנטאַסטישע צאָל סיגאַרעטן (די דאָזיקע פליערס, אין זייערע קליידער איז דאָ אַ מאַסע קעשענעס). מ׳האָט געעפנט יעדע קעשענע און דאָרט אַריינגערוקט פעקלעך סיגאַרעטן. און דאַן איז ער אַביסל געקומען צו זיך און אָנגעהויבן אַ ביסל שמייכלען: „חברה, חברה, באַרויִקט זיך, באַרויִקט זיך, ס׳איז אין אָרדענונג, כ׳האָב נאָר געבעטן איין סיגאַרעט״. דאַן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ געלעכטער און מיר האָבן אים פאַרגעלייגט, אַז ס׳איז אים נישט כדאי צו זיין אַ פליער, זאָל ער קומען ווי אַ פּריוואַט־ליקער צום פאַנצער־געווער. ער וועט לכל הפחות קאָנען נעמען אַ שלל מצרישע סיגאַרעטן. און אַזוי האָט זיך געענדיקט די פּרשה.

אָבער דאָס זענען געווען מינוטן פון שרעק און פון אַ געפיל, אַז ס׳איז דער סוף. און דאָס איז עס. יעדעס מאָל, ווען כ׳בין פאַרבייגעפאָרן דאָס דאָזיקע אָרט, האָט מיך נישט ווילנדיק געצויגן אַ קוק צו געבן אויפן בערגל ווו מיר זענען געלעגן, אויף דער דאָזיקער דיונע. און באמת, דאָס איז געווען אַן איבערלעבונג, דאָס איינציקע קלאָרע געפיל פונעם טויט, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער מלחמה.

די היסטאָרישע טאַט און דאָס געפיל פון אַן אָקופּאַנט

פון אַ שמועס אין קיבוץ גת

שלומית: צי איז נישט געווען ביי אייך קיין פערזענלעכע מורא פאַר דער שלאַכט, דווקא צוליב אַט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אויף אייך אַרויפגעלייגט געוואָרן? איר האָט זיך נישט געפרעגט: „ווי אַזוי וועל איך דאָסביישטיין?"

דן: ס'איז קלאָר און לאָגיש, אַז אַ מענטש האָט מורא. פאַר וואָס? פריער האָב איך זיך נישט באַטייליקט אין קיין שום שלאַכט. אין דער רעוואַנש־אַקציע אין תאופיק * האָב איך זיך באַטייליקט אַלס קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג. איך מיין, אַז יעדער איינער... אַלנפאַלס איך... כ'בין געווען פאַרזאָרגט און נישט געוווּסט ווי כ'וועל זיך קענען אַן עצה געבן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ קאָמפּאַניע. דאָס איז אַ מער זעלבשטענדיקע ראָל מיט אַ סך שווערערע פּראָבלעמען פון שטאַנדפּונקט פון רעאַליזירונג און פון שטאַנדפּונקט פון הערשן איבער מענטשן, פון שטאַנדפּונקט פון געוואַגטקייט צו טאָן די ריכטיקע זאַכן אין דער בעסטער פאָרם. צום ביישפּיל, ס'איז געווען אַ באַשטימטער אָפּשניט אויף וועלכן מיר זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון דער פּאָזיציע אל־קובאַ, אין אַן אָפענעם שטח. איך בין געפאָרן אין ערשטן קאָמאַנדקאַר — אַן אָפענער קאָמאַנדקאַר — און מ'האָט אויף אונדז געשאָסן... ס'איז געווען אַ שווערע באַשיסונג און די קוילן האָבן געטראָפן אויך אין מיין קאָמאַנדקאַר... דו האָסט געהאַט אַ געפיל, גלייך ווי דו שטייסט אַ נאַקעטער אויפן כיכר דיזנגוף אין תל־אביב, לגמרי אַן אַנטבלויזטער, אָן שוץ, און דו ווילסט זיך איינקאָרטשען טיף אינעם שטאָלענעם העלם. אַלץ איז געווען אַנטבלויזט... דאָס גלאָז אין קאָמאַנדקאַר איז געווען דער איינציקער שוץ. און דאָס האָט געשראָקן... פאַרשטייט זיך אָבער, אַז אויסערלעך האָב איך זיך געשטאַרקט, כ'האָב עס געמוזט, ווייל איך פאָר און פיר מענטשן, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף מיר... איך ווייס נישט צי זיי האָבן מער מורא, נאָר זיי דאַרפן וויסן, אַז איך שרעק זיך ווייניקער, אָדער ווינציקסטנס, בין עס גובר. דערפאַר, ווייל אויב איך וועל נישט גובר זיין — טאָ וואָס שוין זיי?

און אין אַן אַנדערן עטאַפּ האָב איך דער ערשטער זיך באַדאַרפט אָפּרייסן פון הינטער די געביידעס און אָנהייבן לויפן אויף אַן אָפענעם שטח, וויסנדיק, אַז דער שטח איז אָפן און ווייזט אויס, אויך מינירט... געשאָסן האָט מען אויף אונדז אַ גיהנום־פייער... דאָס קלינגט אפשר ליטעראַריש... ס'איז אָבער געווען אַ זייער און זייער שטאַרק פייער... און לויפן דער ערשטער... דאָס איז אַביסל ווינציקער אָנגענעם ווי לויפן הינטער עמעצן... אַפילו ווען דאָס איז נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער ענין. מיר זענען געקומען צום ציל, און מיט אונדז איז דאָ ווייניקער ווי אַן אָפּטיילונג, ווען מיר האָבן שוין אָנגעהויבן קעמפן צו דעראָבערן די פּאָזיציע — איז שוין געבליבן בערך אַ האַלבע אָפּטיילונג... און צום עטאַפּ פון אָנגריף בין איך געקומען נאָר מיט דריי קאָמאַנדקאַרס און מיט זיי בין איך אַרויס קעמפן.

און יענע זעלנער און אָפיצירן און גרופּן־עלטסטע, ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעפירט...

---

* ביי דער פריערדיקער סירישער גרענעץ — לעבן קיבוץ תל־קציר.

יענע מאַשינען, וועלכע זענען גלייך געטראָפן געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט... דאָרט זענען געבליבן גרופּן־עלטסטע, אָפּיצירן און זעלנער — אָן דעם קאָמאַנדיר פון דער קאָמפּאַניע און אָן זיין פּאַרטרעטער, אָן קאָמאַנדירן, וואָס זאָלן אָרגאַניזירן דעם כּוח... דאָס אָרגאַניזירן זיך דאָרט האָט באַדאַרפט זיין אַן ענין פון איניציאַטיוו — איניציאַטיוו פונעם אָפּטיילונגס־עלטסטן, איניציאַטיוו פונעם גרופּן־עלטסטן, איניציאַטיוו פונעם זעלנער — און ס׳זענען געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע, און די מענטשן האָבן זיך באַדאַרפט פאַרנעמען מיטן עוואַקויִרן די פאַרוווּנדעטע. אַ זייער שטאַרק פייער האָט באַדעקט דעם שטח און כּדי צו פאַרנעמען זיך מיט אַ פאַרוווּנדעטן, האָסטו באַדאַרפט אויפשטיין — מיט זייער ממשותדיקע אויסזיכטן געטראָפן צו ווערן. און אַ גרויסער פּראָצענט פאַרוווּנדעטע אין דער קאָמפּאַניע אויף יענעם אָרט איז געווען דער רעזולטאַט דערפון, וואָס די מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט און געגאַנגען זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע פאַרוווּנדעטע, אָדער מיט געהרגעטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטח. און כ׳האָב אַ סערזשאַנט, וואָס ביזן היינטיקן טאָג... באַפרייט ער זיך נישט פון דעם, פונעם שולד־געפיל, וואָס ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און אַן אַנדער גרופּן־עלטסטער האָט זיך אויפגעשטעלט, כּדי זיך מיט אים צו פאַרנעמען און אויפן וועג צו אים איז ער געטראָפן געוואָרן דירעקט און איז דערהרגעט געוואָרן. ס׳איז געווען אַן איבערראַשונג צום גוטן... ס׳איז געווען אַ וווּנדערלעכע האַלטונג פונעם רוב זעלנער און אויך פון די סאַמע פּשוטע — זיי האָבן זיך וווּנדערלעך אויפגעפירט.

די גאַנצע שלאַכט.. זיי האָבן געשאָסן... איך מיין, אַז די שלאַכט האָט זיך געענדיקט מיט דער דעמערונג... די שלאַכט איז געווען אַ געניג לאַנגע. מיר איז שווער צו רעקאָנסטרויִרן... אַנדערע האָבן עס רעקאָנסטרויִרט... זיי זאָגן, אַז דאָס קעמפן אין דער פּאָזיציע גופא האָט געדויערט אַ 50 מינוט. און מיר, מיין כּוח, זענען צום סוף פון דער שלאַכט, אָנגעקומען מיט 7 מענטשן. איך צווישן די זיבן איז אַ העלפט געווען פאַרוווּנדעט, אַריינגערעכנט מיך. און ס׳איז געווען אַ פּאַוזע, אין וועלכער איך האָב געפילט, אַז אונדז וועט נישט געלינגען דאָס צו פאַרענדיקן. מיר רייניקן און רייניקן... און פאַלן און פאַלן... ס׳בלייבן ווייניק... געווען אַ געפיל, אַז מיר וועלן נישט צוריקקומען. אַ געדאַנק וועגן צוריקציִען זיך — איז נישט געווען אין קיין שום פּאַוזע. איך האָב נישט געצווייפלט אין דער דורכפירונג. נישט דערפאַר ווייל איך בין אַ שטאַרק דרייסטער און נישט קיין העלד און נישט קיין „בטיח״*... נאָר לויט מיין מיינונג, אויב ס׳איז נייטיק אַדורכצופירן — מוז מען...

אמנון: איך מיין, אַז ער איז יאָ אַ גרויסער העלד...

דן: ניין, איך מיין נישט, אַז דאָס איז העלדישקייט. יעדער איינער האָט אַזוי געטאָן. און דאָס איז אפשר דאָס ספּעציפישע פון צה״ל, אַז יעדער איינהייט, אין יעטוועדע באַדינגונגען, האָט געטאָן וואָס ס׳איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן, אָן צו פיל נאָכקלערענישן און ספּעקולאַציעס.

שלומית: פאַראַן דאָ אַ זאַך, וואָס איז מיר שווער צו פאַרשטיין. כ׳האָב געהערט וועגן דעם פון די מיידלעך, וועלכע זענען געזעסן אין רעזערוו און האָבן געהערט

* אַן אַראַבישער אויסדרוק, וואָס מיינט: „ווייס־איך־וואָס״.

דורכן פֿאַרבינדונגס־אַפּאַראַט דעם טאָן פֿון די באַפֿעלן אונטערן סאַמע שווערסטן פֿייער — אָין זיי זענען ממש דערשטוינט געוואָרן פֿון דער אָלימפּישער קאַלטבלוטיקייט פֿון די קאָמאַנדירן. מיט וואָס קענט איר עס דערקלערן?

דן: וועגן דעם האָבן דערציילט אמנונס זעלנערס... ער האָט נישט געקאָנט דערציילן וועגן זיך, וועל איך דערציילן: מ׳האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט עס געגעבן די באַפֿעלן, דאָס איז געווען איינע פֿון די זאַכן, וואָס האָט זיי געגעבן די זיכערקייט — די פֿאַרעם פֿון באַפֿעלן בעת דער שווערער שלאַכט... זיי האָבן געהאַט אַ געפֿיל, גלייך ווי זיי וואָלטן אויסגעפֿירט די באַפֿעלן בעת אַן איבונג. זיין רויִקייט און זיכערקייט — ווי בעת אַן איבונג. אפשר קאָן ער דאָס בעסער דערקלערן, ווי אַזוי איז עס געווען צו געבן באַפֿעלן רויִק און גלייכגילטיק. איך האָב נישט געגעבן קיין סך באַפֿעלן דורכן פֿאַרבינדונגס־אַפּאַראַט. כ׳האָב געהאַט ווייניק מענטשן און די באַפֿעלן זענען געגעבן געוואָרן מינדלעך...

אמנון: ביי אונדז אין פּאַנצער־מיליטער, אַז דער שעף פֿון דער קאָמפּאַניע גיט אַ באַפֿעל — הערט די גאַנצע קאָמפּאַניע — ביזן לעצטן פֿון די שאָפֿערן. איינעם פּוסגייער־מיליטער ווערט דער באַפֿעל פֿריער איבערגעגעבן די קאָמאַנדירן פֿון די אָפּטיילונגען. אַלס טאַנקיסט האָב איך געלייגט אַכט אויף דעם, אויך אין דער סיני־אַקציע און אויך בעת די איבונגען. אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט: וואָס וועל איך זאָגן אינעם פֿאַרבינדונגס־אַפּאַראַט, אין אַ צושטאַנד פֿון מלחמה? אויב איך גיי בראש פֿון פּוסגייער, אָדער פֿאַר בראש — קאָן מען גובר זיין די שרעק. דער עצם פֿאַקט, אַז איך גיי פֿאָרויס, ווירקט אויף אַ וויזועלן אופֿן. אָבער ווען אַ מענטש האָט מורא — איז אים צום שווערסטן צו הערשן איבער זיין קול. ער הייבט אָן ציטערן... כ׳פֿלעג מאַכן „איבונגען״ מיט זיך אַליין: וואָס וועל איך זאָגן, ווען מיר וועלן נישט זיין אויף איבונגען, נאָר אין מלחמה. וואָס וועלן די זעלנערס פֿון מיר הערן?... אַ וואָסערע רייד און וואָסערע ווערטער... צי נאָר דעם מיליטערישן באַפֿעל? אָדער אַזעלכע צוגאָב־ווערטער פֿון דער זייט... דאָס האָט מיך יאָרן געמאַטערט. כ׳האָב שוין געוואָוסט, אַז כ׳בין נישט קיין גרויסער גיבור... בדרך כלל געהער איך נישט צו די דרייסטע... ביי די איבונגען קאָן איך געבן וואָסער נישט באַפֿעל. אָבער ווען מ׳שיסט פֿון אַנטקעגן, איז פֿאַר מיר קלאָר, אַז דער טאָן פֿון די רייד, וואָס וועלן געהערט ווערן אין פֿאַרבינדונג־אַפּאַראַט וועט ווירקן אויף די זעלנער. וועגן דעם האָב איך געטראַכט יאָרן פֿאַר דער מלחמה. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט מיך געמאַטערט אויפֿן פֿאַל פֿון אַ מלחמה. כ׳האָב געוווּסט, אַז ווען די שלאַכט הויבט זיך אָן, האָב איך, פּיזיש, נישט קיין סך צו טאָן... וואָס איך זאָג און ווי אַזוי איך זאָג — דאָס איז מיין עיקרדיקער צושטייער צו דער מלחמה, אויב מען רעדט אין ראַנג פֿון אַ קאָמפּאַניע...

דן: איך שטעל זיך פֿאָר, אַז דער רוב מענטשן האָט מורא געהאַט — נישט איין רגע, נישט צוויי. נאָר איך טראַכט, אַז דאָ האָט געווירקט די דערציִונג צו זיין צוגעבונדן צו דער אויפֿגאַבע... און די אינערלעכע פֿליכט צו דערפֿילן די אויפֿגאַבע ביזן סוף... איך מיין, אַז דער דאָזיקער פּונקט איז ביי אַלעמען געווען שטאַרקער ווי יעטוועדער פּחד און ער האָט געגעבן דעם כוח גובר צו זיין יעטוועדן פּחד. דאָס האָט געברענגט דערצו, אַז יעדער קאָמאַנדיר איז אויפֿגעשטאַנען און יעדער קאָמאַנדיר איז געגאַנגען דערפֿילן

זיין אויפגאַבע און יעדער קאָמאַנדיר האָט אַטאַקירט און יעדער קאָמאַנדיר האָט געקעמפט — און אַ פאַקט איז, אַז כ׳האָב נישט געהערט אַפילו וועגן איין פאַל פון אַ קאָמאַנדיר, אין וועלכן ס׳איז ראַנג, וואָס איז געווען נישט אין אָרדענונג.

שלומית: האָט איר בעת די קאַמפן געטראַכט וועגן די זאַכן נאָר פון רייַנעם אויספיר־שטאַנדפונקט, אָדער צי האָט איר אין יענע מאָמענטן אויך געדענקט די אַלגעמיינע באַדייטונג פון דער מלחמה, די היים אאַז״וו. וואָס איז אייך געלעגן אין קאָפּ?

דן: אין שלאַכט האָב איך קיין איין רגע נישט געדענקט וועגן אשכולן. מ׳דאַרף טראַכטן וועגן אויספירן, און מען מוז טראַכטן ווי אַזוי דאָס טאָן ווי אַמבעסטן, מיט אַ מינימום פאַרלוסטן. ס׳איז אפשר געווען אַ באַשטימטע פאַזע, אין וועלכער איך האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז איך צעשייד זיך אַ ביסל פונעם לעבן און פון דער משפחה — פון דער פרוי, פון קינד. אָבער נישט מער ווי דאָס. כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום מאָמענט, ווו כ׳זאָל טראַכטן וועגן זאַכן פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט. כ׳האָב נישט געטראַכט איבערצולאָזן אַ ירושה...

אמנון: — — — איך מיין, אַז די קיבוצניקעס קעמפן ווי זיי קעמפן, אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַ ביסל אַ „שטאַרקערן״ הינטערלאַנד ווי אַ געוויינלעכע משפחה... דאָס „רייבט זיי אויס״ אַפילו אין אונטער־באַוווסטזיין. איך קאָן נישט דעפינירן, צי דאָס איז אַ פאָזיטיווער, אָדער נעגאַטיווער „דרוק״, נאָר לויט מיין מיינונג, איז עס אַן עקזיס־טירנדיקער פאַקט. אין דער שלאַכט — דוכט זיך דיר, אַ מאָמענט אויס, אַז ביסט אייגנטלעך אָפּגעשניטן... הונדערטער קילאָמעטער דאָרט... די נאַכט איז גרויס און דאָ איז אַ גיהנום־פייער און מ׳שיסט... און שלאַכטן... אאַז״וו אאַז״וו. אָבער דער פאַקט, וואָס דו ביסט דאָך פאַרבונדן מיט אַ וואָסער ס׳איז געזעלשאַפט, וואָס וועט דערנאָך אָפּשאַצן דיין אויפפירונג — גיט עפּעס צו. דאָס עצם וויסן, וואָס שטעקט ערגעץ טיף, אַז דיין פירונג וועט שטיין אונטער אַ קריטיק פון מענטשן וועלכע דו שעצסט — ווירקט אויך אויף דער אויפפירונג. כ׳האָב נישט געטראַכט וועגן דעם אין דער שלאַכט, אָבער כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם פאַר איר. און אַז זי האָט זיך געענדיקט — איז דאָס געווען די ערשטע פראַגע, וואָס כ׳האָב זיך געשטעלט. נישט וואָס כ׳האָב זיך געפרעגט בפירוש, נאָר געטראַכט וועגן איר... איינער פון די זעלנער, פון קיבוץ גלאון, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און כ׳האָב געוווּסט, אַז מ׳וועט קומען אים באַזוכן... און דאָס וועט פאַקטיש זיין די ערשטע בשורה פון דער שלאַכט. האָב איך ערגעץ־ווו געפרעגט זיך אַליין: וואָס וועט ער דאָרט האָבן צו דערציילן?... וואָס וועט מען הערן וועגן מיר אין דער היים? דאָס איז בפירוש געווען אַ וויכטיקע פראַגע. און איך מיין, אַז זי האָט אויך באַשטימט די אויפפירונג — אַפילו ווען כ׳האָב וועגן דעם נישט באַריכטעט צום סוף פון דער שלאַכט. כ׳בין איבערצייגט, אויך ביי דנען האָט דאָס באַשטימט די אויפפירונג.

דן: איך ווייס נישט... כ׳האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, צי איז ערגעץ־ווו אינעווייניק פאַראַן אַ געדאַנק און אַן אימפּולס פון דער קאַטעגאָריע, וואָס אמנון האָט דערמאָנט. די קלאָרע זאַך, וואָס האָט מיך געפירט אין משך פון דער גאַנצער צייט — איז געווען, ווי אַזוי צו טאָן די זאַך ווי צום בעסטן, ווי צום ריכטיקסטן, וואָס זאָל

ביישטייערן צו דער סאַמע בעסטער אויספירונג און צו דער סאַמע ביליקסטער פון שטאַנדפונקט פון קרבנות. די מחשבות וואָס האָבן „געשפּילט“ אין מיינע אַנטשיידונגען, זענען געווען אויף די דאָזיקע פלאַכן. איך געדענק נישט כ׳זאָל האָבן געטראַכט, אין אַ וואָסער מאָס מען וועט דערנאָך זיך באַציִען צו דעם, וואָס כ׳האָב געטאָן פון שטאַנדפונקט... אַפילו, לאָמיר אָננעמען, פון מיינע שותפים אין דער מיליטערישער איינהייט... אָדער די היים, קען זיין...

א מ נ ו ן : אויך גוט עס דורכפירן פון פאַכמענישן שטאַנדפונקט, אַזוי ווי ער זאָגט, איז אַ באַשטימטע באַציִונג צום אָפּשאַצן — אַפילו אין דער מיליטערישער ראַם... ביי יעדער איבונג און איבונג ווייסט ער, אין אונטער־באַוווסטזיין, אָדער ביים פולן באַוווסטזיין, אַז אויב די איבונג וועט זיין אַ גוטע, וועלן די קאָמאַנדירן, אָדער יעדער איינער, וואָס וועט מיט דעם זיין פאַרבונדן — אים מערער אָפּשעצן. דאָס איז אַ פאָרם פון דער באַציִונג — צי אויפן מיליטערישן ניוואָ, צי אויף דעם ניוואָ פון דער געזעלשאַפט אין דער היים. דאָס האָט אַ שייכות נישט נאָר צו מלחמה — דער ענין פון באַציִונג — אָבער אין דער מלחמה ווירקט עס זייער. דאָס איז איינער פון די ענינים, וואָס קאָן העלפן די זעלנער ביישטיין די שרעק. איינע פון די זאַכן, וואָס כ׳האָב זיי געגעבן ווי אַן אָנשפּאַר. כ׳האָב געזאָגט: געדענקט, נאָך דעם ווי דאָס עסק ענדיקט זיך — ווייס מען וועגן אים. דאָס ווערט געשיכטע — און איר זענט אַ טייל פון איר.

ש ל ו מ י ת : די דאָזיקע באַדערפעניש פון וועלכער האָסט גערעדט — תמיד זיך אָנצושפּאַרן אויף עמעצן, פירט מיך אויך צו דער פראַגע וועגן די ספּעציפישע באַציִונגען, וואָס וועבן זיך אויס אין באַדינגונגען פון שלאַכט. צי וועבן זיך באמת אויס באַזונדערע באַציִונגען וואָס הייסן „ברידערלעכקייט פון קעמפערס“? און מ׳קאָן פרעגן: צי דרינגט נישט די זאַך אַרויס פון דעם עגאָיסטישן וויסן... אַז אָן דעם חבר האָסטו נישט קיין שום אויסזיכט, אָדער, אַז ס׳איז דאָ פאַראַן עפּעס אַ סך טיפערס, און איבער דעם מאָמענט פון זיכערקייט און קעגנזייטיקער גאַראַנטיע? און יענע ספּעציפישע באַציִונגען, צי בלייבט עפּעס פון זיי נאָך דער שלאַכט? נאָך דער מלחמה?

ד ן : ... דו ביסט גרייט אָדער נישט גרייט צו געבן דיין לעבן — אָבער פאַקטיש טוסטו דאָס. אויך פאַרן חבר און אויך פאַרן קיום — די דאָזיקע אָפּפערונג דערפירט צו אַזעלכע גאַראַנטיעס און באַציִונגען... דאָס וואָס מען רופט „ברודערשאַפט פון קעמפערס“ איז זייער שטאַרק. און פון דער צווייטער זייט, די דאָזיקע באַדערפעניש צו שטיצן זיך אויף וועלכן ס׳איז באַפעלערישן ראַנג אינעם העכסטן עקזאָמען פון דער שלאַכט — ברענגט צו עקסטרעמע דערשיינונגען נאָך דער שלאַכט: ווער ס׳איז אין שלאַכט געווען אין אָרדענונג — איז ער „כמעט אַ גאָט“. פאַראַן אַן איבערגעטריבענע אָפּשאַצונג „לטובת אים“... און דער, וואָס איז געווען שלעכט — אויב אַפילו ער איז נישט געווען אַזוי שלעכט (אויך צווישן די זעלנער, אָבער באַזונדערס צווישן די קאָמאַנדירן) — פאַלט זיין ווערט אין אַן איבערגעטריבענער פאָרעם. פון שטאַנדפונקט פון זיין סטאַטוס, איז ער אַ „פאַרענדיקטער“... די איבערטרייבונגען... ווייזט אויס, אַז אין די באַדינגונגען זענען נישטאָ קיין קאָמפּראָמיסן. נישטאָ קיין צווישן־סיטואַציעס. פאַראַן גוט אָדער נישט גוט. שוואַרץ אָדער ווייס. און איך האָב געזען... און בעיקר ביי אונדז, ווען מיר זענען אַ חודש נאָך דער מלחמה געווען אין די ראַמען פון רעזערוויסטן־דינסט און מיר

האָבן געהאַלטן דעם עזה־ראַיאָן... די דאָזיקע תקופה האָט צוגעגעבן און אַנטוויקלט אָ די דערשיינונג. דאָס איז זייער דייטלעך געווען: דער וואָס איז גוט געווען אין דער שלאַכט, איז מען גרייט געווען צו טאָן פאַר אים אַלצדינג. און דער, וואָס איז נישט גוט געווען — איז געווען אַ „פאַרענדיקטער".

שלומית: — די באַציִונגען וואָס האָבן זיך אויספאָרמירט אין שלאַכט — נישט גראָד די באַציִונגען קאָמאַנדיר־אונטערגעאָרדנטע, נאָר באַציִונגען פון קעמפערס פונעם זעלבן ראַנג, אַ וואָסער אָפּשפּיגלונג האָבן זיי געהאַט דערנאָך, אין דער דאָזיקער תקופה פון „גאַרניזאָן".

דן: געווען אויך אַזאַ מין פריינדשאַפט. אויב ס'איז געבליבן אַ צאָל זעלנער וואָס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין שלאַכט, קוכערס, מאַגאַזינערס... אָדער ס'איז ווער צופעליק געווען נישט געזונט און נישט אַנטייל גענומען — די זענען כלומרשט געווען מינדערווערטיק צווישן דער חברה... אין זייער אייגענעם געפיל — זיכער, אָבער אויך אין די אויגן פון דער חברה. צווישן דער חברה האָבן זיך געשאַפן שטאַרקע פאַרבינ־דונגען אין רעזולטאַט פון דער שלאַכט, אפשר דערפאַר, וואָס דו ביסט באמת דערגאַנגען צו אַ מאָמענט פון מקריב זיין דאָס לעבן, אויב זיך באַנוצן מיט אַ פראַזע.

אמנון: איך מיין, אַז ס'איז אַ ביסל שווער צו רעדן וועגן „ברודערשאַפט פון קעמ־פערס" אין אַנגענומענעם זין, ווייל אונדזערע איינהייטן האָבן געקעמפט בלויז אין איין שלאַכט. אַז מיר רעדן געוויינטלעך וועגן „ברודערשאַפט פון קעמפערס", איז מען אויסן די איינהייטן, וועלכע האָבן געקעמפט אַ יאָר, חדשים, אַ צאָל שלאַכטן — דאָס הייסט, די מענטשן האָבן געלעבט צווישן זיך פון איין שלאַכט צו דער צווייטער... דאָ איז געווען איין שלאַכט, וואָס האָט דערפירט צו אַן ערנסטער דערשיטערונג און געווירקט אויף דעם קאָמפּלעקס באַציִונגען אין אַ זייער אינטערעסאַנטער פאָרעם. אין דער קאָמפּאַניע זענען בדרך־כלל געווען גוטע באַציִונגען אויך פאַר דער מלחמה. אַפילו אין די סטאַנדאַרטע איבונגען — איז געווען אַ מין „ברודערשאַפט פון קעמפערס". פאַראַן אַ בשותּפותדיקער דענאָמינאַטאָר, און אויב אין דער קאָמפּאַניע איז פאַראַן אַ גוטע אַטמאָספער צוליב דעם אָנפירנדיקן קאַדער, אָדער די גוטע חברה — הערשט צווישן זיי ברודערשאַפט, וואָס איז נישט קלענער פון פאַרברידערונג פון קעמפערס, אויך ווען זי איז אין באַדינגונגען פון רעזערוויסטן־דינסט: ליגן 35—40 טעג אין די זאַמדן פון נגב... דאָס דערנענטערט און קאָנסאָלידירט. און וואָס איז דאָ געשען? — בדרך כלל האָבן מיר גערעדט וועגן דער ראַם פון אַ קאָמפּאַניע, נאָך דער שלאַכט האָט די ברודערשאַפט זיך געפילט זייער גוט אויך אין דער ראַם פונעם פּאָלק. דאָס הייסט, דער קאָמפּאַניע פון באַדינונגען איז פלוצים אַנגעצאַנגען, ווער איז די קאָמפּאַניע א' און ווער די קאָמפּאַניע ג' און ווער די קאָמפּאַניע ב' — און מען פלעגט זיך האַרציק צוזאַמענטרעפן און ס'זענען געווען גוטע באַציִונגען, ווייל די שלאַכט האָט פאַרגרעסערט די ראַם פון אָנגעהעריקייט. דער פּאָלק גופא האָט זיך געפילט ווי אַ שותּף; די באַציִונגען צווישן די קאָמפּאַניעס און די קאָמאַנדירן פון די קאָמפּאַניעס, צווישן וועלכע ס'הערשט אין געוויינלעכן צושטאַנד, אַן אַטמאָספער פון קאָנקורענץ, האָט זיך פלוצעם פאַרוואַנדלט אין אַ זייער אומגעוויינלעך געפיל... צו אַ גרויסער שותּפות. דער שונא איז געווען אַזאַ קאָנקרעטער, ממשותדיקער און דעפינירטער, און דער פּאָלק האָט אַזוי געקעמפט מיט

ש נ א ה, אַז מיט אַמאָל האָסטו געהאַט דאָס געפיל, אַז דו באַלאַנגסט צום פֿאָלק און די שותפֿות צווישן זיינע זעלנערס איז די סאַמע גרעסטע שותפֿות, וואָס עקזיסטירט. און בנוגע צווישן־פּערזענלעכער קעמפֿער־פֿאַרברידערונג — מיין איך נישט, אַז מ׳קאָן זאָגן אַז זי איז געווען מער ווי געוויינלעכע חברשאַפֿט פּלוס יענע געמיינזאַמע דערשיטערונג, וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען. פֿון דעסטוועגן... מענטשן האָבן דורכגעמאַכט אַן איבערלעבונג... דערנאָך, אין יענער תּקופֿה פֿון „גאַרניזאָן", פֿלעגן זעלנער זיצן און פֿלעגן מיר זאָגן: הער, ווי אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געהרגעט (זיי האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן רעטראָאַקטיוו)... פֿאַר דער מלחמה האָב איך געלייענט אַ סך דעטעקטיוו־ביכלעך. אין אַזאַ ביכל זוכט גאַנץ סקאָטלאַנד־יאַרד איין מערדער, וואָס האָט דערהרגעט איין מענטש. איך וואָלט נישט געקאָנט דאָס לייענען נאָך דעם... נישט געקאָנט לייענען... פּלוצעם האָט עס פֿאַרלוירן די גאַנצע פּראָפּאָרץ... איין מענטש איז דערהרגעט געוואָרן... מיר האָבן געזען... כ׳וויל נישט איבערטרייבן, אָבער מיר האָבן געזען הרוגים אויף הרוגים... מיר האָבן עס געטאָן מיט אונדזערע הענט... און די מענטשן פֿרעגן כּלומרשט זיך אַליין: ווי אַזוי בין איך מיט צוויי וואָכן צוריק, אין סאַמע ברען פֿון דער שלאַכט, פֿעיִק געווען צו הרגענען מענטשן? דאָס זענען אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען. באַזאַמען מיט דעם, האָב איך זיך געטראָפֿן מיט חברה נאָך דער מלחמה — נישט מיט קיין סך. און כ׳האָב זיי געזאָגט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט: זעט, אין אַ חודש אַרום, צוויי חדשים, פֿיר חדשים — וועלן מיר זיך טרעפֿן אין גאַס, און אַלץ וואָס מיר וועלן קאָנען זאָגן, איז „שלום, וואָס הערט זיך?" אייגנטלעך, וועלן מיר נישט האָבן וועגן וואָס צו רעדן, הגם מיר האָבן אַ בשותּפֿותדיקן מלחמה־הינטערגרונט. גוט, דערווייל זענען נאָך נישט אַריבער קיין פֿיר חדשים... מען באַגעגנט זיך נאָך מיט גרויס איבער־גענומענקייט... דעם דאָנערשטיק האָט אַ קאָמאַנדיר פֿון טאַנק חתונה, אינטערעסאַנט, וויפֿל חברה וועלן קומען, אַלע האָבן באַקומען איינלאַדונגען.

דו האָסט מורא ביז דער ערשטער קויל

אַ שמועס מיט שי (קיבוץ אפיקים)

ש י: — — — די זעלנער האָבן גענוי געוווּסט צו וואָס זיי גייען. זיי האָבן געוווּסט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ברירה און זענען גרייט געווען. איך מיין, אַז דאָס איז געווען דאָס געפֿיל נישט נאָר פֿון די זעלנער, נאָר פֿון גאַנצן ישוב. ס׳איז נאָך נישט געווען אַזאַ תּקופֿה, אַז דער גאַנצער ישוב זאָל זיין אַ שותּף צום דאָזיקן קאַמף.

כ׳וועל ברענגען עטלעכע ביישפּילן. אין דער תּקופֿה פֿון גרייטקייט־צושטאַנד איז איינער פֿון די קאָמאַנדירן אַוועק אין אַ דאָרף פֿון עולים פֿון קורדישע יידן, וואָס זייערע השגות וועגן ציוניזם און זיכערקייט און די אַלע פּראָבלעמען פֿון שאַרם־אַ־שייך, יאָ דורכגיין דעם ענגפּאַס, אָדער נישט דורכגיין, אָדער דאָס, אַז אַלע צוויי טעג באַשיסט מען תּל־קציר, אָדער מ׳לייגט אונטער מינעס אין צפֿון, האָט נישט אַזוי „געשפּילט"

לגבי זיי, ד. ה. זיי זענען נישט געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין די דאָזיקע זיכערקייט־פּראָבלעמען. ווען מ'איז אָבער געקומען זיי בעטן זיי זאָלן אונדז דערמעגלעכן צו זיין אין זייערע פּרדסים (און דאָס איז געווען אַן עניין, פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן, ווייל דאָס מיינט פאַראומרייניקן דעם שטח, ווייל מענטשן געפינען זיך פּשוט אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן שטח און ברענגען שאָדנס), ווען מיר זענען געקומען צו איינעם פון די דאָרף־איינוווינער אים בעטן ער זאָל אונדז לאָזן דאָרט זיין, האָט ער נישט נאָר מסכים געווען, נאָר איז אַרויפגעפאַלן אויף אונדז, האָט אונדז געקושט און געהאַלדזט און געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נעמען דעם פּרדס, דאָס הויז, אַלץ. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער ביישפּיל. דערנאָך, אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זענען דאָרט געווען, האָבן זיי נישט אויפגעהערט אונדז צו באַשיטן מיט מתנות און עסנוואַרג און די גאַנצע צייט פלעגן זיי אונדז פאַרבעטן אין זייערע הייזער, מיר זאָלן זיך וואַשן און עסן, און וואָס האָט אונדז געפעלט? זיי האָבן ממש געוואָלט געבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט.

דאָס האָט בכלל גורם געווען צו אַ ריזיקן אויפשטייג פון דער מאָראַל אין דער אַרמיי און דאָס האָט געגעבן אַ גוט געפיל די זעלנער, אַז אָט, פאַרלאָזט מען זיך אויף זיי. און אָט, אַלע בירגער גלויבן אין זיי און פאַרערן זיי. זיי זענען געווען גרייט דערצו. בכלל, איז די באַגייסטערונג פון די מענטשן צו גיין אין רעזערוו־דינסט געווען דאָס מאָל מער ווי מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט. איך געדענק, ווען מיר זענען אַוועק אין אום־כּתף* אויף אַ דעסאַנט, האָט מען אַ טייל מענטשן אַראָפּגענומען, ווייל ס'איז נישט געווען קיין אָרט אין העליקאָפּטער, מענטשן האָבן דאָרט געוויינט, ווייל זיי זענען נישט אַרויס און אַנגעווענדעט אַלע מעגלעכע פאָרטלען, אַבי נאָר אַרויסצוגיין צו דער אַקציע. און איך רעד שוין נישט דערפון, אַז דער פּראָצענט צוגעשטעלטע אין אונדזער איינהייט, אין דער תּקופה פון פאַר דער מלחמה, איז געווען בערך הונדערט־און־צוואַנציק. מענטשן, וועלכע האָבן שוין פאַרלאָזט די איינהייט, וועלכע האָבן שוין געענדיקט מענטשן, וועמענס אָרט איז שוין בפירוש נישט אין אַ פּאַראַשוטיסטן־איינהייט, וועלכע האָבן שוין דאָס זייעריקע געטאָן און גענוג געגעבן פאַר דער מדינה — געווען דאָרט אַזעלכע, וואָס זענען פאַרוווּנדעטע געוואָרן אין רעוואַנש־אַקציעס און געווען אַזעלכע, וואָס זענען ממש געווען אינוואַלידן, מיט אַ גאָר הויכן פּראָצענט אינוואַלידשאַפט, און זיי האָבן נישט מותּר געווען.

די דאָזיקע דעסאַנט־אַקציע האָט געפאָדערט קאָלאָסאַלע פעיִקייט. דער צוריקטריט איז געווען זייער אַ שווערער, ווייל מיר זענען געווען ווייניק מענטשן און אַ סך פאַרוווּנדעטע, פאַרהעלטנישמעסיק צו דער צאָל מענטשן וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע. ס'איז אויסגעקומען, אַז די מאַנשאַפט וואָס האָט געטראָגן דאָס פעלד־בעטל, איז יעדעס מאָל געטוישט געוואָרן נאָר דורך איין מאַנשאַפט, ד. ה. אַז ס'זענען געווען צוויי מאַנשאַפטן, וואָס האָבן זיך געטוישטביים טראָגן. פון דעסטוועגן האָבן זיי אַזוי פאַרגעזעצט. איך געדענק, אַז ווען איך בין מיטגעגאַנגען אין יענעם צוריקטריט, האָב איך געטראַכט, אַז מיר האָבן זיך באמת אַליין באַוויזן, אַז דער גאַנצער קאָמפּלעקס באַציִונגען, וועלכן מיר שאַפן צווישן אונדז און די זעלנער,

* אַ מצרישע פּאָזיציע אין מזרח־טייל פון סיני.

אין דער דאָזיקער תקופה פון צוגרייטונג, איז אַ ריכטיקער. איך געדענק, אַז ווען מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויפן ערשטן מצרישן כוח, אויף די ערשטע באַטעריעס האַרמאַטן, האָבן די זעלנער גלייך זיך אַ וואָרף געטאָן, תיכף אַטאַקירט. איך ווייס נישט גענוי וואָסער געפיל ס'האָבן געהאַט די זעלנער אין יענעם מאָמענט. מיר שיינט, אַז זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט, כ'האָב עס געזען אויף זיי. זיי האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דער אַקציע. איך ווייס, אַז אויך איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן. איך ווייס, אַז אויך איך האָב מורא געהאַט. און בדרך־כלל, ווי עמעצער האָט שוין דאָס פאָרמולירט: „דו האָסט מורא ביז דער ערשטער קויל". דערנאָך ביסטו שוין צופיל פאַרטאָן אין דער שלאַכט. איך אָבער, אַלס קאָמאַנדיר, האָב געהאַט צו זאָרגן פאַר זיי. כ'האָב באַדאַרפט זאָרגן פאַר די זעלנער און די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זאָרג, צווינגען דיך צו זיין באַרעכנט, אָפּטרייסלען פון זיך דעם פחד און טאָן וואָס עס פאָדערט זיך פון דיר. די זעלנער אָבער, פאַר זיי איז נישטאָ דער דאָזיקער פּונקט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט כלפּי עמעצן וואָס איז נידעריקער פון זיי. דאָס הייסט, זיי האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט כלפּי אַ חבר, אין פאַל ווען דער חבר ווערט געטראָפן, אָבער זיי האָבן נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי אַנדערע. אויב ער אַטאַקירט נישט ביים ערשטן קלאַפּ, איז נישטאָ ווער ס'זאָל דאַרפן לויפן נאָך אים. ער דאַרף נישט עמעצן פירן.

די זעלנער האָבן אַטאַקירט, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט. כ'האָב געזען אויף זיי, אַז זיי האָבן שטאַרק מורא. און דאָס זענען נישט קיין זעלנער פון אַ רעגולערער אַרמיי, יונגעלייט, וואָס האָבן נאָך נישט קיין משפחה און נישט קיין קינדער, וואָס פילן נאָך נישט אויף זיך די לאַסט פון לעבן. דאָס זענען געווען דערוואַקסענע און זיי האָבן זיך געשראָקן אויף אַ זייער ערנסטן אופן.

איך מיין, אַז ס'איז אַ פעלער — אַליין זיך איינצוהילן אין אַ מין מיטאָס פון העלדן אָן פחד, וואָס גייען אַנטקעגן דעם פייער אָן שום מורא.

— — — וואָס איז בכלל די מאָס פאַר גבורה־אַנטפּלעקונג? אויף ועמען זאָגן, אַז ער איז אַ העלד? כ'האָב געלייענט אין די צייטונגען, אַז מ'האָט גערעדט וועגן אויפטוען פון זעלנער, וואָס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן און ווייטער געקעמפט און נישט פאַרלאָזט דעם טאַנק. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָס זענען, ווייזט אויס, געווען שיינע אויפטוען. אָבער ביי אונדז, זענען צום ביישפּיל, געווען אַזעלכע אויפטוען: געווען אַ זעלנער, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט אַ קויל אין פוס און דעם גאַנצן צוריקטריט איז ער געגאַנגען מיט אייגענע כוחות. געווען אַ סערזשאַנט, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט אַ קויל אין אַקסל און אַ קויל אין האַנט און איז דעם גאַנצן וועג פון צוריקטריט געגאַנגען אַליין.

ה ג ר: דאָס איז נישט קיין גבורה?

ש י: דאָס איז עס, וואָס איך ווייס נישט. די דאָזיקע זעלנער אַליין האָבן בכלל נישט געטראַכט זיך אויסצוצייכענען. זיי האָבן בכלל נישט געטראַכט, אַז זיי האָבן געטאָן עפּעס ספּעציעלס.

ה ג ר: אָבער אַ פאַקט, אַז דו געדענקסט עס איצט?

ש י: ווען איך קוק אויף די גבורה־טאַטן, וועגן וועלכע כ'האָב געלייענט אין דעם

ציי‫טונג, הייב איך באמת אָן צו זען, אַז ביי אונדז זענען געווען העלדן, און ווען איך דערמאָן זיך אין דעם דעסאַנט, האָבן מיר בכלל אויף זיי נישט געקוקט ווי אויף עפעס ספּעציעלס. נאָך מער, ס׳זענען געווען ביי אונדז צוויי פאַרוואונדעטע, ביי וועמען עס זענען אָפּגעשניטן געוואָרן די פיס. איינער פון די פאַרוואונדעטע איז צו צום דאָקטאָר און אַ זאָג געטאָן צו אים: דאָקטאָר, זע, דער פוס איז מיר אַראָפּ. דאָס איז אַ קלאַ־סישער ביישפּיל פון רויִקייט פון אַ פאַרוואונדעטן זעלנער. אַ מין העכערע שלווה. אָדער אַן אַנדער אָפיציר, גדי, ביי וועמען ס׳איז אָפּגעשניטן געוואָרן דער פוס. מ׳האָט אים געשלעפּט, ער איז געווען אין זייער אַ שווערן צושטאַנד, מ׳האָט אים פאַר דער גאַנצער צייט פון צוריקטריט געשלעפּט אויפן טראָגבעטל און ער האָט נישט אַרויס־געלאָזט קיין וואָרט פון מויל. דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון מויל. גדי איז פאַרוואונדעט געוואָרן אַרום איינס ביינאַכט און ביז זיבן אין דער פרי האָט ער זיך געפונען אויפן טראָגבעטל, ביז דער העליקאָפּטער האָט אונדז עוואַקויִרט. מ׳האָט אים געשלעפּט אויפן בעטל און אַז עס זענען פאַראַן באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן און דיונעס און זאַמדן, איז עס נישט פּשוט. און ער האָט קיין קרעכץ נישט געטאָן. איך מיין, אַז ער איז אַ העלד, נישט ווייניקער פון יענע העלדן, וועלכע האָבן באַקומען אַן אויסצייכענונג, וואָס ווערן באַלוינט פאַר דערגרייכונגען אין אַנדערע אַקציעס.

— — — ביינאַכט, דאָס איז געווען שוין נאָך דעם ווי די זעלנער זענען אַ לאַנגע צייט נישט געשלאָפן. די קאָמאַנדירן האָבן נישט באַוויזן צו באַריכטן ווו מען דאַרף, זיי זענען אָבער געגאַנגען. זיי זענען אַרויף אויף דער פּאָזיציע. מיר זענען אַרויף אין אַ מער־ווייניק געאָרדנטער פאָרמאַציע. ווען מיר זענען אַהין דערגאַנגען, איז אויפן וועג דורך וועלכן מיר האָבן געוואָלט אַרויפגיין, געעפנט געוואָרן אַ שטאַרק פייער. און דער דאָזיקער וועג איז דער איינציקער, אויף וועלכן דו קענסט אַרויפגיין, פון ביידע זייטן מינע־פעלדער. איך געדענק, אַז ווען כ׳האָב גערעדט מיט מיין קאָמאַנדיר נאָך דער דאָזיקער אַקציע, האָט ער געזאָגט (און ער האָט אַ סך דערפאַרונג), אַז אויף אַזאַ פייער פון קוילנוואַרפערס האָט ער זיך נאָך נישט אָנגעשטויסן.

מיר האָבן שנעל געזיגט נאָר צוליב דעם, וואָס די קאָמאַנדירן זענען געגאַנגען די ערשטע. אַנדערש, וואָלט די שלאַכט זיך נישט געענדיקט שנעל. בכלל, ווי אַזוי קאָנסטו פאַרפליכטן דעם זעלנער ער זאָל גיין פאַר דיר? ווי אַזוי קאָנסטו באַפעלן דעם זעלנער: גיי פאַר מיר? איך מיין, אַז דאָס איז בכלל נישט מאָראַליש, נישט אָנשטענדיק. דו קאָנסט נישט זאָגן דעם זעלנער: גיי דו דער ערשטער אויפן מינע־פעלד. נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ סאָלדאַט און דו קאָמאַנדיר?

אין יענע יאָרן פון איבונגען, אין וועלכע כ׳האָב זיך געאיבט, האָב איך געפרעגט: האָסט געמאַכט איבונגען, אַלץ איז גוט און שיין און אַלס קאָמאַנדיר ביסטו שיין געשטיגן, אַ שיינע אַקציע. די פראַגע איז, וואָס וועט געשען, ווען ס׳וועט זיין פייער. וואָסער געפיל וועל איך האָבן, צי וועל איך דאַן זיך קאָנען אַרויסבאַווייזן פאַר די זעלנער? דאָס איז אַ פּונקט, וואָס האָט מיך געמאַטערט פון דעמאָלט אָן, אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה, אַרויסבאַווייזן זיך פאַר די זעלנער, זיי גלייבן אין מיר אַז איך וועל זיי פירן אויפן סאַמע ריכטיקסטן וועג, אויפן וועג וואָס וועט פאַרשפּאָרן, פאַרלוסטן, און איך דאַרף דאָס פאַר זיי אַדורכפירן. און די דאָזיקע

קאַלאָסאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, די דאָזיקע פאָדערונגען צו זיך אַלס קאָמאַנדיר — פירט דיך אַריין אין אַ ריזיקער שפּאַנונג. בכלל איז דאָס שווער צו שילדערן. פון איין זייט ביסטו געצוווּנגען בייצוקומען אַלע פּראָבלעמען פון שרעק. דער פּחד — דו האָסט פּשוט נישט קיין צייט צו באַשעפטיקן זיך מיט אים. דו ווייסט, אַז דו האָסט פיל וויכטיקערע פליכטן. אָבער דאָס האָט מיך געהאַלטן אין שפּאַנונג. אַלץ וואָס באַשעפטיקט מיך ביז איצט, איז צי כ'האָב געקענט אין וועלכער ס'איז פאָרעם, אין וועלכער ס'איז פאַזע, אַנדערש זיך פירן ווי כ'האָב זיך געפירט, כדי איינצושפּאָרן קרבנות, פאַרוווּנדעטע. דאָס הייסט איצט, ווי אַ ציווילער, רעקאָנסטרויִר איך פאַר זיך די מינוטן פון זעלנער און קאָמאַנדירן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער מיין קאָמאַנדע, וואָס זענען פאַרוווּנדעט און געטראָפן געוואָרן, און טראַכט, צי האָב איך נישט געקאָנט זיך פירן אַנדערש ווי כ'האָב זיך געפירט.



כ'ווייס נישט צי זאָל איך שרייבן...
כ'ווייס נישט צי זאָל איך שיקן...
נאָר אויב רינה וויל וויסן דעם אמת — איז ער דאָ!
דאָס מאָל זענען אויך מיר אין אַ קאָלאָנע אויף דרום —

איך געדענק ווי כ'בין מיט צען יאָר צוריק געזעסן אין דער וויסטע און געזען די קאָלאָנעס וואָס לאָזן זיך אויף דרום און כ'האָב זיי צוגעוווּנטשן אַלדאָס גוטס — און דאָס מאָל, פאָרן מיר אויף דרום, און זעלנער אויפן וועג אויף פאַרשידענע וועגענער, מאַכן צו אונדז מיט די הענט און שרייען: „פאַרויס"... „דערלאַנגט זיי"... דאָס איז אַ וווּנדערלעך געפיל... פון שטאָלץ און אחריות...

פאַר די מאַשינען און פאַנצערס אויף די זייטן פון וועג, איז אויפגעגאַנגען אַ רויך — אַ פאַרברענטער ריח פון אַמוניציע און טויטע קערפּערס איז געווען אין דער לופט... כ'בין געווען מיטן פאָטאָ־אַפּאַראַט — ניין... כ'האָב נישט פאָטאָגראַפירט קיין שווידער־לעכע בילדער — כ'האָב געוואָלט פאָטאָגראַפירן צוויי שוואַרצע ציגעלעך אין דער מהומה... פאָטאָגראַפירן אַ בוים, וואָס איז אונטערגעהאַקט געוואָרן פון אַ שראַפּנעל און צוויי האָזן, וואָס לויפן אַרום צווישן די פּאָזיציעס...

רינה, דאָס איז מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן טויט... און זיי ליגן ווי... זיי „שלאָפן" אין כלערליי פּאָזעס... מיטן פּנים אַרויף, מיטן פּנים אַראָפּ... אַזוי ווי אין די פילמען (אַנטשולדיק). אין אָנהייב האָב איך אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי צו רעאַגירן... דערנאָך האָב איך געקוקט, כדי צו זען אַלץ מער און מער פוןביידע זייטן פון דער קאַבינע...

מיר זענען געזעסן אין דער קאַבינע... אַן אינזשעניער, אַ טערקישער ייד, אַ טאַטע פון זעקס טעכטער, וועלכער האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק, און איינער האָט געוויזן דעם צווייטן... אָט דאָ איינער... דאָ צוויי... דאָ אַ קופּע... איינער דאָ פאַרברענט... און דאָ אַ טייל...

רינה, איך האָב דאָס געטאָן צוליב... איך מיין, כדי זיך צו צוימען... אויך איך דאַרף זען, כדי צו דערפילן מיין אויפגאַבע, ווען ס'וועט קומען די צייט...

אַנדערש קאָן מען נישט, דאָס איז מלחמה, און כ'האָב געוווּסט — אויך מיר קענען אַזוי ליגן... ס'האַרץ טוט וויי, אָבער אונדזער חלק וואָס איז געטראָפן געוואָרן אין די שלאַכטן... ווי גרויס איז ער?

דאָרט אין אַ גרוב איז פאַראַן נאָך... זאָגט מיט פרייד איין סערזשאַנט... און איך בין אַן טרערן, און אַז עס ליגט אַ געהרגעטער צווישן דעם וויינשטאָק, זינג איך — „זען דאָס בליען פונעם וויינשטאָק..."

און דאָ זעט מען זעלנער און מען באַגריסט זיי מיט דער האַנט... און צווישן איין באַגריסונג און דער צווייטער ליגן אַנדערע זעלנער — וואָס וועלן שוין נישט אויפ־שטיין — און אַז מען זעט דעם אָ גאַנצן חורבן, און אַז מען זעט די גאַנצע קאָלאָסאַלע מלחמה־אויסשטאַטונג — פרעגט מען דעם מענטשלעכן מין אַ זייער מאָדנע פראַגע: „זאָגט, איר זענט משוגע געוואָרן?"

פאַר ענתן האָב איך גענומען מצרישע קנעפּלעך וואָס וועלן זיך אויסמישן מיט די קנעפּלעך פון צה"ל, וועלכע כ'האָב געבראַכט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה — פאַר נמרודן האָב איך געבראַכט שייננקע זאַלצמעסטלעך פון אַ פאַרלאָזטן עסזאַל און אויך אַ מצרישע שטאָלענע קאַסקע. מען גראָבט פּאָזיציעס, איך קלאַפּ אין דער ערד: „הך מכוש עלה וצנח"...* און זי איז אַ געלבלעכע און האַרטע און איך טראַכט ווי דער טאַטע האָט געטריקנט זומפּן אין עמק... פון ערגעץ ווו האָט זיך צו מיינע אויערן דערטראָגן אַ קאַצן־מיוקען און כ'האָב דערזען אַ קאַץ מיט דריי קעצעלעך, אַפילו זי באַהאַלט זיך פון דעם אַרומיקן טומל (כ'האָב דאָס פאָטאָגראַפירט) — כ'האָב

---

* „קלאַפּ, מאַטיקע, הויב זיך און פאַל אַראָפּ" (אַן אַלט אַרבעטליד).

גענומען בריוו אין אַראַביש, אפשר האָט דער זעלנער וואָס האָט זיי געשריבן, אויך געבענקט נאָך זיין משפחה, קינדער, עלטערן.
כ׳האָב געזען די געפאַנגענע אויפשטיין אין דער פרי און גענעצן — אַזוי ווי מיר... ווי אַלע מענטשן.
דער ראַדיאָ מעלדעט וועגן פרעכטיקע נצחונות מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט... מיר זענען דאָך דערגאַנגען צום בית־המקדש און צום קאַנאַל. אָבער אויב ס׳איז פאַראַן אַ גוט געפיל אין זעלנערס האַרצן, וואָלט איך געזאָגט, אַז זי איז פאַראַן ווען די הימלען זענען אונדזערע...
איך בין גרייט צו דעם און בענק... איך זע די בחורים אַרויסגיין אין שלאַכט, איך פריי זיך, וואָס אויך איך בין אויפן וועג אַהין. ווי אַזוי קאָן מען דען לעבן אין זכות פון אַנדערע ?...
רינה, כ׳האָב אָנגעפילט זעק פאַר דער אָקאָפּע און דערנאָך האָב איך אויף אַ דזשיפּ גענומען אָנגעפולטע זעק פונעם שונא — און דאָרט ווו כ׳האָב געגראָבן אַ ביסל אין דער זייט, האָבן זיי געגראָבן... בלויז די ערד, וואָס איז אַן עדות צום פאַרגעקומענעם, איז שטום און אפשר לאַכט זי צו זיך אַליין...
„אוי גאָט, — אין זעקסטן טאָג, פאַר וואָס האָסטו געמאַכט דווקא דעם מענטש ?"
איך ווייס נישט צי כ׳זאָל שיקן דעם דאָזיקן בריוו... און דו וועסט שטוינען „וואָס איז געשען דיין קינדעלע... וואָס ער ווערט בלייך ביי צוויי טראָפּנס בלוט און ציטערט אַ ביסל פאַר אַן איינשפּריץ... אַ ביסל ברעקלעך ערד האָב איך אַריינגעלייגט אינעווייניק... אַזוי ווי אין ליד — „אויך מאַרמעלאַד האָב איך אַריינגעלייגט אינעווייניק"...
כ׳ווייס נישט ווער ס׳וועט דיר ברענגען דעם בריוו...

צום ווידערזען

אייער מ א י ר

דאָס איז געווען אין אל־עריש.
צווישן פאַרלאָזטע געצעלטן, נאַצערס בילדער און מצרישע פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן, האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ בריוו פון מצרים, פון אַ ליבנדיקער פרוי צו איר מאַן, וועלכער געפינט זיך אויפן פראָנט קעגן ישראל.

מיטוואָך, 26/5

אין נאָמען פון באַרעמהאַרציקן און גנעדיקן גאָט,
צו דעם וועמען איך ליב און וואָס איז אָפּגעהיט אין מיין האַרץ און וועמען כ׳וועל נישט פאַרגעסן — מיין טייערער מאַן, איך פיל זיך גוט און אונדז פעלט גאָרנישט בלויז דאָס געשטאַלט פון דיין טייער פּנים, וואָס מיר ווינטשן זיך צו זען אייביק. טייערער מאַן, אַ סך גרוסן דיר, איך בענק נאָך דיין טייער געשטאַלט, ווי אַ קראַנקער בענקט צו זיין געזונט, ווי אַ שילער דערוואַרט דערפאָלג, ווי פלאַנצן נייטיקן זיך אין וואַסער און ווי אַ זויגקינד נייטיקט זיך אין מוטערלעכער ווייכהאַרציקייט.
וואָלט אויף די ים־כוואַליעס מעגלעך געווען צו שיקן גרוסן, וואָלט איך אויף יעדער כוואַליע פון די ים־כוואַליעס געשיקט דיר טויזנטער און טויזנטער גרוסן. און ווען ס׳וואָלט מעגלעך געווען צו שיקן דיר גרוסן דורך טויבן, וואָלט איך דיר געשיקט מיליאָנען גרוסן מיט יעדן פעדערל פון זייערע פעדערן.
מיין געליבטער און טייערער מאַן אויפן גאַנצן לעבן. דער געליבטער פון מיין האַרצן, ווען וועל איך דיך זען, ליבינקער, ליכט פון מיינע אויגן און נשמה פון מיין האַרצן. גאָט זאָל דיך היטן, מיין טייערער מאַן, מיין געטרייער מאַן, פרידן אויף דיר. כ׳בעט דיך, ענטפער שנעל און גיב מיר צו וויסן וועגן דיין געזונט־צושטאַנד, כדי מיר זאָלן זיך באַרויקן און ס׳זאָל קומען דער שלום.

סאַידאַ אַכמעד צאַלאַח.

האָסט געפּילט אַז חברה זענען גרייט צו גיין אויף אַלץ וואָס וועט געשען

פון אַ שמועס אין קיבוץ גבעת־חיים (איחוד)

עמרם: געווען צווישן אייך זעלנער, וואָס האָבן איצט געקעמפט צום ערשטן מאָל?

פּעטער: יאָ, אַ סך.

עמרם: ווי אַזוי האָבן זיי רעאַגירט בעת דער ערשטער שלאַכט אין זייער לעבן?

פּעטער: אַזוי ווי אַלע. נישט געווען קיין שום אונטערשיד.

שמעון: — — — פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישן חברה חתונה־געהאַטע, מיט קינדער און צווישן יונגע, וואָס האָבן נאָך נישט קיין קינדער, האָבן נאָך נישט חתונה־געהאַט — כ׳געדענק, אַז מיר זענען געווען אונטערן פייער. כ׳בין געווען הינטער אַ שוץ און האָב אין דעם מאָמענט געטראַכט, אַז מ׳דאַרף זיין פאַרזיכטיק... מיר זענען געווען אין באַוועגונג... מיר זענען געווען הינטער שוץ־ערטער און געוואַרט. מיר האָבן נישט באַדאַרפט גיין פאָרויס און כ׳האָב געטראַכט, אַז איך דאַרף אַ ביסל פאַרבעסערן די דאָזיקע פּאָזיציע, פאַרכאַפּן אַ ביסל אַ בעסערן שוץ־אָרט, כדי זיך אומצוקערן אַ היים, אַז כ׳האָב אַ פרוי מיט קינדער. איך געדענק, אַז כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם.

עמרם: און פאַר דעם, ווי אַ יונגער זעלנער, האָסטו אַזוי נישט געטראַכט...

שמעון: דאָס האָט מיך אַ סך ווייניקער געמאַטערט. כ׳געדענק נישט קיין מאָל, אַז כ׳זאָל האָבן אַזוי געזאָרגט פאַר זיך. גלייכצייטיק מוז איך דיר זאָגן, אַז כ׳האָב געהאַט אַ געפיל — און איך מיין, אַז דאָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט — אַז מ׳איז גרייט צו געבן אַלץ, מ׳איז גרייט צו טאָן יעדע זאַך... כ׳געדענק דעמאָלט, ווען כ׳בין געלעגן הינטערן פעלדז און געוואַרט אויף דער מינוט אָנצוהייבן גיין פאָרויס, האָב איך געטראַכט, אַז כל־זמן איך ליג הינטער אַ שוץ מוז איך זיך אויסהיטן נישט געטראָפן צו ווערן. אָבער אין מאָמענט ווען ס׳וועט געגעבן ווערן דער באַפעל — מוז איך אויפשטיין און לויפן פאָרויס, און דעמאָלט אַרט מיך נישט וואָס עס געשעט. און כ׳האָב ממש געפילט... ס׳איז געווען ביינאַכט... כ׳האָב געפילט עפּעס אַן אינערלעכע גרייטקייט צו יעדער זאַך. אין מאָמענט, אַז ס׳ווערט געעפנט אַ פייער פון ערגעץ ווו, פון וועלכן אָרט ס׳זאָל נישט זיין — אַ שפּרונג טאָן דאָרטן, וואַרפן אַ גראַנאַט, אַטאַקירן אָן שום חשבונות, אָן שום אויס־רעכענונגען. אויך נאָך דעם, ווען מיר זענען ווייטער געגאַנגען פאָרויס, געדענק איך דאָס, אַז פון איין זייט האָב איך געוווסט, אַז כ׳האָב אַ פרוי און קינדער אין דער היים; און פון דער צווייטער זייט האָב איך געוווסט, אַז די דאָזיקע גאַנצע מלחמה איז פאַר זייערטוועגן און אויב איך קום נישט צוריק — איז עס פאַר זייערטוועגן. און די־אָ אַלע רייד, וואָס אייגנטלעך זענען זיי אויס ווי פראַזעס און זענען אויס ווי אַ טעמע פאַר ביכער און פאַר דערציילונגען — קאָן איך נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל זיך דערמאָנען, אַז אין יענעם מאָמענט אונטערן פייער, ביינאַכט, האָט עס מיר אויפגעלויכט ווי אַ בליץ. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז ס׳איז נישט כדאי סתם פאַרוווּנדעט צו ווערן אין מאָמענט, אָבער ווען ס׳איז נייטיק — מוז מען עס טאָן. און איך וועל עס טאָן פאַר יעדן פּרייז, און אַלע

וועלן עס טאָן, יעדער איינער... איך וועל אַ שפּרונג געבן פון הינטער דער שוץ, כדי אַרויסצוראַטעווען עמעצן, און איך ווייס, אַז דער יענער עמעצער וועט דאָס זעלבע טאָן פאַר מיר.

עמרם: דו האָסט טאַקע געפּילט, אַז ס'איז געווען אַ ספּעציעלע באַציִונג וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן דיר און דער חברה?

שמעון: אַ זייער ערנסטע באַציִונג. נישט געהאַט וועגן דעם קיין ספק. דער ענין פון טראָגן פאַרוווּנדעטע, צום ביישפּיל, ווי די חברה זענען געלאָפן און איינער האָט געשלעפּט דעם צווייטן. כ'געדענק דאָס אויסגעצייכנט. בכלל, האָט מען דעם דאָזיקן ענין פון קעגנזייטיקן צוטרוי, פון איינעם צום צווייטן, וואָס האָט זיך געשאַפן אין פאַרלויף פון יאָרן, אין די איבונגען — געקאָנט פילן אין דער איינהייט אין אַ זייער בולטער פאָרם.

עמרם: אויב דערמאָנען דעם דאָזיקן פונקט, האָט פּעטער גערעדט וועגן דעם, אַז ביי זיי אין דער איינהייט איז אייגנטלעך ווי אַ קיבוץ... די גאַנצע חברה — איין מאַנשאַפט, פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן, איינער קלערט אויף דעם אַנדערן. איך מיין, אַז ביי אייך דאַרף זיין אַ געוויס ענלעכע אַטמאָספער.

שמעון: יאָ, זייער ענלעך. איך קאָן זיך אויך דערמאָנען, אַז ביי עפּעס אַ געלעגנהייט האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט: „איך וויל הערן באַפעלן. אַז מ'גיט אַ באַפעל, דאַן פירט מען אויס אַ באַפעל. אַזוי ווי מ'זאָגט: חברה, טוט — איז דאָס חברה, און דעמאָלט איז נישט זיכער, אַז מען טוט".

פּעטער: דער קאָמאַנדיר האָט צונויפגעזאַמלט דעם פּאָלק און אונדז אויפגעקלערט, ער האָט עס געטאָן אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן. ער האָט דערציילט וועגן זיינעם אַ קרוב, וואָס איז געווען אין גוש־עציון * און גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט מיט זיינע חברים. און יעדעס מאָל חזרט ער איבער די דערציילונג, אַז איינער פון די מוכטאַרס ** האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז דאָרט, כדי זיי איבערצוגעבן די לעגיאָנערן ***. זענען אָנגעקומען די באַנדעס און געוואָלט מיט זיי ענדיקן, געפאָדערט מ'זאָל זיי אַרויספירן אין דרויסן... איז דער מוכטאַר אַרויס, מיט געווער און געזאָגט: זיי זענען אין מיין הויז, זיי זענען מיינע געסט און איך וועל זיי איבערגעבן דעם לעגיאָן. און ווער ס'וויל עפּעס טאָן, מוז פריער ענדיקן מיט מיר. און ער האָט ממש געראַטעוועט זייער לעבן. און דער דאָזיקער ייד הערט נישט אויף ביי יעדער געלעגנהייט דאָס צו דערציילן. און ווען מ'שעלט די אַראַבער, זאָגט ער: ס'איז ריכטיק, אָבער ס'זענען פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען אין אָרדענונג... וואָס ווייסן וואָס דאָס איז כבוד און וואָס דאָס איז יושר און וואָס דאָס איז מענטשלעך לעבן. און דער קאָמאַנדיר האָט אויפגעקלערט: מיר וועלן דאַרפן לעבן מיט די אַראַבער... אויב נישט איצט, איז אין צען יאָר אַרום. דאָס מוז זיין. יעטוועדע אכזריות אונדזערע איצט וועט ווידער דערוועקן שנאה. און ער האָט צוגעגעבן: מ'קאָן טענהן, אַז אויב מיר וועלן זיך מיט זיי פירן אין

---

* גוש־עציון — אַ בלאָק פון 4 קיבוצים, דרומדיק פון ירושלים. אין דער באַפרייונג־מלחמה זענען דאָרט כמעט אַלע פאַרטיידיקער אויסגעשאָכטן געוואָרן.

** מוכטאַר — עלטסטער פון דאָרף.

*** רעגולערע מיליטער פון ירדן.

אָרדענונג און וועלן באַנדאַזשירן זייערע ווונדן, און וועלן זיי געבן צו טרינקען, און סיגאַרעטן און פירן זיך מיט זיי אויף אַן אָנשטענדיקן אופן — איז נישטאָ דערפון קיין רעזולטאַטן. נאָר איך זאָג, אַז ס'איז פאַראַן אַ שאַנס אויף רעזולטאַטן. און ער האָט איבערגעצייגט. די חברה גלויבן אין אים. נאָך זיינע רייד האָט זיך דאָס דאָזיקע פּראָבלעם געענדיקט, ס'איז נישט געווען קיין סימן פון אכזריותדיקייט. געווען עפּעס אַ צוויי חברה, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדערע, עקסטרעמע מיינונג... און דער קאָמאַנדיר האָט דאָס געפילט. ער האָט זיי גענומען און פּערזענלעך זיי אויפגעקלערט און איבערצייגט אין אַ שטילן שמועס, און זיי האָבן עס אָנגענומען.

שמעון: זעלנער אין אַלע ראַנגעס פלעגן שטיין און דיסקוטירן שעהן אויף דער טעמע. ביי אונדז אין דער קאָמפּאַניע זענען געווען צוויי בחורים, איינער פון קיבוץ גבעת ברנר און דער צווייטער פון טבעון, וועלכע האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט קעגנזעצלעכע שטעלונגען וועגן דער מלחמה. זיי האָבן געפירט די דיסקוסיעס.

פּעטער: געווען אין דער בריגאַדע אַ בחור, וועלכער איז אַמאָל געווען אונדזער קאָמאַנדיר און איצט האָט מען אים נישט גערופן און ער האָט זיך מאָביליזירט און איז געווען אין שטאַב. ער איז דריי מאָל געווען דער אינערלעכער סעקרעטאַר פון קיבוץ יגור. אַן אויסערגעוויינלעכער בחור. ער איז געגאַנגען פון איין איינהייט צו דער צווייטער אויפצוקלערן דעם דאָזיקן פונקט, כדי ס'זאָל נישט זיין קיין שום ספק. דאַן איז ער געקומען צו אונדז און געזען, אַז מ'דאַרף נישט אויפקלערן קיין שום זאַך. אָבער אין די איינהייטן פון היגטערלאַנד, אין די וואַרשטאַטן אאַז"וו — דאָרט זענען ממש געווען רעפעראַטן אויף דער דאָזיקער טעמע. מ'האָט זיך מיט דעם פאַרנומען. נישט נאָר וואָס דאָס איז געווען קלאָר. מ'האָט אויך געטאָן דאָס נייטיקע. אַלץ וואָס מ'האָט געדאַרפט צו טאָן.

עמרם: די פראַגע איז, אין וואָסער מאָס פאַרלירן מענטשן וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה, די הומאַניסטישע קריטעריע, די באַציונג צו אַנדערע ווי צו מענטשן און היבן זיך אָן באַציען צו אים ווי צו עפּעס אַן „ערבוש"* אָדער ווי צו איינעם, וואָס האָט פאַר זיי אויפגעהערט צו זיין אַ מענטש...

פּעטער: איך זע די דאָזיקע זאַכן ווי זייער ערנסטע... וועגן שנאה האָב איך אַן אויסגעפּרוּווטע מיינונג און כ'בין איבערצייגט.... וואָס שייך שנאה, האָב איך אַ מאַסע דערפאַרונג צוליב מיין פאַרגאַנגענהייט, און כ'בין דערגאַנגען צו דער מסקנה... כ'האָב דיר שוין דערציילט... אַז האַסן איז אַ פּערזענלעכע אייגנשאַפט.

שמעון: פיינט האָבן בכלל? פיינט האָבן מענטשן?

פּעטער: ...ממש פיינט האָבן, ווי אַ טיף אמתדיק געפיל, אַזוי ווי ליב האָבן — קאָן מען נאָר אַ באַשטימטן אַדרעס. עמעץ האָט דיר עפּעס געטאָן, עמעץ, וואָס דו האָסט מיט אים אַ חשבון — אַזעלכן קען מען אויך דערשטיקן, אים קאָן מען אויסענדיקן. עמעץ וואָס האָט דיר געטאָן, אָדער עמעץ, וואָס איז דיר נאָענט... ער איז אַ פריינד... ער איז אַ קרוב... וואָס דו האָסט עפּעס פּערזענלעכס — דאָס קאָן מען פיינט האָבן. אָבער זאָגן: איך האָב פיינט אַראַבער — דאָס איז אַ פראַזע... באַרעכטיקטע שנאה קאָן איך פאַרשטיין.

---

* „אַראַבוש", אַ באַליידיקנדיקע באַצייכענונג פאַר אַראַבער — אין העברעיש.

פאַר וואָס רעד איך וועגן דעם מיט זיכערקייט? ווייל כ׳האָב קאָנטראָלירט דעם דאָזיקן ענין מיט די דייטשן... אויך אַ קורצע תקופה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך נישט באַוויזן צו האַסן... כ׳האָב נישט געוואָלט רעדן מיט זיי און נישט געוואָלט... אָבער דאָס איז נאָך ווייט פון שנאה. און אויב כ׳האָב זיך באַנוצט מיטן אויסדרוק שנאה, האָב איך געמיינט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט שנאה, ווייל שנאה איז עפּעס זייער קרעפּטיק. ווען מ׳האָט באַשטראָפט די דייטשן, האָב איך בכלל נישט באַדויערט... כ׳האָב געזאָגט: אין אָרדענונג, אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין שנאה. — — וואָס פאַראַ בהמהשע אייגנשאַפטן זענען פאַראַן ביי מענטשן... און וואָס פּרימיטיווער דער מענטש איז, אַלץ מער הערשן זיי...

שמעון: אין דער תקופה פון גרייטקייט, האָט מען געקאָנט קאָנטראָלירן די דאָזיקע זאַכן. ווייל דעמאָלט, זענען מיר אייגנטלעך נישט געווען אין מלחמה־צושטאַנד. און אויך נישט געוווּסט צי ס׳וועט זיין מלחמה, אָדער נישט זיין. און דאַן, אינעם ויכוח, האָסטו געקאָנט הערן ווי אַזוי מענטשן גייען צו צו דעם גאַנצן פּראָבלעם פון מלחמה... ווי אַזוי זיי גרייטן זיך צו דער מלחמה... ווי אַזוי זיי באַציִען זיך צו פּראָבלעמען. דאָס איז נאָך נישט דערגאַנגען צו פאַרווירקלעכונג. קיינער האָט נישט געוווּסט צי ס׳וועט זיין מלחמה. און פון די שמועסן צווישן די חברה האָסטו שוין געקאָנט הערן ווי אַזוי יעדער איינער באַציט זיך צו די אַראַבער און צי ער אונטערשיידט בכלל צווישן אַן אַראַבער און אַראַבער... געווען אונטערשיידן אין באַצוג צו די ירדנער און עגיפּטער און סיריער.

איך מיין, אַז מ׳קאָן נישט אונטערשיידן צווישן קיבוצניקעס און שטאָטישע און נישט נאָר צווישן קיבוצניקעס, נאָר אויך צווישן די פאַרשידענע באַוועגונגען. האָסט געקענט הערן... איך קען בחורים פון השומר הצעיר, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף מענטשן־ליבע און אויף... ווי איז דאָרט געשריבן ביי זיי? „פעלקער־פאַרברידערונג״... און כ׳האָב געהערט פון זיי ווערטער, ווי: איך זע דאָס אַראַבישע פּראָבלעם דורך דעם ביקס־צילער.

עמרם: דו, פּעטער, האָסט געגעבן אַ ביישפּיל מיטן פאַל פונעם געפאַנגענעם... פון עטלעכע דערציילונגען וואָס כ׳האָב געהערט פון מענטשן, האָב איך אַ געפיל, אַז גראָד ביי די קיבוצניקעס האָט דער דאָזיקער ענין אַרויסגערופן אַ סך מאַטערניש, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט דעם מאָראַלישן כּוח צו האַלטן זיך ביי זייער מיינונג. צו שטיין קעגן דעם דרוק...

פּעטער: אין די אַלע פונקטן... איך האָב נישט דעם מינדסטן ספק, וואָס איז מיין אויפגאַבע און וואָס איך בין פאַרפליכטעט צו טאָן. אויסער דעם, איז נישט געווען ביי מיר דער מינדסטער ספק לגבי דער מיינונג פון אַלע אַלטע חברים אונדזערע אין פּאַלק — אַנהייבנדיק פונעם קאָמאַנדיר, דורך אַלע ראַנגעס פון דער אָנפירונג און אַלע... נישט געווען דער מינדסטער ספק.

עמרם: ס׳איז אַן ענין פון אַ צענטל סעקונדע וואָס דו מוזסט באַשליסן...

שמעון: ביי אונדז זענען נישט געווען קיין פאַלן פון איזדיעקעווען זיך.

עמרם: ווי אַזוי האָבן אייערע זעלנער זיך אויפגעפירט לגבי דעם רויבן?

פּעטער: אַן אַרמיי, וואָס הייבט אָן רויבן — הערט אויף צו זיין אַן אַרמיי. נישטאָ איבער איר קיין קאָמאַנדע. יעדער איינער הייבט אָן לויפן אין אַ הויז אַריין... אויסער

דעם וואָס דאָס איז געפּערלעך, מען דאַרף אונטערשיידן צה״ל און זיין מאָראַלישקייט פון אַנדערע אַרמייען. און דאָס איז געוואָרן אויפגעקלערט. ס׳זענען אויך געווען דראָונגען מיט שווערע שטראָפן פאַר זעלנער וואָס מ׳וועט כאַפּן.

שמעון: איך געדענק, אַז דאָס האָט זיך ביי אונדז באַוויזן צום ערשטן מאָל, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דעראָבערן דאַרבאַשיע*. מיר האָבן דאָרט פאַרכאַפּט פּאָזיציעס אין זייערע פאַרפעסטיקונגען, כדי זיך צו אָרגאַניזירן צו אַ פאַרטיידיקונג קעגן אַ קאָנטער־אַטאַקע. געווען דאָרט דריי־פיר הייזער. מיר האָבן באַדאַרפט זיי דורכזוכן. מיר האָבן אָנגעהויבן דורכגיין קאָנטראָלירן ווי ס׳איז די לאַגע... און חברה זאָגן: הער, פאַראַן דאָ, סיגאַרעטן... איך וויל נעמען אַ ביסל. און כ׳בין געווען אין אַ שווערער לאַגע. וואָס? ער זאָל נישט נעמען עטלעכע שאַכטלען סיגאַרעטן? אין אָנהויב האָב איך געזאָגט, אַז מען רירט נישט קיין שום זאַך. דערנאָך האָב איך יעדן זעלנער דערלויבט נעמען אַ שאַכטל סיגאַרעטן — שוין עטלעכע טעג ווי מיר זענען געווען אין שטח... און חברה האָבן נישט געהאַט קיין סיגאַרעטן.

ווען מיר זענען אַראָפּ פון דער רמה, איז געווען אַן אָנווייזונג פון קאָמאַנדיר צונויפצוזאַמלען דעם גאַנצן מלחמה־רויב. אונדזער קאָמאַנדיר האָט קאָנצענטרירט דעם גאַנצן מלחמה־רויב, וואָס איז געווען אין דער קאָמפּאַניע. אין פאַרלויף פון 2—3 מינוט האָבן אַלע געבראַכט אַלץ, וואָס איז ביי זיי געווען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן גענומען קלייניקייטן צום אָנדענק: אינסטרוקציע־בראָשורן פאַר רעקרוטן פון דער סירישער אַרמיי, אַ קליין רייכער־רערל אאז״וו. בלויז קלייניקייטן. ס׳איז געווען אַ קליינע צאָל. מ׳האָט אַלץ געקענט איינלייגן אין אַ פעלד־קעסטל פון „תנובה״...** צווישן אַנדערע איז דאָרט געווען אַ פּרימוס... דער קאָמאַנדיר האָט די גאַנצע קופּע באַגאָסן מיט נאַפט פון פּרימוס און אונטערגעצונדן. ס׳איז ריכטיק, אַז אין מאָמענט ווען ער האָט אונטערגעצונדן, איז פאַראַן אַזאַ געפיל, אַז מיר האָבן זיך אַליין אויסגערייניקט... מיר זענען נישט אָנגעשטעקט מיט דער זינד פון מלחמה־רויב. אָבער גלייכצייטיק איז אַ שאָד, אַז אַ זעלנער, וואָס האָט געקעמפט, זיך מקריב געווען... טאָ זאָל אים עפּעס בלייבן, איך ווייס... אַן עמבלעם פון דער סירישער אַרמיי, אָדער אַ הילע פון אַ לערן־בראָשור פאַר סירישע רעקרוטן — עפּעס וואָס אין אַ צען יאָר אַרום וועט ער זיצן מיטן אייניקל און אים זאָגן: דו זעסט? דאָס דאָזיקע בלעטל, די דאָזיקע בראָשור — אַזוי האָט מען דערצויגן די סירישע זעלנער, פאַרשטייסטו דעריבער פאַר וואָס מיר האָבן געקעמפט מיט די דאָזיקע זעלנער...

פּעטער: מ׳קען דאָס טאָן אויך אָן דעם דאָזיקן אָנדענק... בדרך־כלל זע איך אין דעם אין גאַנצן עפּעס אַנדערש...

שמעון: דו קענסט זאָגן אַנדערש: אַן איינהייט, וואָס פאַרברענט אַזעלכע קלייניקייטן, וועט נישט נעמען קיין גרעסערע זאַכן...

עמרם: אין דער מלחמה האָבן אַ סך פון דער חברה גערעדט וועגן זייער איבערלעבונג

---

* אַ סירישע פּאָזיציע אויף דער סירישער רמה (הויכקייט).

** געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אָפּזעצן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע.

ווי יידן — צי דאָס איז דער ענין פון כותל המערבי, צי איז עס די דאָזיקע ריזיקע דערוואַכונג אין די גלות־לענדער... צי איז אויך ביי אייך געווען עפּעס אַזוינס?

שמעון: יאָ... יאָ... כ׳האָב געפילט... מ׳האָט אַ סך גערעדט וועגן דעם ענין, אַז דער חורבן טאָר זיך מער נישט איבערחזרן. מיר מוזן גוט קעמפן, כדי דער חורבן זאָל זיך נישט איבערחזרן און ס׳זאָל נישט געשען דעם יידישן פאָלק... איך געדענק, אַז מ׳האָט גערעדט וועגן דעם און כ׳געדענק, אַז כ׳האָב עס געפילט, אַז ווען מיר גייען ביינאַכט אויף דזשעלבינאַ*, כדי דזשעלבינאַ זאָל שוין מער נישט באַלעסטיקן דעם יידישן ישוב אין מדינת ישראל. דאָס קלינגט ווי לאָזונגען פון אַ ציוניסטיש בוך... נאָר איך געדענק, אַז כ׳האָב עס געפילט... אַז די נאַכט גייען מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרענדיקן מיט דער דאָזיקער פרשה פון באָמבאַרדירן די קיבוצים גדות און גונן און נוטרה און חולתה. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז ס׳איז ביי דער חברה פאַרגעקומען אַ מין נאַציאָנאַלע דערוואַכונג.

עמרם: זיי זענען געוואָרן ווייניקער ציניש לגבי זאַכן, ווי...

שמעון: אַבסאָלוט... אַבסאָלוט... ווען זיי זענען אָנגעקומען צום כותל, זענען זיי נישט געווען ציניש... נישט געווען ציניש... חברה זענען צוגעגאַנגען, אָנגערירט די שטיינער, טיף אָפּגעאָטעמט, אָפּגעזיפצט... עפּעס איז געווען דערין... געווען עפּעס דערין... ס׳איז אויך ריכטיק, אַז מיר האָבן זיך געפונען אין אַ באַשטימטער סיטואַציע. מ׳טאָר נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען אָנגעקומען צום כותל אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די מלחמה. דאָס איז געווען דער אָפּשלוס פון דער מלחמה. ווען כ׳האָב אָנגערירט די שטיינער פון כותל, האָב איך געוווּסט, אַז מיט דעם איז די מלחמה געענדיקט... אין דעם מאָמענט, אין דער סעקונדע, האָט זיך געענדיקט די מלחמה.

עמרם: דאָס איז געווען אַ סטאַציע אויפן וועג אַהיים?

שמעון: יאָ... אַז פון איצט אָן, האָסטו בלויז דאָס פּראָבלעם צו קומען אַהיים... זיך צו באַפרייען און קומען אַהיים. ס׳איז געווען אין דעם עפּעס ספּעציעלס... פּלוצעם אַריינגיין אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים, זען דעם כותל מערבי... דאָס איז געווען ווי אַ חלום. דאָס איז געווען אַ זאַך וואָס איז נישט פון דער וועלט... כ׳האָב נישט געקענט גלייבן, אַז דאָס איז אמת, אַז איך זע זאַכן וואָס זענען אמת. בדרך־כלל אינטערעסיר איך זיך מיט לאַנדקענטשאַפט, שוין לאַנג אָבער ווי כ׳האָב אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט חברון, בית־לחם, שכם... כ׳ווייס נישט, אויף די דאָזיקע ערטער האָב איך אויפגעהערט צו קוקן... כ׳פלעג קוקן אויף זיי נאָר פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט... על־פּי רוב פלעג איך קוקן אויף דער מאַפּע פון ארץ־ישראל, ווי אַזוי ס׳וואָלט געווען כדאי די גרענעץ זאָל אַדורכגיין, ווען איך וואָלט עס געטאָן. די פאַר־בינדונג איז אָבער שוין פון לאַנג ביי מיר איבערגעריסן געוואָרן... פונקט ווי ס׳איז פאַראַן ביי מיר אַ פאַרבינדונג און ווי עס שאַפט זיך ביי מיר אַלע מאָל פונדאַסניי אַ פאַרבינדונג צו די ערטער און פלעצער, וואָס געפינען זיך אין ארץ־ישראל גופא.

---

* אַ שטאַרקע סירישע פּאָזיציע.

כ׳קען למשל, זאָגן, אַז צו בית־שמש האָב איך געפילט אַ סך אַ גרעסערע פאַרבינדונג ווי צו חברון.

עמרם: דאָס הייסט, האָסט נישט געפילט, אַז דאָס איז דיינס...

שמעון: ניין. כ׳האָב געפילט, אַז דאָס איז געווען עפּעס אונדזערס און מיר האָבן עס אָנגעווירן... אַז דאָס איז אַריבער צו די אַראַבער. און אויב כ׳האָב עס באַגערט, איז נאָר כדי צו פאַרריכטן די גרענעץ־ליניע. כ׳האָב שוין אָפּגעשניטן מיין געפיל־פאַרבינדונג מיט די הייליקע ערטער, וואָס אויף יענער זייט גרענעץ. איך ווייס נישט פאַר וואָס... און אינעם מאָמענט ווען מיר האָבן זיך פּלוצעם אומגעקערט אַהין, און מיט אַמאָל די מערת־המכפלה און דער קבר־רחל... כ׳האָב געפילט, אַז עס וועט אַריבערגיין אַ געוויסע צייט ביז מיר וועלן שאַפן אַ באַנייטע פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע ערטער. ביז מיר וועלן ווידער לייענען אין תנ״ך, ווו זיי דערשיינען אין אונדזער געשיכטע; ווען כ׳בין געפאָרן אין סיני, בין איך געזעסן און האָב געלייענט קאַפּיטלען אין תנ״ך, אין וועלכע ס׳ווערט דערמאָנט דער באַרג סיני... כ׳האָב נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דעם גאַנצן ענין פונעם שטיין אונטערן באַרג סיני... ווי אַזוי משה איז אַרויף אויפן באַרג סיני און האָט געשריבן די עשרת הדברות... און כ׳מיין נישט, אַז אַ יאָר פריער וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן מאָמענט. פאַר וואָס האָב איך דערמאָנט בית־שמש? נישט איין מאָל לייען איך דעם תנ״ך... איך חזר איבער אַזעלכע טיילן, ווי צום ביישפּיל דעם טייל וועגן בית־שמש, ווי אַזוי דער ארון הברית איז געקומען קיין בית־שמש. איך באַמי זיך תמיד צו פאַרבינדן ערטער אין לאַנד מיטן תנ״ך... עמק איילון... זייער אַ סך מאָל האָב איך געלייענט די דאָזיקע דערציילונג: דוד און גלית. אָבער ערטער, וואָס זענען אויף יענער זייט גרענעץ — זענען מיר נישט געווען אַזוי נאָענט... זיי האָבן זיך פון מיר דערווייטערט... כ׳האָב זיי נישט פאַרבונדן...

עמרם: דאָס איינציקע אָרט, וואָס האָט צו דיר מערער גערעדט — איז געווען דער כותל?

שמעון: דער כותל, באַזונדערס צוליב דער דאָזיקער סיטואַציע, דער שילדערונג אין ראַדיאָ ווי אַזוי מ׳איז דערגאַנגען אַהין... אין דער דאָזיקער אוידיציע האָסטו געפילט די גייסטיקע דערהויבנקייט פון די זעלנער און דאָס האָט אָנגעשטעקט... דאָס האָט אונדז פאַרכאַפּט... מיר זענען געפאָרן דעם זעלבן טאָג... פאַרבייגעפאָרן עטלעכע שטעט... פון די פענצטער האָט מען אויף אונדז געוואָרפן צוקערלעך... האָסט געפילט, אַז דאָס האָט אָנגעשטעקט ס׳גאַנצע פאָלק. דאָס האָט אָנגעצונדן עפּעס אַ האַלאָוועשקע, וואָס האָט געטליעט טיף אינעווייניק און האָט זיך פּלוצעם פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן פלאַם. איך געדענק, אַז דעם טאָג ווען מ׳האָט דעראָבערט די אַלטשטאָט, האָט מיר אַ רעליגיעזער יונגערמאַן געזאָגט: „אין מאָמענט ווען די מלחמה ענדיקט זיך, פאָר איך קיין ירושלים מתפלל זיין ביים כותל״.

עמרם: אינטערעסאַנט, אַז היינט, אין אַ שמועס מיט די אינסטרוקטאָרן, האָט אַ בחור פון קיבוץ נאות־מרדכי געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט דאָס זעלבע געפיל... ער איז געזעסן אין שטוב און געהערט די אוידיציע וועגן כותל... און צוויי טעג נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט — איז דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, ער איז אַריין אין

אויטאָבוס קיין ירושלים. ער האָט געזאָגט: ער פילט, אַז ער מוז זיין אויף דעם דאָזיקן אָרט, מתפלל זיין, פילן דאָס וואָס עס לעבט איבער יעדער רעליגיעזער ייד אויפן דאָזיקן אָרט. פון דעמאָלט אָן, איז ער טאַקע געווען נאָך צוויי מאָל אויפן דאָזיקן אָרט... און יעדעס מאָל פילט ער, אַז די דאָזיקע איבערלעבונג ווערט ביי אים אַלץ שוואַכער און שוואַכער...

ג ד: ווי אַן אַרטילעריסט אין אַ טאַנק, איז מיר שווער צו זען אַ סך. איך געדענק, אַז כ׳האָב זיך דערנערווירט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה, ס׳איז שווער זיך צו געפינען אויף אַן אָרט, ווו דו פאָרסט און זעסט נישט קיין סך, זעסט נישט קיין גרויסן שטח.

אין אָנהייב זענען מיר געווען צופרידן. מיר זענען אַריין אין חאַן־יוניס און די מענטשן דאָרט פּאַטשן בראַוואָ און ס׳זענען פאַראַן ווייסע פענער. ביז מיר האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן זען די ערשטע הרוגים —

ווען דו זעסט איין דערהרגעטן, שעלטסטו די דאָזיקע גאַנצע מלחמה און טראַכטסט, צו וואָס דאַרף מען זי און איך דאַרף שיסן מיטן מאַשינגעווער. איך הייב ווידער אָן צו טראַכטן וועגן מענטשן. אין אָנהייב איז עס מיר געווען שרעקלעך מאָדנע. אין אָנהויב שיסטו אומיסטן, אויף נישט צו טרעפן. ס׳איז מוראדיק שווער צו שיסן. צום סוף שיסטו און געוווינסט זיך שוין צו צו דעם. איך געדענק, אַז מיר האָבן זיך בפירוש געוווּנדערט אויף זיך אַליין, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געענדערט. אַן אַראַבער, וואָס האָב איך קעגן אים? אַפילו ווען איך זע אים מיט אַ ביקס. איך ווייס נישט. ס׳איז געווען שרעקלעך מאָדנע. דו שיסט אים, דו ווייסט, אַז עס גייט אַ מענטש, וואָס האָט אַ משפּחה, אַ ווייב. ביז דעמאָלט זעט אַלץ אויס גוט, ביז מ׳הייבט אָן זען איין דערהרגעטן, און דאַן האָבן מיר אָנגעהויבן שעלטן די מלחמה. בכלל דאָס געפיל, ביסט אין אַ מוראדיקער שרעק, זעסט דאָרט פאַרברענטע טאַנקען. איך געדענק, אַז מען טראַכט, די גאַנצע צייט טראַכט מען, דו טראַכסט וועגן דער היים, אַז ווען דו ביסט אין דער היים, קענסטו רויִק שלאָפן, קענסטו אַרבעטן, עסן, און אין אַזאַ שטילקייט און נישט אין אַזאַ שרעק. דו טראַכטסט וועגן דער היים און דער דאָזיקער שטילקייט.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער ערשטער נאַכט צו אַן אָרט, כדי אָנצופילן בענזין און מ׳האָט אונדז דערציילט, אַז עס זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די חברה, וואָס זענען געהרגעט געוואָרן. דאָרט האָבן מיר זיך באמת אַלע געהאַלטן אין איינברעכן, חברה פון דער קאָמפּאַניע, פון באַטאַליאָן. מיר זענען געווען דערשלאָגן. דעם צווייטן טאָג געוווינט מען זיך שוין צו און ווייטער איז לייכטער. דעם צווייטן טאָג איז עס שוין געווען אַ געיעג.

ווען מיר האָבן דערהערט, אַז מען נעמט איין אַלט־ירושלים, האָט זיך חברה אַזוי איבערגענומען, זיי האָבן ממש געוויינט, געשפּרונגען און איבערגעלעבט, הערנדיק וועגן כותל מערבי און קבר רחל. זיי האָבן ממש געווילדעוועט.

אַזאַ פאָלק איז עס. מיר האָבן געפילט, אַז ס׳איז ממש פאַראַן אַ שטאַרק הינטערלאַנד. אויך אין דער גרייטקייט־תקופה איז אַזוי געווען. איך געדענק, מיר האָבן ממש געפילט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק גייט צוזאַמען. אין אַלע צייטונגען האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדערע זייט, אַ קאַמפּס־זייט. דאָס איז געווען זייער שיין און דאָרט האָבן מיר באמת געזען,

אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק פּרוּווט העלפֿן איינער דעם צווייטן און יעדער איינער גיט וואָס ער קאָן. דאָס איז געווען ממש אַ פּרעכטיק געפֿיל. מ׳זאָגט, אַז די דאָזיקע יוגנט האָט קיין ווערט נישט, מיט אַלע אירע טענץ, און ס׳איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן, און פּלוצעם האָט גראָד די דאָזיקע יוגנט באַוויזן זאַכן, וואָס אַ סך האָבן געזאָגט, אַז אַפֿילו פֿאַר דעם זענען אַזעלכע זאַכן נישט געווען. איך געדענק אין דער מלחמה, בכלל, אַז דאָס איז געווען וויכטיק פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, אַז מיר זענען באמת אַ גאַנץ באַזונדער פֿאָלק און ווײַלן דאָס אָפּהיטן. דאָס איז געווען אַ שעה פֿון אַזאַ גרויסקייט, אַ גרויס, אייגנאַרטיק פֿאָלק.

— — — אונדז, ווי טאַנקיסטן, איז עס געווען אַ סך לײַכטער — אויב דו טרעפֿסט אין אַ טאַנק און זעסט נישט וואָס ס׳איז געשען. איך, ווי אַן אַרטילעריסט, זע דורך די אַנצילערס, דאָס זעט אויס אַנדערש.

עמרם: דאָס איז אַזוי ווי אַ ריינע מלחמה.

גד: געוויי, דו זעסט אַלץ, ממש, ווי אַ טעלעוויזיע. איך האָב געטראַכט וועגן דעם. כ׳זע ווי איינער לויפֿט און איך שיס און ער פֿאַלט. אַלץ, ווי כ׳וואָלט עס געזען אין דער טעלעוויזיע, איך זע נישט דעם שולדיקן און דאָס איז איינער פֿון די זאַכן. אויב איך טראַכט וועגן אַ זעלנער־פּוסגייער, וואָס דאַרף לויפֿן און הרגענען, איז עס פֿיל שווערער. אין דער מלחמה גופֿא, זענען מיר די גאַנצע צײַט געווען אין די טאַנקען. נאָך דעם זענען שוין פֿאַראַן פּראָבלעמען, פֿאַראַן געפֿאַנגענע אאַז״וו.

כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳האָב אַ רעכט צו דעראָבערן; אָבער הרגענען? אין די הענט פֿון אַזעלכע בחורים ווי איך, 18־יאָריקע, ליגט דאָס לעבן פֿון אַזעלכע מענטשן, דער־וואַקסענע. דו זעסט, אַז אַ מענטש פֿון איבער די 40 קומט צו דיר און הייבט אָן בעטן פֿאַר זײַן לעבן, ווײַזן דיר בילדער פֿון די קינדער, פֿון זײַן פֿרוי. דאָס איז געווען שרעקלעך אויסטערליש.

אבי פורת / אין מעין חרוד

...אייגנטלעך, איז דאָס נישט געווען אין מעין חרוד, דאָס הייסט, מיר האָבן זיך דעמאָלט נישט געפונען ביים קוואַל אין מעין חרוד און בכלל איז גאָרנישט פאָרגעקומען.

אין איינעם פון די מלחמה־אָוונטן זענען מיר געווען ממש אין סאַמע ברען פון די קריגס־טעג. יענעם אָוונט האָבן מיר אַפילו נישט געטראַכט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר זוכה זיין צו זען די חברים אין קיבוץ. די געדאַנקען וועגן טרעפן זיך מיט טאַטע־מאַמע האָבן אַוועקגעוואַנדערט אויף אַ מרחק פון אַ סך וואָכן. אלנפאַלס האָבן מיר נאָך פריער זיך צוגעגרייט, אין די ערשטע טעג פון דער שפּאַנונג און דער גרייטקייט, ווען מיר פלעגן זיצן, ליגן און שטוינענדיק קוקן אין חלל אין איינעם פון די פרדסים אין דעם געביט פון יהודה. מיר האָבן דעמאָלט געזאָגט — געדענק איך — ס'איז געקומען די תקופה פון אַ נייער באַפרייונג־מלחמה, פון געוווער־באַהעלטעניש און אַטאַקעס, פון צוריקציען זיך און ווידער אַטאַקירן: די טעג פון די געשעעניש נוסח 1948.

ס'איז געווען נאַטירלעך אַזוי צו טראַכטן אין די טעג פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג אויף דער צוקונפט, ביים געניען צוגרייטן דעם גייסט צום עקזאַמען, וויסנדיק, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך.

אין דער פרי און בייטאָג און אין אָוונט און ביינאַכט און אין דער פרי זענען מיר כסדר באַשעפטיקט, פאַרנעמען זיך בלויז מיט דעם ענין, וואָס שטייט פאַר אונדז. ביסלעכווייז הייבן מיר אָן באַגרייפן, וואָס מיר טוען אייגנטלעך, דאָ, אין ארץ־ישראל. אונדזער לאַנד, אונדזער היים — סוף סוף נעמען מיר אויף די באַדייטונג פון די זאַכן.

וועגן וואָס האָבן מיר געשמועסט אין די פריערדיקע יאָרן, אין די קינדער־און יוגנט־יאָרן — וועגן ליבע צום פאָטערלאַנד. וועגן פאַרזעצן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד, דאָס לאַנד פו די אבות. אויף אַלע וועגן האָבן מיר געשמועסט — געשיכטע און תנ״ך, געאָגראַפיע און לאַנד־קענטעניש און אויספלוגן און באַזוכן אין די ערטער פון די פריערדיקע תקופות און כ'האָב נישט געפילט...

אַ געשפּאַלטענער בין איך אַרומגעגאַנגען. (איצט ווייס איך עס), און קיין ענטפער אויף דער פראַגע האָב איך נישט אין מיין מויל. און אַלע לערערס וואָס האָבן אונדז געלערנט תורה, גייען פאַרביי פאַר מיר אין דער ריי און אַלע פרעדיקן: וואָס איז עס פאַר אַ פראַגע? און דער תנ״ך וואָס איז אין דיינע אויגן? און איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך מודה געווען — יאָ, איך ווייס, אָבער וווּ איז דער חוש און דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צו דעם אַלעמען, ווייל וויסן איז דאָך נישט שוועד. וואָס איז אייגנטלעך דער פאָדעם, וואָס בינדט מיך מיט זיי, מיט משהן און מיטן דור המדבר און ווייטער מיט יהושען און מיטן דאָזיקן וווּנדערבאַרן פאָלק — מיט זיינע אויסערלעכע און אינערלעכע מלחמות, מיט זיינע טעג פון גרויסקייט און טעג פון גלות, מיט דער וויזיע פון די נביאים... כ'בין צו קליין אָנצוגעהערן צו אַזאַ פאָלק.

און די מלחמה איז אויסגעבראָכן. מיט אַמאָל האָב איך דערפילט, אַז כ'גיי מיט מיין קערפּער פאַרטיידיקן מיין היים. מיינע איינגעדרעמלטע חושים וועקן זיך איבער פונעם צוואַנציק־יאָריקן שלאָף — ווי שרעקלעך — און זיי קלאַפּן ווי האַמערס און

איך שטעל זיי נישט אָפּ, נאָר פאַרקערט, איך רוף זיי און דערמוטיק: שלאָגט! שלאָגט! מאַכט פון מיר אַ זון פון פאָלק, געקומען די צייט כ'זאָל פילן, אַז כ'בין נישט סתם אַ פאַרלאָזן באַשעפעניש אויף דער וועלט, זאָרגט, אַז איך זאָל פילן אַז איך עקזיסטיר, אַז ס'איז פאַראַן אין מיר עפּעס פון דעם, וואָס איז געווען ביי זיי.

מיר זענען אָנגעקומען קיין ירושלים. אַ געקנאַל פון האַרמאַטן און אַ געפּייף פון קוילן, און מיר זענען אין וועלדל און אין אונדזערע הערצער טוען מיר תפילה. און כ'האָב געגוי נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מ'האָט אונדז געבראַכט אַהער. אייגנטלעך, האָב איך געוווּסט, אַז אונדזער פליכט איז צו פאַרהיטן ירושלים. יאָ, ס'איז קלאָר געווען, אַז מיר וועלן זי פאַרטיידיקן ביזן סוף! נאָר איצט שעם איך זיך, וואָס כ'האָב נישט געווידמעט קיין מינוט נאָכצוטראַכטן וועגן דער באַפרייונג פון ירושלים, וועגן אַ געוואָגטן דורכברוך צום כותל מערבי, וועגן צוויי טויזנט יאָר וואָס אין זייער זכות זיץ איך דאָ.

— — — און מ'הייבט אָן פאַרויסצוגיין צו די פּאָזיציעס. שטאָקפינצטער און פייער־קוילן פייפן פון אויבן. די שטאָט איז שטיל און די קוילנוואַרפערס טומלען.

אַ גראָער פרימאָרגן גייט אויף און אַ נייער טאָג קומט אויף דער וועלט. און מיר געפינען זיך שוין אויף דעם שטח, מיט וועלכן מיר פלעגן פון צייט צו צייט פונדערווייטנס אָנזעטיקן אונדזערע אויגן פון אַנטקעגן — און פאַרשטייען נישט דעם מיין דערפון.

— — — מען רינגלט אַרום די אַלטשטאָט. און דאָס מאָל האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם מיין דערפון. די אייביקע ירושלים וועט אין גאַנצן זיין אונדזערע (און פאַר וואָס האָסטו דאָס נישט פאַרשטאַנען פריער — קלאַפּן די האַמערס). דערווייל פאַרשטיי איך, נאָר איך פיל נישט, די געררירטקייט איז אַ רעזולטאַט פונעם מלחמה־אָנשטרענג, זי האָט אָבער נישט קיין באַדייטונג, און דרינגט נישט אַרויס פון דער גרויסקייט פון דער שעה.

און אַ נייער טאָג... און מיטאָג־צייט — זענען מיר אַריין אינעם טויער פון דער וואַנט, אינעווייניק. מיר האָבן זיך שנעל באַוויגן פאָרויס צום הר־הבית, מיר זענען געלעגן מיט אונדזער געווער אין שאָטן פון מעטשעט. אונדזער בליק גאַלאָפּירט פאָרויס, צום כותל־מערבי.

און דאָ האָב איך דערפילט. כ'האָב זיך פאַרבונדן מיטן בית דוד, מיטן מלכות פון שלמהן און בית המקדש — כ'האָב דערפילט, אַז דאָס איז מיין נחלה, מיין פּיצל ערד, און די חברים — איינער צום צווייטן (נישט אַלע): „חברה, מיר האָבן געמאַכט געשיכטע". איך האָב דערשפּירט ווי עס ווערט פאַר מיר מיט איין מאָל אויפגעהויבן אַ ריזיקע פאַרצוימונג און כ'גיי אַריין צווישן די אותיות פונעם אייביקן ספר און איך פיל זיך דאָרט ווי ביי זיך אין דער היים. שוין נישט קיין פרעמדער, פּלוצעם פיל איך און שפּיר, פּלוצעם אַ קינד פון פאָלק, שטאַרקער בין איך און מיינע וואָרצלען זענען טיף, אוי ווי טיף. און מיינע אויגן פינקלען מיט הנאה צו דער פאַרגאַנגענהייט פון מיין פאָלק.

און אַ טאָג איז אַריבער און מיר גייען איבער געסלעך, אָטעמען די לופט פון אַמאָליקע טעג און גרייטן זיך צו קומענדיקע טעג — ווער ווייסט וואָס דער טאָג וועט ברענגען.

אַלזאָ, מיר באַוועגן זיך ווייטער. דאָס מאָל אויף צפון. מיר גייען פאַרביי יהודה, נחלת שמעון איז הינטער אונדז און מיר קומען אַריין אין דער געגנט פון אפרים. ממש אַזוי — אַ ווונדערבאַר געפיל פון זין פון יענע שבטים, וואָס האָבן באַוויזן ווונדער מיט זייערע מלחמות, מיט די פייל־און־בויגנס און פאַקלען. מ'גייט איבער פון אָרט צו אָרט — פון באַרג צום טאָל און פון טאָל צו דער הויכקייט, מ'אַטאַקירט און מ'זיגט און מ'אָרגאַניזירט זיך צו נאָך אַ הייליקן קריג. מען קעמפט פאַר אונדזער היים, קעמפט מען.

כ'האָב געפילט, אַז אין דעם מאָמענט ווערט געשריבן אַ נייער פּרק אינעם ספר

תנ״ך, אַ מעכטיקער, געוואַלטיקער און ווונדערלעכער פרק — אַזוי ווי די פריערדיקע קאַפּיטלען פאַר אים. ירושלים, יריחו, חברון, שכם, נחשון־טאַל. דאָס גאַנצע צוגעזאָגטע לאַנד אין אונדזערע הענט...

ס׳איז אַ ווונדערבאַר געפיל, פון אוראַלטער פּראַכט, דורכצוגיין אין מלחמה־טעג דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט און אויסצוברייטערן זיינע גרענעצן ביז צו די ערטער, אויף וועלכע, מיר וואָלטן אייגנטלעך פון לאַנג שוין באַדאַרפט דאָרט זיצן. ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אבות, באַקומט זיין אמתן באַטייט.

פאַרנאַכט עסן מיר ביי דער סחנה *, אָרגאַניזירן זיך אָפּצורוען, שפרייטן אויס אונדזערע געלעגערס אויפן גראָז און דעם בליק אין דער הייך, צו די שטערן.

די מידקייט פונעם אָנשטרענג פון די לעצטע טעג איז קאָנטיק אויף די חברים. אַ גרויסע מלחמה־וואָך איז הינטער אונדז. אַ קליין פאָלק צעקלאַפּט זיינע צענפאַך פון אים גרעסערע שונאים. שטייט דען נישט אַזוי געשריבן אין די קאַפּיטלען פונעם ספר: און דאָס געפיל פילט אָן דאָס האַרץ און דרינגט אַריין אין דיביינער; די מכביייער, און בר־כוכבא און יהושע און אַלע שופטים זענען מיט מיר; מיינע מחשבות זענען מיט גדעונען און זיינע מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפט ביים קוואַל חרוד — פונקט אַזוי. איך בין זיכער, אַז איך געפין זיך ביים קוואַל־חרוד און מיט מיר מיינע חברים, אויך די פון זיי, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו דער דאָזיקער שעה.

און דאָס וואָס ס׳האָבן נישט געטאָן מיינע קורצע לעבנס־יאָרן — האָט געטאָן די מלחמה. און דאָס וואָס כ׳האָב געפרעגט פריער, וועל איך איצט, נאָך איר, נישט פרעגן. ס׳איז אָן שום ספק קלאָר — כ׳האָב אָפּגעפונען מיין נחלה און וועל זיך פון דאַנען נישט רירן.

...אייגנטלעך, איז דאָס נישט געווען אין מעין־חרוד, ווייל מיר האָבן זיך נישט געפונען אין מעין־חרוד. דאָס ענדערט אָבער נישט די זאַך.

כ׳האָב געפילט, אַז איך בין ביים קוואַל חרוד און גדעון איז מיין קאָמאַנדיר, ער פירט מיט מיר אָן.

(משמר השרון).

* אַ טייכל ביים קוואַל עין־חרוד.

קעגנאיבער
דעם טויט

...היינט זעט שוין דאָס לעבן אויס פונקט אַזוי טייער, ווי פריער. אָבער בעת דער מלחמה האָט עס אויסגעזען ווי אַ גאַנץ ביליקע זאַך... וואָס איז הרגענען אַ מענטש? איך עפן דעם פאַרזיכערונגס־שלאָס פון דעם „עוזי״, דריי זאַלפן — און דער מענטש איז טויט. איין סעקונדע — און דער מענטש איז טויט. וואָס איז הרגענען אַ מענטש? טאָ וואָס פאַרוואָס זין איז פאַראַן אין לעבן? וואָסער זין, אַז איך זען אַזאַ הריגה פון מענטשן?.. וואָס פאַרוואָס זין איז פאַראַן אין לעבן? וואָסער זין איז פאַראַן אין מיין לעבן, וואָס איך בין געבליבן לעבן אין דער מלחמה און מיינע חברים זענען געפאַלן?.. ס׳איז דאָך אַזאַ פשוטע זאַך צו שטאַרבן. מיר דאָ, ווען אַ מענטש שטאַרבט אין נאָרמאַלע טעג, ברענגען מיר אים צו קבורה, טראַכטן וועגן אים אַ גאַנצע וואָך און באַגלייטן אים אויף דער לוויה. מיר זעען, אַז דאָס לעבן איז עפּעס, און אין דער מלחמה זעט עס פּלוצלונג אויס ווי אַ גאָרנישט...

דער פּרייז איז געוואָרן ביליק. מיר זענען פאַרביי עפּעס אַן אָפּשניט, אַ מין פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט: מיר פלעגן דאָס נישט אויפנעמען. ס׳האָט זיך נישט אַריינגעריסן אינעווייניק. בלויז די ערשטע פלעגן זיך טיף אַריינרייסן. און דאָס האָט אויפגעהערט איבערצולאָזן אויף אונדז אַן איינדרוק... עס פלעגט זיך אויף אונדז אַראָפּלאָזן אַ מין פאַרהאַנג און מיר פלעגן נישט זען... דער מעכאַניזם וואָס איז פאַראַנטוואָרט־לעך פאַרן אָטעמען, האָט זיך פאַרמאַכט... דער אַפּאַראַט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ראיה, פלעגט אַראָפּלאָזן אַ מין פאַרהאַנג... און איך בין זיכער, אַז ווען דאָרט וואָלט זיך געפאָדערט וועלכע ס׳איז פריוויליקייט, וואָלטן זיך אַלע הענט אויפגעהויבן. ווען דו זעסט אָבער אַזוי פיל טויטע קערפּערס, זאָגסטו: איך וועל זיך צו זיי נישט אָנשליסן... איך וועל נישט זיין ווי זיי...

פון אַ שמועס אין קיבוץ משמר־השרון

ס׳זענען מיר אַדורך פאַרשידענע מחשבות וועגן טויט

א שמועס אין קיבוץ נען

ג י ו ר א: אַלס מיידל וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסן אין די קעמפנדיקע כוחות, איז אינטע־רעסאַנט צו הערן וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט און וואָס דו האָסט געזען.

א י ל ת: ...אפשר וועל איך אָנהויבן פון דעם גרייטקייט־צושטאַנד. מיר זענען דאָרט געזעסן... ס׳האָט געמאַכט אַ גאַנץ טרויעריקן איינדרוק. נישט וואָס חברה האָט זיך געשעמט... געווען אַ סך באַזאָרגטקייט. איך געדענק, אַז איין אָונט האָט דער קאָמאַנדיר פון פאַלק זיך אומגעקערט פון אַן אָפיצירן־באַראַטונג און לויט זיינע רייד האָב איך געפילט, אַז די לאַגע איז אַ שווערע. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי סיריע און איראַק זענען צוגעשטאַנען צו מצרים און אַריבערגעפירט מיליטערישע איינהייטן. מיר האָבן געפילט, אַז די לאַגע איז זייער אַ שווערע, און ס׳זענען אַפילו געווען אַ פּאָר מינוט, ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן. פון דעסטוועגן האָב איך קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה ווי צו זיגן. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ.

ג י ו ר א: ווי אַזוי האָסטו זיך געפילט אַלס מיידל. צי זענען נישט געווען קיין מינוטן, ווען דו האָסט געוואָלט זיין אַ ייִנגל? צוליב דעם ווייל דו האָסט געוווסט, אַז ווען דאָס וועט קומען, וועלן אין אונטערשטן סך־הכל אַנדערע טאָן די זאַכן?

א י ל ת: כ׳האָב נאָר געקענט מאַכן די ברכה „ברוך שעשני אשה״ — כ׳האָב געשמועסט מיט עטלעכע חברה. זיי האָבן באמת געהאַט זייער ערנסטע געדאַנקען. זיי האָבן געטראַכט, צי וועלן זיי צוריק קומען לעבעדיקע אָדער נישט. ערשט דעמאָלט האָב איך זיך פּלוצעם געכאַפּט, אַז ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַר זיי איז די מלחמה אַ פראַגע פון לעבן און טויט, לגבי מיר איז דאָס בכלל נישט געווען אַזוי — פאַר אַ מיידל איז עס געווען אַן איבערלעבונג זיך צו געפינען אויף אַן אויסטערליש אָרט — אָבער נישט קיין פראַגע פון לעבן און טויט, כ׳האָב נישט געפילט, אַז מיין אָנטייל וועט זיין אַן אַנטשיידנדיקער. כ׳בין געווען ווי אַן אָבסערוואַטאָרין. מיין געדאַנקען־גאַנג איז נישט געווען פון איינעם, וואָס גייט קעמפן אָדער דערהרגעט ווערן.

ג י ו ר א: אפשר וועסטו נאָך דערציילן וועגן דעם גרייטקייט־צושטאַנד. צי איז באמת געווען אַ געפיל פון „מיטן רוקן צו דער וואַנט״?

א י ל ת: אין אָנהויב האָבן מיר אויף אַן אמת אַזוי געפילט — אַן אויפגעצוווּנגענע מלחמה, וואָס קיינער וויל זי נישט. אין משך פון דעם גרייטקייט־צושטאַנד איז דאָס געפיל פאַרטושט געוואָרן און ס׳איז אַלץ מער און מער בולט געוואָרן דער ווילן, אַז דאָס זאָל שוין געשען. מ׳האָט געוואָלט ס׳זאָל נעמען אַ סוף. ממש אַ מין פרייד צום קאַמף. דאָס איז אין שייכות מיט דעם גרייטקייט־צושטאַנד. ער איז געווען אַזוי אַנדערש לגבי דעם, וואָס איז געווען דערנאָך, אין דער מלחמה. שפּעטער, אין דער מלחמה, מיין איך, אַז כ׳האָב זיך געפונען אין אַ געוויסן שאָק און די ענינים זענען פאַר מיר נישט דעפינירט און נישט אויפגעקלערט. ביז איצט באַמי איך זיך פון דעם צו

דערוווייטערן... איך וויל נישט טראַכטן וועגן דעם... איך באַמי זיך פאַרגעסן די זאַכן. כ'האָב אַ געפיל פון איבל און שרעקלעכן עקל יעדעס מאָל ווען מען הויבט אָן צו באַרירן די טעמע, אַוודאי צוליב די שוידערלעכע בילדער, וואָס מיר האָבן דאָרט געזען — אָט די אַלע געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע, וואָס אויב כ'וועל דאָס זען אויפן פילם, וועל איך נישט קענען אויף זיי קוקן, כ'וועל פשוט אַוועקדרייען דעם קאָפּ. אָבער דאָרט האָב איך ממש קאַלטבלוטיק געקוקט אויף זיי און ס'האָט אויף מיר נישט געווירקט. אַז כ'וועל זען אַן איבערגעפּאַרענע קאַץ אויפן שאָסיי — וועל איך פאַרמאַכן די אויגן, אָבער דאָרט, ווען כ'האָב געזען אַלע געהרגעטע, אונדזערע אַזוי גוט ווי זייערע, האָט עס אויף מיך נישט געמאַכט קיין איינדרוק. נאָך מער. איך מיין, אַז איך בין בכלל געוועזן עפּעס אַן אַנדער טיפּ. איך באַמי זיך נישט אומקערן צו דעם און נישט טראַכטן וועגן דעם צו פיל און נישט אויפקלערן זיך אַליין זאַכן, נאָר לאָזן עס הינטער זיך.

ג י ו ר א : צי קאָנסטו זיך אַליין זאָגן ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געפיל פון מלחמה?

א י ל ת : דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן אָנגעטראָפן דעם ערשטן פאַרוווּנדעטן. מיר זענען אַריבער די גרענעץ, אַזוי, מיט געשאַל און פרייד, ווי טוריסטן, און נאָך עטלעכע שעה דערזעען מיר פּלוצעם אַ העליקאָפּטער און אַ גרופּע מענטשן לעבן אים. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר קומען צו דער איינהייט. מיר האָבן פון דערווייטנס זיי געמאַכט „שלום”, נאָר אָט, ביים דערנענטערן זיך, האָבן מיר געזען טראַגבעטלעך און קערפּערס איינגעוויקלטע אין קאָלדרעס און פאַרוווּנדעטע און הינקענדיקע.. .און פּלוצעם איז געווען אַזאַ מין שאָק. מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל פון דעם דאָזיקן גרויל און דאָס האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אויספלוג און אַן איבערלעבונג... און דאַן האָבן מיר געהאַט אויך אייניקע מינוט פון שרעק.

— — — מיר זענען קיינמאָל נישט געפאָרן אויף די הויפּט־וועגן, נאָר אַלערליי שטעגן און וואַדיס* און אויף אַ סך ערטער פלעגן מיר פאָרן צווישן בערג אָדער בערגלעך, בעת אויבן האָבן זיך געקענט געפינען די כוחות פון שונא. די מענטשן זענען געזעסן אויף די לאַסט־אויטאָס אָדער אויף די זחל”מס, דאָס געווער אָנגעצילט אין דער הויך. כ'האָב געקענט זיך אַליין עקזאַמינירן און זען ווי אַזוי דאָס דריקט זיך אויס. כ'האָב געפילט עפּעס אַ קיצל אין חוט־השדרה און זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז דאָס געפיל, וואָס מען רופט שרעק. כ'בין דווקא געווען גענוג צופרידן פון זיך, אַז כ'בין מסוגל אַרויסצוגיין פון זיך, אַז איך קען ז י י ן א י ך אין מינוטן פון שרעק און זען, אַז דאָס ווירקט נישט אַזוי אויף מיר. אין עטלעכע ערטער האָט מען אויף אונדז געשאָסן און מיר האָבן באַדאַרפט שפּרינגען פון די אויטאָס און געפינען שוץ, בעת אַרום פייפן די קוילן. דאָס איז געווען מער איבערראַשונג ווי שרעק. כ'האָב זיך געוווּנדערט אויפן קלאַנג פונעם קויל־געפייף. דערנאָך זענען אין מיר דורכגעלאָפן אַלערליי מחשבות וועגן טויט. צום ביישפּיל, כ'האָב זיך געטראַכט, אויב אַ קויל וועט טרעפן מיך אָדער אַן אַנדער מיידל — וועט דאָס זיין אַ טויט אָן שום נוצן. מיר זענען נישט געקומען קעמפן און אונדזער טויט וועט דאָ קיינעם נישט ברענגען קיין נוצן. ס'איז

* וואַדי — אויף אַראַביש: אַ „טרוקענער” טייך, אַ טאַל־קאַריטע וואָס פילט זיך אין ווינטער אָן מיט וואַסער. אין סיני זענען די וואַדיס תמיד טרוקן.

אַ ביסל אַ נישט אָנגענעם געפיל, אַז מיר וועלן שטאַרבן על פּי טעות.

ג י ו ר א: פון דעסטוועגן האָסטו געטראַכט בעת די קוילן האָבן געפייפט?

א י ל ת: יאָ, בעת כ׳האָב זיך דאָרט באַהאַלטן הינטער אַ פעלדז, ווען כ׳האָב באַקומען אַ באַפעל צו לויפן און זוכן שוץ. אַזוי, גלייך ווי מען וואָלט עס מיר אויפגעצווונגען. ס׳איז מיר נישט אָנגענעם, עס זאָל אויסזען ווי איך אַנטלויף. און דאָרט, אין דער סאַמע שיסעריי, זענען מיר געקומען פאַרשידענע מחשבות; ווי שיין איז דאָס לעבן און אַ שאָד עס דורכצולאָזן.

— — — אין אָנהויב האָבן מיר געהאַט צוויי געפאַנגענע. איך, יעדנפאַלס, האָב פאַר זיי שרעקלעך מורא געהאַט. כ׳האָב געטראַכט, אַז זיי וועלן תיכף אַרויסכאַפּן אַ גראַנאַט און אונדז אויסענדיקן. כ׳האָב זיך געפרייט, אַז מ׳האָט זיי געלאָזט גיין. נאָך דער שלאַכט, אין וועלכער טלי איז דערהרגעט געוואָרן, ווען כ׳האָב דערזען די קערפּערס פון די סאַמע נאָענטסטע חברים, וועלכע זענען געווען צוזאַמען מיט אונדז אין מיליטער די גאַנצע צייט — האָב איך זיך געענדערט. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז ווען כ׳וואָלט געהאַט אַ ביקס, וואָלט איך געשאָסן אויף יעדן אָנגעטראָפענעם עגיפּטער — כדי זיי זאָלן אונדז נישט הרגענען, אָדער כדי נקמה צו נעמען פאַר די דערהרגעטע חברים. אין מיין געדאַנק האָב איך זיך פאַרוואַנדלט כאילו אין אַ מערדער. כ׳האָב זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, כ׳האָב אָבער געקענט פאַרשטיין דעם מקור פון דאָזיקן ווילן. אונדזער צושטיין, ווי מיידלעך, צו דער אײנהייט — איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ צופעליקער. אין דעם באַלאַגאַן פון אַ רוק גענבן זיך, האָט קיינער נישט געהאַט קיין צייט אַ טראַכט צו טאָן ווי אַזוי אונדז פון דאָרט צו עוואַקואירן. און אויך פאַר דעם האָבן זיי נישט געהאַט בדעה אונדז צו עוואַקואירן. און מיר זענען שוין געווען מיט דער אײנהייט, האָב איך זיך באַמיט צו געבן דעם מאַקסימום וואָס כ׳האָב געקענט, דאָס הייסט: קודם כל פאַרנעמען זיך מיט די פאַרווונדעטע, דערמוטיקן זיי, שמייכלען — און דאָרט זענען באמת געווען מוראדיק שווערע פאַלן — פון אַ שאָק און כלערליי ווונדן. מיר האָבן געשמועסט מיט די פאַרווונדעטע און זיי דערמוטיקט. אויף איין אָרט, ווו מ׳האָט צונויפגעזאַמלט די פאַרווונדעטע, איז אויך געווען טלי, פון מיין קלאַס. ס׳איז געווען שרעקלעך שווער גובר צו זיין דעם דאָזיקן ווייטיק. ווען טלי איז דערהרגעט געוואָרן, האָט דאָס נישט אַזוי געווירקט אויף מיר, ווייל אין מיין אונטערבאַוווּסטזיין האָב איך זיך אויף דעם געריכט. ווען ס׳איז פאַראַן אַ ספּעציעל נאָענטער מענטש און מ׳איז באַזונדערס באַזאָרגט וועגן אים, וואַרט מען אויף אַזאַ מעגלעכקייט. ס׳איז זייער שווער צו טרעפן זיך מיט די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען אַ שאָק. זיי זענען געווען צעטומלט. — — —

דאָס אויסשטיין אין אַלע באַדינגונגען און די אַלע שוידערלעכע בילדער — האָט מיך פאַרפליכטעט צו נישט־דורכדרינגלעכקייט. אין איין פאַל, אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך דערוווּסט אַז טלי איז דערהרגעט געוואָרן, האָט מיך פלוצעם אַרומגעכאַפּט אויף אַ ווײלע דער באַטייט פון זיין טויט. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז אָט־אָט־אָט קומען אַרויס די טרערן און איך האָב זיך ווי ס׳איז נישט אויפגעצווונגען, זיך אַליין גובר צו זיין. די דאָזיקע אַלע קעמפּערס שטייען, און פלוצעם טרערן? כ׳האָב זיך געצווונגען גובר צו זיין און ס׳איז מיר טאַקע געלונגען. נאָר לרוב האָב איך זיך געפונען אין

אַ נישט־דורכדרינגלעכקייט. ממש אַ נישט־דורכדרינגלעכקייט. נישטאָ דערפֿאַר קיין שום אַנדער אויפֿקלערונג, הגם עס זענען געווען נאָך צוויי מיידלעך, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אויפֿצוכאַפּן די דאָזיקע נישט־דורכדרינגלעכקייט און איך האָב באַדאַרפֿט אַ ביסל הייבן זייער מאָראַל. אפֿשר האָב איך אויסגעהאַלטן דערפֿאַר, וואָס קיין איין מינוט, און אַפֿילו אויך איצט, מיין איך נישט, אַז כ׳האָב זיך דערגרונטעוועט ביז צו דער טיפֿעניש פֿון דעם ענין, וואָס הייסט טויט און זייער ווינציקע קענען דעם דאָזיקן ענין באַגרייפֿן.

מיך האָט עס נישט געכאַפּט, איך האָב נישט צו דעם קיין באַציִונג. אין דער היים, צום ביישפּיל, ווען איך טרעף די פּאַריתומטע עלטערן, דאַן פֿיל איך מער דעם רחמנות און דעם דאָזיקן ווייטיק. דאָס איז גיכער אַ באַטייליקונג אין זייער צער ווי צוליב דעם, וואָס איך באַגרייף דעם באַטייט פֿון דעם ענין וואָס הייסט טויט. פּשוט, כ׳האָב עס נישט באַגריפֿן. ערגעץ־ווו אויף אַן אָרט, האָט עס זיך פֿאַרהאַלטן און דרינגט נישט אַריין אין באַוווּסטזיין. צוליב דעם, ווייזט אויס, האָט עס אויך נישט געווירקט אויף מיר.

גיורא: צי טראַכטסטו טיילמאָל וועגן די געהרגעטע מיט אַ מין געפֿיל „גענוג״ מיט דעם, אַז „גענוג פֿונעם לעבן״, „גענוג פֿון דער משפּחה״, „גענוג״, אַזאַ מין סוף?

אילת: יאָ. ס׳איז טאַקע אַזוי. ווען איך זע עפּעס שיינס, אָדער כ׳האָב אַ גוט געפֿיל, טראַכט איך פֿאַר זיך, אַז אָט ד׳ער מענטש, וואָס איז געהרגעט געוואָרן, וועט שוין אַזוי מער נישט פֿילן. אַזאַ געדאַנק איז אָבער נישט גענוג עס זאָל דיך דערשיטערן אויף אַזוי פֿיל, אַז דו זאָלסט באַנעמען דאָס געפֿיל פֿון טויט און פֿון אומגליק.

גיורא: אין עצם אָפּשטויסן די דאָזיקע מחשבות, אין דעם אומווילן צו טראַכטן, צו געדענקען, צו פֿילן, איז אפֿשר פֿאַראַן מערער פֿון אַלץ אָנצווייזן אויף אַ באַשטימטן שאָק?

אילת: גוט, אויב עס טראַכט ווער, אַז מלחמה איז נישט גורם צו אַ געוויסן שאָק, איז דאָס אַ טעות. קלאָר, אַז ס׳איז אַ טעות. דאָס איז נישט דאָס סאַמע נאַטירלעכסטע. טראָץ דעם וואָס מלחמות חזרן זיך איבער און זיי קומען פֿאָר, קען מען נישט זאָגן, אַז דער מענטש איז באַשטימט פֿאַר דעם. מ׳קען צום ביישפּיל, נישט זאָגן, אַז אַ בעל־חי איז אַ קריגעריש באַשעפֿעניש. אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן דערציט מען צום פֿאַרקערטן. אין די דאָזיקע זעקס טעג איז געווען גענוי דאָס אַבסאָלוט פֿאַרקערטע ווי דאָס וואָס איך האָב געלעבט. ווי אַלט בין איך? 19 יאָר.

גיורא: קובי, אויך דו האָסט דורכגעמאַכט דעם מלחמה־שאָק? ווי דעקט זיך דאָס מיט דער דערציִונג, וואָס האָסט באַקומען? צי האָט די איבונג, וואָס דו ביסט דורכגעגאַנגען אין מיליטער נישט געלאָזן קיין אָרט פֿאַר צווייפֿלען און פֿראַגן?

קובי: מיין לערע איז געווען אַ טעכנישע. איך האָב זי ליב ביז איצט. אַזוי ווי כ׳האָב ליב יעדע מאַשין, טראַקטאָר, טאַנק.

גיורא: אויב אָבער דו האָסט געטראַכט ביזן סוף, האָט מען דיך דאָך געלערנט דאָס אַלץ צו לאָזן אין גאַנג אויף אַן עפֿעקטיוון אופֿן, כדי צו הרגענען מענטשן.

קובי: נישט דאָס וואָס אויך איך טראַכט לאָגיש, ווייס איך שוין. אין דער אמתן האָב איך געהאַט מינוטן, געווען ביי מיר אַזאַ מאָמענט, אַז אין איין נאַכט האָט זיך מיר

אַנגעזאַמלט אַזאַ סכום פון טינופת און וואָס כ׳האָב דאָרט אַלץ געזען... כ׳האָב זיך אומגעקערט צום טאַנק, אַרויפגעקלעטערט אויף אים און געווען זיכער, אַז דאָס איז עס. פון איצט אָן קוק איך אויף דעם דאָזיקן טאַנק אַנדערש. אַפילו אין צוואַנציק יאָר אַרום, אויב כ׳וועל אַרויפגיין אויף דעם טאַנק, וועל איך האָבן דעם דאָזיקן ריח, דעם דאָזיקן טעם, דאָס דאָזיקע טינופת. דערנאָך האָב איך געשטויגנט. אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער האָב איך ווידער... ס׳איז אַזוי דרעקיש, די מלחמה, אַזוי פאַרשאָלטן... אַז כ׳מיין נישט, אַז מען דאַרף ווי ס׳איז פאָדערן פון מענטשן ער זאָל זיך באַציען צו דעם מיט גלייכ־גילט און מיט קאַלטבלוטיקייט און אַפילו פאַרלאַנגען פון אים ער זאָל קאַלטבלוטיק באַטראַכטן וואָס ס׳איז געווען און עס פאַר זיך אַנאַליזירן.

ר.: איינס פון די געפילן וואָס כ׳האָב געפילט, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן פריער צו זאָגן, איז געווען ממש אַ פּיזיש. דאָס פלעגט געשען יעדעס מאָל ווען מ׳האָט אַ געשריי געטאָן „סאַניטאַר”. איין מאָל ווען מ׳האָט געשריען „סאַניטאַר”, האָב איך רעאַגירט אַזוי ווי מיר האָבן געלערנט — מען הויבט אָן רופן דעם סאַניטאַר פון הינטן אויף פאָרנט און איין מאָל בין איך אַפילו געלאָפן און געבראַכט דעם סאַניטאַר צו אַ פאַרוווּנדעטן. נאָר אין אַ שפּעטערדיקן עטאַפּ, באַזונדערס ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, אַז מ׳האָט געשריען „סאַניטאַר” — פלעג מיך אָנהויבן איבלען, כ׳פלעג באַקומען אַזאַ בויך־גרימעניש און ס׳פלעגט מיך באַפאַלן — נישט קיין צאָרן, כ׳בין נישט געווען פאַרצאָרנט אויף עמעצן — דאָס איז גיכער געווען אַ מין כעס כלפּי דער גאַנצער וועלט, און אַ יאוש, א מידקייט. יעדעס מאָל ווען מען פלעגט שרייען „סאַניטאַר” — דאָס איז גענוי ווי אין ביכער, פּאַקטיש האָט די ליטעראַטור אַ דערפאַרונג פון טויזנטער יאָרן, זיי האָבן געפונען די פּאַסיקע אויסדרוקן — איך האָב געפילט, גלייך ווי ס׳וואָלט אויף מיר געלעגן נאָך אַ וואָג, אַ ריזיקע שווערקייט פון אַ וואָג. גלייך ווי איך וואָלט עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר מיטן יעדן געשריי „סאַניטאַר”. איך פלעג פילן, אַז כ׳וויל וואַרפן דעם „עוזי” אויף דער פאָדלאָגע און שעלטן אויף אַ הויכן קול און זיך אַוועקזעצן און זאָגן „פּוס”*, „איך שפּיל נישט מער”. אָבער גלייך האָב איך איינגעזען ווי זינלאָז דאָס וואָלט געווען, אַז דאָס וועט אין דעם עטאַפּ נישט ברענגען קיין נוצן. מעגלעך איז אָבער, אַז דווקא דאָס איז אַמנויטיקסטן צו טאָן. איך פלעג ווייטער ברענגען אַ טראָגבעטל און לויפן און באַמיען זיך צו העלפן, אָבער די ערשטע רעאַקציע איז געווען מידקייט, כעס, און עקל ווען כ׳האָב ווידער און ווייטער געהערט רופן דעם סאַניטאַר... נישט געווען ביי מיר קיין שנאה, געווען בלויז... דאָס האָט מיך אָנגעשראָקן. און מ׳קען זיך פון דעם צוזאַמענברעכן. איך נעם אַבסאָלוט אָן, אַז מענטשן קענען צעבראָכן ווערן פון אָט דער גאַנצער טעמע. איך מיין, אַז מען דאַרף קעמפן קעגן מלחמות.

ת מ ר: אַלע יאָרן האָט מען מיך און אונדז געלערנט און דערצויגן קעגן מלחמות און מען האָט געקעמפט קעגן מלחמות. און מען זעט, אַז דאָס העלפט נישט. אויך איצט זאָגסטו יעדעס מאָל: „די קינפטיקע מלחמה”, „די קינפטיקע שלאַכט”. מ׳זעט, אַז דאָס העלפט נישט און אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז אונדז אויפגעצוווּנגען געוואָרן און וואָס

---

* אַ סאַברישער קינדער־אויסדרוק וואָס באַטייט „איך שפּיל זיך נישט מער”.

מיר זענען אַפּילו געגנוזט צו וועלן. איך געדענק, מיר זענען געווען — אַלע מאַמעס — אין קינדער־הויז, צוויי וואָכן צי א וואָך נאָכן געלעגן ווערן. און געווען זענען דאָרטן עטלעכע פּרויען, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי באַדויערן וואָס זיי האָבן געבוירן. און איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט „גוט וואָס איך האָב אַ טאָכטער". דאָס איז געווען די מחשבה אין משך פון דער גאַנצער מלחמה. כ'האָב אויך געזאָגט, גוט וואָס זי ווייסט נישט, גוט וואָס זי געדענקט נישט, גוט וואָס זי וועט נישט וויסן פון אַזאַ זאַך. ווען כ'האָב עס געזאָגט צו זיך אַליין, איז דערין געווען אַזאַ מין אינערלעך איבערצייגן זיך, גלייך ווי ס'וועט שוין מער נישט זיין. אָבער ערגעץ־ווו פיל איך די גאַנצע צייט, אַז דאָס איז נישט דער סוף און אַז ערגעץ ווו איז פאַראַן אַ מין גורל, וואָס וועט זיך איבערחזרן... און אפשר דאַרף מען טאַקע אַ סך אַ סך קינדער... די גאַנצע צייט געבוירן און געבוירן, אָדער כ'ווייס נישט וואָס.

יפתח: כדי ס'זאָלן זיין אַ סך זעלנער?

תמר: כדי ווען איינער וועט שטאַרבן... ווי קענסטו אַזוי דערציען קינדער און ווייזן זיי בלומען און אַלערליי שיינע זאַכן און אין דער זעלבער צייט וויסן, אַז אפשר אין צען יאָר אַרום וועלן די זעלבע מענטשן אָדער די טאַטעס פון די דאָזיקע מענטשן... סוף־כל־סוף וועט איר דאָך דעמאָלט זיין אַזוי אַלט. געווען מענטשן, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו קעמפן אין פיר מלחמות. ווי דערציט מען אַזוי מענטשן? דאָס איז באמת אַ געוואַלטיקע סתירה. טייל מאָל פאַרגנבעט זיך אַ מחשבה: אפשר וואָלט טאַקע בעסער געווען מוותר צו זיין אויפן דאָזיקן לאַנד, אָדער מוותר צו זיין אויף איין מלחמה אין דער וועלט, אויף אַן אָרט פאַר מלחמות אין דער וועלט. איך ווייס נישט, דאָס איז ממש אַן אַפּיקורסישער געדאַנק, דאָס איז אַ מחשבה... טיילמאָל אין מיקלט, מיט אַ צוויי־וואָכיק קינד אויפן שויס, האָב איך געטראַכט, צי איז טאַקע געווען אַזוי נויטווענדיק די דאָזיקע מלחמה זאָל קומען? איז אונדז באמת געגאַנגען אין לעבן צי מען וועט יאָ אָדער נישט פאַרן דורכן טיראַנער איינגוס? איצט, אַז איך אַנאַליזיר עס פאַר זיך, איז קלאָר, אַז דאָס איז געווען נויטווענדיק און גערעכט. אָבער ווען גיורא וואָלט נישט צוריק געקומען, וואָלט איך אַזוי נישט געטראַכט.

קובי: אין סיני, בעת דער מלחמה, פלעג איך זיך תמיד שרעקן, אַז דאָס וואָס כ'זע טאָן דאָ, איז דאָס זעלבע וואָס מען טוט אונדזער חברה אין ירושלים. מעגלעך, אַז דאָרט דערלאַנגט מען זיי ווי איך דערלאַנג די עגיפּטער, אפשר ווערן אין ירושלים אונדזערע חברה געשלאָגן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס דאָרט קומט פאָר.

אילת: — — — איך האָב געזען דעם דאָזיקן איבערגאַנג צווישן אַ לעבעדיקן און אַ טויטן מענטשן. דאָס איז געווען אַ מין ברוכטייל פון אַ סעקונדע. מיט אַמאָל דערזעט מען ווי דאָס לעבן און דער טויט זענען אַזאַ סאָרט גאָרנישט, אַלץ ענדערט זיך אין אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע און דער טויט ווערט פּלוצעם ווערטלאָז און אָן באַדייטונג, אפשר הייבט מען מיט אַמאָל אָן באמת צו גלויבן אין עפּעס אַ גורל, אין עפּעס אַ פאַטאַלן כוח, וואָס דעצידירט דאָ. נאָך דעם האָב איך טאַקע ווינציקער מורא געהאַט פאַרן טויט. און אויב כ'האָב געטראַכט, לאָמיר אָננעמען, אַז איך וויל אַרויס פונדאַנען אַ לעבעדיקע און אַז כ'וויל בלייבן לעבן, האָב איך באַלד דערנאָך אַ טראַכט

געטאַן: פּאַרוואָס אייגנטלעך זאָל איך בלייבן לעבן און דער זעלנער לעבן מיר זאָל נישט בלייבן לעבן? אַזוי, אַז די זאַך האָט אויפגעהערט „שפּילן". איך געדענק, אַז כ'האָב טייל מאָל געטראַכט, אַז ס'קען אייגנטלעך נישט זיין, אַז אַ מענטש זאָל שטאַרבן אויף אַזאַ אופן. און איך פלעג ביינאַכט קוקן אויפן הימל און זוכן צו דערזען, אפשר זענען פאַראַן מערער שטערן אויפן הימל, אפשר אַנטפּלעקן זיך דאָרט ווי ס'איז די נשמות. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט קענען, לאָמיר זאָגן, עסן אויף אַ נאָרמאַלן אופן. דאָרט איז באמת געווען עקלדיק. מיר האָבן טייל מאָל זיך געצווּונגען צו עסן די טרוקענע ביסקוויטן, פּשוט, כדי נישט צו דערגיין צו דערשעפּטקייט. אָדער ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט קענען זינגען, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט קענען פריילעך זיין און אַז תמיד, ווען מענטשן אַרום מיר וועלן זיך פרייען, וועט זיך ביי מיר שטאַרקן דאָס געפיל פון טרויער. און דאָס איז פּאַר מיר געווען ממש אַ קלאַפּ צוריק צו קומען און מיט אַזאַ שנעלקייט אַלץ פאַרגעסן און קענען מיט אַמאָל זינגען און קענען פרייען זיך. — — — ווען די דאָזיקע מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן, איז מיר דאַן די גאַנצע צייט אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז מען טאָר נישט פאַרגעסן זייער טויט און אַז מיר מוזן ווייטער לעבן אַ בעסער לעבן, אַ שענער לעבן, אַ מער יושרדיק לעבן. אָבער ווען מיר האָבן אַזוי שנעל זיך אומגעקערט אַ היים, האָב איך זיך אַרומגעקוקט ווי די מענטשן אַרום מיר פאַרגעסן שוין. און מ'זעט שוין כל מיני דערשיינונגען... און מיט אַמאָל האָב איך אַנטדעקט, אַז אייגנטלעך האָב איך שוין פאַרגעסן די אַלע זאַכן און דאָס איז באמת געווען פּאַר מיר אַ שאָק. כ'האָב אָבער נישט געפּרוּווט זיך אומקערן צו די דאָזיקע ענינים. פאַרקערט, כ'האָב געפּרוּווט זיך צו דערווייטערן פון דעם, אָפּשטופן און אַוועקוואַרפן. נאָר מיר שיינט טאַקע, אַז תמיד, ווען מענטשן וועלן זיך פרייען, דאַן וועט דער דאָזיקער טרויער — ווי ס'איז נישט אויפקומען אין מיר.

יפתח: אויך איך האָב געהאַט אַן ענלעך געפיל וואָס שייך די הרוגים און וואָס שייך די פאַרוווּנדעטע. און אויך דאָס דאָזיקע געפיל איז עפּעס אָפּגעטעמפּט געוואָרן. געווען ביי מיר אַ געפיל, ווי מיר — איצט קלינגט עס ווי אַ מליצה אָדער כ'ווייס נישט וואָס — וואָלטן זיי אַלץ שולדיק געווען. דעמאָלט איז עס פּאַר מיר געווען קלאָר און נאַטירלעך. ס'איז געווען אַ געפיל — איצט קאָן איך עס נישט פאָרמולירן אין ווערטער — פון אַ בלינדן גורל. שוין אין ערשטן טאָג נאָכן קריג האָט מיך פאַרפאָלגט דאָס בילד פון אַ בחורל, וועלכער האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען. ער האָט אונדז געזוכט אין עטלעכע ערטער אין לאַנד, וועלכע דער פאָלק האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט. ענדלעך האָט ער אונדז דערגרייכט אַ האַלבע שעה איידער מיר זענען אַריין אין די אויטאָבוסן קיין ירושלים. און ער איז דערהרגעט געוואָרן דער ערשטער. אַזוי ווי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט כמעט פאַרשפּעטיקט די מלחמה. כ'האָב געהאַט אַ געפיל, אַז מיר זענען שולדיק און דער פּרייז איז געווען גרויזאַם שווער. ביי אונדז איז באמת געווען אַ ריזיקער פּרייז און דאָס האָט כמעט געשטעלט אין שאָטן די פּאָליטישע דער־גרייכונגען, אונדזערע מלחמה־דערגרייכונגען. און דאָס איז בכלל נישט געווען קיין מליצה. מיך האָט געקלעמט אַ געפיל, אַז מיר זענען זיי אַלץ שולדיק. און דאָס גייט אַדורך. עפּעס גייט עס אַדורך. דאָס הייסט, ס'איז קיין ספק נישט, אַז כ'האָב תמיד

געטראַכט, אַז די טויטע זענען מקדש — אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן — דאָס לעבן. היינט טראַכט איך וועגן דעם מער ווי ווען ס׳איז. געוועז אַ צייט, ווען דאָס האָט מיך ממש פאַרכאַפּט. דאָס איז מיר געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך און ס׳האָט מיר געהאָלפן.

קובי: פאַראַן אַזעלכע פאַרשידענע מעגלעכקייטן פון דער מלחמה. יעדער מצב שאַפט אַן אַנדער מעגלעכקייט. מ׳מוז עפּעס ענדערן, ווען מען געפינט זיך אין מלחמה. כ׳האָב אויסגעפונען, אַז איך האָב פיינט בלויז צוויי זאַכן. כ׳האָב פיינט געהאַט יענע חברה וואָס האָבן זיך אויפגעפירט ווי חיות — און כ׳האָב פיינט געהאַט נאַצערן. נישט געווען ביי מיר קיין שום שנאה צו די זעלנערס, קעגן וועלכע כ׳האָב געקעמפט. די גאַנצע צייט האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז מיר האָבן אויף זיי געשאָסן און זיי זענען געווען אַזוי אומגליקלעך, און זיי זענען פאַרברענט געוואָרן און אַלץ. דאַן פילט מען תמיד: זיי זענען נאַיווע, ער האָט זיי געבראַכט אַהער, ער האָט עס געמאַכט. די דאָזיקע פּאָליטיק, די דאָזיקע דיקטאַטור... אָבער די דאָזיקע נאַרישע דיקטאַטור זיינע, פאַר אים זענען זיינע זעלנער אַ גאָרנישט. מיר פלעגן צו זיי שרייען — איך האָב נישט געקענט קיין אַראַביש — נאָר כ׳האָב תמיד געזאָגט צו דער חברה, זאָגט זיי: „זעט וואָס נאַצער האָט אייך געטאָן״... דאַן זענען זייערע ענטפערס תמיד געווען — אפשר איז אַזאַ די אַראַבישע מענטאַליטעט — זיי פלעגן וויינען און שרייען: „מיר ווילן אַהיים״. דער איז אַ פעלאַך פון דאַנען, און דער איז אַ פעלאַך פון דאָרטן. נאָך אַ גרעסערע שנאה האָב איך געפילט צו די אַלע פאַר וועלכע די מלחמה איז געווען אַ שאַך־שפּיל. דו געפינסט זיך מיט מענטשן אין מלחמה־גרייטקייט, אין רעזערוו־דינסט. דאַן טיילסטו איין די מענטשן, וואָס דו קענסט, אין ראַנגעס. דער איז אַזאַ און דער איז אַזאַ און דער איז דיר נאָענט און דער ווייט. נאָכן ערשטן טאָג מלחמה ווערט אַלץ צעטרייסלט. איינער, וועלכן כ׳האָב אַזוי הויך געשאַצט, און איז געווען פלייסיק און שיין געאַרבעט און איז געווען זייער חבריש... און פאַרקערט: עמעץ פון וועלכן כ׳האָב בכלל נישט געהערט, האָב איך אים פלוצעם געוואָלט קושן, ווען כ׳האָב דערזען, אַז ער איז אַ מענטש. אפשר בין איך פערזענלעך געווען פילבאַר צו די דאָזיקע זאַכן.

דעם ערשטן קערפּער האָב איך געזען אויפן וועג צוריק קיין עבר־עגילה. איך זע אַ פאַרברענטן טענדער און אַ פאַרברענטן קערפּער. כ׳בין דאַן אין אָנהויב פאַרשטיינערט געוואָרן. דערנאָך האָב איך אַריינגעשריגן צו דעם, וואָס איז געזעסן אינעווייניק אין טאַנק: זעט, אַ קערפּער. און אַלע: „יאָ, וואָס־וואָס״, פּונקט ווי ס׳וואָלט געווען אַ בייע זאַך. שפּעטער זענען זיי געווען אַזוי פיל און ס׳הייבט אָן ווערן אינטערעסאַנט, אייבער ליגט אַזוי און איינער ליגט אַזוי. כ׳פלעג פרעגן: „וואָס קוקסטו?..״

אילת: אויך איך האָב זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, ווי אַזוי איך קוק אויף זיי און דערצו האָב איך זיי נאָך תמיד געזוכט לעבן פאַרברענטע מאַשינען און אויסגע־דרייט דעם קאָפּ אויף הינטן און דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי כ׳וואָלט געווען אַן אכזר אויף זיך אַליין, ווייל דאָס האָט דערפירט צו מוראדיקע ליידן און צו אַ שרעקלעכן עקל און כ׳האָב זיך אַליין געצווייט צו קוקן, זיך אַליין געצווונגען. און איך מיין, אַז דער מקור פון דעם שטעקט אפשר אינעם שולד־געפיל, אָדער אין עפּעס וואָס כ׳האָב נישט דערגרונטעוועט דעם באַטייט דערפון.

יפתח: אָבער קובי זאָגט, אַז ער האָט זיך נישט געצווונגען, אַז דאָס האָט אים פּשוט אינטערעסירט.

קובי: מען דאַרף אונטערשיידן. איך קאָן האָבן מחשבות פֿאַר דער שלאַכט און נאָך דער שלאַכט. די פֿראַגע איז — ווי אַזוי דיין פּאָקטישע באַציִונג צו דער זאַך. נישט דאָס ענדערט וואָס דו טראַכסט. ס׳ענדערט דאָס, וואָס דו טוסט, אין דער אונטערשטער שורה.

גיורא: פֿאַר מיר איז פּונקט אַזוי שאַרף דאָס וואָס איך טראַכט, ווי דאָס וואָס איך טו.

קובי: קוק, אַ מענטש ווערט אויסגעפּרוווט לויט דעם וואָס ער טוט און נישט לויט דעם וואָס ער טראַכט. דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גוטע כּוונות. די פֿראַגע איז אין וואָסער מאָס דער הומאַניזם אַנטפּלעקט זיך פּאָקטיש. אויב אימעצער שטעלט זיך אַנטקעגן, אויב ער האָט פּראָבלעמען און איז זיי גובר, איז עס, לויט מיר, די אַנטפּלעקונג אינעם מענטשן. דער גיבור איז דער, וואָס באַצווינגט זיין יצר, מעג עס אַפֿילו זיין אויס שרעק; ווייל ער האָט נישט קיין מוט צו טאָן די דאָזיקע זאַכן. דאָס וואָס באַשטימט, לויט מיין מיינונג, אין דער אונטערשטער שורה, ווי אַזוי דאָס ווערט פֿאַרווירקלעכט אין לעבן. ס׳איז קיין חילוק נישט, וואָס דער מענטש טראַכט. דער דאָזיקער שטאַרקער נייגיר צו קוקן אויף מתים געהערט צו איינעם פֿון די פֿאַקטאָרן, פֿון וועלכע ס׳איז צונויפֿגעשטעלט דער מענטש, וועלכער ווערט באמת געשטויסן פֿון מלחמה צו מלחמה. וואָלט ער אָבער געהאַט די מעגלעכקייט בייצוקומען די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן, זיי גובר צו זיין און נישט דערפֿירן צו זייער פּאָקטישער רעאַליזירונג, דאַן איז פֿאַראַן אַן אויסזיכט, עס זאָלן מער נישט זיין קיין מלחמות. און איך מיין, אַז דאָ ווערט אויסגעפּרוווט דער מענטש נישט אינעם גאַנג פֿון זיינע מחשבות, נישט אינעם שטראָם געדאַנקען, וואָס לויפֿט פֿאַרביי אין זיין באַוווסטזיין, צווישן אַנדערע, וועגן מאָרד, וועגן הרגענען, וועגן אכזריות און סאַדיזם.

יפתח: ריכטיק, ריכטיק. איך מיין, אַז די מענטשן האָבן באמת אין דעם אָדער אַנדער עטאַפּ, געזינדיקט, זענען פֿאַרקריפּלט געוואָרן.

איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין, אָדער כ׳האָב זיך אַליין געמשפּט — מ׳קאָן אייגנטלעך זאָגן, אַז כ׳האָב זיך דערשראָקן פֿון זיך אַליין — ווייל פּלוצעם האָב איך אַנטדעקט אין זיך עפּעס אַ זאַך, דאָס זעלבע, וועגן וועלכן קובי האָט דערציילט, אַז כ׳האָב אַנטפּלעקט אַ מין אינסטינקט אָדער עפּעס אַ מין ווילן צו זען דעם טויט. דאָס איז אַן אינסטינקט, וואָס האָט נישט געקענט קיין זאַטקייט. ביז אַז אויף איינעם אָן אָרט איז שוין געוואָרן אַן עקל און דו האָסט גענומען פֿילן אַ שטיקעניש.

דער טעם פון לעבן און דער ריח פון טוי

פון אַ שמועס אין קיבוץ משמר השר

שלומית: איך דערמאַן זיך וואָס ס׳האָט מיר געזאָגט איינער פון מיין גרופּע, פ
קיבוץ מסילות: „אַז איך קער זיך אום פון מדבר סיני און דאָרט איז אַלץ פאַרזיי
מיט פגרים און אַז איך זע ווי דאָ, אין דער היים און אין דער סביבה נעמט מע
זיך איבער מיט יעדן איינעם, וואָס איז געפאַלן, זעט עס מיר אויס אַ ביסל מאָדנע
אַזוי האָט ער געזאָגט, מיט אַ כראָפּעוואַטן אויסדרוק. אפשר איז שווער אויסצודריק
וואָס דאָ קומט פאָר, פּרובירט אָבער פאָרצושטעלן אייער באַציִונג צום ענין: צ
פאַרוואַנדלט טאַקע דאָס מאַסנהאַפטע הרגענען מיט אַ מאָל דאָס לעבן אין אַ ביליקער
זאַך און קערט איבער אַלע פּראָפּאָרציעס? ווי אַזוי האָט איר געפילט?

יוני: פאַראַן אין דעם אַ מין אַבסורד, אַז דיין לעבן איז אַזאַ טייערע זאַך און דו היטס
עס אין ערגעץ נישט בעסער אָפּ ווי אין דער מלחמה. דו זעסט, אַז זאַכן, וואָס ווער
באַטראַכט ווי אַן עקוויוואַלענט, און דאָס איז פאַרשפּרייט אין די צענדליקער, הונדער
טער — אָפּהענגיק ווו דו ביסט געווען, אין ירדן, סיני אָדער אין רמת־הגולן — דאַ
איז עפּעס אין דעם פאַראַן...

אביגדעם: דאָס זעט מען בפירוש... דו זעסט אַ מאַסע מצרישע כלים... פּלוצע
דערזעסטו אונדזערן אַ טאַנק... איין טאַנק צווישן צוויי הונדערט מצרישע טאַנקען... מי
האָט דערציילט אונדזערער אַ זעלנער, וואָס איז געווען אין סיני... ער האָט ניש
געקענט פאַרטראָגן די טויטע קערפּערס און די פליגן און די הינט צווישן די אַל
פאַרברענטע מצרישע כלים. ווען ער האָט אָבער דערזען אונדזערע דריי לאַסט־אויטאָ
צווישן די אַלע מאַשינען, האָט ער זיי געקענט דערשמעקן און האָט שוין יאָ זיך געקענ
מיט זיי פאַרנעמען... ס׳האָט אים נישט געאַרט... דאָס הייסט, אַז דער זעלבער ריח ווע
ר׳האָט דערשפּירט — יאָ אַ מצרישער, אָדער נישט קיין מצרישער — אָבער דאָס אי
געווען אַן אַנדערער ריח...

יוני: היינט זעט שוין דאָס לעבן אויס פּונקט אַזוי טייער ווי פריער. אָבער בעת דע
מלחמה האָט עס אויסגעזען אַ גאַנץ ביליקע זאַך. איך אַליין האָב עס זייער שטאַר
געפילט. וואָס איז הרגענען אַ מענטש? איך עפן דעם פאַרזיכערונג־שלאָס אינעם „עוזי
דריי זאַלפן — און דער מענטש איז טויט. איין סעקונדע — און דער מענטשן אי
טויט. וואָס איז הרגענען אַ מענטשן?

שלומית: דו האָסט וועגן דעם געטראַכט? און וואָס האָסטו געטראַכט וועגן זיך אי
דעם זעלבן מאָמענט?

יוני: דאָ קאָן איך אייך ברענגען אַן אַנטפּלעקונג, וואָס וועט אייך אפשר אויפרודער
נאָר כ׳האָב זיך אַליין געפרעגט: וואָס פאַראַ זין איז פאַראַן אין מיין לעבן? וואָ
איז מיין זכות, אַז כ׳בין געבליבן לעבן אין דער מלחמה און מיינע חברים זענע
געפאַלן? אין דער צייט פון קריג האָב איך ממש געהאַט אַ געפיל פון שלימות
אַ קרבן אין דער מלחמה איז עפּעס דערהויבנס, עפּעס וואָס איז ווערט דאָס אַל

אַ וואָך שפּעטער איז שוין נישט געווען אַזוי. און איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם געפיל, אַז ער קען מיך נאָך דערפירן דערצו אַז איך... אין דער מלחמה גופא... צו איבערגעטריבענער דרייסטקייט אָדער צו אַ פירונג פון איבערגעטריבענער ריזיקאַ־לישקייט. און אין דער אמתן האָב איך זיך דערפון אויסגעהיטן, כ'האָב עס באַוווּסטזיניק געפּרוּווט אָפּצושטופּן. וואָס פאַראַ זין איז פאַראַן אין לעבן? וואָס איז דער זין, אַז איך זע אַזאַ הריגה פון מענטשן. ס'איז דאָך אַזוי פשוט צו שטאַרבן. מיר דאָ — ווען אַ מענטש שטאַרבט אין נאָרמאַלע טעג, ברענגען מיר אים צו קבורה, און מיר טראַכטן וועגן אים אַ גאַנצע וואָך און באַגלייטן אים אויף דער לוויה... דאָס האָט אַ ווערט. מיר זעען, אַז דאָס איז עפּעס. אין דער מלחמה זעט דאָס פּלוצעם אויס ווי אַ גאָרנישט. און שטאַרבן איז אַ פּשוטע זאַך. טאָ וואָס פאַראַ זין איז פאַראַן אין לעבן? אויב שטאַרבן איז אַזוי גרינג, טאָ וואָס פאַר אַ זין איז צו בלייבן לעבן? דאָס איז געווען אַ מין געפיל, וואָס איך האָב באמת געפּרוּווט אַוועקשטויסן, ס'האָט אָבער געשטעקט אין מיר.

מען באַפרייט זיך פון דעם, איך רעד וועגן זיך. דו פרעגסט, צי כ'האָב אין דער זעלבער מאָס געקענט גרינגשעצן דאָס לעבן פון מיינע זעלנער? פאַרקערט. דאָס לעבן פון אַנדערע אָדער פון די, וואָס זענען מיר נאָענט, מיינע זעלנער, וואָס זענען מיר געווען נאָענט... זייער ווערט איז געווען אַ הויכער... אָבער דער ווערט פון מיין אייגן לעבן... דאָס איז באמת איינע פון די זאַכן וואָס האָט מיך איבערראַשט. דו פרעגסט, צי כ'האָב אין זיך אַנטפּלעקט זאַכן וואָס זענען פריער ביי מיר נישט געווען. איך מיין, אַז עס זענען באַמת געווען עטלעכע פאַלן ווו כ'האָב זיך אויפגעפירט אין דער פאָרם... כ'האָב זיך צופיל איינגעשטעלט... דערנאָך, ווען כ'האָב עס געפּרוּווט אַנאַליזירן, האָב איך איינגעזען, אַז ס'איז געווען אויף אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן אופן...

ש ל ו מ י ת : און דו האָסט זיך אַליין בשעת־מעשה נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון?

י ו נ י : כ'האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג. אָבער אָט די זאַכן האָבן מיך דערפירט צו זיגן אין יענער שלאַכט. כ'בין דערצו גרייט געווען אין נאָמען פון די אַלע זאַכן צו וועלכע איך שטרעב. און ס'איז געווען נאָך עפּעס וואָס האָט מיך איבערראַשט אין אַ גרויסער מאָס. ביזן קריג האָב איך תמיד געטראַכט, אָדער געהאַט אַזאַ געפיל, אַז די אַלע רייד וועגן ליבע צום פאָטערלאַנד — דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעזען צו זיין פראַזן. אין דער מלחמה האָב איך געפילט, אַז דאָס זענען די זאַכן. דאָס זענען די זאַכן, וואָס האַלטן דיך אין דער מלחמה. דאָס וואָס הינטער דיר איז פאַראַן אַ היים, דאָס וואָס דו האָסט חברים, וואָס ווילן לעבן, וואָס דו גופא ווילסט לעבן אין דאָזיקן לאַנד; וואָס דיר זענען טייער די פעלדער און וואָס דאָס לעבן פון יעדן איינעם וועלכן דו קענסט און יעדער ייד וואָס לעבט אין דער דאָזיקער מדינה — איז דיר טייער... און מיט אַמאָל האָב איך אַליין דערפילט אַז דאָס זענען זאַכן וואָס האָבן אַ ממשות.. און אין דער אמתן, די ערשטע צוויי טעג נאָך מיין אומקערן זיך פון דער מלחמה, האָב איך גערעדט וועגן דעם די גאַנצע צייט... וועגן דעם אַז כ'האָב פּלוצעם אַליין אַנטפּלעקט, אַז די אַלע זאַכן, וועלכע כ'האָב אַמאָל באַטראַכט ווי פראַזן — „טוב למות בעד ארצנו" („גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד") און „ליבע צום

---

* יוסף טרומפּעלדאָרס לעצטע ווערטער, ווען ער איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן תל־חי אין יאָר 1920.

פאַטערלאַנד״, האָב איך אַנטדעקט, אַז דאָס זענען זאַכן, וואָס עקזיסטירן. איך מיין, אַז מלחמה איז די סאַמע עקסטרעמסטע פאָרם, וואָס דערפירט דעם מענטשן צו אַזעלכע אַנטפּלעקונגען.

און דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט. כ׳וויל דיר זאָגן: בעת די שלאַכטן גופא, האָט מיר אויסגעזען נאַטירלעך, אַז אויך אונדזערע זעלנער שטאַרבן. ס׳האָט מיר אויסגעזען נאַטירלעך, אַז אין אַ מלחמה שטאַרבט מען. נאָך דער מלחמה, ווען מיין קאָמאַנדיר איז דערהרגעט געוואָרן, האָט עס אויף מיר אַ סך מערער געווירקט. אויך נישט אויף אַן עקסטרעמען אופן, ס׳האָט אָבער אויף מיר געווירקט אַ סך מערער. כ׳האָב געפרעגט: וואָס איז דער זין? אין דער מלחמה האָב איך נישט געפרעגט, וואָס פאַרוואָס זין ס׳האָט צו שטאַרבן. כ׳האָב געפרעגט פאַרקערט: וואָס פאַרוואָס זין ס׳איז צו לעבן? נאָך דער מלחמה פרעג איך, וואָס פאַרוואָס זין ס׳האָט צו שטאַרבן. דאָס איז דער אונטערשייד. ערשט נאָך דער מלחמה פילט מען וואָס פאַרוואָס זין ס׳איז צו לעבן, אָבער דעמאָלט פרעגט מען די פראַגע, וואָס זענען ווערט די אַלע געהרגעטע, וואָס אַדאַנק זיי לעב איך איצט.

ש ל ו מ י ת: מיך אינטערעסירט די פראַגע, צי דער באַטייט פון די זאַכן בלייבט אויך אין אַ צייט אַרום... אויך די באַדייטונג און די באַציִונג לגבי דעם וואָס הייסט פאַטערלאַנד... און דאָס וואָס האָט פריער אויסגעזען ווי פּראַזן?

י ו נ י: יאָ. די דאָזיקע אַנטפּלעקונג וועט אין מיר תמיד פאַרבלייבן. די דאָזיקע אַנט־פּלעקונג האָט שוין פאַרנומען ביי מיר אַ שטענדיק אָרט. זי האָט זיך ביי מיר אַנטפּלעקט מיט דער פולער קראַפט און וועט שוין אין מיר בלייבן.

מיך אינטערעסירט צו וויסן, צי דאָס געפיל וואָס כ׳האָב דאָ געפּרווּט צו שילדערן, כ׳וויס נישט צי כ׳האָב עס דעפינירט ביזן סוף, איז פאַראַן אויך ביי אַנדערע? לגבי זיך... איך בין אפשר אַן אַנדער מענטש. ווען ס׳איז דאָ אַ געפערלעכע אויפגאַבע, וואָלט איך נישט גרייט געווען צו שיקן זעלנער און אַליין נישט גיין. איך גופא וועל תמיד גיין.

ווען אבינועם האָט דערציילט וועגן די גרינגע פעלדער, וואָס ער האָט געזען, האָט ער געזאָגט: פאַר דעם איז כדאי צו קעמפן. דעמאָלט האָב איך אַליין זיך געפילט גוט, וואָס ער האָט אַזוי דערציילט. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳בין נישט דער איינציקער, וואָס האָט דאָס געפילט. ווייל איך האָב נישט פיינט געהאַט די דאָזיקע זעלנער. און איך געדענק עפעס אַ דערציילונג וועגן איינעם, וואָס האָט עמעצן דערהרגעט און דערנאָך אַריינגעקוקט אים אין די אויגן און דערזען די תמימותדיקייט, וואָס האָט אין זיי געשטעקט. איך האָב דערהרגעט אַ גרופּע פון דריי זעלנער און דערנאָך געגאַנגען אַוועקנעמען פון זיי דאָס געווער, ברענגען עס צו מיר אין דער פאַנצער־מאַשין, און איינער איז געלעגן אויף זיין געווער. כ׳האָב אים איבערגעדרייט... ער איז געווען אַ קינד — ער האָט אויסגעזען ווי פון אַ יאָר 16—17. אַ תמימותדיקער בליק אין די אויגן. וואָס האָט ער מיר געטאָן, וואָס כ׳האָב אים דערהרגעט?...

א ב י נ ו ע ם: האָסט דערמאָנט אַ פאַקטאָר, וואָס האָט „געשפּילט״ ביי אַלעמען. מיר זענען אַרויס אין דער מלחמה נישט ווי געדונגענע סאָלדאַטן. פון דעם שטאַנדפּונקט האָבן מיר געהאַט אַ ריזיקן איבערגעוויכט איבערן אַמעריקאַנער זעלנער, וועלכער

קעמפט אין וויעטנאַם, צום ביישפּיל. אין אָנהייב פון דער גריײַטקייט־תּקופֿה, איז מיר נישט געווען אַזוי קלאָר צי מיר וועלן זיך יאָ שלאָגן, אָדער נישט שלאָגן. אין די לעצטע טעג האָט מיך מיט אַ מאָל פאַרכאַפּט די דאָזיקע זאַך, אַז מיר האָבן נישט קיין שום ברירה... מיר וועלן מוזן קעמפן, ווייל קיינער וועט פאַר אונדז נישט קעמפן. און די אַמעריקאַנער וועלן קעמפן ביזן לעצטן יידישן זעלנער... נישט מער... איצט, בנוגע דעם פּרייז, האָב איך געזען די ריזיקע צאָל געהרגעטע, לענג אויס אַלע שליאַכן. און מיר האָבן איבערגעהיפּערט אַן אָפּשניט, ווו ס'פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אַ מין פאַרהאַנג (איך טרעט אַריין אין אַ מין גייסטיקן סטריפּטיז), מיר פלעגן דאָס נישט אויפנעמען, דאָס פלעגט זיך נישט אַריינרייסן אינעווייניק. די ערשטע פלעגן זיך טיף דורכברעכן. אויף דער סירישער רמה, אין לעצטן טאָג פון די שלאַכטן, האָבן מיר געזען מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער מענטשלעכע צורה, ווייל זיי זענען פאַרברענט געוואָרן אין דער ריזיקער היץ פון די נאַפּאַלם־באָמבעס. און דאָס האָט אויף אונדז איבערגעלאָזט אַ זייער שווערן איינדרוק, אויף די אַלע וואָס זענען געווען אין דער סביבה. און דאָס האָט שוין אויפגעהערט איבערצולאָזן אויף אונדז אַ וועלכן ס'איז איינדרוק. אויך צוליב דער פאַרשטעלונג, וואָס מיר האָבן תּמיד געהאַט פון לייענען ביכער און מלחמה־שילדערונגען. אָבער סתּם אַזוי, פּשוט, ווען מיר פלעגן דערזען אַ דערהרגעטן זעלנער, אינמיטן דורכגעשטעפּט מיט קוילן, פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אַ מין פאַרהאַנג און מיר פלעגן נישט זעען... דער מעכאַניזם, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויף דער ראייה, פלעגט אַראָפּלאָזן עפּעס אַ פאַרהאַנג. אָבער בעת מיר פלעגן זיך אָנשטויסן אויף אַן אונדזעריקן, פלעגט עס אונדז דערשיטערן. נאָך מער, ווען מיר פלעגן געפינען אונדזערן אַ טאַנק, אַ באַשעדיקטן צווישן צענדליקער זייערע טאַנקען, וועלכע מיר פלעגן דאָרט זען, — כ'ווייס נישט ווי אַזוי דאָס צו דעפינירן, צי אונדזער כּבֿוד איז דערפון געטראָפן געוואָרן אָדער צי איז דערמיט געטראָפן געוואָרן אונדזער פּריוואַט־באַזיץ, אָדער ס'האָט אונדז פּשוט געאַרט וואָס אַ חלק פון אונדז איז אָפּגעריסן געוואָרן. אָבער מיין אויספיר דערפון איז געווען אַזאַ, אַז כ'וועל טאָן אַלץ וואָס כ'קען... איך וויל דיר זאָגן, אַז כ'בין זיכער, דאָס ווען ס'וואָלט זיך געפּאָדערט פרייוויליקייט — וואָלטן זיך אַלע הענט אויפגעהויבן, אַפילו אויב ס'איז דאָ יעדע ראַציאָנעלע אויסזיכט, אַז דו וועסט דאָרט דערהרגעט ווערן. אָבער ווען דו זעסט אַזוי פיל טויטע קערפּערס, זאָגסטו: איך וועל זיך צו זיי נישט אָנשליסן... איך וועל קיין נבֿלה נישט זיין...

יובי: ווייל דו האָסט עס שוין געזען נאָך דער מלחמה, וואָלסטו דאָס געזען בעת דו טוסט עס, וואָלסטו געזען, אַז ס'איז אַזוי פּשוט... דאַן וואָלסטו זיך אַליין אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז אַזוי פּשוט צו שטאַרבן — טאָ וואָס איז די גאַנצע הייליקייט פון לעבן, ווו איז זי, די הייליקייט פון לעבן...

אבינועם: ביי מיר... ביזן מאָמענט פון שיסן, זענען פאַראַן פּחדים און פאַרלאַנגען און געדאַנקען און כּל מיני... אין מאָמענט פון ערשטן שאָס, פּילסטו אַ מין באַפרייען זיך פונעם ווענטיל פון דער לופט, דו הערסט אויף צו טראַכטן און דו שיסט... און דו הרגעסט... און דער וואָס איז קעגן דיר פאַלט, אָדער דאָס הויז אַנטקעגן דיר פאַלט איין — און דו טראַכסט נישט וועגן קיין שום אַנדער זאַך... בלויז דאָס געווער דיינס... איך

געדענק, אַז אין קלקליה האָב איך געזען ווי דער אייבערשטער טייל פונעם פילבאָקס* ברעכט זיך איין און כ'האָב זיך נישט אָפּגעגעבן דערפון קיין שום דין־וחשבון.

שלומית: איך דערמאָן זיך דאָ אין דעם אינטערוויו מיט שמאי קאַפּלאַן ז"ל. נאָך דער מלחמה האָט רפאל בשן רעקאָנסטרואירט אין „מעריב" אַן אינטערוויו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק, און אים פאַרענדיקט מיט אַ שטאַרקן רעקאָרד. אויף דער פראַגע ווי אַזוי ער באַציט זיך צום טויט, האָט שמאי געענטפערט: „דאָס איז אַ זאַך, וואָס גייט בכלל נישט אַריין אין באַוווסטזיין"...

צביקה: איך ווייס, אַז עמעץ, — עמעץ אַ בר־סמכא האָט געזאָגט צו זיינע זעלנער: — אויב איר וועט טאָן דאָס און דאָס, זאָלט איר נישט נעמען קיין וואַסער־פלאַשן, נישט נעמען קיין קאָלדרעס, נישט נעמען קיין שום זאַך... איר וועט עס שוין נישט דאַרפן. איך פאַרזיכער אייך, אַז... מ'האָט פאַר זיי באַשטימט אַ געפערלעכע אַקציע, וואָס איז דערנאָך אַנולירט געוואָרן. מיין ברודער איז געווען אין דער איינהייט, כ'האָב אים באַזוכט אין דער צייט פון גרייטקייט־צושטאַנד. ס'איז אינטערעסאַנט געווען צו הערן וואָס פאַראַ געפיל ס'האָט דאָרט געהערשט. דעמאָלט האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן באַגריפן. זיי האָבן באַנומען וואָס עס דערוואַרט זיי און די שטימונג איז געווען אַ שלעכטע און ס'האָט געהערשט אַ דערשלאָגנקייט. ס'האָט געהערשט אַ מין נערווע־זיטעט, אַ זייער נישט באַקוועמע. דו פאַרשטייסט? אויף וויפל איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, האָט ער בפירוש געוווּסט, אַז ער גייט צום טויט און ער האָט דאָס אויפגע־כאַפּט אין יענע מינוטן און האָט עס פאַרשטאַנען. ער וואָלט עס דורכגעפירט, אָבער ס'איז געווען ביי אים אַ געפיל פון דעפּרעסיע.

אבינועם: יעדעס מאָל ווען ס'איז מיר אויסגעקומען זיך איינצושטעלן, וויסנדיק אַפילו, אַז דו קענסט כאַפּן דיין קויל, קען זיין אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַן ענין, וואָס דו שטיצסט זיך אויף זיך אַליין... דו פאַרלאָזסט זיך אויף אַ העכערן כוח... דו גלייבסט אין צופעליקייט, כ'ווייס אַליין נישט אין וואָס... אָבער איך אַליין האָב אין מיין געפיל קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז כ'גיי שטאַרבן. כ'האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז עס קאָן פּאַסירן מיר זאָלן זיך פאַרפלאָנטערן, אַז עס וועלן זיין פון דעם רעזולטאַטן. אָבער קיין מאָל' האָב איך נישט געטראַכט, אַז איך קען געהרגעט ווערן... ווי ס'זאָל נישט זיין, האָב איך קיין מאָל זיך אַליין נישט מספּיד געווען.

צביקה: איך וויל זיך אומקערן צו די רייד, וואָס זענען דאָ געזאָגט געוואָרן. צום באַגריף „נבלות". כ'האָב עס דאָ געהערט פון יוני און אבינועם. איך זע אין דעם דאָזיקן באַגריף אַ מין פסיכאָלאָגישן פאַרטיידיקונג־מיטל קעגן דעם הרגענען און מאָרד, וואָס קען ערגעץ־ווו פאַרדאַרבן דעם גייסט. לויט מיין מיינונג, איז ער פון גייסטיקן שטאַנדפּונקט דערצו נישט גרייט געווען... ער איז נישט געווען מסוגל זיך צו פאַרמעסטן דערמיט אין גייסטיקן זין, מיטן דערזען אַזוי פיל טויטע קערפּערס. ער פלעגט זיך תמיד באַציען מיט כבוד צום לעבן. און דעמאָלט, אויס אַ טענדענץ — אפשר נישט

---

* פילבאָקס — אַ מיליטערישער בונקער געבויט פון בעטאָן, מיט קליינע פענצטערלעך דורך וועלכע מען שיסט.

באַוווסטזיניק — אויס גייסטיקער טענדענץ נישט צו דערלאָזן אַריינדרינגען אין אים אַזעלכע מחשבות, האָט ער זיך פאַרטיידיקט דורך דעם באַגריף „נבלות", און נאָך דעם האָט ער בכלל פאַרלוירן יעטוועדע פּראָפּאָרציע, מחמת דער דאָזיקער מאַסע, אַזוי ווי מיר זאָגן: מ'האָט אויסגעמאָרדעט 6 מיליאָן יידן. דער מוח זיינער איז אַזוי באַגרענעצט, אַז ער איז בכלל נישט מסוגל אויפצונעמען די דאָזיקע זאַכן. ווען מען זאָגט, אַז עמעצער איז דערהרגעט געוואָרן, אַז צוויי זענען געהרגעט געוואָרן — דערשיטערט עס. אָבער 6 מיליאָן יידן, מיר קענען נישט רעדן וועגן דעם, ווייל דאָס איז אויסערן תחום פון מענטשלעכן באַנעם. ס'איז צופיל אַבסטראַקט...

דאָ האָט עמעצער דערמאָנט אין צוויי ווערטער וועגן גרייטקייט און געטריישאַפט צום ציל, קען זיין אין רעזולטאַט פון געזעלשאַפטל'עכן דרוק. לויט מיין מיינונג, אויב דו קוקסט אויף סטאַטיסטישע ציפערן, אַז עס זענען געפאַלן קרוב צו 200 קינדער פון די קיבוצים, אַ דריטל צי אַ פערטל פון אַלע דערהרגעטע, בעת מיר זענען פאַקטיש בסך־הכל 4% פון דער באַפעלקערונג (3.8%), איז אָן שום ספק פאַראַן אַ ריזיקע השפעה אויפן לעבנס־שטייגער און געזעלשאַפטלעכן דרוק וואָס ווערט אויסגעאיבט אין דער היים. דאָס הייסט, מען טאָר נישט אַנטוישן. דערפאַר ווייל אונדזער געזעלשאַפט איז געבויט אין אַזאַ פאָרעם, פון אונדז פאַרלאַנגט זי אַ סך מער.

אביגועם: איך מיין, אַז דאָס איז גוט... איך מיין נישט, אַז דאָס איז שלעכט...

יוני: זי האָט פיל גרעסערע פאַרלאַנגען פון אונדז ווי פון אַ סתם בירגער.

יצחק: בנוגע דעם פרייז פון לעבן... אויך איך וועל דערציילן וועגן אַ פאַל — מיין ערשטער געהרגעטער. מיר זענען געווען אין אַ פּאַטראָל און געזען עפּעס אַ דריי חברה... מיר האָבן זיך צו זיי דערנענטערט... צוויי זענען באַלד געבליבן שטיין, און איינער דאָרט — דאָס איז געווען צווישן קוסטעס — האָט זיך אַוועקגעלייגט... מיר האָבן אים געהייסן אויפשטיין. ער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט. ער האָט אויף אונדז נישט געשאָסן. נאָך אַ מאָל: אויפשטיין. ער הייבט זיך נישט אויף. מיר זענען אַזוי געשטאַנען אין אַ מרחק פון 7—8 מעטער און אויף אים געשאָסן. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ קאָמאַנדאָ־זעלנער. און איך מיין, אַז דער פאָרהאַנג וועגן וועלכן ס'האָט גערעדט אבינועם — האָט זיך נאָך אַ קורצער צייט אַראָפּגעלאָזט אויף מיר. דאָס מיינט, איך געדענק, אַז כ'האָב בכלל נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. ערשט איצט הויב איך אָן אַליין זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג. דאָס הייסט, איך טראַכט וואָס כ'האָב אייגנטלעך געטאָן — און דאָס איז נישט אָנגענעם... אויב איך רעד וועגן מאָראַל אָדער וועגן געפילן, איז עס נישט אָנגענעם... און פאַראַן דאָ נאָך אַ פאַקטאָר — אפשר עקזיסטירט ער בלויז ביי מיר, פערזענלעך — דאָס איז דער ענין פון פאַטאַליזם און דער גלויבן אין גורל. נישט דער דאָזיקער גלויבן, אַז יעדע קויל האָט אָן אַדרעס, נאָר די מחשבות... כ'האָב געהערט מען זאָגט 600 דערהרגעטע, אָדער 700 דערהרגעטע, דאָס זאָגט גאָרנישט. הויבסט אָן לייענען אין צייטונג די חברים, און דאָס... דעמאָלט הויבט עס אָן רייסן ביי דער נשמה, דעמאָלט אויסרעכענען די אַלע 700, און דאָס זעט בכלל אויס אַנדערש. אויך פאַר דעם, אין דער מלחמה, פלעג איך זיך פרעגן: וואָס געגוי ברענגט מיך אַהער?... און מיין חבר פאַלט... אָדער, אַז דווקא דאָ שיסט מען... אַלערליי סיטואַציעס אַזעלכע... און פון שטאַנדפּונקט

פון גורל... אַ מאַסע געדאַנקען אויף דער טעמע זענען אין מיר אַרומגעלאָפן אָן אַ באַשטימטן סדר: פאַרוואָס פאַלט דווקא דער... און פון די דאָזיקע סיטואַציעס האָבן מיך באַהערשט די געדאַנקען.. פאַרוואָס איז דאָס געגנבי אַזוי און פאַרוואָס איז דאָס אַנדערש? פאַרוואָס דווקא ער... אפשר איז עס אַ געדאַנק אויף יעדן איינעם...

ד ו ד: איך האָב געהערט די דערציילונג פון דער ערשטער קוועלע, פון משהן. ער האָט דערציילט, אַז זיין איינהייט האָט באַקומען אַ מעלדונג וועגן דעראָבערן אַ באַשטימטן ציל, און מ'האָט זיי געזאָגט פון פאָרויס: איר האָט נישט וואָס צו וואַרטן אויף הילף פון דער לופטן. איר דאַרפט זיך אַליין אַן עצה געבן. ער האָט דאָס אָנגענומען, האָט צונויפגענומען די קאָמפּאַניע און זיי געזאָגט: „חברה, זייט וויסן אַז מיר גייען אַרויס צו דער און דער אויפגאַבע. איך קען נישט האַלטן קיין רעדעס, כ'בין נישט קיין רעדנער. נאָר איין זאַך וויל איך אייך זאָגן: מיר דאַרפן די זאַך טאָן אַליין. נישטאָ ווער ס'זאָל אונדז העלפן — נישט די אַוויאַציע און קיין שום זאַך נישט". און איין רעליגיעזער בחור האָט געזאָגט: „איך נעם אָן דיינע רייד; מיר מוזן אַליין טאָן וואָס מיר וועלן קענען. ס'איז אויך דאָ ווער ס'זאָל אונדז העלפן". משהלע דערציילט, אַז כ'האָב אים אויף דער רגע געענטפערט: „דו ביסט גערעכט". דערנאָך זאָגט ער, אין גאַנג פון די שלאַכטן, זענען זיי פּלוצעם אַריינגעשפּרונגען אין עפּעס אַ ראָוו און דאָרט איז אַריינגעפאַלן אַ שראַפּנעל, און דער שראַפּנעל האָט נישט אויפגעריסן... זיי האָבן געזען אין דעם אַ צייכן פון עפּעס אַ העכערן כוח.

א ב י נ ו ע ם: יעדעס מאָל ווען איך הויב זיך אויף אין דער הייך כדי זיך אַראָפּצולאָזן מיטן פּאַראַשוט, שטאַרקט זיך מיין גלויבן... ווייל דאָרט, אין דער הייך, האָב איך נישט אויף וואָס זיך צו שטיצן... און ווען איך לאָז זיך אַראָפּ אונטן, באַלאַנסירט זיך ביי מיר ווידער דער גלויבן.

אין טאָל פון טייטונג

●

פון אַ שמועס אין קיבוץ גבע

ע מ ו ס: צי זענען געווען אַזעלכע פון צווישן די חברים, וועגן וועלכע דו האָסט דערציילט, וואָס זענען געפאַלן ממש לעבן דיר? און מענטשן, וועלכע דו האָסט געקענט?

י ו ס י: יאָ, זיכער.

ע מ ו ס: נחמן האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט געזען טויטע מענטשן, מענטשן מיט וועלכע ער האָט גערעדט מיט צוויי שעה פריער, און איצט, האָט ער געהערט אַז זיי זענען שוין מער נישטאָ — איז ער אַפילו נישט אַזוי דערשיטערט געוואָרן. די דימענסיעס האָבן זיך אויף אַזוי פיל געביטן, אַז דאָס זעט אים אויס נאַטירלעך אין דעם מאָמענט, אין צייט פון דער מלחמה. צי איז אויך ביי דיר אַזוי געווען?

ס י: יאָ. בעת דער שלאַכט פלעגט מען אַלע מאָל צוזוויסן געבן: דער איז דערהרגעט, ר איז דערהרגעט. עס פלעגט דיר פאַרקלעמען דאָס האַרץ אויף יעדן איינעם, וואָס געהרגעט געוואָרן, אָבער דער ווערט פון מענטשן פאַלט שטאַרק אַראָפּ אין דער ט פון שלאַכט, ביז דו הייבסט אָן טראַכטן נאָך דעם ווי דו קומסט צוריק אַהיים... נר דער ווערט פון מענטשן פאַלט ממש אַראָפּ. אַזוי פיל מענטשן ווערן מיט איין ל געהרגעט, אַז דו קענסט שוין דערויף נישט לייגן קיין אַכט... דו קענסט נישט וויערן יעדן איינעם אין דער זעלבער צייט. זיכער, אַז דערנאָך באַדויערסטו.

וס: דו זאָגסט, אַז אין צייט פון דער מלחמה פאַלט כלומרשט דער ווערט פון נטשן. און ערשט נאָכן קריג, ווען דו האָסט די דימענסיע פון צייט צו טראַכטן ן דעם — הייבט ער זיך אָן צוריק צו הויבן. דו טראַכסט, אַז ער דערגייט צוריק פונקט ווי ער איז געווען פאַר דער מלחמה, אָדער איז דאָך געבליבן אַ ביסל עריקער?

ס י: יאָ, איך בין זיכער, אַז דער ווערט פון מענטשלעכן לעבן איז איצט ביי מיר ט קלענער ווי אין דער תקופה פון פאַר דער מלחמה. דאָס וואָס איז געווען פאַר אַמשרעקלעכסטן, איז וואָס כ'האָב געטראַכט, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט דאָס איז עס. איצט וועט אפשר זיין שטיל אַ צען יאָר. נאָר ווען מ'האָט ווידער עהויבן שיסן דאָרט,ביים סועץ, און ווידער זענען חברה דערהרגעט געוואָרן, ן עס מיך ממש דערשיטערט.

וס: — פאַר דער דאָזיקער מלחמה איז דיר אויסגעקומען צו זען טויטע מענטשן?

י: ניין. קיינמאָל נישט.

וס: אויב אַזוי, איז דאָס געווען די ערשטע דערשיטערונג?

י: דער ערשטער מענטש וועלכן כ'האָב געזען אַ געהרגעטן דעמאָלט, אין יב, ממש אין אָנהייב, האָט מיך דערשיטערט. דאָס איז בכלל געווען אונדזערער חור. כ'האָב געמיינט, אַז ער איז פאַרווונדעט. ער איז געזעסן און געווען אָנגע־רט אין דער וואַנט און איך האָב אויפגעהויבן זיין קאָפּ צו זען צי ער איז ווונדעט און געוואָלט זיך מיט אים פאַרנעמען. אין אָנהייב האָט עס ביי מיר סגערופן אַ שוידער...

●

פון אַ שמועס אין קיבוץ גת

מ י ת: האָסט דאָ דערציילט, אמנון, אַז נאָך דער מלחמה ביסטו שוין מער נישט ן געווען צו לייענען אַ דעטיקטיוו־ראָמאַן וועגן איין מאָרד, צוליב די געענדערטע פּאָרציעס נאָך דעם אַלעמען וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט און געזען. צי האָט לעבן אָנגעהויבן מיט אַמאָל דיר אויסצוזען ביליק... און צי איז פאַרשווונדן אַציִונג צו דער הייליקייט פון לעבן?

אמנון: דער ווערט פון אונדזער אייגן לעבן איז נישט קלענער געוואָרן, אַפילו נישט אין די קריטישע מאָמענטן. דאָס וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן הרגענען, בכלל זיך נישט איבערנעמענדיק — דאָס איז דאָך אַ דערשיטערנדיקע איבערלעבונג רעטראָאַקטיוו. אין אָנהייב איז דאָס פאַר זיך אַליין געווען דערשיטערנדיק. דערנאָך... ווי אַזוי עס זאָגן? דער שונא האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מענטש... דאָס דאָזיקע באַשעפעניש וואָס געפינט זיך אַנטקעגן... אויף צומאָרגנס נאָך דער שלאַכט זענען מיר אַרויס אין שטח... אויף דעם שטח זענען איינער לעבן צווייטן געלעגן אונדזערע געהרגעטע און זייערע געהרגעטע און פלוצעם האָסטו דערזען, אַז דאָס איז גענוי דאָס זעלבע. אָבער ס'איז בלויז אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן... די ממשותדיקע דערשי־טערונג האָט זיך אָנגעהויבן עטלעכע טעג דערנאָך, ווען מיר זענען געזעסן ווי גאָרגיזאָן־זעלנער און געהאַט זייער אַ סך צייט צו טראַכטן און נאָכצודענקען... מענטשן זאָגן: איך ווייס נישט ווי אַזוי... איך האָב אָבער געפילט, ווי פליגן אין אַ נעץ... דאָס מיינט, ס'האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מענטש... איך טראַכט, אַז דער ווערט פון מענטשלעכן לעבן איז נישט קלענער געוואָרן צוליב דעם. די מענטשן זענען געווען דערשיטערט פון זיך אַליין — ווי אַזוי זענען זיי דעמאָלט מסוגל געווען צו הרגענען. איך קען היינט נישט אורטיילן. מיר ווייזט זיך אויס, אַז די ענדערונג פון די פּראָפּאָרציעס איז פאָרגעקומען ביי מיר לענגאויס דעם גאַנצן פראָנט. און ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך נישט גענוי אין וועלכע פּונקטן ס'האָבן זיך געענדערט די פּראָפּאָרציעס. איך ווייס, אַז ס'איז פאָרגעקומען ביי מיר אַ רוק, וואָס שייך די פּראָ־פּאָרציעס פון זאַכן. איך קען נישט פאָרמולירן ווו ס'איז די ענדערונג. איך קען נישט זאָגן: מיר איז געשען אַזוי און אַזוי. כ'האָב געזען מענטשן פאַלן און מיט אַמאָל באַצי איך זיך אַנדערש צום לעבן, צום לעבן פון דעם אַנדערן... כ'ווייס? היינט נעם איך זיך ווייניקער איבער ביי אַ לוויה. נישט אַזוי. איך ווייס נישט ווי אַזוי מען פאָרמולירט עס. אָבער אַלע האָבן דורכגעמאַכט אַן אַלגעמיינע איבערקערעניש, וואָס שייך די פּראָפּאָרציעס און זיי האָבן עס געפילט.

דן: — אין שייכות מיט דעם איז ביי מיר קיינמאָל נישט געווען קיין פּראָבלעם. כ'בין נישט קיין גרויסער סאַדיסט, כ'האָב אָבער קיינמאָל נישט געפילט... גיב אַ קוק, איין מאָמענט ווען מיר זענען אַריבער די גרענעץ, זענען מיר שוין געווען אין שלאַכט. און די הויפּט־שלאַכט האָבן מיר געהאַט אין דעם ערשטן טאָג, אָדער די ערשטע צוויי טעג. נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרנומען עזה און נאָך דעם ווי דער „עסק" האָט זיך איינגעשטילט, מיין איך, אַז ווען עמעץ וואָלט דערהרגעט אַ מענטש אין גאַס — וואָלט מען אים פאַרשפאַרט אין תפיסה; אָדער ער וואָלט געוואָרן שווער באַשטראָפט.

אמנון: עטלעכע טעג נאָך דער מלחמה בין איך געשטאַנען ביים שאָסיי און פלוצעם אַ מענטש... דאָ, לעבן קסטינה*... עמעץ איז אַרויסגעפאַלן פון אַן אויטאָמאָביל און געבליבן ליגן אויפן שאָסיי... פלוצעם איז ער געלעגן אויפן שאָסיי אַזוי ווי עס זענען דאָרט געלעגן הונדערטער... און אַלע אַרום זענען געלאָפן און אַריינגעפאַלן אין אַ בהלה און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז כ'שטיי אין גאַנצן אַ גלייכגילטיקער. ס'ערשטע

* אין שטח פון ישראל.

בילד וואָס כ'האָב געזען: אַזעלכע קערפּערס ליגן אויפן שאָסיי... כ'האָב ממש געזען דאָס זעלבע בילד... און געבליבן שטיין. דערנאָך האָב איך געזען מענטשן לויפן און רעגן זיך אויף און דער גאַנצער פּאַרקער ווערט אָפּגעשטעלט און אַן אַמבולאַנס און אַ געפּייף.. און פּלוצעם האָב איך זיך אומגעקערט צו דער נאָרמאַלער פּראָפּאָרציע, כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז אפשר האָט ער צעבראָכן דעם שאַרבן און אפשר וועט ער אַפילו שטאַרבן. אָבער אין דער ערשטער סעקונדע בין איך געבליבן שטיין... אַפילו נישט אַ ריר געגעבן מיטן פוס... אַלע זענען געלאָפן. איך שטיי. מיט אַמאָל פרעג איך זיך אַליין: וואָס שטייסטו? און דאָס איז דאָך שוין געווען אונדזערס אַ מענטש. איז אויב דאָס הייסט, אַז דאָס לעבן האָט אויסגעזען ביליקער — אפשר... דאָס האָט מיך געפּלעפט, די דאָזיקע סיטואַציע. כ'בין זיך מודה, אַז דאָס האָט מיך געפּלעפט — וואָס אַנשטאָט צו זען דאָ אַ געניזוקטן מענטשן, זע איך גאָר פּאַר מיינע אויגן אַ שאָסיי מיט קערפּערס...

●

פון אַ שמועס מיט אשרן (קיבוץ משמר־הנגב)

א.: איינע פון די שווערסטע איבערלעבונגען איז געווען אין דער ערשטער נאַכט פון די שלאַכטן, ווען מיר זענען אַריין קיין רפיח* און געווען ממש צוגעבונדן צו דער איינהייט. ס'איז פאָרגעקומען אַ באַשיסונג און דאַן האָסטו נישט געהערט און נישט אויפגעכאַפּט קיין שום זאַך. אָבער ווען די באַשיסונג האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך די כוחות באַוועגט פאָרויס אין דער ריכטונג... און פאַר אונדז האָט זיך געפונען אַן אַנדער איינהייט מיט אירע פאַרוווּנדעטע און דערהרגעטע. כ'בין צו זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט, אויב זיי דאַרפן הילף. איך קום דאָרט צו און זייער דאָקטער זאָגט מיר: דו געדענקסט יאָסין? אָט, דאָרט איז ער. דאָס איז ברוך, און דאָס אורי און דאָס אהוד און דאָס חיים און דאָס משה. אַלע זענען זיי געווען איינגעוויקלט אין קאָלדרעס — נאַקעטע און פאַרקוילטע. כל זמן דו קענסט נישט די מענטשן, קענסטו זיך מיט זיי פאַרנעמען שטיל און רויִק, אַזוי ווי דאָקטוירים זענען מסוגל דאָס צו טאָן. אָבער, אַז דו קענסט די דאָזיקע חברה, אַז דו האָסט מיט זיי געאַרבעט אַ יאָר, אַז דו ביסט געווען אויף דעמס חתונה און אַז דו געדענקסט דעם גאַנצן גאַנג פון זיין ליבע מיט זיין מיידל. און אַז דו, וועלכער האָט געהאַט מיט זיי בשותפותדיקע איבערלעבונגען — זעסט זיי איצט אַזוי איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע, ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, איז אויסער דעם ברייענדיקן ווייטיק, האָסטו אַ געפיל, דו טראַכסט שוין נישט וועגן גאָרנישט. פּאַקטיש, איז עס דאָס געפיל פון אונדז אַלע, פון דער גאַנצער חברה, וואָס איז דאָרט געווען, וואָס האָט דאָס געזען. דער פאַנצער־כוח האָט זיך דורכגעבראָכן פאָרויס און די הינטערשטע איינהייטן זענען די גאַנצע צייט אַטאַקירט געוואָרן דורך אַ סנייפּער־

---

* רפיח — אַ שטעטל אין עזה־ראַיאָן.

שיסעריי, דורך טאַנקען, וואָס זענען געבליבן הינטן. פּאַקטיש האָבן אַלע איינהייטן געקעמפּט, צי איז דאָס די אַפּראָוויזאַציע־קאָמפּאַניע, אָדער דער בריגאַדע־וואַרשטאַט, אָדער אונדזער קאָמפּאַניע פון דער בריגאַדע. אַלע האָבן געקעמפּט, אַזאַ איז געווען דער כאַראַקטער פון דער מלחמה. דעריבער איז דאָס דאָזיקע געפיל ביי אַלעמען. מיר אַלע האָבן געוווּסט, אַז דו מוזט צעשטערן כדי צו לעבן.

דוד: ווען זיי, די עגיפּטער, זענען געקומען מיט די הענט אין דער הייך, אָדער אַזעלכע נעבעכדיקע, און אַזוי ווייטער, איז נאָך אַלץ געווען די זעלבע שנאה?

א.: ניין, די שנאה איז געווען ביז דו האָסט זיך אָן זיי אָנגעשטויסן. אין מאָמענט ווען זיי קומען אין דעם נעבעכדיקן אויסזען ווי זיי זענען געקומען, ווערט מיט איין מאָל כמעט ווי פאַרשווונדן דאָס גאַנצע געפיל; אַ געפיל פון עקל האָט זיך ביי אונדז דערוועקט ביים דערזען די דאָזיקע העלדן, וואָס זענען נישט מסוגל צו קעמפן. דו שעצסט תמיד דעם, וואָס קעמפט, מער ווי דעם, וועלכער הייבט אויף די הענט, און ס'איז געווען ממש אַ געפיל פון עקל. וואָלטן זיי געקעמפּט, וואָלט פון גייסטיקן שטאַנדפונקט מעגלעך געווען זיי צו ליקווידירן.

●

פון אַ שמועס מיט שי (קיבוץ חולדה)

עמוס: זאָג מיר, שי, אין דיין אָפּטיילונג זענען געווען געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע?

שי: אין דער אָפּטיילונג איז נישט געווען קיין איין געהרגעטער און אויך נישט קיין פאַרוווּנדעטע.

עמוס: צי איז דיר אויסגעקומען צו זען אין דער דאָזיקער מלחמה עמעצן וואָס דו האָסט געקענט פריער, אַ חבר, אָדער פריינד, צו זען אים מיט דיינע אויגן אַ געהרגעטן אָדער פאַרוווּנדעטן?

שי: ס'איז מיר אויסגעקומען צו זען דריי אָפיצירן פון אונדזער באַטאַליאָן, לגמרי צעריסענע. ס'איז מיר אויסגעקומען צו זען אַן אָפיציר גוססן פון קוילן, ס'איז מיר אויסגעקומען צו זען זעלנער פון אונדזער קאָמפּאַניע, וועלכע זענען געטראָפן געוואָרן פון אַ מינע. מיר איז אויסגעקומען צו זען געהרגעטע.

עמוס: איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל אין דיין לעבן, אַז דו האָסט געזען געהרגעטע מענטשן?

שי: יאָ.

עמוס: ווי האָט עס געווירקט אויף דיר? האָסטו געהאַט גייסטיקן כוח צו פאַרשטיין דעם גאַנצן באַטייט?

שי: איך געדענק, אַז כ'האָב זיך געטראַכט בלויז איינס: דאָס איז די מלחמה. און

כ׳געדענק, אַז כ׳האָב געטראַכט וועגן נאָך עפּעס: אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן געוווּסט צו וואָס זיי גייען, און איך מיין, אַז כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז כ׳בין גרייט, אַז דאָס זאָל מיר טרעפן געננוי ווי זיי זענען גרייט געווען, אַז דאָס זאָל זיי טרעפן. אַ טיפן ווייטיק האָב איך ממש דערפילט, ערשט ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט פון דער צייטונג, אַז מיכה איז דערהרגעט געוואָרן. פאַר דעם האָב איך געזען מענטשן פון אונדזער באַטאַליאָן, דער שעף פון אַ פּאָלק, וואָס דער גאַנצער פּאָלק האָט אים ליב געהאַט. כ׳האָב נישט דערפילט קיין שאַרפן ווייטיק ביז כ׳האָב זיך נישט דערוווּסט דורך דער צייטונג, אַז מיכה איז דערהרגעט געוואָרן. איך געדענק, אַז דאָס האָט מיך אויפגעפרעסן. דאָס איז שוין געווען נאָך דער מלחמה, צוויי טעג נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

עמוס: האָסט אוודאי געזען אַ סך הרוגים פון שונא.

שי: זייער אַ סך.

עמוס: צי האָסטו געהאַט אַ מין באַזונדער געפיל צו די דאָזיקע טויטע קערפּערס?

שי: איך מוז זאָגן, אַז אַן ענלעך געפיל האָב איך געהאַט, זעענדיק די טויטע קערפּערס פון אונדזערע זעלנער. דאָס איז די מלחמה. איך מיין, אַז כ׳בין גרייט געווען דערצו גייסטיק. אָדער אַז כ׳האָב עס מיר פריער פאָרגעשטעלט. בפרט, אַז דער עיקר, מיר האָבן געהאַט אַ זייער ענלעכן הינטערגרונט פון דערציילונגען וועגן סיני. אמת איז, אַז אין דער ערשטער מינוט ווי דו זעסט עס, קענסטו זיך נישט אָפּהאַלטן פון טראַכטן, אַז דאָס איז געווען אַ מענטש און מעגלעך אַ חתונה־געהאַטער און קאָן זיין אַז ער האָט געהאַט קינדער.

עמוס: פאַר דיר איז דאָס געווען אַ חילוק?

שי: ס׳איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער חילוק. אַ גרויסער חילוק, ווייל ס׳האָט געקאָנט זיין, אַז זיין משפחה געפינט זיך ערגעץ אין סיני, אָדער אין אַל־עריש, צי גאָר אין מצרים און וועט נישט וויסן וואָס זיין גורל איז, און דאָ ליגט ער פאַר מיר ווי אַ הונט.

★

מיטוואָך, 7/6 — איז נישט געווען בעסער פון פריערדיקן טאָג און אפשר אַפילו שווערער פון אים. די באַמבאַרדירונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פרי און זיך אויסגעשפרייט אויף די ישובים אויך אין צענטער פון עמק[1]: חוליות, עמיר, כפר בלום און אין צפון אַרומגענומען אויך הגושרים און מעין־ברוך[2].

אַ זייגער 3 נאָכמיטאָג, ווען מיר האָבן באַגלייט אונדזער זון שמעון ז״ל אויף זיין לעצטן וועג, זענען צוויי שראַפּנעלן געפאַלן נישט ווייט פון אונדז, אויף יענער זייט שאָסיי. מ׳האָט באַפוילן דעם עולם זיך פּאַנאַנדערגיין, אין אײַלעניש האָט מען דורכגעפירט די קבורה און אַ גרופּע בחורים האָבן באַערט זיין אָנדענק מיט דריי פייער־זאַלפן.

„אַפילו קובר זיין אונדזערע טויטע לאָזט מען נישט״, האָט אַ זאָג געגעבן אַ פאַרבייגייענדיקער חבר.

אין דער צווישנצייט דערציילט דער ראַדיאָ „קול ישראל״ אַלע שעה וועגן נייע נצחונות, איינער גלענצנדיקער און האַרץ־דערקוויקנדיקער פון פריערדיקן. דער קאָמאַנדיר פון דרומדיקן פראָנט טיילט מיט, אַז צה״ל האָט אויסגעפירט די אויפגאַבע, וואָס איז אויף אים אָרויפגעלייגט געוואָרן. דער שעף פון גענעראַל־שטאַב באַשטעטיקט און גיט איבער איינצלהייטן וועגן דעם גרויסן אויפטו פון ישראלדיקן לופט־פלאָט מיטן פאַרניכטן דעם שונאס אַוויאַציע. דער מפרץ שלמה[3] אין אונדזערע הענט, דזשענין, שכם, ראמאללא, יריחו און בית־לחם[4]. און איבער אַלעמען — ירושלים איז געוואָרן איין שטאָט. פרייד און טרויער זענען צוזאַמענגעמישט. חברים נעמען זיך איבער מיט די נצחונות און ברעכן אויס אין פרייד־געשרייען. פלוצעם דערמאָנט מען זיך, אַז מ׳האָט דאָך אַקאָרשט קובר געווען שמעונען און דערנעבן זיצט די פאַראבלטע משפחה. עמעץ באַקומט אַ טעלעפאָן, אַ גרוס פון עטלעכע בחורים אויפן ירושלימער פראָנט, און מען איילט זיך אין דער פינצטערניש פון בונקער צו בונקער, פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, אָנצוזאָגן איינער דעם צווייטן די בשורה. מיט פנימער וואָס שטראַלן פון גליק הייבט מען אָן דעם סיפור המעשה ווי אַזוי די ידיעה איז אָנגעקומען און מיט אַמאָל טרעפט מען זיך אָן אויפן פנים פון איינעם, וועלכער האָט נאָך גאָרנישט נישט געהערט וואָס ס׳מאַכן זיינע טייערע. די ווערטער בלייבן שטעקן אין האַלדז און ווידער איז די פרייד קיין פרייד נישט.

פון מויל צו אויער גיט מען איבער, אַז אורי הראל איז געפאַלן ביי דזשענין. ס׳איז נאָך נישט אָנגעקומען קיין אָפיציעלע ידיעה.

פרייטיק 9/6 — אין דער פרי האָבן אונדזערע מיראַזשן[5] אָנגעהויבן באַמ־באַרדירן און בערך 9 אַזייגער, האָבן זיך די טאַנקען געריקט פאָרויס פון דן אין דער ריכטונג צו תל אחמר[6] און אַ צווייטע קאָלאָנע, פון חוליות דורך כפר־סאָלד צו תל אבו חזניר[7] און פון דאָרט, באַרג אַרויף, דורך אַן אויפשטיי־גנדיקן וועג. אונדז, וואָס זיצן דאָ, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז תל עזיזיאת[8]

---

1. עמק החולה — אין גליל.
2. קיבוצים אין דער געגנט ביי דער סירישער גרענעץ.
3. אין דרום פון ים סוף (איינגוס פון שלמה).
4. אין מערבדיקן ברעג־טייל פון ירדן, וואָס איז געווען אונטער דער יאַרדנישער הערשאַפט.
5. אַוויאָנען.
6. אויף דער סירישער זייט.
7. אַ בערגל פול מיט אַראַבישע פּאָזיציעס.
8. איינע פון די סירישע פּאָזיציעס אויפן באַרג, וואָס פלעגט באַשיסן די ישובים אין טאָל.

איז שוין פון לאַנג איינגעשטילט געוואָרן דורכן אַרטילערישן פייער און פון דער לופט, ס׳זעט זיך אָבער אויס, אַז דאָס איז געווען דער האַרטסטער נוס אויף דעם אָפשניט.

מיר האָבן נאָכגעפאָלגט דער שלאַכט, מיר האָבן געזען דאָס סירישע פייער געריכטעט צו די פאַרויסגייענדיקע קאָלאָנעס טאַנקען, אָבער זייער פאָרויסגייין ווערט נישט אָפּגעשטעלט. זיי שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, ווי צו באַטראַכטן דעם וועג און זענען ממשיך. מיר האָבן אויך געזען פאַרלעצונגען. וויפל יונגע לעבנס וועלן נאָך דאָ איבערגעהאַקט ווערן?

מער צו דרום צו זענען פון נעכטן אָן איינגעהילט אין רויך די קיבוצים שמיר און להבות הבשן און מ׳קען דורך אים גאָרנישט זען. קלאַנגען גייען אַרום, אַז די אַטאַקע איז אָן אַלגעמיינע לענגאויס דער גאַנצער סירישער גרענעץ, ביז צו אל־חמה [9].

אין משך פון טאָג האָבן די סיריער נאָך אַלץ געשיקט זייערע שראַפּנעלן אויף די קיבוצים. אונדזערע כוחות האָבן זיך שוין טיף פאַרויסגערוקט הינטער זיי. אַ ציללאָז, נערוועיש און היסטעריש שפּייען מיט פייער. דאָס זענען געווען גסיסה־פלאַטערס. ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר געבראַכט צו קבורה אונדזער דריטן קרבן — אורי הראל.

נאָך שווערע און אכזריותדיקע קאַמפן, זענען די אַוואַנגאַרד־אײנהייטן דער־גאַנגען פאַרנאַכט צו די באַרג־הויכקייטן.

(פונעם ביולעטין פון קיבוץ כפר גלעדי)

9. דאָס אָרט, וווּ עס טרעפן זיך צונויף די גרענעצן פון סיריע, יאַרדאַניע און ישראל.

רבקה ניידעט / **היינט קען איך נישט שמייכלען, אפשר מאָרגן?**

(פון אַ טאָג־בוך)

אל עריש*, *7.6.67*

פלוצעם, איך ווייס נישט ווי אַזוי און פאַר וואָס, האָב איך זיך געפונען אין סאַמע מיט פון דער מלחמה. ביינאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט. מ'האָט מיר געזאָגט: דו פאָרסט קיין אל־עריש. מ'האָט מיר געזאָגט: ס'איז נישט קיין חלום, און צוגעגעבן: אויף ווידערזען נאָך דער מלחמה... און איצט בין איך דאָ, אין בלאָק אין אל־עריש.

אַ דיקע געדיכטע פינצטערניש אין דרויסן, אַ גרויסער טומל אין דרויסן, אַ טומל, צו וועלכן דו ביסט נישט געוווינט: אַ שיסעריי, אַ געפייף און אַ קורצער און שרעקעוודיקער „בום" און ווידער אַמאָל „בום", „בום", „בום" און אַ געפייף. אַזעלכע מינים קלאַנגען, פאַרטויבנדיקע, גראָבע אָן וועלכער ס'איז האַרמאָניע...

גענוג, זאָל שוין זיין גענוג. גענוג שוין אויף היינט פאַר די אויערן און פאַר די אויגן. שוין צופיל אָנגעלאָדן אויף די געפילן, שוין צופיל אילוזיעס און גלויבנס צעקלאַפּט געוואָרן. גענוג. ס'איז שוין דערוויזן, אַז ס'איז פאַראַן שלעכטס...

און מ'זאָגט, אַז ס'איז נאָך נישט געענדיקט, און מ'זאָגט: דאָס איז ערשט דער אָנהייב, און מ'זאָגט: אָבער פאַרשטיי, מיידעלע, נישטאָ קיין ברירה...

איך אָבער וויל נישט פאַרשטיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה. אַז ס'איז נאַטירלעך, אַז מענטשן זאָלן איינער דעם אַנדערן באַרויבן, אַז מענטשן זאָלן איינער דעם אַנדערן שעכטן און אַז דאָס איז טאָקע נישט שיין, אָבער ס'איז נישטאָ קיין ברירה (און בכלל איז געקומען די צייט דו זאָלסט וויסן, אַז נישט אַלץ אין לעבן לאָזט זיך באַהערשן און אַז נישט אַלץ אין לעבן איז שיין)...

איך ווייס, אַז מען דאַרף זיין שטאַרק. מ'דאַרף וויסן בייצוקומען, אָבער קיינער לערנט מיך נישט ווי אַזוי מען טוט דאָס...

— זיי שטאַרק!!!

כ'האָב געוווּסט אַז פאַר טויטע גראָבט מען אַ קבר און מען זאָגט אַ תפילה. היינט זענען זיי צעשפּרייט, צעריסן, אָנגעשוואָלן און גיבן אַרויס אַ געשטאַנק.

— זיי שטאַרק!!!

כ'האָב געזען אַ יינגל, אַ קעמפער, וואָס איז געבליבן איינער פון אַן אָפּטיילונג און ער איז באַטויבט און זיינע אויגן זענען געוואָרן רויט און פאַרחידושט. ער שמייכלט נישט. ער פרעגט נאָר און האָפט, אפשר איז נאָך ווער ניצול געוואָרן... ניין, נישט געבליבן נאָך עמעצער....

„זיי גובר", „זיי שטאַרק"...

אין האַלדז שטיקט, די אויגן פאַרנעפּלען זיך. דו לויפסט אַרויס אין דרויסן כדי זיך שטאַרקן, אָבער דער ווינט וואָס איז תמיד אַזוי גוט, אַזוי דערפרישנדיק, ברענגט מיט זיך היינט דעם עיפּוש פון פוילנדיקע טויטע קערפּערס, און שווערע, שוואַרצע וואָלקנס פליען...

ס'איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיר אַ מענטש און מיר געזאָגט „שלום" און „וואָס הערט זיך" און אַ שמייכל געטאָן... כ'האָב אָפּגעענטפערט מיט אַן אויסמיידנדיקן, טרוקענעם „שלום" און אַוועקגעגאַנגען.

איך בין נישט קיין שטאַרקע. איך קען היינט נישט שמייכלען... אפשר מאָרגן...

(קיבוץ אושה)

---

* אַ שטעטל אין צפון סיני, ביים מיטללענדישן ים.

כהלון

עיתון חיילי יפעת

מס' 50

21.6.67

ג' סיון תשכ"ז

דברי שר הבטחון משה דיין:

> נצחנו את האויב. מחצנו את גדודיו
> ושמנו לאל את מזימותיו, אך במחיר
> כבד באה לנו הישועה, הטובים שבחברינו
> העזים שבלוחמינו, היקרים שבבנינו
> נפלו בקרב זה. חולות המדבר וסלעי
> הגליל רוויים דמנו. הבאנו את
> הנצחון אך שכול בביתנו.

מתי בירנבוים ז"ל	–	נפל במערכות שמי ישראל
עוזי בורשטיין ז"ל	–	נפל במערכות ג'נין
רמי ביטמן ז"ל	–	נפל במערכות הרי הגולן
דן שוורץ ז"ל	–	נפל במערכות הרי הגולן

ועכשיו הם לא יהיו. לא יבנו בתים, לא יחרשו אדמות, לא יזרעו חטת זהב ובחיריהם לא יתרחבו בשדות רטובים מגשם. לא יהיו אתנו בשעות שממון, תהיה ובדידות.

פשוט, פשוט משום שהם אינם, ולא יהיו בשום מקום אחר בעולם..
דיו צליל קול, נעור תלתלים, חגורה אלכסונית למטה מהקודקן,
והנה הם שוב לנגד עיני – ובראשונה אין צער, רק געגועים, ואך
בשעה שאתה עומד על ה"לשוא" שבהם – בא הכאב...

איך אפשר לכתוב עליהם?
מה יתנו ומה יוסיפו כתמי דיו על עליו לבנים?
יחיו שער זהב, שתיקה חכמנית, עינים פראיות או ערמומיות קונדסיות?

והרי הם היו, היו, היו – – –

צהלון נ. 50, 21.6.67 — ג׳ סיון תשכ״ז

ביולעטין* פון די זעלנער פון קיבוץ יפעת

דאָס וואָרט פון זיכערקייט־מיניסטער משה דיין:

מיר האָבן באַזיגט דעם שונא. מיר האָבן צעשמעטערט זיינע
באַטאַליאָנען און צונישט געמאַכט זיינע אינטריגעס.
אָבער פאַר אַ שווערן פרייז איז אונדז אָנגעקומען
די ישועה, די בעסטע פון אונדזערע חברים, די
געוואַגסטע פון אונדזערע קעמפערס, די טייערסטע פון
אונדזערע זין, זענען געפאַלן אין דעם דאָזיקן קאַמף.
די זאַמדן פון מדבר און די פעלדזן פון גליל זענען
דורכגעזאַפּט מיט אונדזער בלוט. מיר האָבן געברענגט
דעם נצחון, אָבער פאַריתומט איז אונדזער הויז.

מתי בירנבוים ז״ל	געפאַלן אין שלאַכט אין די הימלען פון ישראל.
עוזי בורשטיין ז״ל	געפאַלן אין שלאַכט ביי דזשענין.
רמי ביטמן ז״ל	געפאַלן אין שלאַכט אין די בערג פון גולן.
דן שוואַרץ ז״ל	געפאַלן אין שלאַכט אין די בערג פון גולן.

און איצט וועלן זיי נישט זיין. זיי וועלן נישט בויען קיין הייזער, נישט אַקערן די ערד, נישט זייען דעם גאָלדענעם ווייץ און זייערע באַזלעכער וועלן זיך נישט צעשפרייטן אויף די דורכן רעגן דורכגענעצטע פעלדער. זיי וועלן נישט זיין מיט אונדז אין די שעהן פון דערשלאָגנקייט, פון שטויבונג און פון איינזאַמקייט.

פשוט, פשוט דערפאַר ווייל זיי זענען נישטאָ, און וועלן נישט זיין אין קיין שום אַנדער אָרט אין דער וועלט... געננג אַ קלאַנג פון קול, אַ טרייסל מיט די לאָקן, אַ משופּעדיקער פּאַסעק אונטערן פּופּיק, און אָט זענען זיי ווידער פאַר דיינע אויגן — און צומערשטן איז נישטאָ קיין צער, בלויז בענקשאַפט. נאָר בשעת דו גיסט זיך אָפּ אַ רעכענונג וועגן זייער „נישט ווערן" — קומט דער ווייטיק...

ווי אַזוי קען מען שרייבן וועגן זיי?

וואָס וועלן געבן און וואָס וועלן צוגעבן טינט־פלעקן אויף ווייסע בלעטער?

צי וועלן דען אויפלעבן די גאָלדענע האָר, דאָס קלוגע שווייגן, די ווילדע אויגן, אָדער די קונדסישע ביטערקייט?

אָבער זיי זענען דאָך געווען, געווען, געווען — — — —

* אייניקע קיבוצים גיבן אַרויס ספּעציעלע אינפאָרמאַציע־ביולעטינען פאַר זייערע זין וואָס געפינען זיך אין מיליטער־דינסט.

וואָס איז גבורה?

פון אַ שמועס מיט אביעזר (קיבוץ מרחביה)

אַזוי ווי דעם קעמפּערס גבורה איז אויסגעמישט מיט זיין פחד, אַזוי זענען זיינע מעשים, זיינע גרעסטע מעשים — טײַלמאָל אויטאָמאַטיש אָדער האָפּענונגסלאָזע, וואָס קומען צום סוף אַרויס ווי העלדנטאַטן. אויב, פאַרשטייט זיך, עס געלינגט דיר. יעדע דערציילונג האָט צוויי זייטן. און דאָס פאַרמינערט נישט די גבורה. געוועז דערצו אַ סך פאַרשידענע ביישפּילן. כ׳וועל דאָ נישט דערציילן דעם גאַנצן גאַנג פון דער שלאַכט, וואָס דאָס איז אַ לאַנגע און קאָמפּליצירטע געשיכטע. כ׳וועל בלויז אינטערשטרייכן מיין פּערזענלעכן געפיל... — — ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט פאַר דורכברעכן רמת־הגולן, האָב איך פּערזענלעך געהאַט אַ געפיל, אַז כ׳וועל נישט איבערלעבן דעם טאָג. געוועז דערצו פאַרשידענע סיבות, וועלכע כ׳קען זיך אַליין פאַרשטעלן: ווי אַזוי די פיינדלעכע פאַרטיפיקאַציעס זענען צעוואָרפן, דאָס וואָס מיר האָבן געוווסט ווי אַזוי דער שונא איז צעשטעלט אין די דאָזיקע פאַרטי־פיקאַציעס, אַ טראַסע צו וועלכער מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי, דער כאַראַקטער פון קאַמף, דער פאַקט, וואָס כ׳האָב געוווסט פון פריער, אַז דאָס מוטער־בערגל געפינט זיך אויפן ציל פון די סיריער און אפשר נאָך.

אינטערעסאַנט אָבער, אַז גראַד דאָס דאָזיקע פאַטאַליסטישע געפיל — אַז דו ווייסט נישט וואָס ס׳וועט זיין מיט דיר פּערזענלעך און דו פּילסט, אַז ס׳קען זיין, אַז דו וועסט נישט אויסלעבן דעם טאָג — דווקא דאָס האָט געשאַפן דעם מצב פון גלײַכגילט צו דעם, וואָס וועט געשען. נישט לגבי דער אַקציע, נאָר לגבי דעם, וואָס ס׳וועט געשען מיט מיר פּערזענלעך.

צו דעם פאַקט, וואָס כ׳האָב באַדאַרפט אַזוי פיל אַרומלויפן צווישן די טאַנקען, צווישן דער קאָמאַנדע־גרופּע און די טאַנקען, אין דער סאַמע מיט פון דער שלאַכט און פון דעם באַשיסן — איז נייטיק געווען אַ וועלכע ס׳איז באַשיצונג, אַ וועלכער ס׳איז צודעק, וואָס זאָל איינהילן די מורא.

און אין דעם האָט מיר געהאָלפן די גלייכגילט לגבי זיך אַליין.

געוועז נאָך אַ פּונקט. און ער איז ביז גאָר וויכטיק לגבי דעם וואָס רופט זיך דרייסטקייט. פון מאַראַלישן שטאַנדפּונקט האָב איך נישט געקענט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, כל זמן דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע — אין גאַנג פון דער שלאַכט — זיצט ווייטער אַ גלייכער אינעם זחל״ם. אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, נאָך דעם ווי אַלע געהילף־קאָמאַנדירן זענען געטראָפן געוואָרן, איז ער די גאַנצע צייט געזעסן אַ גלייכער און געצויגן נאָך זיך די טאַנקען. דאָס האָט מיר געגעבן דעם מוט און די מעגלעכקייט אַרומצולויפן צווישן די מאַשינען — נישט פילנדיק וואָס ס׳קומט פאָר.

דאָס דאָזיקע געפיל האָט געקענט געבן רעזולטאַטן אין פאַרשידענע ריכטונגען. דער רעזולטאַט איז אָפּהענגיק אין טויזנט און איינס זאַכן פון פריער: די היים, דער הינטערגרונט, צוגרייטונג אדג״ל. אַ פאַקט איז, אַז כ׳האָב געקענט נישט טראַכטן... און דאָס מאַכט מיך גלייכגילטיק צו מיין גורל. פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט באַפרייט עס מיך צו דער אויפגאַבע וועלכע כ׳דאַרף אַדורכפירן, בעת אַן אַנדערער האָט גאָר געקענט האָבן אַ געפיל פון פאַרגליווערטקייט. אַזאַ געפיל קען אויך פאַרגליווערן

דאָס בלוט, פאַרכאַפּן די מוסקלען, אַריינוואַרפן אין אַ שאָק. און אַזאַ שאָק איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך אין אַזעלכע אומשטאַנדן.

דאָס וואָס ווערט דאָ דערציילט, איז נישט קיין שילדערונג פון דער גאַנצער, קאָמפּליצירטער אינערלעכער וועלט אינעם טאָג פון דער שלאַכט. ס'איז נישט מער ווי אַ שילדערונג פון דער שאָל גלייכגילט, וואָס האָט איינגעהילט די דאָזיקע וועלט. איך האָב שוין געזאָגט, אַז כ'וועל נישט אַריינגיין אין די איינצלהייטן פון דער דערציילונג און אַ נאָך גרעסערע שוועריקייט האַלט מיך אָפּ פון דעטאַליזירן די דאָזיקע אינערלעכע קאָמפּליצירטע וועלט... פאַר וואָס?

נאָר אויב כ'האָב גערעדט וועגן דער שאָל, דאַרף מען צוגעבן און זאָגן וואָס ס'האָט אָפּגעהיט די דאָזיקע שאָל און וואָס ס'האָט זי געזאָלט צעברעכן. מ'דאַרף זיך אומקערן און רעקאָנסטרואירן דאָס געפיל פון די קעמפער, וועלכע האָבן געזען ווי מצרים און ירדן ברעכן זיך איין, בעת די סיריער זיצן אין זייערע פּאָזיציעס און טוען ווייטער באַדראָען און באַשיסן. מ'קען זאָגן, אַז אויף אונדז אַלע איז געווען אַ מין אָפּגעקלאַפּטער שטעמפּל און אויף אים אַ צייכן, וואָס סימבאַליזירט דאָס געפיל פון דער נויטווענדיקייט דורכצוררייסן די דאָזיקע הויכקייט, וואָס האָט אויף אונדז געדריקט. דאָס איז, אין אַלגעמיין, געווען דאָס וואָס האָט אָפּגעהיט די שאָל.

דאָס וואָס האָט זי באַדראָט, ווען איינער פון דער מאַנשאַפט האָט אין מיטן דער שלאַכט אויפגעהויבן פונעם טאַנק זיין פאַרוווּנדעטן אָפיציר, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אין אַ זייער שלעכטער לאַגע און אַ פרעג געטאָן אונדז מיט אַ געשריי, וואָס ער זאָל מיט אים טאָן. מיר האָבן אים צוריק געשריען, ער זאָל דעם אָפיציר צוריק לייגן אינעווייניק, ביז מיר וועלן קומען אויפן אָרגאַניזיר־פּונקט און אין דער רגע, ווען ער האָט דעם אָפיציר אַראָפּגעלאָזט אינעם טאַנק, האָט ער אַ ביסל אויסגעדרייט זיין פּנים אין מיין זייט און איך האָב דערזען, אַז דאָס איז עידו, אַ חבר פון מיין קיבוץ, וואָס כ'האָב נישט געוווּסט, אַז ער געפינט זיך דאָרט, ווייל ס'האָבן זיך געהאַט געטוישט די מאַנשאַפטן פון די איינהייטן.

דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַן ערנסטע שפּיל מיט קוילן

פון אַ שמועס אין קיבוץ טירת־צבי

ע מ ר ם: צי האָסטו פריער געזען געהרגעטע זעלנער?

ד נ י: געזען... געזען... געהאַט צוזאַמענשטויסן אין די לויער־ערטער בעתן רעגולערן מיליטער־דינסט, און נישט דאָס האָט מיך איבערראַשט.

מ י כ ה: דער ווערט פון לעבן איז ווי ביליקער געוואָרן?

ד נ י: ס'איז געוואָרן זייער ביליק... נישט בלויז ווי... — דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ געגנוג ערנסטע שפּיל פון קוילן, אָבער אָן אַ תכלית... איך האָב נישט געשאָסן אויף עמעצן וואָס האָט געשאָסן אויף מיר... איך האָב בכלל נישט געשאָסן אַלס ענטפער. דער דאָזיקער ענין פון הרגענען... צי דאָס איז אַ פּלוס צי אַ מינוס, איך, ווייזט אויס, געהער צו די אין אונדזער איינהייט, וואָס האָבן נישט דערהרגעט קיין איין עגיפּטער... כ'האָב פּשוט נישט געזען דערין קיין באַדערפעניש... קודם־כל, ווייל כ'האָב געעפנט איין אידענטיטעט־קאַרטע און געזען געשריבן: עלטער 16½. דערִיבער,

ווי אַ לערער... דאָס איז געווען איינער פון די זעלטענע פאַלן, וואָס כ'האָב געזאָגט: „וואָס? איך דאַרף אים פאַרגלייכן צו איינעם פון אונדזער עלפטן קלאַס... ווי אַזוי קען איך אַזאַ איינעם הרגענען?" און באמת, זיי זענען קינדער, געשטאַנען און געציטערט... איך מיין, אַז אַ דריטל פון די, וואָס מיר האָבן גענומען געפאַנגען, האָבן געהאַט נאַסע הויזן. און זיי זענען אין גאַנצן אַ האַלב יאָר אין מיליטער... אַ האַלב יאָר אין מדבר.

מיכה: ווען איך גיי היינט צו צו אַן אַראַבער, פאַרשטיי איך נישט דעם זאָג „כבדהו וחשדהו" („האַלט אים אין כבוד און זיי אים חושד"). ערשט מיט אַ וואָך צוריק בין איך געווען ביי זיי אין אַ דאָרף, וואָס ביז מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אים באַדאַרפט פיינט האָבן... כ'האָב נישט פאַרשטאַנען... וואָס מיינט דאָס „כבדהו וחשדהו"... ער איז אַ מענטש... מיר זענען געזעסן און גערעדט... איך האָב נישט די דאַזיקע דערפאַרונג, כ'זאָל זיך קענען איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון ווערטל.

אַ פּרצוף פון אַן אַראַבער איז פאַר מיר נישט קיין נייס, ווייל דאָ זעען מיר... מיר וווינען לעבן דער גרענעץ און כמעט יעדן טאָג זעען מיר אַראַבישע פעלאַכן און טיילמאָל רעדט מען מיט זיי. בכלל האָב איך קיין מאָל נישט געפילט קיין שנאה צו אַראַבער, אָדער צו אַראַבער ווי צו פיינט. כ'האָב קיין מאָל נישט געפילט קיין שנאה און אויך נישט איצט. אויך נישט ווען כ'האָב זיי געזען... אין אַ געוויסן מאָמענט איז מיר אויסגעקומען צו שיסן אויף ירדנישע זעלנער, וועלכע האָבן געשאָסן אויף אונדז. איך האָב זיי געזען אויפן אַנצילער און געשאָסן... איז אַזוי: ווען כ'האָב געשאָסן, האָב איך נישט געהאַט קיין שום געפיל: אויך ער איז אַ מענטש... כ'האָב אַפילו נישט געטראַכט, אַז איך הרגע אים, אין מאַראַלישן זין. פון מיינע איבונגען אין משך פון לאַנגע יאָרן און פון דעם אַלעמען, האָב איך געזען אַ ציל' — יאָ געוואָלט צי נישט געוואָלט — און אַ קלאַפּ געגעבן כדי... און געטראַכט, ער דאַרף אויפהערן צו לויפן — דאָס איז אַלץ... אָן קיין שום... באמת, ס'איז דאָרט נישט אַריין קיין שום... דערפאַר אָבער, ווען כ'האָב דערזען געפאַנגענע, האָב איך וועגן זיי געטראַכט געבוי ווי וועגן מענטשן. כ'האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן זיך פאַר אַ ביסל אַ צופיל ווייכהאַרציקן... כ'ווייס נישט.... ס'איז מיר געווען נישט אָנגענעם צו שרייען... ס'איז מיר נישט אָנגענעם... זיי זענען מענטשן ווי איך... כ'האָב בכלל נישט געטראַכט... און ס'איז מיר געווען אָנגענעם זיי צו גלויבן, אויב זיי זאָגן עפּעס... צום ביישפּיל, ווען מיר זענען אַריין אָפּרייניקן די אַלטשטאָט און דאָרט געזען לעבן כותל מערבי... איז דאָרט געווען עפּעס אַ משפחה, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט אין אַ מין נישע... און מיר האָבן קיינעם נישט געלאָזט אַרויסגיין, ווייל' מיר האָבן נישט געוואָלט זיי זאָלן אָנהייבן זיך אַרומדרייען... לעבן מיר איז געזעסן אַ פרוי, זי איז צוגעגאַנגען און געבעטן: איך וויל אַרויסגיין, כדי אָנצוזייגן דאָס קינד, אָדער ברענגען אים וואַסער און דאָס איז עס... זענען דעמאָלט געווען חברה, וואָס האָבן מיר געזאָגט — און זיי זענען געווען גערעכט — זאָלסט זיי זיך נישט לאָזן רירן... דו ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר... לאָז זיי זיך נישט רירן... צומערשט האָב איך מסכים געווען זיי זאָלן גיין, אָדער איינגעגאַנגען אויף דעם זיי זאָלן גיין צו אַן אַנדער טיר... מיר איז געווען אָנגענעם זיי צו גלויבן. מענטשן רעדן צו דיר אַזוי ווי דו רעדסט צו מיר... לאָמיר זיי לאָזן... פאַר וואָס נישט? זיי זענען נישט אַנדערש פון אונדז.

בכל הקלע

„פליענדיק קיין שאַרם־אַ־שייך, האָט מיר אַ חבר געזאָגט: דו ווייסט וואָס ס'איז אינטערעסאַנט? — איך גיי איצט קעמפן. איך וועל הרגענען מענטשן און מיינע חברים וועלן דערהרגעט ווערן. אפשר וועל אויך איך דערהרגעט ווערן. און דאָס איז שרעקלעך אינטערעסאַנט... איך האָס בכלל נישט די מצרישע זעלנער, אָטאָ די, וועלכע כ'גיי שיסן. איך האָב זיי נישט פיינט. כ'האָב אָבער באַקומען די דערלויבעניש זיי צו הרגענען, כ'בין אַריין אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן מען לאָזט מיך שיסן... און באמת, אויב איך האָב זיי נישט פיינט, די אַראַבער, טאָ פאַרוואָס גיי איך קעמפן קעגן זיי? וואָסער רעכט האָב איך צוצונעמען דאָס לעבן ביים פאָטער פון דעם קליינעם מוכאַמערן, דעם מאַן פון פאַטימאַ?... אפשר האָט דאָס וואָס מיר האָבן גאָרנישט קעגן זיי אַ שייכות צו דער דערציונג וואָס מיר האָבן דאָ באַקומען אין משך פון יאָרן. און איינע פון די פּראָבלעמען פון דער מלחמה איז, ווי אַזוי גייען עס מענטשן אַרויס קעמפן, נישט זייענדיק קיין שונאים".

פונעם שמועס אין משמר־השרון

די מלחמה איז אַ קריטעריע לגבי אַלע דערשיינונגען פון לעבן

אַ שמועס אין קיבוץ משמר העמק

שמואל: די מלחמה האָט ביי מיר עקסטרעם געענדערט די באַציִונג צו די אַראַבער. כ'האָב זיך צו זיי באַצויגן ווי צו אַ פרעמדן אָרגאַניזם. און בעת דער מלחמה, ווען ס'האָבן זיך אין דער טעלעוויזיע באַוויזן די בילדער פון אונדזער געשאָכטענע פליער און ווען מיר האָבן דערנאָך געהערט דאָס אַלץ, וואָס איך ווייס איצט, נאָך דעם אַלעמען — האָב איך היינט פיינט די אַראַבער. כ'האָב פיינט די אַראַבער אין אַ גענוג פשוטער פאָרעם. מיין ערשטע רעאַגירונג נאָך דער מלחמה איז געווען, וואָס כ'האָב מקנא געווען די פאַראַשוטיסטן און פיטכאָטע־קעמפער, וועלכע האָבן זוכה געווען אייגנהענטיק צו הרגענען מענטשן. אין די צוויי לעצטע טעג פון דער מלחמה, ווען כ'האָב געוווסט וואָס ס'איז געשען מיט די פליער, האָב איך נאָר געוואָלט הרגענען. דער אויסגאַנג פון דער מלחמה איז שוין געווען אַ באַשטימטער און מיין פּערזענלעכער ווילן איז געווען צו הרגענען. זייער באַרבאַריזם, דאָס פעלן פון אַ מינימאַלער באַציִונג, דאָס פעלן פון כבוד פאַר די קעמפער פון דעם קעגנערישן צד — דאָס אַלץ האָט מיך שווער געטראָפן. אין פלוג בין איך גרייט געווען דערצו — כ'האָב צופעליק צוויי וואָכן פאַר דער מלחמה געלייענט דאָס בוך „געפאַנגענע אין סיריע"*, און דאָך האָט דאָס מיך איבערראַשט אין אַ גרויסער מאָס.

ס'דאַכט זיך מיר, אַז אַ סך מענטשן וועלכע איך קען, האָבן אין רעזולטאַט פון דער

* אַ בוך וועגן פייניקונגען איבער ישראלים אין דער סירישער טורמע.

מלחמה אָנגענומען פיל פּערזענלעכע אָנטשיידונגען. אָנטשיידונגען וווהין צו גיין, וואָס צו טאָן, וואָס צו באַשליסן אין פֿאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן אדג״ל. און אינטערע־סאַנט, כ׳האָב נישט באַוויזן צו פֿאַרדייען וואָס געגוי דאָ קומט פֿאָר. אָבער אויך ביי מיר און אויך ביי אַנדערע מענטשן, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען אין רעזולטאַט פֿון אַן עקסטרעמער סיטואַציע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפֿונען, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אַ סך זאַכן וועגן וועלכע איך האָב זיך געמאַטערט אין משך פֿון יאָרן — זענען ביי מיר דעצידירט געוואָרן... פּלוצעם האָב איך אַלץ דערזען מיט מער קלאָרקייט.

און נאָך עפּעס: דאָס איז אַ מין ווילן צו אַן אומגעווייגלעכער שלווה... קיין שום אַנדער זאַך, בלויז שלווה... און שלווה... און דאָס איז זייער נאַטירלעך.

די מלחמה איז פּאַקטיש געווען געגוי ווי מיר האָבן זי דערוואַרט... — און אַזוי איז עס געווען. סיי די אַטאַקע אויף די אַעראָדראָמען, סיי דאָס וואָס איז געקומען נאָך דעם. בלויז איין זאַך האָט מיך איבערראַשט — דער פיזישער פּחד. פֿליען צווישן זעניט־אַרטילעריע — פֿונעם ערשטן פֿלי אָן, נאָך איידער כ׳האָב געוואָרפֿן די ערשטע באָמבע, זענען מיר שוין געווען אין סאַמע פֿייער פֿון די זעניט־האַרמאַטן, ווי אין אַ שלאַקס־רעגן. כ׳האָב מורא געהאַט. און כ׳בין זיך אין דעם מודה — כ׳האָב מורא געהאַט...

דער צוריקוועג איז זייער אַ שטילער... און דו פֿליסט איבער די זאַמדן... אין סיני... און באַקומסט ווידער דעם איינדרוק, אַז דאָס איז באמת נישט אַזוי שרעקלעך... באַזונדערס ווען מען קומט צוריק אַ לעבעדיקער און מ׳גייט דערפֿון אַרויס און מען טראַכט, אַז ס׳איז נישט שרעקלעך, נישט געגוי ווי דער דערשרעקנדיקער איינדרוק. אָבער ווען מען קערט זיך צוריק אַ היים און מ׳הערט, אַז דער איז דערהרגעט געוואָרן... און דער איז דערהרגעט געוואָרן... און נאָך איינער איז געהרגעט געוואָרן... דעמאָלט הייבט אָן הערשן אַ זייער ערנסטער פּחד. דאָס איז שוין נישט קיין פיזישער פּחד, נאָר גיכער אַ שכלדיקער פּחד.. און דאָס איז עס... דערנאָך גייט אויך דאָס אַריבער... ביים סוף פֿון דער מלחמה, אין די לעצטע צוויי טעג, האָב איך געהאַט אַ געפֿיל, אַז ס׳איז אַ מזל־זאַך, אויב כ׳וועל אַרויס אַ לעבעדיקער אָדער נישט... יעדן טאָג איז נאָך ווער אַוועק און נאָך ווער... און נאָך ווער... און כ׳בין שוין געווען געגוג אַפּאַטיש. דאָס הייסט, כ׳האָב געוווּסט, אַז ס׳איז נישט אָפּהענגיק פֿון מיר און אַז די קוילן וואָס ווערן געצילט אין מיר, אונטערליגן נישט קיין סטאַטיסטישע קאַלקולאַציע. און דאָס איז עס... כ׳האָב גענומען די דאָזיקע מלחמה אויף אַ זייער פּילבאַרן אופֿן. דערנאָך האָב איך געחלומט... דאָ און דאָרט... און כ׳פֿריי זיך וואָס איך לעב באמת, נישט באַוויזן אַפֿילו צו טראַכטן... אַפֿילו זיך צו באַשעפֿטיקן מיט דער טעמע.

אמיר: דו האָסט גערעדט וועגן זייער אכזריותדיקייט. איך האָב זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערגענומען, זעענדיק טויטע אַראַבער... כ׳בין זיך מודה... דער ערשטער... דער צווייטער... דערנאָך גייסטו פֿאַרביי איבער דעם... אַנדערש זעט אויס יעדער אונדזער באַשעדיקטער אויטאָ און דזשיפּ... אין גאַנצן אַנדערש.. מיט איין זאַך אָבער איז בשום אופֿן אוממעגלעך משלים צו זיין — מיט דער אכזריות פֿון אַ טייל פֿון אונדזערע מענטשן אין אַ טייל פֿאַלן. דווקא מיר, אויף דער ערשטער ליניע,

די איינהייט, דער גאַנצער פּאָלק, איז אין די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען פּעוּק אָפּצוהיטן די הייליקייט פון געווער.

...יעדער איינער זעט דאָס אַנדערש... יעדער איינער ווערט באַאיינדרוקט פון עפּעס אַנדערש... אויף מיר, צום ביישפּיל האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין שום איינדרוק אַלע קאָנוועציאָנעלע פאָרמען פון מלחמה. מ׳האָט עס באַדאַרפט דורכפירן — און האָסט עס דורכגעפירט... און דאָס איז עס... און נישטאָ דאָ וואָס צו פילאָזאָפירן וועגן דער עצם דורכפירונג... איך האָב מער נאָכגעפאָלגט נאָך די מענטשן... און דאָ איז פאַראַן אַ מאַסע שיינע זאַכן: דו זעסט ווי אַזוי אַ גאַנצע איינהייט ביי אונדז איז מיט אַן איינגעהאַלטענער שטילקייט אַזוי גרייט. זיי גרייטן זיך אַרויפצוגיין אויף דער סירישער הויכקייט און אַ האַלבע שעה שפּעטער שיקט מען זיי גאָר צום מערבדיקן ברעג פון ירדן... און אַלע טאַנצן אויפן שאָסיי... ממש אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שפּאַנונג... דעם פחד פאַר דער הויכקייט.. ווייל זיי האָבן געגנוי געוווסט וואָס דאָרט איז... אַלנפאַלס, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי ווייסן... ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן גאָרנישט געוווסט... אָבער דאָס איז עפּעס איבעראַשנדיקס. מיר זענען געשטאַנען ביים אָנהויב פון דער קאָלאָנע און דו זעסט ווי די מענטשן גייען אַראָפּ פון אַלע זחל״מס און טאַנצן. און דו זעסט ווי ס׳איז פון זיי אַראָפּ אַ שווערע לאַסט פון פחד און פון מורא. און איינע פון די סאַמע איינדרוקספולע זאַכן — וואָס נאָכן זיג באַטייליקסטו זיך אין אַזאַ זיג־מאַרש און זעסט בלויז זייער טראַנספּאָרט אַ באַשעדיקטן, און מיטאַמאָל קומסטו אָן אין אַן אַנדער ראַיאָן און דו דערזעסט פּלוצעם, אַז דיין טראַנספּאָרט־כלי איז געטראָפן געוואָרן... די מענטשן האָבן געזונגען... מיט אַמאָל בלייבן אַלע שטיל און איינער רופט זיך אָפּ צום צווייטן: „— — — וויפל זענען דאָ ,אוועק׳... וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם... וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם...״ אַזוי, אַזאַ מין שטומער דיאַלאָג.

אבישי: מיר זענען אַוועק צפון צו אויפן וועג צו דער הויכקייט. און אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט צו נעמען ברענשטאָף און דעמאָלט האָב איך געזען חברה פון כצ׳ס פּאָלק. ביז דאַן האָב איך נישט געוווסט, אַז כץ איז דערהרגעט. כ׳האָב זיי געפרעגט אויף אים... און כ׳בין געוויר געוואָרן, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן.

דעמאָלט, אַז מ׳האָט געדאַרפט אַרויף אויף דער הויכפּלאַך, האָב איך זיך געזאָגט: מיך אַרט נישט אויב כ׳וועל דערהרגעט ווערן... פאַרוווּנדעט... ס׳גייט מיר גאָרנישט נישט אָן... איך גיי נעמען נקמה... יעדער אַראַבער, וואָס קומט איצט — וועט באַקומען זיין קויל אין קאָפּ. און ווען מ׳האָט באַשלאָסן, אַז מיר גייען נישט אַהין, האָט עס מיך ממש אויפגעגעסן, ווייל כ׳האָב פּשוט געהאַט אַ געפיל, אַז דאָ גיי איך פאַרזענלעך זיך נוקם זיין פאַר אַ חבר, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן...

בעת דער מלחמה גופא, איז נישט געווען קיין באַזונדערע שנאה... ערשט דערנאָך, אַז מען הערט וועגן דערהרגעטע און פאַרווונדעטע. ווען מיר זענען אַריין אין דער אַלטשטאָט און געזען דעם טאַנק, וואָס שטייט אויפן דזשיפּ, דאָרט ווו בוכמאַן איז דערהרגעט געוואָרן... דעמאָלט האָט בכלל דער גאַנצער „עסק״ אָנגעהויבן צו באַקומען אַן אַנדערע באַדייטונג...

מנחם: פאַראַן צו דעם אויסווירקונגען אויף לגבי דיין געפיל היינט כלפי די אַראַבער?

אבישי: כ׳ווייס נישט צי כ׳האָב זיי הײנט פֿײנט, מחמת מיר שטייגן זיי איבער מיט אַזוי פֿיל. בדרך־כּלל האָסטו פֿײנט עמעצן ווען דו האָסט מורא פֿאַר אים אין אַ באַשטימטער מאָס. איך מיין נישט, אַז כ׳האָב היינט צו זיי עפּעס אַ ספּעציעלע שׂנאה, ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַ באַציִונג פֿון אַ זיגער צום באַזיגטן, פֿונעם שטאַרקן צום שוואַכן....

אמיר: מיר איז קלאָר, אַז די מענטשן ביי אונדז האָבן געהאַט אַ פֿאַרשידענע באַציִונג צו דעם ירדן־ברעג און צו דער סירישער הויכקייט. די באַציִונג צום שׂונא איז געווען אַן אַנדערע. די פֿאָרעם פֿון קאַמף אין דער גדה איז געװען אַ סך הומאַנישער און קיין רויב איז בכלל נישט געווען. ס׳איז אין אַלגעמיין געווען אַן אַנדערע באַציִונג. די מענטשן זענען אַריין און דערזען, אַז דאָס איז אַן אַנטוויקלט און דינאַמיש לאַנד, וואָס זיצט נישט מיט פֿאַרלייגטע הענט. און פֿאַרקערט — ווען זיי זענען אַרויף אויף דער רמה — האָבן זיי געהאַסט די סירייער ביז דער טיפֿעניש פֿון דער נשמה.

מנחם: וואָסער געפֿיל האָט מען, ווען מ׳קערט זיך צוריק צום נאָרמאַלן לעבן?

חנן: פֿאַראַן זייער אַ סך נעגאַטיווע דערשיינונגען. מען רעדט דאָך שוין וועגן דעם, אַז מען נעמט נישט מער קיין טרעמפּיסטן...

מנחם: דאָס וואָס אויף דיזענגאָף* — איז דיזענגאָף... און אויף די פֿאַרזאַמלונגען אין קיבוץ רעדט מען וועגן די זעלבע פּראָבלעמען... און דאָס, וואָס די דאָזיקע גאַנצע מלחמה האָט פּאַקטיש נישט געבראַכט קיין שום יסודותדיקע זאַך.

חנן: דאָס געפֿיל וועגן וועלכן שמואליק האָט גערעדט — אַז מען וויל שלווה, איז אַ פֿאַרשטענדלעך געפֿיל.

מנחם: — — אַ סך זאַכן וועלכע כ׳האָב פֿאַר דער מלחמה געהאַלטן פֿאַר ריכטיקע, זעען מיר איצט אויס ווי נישט ריכטיקע.

אין די צוויי וואָכן פֿאַר דער מלחמה בין איך געווען צווישן די איינצלנע (אין מיין איינהייט) וואָס האָבן געטראַכט, אַז מען קען און מען דאַרף אויסמיידן די דאָזיקע מלחמה. כ׳האָב זיך איבערצייגט, דאָס איז געווען אַן איינרעדעניש. קיינער וועט אונדז נישט ראַטעווען. און אייגנטלעך איז דאָס שוין פֿון לאַנג מיין געפֿיל. סוף־כּל־סוף האָב איך שוין דורכגעמאַכט אַזוי פֿיל מלחמות — און אויב איך האָב זיך אין צווייטן וועלט־קריג געוואַלגערט ווי אַ קינד, האָב איך אין די דריי מלחמות, וואָס זענען אַדורך איבער אונדז דערנאָך, זיך באַטייליקט פּערזענלעך. כ׳האָב אָבער תּמיד געטראַכט, אַז עס לאָזט זיך ווי נישט איז פֿאַרמיידן אַ מלחמה... הײנט בין איך זיכער, אַז די מלחמה איז געווען נויטווענדיק.

נאָך דער מלחמה האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אין דעם לאַנד ענדערט זיך נישט קיין שום זאַך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון געבוי, פֿון אַרט דענקען און פֿון אונדזער אָנפֿירונג. דער דור וואָס האָט אויסגעטראָגן די דאָזיקע מלחמה און אויך צוויי פֿריערדיקע מלחמות — נעמט נאָך אַלץ נישט פּאַקטיש אָנפֿירן מיט די ענינים... פֿאַראַן אַזאַ

* די צענטראַלע גאַס פֿון תּל־אביב. די קיבוצניקעס זעען די דאָזיקע גאַס ווי אַ סימבאָל פֿון נישט־אידעאַליסטישן לעבן.

אַרט דענקען און אופן פון טאָן מצד דער אָנפירונג פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע אַנטשפּרעכן נישט די באַדערפעניש פון לאַנד.

אין דער סיני־אַקציע בין איך געווען אין מדבר און דאָרט זענען נישט געווען קיין ציווילע איינוווינער. דאַ דאַקעגן, ווען כ׳בין געווען אין דרייעק, איז אַלץ געווען באַפעלקערט. און אַז דו קומסט אין באַריִרונג מיט מענטשן און פּליטים — איז דאָס אַ מוראדיקער און שרעקלעכער קאָנטאַקט. דער רוב זעלנער איז טיף דערשיטערט געוואָרן פונעם בילד פון די פּליטים. אפשר איז עס עפּעס אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט ביים יידישן פאָלק... כ׳ווייס נישט... אַלנפאַלס, בילדער פון מענטשן, וואָס אַנטלויפן... די פרויען און די קליינע קינדער... און די דאָזיקע מענטשן גוססן פון דאָרשט און פאַרלאָזן זייערע הייזער — דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך.

די זעלנער זענען אַדורך אַ שרעקלעכן שאָק. און דאָס איז אַ פּאָזיטיוועד סימן. פון דער אַנדערער זייט זענען פאַראַן זייער נעגאַטיווע דערשיינונגען... דו זעסט ווי מען ברעכט טירן מיט די קאָלבעס מיט אַזאַ מין ווילדקייט... מען נעמט כמעט גאָרנישט... סתם... מען וואַרפט און מען ברעכט...

און פאַראַן נאָך עפּעס — — — דאָס דערנידעריקט דעם מענטשן און דערנידעריקט אויך דיר... דיר איז שרעקלעך נישט אָנגענעם... מיר זענען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן און קענען נישט משלים זיין מיט אַזעלכע דערשיינונגען.

נאָך דער דאָזיקער מלחמה — ווי שמואליק האָט געזאָגט — ווערט דיר יעדער זאַך שרעקלעך דרינגענדיק... דו ווילסט עפּעס טאָן, ענדיקן, „שניידן" ענינים. און איך ווייס נישט פאַר וואָס... און דאַן קומסטו אַהיים און דאָס זעט דיר אויס מוראדיק אויסטערליש... און שרעקלעך מאָדנע.. אַלץ דאָס זעלבע... די רייזעס קיין אויסלאַנד? — די רייזעס קיין אויסלאַנד! דאָס איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט... אָבער דאָס איז מאָדנע. און דו קומסט צוריק... געווען נאָך אַ מאָסע שרעקלעך משונהדיקע זאַכן. צום ביישפּיל, מיר האָבן זיך זייער געפרייט מיטן נצחון און מיט אַלץ וואָס איז געווען. און ס׳איז געווען טרויעריק ווען מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן. אָבער דו קומסט אַהיים און דאָ זענען די מענטשן פּאַקטיש זייער טרויעריק. אַלע זענען טרויעריק. אַלע זענען דערשלאָגן. אַלע ווייסן זיי נישט וואָס צו טאָן. דאָס הייסט, דער דאָזיקער זיג איז נישט געווען קיין גרויסע שאַלונג. מיר האָבן דאָ אַפילו נישט געמאַכט קיין פייערונג לכבוד דעם גאַנצן ענין — אָפּגעהאַלטן אַזאַ גרויסן נצחון... און פאַראַן נאָך זאַכן. צום ביישפּיל, דאָס וואָס דאָס לאַנד איז געוואָרן אַזוי גרויס, און דאָס, אַז דו גייסט זונטיק און זעסט אויף דער וועגן־קרייצונג מגידו* שטיין זעלנער... אַ מאַסע זעלנער וואַרטן אויף אַ טרעמפּ... וואָסער אויסטערליש בילד! מ׳כאַפּט אַ טרעמפּ קיין דזשענין... איך געדענק, ווען כ׳בין געווען אַ קליין קינד, בין איך פון ירושלים געפאָרן אַהער. אָבער דאָס איז שוין געווען אַזוי לאַנג, און פּלוצעם אַלץ אַזוי... און ס׳זענען פאַראַן זאַכן וואָס טוען דיך מוראדיק אויפרעגן. למשל, מיך האָט שרעקלעך אויפגערעגט, וואָס כ׳בין געקומען צום כותל־מערבי אין דעם טאָג, ווען די בולדאָזערס האָבן דאָרט געאַרבעט. דאָס האָט מיך עפּעס מוראדיק דענערווירט... כ׳האָב געדענקט דעם כותל, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ מין אייגנאַרטיקע

* אויפן וועג צו דער שטאָט דזשענין.

מאַיעסטעט, וואָס אַלץ אַרום אים איז געוועזן פּאַרמאַכט... אָבער דאָ גייט מען מיט די בולדאָזערס און מ׳שטופּט די הייזער... און עס רעגט אויף, אַז קומסט צום כותל המערבי און ס׳באַפאַלט דיך איינער אַ פּרומאַק און צווינגט דיך דאַוונען... ס׳רעגט מיך אויף, אַז איך קום אין שטאָט אַריין און אַלץ איז נאָרמאַל... די פילמען גייען... און די מענטשן... און די דאָזיקע שיינע מיידלעך שפּאַצירן אין די גאַסן... כ׳ווייס נישט... אין אָנהייב האָט עס מוראַדיק אויפגערעגט...

שמואל: וואָס רעגט דיך? דאָס וואָס זיי זענען שיינע?

מנחם: דאָס וואָס זיי זענען שיינע — איז שיין. אָבער אין דער צייט פון דער מלחמה... האָט זיך דיר אויסגעוויזן: אַלץ האָט זיך דאָ געענדערט... און מיר וועלן עפּעס טאָן און ס׳וועט עפּעס זיין... און מ׳רעדט אַזוי פיל וועגן שלום, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אָט... אָט... אָט... גייט שלום... אפשר איז עס נישט געווען רעאַל, אָבער מיר האָבן געמיינט. געגלויבט. און איצט, ווייזט אויס, — מיר זענען צוריק דאָ... אַלץ צוריק... אַלץ דאָס זעלבע... איצט וועט מען אין מפ״ם* דיסקוטירן ווער ס׳זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון דעם אָדער יענעם מיניסטעריום... און דיר ווייזט זיך אויס... באמת... האָסט געזען טויטע... טויטע מענטשן... אַלץ קערט זיך איבער — און ס׳איז גאָרנישט געשען...

שמואל: ווי זאָגט מען, צוריק צום אַלטן. פאַר דער מלחמה האָבן מיר געלעכצט צו קעמפן... געלעכצט צו קעמפן... געוואַרט און געוואַרט. מ׳האָט מיך גענומען אינמיטן דעם נאַכט־מעלקן פון די קי...

כ׳האָב דערשפּירט די מלחמה — סאַראַ גוטער ריח אַזאַ... מיר זענען אָנגעקומען אויף דער באַזע מיטוואָך ביינאַכט... כ׳בין גלייך אַריין אין ערשטן דריילינג... גרייטקייט... דאָס איז געווען פאַר... מיר האָבן געוואַרט אַ וואָך... געווען געשפּאַנט... סוף פון דער וואָך וועט זיין מלחמה... און דעמאָלט איז אבא אבן געפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן אָנגעהויבן זאָרגן. נישט פאַר זיך. מיר זענען געווען אַזוי זיכער מיט זיך... נאָר מיר האָבן זיך געזאָרגט פאַר די טאַנקיסטן, געזאָרגט פאַר די פאַראַשוטיסטן, געזאָרגט פאַרן געזונט פון דער חברה.

איצט איז מיר ליבער מלחמה מיט די דאָזיקע גרענעצן, ווי יעדע ספּקדיקע לאַגע פון וואַפנשטילשטאַנד. ווייל די דאָזיקע גרענעצן גאַראַנטירן אונז מאַקסימאַלע זיכערקייט.

מנחם: וואָס וועסטו טאָן מיט די אַראַבער?

שמואל: אַ! איך וואָלט דיר געזאָגט וואָס צו טאָן מיט די אַראַבער....

אלע: נו, זאָג...

שמואל: אַ ווײַלע, אַ ווײַלע... פּאַמעלעך־פּאַמעלעך... אַלץ וועט קומען... בקיצור, מיר האָבן געלעכצט נאָך מלחמה... און די מלחמה איז נישט געקומען... מיר זענען געווען גרייט... געוועזן טעג, ווען מיר זענען אַלע געזעסן אין דער עסקאַדריליע... געמיינט,

---

* די לינקע ציוניסטישע פּאַרטיי „מפלגת הפועלים המאוחדת״ (פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי).

אַט ברעכט אויס די מלחמה... — און יענע נאַכט האָב איך נישט צוגעטאָן קיין אויג... כ׳האָב די גאַנצע צייט פּלאַנירט ווי אַזוי איך..

און ווען מיר זענען אַרויס אין קריג — איז געווען אַזאַ געשפּאַנטע שטילקייט.

פאַר דער מלחמה איז געווען ביי אונדז איינער, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געוויצלט: „דו וועסט שטאַרבן... און דו וועסט שטאַרבן... און דו וועסט נישט צוריק קומען...” — ער איז נישט צוריקגעקומען פון דעם ערשטן פלי.

דאָס פּרעכטיקע געפיל איז געווען, ווען מיר זענען אַרויסגעפלויגן... דער גאַנצער ל׳ופט־פלאַט איז אַרויס... און די דאָזיקע פאַנטאַסטישע שטילקייט...

זייער זעניט־אַרטילעריע איז געווען גרייט און האָט גלייך געעפנט אַ פייער. — — —

און אַט רייסן אויף זייערע עראָפּלאַנען... אין די ערשטע צוויי טעג איז געווען אַ הערלעך געפיל, מיט דער גאַנצער מורא האָסטו געפילט, אַז דאָס איז עס צו וואָס דו האָסט זיך געגרייט, אַ געפיל פון אויסשעפּן אַלע דיינע מעגלעכקייטן... די גאַנצע צייט האָב איך געהאַט אַן אַנטוישונג, וואָס כ׳זע נישט אין דער לופט קיין איין עראָפּלאַן. כ׳האָב באַשלאָסן, אַז איך שיס אַראָפּ אַן עראָפּלאַן — און ער איז בכלל נישט געווען אין דער לופט... — — — דו ווייסט אין וואָסער זעניט־פייער מיר זענען דאָרט געווען?

— — — נאָך דער מלחמה האָסטו אָנגעהויבן פילן אַן עקל... אַן אומווילן צו מלחמה... אַן אומווילן... פאַקטיש האָב איך צום סוף געקעמפט בלויז אויס געפיל פון פליכט... ס׳איז געווען אַן אומווילן צו קעמפן, בלויז אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקער פון דעם עסק... און די מלחמה איז שוין אַנטשידן געוואָרן... און אויף דער סירישער הויכקייט האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז מ׳דאַרף אונדז נישט. מיר זענען געגאַנגען אַנטקעגן דער זעניט־אַרטילעריע און ווען דו גייסט קעגן זעניט־אַרטילעריע — גייסטו אַנטקעגן אַ זאַך, וואָס ווערט געלאָזט קעגן דיר... ווען דו צעקלאַפּסט אַ טאַנק — איז עס רוּהדיק, ווייל דו האָסט אים פאַרשפּאַרט דעם פאַנצער־געווער. אַנטקעגן דעם זעניט־געווער ביסטו נישט רוּהדיק...

דו האָסט געהאַט אַ געפיל וואָס הייסט „קעמפער־פריינדשאַפט”. איך האָב תמיד מקנא געווען די פאַראַשוטיסטן, אָדער די וואָס אין די צענטוריאָנען... מקנא געווען זייער פאַנטאַסטישע פריינדשאַפט פון קעמפערס. און פּלוצעם — די מלחמה... מיר, אַ גרופּע פון אַכט חברים, פלעגן צוזאַמען איינאָרדענען פאַרווייל׳ונגען, רעדן צוזאַמען און פלעגן באַזאָרגן איינער דעם צווייטן באַקאַנטשאַפט מיט מיידלעך... בקיצור, אַן אמתע קאָמפּאַניע. ביים סוף פון טאָג, געדענק איך, האָב איך דאָרט געטראָפן צוויי חברים פון אַן אַנדערער עסקאַדריליע... מיר האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט, גלייך ווי מיר האָבן זיך נישט געזען, אָדער גלייך ווי מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל מער נישט זען. בקיצור, ממש אַ געפיל פון פריינדשאַפט... פון פריינדשאַפט פון קעמפער. כ׳האָב געזאָרגט פאַרן לעבן פון אַלע מיינע חברים...

פאַראַן ביי אונדז צוויי פון קיבוץ עין־המפרץ. ווען מ׳האָט געמאָלדן, אַז עין־המפרץ איז באָמבאַרדירט געוואָרן, האָבן זיך די צוויי אָוועקגעזעצט און האָסט זיי נישט געקענט אויפהייבן. געענדיקט. זיי ווייסן נישט ווי איז די לאַגע אין עין־המפרץ.

ווען כ׳בין אַרויס פון דער היים צו גיין אין מיליטער.. איך האָב פיינט די דאָזיקע סענטימענטאַלקייט... כ׳האָב געזען מיינע עלטערן — אַפילו נישט געזאָגט זיי קיין שלום... כ׳האָב נישט ליב אַרויסצווייזן סענטימענטאַלקייט... דערנאָך האָב

איך די גאַנצע צייט געהאַט געוויסנסביסן... כ׳האָב נישט געקענט קומען אַ היים ביז דער מלחמה און כ׳האָב געהאַט שרעקלעכע געוויסנסביסן. כ׳האָב טעלעפאָנירט אַ היים צום סוף פון ערשטן טאָג. בכלל בין איך געווען אָפּגעריסן פון דער אַרענע אין הינטערלאַנד... בכלל נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין הינטערלאַנד... מיינע חברים, וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן... צוויי־דריי פון מיינע בעסטע חברים זענען דערהרגעט געוואָרן... און ס׳איז געווען אַ שרעקלעך געפיל!... כ׳האָב ממש געפילט אַ שנאה צו מלחמה, דאָס האָט נאָך געדויערט אַ וואָך נאָך דער מלחמה... היינט לעכץ איך צו קאַמפן... לאָמיר עס זאָגן אָפן... הער, ס׳איז אַ געפיל פון דערהויבנקייט.

מנחם: הער... אָבער אין אַ מלחמה הרגעסטו מענטשן... צעשטערסט הייזער...

שמואל: דו פאַרשטייסט דעם אונטערשיד צווישן מיר און דיר? איך זע נישט פון דער לופט די הרוגים...

חנן: דאָס סאַמע פּאַסקודנעסטע געפיל האָב איך געהאַט אין אָנהייב. כ׳האָב געהאַסט די מלחמה, כ׳האָב נישט געוואָלט מיר דאָ זאָלן פאַרגיסן בלוט צוליב טאַקטישע אויסרעכענונגען... געווען אַ געפיל, אַז די רוסן שאַפן דאָ די שפּאַנונג כדי באַוויזן: איר וועט טאָן אין וויעטנאַם — און מיר דאָ. איך האָב געזאָגט: מיר וועלן קעמפן פאַר אונדזער פאָטערלאַנד... מיר וועלן פאַרגיסן בלוט... אָבער טאָן דאָס צוליב אינטריגעס צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן?... כ׳האָב נישט געגלייבט, אַז ס׳וועט אונדז געלינגען צו ענדערן גרענעצן, און אויב ס׳וועט אונדז יאָ געלינגען זיי צו ענדערן — צי וועלן מיר זיי האַלטן...

מנחם: און איצט גלויבסטו?

שמואל: איצט גלויב איך.

אבישי: וועסט זיי נישט האַלטן אַ לאַנגע צייט...

חנן: איין זאַך איז מיר קלאָר: אַז מיר וועלן זיך נישט אומקערן צו די פריערדיקע גרענעצן, ווינציקסטנס אויף דער סירישער הויכקייט, דאָס מיינט נישט, אַז מיר וועלן נישט מוותר זיין אויף אַ טייל פון דער רמה.

אבישי: כ׳האָב נישט קיין שום באַשטימטע מיינונג, ווייל איך האַלט, אַז אין אַ גרויסער מאָס וועט דעצידירן די מיינונג פון די אַראַבער אויפן מערבדיקן ברעג פון ירדן. דאָס איז נישט קיין הייפל — זיי זענען אַ קנאַפּער מיליאָן איינוווינער. כ׳בין נישט קיין ראַסיסט, כ׳ווייס אָבער איין זאַך. כ׳לייען סטאַטיסטיקעס: אויף טויזנט איינוווינער איז ביי די אַראַבער אין לאַנד פאַראַן קרוב צו 60 געבורטן. און ביי די יידן — 20. מ׳קאָן מאַכן אַ פּשוטן חשבון, אַז אין איין דור... — און דאָס רופט אַרויס זאָרג... דער קיבוץ איז נישט קיין ביישפּיל. היינט אין שטאַט — צוויי קינדער, אַזאַ איז די מאָדע. אויב אַזוי, זאָג איך: זייער שיין, אַ בי־נאַציאָנאַלע מדינה. אָבער מיר זאָלן האָבן אין איר אַן אַנטשיידנדיקע מערהייט, ווייל אַנדערש איז עס נישט קיין יידישע מדינה. און אויב מיט צוויי יאָר צוריק איז אין בעלגיע געווען אַן אויפשטאַנד פון די פלעמער, וואָס דאָרט זענען זיי נישט אַזוי אונטערדריקט, טאָ וואָס דערוואַרט אונדז דאָ אין משך פון די נאָענטסטע הונדערט יאָר?

א מ י ר: דאָס פּראָבלעם איז — וואָס איז דער תּכלית? נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן שלום אויף אַ לענגערער צייט, אויב דו וועסט זיך ווייטער האַלטן אין די אינטערנאַציאָנאַלע גרענעצן, וואָס זענען נישט דיינע. אויב דו זאָגסט: אל־חמה איז דיינע, און באַניאַס * איז דיינער. דאָס זענען אינטערנאַציאָנאַלע גרענעצן. און וועסט אויך האַלטן תּל־עזיזיאַת **... לויט מיין מיינונג אָבער, וועסטו דאָס נישט קענען איינהאַלטן ביי זיך. נישט נאָר וואָס דו וועסט נישט קענען, נאָר מען וועט עס נישט טאָרן האַלטן. היינט קענסטו עס האַלטן בלויז ווי אַ דרוק־מיטל.

ש מ ו א ל: נאָך עפּעס אין שייכות מיט דער מלחמה... צום גליק בין איך זעקס יאָר געווען אין מיל'יטער — אויסערן קיבוץ און בין געוואָרן אָפּגעריסן פון דער דאָזיקער הומאַניטאַרער דערציִונג פון השומר־הצעיר... ווייל איך זאָג אויפן סאַמע פּשוטן אופן: קאָן זיין, אַז אונדזערע חברים, וואָס זענען איצט דערהרגעט געוואָרן, זענען דערהרגעט געוואָרן דורך די מענטשן, וועלכע מיר האָבן אין סיני נישט דערהרגעט. און מענטשן וועלכע איר האָט איצט נישט דערהרגעט — וועלן אונדז הרגענען אין דער צוקונפטיקער רונדע.

א מ י ר: פאַרשטיי, שמואל, איין זאַך: אַ מענטש ווערט געבוירן און אַ מענטש שטאַרבט... און אויך עלטערן שטאַרבן — און אַז זייער קינד וואַקסט אונטער, ווערט ער אַ זעלנער, און ס'וועט זיין נאָך אַ רונדע און ווידער אַמאָל וועט ער הרגענען און ווידער אַמאָל וועסטו אים הרגענען... און ווען דו וועסט איין מאָל איבערהאַקן די דאָזיקע קייט מיט דעם וואָס דו וועסט אויפהערן הרגענען — ד ע מ א ָ ל ט האָסטו אַן אויסזיכט אויף שלום. אַנדערש האָסטו נישט קיין שום אויסזיכט. קיין שום אויסזיכט...

ש מ ו א ל: דער שלום וועט נישט אַרויסשפּראָצן פון הומאַניטאַרע שריט. ס'ווערט מיר קלאָר, אַז די אַראַבער האָבן אונדז באמת פיינט. אָט, אַראַבער לעבן קאַיראָ, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין ייִד — כאַפּן אַ ישׂראלדיקן פליער און שעכטן אים, נאָך איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה... ווייסטו וואָס דאָס איז? דאָס באַווייזט וואָס פּראָפּאַגאַנדע טוט אויף. פאַראַן איין זאַך, וועלכן איך חזר איבער די גאַנצע צייט: א י ן מ ל ח מ ה אַ ז ו י ו ו י א י ן מ ל ח מ ה. און מיט דעם וואָס איר האָט זיי נישט דערהרגעט, האָט איר נישט גורם געווען דערצו, זיי זאָלן אייך מערער ליב האָבן. ס'איז אַ פאַקט, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך דערציילונגען וועגן זעלנער, וואָס האָבן אויפגעהויבן די הענט און ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט מיטן רוקן — האָבן זיי געשאָסן... זיי האָבן געהרגעט די, וועלכע האָבן זיי נישט דערהרגעט... אַזוי איז עס... ווייל דאָס איז די אַראַבישע מענטאַליטעט... דערציילן דיר וואָס זיי האָבן געטאָן מיטן קערפּער פון אונדזער פליער?! זיי ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַזוינס הומאַניטאַרישקייט!

לגבי דער צוקונפט זענען מעגלעך צוויי עקסטרעמע שטאַנדפּונקטן: איין עקסטרעם — אַ פרעכטיקער שלום מיט האַנדלס־באַציִונגען און רויִקייט אויף זיכערע גרענעצן. פאַראַן אָבער אַ צווייטער עקסטרעם, און דאָס איז: האַלטן די גרענעצן, וואָס פאַר־

---

* אַ דאָרף ווו עס געפינען זיך די קוואַלן פון טייך באַניאַס, אַריבער דער סירישער גרענעץ.

** איינע פון די שטאַרקסטע פאָרטיפיקאַציעס אויף דער סירישער הויכקייט.

זיכערן אונדז פון שטאַנדפּונקט פון זיכערקייט, מיט אַ מיליטערישן רעזשים אויפן מערב־ברעג פון ירדן. און איך זאָג דאָס אפשר מיט ציניזם, אָבער מ׳קען דאָס מאַכן.

אמיר: איך וויל נישט קיין שלום אויף צוואַנציק יאָר... איך וויל נישט קיין שטילקייט אויף צוואַנציק יאָר. איך וויל שוין בעסער, אַז אין צען יאָר אַרום זאָל זיין אַ מלחמה — און נאָך דעם אַ סטאַבילער שלום, איידער מיר זאָלן אַלע צען יאָר מלחמה האַלטן און ס׳זאָל קיינמאָל נישט זיין קיין שלום.

שמואל: איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי ער האָט געזען אַראַבישע קעמפער און זיי נישט דערהרגעט...

חנן: נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געהרגעט... נאָר אַז ס׳איז געווען אַ פאַרוווּנ־דעטער, האָבן מיר זיך מיט אים פאַרנומען און אים איבערגעפירט...

שמואל: אָבער דאָס איז אַ געפאַנגענער... איך רעד נישט וועגן געפאַנגענע... קעמפערס דאַרף מען הרגענען...

אמיר: מ׳רעדט נישט וועגן מלחמה. מ׳רעדט אָבער וועגן אָנטרינקען זיי מיט וואַסער און מ׳רעדט וועגן פאַרנעמען זיך מיט די פאַרוווּנדעטע און מ׳רעדט וועגן דעם, אַז דו ביסט אַ מענטש און ס׳קען נישט מעגלעך זיין...

שמואל: איך געדענק: כ׳בין געקומען פון דער מלחמה... דו זאָגסט, אַז ס׳האָט אויף דיר געמאַכט אַן איינדרוק וואָס אַלע דאָ זענען טרויעריק... בכלל נישט ריכטיק אַלע זענען אַ ביסל טרויעריק, נאָר איך בין געווען דערשלאָגן ביז דער טיפעניש פון מיין נשמה, אין גאַנצן דערשלאָגן... און איך קום אַהער — און אַזוי... און איך וווּנדער זיך וואָס עס זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי חברה — און די מענטשן גייען זיך אַרום אויף אַ נאָרמאַלן אופן. כ׳בין געווען צעבראָכן. צעבראָכן פון דער מלחמה און זיך געוווּנדערט... כ׳געדענק ווי כ׳האָב געזאָגט צו עמעצן: ווי די חברה דאָ איז פריילעך... און אין עס־זאַל... און איצט, דער גאַנצער ענין פון פאַרטייען און דאָס אַלץ... כ׳וועל דיר זאָגן: איך בין צופרידן אויפצושטיין אין דער פרי צו דער אַרבעט און זיין טויט־מיד און אַ ביסל שמועסן מיט מענטשן און אַ ביסל זיך דענערווירן און אַ ביסל זיך וויצלען... און דאָס איז עס...

אמיר: אין דער אונטערשטער שורה איז די מלחמה אַ קריטעריע לגבי אַלע דערשיינונגען אין לעבן. כ׳בין זיך מודה, אַז מיין קריטעריע האָט זיך ממש געענדערט אין באַצוג צו כל מיני זאַכן. אויב דו פרעגסט וועגן פאַרטייען, זעט עס מיר איצט אויס ווי אַ הויכפּונקט פון קליינלעכקייט צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם אַלעמען מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. אויף פריער האָב איך אַזוי אַ ביסל געטראַכט, אָבער איצט בין איך בכלל נישט מסוגל אַריינצוגיין אין דער קליינלעכקייט. איך מיין, אַז אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר, איז בכלל צוויי ספּערעס איבער דער קליינלעכקייט פון די קאַאַליציע־אונטערהאַנדלונגען. שמואליק זאָגט, אַז דאָס היינ־טערלאַנד האָט אים דערשטוינט מיט זיין זאָרגלאָזיקייט. ביי מיר איז געשען גענוי דאָס פאַרקערטע. אפשר איז עס אַ פראַגע פון עלטער. איך בין אָבער „אויסגעגאַנגען״ צו וויסן וואָס ס׳קומט פאָר אין משמר־העמק. די דאָזיקע ידיעות זענען ביי מיר ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל.

ווען כ׳האָב זיי ס׳ערשטע מאָל באַקומען און געזען, אַז אַלץ קלאַפּט און געוווּסט ווער פּאַר וואָס ס׳איז פאַראַנטוואָרטלעך און וואָס ס׳הערט זיך אין די בונקערס... ווי אַזוי אַלץ האָט זיך אָרגאַניזירט — „איז מיר ממש גוט געוואָרן אויפן האַרצן״.

אבישי: כ׳בין געקומען אַהער מאָנטיק, צוויי טעג נאָך דער מלחמה... דאַן האָב איך מיט אַמאָל דערזען וואָס פאַראַ שפּאַנונג... און מ׳זאָגט מיר: פון דעם איז נישטאָ קיין ידיעה, פון דעם — יאָ. דעמאָלט איז מיר באַוווּסט געוואָרן, אַז דאָס ערגסטע אָרט צו זיין בעת אַ מלחמה, איז אין דער היים — אַ שוידער...

אמיר: פון מיין שטאַנדפּונקט, איז עס באמת פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל, דאָס וואָס דאָס לעבן דאָ גייט ווייטער אָן רעגולער. פאַראַן ווער ס׳פילט אויס זיין פליכט אין דער אַרמיי; פאַראַן ווער ס׳פילט אויס זיין פליכט אין הינטערלאַנד. אַזוי ווי דאָס ליד „ירושלים של זהב״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל פון דער דאָזיקער גאַנצער מלחמה, אַזוי זעט מיר אויך אויס דער המשך פון אונדזער לעבן — ווי אַ סימבאָל.

מנחם: די פרייד איבער די צוריקגעקומענע איז געווען גרעסער ווי דער טרויער אויף די אַוועקגעגאַנגענע, מיט דער גאַנצער אומעטיקייט. טרויעריק איז דער וואָס איז געטראָפן געוואָרן און דו קענסט מיט גאָרנישט טרייסטן די משפחות. אָבער די פרייד איבער יעדן צוריקגעקומענעם, ווען דו האָסט אין מיליטער 100 מאַן פון איין גרויסער משפחה פון 400 חברים, האָסטו בכלל נישט געקענט קאַליע מאַכן די שמחה.

אבישי: איך מיין, אַז כ׳בין דער ערשטער געקומען אַ היים נאָך דער מלחמה. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס עפּעס קומען אַלע חברים און דריקן מיר די האַנט... מ׳האָט געקענט מיינען, אַז איך אַליין האָב געזיגט אין דער מלחמה.

אמיר: כ׳האָב היינט גערעדט מיט אַ בחור פון אונדזער איינהייט. כ׳האָב אים געפרעגט: נו, וואָס הערט זיך? ער זאָגט: הער, ס׳איז שווער זיך אומצוקערן צום לעבן... בסך־הכל איז ער געווען אַ מאַשיניסט. אַ מאַשיניסט און אַן עלעקטריקער. ער זאָגט: כ׳ווייס נישט וואָס „ס׳קומט פאַר״. כ׳האָב אים געזאָגט: זאָרג נישט, ביי אונדז איז קיין איינער נישט געווען מסוגל צו קומען צו זיך, איידער ס׳איז אַדורך אַ וואָך זינט ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן... און דאָס איז אַ פאַקט. ביי אַלע איז אַזוי.

איך מיין, אַז אין דער אונטערשטער שורה, קערן זיך מענטשן צוריק צום ראַץ און צו דער קליינער ווונד. כ׳ווייס נישט צי מען קען זיי באַשולדיקן. צי קענסטו זאָגן די מענטשן אין די תל־אביבער דיסקאָטעקס — גייט נישט איצט טאַנצן, ווייל איר זענט נאָך אַ מלחמה און דעריבער גייט אין נגב?

איינע פון די סאַמע רירנדיקסטע זאַכן איז געווען די לאַגע נאָך די שלאַכטן. אַלע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט איין זאַך — זוכן קרובים, באַקאַנטע, חברים. קיינער האָט נישט געוווּסט ווער ס׳איז פאַרווונדעט, ווער ס׳איז געטראָפן... מ׳האָט געוווּסט וועגן דערהרגעטע. וועגן פאַרווונדעטע האָט מען גאָרנישט געוווּסט. גאָרנישט... מענטשן זענען געזעסן אויפן שאָסיי און געקוקט... געקוקט ווער עס גייט פאַרביי... געטראָפן חברים, געפרעגט וואָס הערט זיך... ביז מיר האָבן צונויפגעזאַמלט די ידיעות. און אויך דער צוזאַמענטרעף פון די זין פון משמר־העמק. מעגלעך, אַז דאָ בין איך

נישט אָביעקטיוו... איך גיב צו... כ'האָב אָבער געזען אַ באַגעגעניש פון קיבוצניקעס און שטאָטישע... כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ האַרציקע באַגעגעניש ווי די אַ אונדזערע. פון דעם שטאַנדפּונקט איז ממש „גוט געווען אויף דער נשמה"..

ח נ ן: היינט „לאָזט מען זיך אַראָפּ" פון די קורצע היסטאָרישע טעג אינעם וואָכעדיקן לעבן. דאָס וואָכעדיקע לעבן זעט אונדז היינט אויס ווי אַ פאַרנעמען זיך מיט קליינינקייטן. אָבער ווען מיר האָבן זיך געפונען אין דער מלחמה, דאַן האָבן די היים און די אַלטע זאַכן אויסגעזען ווי אַן אידיליע. און דער אמת איז ערגעץ ווו אינמיטן.

כאַראַקטער און חשבון הנפש

פון אַ שמועס אין קיבוץ גבעת־חיים (איחוד)

י ו ס י: — — — די זאַך איז שוין אָפּהענגיק אינעם כאַראַקטער פון מענטשן. אויב ער האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וועט ער אַן פּראָבלעמען הרגנען דעם אַראַבער, וואָס שטייט אַנטקעגן. ער ווייסט, אַז אויב ער וועט אים נישט הרגנען — וועט יענער הרגנען אים. דאָס איז אַן ענין וואָס איז אָפּהענגיק פון כאַראַקטער. איינער פון די אַקאַדעמיקער, צום ביישפּיל, בין איך נישט זיכער צי ער וואָלט אויף אים געשאָסן. ער איז נישט פאַרן מיליטער... ער וואָלט געטראַכט צוויי מאָל צי ער זאָל אים דערהרגנען... צי ער האָט דעם פאַראָל, אָדער ער האָט נישט דעם פאַראָל, צי זאָל ער אים זאָגן ער זאָל אויפהויבן די הענט, אָדער נישט אויפהויבן די הענט...

ע מ ר ם: אינטערעסאַנט, דו זאָגסט „אַקאַדעמיקער" און איך האָב געהערט זאָגן אַ טאַנקיסט: „ווער ס'האָט מיך צוממיינסטן אויפגערעגט אין דער דאָזיקער מלחמה — דאָס זענען געווען די דאָזיקע קיבוצניקעס. יעדעס מאָל ווען זיי האָבן באַדאַרפט הרגענען, אָדער עפּעס צעשטערן, הייבט זיי דעמאָלט אַן פּלאָגן דאָס געוויסן. איז עס יושרדיק אָדער נישט יושרדיק'... דו זעסט? דו זאָגסט אַקאַדעמיקער; ער זאָגט קיבוצניק...

א ר י ה: אַן אַקאַדעמיקער קען אויך זיין אַ קיבוצניק... דאָס הענגט אָפּ פונעם כאַ־ראַקטער פון מענטשן.

א מ י ת י: — די עיקרדיקע פראַגע איז, ווו איז דער דאָזיקער גאַנצער ענין... ביי וועלכן פונקט גרייכט דעם מענטשן זיך צו דערהייבן איבער דעם דאָזיקן קליינעם ענין... וואָס איז שוין גאָרנישט קיין קליינער... ביי וועלכן פונקט גרייכט אים צו טראַכטן וועגן דעם, אַז ער איז דאָך אַ שליח פון צה"ל און אַ שליח פון מדינת־ישראל... איך זאָג: קיינער טראַכט נישט וועגן דעם... אָבער ביי וועלכן פונקט ווירקט דער דאָזיקער ענין?

ע מ ר ם: נאָדי האָט דערציילט, אַז אויף אַ געוויסן אָרט אין דער אַלטשטאָט איז עמעץ

אַריין אין אַ הויז... כ'ווייס נישט צי ער איז געווען פלינק, אָדער ער איז נישט געווען פלינק, אַלנפאַלס, איז אים געלונגען צו כאַפּן אַ סנייפּער און ער האָט אים געבראַכט צו דער חברה... זיי האָבן זיך אויף אים געוווּנדערט... ווי אַזוי נעמסטו עפּעס אַ סנייפּער אַ לעבעדיקן? ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען און זיך פאַרענטפערן... אַז כ'האָב אים טאַקע געוואָלט הרגענען און איך בין נישט שולדיק... דאַן האָט חברה געזאָגט: מ'האָט אפשר באַדאַרפט אים אויסענדיקן פריער, נאָר אויב ער איז שוין דאָ, דאַן דאַרף מען אים אָפּלאָזן. אַזוי, אַז אויך די עפנטלעכע מיינונג איז אַ זייער ערנסטער פּאָזי־טיווער פאַקטאָר.

ח נ ן: דאָס איז אַן ענין פון אַטמאָספער... פאַרשטייט זיך, אַז אַן אַטמאָספער ווערט באַווירקט פון מיינונגען... פון פריערדיקע דערשיינונגען... אַטמאָספער איז נישט קיין ענין וואָס ווערט באַשטימט אין 5 מינוט... אַטמאָספער ווערט באַשטימט, איך ווייס עס ווייל נאָך בעתן גרייטקייט־צושטאַנד האָט מען מיר געזאָגט... דורך דעם וואָס חברה האָט געפילט נאָך אַ סך פריער, אַז מדינת ישראל שטייט פאַרן אומקום אָדער עפּעס אַזעלכעס... דאָס אָ שאַפט ביסלעכווייז די אַטמאָספער און צום סוף דערגייט מען צום קליינעם פּרט, וואָס דאַרף אַנטשיידן ווערן אַהין אָדער אַהער. און דאָס שעפּט כלומרשט אויס די געפילן פון דער אַטמאָספער, דאָס דריקט אויס די אַטמאָספער. איך זאָג נישט, אַז בעת דער שלאַכט טראַכט דער זעלנער, אַז ער דאַרף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד... כ'זאָג אָבער, אַז מיט דעם וואָס ער הרגעט, איז אין זיין אונטער־באַוווּסטזיין פאַראַן אַ ווירקונג פון דער אַלגעמיינער אַטמאָספער, אַז מען דאַרף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

א ר י ה: פונעם מאָמענט ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'וועט אויסברעכן אַ מלחמה, האָט חברה געוואַרט און ס'איז געווען שפּאַנונג און ס'איז געווען דערוואַרטונג... חברה איז אַריין אין אַזאַ מין אַפּאַטיע... איך מיין, אַז אויך אונטער דער ווירקונג פון זייערע באַדינגונגען דאָרטן... און אויך ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס וועט געשען... געווען אַ מין אַטמאָספער פון משלים זיין און פון גלייכגילט — אויב ס'וועט געשען, וועט געשען... מיר וועלן גיין צו דעם... ביז צו דער סעקונדע, ווען מיר האָבן אַטאַקירט מיטן דריקן אויפן צינגל פון געווער, האָט געהערשט אַ מין אַפּאַטישע שטימונג... אַ לונאַטישע... האָסט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר, אָבער... האָסט געגלייבט... האָסט געוווּסט... ס'איז געווען קלאָר... ביסט אָבער געווען אין אַזאַ אומבאַשטימטער אַט־מאָספער... ס'האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשטיין. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן — האָסטו דערוואַכט... אין די ערשטע סעקונדעס פון דער שלאַכט טראַכסטו נישט... האָסט נישט קיין צייט צו טראַכטן... דאָ ווירקן דער עיקר אינסטינקטן. דו ווייסט, אַז דו דאַרפסט לויפן פאָרויס... אַטאַקירן און שיסן... נישטאָ כמעט קיין צייט צו טראַכטן. איך מיין נישט, אַז עס האָט ווער באַוויזן צו טראַכטן... מען טראַכט פאַר דעם... בעת דער שלאַכט גופא — נישט...

ח נ ן: אין דער אמתן גייט דיך קיין שום זאַך נישט אָן... שמוץ... אומריינקייט... דאָס עסן איז שוין נישט אַזוי גוט... און די זון... ס'אַרט דיך גאָרנישט... און ס'הייבן אָן זיך אויסצוקריסטאַליזירן גאַנץ אַנדערע ווערטן... דו פאַרשטייסט? דאָס זענען די באַציונגען מיט חברים... דאָס איז אפשר נישט געקומען אַזוי צום אויסדרוק, ווייל ס'איז געווען אַ קורצע מלחמה... איך ווייס, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה איז געווען אַ שיין

ביסל לענגער... און דער דאָזיקער ענין, אַז ס'איז שווער דערנאָך זיך אומצוקערן צום נאָרמאַלן לעבן... אויך דאָס קומט נישט אַזוי זיך... כאָטש כ'האָב עס אַ ביסל געפילט... דער ענין אָבער, אַז מיר זענען דאָרט געווען אין שרעקלעכע באַדינגונגען... אַ צוויי וואָכן, ממש אַ מין לעבן פון קרעטן... צוויי מעטער אונטער דער ערד... און זאַמד... די גאַנצע צייט זאַמד... און שמוץ, עפּעס אומנאָרמאַל... מען שוויצט... אין אַ געוויסן עטאַפּ, ווען מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די מלחמה האַלט אין אויסברעכן, דאַן האָבן אַנדערע זאַכן אונדז אָנגעהויבן צו זיין פיל פיל טייערער ווי ריינקייט, עסן און גוטע באַדינגונגען... למשל, באַציונגען מיט חברים, באַציונגען מיט קאָמאַנדירן... אַלערליי זאַכן וואָס ס'איז שווער... זיי קומען נישט אַזוי צום אויסדרוק אין די געוויינלעכע באַדינגונגען פון לעבן. אין באַצוג צו די אַנדערע ווערטן וועלכע מיר זוכן אין געוויינלעכן לעבן — און אַפילו אין געוויינלעכן לעבן אין מיליטער, אין די איבונגען, לאָמיר זאָגן, ווי בעסערע באַדינגונגען איך ווייס?... נעמען אַ טוש... זיין ריין, עסן גוט, עסן באַקוועם — די דאָזיקע אַלע קליינִיקייטן, אין דער צייט פון גרייטקייט, האָבן אַזוי ווי פאַרלוירן פון זייער ממשותדיקן ווערט, אָדער זענען נישט געווען אַזוי וויכטיק ווי די באַציונגען צווישן חברים און העלפן איינער דעם צווייטן... ביי אונדז אין דער אָפּטיילונג, אָדער לכל הפחות אין אונדזער סעקטאָר, ווייס איך, אַז דאָס איז געווען זייער שטאַרק... דו ווייסט וואָס דאָס איז? מען פלעגט אין די אָוונטן זיצן שעהען און סתם רעדן... דאָס וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן, ווי אַזוי בינדט זיך דער דאָזיקער ענין, וואָס אויבנאויפיק זעט עס אויס אַ ביסל סתירותדיק, וואָס חברה איז געווען אַ ביסל פאַרמאַכט אין זיך... זיי האָבן אַ סך געטראַכט און זיך אַ ביסל אָפּגעשלאָסן אין זיך... און דווקא דער ענין, וואָס יעדער איינער, למשל, האָט געוווּסט, אַז אויך דער צווייטער געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע... וואָס איך האָב געוווּסט, אַז אויך דער וואָס זיצט מיט מיר צוזאַמען אין דער פּאָזיציע... אַ פאַקט, אַז יעדער איינער האָט געוווּסט, אַז אויך דער צווייטער איז פאַרשלאָסן אין זיך... און איך גלויב, אַז דאָס דאָזיקע געפיל צו זיין אָפּגעשלאָסן איז עטוואָס שווער, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט העלפן דעם צווייטן. וואָס שייך דער שלאַכט גופא, האָב איך מיט עטלעכע וואָכן צוריק געלייענט, אַז דער עיקרדיקער, וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן דער ישראלדיקער אַרמיי און דער מצרישער אַרמיי... פאַר וואָס אַנטלויפט די מצרישע אַרמיי? פאַר וואָס אַנטלויפט דער מצרישער זעלנער? ווייל ער ווייסט, אַז אויב ער וועט פאַרוווּנדעט ווערן — וועלן זיינע חברים אים נישט העלפן און אים לאָזן אַליין אויפן אָרט... טאָ פאַר וואָס זאָל ער קעמפן פאַר זיין חבר, אויב דער חבר זיינער קעמפט נישט פאַר אים?... אַנטקעגן דעם ווערט אין דער ישראלדיקער אַרמיי געזאָגט גענוי דאָס פאַרקערטע... אַ זעלנער זעט, אַז אַלע זיינע חברים קעמפן — וועט אויך ער קעמפן... אין די דאָזיקע אַנדערטהאַלבן שעה פון דער שלאַכט געדענק איך שוין נישט קיין סך וואָס כ'האָב געפילט... איך געדענק וואָס ס'איז געווען... כ'געדענק גענוי וואָס ס'איז געשען... לעבן וועמען כ'בין פאַרבייגעגאַנגען... ווען איך האָב געשאָסן... ווען כ'האָב נישט געשאָסן... כ'געדענק גענוי... אָבער וואָס כ'האָב געפילט? — דאָס בין איך בשום אופן נישט מסוגל צו זאָגן. כ'ווייס נאָר: אַלע האָבן געקעמפט... אַלע זענען געלאָפן... אַלע האָבן זיך איינגעשטעלט... כ'געדענק אַפילו איין פאַל... דווקא אַ בחורל וועמען מ'האָט אַראָפּגענומען אַ פוס... ביידע האָבן מיר געקניט, איינער לעבן צווייטן...

און איך געדענק ווי כ׳האָב צו אים געשריגן: „לייג זיך! אידיאָט, וואָס קניסטו?״ אויך איך בין געבליבן אַ קניענדיקער. קיין איינער האָט נישט געוואָלט זען ווי זיינע חברים פאַלן. איך בין בשום אופן נישט פעיק צו דעפינירן וואָס כ׳האָב געטראַכט, וואָס כ׳האָב געפילט אויף דער ליניע גופא. כ׳האָב אויך נישט געטראַכט. וואָס ס׳איז יאָ קלאָר, איז, אַז אין דער שלאַכט וואַרט אַ זעלנער אויף באַפעלן. אין מאָמענט ווען דער שטראָם באַפעלן ווערט איבערגעהאַקט... דאָס האָט מען אונדז שוין געזאָגט אַ סך פריער, אַז ווער ס׳וואָלט בעת דער שלאַכט געבליבן אַליין אַ פינף מינוט אין דער פּאָזיציע... וואָלט מער פון דאָרט זיך נישט אויפגעהויבן... דאָס, אַז דו קענסט בכלל זיין אויסער זיך, אַלץ טאָן אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן — דאָס אפשר איז דאָ אַנט־שיידנדיק.

עמרם: אריה האָט פריִער דערמאָנט... דאָס געפיל שוין נאָך דער שלאַכט... אַ צונויפֿגעשטעלט מיט ציווילע... צי דאָס איז, לאָמיר אָננעמען, אַל־עריש, אָדער אַנדערע ערטער... שווער צו זאָגן, אַז דאָרט ווירקט שוין דער מענטש לגמרי אויטאָמאַטיש, כאָטש דאָס איז אין סאַמע מיטן פון דער מלחמה... די פראַגע איז, אויב ער איז אין אַזאַ לאַגע פעיק צו באַפרייען די געדאַנקען, די געפילן, זיין אורטיילן פון די אויטאָמאַטישע רעאַגירונגען בעת דער שלאַכט... צי איז עס בכלל גוט צו באַפרייען?...

חנן: אויך דאָרט זענען געווען באַפעלן.

עמרם: די פראַגע איז, צי דעמאָלט לייגסטו זיך שוין איבער... און די פראַגע איז צי דיין איבערלייגן זיך איז אָפגעטיילט פונעם באַפעל... פון דעם באַוווסטזיין, אַז דו דאַרפסט אויספירן אויטאָמאַטיש וואָס מ׳האָט דיר געהייסן טאָן... ווייל אריה האָט געזאָגט, אַז ער האָט געפילט אַן ענלעך געפיל צו דעם וואָס ס׳איז געשען אין דער מלחמה...

אריה: — ...בנוגע דעם דאָזיקן פונקט. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן זיין דער גאַרניזאָן אין אַל־עריש. דאָס זענען שוין געווען דערפאַרענע שלאַכטלייט... מ׳רעדט שוין ווי שלאַכט־וועלף... מען קומט צו צו דער שטאָט — ווייזט זיך אַרויס, אַז דו דאַרפסט דאָרט אָפּרייניקן אַ קוואַרטאַל... און מ׳ווייסט, אַז עס זענען פאַראַן אין שטאָט געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע... אין אום־כּתף* זענען מיר געווען די דריטע אָפטיילונג, וועלכע האָט געקעמפט כמעט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה... איז אין אַל־עריש האָבן מיר באַדאַרפט זיין דער אַוואַנגאַרד... דערצו נאָך האָב איך געהערט צו דער ערשטער גרופּע... מיר זענען געלעגן ממש אויף דער ערשטער ליניע. אויך דעמאָלט, דאָס זעלבע געפיל... מיר זענען געלעגן און געלעגן... אפשר רופט מען דאָס שרעק... איך ווייס נישט... אָבער דאָס איז נישט קיין אָנגענעם געפיל. דו ווייסט, אַז מיט צוויי טעג צוריק זענען חברים דיינע דערהרגעט געוואָרן... און דו האָסט ווי ס׳איז געדאַנקט גאָט, אַז דאָס האָט אויך דיך נישט געטראָפן... אַז דו ביסט נישט דערהרגעט געוואָרן... און איצט ביסטו פּלוצעם אין אַל־עריש און דאַרפסט קעמפן... — אפשר דווקא

* אַ מצרישע פּאָזיציע אין מזרח־סיני וווּ ס׳איז פאָרגעקומען אַ שווערע שלאַכט ביים אָנהויב פון דער מלחמה.

אין דעם מאָמענט, נישט אַזוי ווי פאַר אום־כּתּף, דווקא אין דעם מאָמענט האָב איך געמאַכט דעם חשבון־הנפש. נאָך דעם זענען מיר אַריין אין דעם קוואַרטאַל און געזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין ווידערשטאַנד... פאַראַן ווייסע פענער... און ס'איז געווען אַזאַ אַנטלאַסטונג... אַ נישט נאָרמאַלע אַנטלאַסטונג... ממש...

חנן: איך וויל עפּעס זאָגן לגבי דער ציווילער באַפעלקערונג. איך מיין, אַז אין מיינע געפילן איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד כּלפּי די אַראַבערינס מיט די קרוגן אויף די קעפּ, וואָס כ'האָב דאָרט געזען, און מיין באַציונג... איך ווייס ?... מיין באַציונג צו דער הויז־באַלעבאָסטע אין תּל־אביב... כ'האָב נישט געפילט קיין שום שׂנאה...

אריה: מיין באַציונג האָט זיך געגרענעצט מיט רחמנות. אַ מין רחמנות... נישט קיין רחמנות אויף אַ שטאָלצן מענטשן, וועלכן מ'האָט דערנידעריקט, נאָר רחמנות אויף אַ געפאַלענעם מענטשן וועלכן מ'האָט נאָך מער און מער דערנידעריקט... אַ מענטש וואָס הייבט פּלוצעם אָן שרייען: „יעיש * בן־גוריון... יעיש דיין..." מ'טוט מיט אים וואָס מ'וויל. זיי זענען ממש ווי בעלי־חיים. איך האָב איין געלעגנהייט... ס'איז מיר שווער צו פאַרגעסן. מיר האָבן אַרויסגענומען אַ משפּחה און געווען אַ מאָמענט, ווען די גאַנצע חברה האָט דורכגעפירט אַ רעוויזיע ביי די מענטשן און איך האָב דאָרט געכאַפּט אַ בליק מיט איינער אַ מיידל... כ'האָב איר געקוקט אין די אויגן... און וואָס איז דאָ דאָס אויסטערלישע ? באמת, זי און איך האָבן צו זיך גאָרנישט. נישט נאָר דאָס, נאָר ס'איז נאַטירלעך, אַז זי דאַרף מיך האַסן. דו פאַרשטייסט ?... און איך ווייס נישט... אַזאַ מין בליק פון פּחד... אַזאַ בליק פון אַ מענטשן וואָס זיצט אויף דער ערד, האַלט די פּיצלעך קינדער אין האַנט און קוקט מיט די אויגן... אַזאַ רחמנות...

מיט געמישטע געפילן

פון אַ שמועס מיט אשרן (קיבוץ משמר־הנגב)

א.: אַ סך עגיפּטער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די זאַמד־דיונעס. מיר זענען כּמעט געבליבן אָן וואַסער, פון דעסטוועגן האָבן אונדזערע זעלנער געגעבן צו טרינקען פון זייערע וואַסערפלעשער די עגיפּטער, וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון דאָרשט. פונעם ערשטן טאָג פון די שלאַכטן זענען זיי געגאַנגען צווישן די בערגלעך, אין די זאַמד־דיונעס און געווען אין גאַנצן דערשעפּט. זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין כּוח און דאַן האָבן זיי באַשלאָסן אַרויפצוגיין אויפן שאָסיי און פון פאַרצווייפלונג זענען זיי געגאַנגען לענג אויס דעם שאָסיי. ס'איז געווען אַ באַפעל צו העלפן זיי וויפל ס'וועט זיך לאָזן. העלפן זיי אַריבערצוגיין אויף יענער זייט פון קאַנאַל. איך געדענק, מיר זענען

---

* זאָל לעבן ! (אַראַביש).

געפאָרן לענג אויס דעם דאָזיקן שאָסיי אין דער ריכטונג פון קאַנטאַראַ* און מיר דערזעען אַן עלטערע פרוי מיט אַ מיידעלע אויף די הענט און איר מאַן און נאָך אַ קליין קינד. מיר זענען געפאָרן מיט אונדזערע אויסשפּירערס, דאָס איז אַן איינהייט וואָס האָט זייער שווער געליטן אין דער צייט פון קריג, געהאַט אַ סך געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. זיי האָבן שווער געקעמפט. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן מיט די דזשיפּן און ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער פרוי מיטן קינד — האָסטו געהאַט אַ געפיל, אפשר זאָלן מיר זיי דאָך נעמען. אַזוי האָב איך זיך געטראַכט. כ'האָב זיך איבערגעצייגט, אַז צו דעם געפיל זענען געווען אַ סך שותפים; דער ערשטער דזשיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפאָרן אַ ביסל אויף צוריק און אויפגענומען די פרוי מיטן קינד. דעמאָלט האָב איך געזען, אַז דאָס זעלבע שלאָגן זיך מיט דער דעה איז פאַראַן ביי יעדן איינעם. מיר האָבן נישט געהאַט קיין סך אָרט, דער דזשיפּ איז געווען זייער באַלאָדן. פון דעסטוועגן האָבן מיר גענומען די פרוי מיטן מיידעלע און דעם מאַן מיטן קינד. אַלע האָבן מיר אַרויסגענומען צוקערלעך און געגעבן די קינדער. דעם מאַן מיט דער פרוי האָט מען געגעבן וואַסער, אויך די קינדער האָט מען געגעבן וואַסער. די קינדער האָבן ליבערשט געוואָלט צוקערלעך ווי וואַסער. אַז מיר זענען אַזוי אָפּגעפאָרן אַ צוויי קילאָמעטער, איז אַנטקעגנגעקומען אַן אַרויסציער־זחל"ם וואָגן פונעם מיליטערישן וואַרשטאַט, און אינעווייניק איז געזעסן נאָר דער שאָפער. און ער זאָגט: חברה, וואָס טוט איר? איך קום צו אייך בעטן הילף, מ'האָט אויף מיר געשאָסן און איר נעמט איצט עגיפּטער ווי טרעמפּיסטן? אין מאָמענט ווען ער האָט דאָס געזאָגט און מיר האָבן זיך געלאָזט זוכן ווער ס'האָט געשאָסן אויף דעם בחור, האָט זיך דערוועקט דאָס זעלבע געפיל, דאָס זעלבע שלאָגן זיך מיט דער דעה; צי האָסטו באַקומען אַ ריכטיקע דערציונג? צי האַנדלסטו לויט פאַרעלטערטע פּרינציפּן? אָדער צי האַנדלסטו אין אַ מענטשלעכער, ניכטערער פאָרם? ווען דו קוקסט אויפן דאָזיקן אַכצן־יאָריקן בלאָנדן בחורל און טראַכסט, אַז ער האָט איצט געקענט ליגן אַ דערהרגעטער אין זיין זחל"ם, דאַן גיסטו מיט אַ מאָל אַ קוק אויף די דאָזיקע מענטשן, די עגיפּטער, וועלכע דו שלעפּסט מיט זיך און זאָגסט: צו וואָס, צו אַלדע רוחות, דאַרפסטו עס טאָן! פאַר וואָס דאַרפסטו זיין אַזוי מענטשלעך! אַזוי ווייכהאַרציק! און דאָך טוסטו עס. דאָס דאָזיקע ראַנגלען זיך מיט זיך איז ווייטער פאָרגעקומען אויך נאָך דעם ווי די מלחמה איז געווען פאַרענדיקט.

כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת. ווען איך האָב געזען די דאָזיקע גאַנצע ריי פון הונדערטער, וועלכע זענען געגאַנגען לענגאויס דעם שאָסיי, נעבעכדיק, אָפּגעלאָזענע, מיט כלערליי פּעקלעך, די זעלנער — זיי זענען געווען זעלנער — מיט עפּעס אַ פּעקל אויפן רוקן, באָרוועסע — געווען אַזעלכע וואָס האָבן שוין געהאַט ווונדן אויף די פיס, האָבן זיי אַרומגעוויקלט די פיס מיט כלערליי שמאַטעס. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען קוים געשטאַנען, דאָרשטיקע. איינער פון זיי האָט משתין געווען אין זיין וואַסערפלאַש און עס אויסגעטרונקען. ס'איז שווער געווען צו גלויבן. כ'האָב געקוקט צי דאָס איז וואַסער, צי פּישעכץ, דאָס איז געווען פּישעכץ. ביז איצט האָב איך וועגן דעם געלייענט אין ביכער. עפּעס האָט זיך ביי מיר דערוועקט אַן אַסאָציאַציע

* אַ שטאָט אויפן מזרח־ברעג פון סועץ־קאַנאַל.

פון יידישן נע־ונד אין אייראָפּע און אין אַנדערע ערטער. און אויף אַ לאָגישן אופן ציסטו זיך גלייך צוריק פון דעם דאָזיקן געדאַנק, פון דעם דאָזיקן געפיל. ווי אַזוי קענסטו, גאָט מיינער, פאַרגלייכן, ווי אַזוי קענסטו פאַרגלייכן אַזאַ זאַך. אָבער אינעווייניק אין דיר האָט זיך דערוועקט אַ געפיל, אַז ס'איז דאָך נישט צום פאַרגלייכן צו דער וואָגלעניש און דיליידן פון די יידן. דאָס דאָזיקע שלאָגן זיך מיט דער דעה, מיין איך, האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט — העלפן זיי, אָדער זיי נישט העלפן? דו זעסט אַ זעלנער, אַ דערוואַקסענעם, ער גייט, קוים וואָס ער האַלט זיך, ער גייט ווי אַ שיכורער (דאָס איז געווען איינער פון די סימנים פון אַ זונשלאַג און פון טריקעניש), מיר קענען דאָס ביי זעלנער — און דו גייסט פאַרביי לעבן אים און ווייסט: דו לאָזט אים איבער, ער וועט פאַלן און שטאַרבן. דו גיסט אים אַ ביסל וואַסער, דו גיסט אים עסן — ער וועט זיך אָפּרוען און אפשר בלייבן לעבן. ס'איז דיר געווען קלאָר אין דעם עטאַפּ, אַז דו וועסט נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו געבן וואַסער אַלע מצרישע זעלנער וואָס זענען דאָרט געווען, בלויז אַ טייל פון זיי, די עלטערע, די אָפּגעשוואַכטע, די פאַרווונדעטע. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ זייער שטאַרק ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין. מיר האָבן זיי געהאָלפן וויפל מ'האָט געקאָנט. אָבער אויך נאָך דעם ווי מ'האָט זיי געהאָלפן, האָסטו אַלע מאָל געהערט פון אַ פאַל, ווען ס'איז געקומען אַ בחור: פון דאַנען שיסט מען אויף מיר, קומט מיר העלפן. פלוצעם ביסטו געגאַנגען און געזען, אַז צווישן די זעלבע אומגליקלעכע זעלנער וואָס דו האָסט זיך אויף זיי דאָ דערבאַרעמט, זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געעפנט אַ פייער.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַן אָאַזיס. פון אַ גרויס הויז זענען אַרויסגעגאַנגען אַ סך מצרישע זעלנער. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דרויסן אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן, אויפגעהויבן די הענט און דאָס איז עס. מיט אַ מאָל, געווען דאָרט איינער פון די וואָס זענען געשטאַנען. איך האָב געזען, אַז קוים וואָס ער שטייט אויף די פיס, אַז ער וועט אַנידערפאַלן. ער האָט געהאַט אַן אייטערדיקע וווּנד אין רעכטן פוס. כ'האָב אים צוגערופן, געהייסן זיך אַוועקלייגן (דעמאָלט, אין מיטן דער מלחמה, זענען מיר געווען פאַרפאַסקודיעט — דאָס איז טאַקע געווען נאָך דער מלחמה, נאָר מיר זענען געווען אין גאַנצן פאַרשמוצט — כ'בין געווען מיט געווער, אויסשטאַטונג און פּאַקטיש האָט קיינער פון די מצרישע זעלנער, אויך אַנדערע זעלנער האָבן קוים געוווּסט, אַז איך בין אַ דאָקטער). ווען כ'האָב אים אַ רוף געטאָן, איז אַ ביסל שטילער געוואָרן אין אַלע שורות פון די מצרים. זיי האָבן געמיינט, אַז עס וועלן זיין עקזעקוציעס, אָדער עס וועט פאָרקומען עפּעס ערנסט. פלוצעם זעען זיי, אַז איך לייג אים אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע, עפן עפּעס אַ זייטיקע טאָרבע, נעם אַרויס באַנדאַזשן, נעם אַרויס אַלקאָהאָל, רייניק אים אויס די וווּנדן, פּרווו דאָרט פאַרריכטן וואָס עס לאָזט זיך און בין זיך מיט אים מטפל און מיט אַ מאָל האָבן זיי דערזען אַזוינס, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען. אַ ישראלדיקער אָפיציר בייגט זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, פאַרנעמט זיך מיט אַ מצרישן געוויינלעכן זעלנער, אַ פאַרפאַסקודיעטן, אַ שמוציקן, פול מיט אייטער, אין דער צייט ווען דער דאָזיקער אָפיציר און דער דאָזיקער זעלנער זענען זיך פיינט. דאָס איז עפּעס וואָס איז אויסער זייער פאַרשטאַנד. און אַזוי ווי ס'איז פריער געווען אַ שטילקייט פון סעקונדן, האָבן זיי מיט איין מאָל אַלע אויסגעבראָכן אין געשרייען: „יעיש ישראל!״ פון איין זייט איז עס געווען עקלהאַפט,

און פון דער צווייטער זייט איז עס אפשר געווען די איינציקע געלעגנהייט וואָס כ׳האָב דערפילט עפּעס אויפריכטיקס אין דעם דאָזיקן געשריי. אַזאַ בילד האָב איך נאָך נישט געזען. און ס׳איז געווען אַ געמישט געפיל. פון איין זייט עקלהאַפט ווי אַזוי זיי פירן זיך און ווי אַזוי זיי פאַרמאָגן נישט קיין טראָפּן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, און פון דער צווייטער זייט האָסטו געזען, אַז זיי זענען נישט געוווינט צו אַזאַ באַציונג. וויפל ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, האָבן מיר געפּרוווט זיי העלפן און זיך פאַרנעמען מיט זיי. אָבער אַפילו ווען מיר האָבן דאָס געטאָן, איז געווען אַ זייער געמישט געפיל.

דוד: אויסער דער שטאַרקער איבערלעבונג אין ירושלים, צי האָט איר געהאַט נאָך גרויסע מאָמענטן?

א.: איינער פון די גרויסע מאָמענטן איז געווען, ווען מיר זענען צוגעקומען צום קאַנאַל. דאָס דאָזיקע געפיל, אַז דו האָסט פאַרענדיקט די אויפגאַבע, דאָס געפיל פון אומגלויבלעכן, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין אַזאַ קורצער צייט. זע, דאָס זענען אַ סך געפילן צוזאַמען.

דוד: וואָס איז דאָס געפיל פון אַ זיגער?

א.: די זאַך איז די, אַז דו גיסט דיך נישט אָפּ דער דאָזיקער געשעעניש, דו זעצסט זיך נישט אַוועק און זאָגסט: „איך בין דער זיגער". דאָס איז אויסגעמישט מיט אַנדערע געפילן. דעמאָלט, למשל, בין איך געווען פאַרנומען מיטן אידענטיפיצירן די געפאַלענע. וואָס פאַראַ שוידערלעכע אַרבעט דאָס איז, קען איך דיר אַפילו נישט פאַרשטעלן. ווען דו דערקענסט די דאָזיקע טויטע, וועלכע זענען געווען צעריסן און פאַרברענט אין אַ שוידערלעכער פאָרם. און דערביי בין איך געווען באַשעפטיקט. און ווידער, שטענדיק צום שלימזל, קענסטו זיך נישט אָפּגעבן, פון שטאַנדפּונקט פון געפיל, נאָר צו איין געשעעניש. דיין געפיל איז תמיד צעדריבלט צו כלערליי אַנדערע אויפגאַבן. אַלנפאַלס, אין מיין ראָלע. מ׳האָט אונדז געבערענגט טויטע, וואָס ס׳איז אוממעגלעך געווען זיי צו אידענטיפיצירן.

דוד: וואָס איז פאָרגעקומען ביי דיר, ווען דו האָסט דערזען חברה וואָס דו קענסט?

א.: קודם כל איז עס אַ ווייטיק. אין אָנהייב איז אויך שווער צו גלויבן. דערפאַר וואָס דו האָסט זיי געזען אַ ביסל פריער, אַ טאָג פריער, טייל מאָל שעהן פאַר דעם, און איצט זעסטו זיי דאָרט ליגן און טייל מאָל איז דער קערפּער, אויסערלעך, גאַנץ. דאַן איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס איז ער, אַז אַזוי האָט זיך עס איבערגעהאַקט. דאָס קען נישט זיין. דעמאָלט פלעג איך תמיד — איך קען עס דיר אויסזאָגן — צוגיין און זיך גוט־גוט איינקוקן, אפשר איז עס דאָך נישט אַזוי. טראָץ דעם וואָס, לאָגיש גענומען, האָב איך געוווּסט. און אין מאָמענט, ווען כ׳בין געגאַנגען, האָב איך געזאָגט, וואָס פאַראַ נאַרישקייט גייסטו אָפּטאָן. דאָס קומט דאָך נישט אין באַטראַכט. דאָס איז איין געפיל, אַ געפיל פון אומגלויבלעכקייט. דערנאָך — דער ווייטיק, ס׳איז אַ שרעקלעך געפיל. איך האָב זיך פאַרנומען מיט פאַרוווּנדעטע אָן פּראָבלעמען. נישט נייטיק צו דערציילן דיר שוידערלעכקייטן — וועגן צעבראָכענע פיס, צעבראָכענע הענט און וואָס נאָר דו ווילסט. איך האָב זיך מיט זיי פאַרנומען ממש אָן פּראָבלעמען, פשוט דערפאַר ווייל כ׳בין דערצו געווויינט. אפשר, אין ערשטן מאָמענט צו... אָבער נאָך אַ פּערטל

שעה האָסטו אַלץ פאַרגעסן און טוסט אויף אַ מעכאַנישן אופן. אפשר איז דאָס אונדזער פּאַרטיידיקונגס־מיטל, קען זיין, אָבער דו טוסט אויף אַ מעכאַנישן אופן. אָבער ווען דו זעסט די חברה וועלכע דו קענסט — איז עס זייער שווער, זייער שווער. טייל מאָל פּלעגט זיך דיר פאַרכאַפּן דער האַלדז און ס׳איז דיר פּשוט שווער געווען צו רעדן. וואָלט איך געקענט וויינען, וואָלט עס געווען אויסגעצייכנט, ס׳איז אָבער געווען אומ־מעגלעך.

דוד: איצט, נאָך צוויי חדשים, וואָס פאַראַ ענדערונג איז פאַראַן אינעם געפיל לגבי די געפאַלענע? ווי אַזוי אָרדנסטו זיך איין איצט מיט די דאָזיקע דערמאָנונגען? צי מאַטערט עס, אָדער צי איז עס באַגראָבן?

א.: לגבי די וועלכע כ׳האָב געקענט, — האָט דאָס געפיל פּאַקטיש זיך נישט געביטן. יעדעס מאָל ווען כ׳דערמאָן זיך אין זיי, איז תמיד פאַראַן דאָס זעלבע געפיל פון אַ לאַסט, פון שווערקייט, פון ווייטיק. און לגבי די, וועלכע כ׳האָב נישט געקענט, איז אין יענעם מאָמענט דער ווייטיק געווען אַ טיפער. היינט ווערט ער ווייניקער...

דוד: וואָס האָסטו געפילט, זעענדיק די מצרישע טויטע?

א.: דעם גאַנצן שוידער פון דער מלחמה האָב איך געפילט, ווען כ׳האָב געזען די אַלע מצרישע הרוגים, וואָס זייער צאָל איז געווען אַזוי גרויס. די צאָלן זענען דאָך געווען זייער ערנסטע. און דו האָסט געזען יונגע און עלטערע. און טייל מאָל האָט דער דאָזיקער אינערלעכער אימפּולס — כ׳ווייס נישט ווי אַזוי עס צו דערקלערן — דיך געפירט צו גיין אַהין און זוכן און זען צי ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ פאָטאָגראַפיע. צי ס׳זענען פאַראַן קינדער, צי ס׳איז דאָ אַ פרוי, צי ס׳זענען פאַראַן אַנדערע זאַכן. אויב דו האָסט דאָס דערזען, האָסטו עס תיכף אָפּגעלאָזט. פּשוט, ס׳ווילט זיך נישט אַנרירן, ס׳ווילט זיך נישט טראַכטן וועגן דעם, ס׳ווילט זיך נישט באַשעפטיקן מיט דעם, גלייך ווי נישט איך האָב עס געטאָן, נישט איך בין דערין שולדיק. אָבער דאָס איז זייער געוויינלעך. פאַקטיש האָסטו געהאַט כלפּי זיי אַ געפיל, פונקט ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען אין דעם אַלעמען וואָס ס׳איז געשען.

און איצט וואָס שייך מיר: ווידער ענדערט זיך דאָס געפיל כלפּי אַן איינצלנעם מענטשן. צום ביישפּיל, אויב אַ מצרישער זעלנער איז געווען פאַרוווּנדעט, האָבן מיר זיך מיט אים פאַרנומען און געטאָן אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט טאָן. מיר האָבן געטאָן דאָס מאַקסימום. ווען ער איז געשטאָרבן פון זיינע ווונדן, האָב איך געהאַט כלפּי אים אַ געפיל — איך קאָן אים טאָקע נישט — כ׳האָב אָבער געהאַט צו אים אַ געפיל ווי צו יעדן קראַנקן, ווי צו יעדן פאַרוווּנדעטן מיט וועלכן איך פאַרנעם זיך אין שפּיטאָל, נישט קענענדיק אים.

— — — און אַז דו פאַרסט טעג, אפשר מער פון אַ וואָך, פאַרסטו די גאַנצע צייט לענג אויס קילאָמעטערס און דו האָסט פאַר זיך נאָר איין בילד: זאַמד, צעשטערטע וואַגנס, אין גאַנצן פאַרקוילטע, און די טויטע קערפּערס, און טאָג־און־נאַכט דאָס זעלבע בילד, דאָס זעלבע בילד, אין משך פון אַלע נסיעות וועלכע דו מאַכסט דורך, דאַן הייבסטו זיך אָן צוצוגעוווינען און אָנצונעמען דאָס ווי אַ טייל פון דער לאַנדשאַפט. דו טראַכסט נישט וועגן דעם. דו ביסט מיד, ביסט אין שפּאַנונג, דו... אָבער דו טראַכסט נישט וועגן דעם אַלעמען.

אַ פּאַסקודנע געפּיל

פון אַ שמועס אין קיבוץ גת

שלומית: ווי אַזוי איז געווען דאָס געפּיל ווי אָקופּאַנטן (אין עזה)? ווי איז מען דאָס בייגעשטאַנען?

דן: דאָס געפּיל פון אַן אָקופּאַציע־אַרמיי איז אַן אומגעוויינלעך פּאַסקודנע געפּיל.

אמנון: אין סיני — אין דער פריערדיקער רונדע* — בין איך געווען אין עזה. און כ׳געדענק נאָר איין בילד... דאָס בילד איז געווען אַזאַ: מיר זענען דורכגעפאָרן די הויפּט־גאַס און די חברה — די איינוווינער — זענען געשטאַנען אין די איינגאַנג פון די הייזער און האָבן אַפּלאָדירט אין אַ פּאַמעלעכן, אַ מין אויפגעצוווּנגענעם טעמפּאָ. דאָס איז געווען ממש אַ פּאַסקודנע בילד... כ׳האָב זיך דערמאָנט אין די אַלע בילדער וועגן אָקופּאַציע־אַרמייען און ס׳איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך דרעקיש געפּיל.

דן: דאָס מאָל איז די לאַגע באמת געווען אַן אַנדערע ווי אין דער סיני־אַקציע. דאָס מאָל האָט עזה געקעמפּט זייער שווער און אויך שווער געליטן. ס׳זענען אויך געווען קאַמפן אין שטאָט. די שטאָט איז געווען אין גאַנצן ליידיק. ווען מיר האָבן זי פאַרנומען. אין גאַנצן אַן אָפּגעשלאָסענע. נאָכן פאַרנעמען, האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט... אַ סך פּאַטראָלירט... געווען צייטן פון אַרויסגאַנג־פאַרבאָט. און דאָס איז געווען אַ פּאַסקודנע געפּיל... איך געדענק, ווען מ׳איז געקומען ס׳ערשטע מאָל און אונדז געזאָגט, אַז אונדזער אויפגאַבע איז צו באַזעצן עזה — אין דעם מאָמענט, ספּאָנטאַניש, איז די מערהייט פון אונדז געגאַנגען און געזאָגט: לאָזט אונדז באַזעצן יעטוועדער פאַרשאַנצונג און אַלע זייערע פּאָזיציעס, אָבי נישט צו זיין קיין פּאָליציי־באַאַמטער. מיר האָבן נישט גע־וואָלט טאָן קיין פּאָליצייאישע אַרבעט.

שלומית: און דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דער אויפפירונג פון די מענטשן ווי אָקופּאַנטן? צי האָבן זיי געטאָן נאָר דאָס נויטווענדיקע מינימום און נישט מער פון דעם?

דן: די מערהייט — יאָ... געווען אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפילט זייער באַקוועם אין דער ראָלע. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען די, ווי אמנון האָט שוין אונטערגע־שטראָכן, וועמען ס׳איז נישט אויסגעקומען צו קעמפן... אָדער זיי זענען נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט צו קעמפן... און דאָס זענען מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען אַן איבערפלוס פון זיכערקייט און געוואָרן דאַרטן צו גרויסע „פייטערס״... געווען אויך אייניקע, דער עיקר מענטשן, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ מינ־דערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, און דאָס איז פאַר זיי געווען אַ געלעגנהייט צו הערשן. און איך געדענק אַ סיטואַציע, ווען מיר האָבן אין אַ געוויסן קוואַרטאַל אַדורכגעפירט אַ רעוויזיע... מיט אַ מאָל איז פון צווישן דעם המון, וועלכער איז אַזוי נאָכגעגאַנגען זעלנער אין אַ באַשטימטן אָפּשטאַנד פון זיי, אַרויס אַ פּרוי מיט קליינע קינדער און גענומען לויפן צום אויטאָבוס און אָנגעהויבן וויינען און אַ וויינענדיקע מיך

---

* געמיינט די סיני־קאַמפּאַניע אין יאָר 1956.

אָנגעכאַפּט און זיך געקלאַמערט אָן דער וואַנט פון אויטאָבוס... זי האָט געטענהט, אַז זי איז אַ מאַמע פון זיבן קינדער... זי איז געקומען צוזאַמען מיט זיי. איר מאַן איז דער איינציקער שפּייזער פון דער משפּחה, און אויב מען וועט אים היינט פאַרטרייבן קיין מצרים — איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי אויסהאַלטן און זיי וועלן אויסגיין פון הונגער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער מאָמענט. האָסט געזען, אַז חברה איז אויפגעטרייסלט און קיין איינער איז נישט געווען מסוגל צוצוגיין זי אָוועקטרייבן... קיינער פון די זעלנער איז נישט געווען מסוגל דערצו. זיי זענען געשטאַנען אין אַ זייט מיט אַ פּאַס־קודנעם געפיל. צום סוף בין איך צו איר צוגעגאַנגען און געהייסן פאַרלאָזן דאָס אָרט. ענדלעך איז אָנגעקומען אַן אָפיציר, אַ העכערער פון מיר, מיר האָבן זיך באַראָטן, אַרויסגענומען דעם מאַן פון אויטאָבוס און אים באַפרייט. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פונעם אויטאָבוס מיט דער משפּחה... אפשר איז ער געווען זיכער, אַז מיר באַפרייען אים, כדי אים ווידער צו כאַפּן... ער האָט זיך דערווייטערט... נאָך דעם ווי ער איז שוין געווען דערווייטערט אַ 20 מעטער און ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר האָבן אים אויף אַן אמת באַפרייט, האָט ער גענומען האַלדזן און קושן זיינע קינדער... דאָס איז געווען אַזאַ רירנדיק בילד... ממש רירנדיק... ווי ער האָט זיי אַרומגענומען. באַלד נאָך דעם איז צו מיר צוגעגאַנגען דער פּאַרטרעטער פונעם דיוויזיע־שעף און געפרעגט מיין מיינונג. כ׳האָב אים געזאָגט: בלויז איין זאַך בעט איך: נעמט אונדז אָוועק פון דאַנען. דאָס איז אַ דרעקישע אויפגאַבע... באמת אַן אומאַנגענעמע אויפ־גאַבע... איך בין אַ חבר פון אַ קיבוץ... דאָס איז נישט פאַר אונדזערטוועגן. מיר זענען קיין מאָל נישט דערצויגן געוואָרן צו דעם... נישט געאיבט זיך צו דעם... אפשר דאַרף מען אין דער אַרמיי אויך דערציען חברה פאַר אַזאַ זאַך, זיי זאָלן זיין דערצו פעיק... איך דאַרף דאָס נישט טאָן... ס׳איז אויך געווען אַזאַ תקופה: ס׳איז נישט געווען קיין שום געזעץ. נאָך אַ שטיקל צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געזעץ, וואָס האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן דעם מצב פון מלחמה און וואָפנשטילשטאַנד. און דאָס איז אַ נישט גוט געפיל... דאָס הרגעט דער עיקר אָוועק דעם צלם האדם... (די מענטשלעכע גע־שטאַלט) כ׳האָב געפילט אויף זיך אַליין, אַז כ׳פאַרליר די דערשאַצונג פון מענטשלעכן לעבן... כ׳געדענק ווען כ׳בין געפאָרן צום ערשטן מאָל... דאָס איז געווען צווייַ וואָכן נאָכן דעראָבערן עזה... כ׳בין געפאָרן מיט אַן אַנדערן אָפיציר. ביי אשקלון האָבן מיר געזען עפּעס אַ פור, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם פאַרקער. די פור איז געפאָרן אויפן שאָסיי. און ער זאָגט מיר: „זע דאָס געפיל — צום ערשטן מאָל ווי מען טאָר זיך נישט יאָגן ווייטער און הרגענען... פּלוצעם דאַרפסטו זיך אָפּשטעלן... דאָס איז אַ מענטש... און דו טאָרסט אים נישט אָנרירן און טאָרסט אים נישט הרגענען"... דאָס איז געווען אַזאַ מין פּלוצעמדיקער, דראַסטישער איבערגאַנג...

בושה איז דאָס פּאַסיקע וואָרט

פון אַ שמועס אין קיבוץ יפעת

אהרון: נאָכן פאַרנעמען אַן אָרט, האָבן אונדז תמיד פאַרביטן מענטשן פון אַן אַנדערער דיוויזיע, בדרך כלל עלטערע מענטשן. אין יעדן אָרט, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט, זענען זיי געקומען. און ס׳האָט שטאַרק געגרילצט דער דאָזיקער אונטערשיד צווישן אונדז און זיי.

איידער זיי האָבן אונדז פאַרביטן אין אַלט־ירושלים, זענען מיר געזעסן ממש אויף די מויערן. די דזשיפּן זענען געווען אויסגעשטעלט לענג אויס דער מויער און זיי זענען געשטאַנען אונטן. און מיר זעען ווי זייערע זעלנער דרייען זיך אַרום אין כפר־השילוח, דאָרט אונטן, אונטער אונדז, אונטער דער מויער. מיר האָבן נישט געוווּסט צוליב וואָס זיי דרייען זיך דאָרט. שפּעטער זעען מיר, אַז זיי גייען פּשוט מיט זעק אויפן רוקן. כ׳האָב ביי אַ זעלנער גענומען די ביקס און אָנגעהויבן שיסן. נישט אין זיי, נאָר עטוואָס פאַר די פיס. זיי האָבן זיך זייער דערשראָקן. מיר האָבן צו זיי גע־שריגן זיי זאָלן אַלץ ברענגען. זיי האָבן אַלע זעק אויסגעליידיקט פאַר דער מויער און מיר האָבן ווידער געשאָסן פאַר זייערע הענט, ביז זיי האָבן זיך צוריק „אָפּגעטראָגן" אין זייער לאַגער.

ס׳איז טאַקע שווער צו זאָגן, אַז ביי אונדז זענען בכלל נישט געווען... כ׳ווייס אַז מ׳האָט גענומען סיגאַרעטן און כ׳ווייס אַז מ׳האָט געגעבן אַ באַפעל אויפצוברעכן אַ שפּייז־קראָם, כדי חברה זאָל האָבן וואָס צו עסן... צום ביישפּיל, אַ קאָמפּאַניע איז געזעסן אין האָטעל „אַמבאַסאַדאָר" אין אַלט־ירושלים. און דער שעף פון דער קאָמ־פּאַניע, וועלכער איז דערנאָך דערהרגעט געוואָרן — גיורא פון קיבוץ תל־עמל — האָט זיי געזאָגט: „חברה, איר נעמט נישט קיין שום זאַך". און קיינער האָט גאָרנישט גע־נומען, אויסער די פּראָדוקטן, וואָס זענען געווען אין בופעט, אויך נישט מער וויפל מ׳דאַרף. און דאָס איז עס... בכלל, איך מיין, אַז דער גאַנצער ענין פון רויב איז זייער אָפּהענגיק אין די קאָמאַנדירן. און אונדזער קאָמאַנדיר האָט טאַקע מקפּיד געווען דערויף די גאַנצע צייט. צום ביישפּיל: אָטאָ דער קאָמאַנדיר — אַ דערציילונג וואָס מאַכט בלויז באַשיינפּערלעכער — אָטאָ דער שעף פון פּאָלק, אַ מושבניק. נאָך דעם ווי די קאַמפן האָבן זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים... דורכ־שפּאַצירט דעם גאַנצן מערבדיקן ירדן־ברעג און זיך אָפּגעשטעלט אין איינעם אַן אָרט... מיר האָבן באַקומען אויפקלערונגען וועגן עמק דותן *. מיר זענען אַרויס פון די אויטאָ־בוסן, געזעסן לעבן אַ סאָד און אַ גאָרטן פון גרינס און געהערט אויפקלערונגען און מיר זעען אַ דזשיפּ מיט אַן אָפיציר פאָרן פאַרביי. נאָר אונדז פאַרבייפאָרן אויפן שאָסיי איז אים געווען צו שווער, דעריבער איז ער אַריין אין פעלד און געפאָרן אויף דעם גרינוואַרג און צווישן די פלאַנצן, כדי אונדז פאַרבייצופאָרן. האָט דער שעף פון פּאָלק עמעצן געזאָגט עפּעס און מ׳האָט אַ ביסל אַ רוק געגעבן אונדזער אויטאָ, כדי ער זאָל נישט קענען אַרויספאָרן. אין דזשיפּ איז געזעסן אַן אָפיציר. ער האָט געזוכט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן איבער אונדז. און געזוכט... און געפונען... און גערעדט... און

---

* אין צפונדיקן טייל פון מערבדיקן ירדן־ברעג.

אַנגעהויבן בעטן און געדראָט — מיר האָבן זיך נישט גערירט... ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, און ער וואָלט אַרויס פון חברהס הענט מיט אָנגעבראָכענע ביינער. ווייל ממש, טראָץ דעם וואָס דאָס איז אַ פיינטלעכער שטח און פעלאַכן און דער טייוול ווייסט וואָס... און אין דער מלחמה זענען דאָרט דורכגעגאַנגען טאַנקען, אָבער איצט זעען אַלע, אַז ער צעטרעט אַ פעלד... ס'האָט אונדז זייער געאַרט.

ח ג י : איך קאָן דערציילן אַ קוריאָז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט. אין מיין קאָמפּאַניע איז געווען אַ רעליגיעזער קאָמאַנדיר, פון קיבוץ טירת־צבי. אין ערשטן טאָג, נאָכן דורכגיין דזשענין, זענען מיר אַרויף אויפן באַשטימטן ציל. נישט געווען דאָרט קיין איין זעלנער. מיר האָבן זיך דאָרט אַרומגעגראָבן, ווייל ס'זענען געווען באַריכטן, אַז מיר קענען באַשאָסן ווערן פון גראַנאַטן־וואַרפּערס. מיר זענען געזעסן אויף דער פּאָזיציע ביז די שפּעטע נאַכט־שעהן, און גאָר שפּעט האָט מען אונדז איבערגעפירט אין דאָרף אַריין. אין דער צייט, וואָס מיר זענען געווען אויף דער פּאָליציי, זענען אין דאָרף געקומען די באַדינונגען פון דער קאָמפּאַניע. ווען מיר זענען צוגעקומען צום זאַמלפונקט פון דער קאָמפּאַניע, האָבן מיר געטראָפן די מאַגאַזינערס און די קור־כערס — די דאָזיקע גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך געוואַלגערט אינעם רויב, וועלכן זיי האָבן אָנגעראַבעוועט אין דאָרף. איינגעוויקלט אין טעפּיכער... און צירונג פון פרויען... דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. אין דעם מאָמענט האָט זיך יעדער געטראַכט: צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרף מען דאָס? און איך געדענק, אַז דער קאָמאַנדיר האָט צונויפגעזאַמלט די גאַנצע קאָמפּאַניע. זי אויסגעשטעלט אין אַ שיינעם ח' און די אַלע מאַגאַזינערס און קוכערס מיט זייער גאַנצן רויב אַריינגעשטעקט אין צענטער פון דער קאָמפּאַניע. און אָנגעהויבן ציטירן פּסוקים פון תנ"ך: „לא תבוזו"...* און נישט דאָס און נישט יענץ... ס'איז ממש געווען איינדרוקספול. דאַן האָט אַ זעלנער פון די מאַגאַזינערס געזאָגט צום קאָמאַנדיר: זע, אין תנ"ך איז אָבער געשריבן „ושללם לבוז"**. וואָס האָסטו צו זאָגן אויף דעם? האָט דער קאָמאַנדיר אָנגעהויבן אים דער־קלערן: רש"י טייטשט, אַז „שללם לבוז" מיינט, אַז אַ דעראָבערישע אַרמיי נעמט נאָר דאָס אין וואָס זי נייטיקט זיך אין דער צייט פון דער שלאַכט. דאָס הייסט, אַז אויב זי האָט נישט קיין עסן און זי מוז זיך אויסהאַלטן, דאַרף זי נעמען די זאַכן אין וועלכע זי נייטיקט זיך. אָבער קיין שום זאַך וואָס זי דאַרף נישט — נישט קיין פאַר־מעגן... איך בין געשטאַנען אין אַ ווינקל און זיך געטראַכט: וואָס פאַראַ מין רעליגיעז מיליטער איז דאָס, שטייט און הערט זיך איין צו רייד... עפּעס איז אָבער געווען אין דעם. כ'קאָן נישט זאָגן, אַז כ'האָב זיך צו דעם באַצויגן, ווי כ'וואָלט געוועזן זיך באַצויגן צום ענין פון לייענען אַ זייטל פון בערלען*** וועגן תשעה באָב פאַר דעם דאָזיקן אָוונט. כ'האָב געזען, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס ערנסט...

נאָך דעם אַפּעל, איז אין אונדזער באַטאַליאָן נישט געווען קיין רויב. קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צום רויב. ווייל דער דאָזיקער ענין, דער ביישפּיל פון דעם קאָמ־פּאַניע־שעף פון די אָפיצירן — איז אַלעמען געשטאַנען פאַר די אויגן.

---

* זאָלסט נישט ראַבעווען.

** און זייער פאַרמעגן — באַרויבן.

*** געמיינט בערל כצנלסון.

און אפשר וואָלט איך געקאָנט פאַרצייכענען נאָך אַ קלייניקייט וואָס איז מיר אַריין אין קאָפּ, אין רעזולטאַט פון אָשרס רייד. ביים אַפּעל פון דער דיוויזיע צום פאַרענדיקן די מלחמה, איידער מיר זענען זיך צעפאָרן אַ היים, האָבן מיר זיך אויסגעמוסטערט אויף אַ גרויסן פּלאַץ אין דזשעניך, ווו ס'האָט זיך אין דער פאָרם פון אַ גרויסן ח' אויסגעשטעלט די גאַנצע בריגאַדע און דער פּאַרקינג פון די טראַנספּאָרט־מאַשינען איז געווען אין דער זייט. צווישן דעם פּאַרקינג און דעם פּלאַץ פון אַפּעל איז געווען אַן אוגערקע־פעלד. דאָס פעלד איז געווען אין גאַנצן אַרומגעצוימט און ס'איז דאָרטן געווען געשריבן: „מינעס". ס'איז געווען באַוווּסט, אַז אויף דעם פעלד איז נישט געווען קיין איין מינע. פון וואַנען ווייס איך דאָס? ווייל מיר האָבן געזען זעלנער וואָס מאַכן זיך נישט וויסן פון דער אויפשריפט און דרייען זיך אַרום אין דעם פעלד. כ'בין זייער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם דאָזיקן ענין וואָס אויפן פעלד איז אָנגעשריבן „מינעס", כדי די זעלנער זאָלן פשוט נישט דורכגיין דאָס פעלד און עס נישט צעטרעטן.

ע מ ר ם: און דער פאַקט, איך געדענק... פאַראַן אַזאַ בילד: ממש אַ ציטער אַזעלכער — פאַר וואָס? אַ מין שגעון. גלייך איבערטאָן זיך אין די הויזן פון די לעגיאָנערן, אָנטאָן די קעפיעס*... ממש אַ קרענק. באמת... אַ זאַך... אפשר בושה איז דאָס סאַמע פּאַסיקסטע וואָרט. כ'האָב געפרעגט זיך אַליין: נאָך אַ שעה דאַרף איך לויפן צוזאַמען מיט אים... און דאָ האָט ער בכלל נישט קיין שייכות צו דער מלחמה... ער איז נישט שייך צו מיר...

ל ו ט ן: אונדז איז אויסגעקומען אַריינצוגיין אין אַ דאָרף, אַ צענטער פון אַלטערטימ־לעכקייטן. מיר זענען געווען פון די ערשטע, וואָס זענען אַריין אין דאָרף. סעבאַסטיאַ. מ'האָט געפילט, אַז דאָס גאַנצע דאָרף איז אין גאַנצן דערשראָקן. אַנטקעגן אונדז זענען אַרויסגעקומען די מוכטאַרן** און די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די אַלטערטימלעכקייטן דאָרט און געפּרוווט אונדז אַריינפירן אין רעסטאָראַן: „נעמט... טרינקט... נעמט אילוס־טרירטע קאַרטלעך... וויפל איר ווילט". מיר האָבן זיי געזאָגט אַזאַ זאַך: מיר וועלן נעמען, נאָר מיטן באַדינג, אַז איר וועט באַקומען דעם פולן באַטרעף פאַר אַלץ וואָס מיר נעמען.

ר ח ל: — ווער איז דאָס „מיר"? די זעלנער, אויף זייער איניציאַטיוו?

ל ו ט ן: יע, ס'איז געווען דאָרט אַ געוויסע איינהייט. אַן איינהייט אַ קליינע — פּאַנ־טאַסטישע חברה. און איך זאָג ווידער: אַן וועלכן צוזאַמענהאַנג צי דאָס זענען קיבוצ־ניקעס אָדער שטאָטישע. אין דעם פאַל וואָלט איך נישט געמאַכט דעם אונטערשיד וואָס אהרון האָט געמאַכט... און מיר האָבן געזאָגט: מיר וועלן מיט פאַרגעניגן טרינקען, מיר וועלן מיט פאַרגעניגן נעמען קאַרטלעך — נאָר פאַרן פולן באַטרעף. איך געדענק, אַז פאַר יעדן קאַרטל האָבן מיר זיי באַצאָלט פינף פּיאַסטער. מיר האָבן נישט געוווּסט גענוי וויפל, נאָר אָפּגעשאַצט, אַז דאָס איז אַן אויסגעהאַלטענער פּרייז פאַר וועלכן מ'וואָלט געקויפט אין תל־אביב. דערנאָך האָט אַ טוריסטן־פירער וואָס איז דאָרט

* אַראַבישע קאָפּ־טיכער.

** דאָרף־עלטסטע.

געווען, געזאָגט אונדז אין ענגליש עטלעכע זאַצן. געזאָגט האָט ער אונדז אַזאַ זאַך: „ווען איך זע אַזאַ אויפפירונג הויב איך ערשט אָן צו פאַרשטיין, ווי ווייט מ׳האָט אונדז געשפייזט מיט ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע״. הערן פון אים אַזאַ זאַך, איז געווען פּונקט ווי מען וואָלט אונדז באַשאַנקען מיט אַ נצחון־אויסצייכענונג.

אהרון: זאָג, וואָס קומט זיי, וואָס פּלוצעם די דאָזיקע ענדערונג?

לוטן: מיר האָבן זיי געזען ווי ציווילע...

אהרון: איך מיין, אַז איר זענט באמת געווען אַן אויסגעוויילטע איינהייט...

חגי: בכלל, איך מיין נישט, אַז מען דאַרף זיך אַזוי איבערנעמען מיט כלערליי מליצה־רייד פון דער קאַטעגאָריע פון אָט דעם ענגליש־רעדנדיקן... געווען אַזעלכע רייד אויף יעדן אָרט ווו מיר זענען אָנגעקומען. אומעטום האָבן זיי געזאָגט אַז נאָצער זאָל גיין... כ׳ווייס נישט וווהין... און כוסיין זאָל גיין כ׳ווייס נישט וווהין... אַלע האָבן אונדז געזאָגט ליגן... כ׳האָב תמיד פאַרגעסן, אַז די מענטשן, וואָס זאָגן די דאָזיקע רייד — האָבן מיט צוויי וואָכן פריער זיך באַטייליקט אין די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין דזשענין און אין שכם און אין די אַלע ערטער קעגן אונדז און כמעט אַראָפּגעוואָרפן כוסיינען פון טראָן, ווייל ער איז געווען געגנוג האַרט אין דעם ענין.

לוטן: מ׳דאַרף אונטערשיידן צווישן מויל־מלאכה... דו פאַרשטייסט? דאָס זענען געווען אויפריכטיקע רייד...

רפאל: מיר זענען געווען אין אַן אויסשפּיר־איינהייט און די גאַנצע צייט געלאָפן פאָרויס... פּאַקטיש זענען מיר ביזן פאַרענדיקן די מלחמה געווען די גאַנצע צייט אין שפּאַנונג צו טרעפן זיך מיטן שׂונא. און ביזן סוף פון קריג האָבן מיר נישט גע־נומען קיין שום זאַך וואָס איז אונדז נישט געווען נייטיק. פּאַקטיש זענען מיר אַרויס פון דער מלחמה געגנוג אָפּגעלאָזן... מיר האָבן זיך געניי טיקט אין אַ געוויסער אויס־שטאַטונג, כדי צו לאָזן אין גאַנג די מאַשינען. אָבער אין מאָמענט ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז פאָרגעקומען אַן אויסלאָדונג... נישט קיין שטופּנווייזע אויסלאָדונג, נאָר כ׳וואָלט געזאָגט אין מאָמענט... מיר האָבן אויך פאַרענדיקט די מלחמה אין סיריע גופא. דאָ איז דאָס פּראָבלעם געווען אַ ביסל אַן אַנדערשס. אין ירדן, מיין איך, וואָלטן מיר צו דעם נישט דערגאַנגען, ווייל מיר ווייזט אויס, אַז די מענטשן אין דער איינ־הייט — אויך איך — האָבן נישט געהאַסט די ירדנער. כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום... דאָס הייסט, כ׳האָב אויסגעפּירט, כ׳האָב געווירקט מיטן כוח פון די באַפעלן, אָבער נישט פון שׂנאה. נישט אַזוי איז עס געווען אין סיריע. ביי אונדז, ווער עס האָט געפּרוווט נעמען — גלייך אין אַרעסט אַריין — נישט געווען דאָ קיין שום קאָמפּראָמיסן.

לוטן: מיר האָבן פריער גערעדט וועגן שטחים, וועגן אונדזער רעכט אויף זיי. מיין מיינונג איז, אַז מען דאַרף פּרובירן ס׳זאָל די מענטשן זיין גוט און דאָרט ווו זיי וועט זיין בעסער, צי אין ישראל, אָדער אין ירדן — דאָרט דאַרפן זיין די דאָזיקע שטחים. מיר איז גוט, אַז כ׳קען זאָגן דאָס וואָס כ׳דאַרף זאָגן, אין דער פאָרם ווי מיר געפעלט. אין מאָמענט ווען מיר וועלן די בירגער גורם זיין אומבאַקוועמלעכקייט אין רעזולטאַט דערפון וואָס זיי וועלן זיין אין ישראל — זאָג איך, אַז מיר האָבן נישט קיין שום רעכט צו האַלטן די דאָזיקע שטחים. פאַרשטייט זיך, פאַראַן דאָ זיכערקייט־

באַגרענעצונגען. — — — ס׳איז וויכטיק צו האַלטן די רמה... ס׳איז וויכטיק, אַז די מענטשן וואָס געפינען זיך אונטן און די מענטשן פון קיבוץ גדות זאָלן קאָנען לעבן... ווייל אַזוי קאָנען זיי נישט לעבן. די מאָראַלישע רעכט דעצידירט. לויט מיין מיינונג, די דאָזיקע גאַנצע שפּיל מיט דער געשיכטע — מיר זענען געזעסן און פאַר דעם זענען זיי געזעסן און נאָך פריער זענען מיר געזעסן... איז קיין שפּיל נישט. איצט איז וויכטיק ווער עס זיצט דאָרט און נישט ווער ס׳איז דאָרט געזעסן. אויב מען רעדט וועגן די רעכט אויפן לאַנד... איך ווייס, אַז זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט און אַז אויף דעם שטח ערד וואָלטן געקענט לעבן נאָך מענטשן... — — —

ס׳האָט מיר דערציילט אַ חבר, אַז ווען ער איז שוין אַרויף אויף תל מגידו און געזען דעם קווערשניט פון די אַלטערטימלעכקייטן, אַ שיכט פון דער דאָזיקער תקופה... אַ שיכט פון יענער תקופה... האָט ער דאָרט געזען אָן אַ סוף פלאַסטן. פּלוצעם באַווייזט זיך דאָרט עפּעס אַ שיכט, עפּעס אַ קליינער פּלאַסט וואָס שטעלט פאַר די תקופה, ווען דאָ זענען געווען די יידן. ער האָט דאָס שיין אויסגעדריקט: דער דאָזיקער מאָמענט האָט אין מיר פונדאַסנייַ דערוועקט די פראַגע. וואָס איז אייגנטלעך אונדזער רעכט צו טענהן וועגן אונדזער צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל, ווען מיר זענען נישט געווען אין איר אַזאַ לאַנגע תקופה? פאַראַן אויף דעם סיבות, אַ וועלט מיט סיבות. אָבער דאָס איז נאָר אַ ראַנד־באַמערקונג.

ר ח ל: טאָ וואָס ענטפערט ער?

ל ו ט ן: וואָס ער זאָגט? ער זאָגט: כ׳בין אין אַ פאַרלעגנהייט. און ווייזט אויס, אַז ער איז ווייטער אין אַזאַ צושטאַנד ביז איצט.

ח ג י: און איך נעם פולקאָם אָן דעם־אָ צוגאַנג.

ע מ ר ם: טאָ וואָס בכלל זיצסטו דאָ? דאָ איז דאָך געווען דער באָדן פונעם אַראַבישן דאָרף וואָס מ׳האָט גערופן מיגדל און לעבן בערגל זענען פאַראַן זיינע חורבות.

ח ג י: דאָ האָבן געקענט לעבן צוזאַמען אויך גבת און אויך מיגדל און ס׳איז געווען אָרט פאַר אַלעמען. דאָס וואָס זיי זענען אַנטלאָפן — בין איך שוין נישט פאַראַנט־אַנטוואָרטלעך.

דאָס איז דער וואָרצל פונעם וויכוח. איך בין נישט געקומען אין לאַנד, כ׳בין נישט געווען פון די ערשטע... איצט זיץ איך אין מיין לאַנד...

ר פ א ל: איך בין אַ מדריך (אינסטרוקטאָר) אין אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע. די יוגנטלעכע האָבן מיך געפרעגט וועגן דעם. כ׳בין געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. איך ווייס נישט וואָס זיי צו זאָגן.

ח ג י: איינע פון די זאַכן וואָס כ׳ווייס צו אַנערקענען — דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט אין זכות פון דער רעליגיע, אין זכות פונעם רעליגיעזן גלויבן. און עס עקזיסטירט אין זכות פון די רעליגיעזע מענטשן. און מיר געפינען זיך דאָ אין זכות פון דעם, וואָס די דאָזיקע רעליגיעזע מענטשן האָבן געזען פאַר זייערע אויגן, אין גלות אָדער אין יעדן אָרט ווו זיי זענען געווען, דעם דאָזיקן ענין פון ארץ־ישראל. און נישט פון אוגאַנדאַ און נישט פון קיין שום אַנדער אָרט. נאָר פון ארץ־ישראל. און פאַראַן אַזאַ זאַך וואָס מען רופט זי היסטאָרישע רעכט. און דאָס איז אַ זאַך וואָס איז שווער צו דער־

קלערן. נישט סתם אַזוי זענען מיר געקומען אַהער און נישט קיין אוגאַנדאַ. מיר זענען געקומען אַהער און נישט קיין אוגאַנדאַ, ווייל די דאָזיקע גייסטיקע ירושה פון יענע מענטשן, וואָס האָבן צוויי טויזנט יאָר געלעבט אין חוץ־לארץ און געטראַכט וועגן דאָזיקן לאַנד, אָט די גייסטיקע ירושה האָט דערפירט די מענטשן וואָס האָבן אונדז באַשטימט אַז מיר זאָלן דאָ לעבן. צו דעם, וואָס זיי האָבן באַשטימט אַז מיר ווילן לעבן. און פון דעם דאָזיקן פונקט פיל איך היינט דאָס זעלבע געפיל כלפּי ירושלים.

עמרם: פאַר וואָס ביסטו נישט קיין רעליגיעזער?

חגי: ווייל די דערציִונג און די אַטמאָספער און סביבה פון מיינע עלטערן, האָבן מיך דערווייטערט פון רעליגיע. דאָס איז אַלץ.

אהרון: גוט... ביסט דאָך אָבער אַ דערוואַקסענער מענטש...

חגי: ס'איז נישט גענוג וואָס כ'בין אַ דערוואַקסענער. אַלץ וואָס איז אין מיר פאַראַן, איז פאַרבונדן מיט אַ וועלכן נישט איז גייסטיקן פונדאַמענט, אַטמאָספער און דער־ציִונג און סביבה. און דאָס איז ראַדיאָ, דאָס איז אַ בוך — אַלץ דערווייטערט מיך פון מיינע וואָרצלען.

רפאל: דער אמת איז, אַז דער רוב איבערלעבונגען פון וועלכע מען רעדט דאָ — קומען נישט פאַר ממש אין דער מלחמה. אויף וויפל איך געדענק, זענען אין דער מלחמה פאַראַן איבערלעבונגען פון שרעק. און נישט קיין איבערלעבונגען פון רויב, פון ירושלים, ווייל אין מאָמענט וואָס דו קעמפסט, איז ירושלים מיט דער גאַנצער גרויסקייט אירער... מיר, אַלנפאַלס, זעט אויס, אַז גיכער האָבן מיר געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט צו זוכן שוץ, אין מאָמענט ווען מיר וועלן אַריינפאַלן אין אַ לויער, זוכן וווהין אַ שפּרונג טאָן פונעם דזשיפּ אויפן אָרט... מערער דער פחד, מערער... איינער פון די סיסטעמען וואָס איז געווען ביי מיר — און איך שטעל זיך פאָר, אַז אויך ביי אַנדערע — זעלבסטבאַהערשונג פאַר געפילן. פּרובירן בכלל נישט טראַכטן... פּרובירן האַנדלען נאָר לויט באַפעלן. מיר זיצן דריי מענטשן אין דזשיפּ, און נאָך אַ געוויסער צייט זענען מיר באמת נאָענט איינער צום צווייטן. אין מאָמענט אָבער ווען מיר געפינען זיך אין אַן אַקציע אָדער עפּעס אַזוינס, האָבן מיר נישט גערעדט, נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון מויל, אויסער באַפעלן און אָנווייזן צילן און ענלעכע זאַכן. בלויז רייד וואָס זענען באמת פאַרבונדן מיט דער געשעעניש גופא... קאָן זיין, אַז וואָס מיר האָבן אין יענעם מאָמענט אויפגעכאַפּט — איז דערנאָך אַרויס. אָבער נישט... אין מאָמענט פון דער אַקציע גופא — נישט...

עמרם: קלאָר, די איבערלעבונגען זאַמלען זיך אין דיר אָן, און דו קאָנסט נישט...

רפאל: דו כאַפּסט אויף איבערלעבונגען און טייטשסט זיי דערנאָך אויס...

עמרם: איידער מיר זענען אַרויף אויף דער רמה, איז געווען אַ זייער נישט־אָנגענעם געפיל. כ'האָב דאָרט געהאַט אַ פריינד פון די וואָס, וואָס טראָגן קאַפּעלעך * — — — די גאַנצע צייט האָבן זיי באַקומען באַריכטן, אַז ס'איז דאָרט פאַראַן אַן

* (יאַרמלקעס) ד. ה. רעליגיעזע.

ערנסטער ווידערשטאַנד, אַז די מלחמה וועט זיין אַן ערנסטע און אַז אַ סך מענטשן וועלן דערהרגעט ווערן. זיי זענען אַרויף אויף דער רמה, זענען זיי געגאַנגען דאַווענען פאַר... בפירוש, מ'האָט זיי געזאָגט: „חברה, מ'דאַרף דאַווענען; אָן דעם איז אומ־מעגלעך". זיי זענען געגאַנגען און ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט...

ר ח ל: איר האָט זיי געזאָגט?

ע מ ר ם: יאָ... אַזוי... איך זאָג עס דיר נישט אַזוי מיט חוזק. ערנסט. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָב איך אים געפרעגט: „נו, ווי אַזוי איז געווען די פאַרבינדונג?" האָט ער מיר געזאָגט: „לויט ווי מיר זעט אויס, מיין איך, אַז מיר וועלן זיגן... לויט דעם וואָס עס זאָגט דער אויבערשטער".

וועגן געוויסן און וועגן מאָראַל

אַ שמועס אין קיבוץ גבעת־השלושה.

י ר י ב: אין די צייטונגען קאָן מען לייענען, אַז ס'איז פאַראַן אין ישראל אַ מין מאָראַלישע פאַרריסנקייט; מיר קעמפן מיטן שונא ווייל דאָס איז נויטווענדיק — מיר האָבן אים נישט פיינט. די פראַגע איז, צי די ווירקלעכקייט אין דער מלחמה, אַזוי ווי מיר זעען זי איצט, דריי חדשים נאָך די קאַמפן, באַשטעטיקט עס. זענען דען נישט געווען קיין מינוטן, ווען ס'האָט זיך דערוועקט ממש אַ שנאה צום פיינט?

צ ב י: פון אָנהייב מלחמה ביז איר סוף, איז ביי מיר געווען אַ „מוראַדיקער" אָפּהאַלט צו דריקן אויפן צינגל. געווען פאַלן וואָס האָבן ממש געגרענעצט מיט אַבסורד; ווען ס'איז געווען נייטיק צו דריקן אויפן צינגל און כ'האָב זיך זייער געוואַקלט... ביז איצט בין איך איבערצייגט, אַז ס'איז אין דעם נישט געווען קיין שום גורם פון פחד. נאָר דער אומווילן צו הרגענען. כ'וועל אָנהייבן פון ערשטן טאָג, ווען מיר זענען אַדורך די גרענעץ... מיר זענען געווען אין אויסשפיר־מאַנשאַפט, צווישן די ערשטע כוחות. מיר האָבן געזען אַן אַנטלויפנדיקן מצרישן דזשיפּ און אַ טאַנק, וואָס שיסט אויף אים. ס'איז געווען זייער באַרעכטיקט צו עפענען אויף אים אַ פייער. פון דעסטוועגן, דער ערשטער זאַץ וועלכן כ'האָב געזאָגט צו די מענטשן לעבן מיר, איז געווען: „וואָס שיסט דער דאָזיקער משוגענער? וואָס שיסט ער? זיי שיסן נישט אויף אונדז". אין אָנהייב פון דער מלחמה, האָב איך נישט געהאַט קיין געפיל, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַ־רעכטיקונג צו הרגענען און שיסן, אָן אַ בפירושן מצב פון סכנה און דאָס האָט מיך באַגלייט די גאַנצע מלחמה.

— — — געווען אַ געניג שווערע, כסדרדיקע באַמבאַרדירונג. און מיר זענען אַריין אינעם שטח, ווו ס'איז געווען אַ סכנה דערהרגעט צו ווערן. פון דעסטוועגן איז די גאַנצע צייט, שיינט מיר, ביי קיינעם נישט געווען קיין שום געפיל, אַז דאָ... ס'האָט אויסגעזען ווי, כ'וואָלט געזאָגט, אַ פון דיר דערווייטערטער פאָטאָ־פילם. ס'ווייזט זיך

מיר אויס, אַז דער רוב חברה האָבן ממשותדיק נישט געפילט, אַז דאָס מיינט מען זיי, אַז זיי געפינען זיך אין אַ לעבנס־געפאַר. און דער אויסגאַנג־פונקט, אַזוי ווי כ׳האָב אָנגעהויבן, איז געווען די פראַגע פון דער באַציִונג צום שונא. מיר שיינט, אַז ביזן סוף פון קריג, נאָך דעם ווי מיר האָבן זייער אַ סך דורכגעמאַכט — האָט דאָס געפיל פון שׂנאה צום פיינט נישט עקזיסטירט אין קיין שום מאָמענט.

אהוד: שׂנאה־געפיל... דאָס געפיל פון שׂנאה, וואָס איז דיר אָפט מאָל באַקאַנט לגבי אַ מענטש... דאָס שרעקלעכע געפיל, אַז דו קענסט זיך נישט גובר זיין און דו מוזט שיסן און הרגענען און פאַרניכטן — האָט ביי מיר נישט עקזיסטירט אין קיין שום פאַזע פון דער מלחמה. און דו האָסט געפילט, אַז אויך דער שונא און אויך דו העלפן אין דעם שפּיל פון כוחות... נישטאָ דאָ קיין פערזענלעכער פאַרמעסט צווישן אייך, נאָר דאָס איז אַ מער אַלגעמיינער פאַרמעסט. ווען דער שונא שיסט אויף דיר — איז ער נישט אויסן דיך פערזענלעך; ווען דו שיסט אויף אים, מיינסטו אויך נישט אים פערזענלעך, טראָץ דעם וואָס דו צילסט אין אים פערזענלעך, כדי צו דערהרגענען. דו קענסט אָבער נישט דעם מענטש. איך ווייס, אַז אין די שפּעטערדיקע עטאַפּן, ווען מיר האָבן צונויפגעזאַמלט דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס, בילדער פון פרויען און קינדער — איז געווען זייער אַ שווער געפיל.

יריב: זע, אין דער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ מאַסע שילדערונגען ווי די רוסישע זעלנער האָבן פיינט געהאַט דעם דייטשן אַגרעסאָר... אים געהאַסט. זיי האָבן אים נישט געקענט פערזענלעך.

אהוד: זיי האָבן אים פיינט געהאַט, ווייל זיי האָבן פון פריער געהאַט דערצו אַ הינ־טערגרונט. זיי האָבן אים געהאַסט, ווייל זיי האָבן אויפגענומען און געהערט און געוווסט וועגן די גרוילטאַטן, וואָס דער שונא האָט זיי אָנגעטאָן.

הלל: אין באַפרייונגס־קריג* האָט מען אַראַבער אויך אַנדערש פיינט געהאַט ווי אַצינד.

יגאל: יאָ, מ׳האָט פיינט געהאַט דעם שונא... וועלכער האָט פאַרניכטעט דערפער און געמאָרדעט און געהרגעט און פאַרגוואַלטיקט. און די אַלע גרוילטאַטן פון דער מלחמה. זיי האָבן געהאַט אַ בילד, געהאַט אַן אָפּזאָץ פון פריער. מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז אַזוי איז געווען כלפּי אונדז. אין קיין שום פאַל אין דער געשיכטע פון אונדזער לעבן איז נישט געווען קיין באַגעגעניש מיט די אַראַבער, וואָס זאָל אונדז דערפירן זיי פיינט צו האָבן. אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה, פון אַלע צוזאַמענשטויסן, איז נישט געווען קיין געפיל פון שׂנאה, אַלנפאַלס אין דער גרופּע ווו איך האָב זיך געפונען, אינעם באַטאַליאָן און אין דער בריגאַדע.

נאָכן אָפּרייניקן די טראַסע ביז איסמאַיליאַ, האָט מען גערעדט וועגן קאָמאַנדאָ־באַטאַליאָנען, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין שטח, אויסער יענע אַנטלויפנדיקע זעל־נער, וועלכע האָבן אין די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער זיך אַרומגעדרייט אין די שטחים, דער רוב פון זיי באַוואָפנט מיט געווער. אונדזער ציל איז געווען זיי

* אין יאָר 1948.

אַרומצורינגלען און ריכטן זיי צו קאָנטאַראָ צו, זיי זאָלן אַריבער די גרענעץ. אין קיין פֿאַל... — און איך שטרייך אונטער: אין קיין שום פֿאַל, מיטן אויסנאַם פֿון איין מאָל, האָבן מיר נישט געעפֿנט קיין פֿייער. כאָטש מיר פֿלעגן מיט די דזשיפּן זיך אַריינרייסן צווישן גרופּעס פֿון איבער 100 באַוואָפֿנטע קעמפֿערס, וואָס אין די מייניסטע פֿאַלן זענען זיי נישט געבליבן שטיין מיט אויפֿגעהויבענע הענט, נאָר אויס מורא זיך אַוועקגעלייגט הינטער די קוסטעס. זיי זענען געלעגן הינטער די קוסטעס און דו האָסט נישט געוווסט צי וועט מען דאָ עפּענען אַ פֿייער אָדער נישט. אין די אַלע פֿאַלן זענען מיר צו זיי דערגאַנגען און באַפֿוילן אויפֿצוהייבן די הענט און אַוועקגעבן דאָס געווער און קיין איין שאָס איז נישט געפֿאַלן.

יריב: אַלע נעמען מיר אָן ווי אַ באַשטימטע זאַך, אַז אין דער דאָזיקער מלחמה זענען אונדזער קאַמף־גייסט און אויסדויער אַרויסגעדרונגען פֿון דעם וואָס מיר האָבן געוווסט אויף זיכער, אַז די אַראַבער זענען אויסן אַ פֿאַרניכטונג־מלחמה. דאָס הייסט, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די עלעמענטאַרע געגעבענע פֿון דער דאָזיקער מלחמה איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן די דייטשן, וואָס האָבן געטאָן דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן, און די אַראַבער, וועמענס כוונה איז געווען אַ קלאָרע. צי איז דען נישט געווען צו דערוואַרטן אַ מלחמה אויף אומצוברענגען אונדז? וואָלטן זיי געזיגט, וואָלט מען דען אונדז נישט פֿאַרטיליקט? ווי אַזוי קאָן מען אָננעמען ווי אַ באַשטימטע טעזע אַז דאָ גייט עס זיין אַ פֿאַרטיליקונג־מלחמה און צוזאַמען מיט דעם זאָגן, אַז אונדזער אַרמיי פֿאַרמאָגט אַ כּוח, אָבער אַז זי שעפּט נישט איר כּוח פֿון שׂנאה?

יגאל: מ'קאָן דאָס אָנרופֿן מיט אַלערליי נעמען... פֿאַרניכטונג־מלחמה און נאָך... דאָ רעדט מען וועגן געפֿיל פּונעם זעלנער כּלפּי דעם שׂונא. ער קאָן לייענען אין די צייטונגען וועגן די כּוונות פֿון די אַראַבישע מנהיגים צו אַ פֿאַרטיליקונג־מלחמה; מ'קאָן אויך פֿאַרשטיין, אַז דער אַראַבער האָט נישט פֿאַר אונדז קיין ליבע־געפֿילן און אַז ס'איז פֿאַראַן ביי אים אַפֿילו שׂנאה און אַ כּוונה אויף אָן אמת זיך נאָכצושלעפּן נאָך דעם דאָזיקן רוף צו אַ פֿאַרניכטונג־מלחמה. נאָר דאָס געפֿיל איז נישט פֿון שׂנאה צו יעדן אַראַבער. איך מיין, אַז אינעם באַפֿרייונג־קריג האָט מען געקענט זאָגן, אַז עס זענען פֿאַראַן אָנטפּלעקונגען פֿון שׂנאה צו די אַראַבער. זיי זענען געווען די אַגרעסאָרן און דאָס קעמפֿן איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון מעשׂים, וועלכע מ'האָט געקענט פֿאַרגלייכן צו די מעשׂים פֿון די דייטשן אין רוסלאַנד. דאָ איז נישט געווען דאָס זעלבע. געווען אפֿשר אַ געפֿאַר פֿון אַ פֿאַרניכטונג־מלחמה, אָבער קיינער האָט נישט געגלויבט אויף זיכער, אַז די זאַך וועט פּאַסירן. איך מיין נישט, אַז עס האָט ווער געגלויבט אין דעם אָדער געטראַכט וועגן דעם אויף אַ ווערזנטלעכן אופֿן. מיר האָבן געוווסט, אַז זיי האָבן נישט קיין כּוח און מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. נאָך דער מלחמה, ווען מיר האָבן זיי געזען אָן געווער, הונגעריקע, דאָרשטיקע, גוססדיקע — איז שוין געווען מער רחמנות ווי שׂנאה. און בעת דער דאָזיקער מלחמה איז געווען אַ געפֿיל פֿון אַזאַ העכערקייט, טייל מאָל ביזן גרינשעצן דאָס מענטשלעכע לעבן.

יריב: פֿאַר וואָס זאָגסטו פֿייער־דיסציפּלין? דו ווייסט אַז אין די צייטן פֿון דער הגנה*

* די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן ישוב אין דער צייט פֿון מאַנדאַט.

און פלמ״ח איז געווען אַ באַגריף, וועלכן מען רופט ריינקייט פון געווער. צי מיינסטו דעם באַגריף?

יגאל: „פייער־דיסציפּלין״ — דאָס איז אַ טעכנישער באַגריף. אין דער הגנה און פלמ״ח איז די מאָראַלישקייט פון דער מלחמה געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דעם ווען פון די מענטשן. מ׳האָט געטראַכט וועגן דעם, דיסקוטירט, מ׳האָט זיך אויף דעם דערצויגן. אָבער דאָ, דער עיקר אין דער קעמפנדיקער פּאַנצער־אַרמיי, און דו קענסט עס אויך זען אין דער אַוויאַציע, איז עס מער אַ טעכנישער באַגריף לגבי דעם קאָמאַנדיר, וועלכער גיט אַרויס דעם פייער־באַפעל — דאָס איז פייער־דיסציפּלין. אַזוי אויך לגבי דעם אַרטילעריסט, וואָס שיסט. ריינקייט פון געווער — איז אַ מער פּאַסיקער באַגריף פאַר אַ זעלנער מיט אַ ביקס, וועלכער שטייט אַנטקעגן דעם שונא און נישט פאַר אַ מלחמה ווי אַנדזער לעצטע מלחמה.

יריב: — — — כ׳האָב געמיינט, אַז דו דערגייסט צום אויספיר, אַז אין אַזאַ מלחמה ווי אונדזער לעצטע מלחמה, קאָן נישט זיין קיין ריינקייט פון געווער.

יגאל: כ׳האָב דאָס נישט געזאָגט. כ׳וויל בלויז זאָגן, אַז... ריינקייט... מ׳קאָן זאָגן געוועכט געווער, מ׳קאָן זאָגן פאַרטיידיקונג־געווער — אָבער ריין געווער, וואָס קאָן דאָ זיין ריין, אַז דאָס איז בלוט און...?

הלל: דער פאַקט, — אַז די מלחמה איז פאַר וועלכן ס׳איז פּרינציפּ, מאַכט זי ריין. דאָ איז דאָס געווער ריין. זיכער, שמוץ באַגלייט יעדע זאַך. די גרענעץ צווישן מאָרד און הריגה אין אַ מלחמה איז זייער נישט קלאָר.

יריב: זאָג, הלל, צי טראַכסטו נישט, אַז דאָס ווערן מיטגעריסן צו הרגענען אין צייט פון מלחמה, דרינגט נישט טיילווייז אַרויס פון דער הנחה, אַז דאָס איז נישט די לעצטע מלחמה... אַז בעצם איז געווען דער באַפרייונג־קריג און ס׳איז געווען די סיניַ־אַקציע און אָט איז נאָך אַ מלחמה — און דאָס איז נישט דער סוף. דאָס ווירקט אויפן געפיל — דו ווייסט, אַז אייגנטלעך וועסטו זיך נאָך שלאָגן מיט דער דאָזיקער אַרמיי און מיט דעם דאָזיקן פאָלק. צי מאַכט דער דאָזיקער באַוווסטזיין קאַליע אַלע געזעצן פון שפּיל, וואָס זאָגן: מלחמה, געפאַנגענע, פייער־איבעררייסן אדג״ל?

יגאל: אין צייט פון מלחמה שפּילסטו זיך נישט, מאַכסטו נישט פאַר זיך קיין חשבון, אַז דאָס איז אַ מלחמה און אַז דערנאָך וועט זיין נאָך אַ מלחמה. פאַראַן אויך נאָך אַ פאַקטאָר; מצרישע זעלנער דרייען זיך אַרום מיט געווער און זיי, אייגנטלעך, קאַפּיטולירן נישט. צי דו וועסט אויף זיי יאָ שיסן, אָדער נישט שיסן, איז אַן ענין... טייל מאָל איז עס אַן ענין פון איבערלייגן זיך פונעם זעלנער צי ער זאָל יאָ אָדער נישט שיסן, און דאָס האָט קיין שייכות נישט צו דער ריינקייט פון געווער. אַ מינוט שפּעטער איז מעגלעך, אַז ער וועט שטיין אַנטקעגן דעם זעלבן מצרישן זעלנער וואָס וועט אים איבערראַשן. מיר זענען באַוווּסט טעלעכע פאַלן, ווען קאָמאַנדירן פון טאַנקען זענען פאַרווונדעט, אָדער דערהרגעט געוואָרן דורך פאַרווונדעטע זעלנער, וועלכע האָבן אויף זיי געשאָסן. טייל מאָל איז געווען נויטווענדיק צו טרעפן אין מצרישע זעלנער,

כדי זיי זאָלן דערנאָך דיך נישט איבעררעשן. פאַרשטייט זיך, איך בין נישט אויסן דעם זעלנער, וואָס קומט מיט אויפגעהויבענע הענט. די גרענעץ איז זייער נישט קיין קלאָרע. אין אַזאַ פאַל באַראַטסטו זיך נישט מיט קיינעם. אַלץ וואָס מען קלאַפּט דיר אַריין אין קאָפּ אַריין — שטייט נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דעם וואָס דו פילסט, ווען דו באַטייליקסט זיך אין דער מלחמה, דער מאַסשטאַב ענדערט זיך. אויף דער טעמע לאָזט זיך בכלל נישט אַריינגיין אין קיין דיסקוסיע מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער מלחמה. דאָס איז עס... מ׳קאָן נישט באַרעכטיקן אָדער באַשולדיקן עמעצן, וואָס האָט געשאָסן אָדער נישט געשאָסן.

הלל: דער באַגריף ריינקייט פון געווער, אַזוי ווי ער איז אונדז באַקאַנט פון די דערציילונגען פון די קעמפערס פון תש״ח*, עקזיסטירט נישט היינט אין אַ בולטער פאָרם. פאַראַן געבויע באַפעלן — אויף וואָס יאָ שיסן און אויף וואָס נישט שיסן. דאָס איז עס. — — — עמעץ האָט געשאָסן אויף אַ הונט און אים דערהרגעט. דאָס האָט מיך געעקלט. ס׳האָבן ביי מיר אויך אַרויסגערופן עקל די טויטע קערפּערס, וואָס כ׳האָב געזען ביי די ערשטע צוזאַמענשטויסן. אַנטקעגן דעם, דאָן אויף די ווייטערדיקע טראַסעס: די טויטע קערפּערס — צעגנדליקער, הונדערטער, וויפל איר ווילט... אַלע געשטאַלטן פון טויט... מיר אַלע האָבן דאָס געזען — ס׳האָט מיך נישט געעקלט. — — — פאַראַן פּסיכאָלאָגישע העמונגען ביי פאַרשידענע מענטשן אין פאַרשידענע אומשטאַנדן. — — — ס׳איז פשוט... ממש פשוט... דער קוילנוואָרפער שיסט... די ביקס שיסט און מענטשן פאַלן. דו זעסט ווי די קוילן דרינגען אַריין — און מענטשן פאַלן. היינט דערשיטערט עס מיך, ווען איך טראַכט וואָס ס׳איז געווען דעמאָלט. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער מלחמה — אויך נאָך דעם ווי ס׳זענען געפאַלן פון אונדזער חברה און ס׳איז באַוווּסט צו וואָס דאָס דערפירט... נאָך דעם ווי לעבן דיר פאַלן חברה פון דיין איינהייט — חברה, וואָס דו קענסט זיי יאָרן, די משפחות, די קינדער — אויך נאָך דעם וואָס זיי זענען געפאַלן, געהרגעט און פאַרברענט געוואָרן, און דו האָסט געזען ווי דיינע זעלנער און דיינע חברים זענען געגוי די זעלבע בשר־ודם׳ס ווי די עגיפּטער — אויך נאָך דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין שום שנאה. ס׳איז בכלל נישט געווען אַזאַ זאַך וואָס הייסט שנאה. דאָס איז נישטאָ. דאָס האָט נישט עקזיס־טירט. ס׳איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרמעסט — אויב מ׳זאָל עס אַזוי אָנרופן: ווער ס׳וועט פריִער שיסן. מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אין געוויסע פאַלן אויף זייער נאָענטע דיסטאַנצן פון 5 מעטער און פון 2 מעטער, און ס׳זענען געווען פאַלן, ווען מ׳האָט איבערגעפאָרן מיט דזשיפּן, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין ברירה... ממש... זיי זענען געשטאַנען אַנטקעגן אונדז מיט אָנגעצילט געווער, און דאָ זענען געווען ענינים פון בליץ־שנעלקייט, ווי מ׳זעט עס אין די פילמען פון בוק־־דזשאַנס, אין אַזאַ פאָרעם. נאָר איך זאָג ווידער: ס׳איז נישט געווען קיין ענין פון שנאה. ס׳איז געווען אַ פּראָ־פעסיאָנעלער ענין. כ׳האָב געפּרוווט זיך אַליין דערקלערן די דאָזיקע זאַכן... ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין דער שלאַכט טראַכט איך נאָר מיט פּראָפעסיאָנעלע טער־מינען. איך טראַכט נאָר, ווי אַזוי לאָזן אין גאַנג דאָס מאַשינגעווער... ווי אַזוי צו

* 1948.

לאָזן אין באַוועגונג די דזשיפּן; ווי אַזוי מאַכן אַרבעטן מיין מאַנשאַפט, וואָס צו באַריכטן דער פאַרבינדונג; ווו איך געפין זיך. מיינע רעאַגירונגען זענען נישט אויס שׂנאה, נאָר אויס זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

אהוד: קיין שׂנאה איז נישט געווען, אפשר זענען געווען איינצלנע, וועלכע האָבן געפילט אַ שׂנאה. האָסט אָבער בכלל נישט געזען, אַז מען קעמפט אויס שׂנאה. און אַז מען הרגעט אויס שׂנאה. דאָס האָט נישט עקזיסטירט. אָבער וואָס? איך מיין, אַז אין אַ מלחמה בכלל, נאָך דעם ווי די קאַמפן הייבן זיך אָן, איז שווער צו קאָנטראָלירן די ריינקייט פון געווער. אין טעג פון שלום, ווען מ׳קעמפט נישט — לאָזט זיך מער אַנאַליזירן דער דאָזיקער באַגריף. אין דער מלחמה — איז פאַראַן אַ ריזיקע און דאָס איז אַ פערזענלעכע זאַך. יעדער איינער קאָן טראַכטן אַנדערש וועגן דער מאָס פון דער ריזיקע. איינער קאָן באַשליסן — אין רעזולטאַט פון דערציונג, אָדער אין רעזולטאַט פון כלערליי פאַקטאָרן, אַז... — באַשליסן נישט צו הרגענען און ריזיקירן און אַן אַנדערער קאָן זאָגן: איך דאַרף הרגענען יעדן איינעם.

אין באַפרייונג־קריג איז געשען דער באַרימטער פאַל פון די ל״ה* מיט דעם אַלטן, וואָס איז אַריבער צום שׂונא און זיי פאַרמסרט. מעגלעך, אַז ווען איינער פון זיי וואָלט געטראַכט, אַז ס׳איז אַ גרויסע ריזיקע און אים געווען ליקווידירט, וואָלט די דאָזיקע זאַך פאַרבליבן אויף זיין געוויסן, אָבער זיי וואָלטן געבליבן לעבן. דאָ איז זייער שווער צו באַשטימען דעם אופן פונעם פירן זיך פון זעלנער, ווייל ס׳זענען פאַראַן אין דעם גרויסע ריזיקעס. נאָר אין אַלגעמיין, שיינט מיר, איז דער מאָראַלישער ניווא אין דער דאָזיקער מלחמה געווען אַ הויכער. אין די שלאַכטן איז נישט געווען קיין שׂנאה. געווען טייל מאָל פאַלן פון פחד און פון נקמה נעמען, נאָך דעם ווי ס׳איז געהרגעט געוואָרן אַ חבר, אָבער שׂנאה ממש?...

יריב: און לגבי די סיריער איז געווען שׂנאה. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז צווישן אונדזערע זעלנער איז פאַראַן אַן אַנדערע באַציונג צו די סיריער, צוליב זייער איזדעקעווען זיך איבער אונדזערע געפאַנגענע, וואָס זענען געווען ביי זיי און נאָך שרעקלעכע זאַכן, וועלכע מיר האָבן געהערט.

אהוד ר.: איך מיין, אַז דאָ איז נישט געווען קיין ענין פון נקמה, נאָר ווען מיר זענען שוין געווען אויף דער רמה נאָך דער מלחמה, איז געווען אַ פאַקטאָר פון מורא פאַר די סיריער, ווייל דאָרט אין די דערפער זענען די מענטשן פרימיטיווע, פאַנאַטישע. איך אָבער האָב נישט געפילט קיין ספּעציעלע שׂנאה. כ׳האָב דאָרט נישט געפילט קיין שׂנאה כלפּי די סיריער — מער ווי צו די ירדנער. כ׳האָב נישט געפילט קיין גרעסערע שׂנאה.

הלל: בכלל שיינט מיר, אַז היינט, אין דער מאָדערנער מלחמה — באַזונדערס אינעם פּאַנצער־געווער — און מיר אַלע דאָ זענען פון דער פּאַנצער־פאַרמאַציע; און אַ טייל פון אונדז טאַנקיסטן (וואָס קעמפן פון ווייטע דיסטאַנצן), האָסט דו אַוודאי נישט דעם

* 35 פלמ״ח־קעמפער, וועלכע זענען געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין באַפרייונג־קריג, ווען זיי האָבן געהאָלפן דעם באַלאַגערטן ישוב גוש־עציון.

שונא מיט וועלכן דו קעמפסט... דו ווייסט אויך נישט, ווער דאָס איז בכלל... דאָס אינטערעסירט דיך נישט... דו זעסט אים נישט בכלל... דו קעמפסט קעגן טאַנק... דו קעמפסט מיט אַ בלאָק שטאָל... איצט, לגבי דער ריינקייט פון געווער, שיינט מיר, אַז מ'האָט צופיל מקפיד געווען... מ'האָט געפּרוווט צו זיין צופיל הומאַניש — און דאָס האָט אונדז געקאָסט אַ ביסל טייער.

אהוד ס.: — — — מיר איז דער דאָזיקער חשבון אין גאַנצן קלאָר: מ'איז נישט גרייט איינצושטעלן. כ'וויל נישט זאָגן, אַז איך האָב תמיד אַדורכגעפירט... אַז כ'האָב תמיד געאַרבעט לויט דעם דאָזיקן חשבון, אָבער טייל מאָל האָב איך באַדויערט וואָס כ'האָב נישט געאַרבעט לויט דעם דאָזיקן חשבון. כ'האָב געהאַט כלערליי העמונגען. כ'האָב נישט געקענט שיסן אין אַן אומבאַוואָפנטן מענטשן און אין אַ מענטשן, וואָס האָט מיר אויסגעזען, אַז ער איז שוין אַ באַזיגטער. אין אונדזער איינהייט זענען אַ סך געהרגעט געוואָרן און פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך מצרישע זעלנער, וועלכע זענען אַרויס פון זייערע פּאָזיציעס מיט אויפגעהויבענע הענט... נישט געווען קיין צייט צו באַשעפטיקן זיך מיט זיי... מ'האָט דאָן אָפּגעלאָזט... און זיי זענען אַריין אין די פּאָזיציעס און ווייטער געשאָסן אויף אונדז. אַפילו געשאָסן אויף די לעצטע טאַנקען אין דער קאָלאָנע. און צום ענין פון ריינקייט פונעם געווער. כ'האָב געקעמפט אין אַ פּאַר־בויטן שטח — אין חן־יונס * — און דאָרט איז עס געקומען צום אויסדרוק. אין מידבר איז געווען קלאָר, אַז עס שטייט מיליטער אַנטקעגן מיליטער. ביי אונדז אָבער, אינעם פאַרבויטן שטח, דערמאָן איך זיך ווי אין מיטן דער אַטאַקע האָט פּלוצעם דער שעף פון דער קאָמפּאַניע צו וויסן געגעבן דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק, אַז ער איז אַריין אין אַ צימער און דאָרט געפונען אַכט פאַרוווּנדעטע קינדער און ער בעט מ'זאָל גלייך קומען זיי אַרויסנעמען. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ ריזיקן איינדרוק. כ'האָב כמעט געשריען צום קאָמאַנדיר פון פּאָלק: זאָג דיין קאָמפּאַניע־שעף, אַז ער איז אַן אידיאָט — ער האָט שוין נישט איצט מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן... אָבער צוזאַמען מיט דעם טראַכט איך, אַז דאָס איז אַ גענוג קלאָרער באַווייז אויף דער ריינקייט פון אונדזער געווער. כ'וועל נאָך צוגעבן, אַז דאָס האָט פּאַסירט נישט גראָד אין מאָמענט פון נצחון — נאָר ווען מיר זענען געווען אין אַן עטאַפּ פון נישט קענען גיין פאָרויס אין סאַמע שלאַכט...

הלל: מיינסטו נישט, אַז לויט דערווירקלעכקייט פון אַ מאָדערנער מלחמה, דאַרף מען אויסמעקן דעם באַגריף ריינקייט פון געווער? מ'קען אים אויסמעקן... אויפהערן פאַרטומלען זיך און אַנדערע?

צבי: ריינקייט פון געווער איז לגבי דעם לעבן פון מענטשן. מ'דאַרף דאָס דעפינירן אַנדערש.

יריב: מעגלעך, אַז מיר רעדן וועגן אַ באַגריף, וואָס איז אין גאַנצן נישט פּאַסיק. דער באַגריף ריינקייט פון געווער, האָט צוויי טיילן: ריינקייט און געווער. דער באַגריף האָט געהאַט אַ שייכות צו אַ צייט, ווען ס'איז געווען אַן אַנדער געווער. קומט, לאָמיר זען, צי דאָס היינטצייטיקע געווער פּאַסט זיך צום באַגריף „ריין".

---

* (כאַן יונעס) אַ שטעטל אין עזה־פּאַס.

צבי: דאָס פּערזענלעכע געווער פונעם זעלנער איז כמעט נישט באַנוצט געוואָרן... גוט, אויך „ריינקייט פון געווער" איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. דו ווערסט אפשר זאָגן, אַז היינט, צוליב די אַנטוויקלטע געווער־כּלים, שטייגט זיין רעלאַטיווקייט. דער דאַזיקער באַגריף איז אָבער פאַרבליבן און ער עקזיסטירט. קענסט אים נישט אויסמעקן.

הלל: היינט איז פאַראַן דערפאַר אַן אַנדערער אויסדרוק: ווען דו גייסט באַשיסן מיט אַרטילעריע אַ ציל, זאָגט די ריינקייט פון געווער: באַשיס נישט קיין באַפעלקערטן ראַיאָן, קיין ציווילע געגנט.

אהוד: דאָס איז אַ העכערער ניוואָ פון מלחמה... אַ העכערער ניוואָ פון צעשטערונג.

צבי: איך וועל טענהן אַנדערש: וואָס מער די געווער־כּלים ווערן פאַרפולקאָמט — אַ וואָס וויכטיקערן באַדייט באַקומט דער דאַזיקער באַגריף. ווייל דעמאָלט האָסטו טאָטאַלע געווער־כּלים, דו קענסט נישט אונטערשיידן און די זאַכן נעמען אָן אַ פיל ברייטערע באַדייטונג. און דיין באַטראַכטונג דאַרף זיין אַ סך אַ סך שטאַרקער, ווייל אַזאַ פאַרפולקאָמט געווער דערפירט צו אַ פיל גרעסערער הריגה.

ירבֿ: — מ׳קאָן אפשר זאָגן, אַז אין אַ מאָדערנער מלחמה קאָנצענטרירן זיך מאָראַלישע איבערלייגונגען אין אַלץ ווייניקער הענט. צום ביישפּיל: וועלכן ציל באַמבאַרדירן? נישט פון יעדן זעלנער פאָדערט זיך, ער זאָל וועגן דעם באַשליסן. הגם פּאַקטיש איז נישט געווען קיין זעלנער, פון וועלכן ס׳האָט זיך אין אַ באַשטימטער פאָזע נישט געפאָדערט צו אַנטשיידן, אויסצוקלויבן: דאָס הייסט, אָנצונעמען וועלכן ס׳איז מאָראַלישן באַשלוס — אויסצוקלויבן צווישן די פאַרשידענע מעגלעכקייטן פון אַן אַקציע. און אויב מ׳רעדט דאָ וועגן דער מאָראַלישער פראַגע פון אויסקלויבן צווישן די פאַרשידענע מעגלעכקייטן פון אַן אַקציע און אַ באַציונג, ווערט קלאָר, אַז די דאָזיקע מלחמה, אַזוי ווי זי איז, מיט איר גאַנצער שנעלקייט און מאָדערנקייט, פאַרוואַנדלט נישט דעם זעלנער אין אַ טעכניקער. ער דאַרף אָננעמען באַשלוסן, וועלכע האָבן אַ באַדייטונג.

די בייטשן פון גערעכטיקייט און פון כוח

פון אַ שמועס אין קיבוץ גבע.

אורי: פאַראַן פּראָבלעמען — באַזונדערס איין פּראָבלעם וואָס קוועלט מיך און באַגלייט מיך די גאַנצע צייט... מיר שיינט, אַז יעדער איינער האָט קלעמענישן. אויך נאָך סיני זענען געווען... כ׳בין איבערצייגט, אַז אויך דאַן זענען געווען קלעמונגען און עס זענען געווען פּראָבלעמען. פאַראַן בילדער און וויזיעס פון דער מלחמה... פאַלן, פון וועלכע כ׳בין געווען אַן עדות. און זיי האָבן מיך דערנאָך באַגלייט ווי אַ געדאַנק — אַ מאָל מיט מער קראַפט, אַ מאָל מיט ווייניקער קראַפט.

— — — איינער פון אונדזערע ערנסטע פּראָבלעמען איז די פראַגע פון דער באַציונג צו די אַראַבער. און תמיד פרעג איך זיך אַליין: לאָמיר אָננעמען, אַז מיר דאַרפן אַפילו אַזוי זיך באַציען צו די אַראַבער... די פראַגע איז, אויב די באַדערפעניש אין אַזאַ באַציונג, רייסט נישט אַרונטער קיין גרויסן מאָראַלישן באָדן פון אונטער די פיס פון די אַלע שיינע רייד וואָס מיר זאָגן צווישן זיך.

איך ווינציקסטנס גלייב נישט, אַז מ׳קאָן הרגענען אַ מענטשן — — — און דערנאָך באַציען זיך צו אַ חבר אין קיבוץ, מיט וועלכן דו האָסט אַ צוזאַמענשטויס און אים נישט שטילערהייט „אָוועקלייגן״, נאָך דעם ווי דו האָסט זיך צוגעוווינט „אָוועקצו־לייגן״ אַנדערע, אַפילו זיי זענען אַראַבער.

געוועזן איין בילד וואָס האָט מיך באַגלייט. דאָס איז געוועזן פאַר שבת. פּלוצעם האָט מען פון דער זייט געעפנט אויף אונדז אַ פייער. מיר האָבן „דערלאַנגט״ פייער אין דער ריכטונג פון וואַנען מ׳האָט געשאָסן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין פאַר־וווּנדעטע. און מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער פאַל.

דאָס אינטערעסאַנטע אין דעם... אַז נאָך דעם זענען מיר אַריין אין שכם און זיך אומגעקערט אויף דעם אָרט ווו מיר זענען פריער געזעסן, ווו מ׳האָט אויף אונדז גע־שאָסן. איצט איז דאָרט געזעסן אַ גרופּע אַראַבער, וואָס איז אַנטלאָפן — אַ טייל איז געהאַט אַנטלאָפן פון שכם קיין טובאַס און אַ טייל פון טובאַס קיין שכם. צווישן זיי האָבן מיר אויך געזען איין זעלנער. אַלזאָ, עמעצער פון אינפאָרמאַציע־דינסט האָט אונדז געזאָגט, אַז דער דאָזיקער זעלנער איז געקומען פון דער ריכטונג פון די געצעלטן, פון וועלכע מ׳האָט אויף אונדז פריער געשאָסן.

דעם אמת זאָגנדיק... אפשר ווען זיי וואָלטן וועמען געטראָפן — וואָלט איך נאָך געהאַט אַ וואָסער איז כבוד־באַציִונג צו דעם דאָזיקן אַראַבוש... כ׳האָב בכלל נישט געהאַט... נאָר דאָס איז אַ זייטיקע זאַך. כ׳בין געשטאַנען לעבן אים. איך האָב באַדאַרפט זיך פאַר־נעמען מיט דער דאָזיקער גרופּע אַראַבער און דערנאָך ברענגען זיי פאַרנאַכט קיין שכם. ער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ העמדל און מיר איז געוועזן גאַנץ קלאָר, אַז דאָס האָט ער פריער אויף אונדז געשאָסן. ער איז געוועזן געננוג נאַריש צו זיצן אין מונדיר. און ס׳איז נישט געוועזן ביי מיר... ווי זאָל איך זאָגן?... נישט געוועזן ביי מיר קיין שום פאַרדרוס. פאַרקערט... כ׳בין דאָרט געשטאַנען זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער גרופּע. איך בין נישט קיין ספּעציעל גרויסער וועגעטאַריער, נאָר פון דער אַנדערער זייט דער אַ נוסח פון הרגענען... מיר שיינט, אַז עס מוזן דערפון זיין אויסווירקונגען אויף אונדזער שפּעטערדיקן לעבן... ס׳מוזן זיין דערפון... — אויב עס רעדט זיך וועגן קיבוץ־חברים, אָדער עס רעדט זיך נישט וועגן קיבוץ־חברים — נאָר ווי מענטשן. בעת דער מלחמה קאָנטראָלירסטו זיך אַליין — דעמאָלט ווערט דיר פּלוצעם קלאָר, אַז אַלע ערנסטע דערשיינונגען וואָס פאַרנעמען ביי דיר אַן אָרט אין די פרידלעכע טעג — זענען איין גרויסע קאַמאַ* און אַז איצט איז פאַראַן אין גאַנצן אַן אַנדערע אויפגאַבע. אָבער די דאָזיקע זאַכן האָבן שפּעטער אויסווירקונגען אין דער אויפפירונג. ס׳איז כדאַי מיר זאָלן רעדן אויף דער טעמע פון רויב. אָבער איצט וועל איך מער נישט רעדן וועגן דעם...

* סלענג: נישט קיין וויכטיקע זאַך.

נחמן: דער סאַמע אַנטשיידנדיקער פּאַקט איז דער: דאָס איז אַ מלחמה, אין וועלכער דו דאַרפסט הרגענען דעם שונא. אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס קיצלען אונדז אַלעמען די נשמה — מיר לעבן מיט זיי — ווי עמעצער האָט געזאָגט — ווי מיט עפּעס אַ קלע־מעניש — זענען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה, וואָס איר גאַנצע אויפגאַבע איז צו צעשטערן און הרגענען דעם שונא.

ווער עס קאָן נישט הרגענען דעם שונא און ווער עס קאָן נישט צעשטערן אַ הויז — זאָל בלייבן אין דער היים און נישט גיין מלחמה האַלטן. דאָס איז דאָך שרעקלעך און מוראַדיק... ס'איז דאָך די סאַמע שרעקלעכסטע איבערלעבונג... דאָס צעשטערן אַליין איז דאָך אַ שרעקלעכע איבערלעבונג. פאַר אונדז, וואָס זענען אַלע יאָרן דערצויגן געוואָרן אין באַשעפטיקן זיך מיט בויען, מיט בוי און נישט מיט צעשטערונג. אַז דו זעסט אָבער אַזאַ ריזיקן כוח וועלכער איז אין גאַנצן געריכטעט און אָנגעשטעלט אויף צו צעשטערן הייזער און צו צעשטערן דערפער און הרגענען מענטשן — און די טאַנקען גייען אַרויף אויף די פעלדער און פאַרניכטן סעדער און רייסן אויף וואַסער־רערן — די גאַנצע דערשיינונג פון מלחמה איז אַ שרעקלעכע דערשיינונג... און דו האָסט חברים וואָס ווערן דערהרגעט אַרום דיר. איך וועל נישט זאָגן, אַז אַרום מיר זענען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן... ביי אַנדערע איז עס געשען... איך ווייס, אַז דאָס האָט פּאַסירט ביי אַנדערע. דאָס אָבער ענדערט נישט. מענטשן, וועלכע כ'האָב גוט געקענט... איך ווייס... כ'האָב זיי דערנאָך געזען ווי פּגרים... אמת איז, אַז דאָס איז אין דעם מאָמענט נישט פאַרגעקומען לעבן מיר...

אַלע זאַכן באַקומען אין דער צייט פון מלחמה אַן אַנדערע באַדייטונג און אַ גאַנץ אַנדער וואָג. דאָס מענטשלעכע לעבן באַקומט אַן אַנדער וואָג. — — אַ מענטש מיט וועמען כ'האָב גערעדט מיט צוויי שעה צוריק — און מיט אַ מאָל עקזיסטירט ער נישט, און איך פיל, אַז דאָס דערשיטערט מיך נישט אין דער רגע, נאָר אַזוי זיך... אַזאַ איז דאָס געזעץ פון דער מלחמה... דאָס איז די נאַטור פון די זאַכן... דעריבער איז מיין מסקנה, אַז מיר זענען אין אַ מלחמה, מענטשן אין דער מלחמה לעבן לויט די געזעצן פון דער מלחמה.

די פראַנצויזן האָבן געזאָגט: אין דער מלחמה פיר זיך ווי אין אַ מלחמה. זי האָט איר אייגענע געזעצמעסיקייט און האָט איר אייגענעם כאַראַקטער — און דו מוזסט אַזוי לעבן, ווייל דו באַלאַנגסט צו דעם גאַנצן אַלגעמיינעם גאַנג...

אַז מען פרעגט, צי מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער מלחמה פריילעכע, אָדער צי האָט דער ישוב זיך געפרייט, אָדער נישט געפרייט... — ווייס איך נישט, צי נאָך דער זעלבשטענדיקייט־מלחמה* איז מען געווען פריילעך. ווער האָט זיך געפרייט נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה? אָדער ווער האָט זיך געפרייט נאָך דער סיני־מלחמה? איך געדענק, אַז אין אָוונט פון פראָקלאַמירן די מדינה, איז אין די גאַסן גרויס געווען די שמחה און די פרייד, זי האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, ווייל באַלד נאָך איר איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ווער איז צוריקגעקומען אַ פריילעכער נאָך דער באַ־פרייונג־מלחמה? אָדער ווער האָט זיך געפרייט נאָך די סיני־קאַמפן? מיר שיינט,

---

* אין יאָר 1948.

אַז ס'איז פֿאַראַן אַן אַלגעמיינער טאָן פֿון צער איבער די קרבנות. נישטאָ כמעט קיין מענטש וואָס זאָל נישט זיין פֿאַרבונדן מיט דערהרגעטע, וועלכע זענען נישטאָ...

עמוס: פֿאַראַן עפּעס אַזאַ טאָן: מיר האָבן געטאָן אונדזערע שונאים דאָס וואָס זיי האָבן פֿאַרטראַכט צו טאָן אונדז... טראַכט אויך וועגן דעם...

נחמן: יאָ... איך וועל רעדן וועגן דעם. דאָ איז נישט קיין ענין פֿון שׂמחה, נאָר מיר זענען באמת נישט קיין פֿאָלק, וואָס רייסט זיך צו שלאַכטן און אין דער מאָס וואָס דאָס איז אַן ענין פֿון קאַמף־גרייטקייט, אָדער וואָס מען רופֿט „ביטחוניזם"* — ווייס איך נישט... אפֿשר ביי אַנדערע איז עס אַנדערש, אָדער מעגלעך אַז געוויסע חשובֿע מענטשן, צי אפֿשר אַ פּאַרטיי, זעען די מלחמה ווי אַן אידעאָלאָגיע. ביי אונדז אָבער, דער דאָזיקער ענין פֿון דער באַדערפֿעניש פֿון שטענדיקער גרייטקייט און די דאָזיקע מעגלעכקייט, אַז יעדן טאָג וועט אויסברעכן אַ מלחמה — איז פּשוט אַן ענין פֿון קוקן אין פּנים דערווירקלעכקייט. און דאָס איז די סאַמע טרויעריקסטע זאַך וואָס איז פֿאַראַן אין דעם גאַנצן „עסק".

אויב איר ווילט, איז דער גאַנצער ציוניזם אַ זייער טראַגישער ענין. פֿון אָנהייב אָן... דער דאָזיקער אריינקום פֿון די יידן, דאָס צוריקקערן זיך פֿון דעם פֿאָלק אינעם לאַנד פֿון די אָבֿות. די איינציקע מעגלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק ווייטער צו עקזיסטירן — איז פֿאַרבונדן מיטן ווידערשטאַנד פֿון דעם פֿאָלק וואָס זיצט אין דאָזיקן לאַנד. און אונדזער אומקערן זיך אין לאַנד איז אין אַזאַ צי אַנדער פֿאָרעם פֿאַרבונדן מיט אַנט־אייגענען... אין אונדזער ראַיאָן זענען געווען אַרום און אַרום אַראַבישע דערפֿער — דאָ נוריס, און מאַזאַר און קומי' — זיי זענען נישטאָ! איז וואָס? מיין געוויסן דאַרף מיך די גאַנצע צייט פּייניקן און איך דאַרף די גאַנצע צייט וויינען אויף דעם, אַז זיי זענען דאָ נישטאָ? ניין! דער צוריקקער פֿון דעם פֿאָלק אין זיין לאַנד איז פֿאַרבונדן מיט דער קעגנערשאַפֿט פֿון די פֿעלקער, וואָס זיצן אין דעם לאַנד. ס'האָט זיך נישט איינגעאָרדנט לויט אַ הסכּם. די ענינים זענען באַשטימט געוואָרן מיט כּוח און נישט דורך אַ הסכּם און נישט דורך זייער גוטן ווילן. דער ווען ס'איז געלונגען צו באַזיגן דעם צווייטן... דאָס מיינט, מאַכן די שרעקלעכע מלחמה: אין ערשטן עטאַפּ — אין דער זעלבשטענדיקייט־מלחמה; צום צווייטן מאָל — אין סיני; צום דריטן מאָל — איצט.

פּרייטיק, ווען מיר האָבן דאָ אין עסזאָל דערציילט וועגן דער מלחמה, האָב איך געזאָגט, אַז איינע פֿון די שווערסטע איבערלעבונגען פֿאַר מיר איז פֿאַרבונדן מיט אַ געדאַנקלעכער מסכּנה, אַ טעאָרעטישער... — אַז אין אַלגעמיין איז די גערעכטיקייט מיטן שטאַרקן. דאָס הייסט — גערעכטיקייט אָן כּוח האָט נישט קיין שום האַפֿט. גערעכטיקייט, וואָס הינטער איר שטייט נישט קיין קראַפֿט, האָט נישט קיין שום באַדייטונג. און ווער עס וויל, אַז זיין גערעכטיקייט זאָל נישט זיין בלויז אַן אַבסטראַקטע זאַך, נאָר ער זאָל אויך קענען לויט איר לעבן — דאַרף זיין „שטאַרק. דאָס איז אַן אַכזריותדיק געזעץ פֿון אונדזער תּקופֿה. איך קען עס נאָר באַדויערן. כ'בין אָבער נישט גרייט אַרומצוגיין מיט אַן אומריינעם געוויסן, אויב איך דאַרף מיין גערעכטיקייט רעאַליזירן אויך מיט כּוח, ווייל כ'האָב נישט קיין אַנדערע ברירה.

---

* איבערגעטריבענע זיכערקייט־פּאָליטיק. (בטחון)

עמוס: און די גערעכטיקייט בלייבט די זעלבע גערעכטיקייט ווי זי איז געווען, איידער דו האָסט זי רעאַליזירט מיט כוח?...

נחמן: דאָס הייבט זיך אָן פונעם ענין ציוניזם בכלל. דער קיום פון יידישן פאָלק און זיין מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אין לאַנד, איז פאַרבונדן מיט אַרויסשטויסן דעם, וואָס איז דאָ געזעסן. קוים וואָלסטו נישט באַדאַרפט קיינעם אַרויסשטויסן — וואָלסטו באַדאַרפט ווייטער זיצן אין גלות — און דאָרט וואָלט מען דיך געשאָכטן. קיינער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט צו פאַרטיידיקן אונדז אויף קיין שום אָרט און קיין מענטש האָט נישט געטאָן פאַר אונדז די מלאכה — און מ'האָט אונדז אויסגעשאָכטן, ווען אַלע זענען געשטאַנען אָנטקעגן און זיך נישט אַריינגעמישט און דאָס דאַרף מען נישט פאַרגעסן. איך פאַרשאַרף דאָס מיט אַ כיוון, און מיינט נישט, חלילה, אַז איך רייס זיך צום קאַמף. אָבער מיר געפינען זיך אין עפּעס אַ שרעקלעכער ווירקלעכקייט. און זי איז באמת שרעקלעך...

כ'וויל אייך נאָר דערמאַנען, ווי אַזוי די ענינים האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַפילו אין דעם לעצטן אָפּשניט פון דעם זעקס־טאָגיקן קריג. דערמאָנט זיך דעם אָנהייב פון רוקן זיך פון די כוחות צו סיני צו און צו דער גרענעץ פון ישראל — און דאָס שליסן דעם טיראַנער דורכגוס. דערמאָנט זיך דעם דאָזיקן בונד מיט ירדן... ווי דער רינג אַרום אונדז ווערט אַלץ ענגער און ענגער... און ווי אַזוי די מדינות הייבן אָן... אין אָנהויב זענען אַלע קעגן נאַצערס האַנדלונג; דערנאָך הייבן זיי אָן זיך צוריק־ציען... צוריקציען... קיינער האָט נישט געוואָגט צו שיקן אַ שיף דורכ־צורייסן דעם טיראַנער דורכגוס. די אַמעריקאַנער האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן שיקן אַ שיף אויף פּראָבע — צי האָבן זיי עס געטאָן? צי האָבן זיי אויף וועלכן ס'איז אופן אָפּגעהאַלטן נאַצערן? ער האָט אַרויסגעוויזן פעסטקייט און כוח און חוצפּה. ס'איז געווען קלאָר — קיינער וועט אונדז נישט פאַרטיידיקן!

גיל: חיים טאָפּאָל* איז ביי אונדז אויפגעטרעטן און דערציילט, אַז אין ענגלאַנד און אין נאָך ערטער האָט מען מיט סימפּאַטיע זיך באַצויגן צו דער קליינער מדינה, וועלכע האָלט איצט ביים ליקווידירט ווערן...

נחמן: פון דעם קומסטו צום ענין פון מלחמה. דאָס מיינט, דיין רעכט צו פאַרטיידיקן מיט כוח דיין לעבן, זייער פּשוט... און אויב מלחמה? — איז ביטע... אויב ס'איז נישטאָ קיין אָנטרינונג... אויב דו וועסט נישט קעמפן פאַר דיין לעבן — וועלן זיי דיך פאַר־טיליקן... און זיי זאָגן דאָס מיט קאָפּ און האַרץ, און מיר אַלע זעען עס אין אַלע צייכענונגען אין יעדער אַראַבישער שול. און אַלע האָבן מיר דאָס געזען אויף דער סירישער רמה; די דאָזיקע אַלע אָקאָפּעס און די אַלע טונעלן — אַ גאַנץ לאַנד וואָס אַלץ דאָרט איז איינגעשטעלט דיך צו אַטאַקירן.

עמוס: איך מיין, אַז דו מאַכסט זיך אַ ביסל גרינגער, ווייל אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט — איז כולו אמת, ווי מען זאָגט אין אַ געלאָקטן עברית. מיר האָבן אויף אַן

---

* באַוווּסטער ישראלדיקער אַרטיסט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ראָלע פון „טוביה דער מילכיקער" אין מיוזיקל „אַ פידלער אויפן דאַך".

אמת געקעמפט פאַר אונדזער לעבן און וועגן דעם איז נישטאָ קיין שום געוויסנסביסן און קיין שום פלאָגן זיך. אַ מענטש וועלכער פאַרטיידיקט זיין לעבן, באַשיצט זיך מיט יעדער זאַך וואָס קומט אונטער דער האַנט און מיט גרויס צאָרן. דעם 5טן יוני האָב איך געהאַט אַ געפיל, אָדער דאָס געוויסער וועט מיך פאַרפלייצן, אָדער איך וועל צוריקשטויסן די פאַרפלייצונג מיט אַלץ וואָס וועט מיר קומען אונטער דער האַנט. און דעם 10טן יוני האָב איך זיך פלוצעם געפונען אין חברון, אין ירושלים און אין בית־לחם און אין שאַרם־אַ־שייך... אין מיינע סאַמע מאָדנע און ווייטגייענדיקע חלומות אין 3טן יוני, האָב איך זיך דאָס נישט פאַרגעשטעלט. מעגלעך, אַז כ׳בין געווען קורצזיכטיק. פאַראַן אָבער אַ געוויסע דיספּראָפּאָרץ, אַ געוויסער ריזיקער אָפּשטאַנד, וועלכן די פאַנטאַזיע קאָן נישט צונויפבינדן — צווישן דער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאַרטיידיקן דאָס עצם לעבן פון די פרויען און קינדער (ווי דער שטייגער פון אַ מענטש וואָס גייט אַרויס פאַר דער טיר פון זיין הויז און הרגעט רויבער און מערדער) און היינט. און ס׳איז שווער זיך צוצופּאַסן צו דער דאָזיקער שנעלקייט.

נחמן: אין משך פון די אַלע יאָרן האָבן מיר געזאָגט: אין פאַל ווען ס׳וועט אויסברעכן אַ מלחמה — וועלן מיר זי איבערפירן אויפן שטח פון שונא. האָבן מיר עס דען געזאָגט, כדי צו דערציילן וועגן דעם ביי אַ גלאָז קאַפע?

עמוס: מיר אָבער האָבן קיין איין מאָל נישט געזאָגט, אַז מיר וועלן זי איבערפירן אויף די באַפרייטע געביטן...

נחמן: וואַרט, עמוס, איך פאַרשטיי דעם ענין פון טערמינאָלאָגיעס, וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין אידעאָלאָגיעס.

אַלזאָ, די מלחמה אַן־און־פאַר־זיך — איז אַ גערעכטע. איך זאָג עס דערפאַר, ווייל עס זענען פאַראַן אַ סך מענטשן וואָס טענהן, אַז אויך דער ציוניזם איז נישט קיין גערעכטער, אַז דער ענין פון ציוניזם איז נישט קיין מאָראַלישער און אַזוי ווייטער... און זיי גייען אַרום מיט אַן אומריינעם געוויסן וואָס שייך דער עצם עקזיסטענץ זייערער אין דאָזיקן לאַנד. און איך ווייס נישט ווי אַזוי מ׳האָט געקאָנט אַנדערש מאַכן. די ענינים האָבן זיך אַנטוויקלט ווי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט — און מיר זענען דערגאַנגען ביז די דאָזיקע מלחמות. און דאָס איז זייער טראַגיש. טראַגיש, אָבער אַזאַ איז דער גורל. ס׳איז אַ שווערער גורל.

די מלחמה האָט זיך אויסגעשפּרייט אַריבער די וואָפנשטילשטאַנד־ליניעס, וואָס אויך זיי זענען צופעליקע. פאַר וואָס זענען זיי צופעליקע? אַזוי האָט זיך דעמאָלט פאַרענדיקט די מלחמה! זענען זיי מיט אַ מאָל געבליבן... יידישע פונקטן זענען פלוצעם געוואָרן דעמיליטאַריזירטע, נישט־יידישע שטחים. גוש־עציון און בית־הערבה *, צום ביישפּיל, מיט וואָס איז זייער רעכט אויף בית־הערבה גרעסער פון אונדזערס?

און צו דעם ענין פון אויסברייטערן די שטחים („באַפרייטע געביטן”)... מיר איז באַקאַנט דער דאָזיקער טאָן, לויט וועלכן מיר האָבן באַפרייט פון עפּעס אַ פרעמדן אָקופּאַנט, און די דאָזיקע אַלע טענער... דער שאָוויניזם... וואָס האָט מען באַדאַרפט

---

* אַ געוועזענער קיבוץ לעבן דעם ים־המלח.

טאָן? אָפּשטעלן זיך ביי די גרענעצן פונעם וואָפנשטילשטאַנד? איבערלאָזן די סירישע הויכקייט אין זייערע הענט, אַזוי ווי ס׳איז געווען פריער?... נישט פאַרנעמען דעם דזשעניןדרייעק? * לאָזן דעם ענין אַזוי ווי ער איז געווען פריער? איך ווייס נישט, וואָס ווילט איר? וואָס האָבן מיר צו באַדויערן וואָס מיר האָבן מצליח געווען? דער כלומרשטער אומגליק פון דער הצלחה. די מלחמה האָט דערגרייכט מער וויפל מ׳האָט דערוואַרט — און גוט וואָס זי האָט דערגרייכט מער ווי מ׳האָט דערוואַרט. דאָס גאַנצע איבעריקע: אין וואָס זיך האַלטן; ווי אַזוי האַלטן; ווי אַזוי פירן די ענינים אויף די דאָזיקע ערטער — דאָס איז אַן ענין וואָס דאַרף אַרויסדרינגען פון פּאָליטיש־זיכער־הייטלעכע אויסרעכענונגען.

איצט צו אַן אַנדערן ענין. אַ וויכטיקע זאַך, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער דאָזיקער מלחמה — די נייע עליה. די שיכטן, וואָס זענען ביז דער מלחמה באַטראַכט געוואָרן אין לאַנד ווי נייע עולים, הגם זיי געפינען זיך אין לאַנד זינט דער באַפרייונג־מלחמה, דער עיקר די עולים וואָס זענען געקומען פון די איסלאַם־לענדער. אָט די גאַנצע שיכט — און זי איז אפשר אַ מערהייט אין לאַנד, אָדער אַ מערהייט פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג — האָט זיך שוין דערוואָרבן דאָס געפיל, אַז זי איז אין דעם לאַנד גלייך מיטן אַלטן ישוב. צוליב זייער מלחמה האָבן זיי דעראָבערט דאָס געפיל פון גלייכבאַרעכטיקונג מיט דער מער איינגעזעסענער באַפעלקערונג, דער אַש־כנזישער — און דאָס איז זייער אַ וויכטיקע זאַך.

איך וויל דערציילן וועגן אַ גרויסער איבערלעבונג וואָס איז געווען אין דער דאָזיקער מלחמה: די פּאַרעם, אין וועלכער מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה. און דווקא נישט די קעמפערס פון דער ערשטער ליניע. נאָר די וואָס האָבן געקעמפט פון הינטן. דאָס איז באמת געווען אַ מלחמה, וואָס איז געלונגען אַ דאַנק די מענטשן וועלכע האָבן געקעמפט אָדער זיך באַטייליקט אין איר מיטן גאַנצן האַרצן... מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער קראַפט. די דאָזיקע איבערלעבונג ביי די אַלערליי באַ־דינונג־אַרבעטן. די אַרבעט פון דער צווייטער ליניע, וואָס איז געווען אַזוי אויסגעמישט מיט דער ערשטער ליניע. ס׳איז אַ גרויסע איבערלעבונג פון איבערגעגעבנקייט, ממש מסירת־נפש.

און נאָך איין ענין, וואָס איז שרעקלעך און מוראדיק, נאָר לויט מיין מיינונג וויכטיק. העגעל האַלט, אַז מלחמה האָט אַ רייניקנדיקן ווערט: דאָס לעבן — זאָגט ער מיט אַ ביסל גרינגשעצונג — איז עפּעס אַ בלאָטע וואָס ברענגט אַרויס שימל, דערפאַר אָבער טרייסלט כלומרשט די מלחמה אויף די דאָזיקע גאַנצע בלאָטע. כ׳וויל אייך זאָגן, אַז אַלץ וואָס איז געווען אין ישוב אין דער גרייטקייט־תקופה, באַשטעטיקט עטוואָס העגעלס רייד. איר געדענקט די תקופה פונעם קאָנסאָלידירן זיך פון ישוב, ווען יעדע מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן שאָסיי און אויפגענומען דעם טרעמפּיסט און יעדער רעסטאָראַן־אייגנטימער האָט דיר כמעט אומזיסט געגעבן צו עסן; און דאָס גאַנצע פאָלק איז באמת געווען קאָנסאָלידירט און פאַראייניקט און דערהויבן... דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונג פון קאָנסאָלידאַציע און נאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט.

---

* דזשענין — טול־כרם — ראמאללא.

עמוס: מ'דאַרף תמיד געדענקען, אַז אויף עפּעס אַן אָרט איז גוטהייסן אַ קאַטאַס־טראָפע — נעגירן דעם מענטשן.

נחמן: מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער די דערשיינונג אַליין האָט עקזיסטירט. די אַנטפּלעקונגען פון דער דאָזיקער דערהייבונג, און די לייטערונג — געדענקט איר וואָס ס'איז געווען פאַר דעם? די אַלע רייד וועגן ירידה* און אַלץ... באמת, מ'איז דערגאַנגען צו אַן אַראָפּנידעריקונג פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע, פון שטאַנדפּונקט פון ברידערלעכקייט... אַן אַבסאָ־לוטע אַראָפּנידעריקונג — קען מען זאָגן. און פּלוצעם איז געשען אַ מין גרויסע און שיינע דערהייבונג. איך לייג נישט פאָר צו באַשטעלן מלחמות, כדי יעדעס מאָל צו דערגיין צו אַזעלכע לאַגעס. אָבער די דאָזיקע עצם אַנטפּלעקונג זאָגט, אַז ס'איז דאָך פאַראַן... פאַראַן עפּעס פּאָזיטיווס אין דער דאָזיקער באַפּעלקערונג, אין די דאָזיקע מענטשן, אין דער דאָזיקער נאַציע בכלל.

דאָס גרויסע פּראָבלעם איז דאָס דערציונג־פּראָבלעם. ווי אַזוי — מיט דער גאַנצער באַרעכטיקונג פון דער דאָזיקער מלחמה פון אונדזער שטאַנדפּונקט — נישט פאַר־וואַנדלט ווערן אין קיין מיליטאַריסטן און נישט גרינגשעצן דאָס מענטשלעכע לעבן. און דאָס איז די סתירה, דאָס איז דער פּאַראַדאָקס, וואָס איז פאַראַן אין דעם גאַנצן ענין. נישט מאַכן ביליק דעם מענטשנס לעבן און נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אָקו־פּאַנטן. נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין גרענעצן־איבערטרעטערס אויפן חשבון פון אַנדערע פעלקער, און נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין שונאים פון אַראַבער. און ווי אַזוי נישט פאַרוואַנדלען די חברה און די קינדער און די שילערס אונדזערע אין ציניקער, וועלכע זאָגן: גערעכטיקייט? — נישטאָ בכלל אַזאַ זאַך!; „די פאַראייניקטע נאַציעס — נאַרישקייטן"; „געטריישאַפט — דאָס איז אַ רעלאַטיווע זאַך". ווי אַזוי, מיט דעם אַלעמען, דאָך אָפּהיטן דעם יסודותדיקן ענין, די זאַך וואָס איז נישט נאָר רעלאַטיוו, נאָר אַבסאָלוט, אין צושטאַנד פון אַבסאָלוטע ווערטן. דאָס איז זייער שווער... זייער שווער... און מיט דעם דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען... טראַכטן וועגן דעם און קעמפן דערפאַר.

גילי: — — — כ'בין דער ערשטער אַריין קיין שכם, נאָך די טאַנקען, די מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין די זייטן פון די גאַסן. אַ ריזיקער עולם. זעלנער מיט ביקסן... און ציווילע... געמאַכט פאַנטאַזיעס** און אונדז אַפּלאָדירט... זיי האָבן געוואַרט אויף אַן איראַקישער בריגאַדע... געווען דאָרט אַ סך מענטשן מיט געווער... הונדער־טער... הונדערטער... און איך זאָג צום שעף פון פאָלק: „פאַראַן דאָ אַ סך מענטשן מיט געווער. שיסן אָדער נישט שיסן?" זאָגט ער צו מיר: „נישט שיסן". קאָן זיין, אַז מ'וואָלט דערנאָך פאַרשפּאָרט עטלעכע קרבנות — אויב מ'וואָלט גלייך אין שטאָט אַריין מיט פייער און די שטאָט וואָלט באַלד אויפגעהויבן די ווייסע פענער, קאָן זיין, אַז אַ ביסל חברה וואָלטן נאָך ביז איצט געבליבן לעבן... און קאָן זיין, אַז דאָס וואָלט אַנדערש נישט געמאַכט.

---

* פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

** אַ שמחה לויטן אַראַבישן שטייגער: אַפּלאָדירן, שרייען, שיסן אין דער לופט.

אַלנפֿאַלס, איז אַ פֿאַקט, אַז מיר זענען אַריין אַן איין שאָס, און דער שעף פֿון פֿאָלק — נאָך מער — ער איז אַריין אין דער פֿאַרבינדונג־ליניע מיט מיין באַטאַליאָן און געזאָגט: „נישט אַנרירן די ציווילע"... נישט שיסן, ביז מען שיסט נישט אויף אייך און נישט אַנרירן קיין ציווילע... זעט, כ'האָב אייך געוואָרנט, דמכם בראשכם* — מיט אַזעלכע ווערטער. און חברה אין באַטאַליאָן, אַלע — און איך הער דאָס ביזן לעצטן פֿון די שאַפֿערן — האָבן דערנאָך גערעדט און דערמאָנט זיינע רייד — „איר געדענקט, ,דמכם בראשכם'?" אגב, ער איז פֿון קיבוץ כּברי.

אורי: אינטערעסאַנט, צי איז דאָס באמת אַן אַנטשיידונג, וואָס ער האָט אויף דער מינוט אָנגענומען פֿון אייגענער איניציאַטיוו אָדער צי איז עס אַ פֿאַראָרדענונג?

גילי: זע, אַלץ איז גוט... מיר האָבן געקענט אַריין און גלייך מיט סאַלוועס זאַלפֿן... דו ווייסט, אין דעם צושטאַנד ווי מיר זענען געפֿאָרן, קאָן דאָס אויסברעכן אויך נישט ווילנדיק, ווייל אַלע כּלים זענען געווען אָנגעשטעלט און נישט פֿאַרזיכערט, און אין דער ערשטער אָפּטיילונג זענען געווען שראַפּנעלן אין די רערן... עפּעס האָט געקענט אַרויס־שיסן. און אַ פֿאַקט איז, אַז מיר זענען אַריין שטיל... און זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז מיר זענען ישראלים און אָנשטאָט אויפֿצוהייבן ווייסע פֿענער... מיר האָבן נישט גע־שאָסן... דאַן זענען זיי אַרויף אויף די דעכער און אַרויף אויפֿן הר־גריזים און אָנגע־הויבן שיסן אויף אונדז. און די מלחמה אין שטאָט האָט זיך געצויגן ביז זעקס פֿאַרנאַכטס — און ס'זענען געווען געהרגעטע...

טייל מאָל איז דער חשבון אַ קאַלטער... אויך איך מיין, אַז עס זענען פֿאַראַן עטלעכע אכזריותדיקע האַנדלונגען, מיר טאָרן אָבער נישט פֿאַרגעסן אַפֿילו אויף איין מינוט, אַז ווען דאָס בילד וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט מען דאָ געהרגעט און צעקלאַפּט קינדערלעך אין די ווענט און מ'וואָלט פֿאַרגוואַלטיקט און געטאָן די אַלע זאַכן אויפֿן פֿאַרשאָלטענעם אופֿן. מיר טאָרן דאָס נישט פֿאַרגעסן. אין די טעג פֿון פֿרידן און אין די טעג... און מיר... איך טראַכט, אַז מיר פֿירן זיך... דער „דמכם בראשכם" פֿונעם שעף פֿון מיין פֿאָלק איז אַן אויסערגעוויינלעכע אַנטפּלעקונג, וועלכע דו וועסט נישט געפֿינען אין קיין שום אַרמיי אין דער וועלט. איך גלויב נישט, אַז דו וועסט זי געפֿינען. מען וויל אונדז אומברענגען, און מיר פֿירן זיך אויף, ווי מיר האָבן זיך אויפֿ־געפֿירט. מיר האָבן בכלל נישט געוואָלט מלחמה האַלטן מיט זיי... מ'האָט געזאָגט, אַז אויף דער גרענעץ פֿון ירדן און פֿון לבנון וועט היטן דער צה"ל־אָרקעסטער מיט די פּויקן... דאָס איז אַרומגעגאַנגען אין מיליטער.

עמוס: ביסט געווען אין שכם נאָך דער מלחמה?

גילי: דריי מאָל. דערפֿון איין מאָל מיט איינער פֿון די אלמנות.

עמוס: ווי אַזוי האָסטו זיך געפֿילט אין שכם נאָך דער מלחמה? אַזוי ווי אין דער אַלטשטאָט? אָדער אין אַן אָקופּירטער שטאָט? אָדער אין אַ פֿרעמדער שטאָט? אַזוי ווי אין אויסלאַנד?

---

* דאַרף זיין: דמם בראשכם: זייער בלוט אויף אייער קאָפּ — ד. ה. איר זענט פֿאַראַנט־וואָרטלעך פֿאַר זייער לעבן.

גילי: — איך ווייס נישט... ס'איז מיר זייער שווער דיר צו זאָגן... כ'האָב זיך נישט געפילט ווי אין אַ באַפרייטער שטאָט... אין דעם זין האָב איך נישט קיין שום אילוזיע... און ס'איז שווער צו זאָגן... כ'האָב זיך נישט געפילט אַנדערש, ווי איך פיל זיך אין נצרת... אַן אַראַבישע שטאָט...

עמוס: און אויב מ'וועט מאַכן שלום און מ'וועט אומקערן שכם צו די אַראַבער, צו אַן אַראַבישער מדינה. וועסטו זיך באַליידיקן, אָדער באַדויערן, אָדער זיין געטראָפן?

גילי: גאָרנישט. כ'וועל זיך נישט פילן געטראָפן.

עמוס: וועסט נישט פילן, אַז מ'האָט דיך פאַרראַטן אָדער מ'האָט דיך פאַרקויפט?

גילי: ניין... ניין... דרך־אגב, פון עפעס אַ קוזין מיינעם האָב איך באַקומען אַ דעקלאַ־ראַציע אונטערצושרייבן: „די קעמפערס זענען קעגן צוריקגעבן די שטחים". איך בין נישט פון די וואָס שרייבן אונטער... מיר זוכן דעם שלום און ווייסן נאָך נישט, ווי אַזוי אים צו דערגרייכן. און מיר ווייסן נאָך נישט ווי אַזוי מיר וועלן אים „עסן"... און אויב מיט דער הילף פון דעם, וואָס מ'וועט אומקערן שכם — און איך פיל נישט אַז שכם איז מיין שכם, דורך דעם וואָס איך ווייס אַז מיר זענען דאָרט אַריין די ערשטע. און ס'זענען פאַראַן ערטער וואָס איך מיין, אַז ס'איז קלאָר, שיינט מיר אין הונדערט פּראָצענט, אַז מ'טאָר נישט צוריקגעבן. מ'דאַרף פאַרריכטן די גרענעץ. וואָס שייך שכם, אַרט מיך נישט, אויב מען וועט זי אָפּגעבן. און אפשר אַפילו דזשענין. קלאָר, אַז מ'וועט דאַרפן מאַכן געוויסע ר'עגולירונגען פאַר אַ מיליטערישער פאַרזיכערונג. אפשר אָפּגעבן, נאָר קיין ירדנער מיליטער זאָל דאָרט נישט אַריינגיין. דאָס הייסט, אַז דער טייך ירדן זאָל זיין אונדזערער.

וואָס שייך דער רמה, אויב מען וועט זי צוריקגעבן, ווינציקסטנס דאָס וואָס הענגט איבער די ישובים — וועט דאָס זיין אַן עוולה, וואָס האָט נישט אירס גלייכן. און אין דער מאָס וואָס עס וועלן זיין רעגולירונגען, וועט מען, לויט מיין מיינונג, מוזן פאַר־ריכטן די דאָזיקע אומנאַטירלעכע גרענעץ. און כ'ווייס נישט, אויב זיצן אין קונייטרא, אָדער זיצן אויף די פּאָזיציעס, קאָן זיין אַ נישט שלעכטע גרענעץ. 20 קילאָמעטער איז נישט שרעקלעך, איך זאָג דיר, ווייל אויב מ'וועט אַפילו צוריקגעבן מיט אַ שלום־אָפּמאַך, האָט מען געזאָגט, אַז מ'וועט עס אומקערן ווי אַן עקוויוואַלענט פאַר אַן אַמבאַסאַדע אין דמשק. איך פאַרלאָז זיך נישט אויף די דאָזיקע מענטשן, ווען מיר וועלן עס צוריקגעבן. און איך זאָג: ווען איך בין דאָרט אומגעפאָרן — האָב איך נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי די ישובים אין גליל זענען געווען אימשטאַנד אַזוי צו לעבן אַלע יאָרן... אין סך־הכל, כל־זמן ס'איז געווען מלחמה, האָבן מיר געקעמפט און געוואָלט טרעפן אין דעם, ווען מ'דאַרף טרעפן. אין מאָמענט ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט... איז מיט די ירדנער האָב איך נישט קיין שום חשבון און נישט קיין שנאה, און איך גיי אַדורך דורך זייערע דערפער... און כ'וויל דיר זאָגן, אַז כ'בין דורכגעגאַנגען דערפער, געזען ווי זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, נאָך עטלעכע טעג, און אין די פעלדער, מיר האָבן זיי געטראָפן צווישן די סעדער אויף די בערגלעך... דער עיקר האָבן מיר אויף זיי רחמנות געהאַט, ווען מיר האָבן זיי אַזוי געזען פאַרלאָזן די דערפער און אַנטלויפן און וואַרטן אין גרויס שרעק צו זען וואָס די

„ציוניסטישע מנוולים" וועלן אָפּטאָן. און שפּעטער זענען זיי צוריקגעקומען... איצט בין איך נישט קעגן דעם, וואָס זיי לעבן אין פרידן און אין שלווה. דאָס זעלבע בנוגע שכם.

און אויף דער סירישער רמה האָב איך אַ געפיל... איך זאָג דיר...

און די איינציקע טעמע פון דער קלעמעניש איז, אַז נאָך עטלעכע יאָר, וועט מען זיין געצוווּנגען ווידער מלחמה צו האַלטן...

יוסי: — — איצט, וואָס שייך דער שנאה. איך האָב נישט קיין באַזונדערע שנאה צו די אַראַבער. און אויך אין צייט פון דער מלחמה האָב איך נישט מלחמה געהאַלטן אויס שנאה. אָבער איין מאָל האָבן מיר געהערט פון אַ פאַל, אַז אין דער אַלטשטאָט איז דערשיגען עפּעס אַן אַראַבער מיט אַ ווייסער פאָן און געזאָגט, אַז ער ווייסט ווו עס וווינט דער גובערנאַטאָר, ער איז איינער פון זיינע פּאַרטרעטער. ער האָט זיי גענומען צו אַ לויער און מ׳האָט דאָרט פון דאַך געוואָרפן גראַנאַטן און זיי זענען דאָרט געהרגעט געוואָרן... דאָרט איז געהרגעט געוואָרן אַ בחור פון מנרה און נאָך זעקס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין דעם מאָמענט האָט חברה... אַלע האָבן געפילט אַזאַ מין שנאה... דאָס איז געווען אַזאַ מאָמענטאַנע שנאה... ס׳האָט נישט געאַרט וועמען מען הרגעט. פאַראַן פאַלן, וואָס דאָס ברענגט דיך אַראָפּ פון זינען. דו קענסט נישט...

עמוס: אָבער דער מאָמענט איז געווען אַ מאָמענט, אָדער?...

יוסי: ס׳איז געווען גענוג מאָמענטאַן.

עמוס: איצט איז דיר עפּעס געבליבן פון דעם? פון דער דאָזיקער שנאה?

יוסי: ניין... איך נישט... כ׳האָב נישט צו זיי קיין שום באַזונדערע שנאה.

עמוס: און אויב, לאָמיר אָננעמען, מ׳וואָלט דיר איצט געברענגט דעם דאָזיקן אַראַבער מיט דער ווייסער פאָן... און דו וואָלסט אים אידענטיפיצירט — וואָס וואָלסטו אים געטאָן?

יוסי: איך מיין, אַז כ׳וואָלט אים גאָרנישט געטאָן.

אַלי: אייגנטלעך זענען געווען צוויי ערטער וואָס מיר האָבן באַדאַרפט נעמען — ראַס־אַל־נאַקב * און א־טור **. אין ראַס־אַל־נאַקב איז געווען זייער אַ מאָדנע מלחמה. זיי האָבן אַ ביסל געשאָסן און מיר האָבן אַ ביסל געשאָסן און דערנאָך האָבן מיר זיי נישט געזען... אין אַ־טור האָבן מיר געטראָפן נאָר ציווילע איינוווינער.

— — — עס מאַטערט מיך די אויפפירונג פון אַ צאָל מענטשן וואָס זענען געווען מיט מיר. די מטבע האָט געהאַט צוויי זייטן. איין זייט — דאָס פאַרנעמען זיך מיט די ציווילע... מיר זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ציווילע מענטשן... און דאָס פאַרנעמען זיך מיט זיי איז באמת געווען אַ שיינע... אַריינגערעכנט דאָס פאַרנעמען זיך מיט אַ קימפּעטאָרין, זי האָט באַקומען מילך און מיר האָבן פאַר איר געזאָרגט. פון דער צווייטער זייט איז באמת געווען מאָדנע... איך ווייס נישט ווי אַזוי עס צו

---

* לעבן אילת.

** אין דרום־מערב טייל פון סיני, ביים סועץ־איינגוס.

דערקלערן, כ׳בין קיין מאָל נישט געווען נאָענט צו אַזאַ געפיל... כ׳האָב געזען אַ סך הרוגים און כ׳האָב אַליין אויך געהרגעט... אָבער קיין מאָל נישט אַזוי געפילט... געזען איינצלנע פאַלן, ווען זעלנער האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווילן צו דעמאָנסטרירן כוח און דערנידעריקן די עגיפּטער. פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמאַנדירן האָבן עס נישט דערלאָזט און דאָס איז בכלל נישט געווען קיין געוויינלעכע דערשיינונג. אָבער אפשר דערפאַר וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט דורכגעמאַכט קיין מלחמה און נישט געפילט... איך ווייס נישט צי זיי האָבן פיינט געהאַט די עגיפּטער... לויט מיין מיינונג, איז עס אַ סך אַ געמיינער געפיל ווי שנאה — איך מיין דאָ די אַנטפּלעקונגען אויף וועלכע כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן און כ׳קאָן זיי מיר אַליין נישט דערקלערן ביז איצט. איין מאָל האָבן מיר דורכגעזוכט אַ דאָרף און ס׳איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז ביינאַכט קומען אַהין צוריק פון די בערג מצרישע זעלנער און דער באַפעל וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען צו שיקן זיי צום סועץ. מיר האָבן דאָרט געכאַפּט צוויי. ווייזט אויס, זיי זענען געווען זעלנער. אייניקע זעלנער וועלכע האָבן זיי געכאַפּט, האָבן אין אָנהויב געוואָלט זיי שלאָגן. כ׳האָב נישט געלאָזט. — — — כ׳האָב נישט מסכים געווען. זיי האָבן געוואָלט זיי אָנשרעקן... זען ווי זיי ציטערן פאַר מורא... אָבער איך האָב נישט געלאָזט. ביז איצט באַגרייף איך עס נישט... בכלל, באַנעם איך נישט וואָס דאָס איז... כ׳האָב אַ סך געטראַכט וועגן דעם... קיין מאָל האָב איך נישט געפילט אַזוי... כ׳בין תמיד געווען אַזוי ווייט פון אַזעלכע זאַכן און קיין מאָל נישט... איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָס איז... זיי אַליין האָבן דערנאָך געזאָגט: „מיין נישט, אַז דאָס איז געווען ערנסט...” און אַזוי... און אַזוי... זיי אַליין האָבן געפילט... איך פאַרשטיי זיי נישט... כ׳האָב געטראַכט, אַז אפשר זענען זיי דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנדער דור, אפשר זענען מיר אויפגעוואַקסן אין אַן אַנדער תקופה... כ׳האָב וועגן דעם געטראַכט אַזוי פיל...

אורי: און דו האָסט זיי נישט געפרעגט? נישט גערעדט מיט זיי וועגן דעם? פאַר וואָס?

אלי: גערעדט אַ סך... צום סוף האָבן זיי מער נישט געוואָלט רעדן מיט מיר וועגן דעם.

גילי: און זיי האָבן עס דיר נישט דערקלערט... ס׳איז דיר נישט געלונגען אַרויסצוציען פון זיי אַן אויפקלערונג...

אלי: ס׳איז געווען אַ שטאַמלדיקע אויפקלערונג. זיי האָבן מיר געזאָגט: „זע, ער (דער געפאַנגענער) לאַכט אונדז אין פנים אַריין... זיי מאַכן פון אונדז אַ געלעכטער... זע ווי זיי פירן זיך אויף...” נאַרישקייטן, ער איז געשטאַנען און געציטערט ווי... ס׳איז אמת, אַז ער האָט געלאַכט, נאָר דאָס איז געווען אַ מין געלעכטער, אַז כ׳האָב געטראַכט, אַז אויך דער טײַוול האָט אַזאַ געלעכטער.

עמוס: זאָג, אלי, דו ביסט דאָס צווייטע מאָל אין סיני, ריכטיק? און בערך אויף די זעלבע ערטער. האָסטו נישט געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם געפיל, אַז דאָס איז עפּעס אַ ראָד וואָס דרייט זיך אויף צוריק און אַז די צייט ווערט אָפּגעווישט?

אלי: דאָס ערשטע מאָל אין סיני, ווען מיר זענען אָנגעקומען... קיין שאַרם־אַ־שייך... האָבן מיר ביינאַכט געהאַט אַ שלאַכט... און עטלעכע זענען פאַרווונדעט געוואָרן. צו

מאַרגנס האָט מען אונדז געגעבן אַ באַפעל צו לאָזן זיך אויף טיראַן*. ס׳איז געווען אַן אַפּעל אין שאַרם־אַ־שייך... איך בין דאָרט נישט געווען, ווייל כ׳בין געזעסן אין טיראַן... דעמאָלט האָט בן־גוריון געשיקט דעם באַוווסטן בריוו — אַז מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהין נאָך דעם, ווי שלמה המלך איז דאָרט געווען און דאָס אַלץ... איך האָב תיכף אויפן אָרט געזאָגט מיינע חברים: „זייט וויסן, ס׳איז נישט אונדזערס. מ׳האָט עס געמוזט טאָן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין ברירה. אָבער די אַלע רייד וועגן דער היסטאָריע, אַז דאָס איז געווען אונדזערס — די גאַנצע וועלט איז פאַר די יידן, ווייל אומעטום וווינען יידן... און נישט יעדעס אָרט וואָס מיר וועלן דעראָבערן, וועט געהערן צו יידן... און בכלל, פלאַפּלט נישט אַזוי ווי זיי פלאַפּלען...” געניי אַזוי האָב איך זיי געזאָגט. דאָס איז געווען אין דער סיני־אַקציע, ווען מיר זענען דאָרט געווען דאָס ערשטע מאָל. דאָס מאָל האָב איך געזאָגט, אַזוי ווי איך פיל, אַז מיר האָבן מלחמה געהאַלטן פאַר שלום און נישט פאַר טעריטאָריע...

עמוס: און איצט, האָסטו נישט עפּעס אַ געפיל, אַז ס׳קאָן געשען, אַז דו זאָלסט דאַרפן גיין אַהין צום דריטן מאָל?

אֶלי: יאָ...

נחמן: און דאָס איז נישט פריילעך...

אֶלי: יאָ. די פילאָזאָפיע וואָס כ׳האָב אַנטוויקלט נאָך דער מלחמה, איז אַ סך אַן ערנסטערע ווי די וועלכע דו ברענגסט צום אויסדרוק; אָט אַזאַ איז אונדזער לעבן. דאָס מיינט, איך זע בכלל נישט קיין לייזונג צו דעם דאָזיקן גאַנצן פּראָבלעם... און דאָס איז אונדזער לעבן... און אַזוי דאַרף מען לעבן און אַזוי דאַרף מען דערציען די קינדער, און מ׳דאַרף אפשר געבוירן עפּעס מער קינדער — ס׳וועלן זיין מלחמות... דאָס איז נישט אין אונדזערע הענט...

עמוס: און דו מיינסט אַז מ׳וועט קענען אַזוי לעבן?

אֶלי: יאָ. איך מיין, אַז אַנדערש קען מען נישט.

עמוס: און דאָס, וועט, חלילה, נישט דערפירן צום דריטן, פערטן אָדער פינפטן מאָל, צו אַ צושטאַנד אין וועלכן ס׳וועט זיך ביי דיר „איינברעכן”** פון דעם גאַנצן עסק? די פראַגע איז: ביז וואַנען קענען מיר זיך אַליין אָנשפּאַנען ווי מענטשן. אָדער מיר וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק, וואָס נישט נאָר איין האַנט זיינע האַלט די שווערד... ווי אַזוי, נחמן, קענסטו קומען און פון איין זייט רעדן מיט זיי וועגן דערציען צום קיבוץ... מיר שיינט, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ סתירה. אויב דו זאָגסט: דאָס איז די ווירקלעכקייט, און דער ציוניזם איז פון זיין אָנהייב אָן געווען דעראָבערונג, טאָ פאַר וואָס זאָלן מיר ווייטער נישט פאַרזעצן? איך לעב אין דער ווירקלעכקייט פון ארץ־ישראל און מיר זענען באַקאַנט די דאָזיקע ענינים. נאָר מיך מאַטערט זייער, פאַר וואָס דווקא די פון די קיבוצים, מיט אונדזער דערציונג — פאַראַן דאָ אַ סתירה מיט דער

---

* אַ קליין אינדזל אַנטקעגן דעם אילת־איינגוס.

** סלענג: — ס׳וועט נמאס ווערן.

גרונט־אויפפאַסונג פונעם קיבוצישן לעבן — אַז יעדער מענטש האָט זיך זיין וועלט און ער האָט אַ רעכט זי צו פאַרווירקלעכן, און די פראַגע איז, אויב יעדער מענטש ווי אַ מענטש, אָדער נאָר יענער וועלכער איז אַ קיבוצניק און איז אַ ייד און לעבט אין ארץ־ישראל — האָט דאָס רעכט צו פאַרווירקלעכן אַ וועלכע איז זאַך. דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ סתירה, און דווקא נאָך דער אָקופּאַציע, און דווקא נאָכן גרויסן נצחון־ליד פון צה״ל, איז דאָ פאַראַן אַ זייער, זייער, זייער ערנסטע געפאַר...

אַלי: אין דער סיני־מלחמה... אויף וויפל כ׳האָב געהערט, זענען געווען פאַלן פון איינצלנע וואָס האָבן זיך אויפגעפירט — — — אָבער איצט האָט מען געוווּסט אָפּ־צוהיטן דעם צלם פון מענטש. כ׳בין אויך נישט געגאַנגען אַהער צו שמועסן וועגן דעם... מ׳האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו הערן... אייגנטלעך איז דאָ געווען אַ מין געפיל — ביי אַלע מענטשן מיט וועלכע כ׳האָב זיך געטראָפן — אַז זיי האָבן נישט געקעמפט כדי צו הרגענען, נאָר פשוט מיטן רוקן צו דער וואַנט... ס׳איז נישט געווען קיין שום ברירה... און יעדער איינער איז אַרויס מיט אַ געפיל, אַז ער אייגנטלעך... ס׳איז נישט געווען אַזאַ האַרץ־דערפרייענדיקע זאַך צו הרגענען, און ס׳איז נישט געווען... און איך מיין, אַז דאָס דרינגט אַריין גוט אין באַוווּסטזיין, דאָס הייסט, די אויסווירקונג קען זיין אַ דאָפּלטע: זי קאָן זיין מיליטאַריזם און זי קאָן אויך זיין אַ פאַרקערטע... אַ ווילן, אַז ס׳זאָל מער נישט זיין... און אַז ס׳איז נישטאָ קיין ברירה — נאָר טאָן... מיט דער זעלבער אויסווירקונג. ווייל ווער עס איז אַ ביסל דערצויגן גע־וואָרן און זעט דאָס — האָט נישט קיין הנאה דערפון וואָס ער הרגעט. 90% פון די מענטשן וועלן אַזוי דערגיין. אפשר 10% וועלן דערגיין צום פאַרקערטן. ס׳איז נישט די פראַגע צי כ׳האָב מורא אָדער כ׳האָב נישט מורא, נאָר איך מיין, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ געפאַר... אפשר איז זי אַ פאַרקערטע...

עמוס: איך האָב מורא פאַר איין זאַך, אַז פשוט פון צו פיל מידקייט און פאַרצווייפ־לונג — בעצם פאַרצווייפלונג...

אַלי: ביי מיר איז עס נישט קיין פאַרצווייפלונג דרך אגב, נישט קיין יאוש... נאָר רעאַליזם.

עמוס: צי קאָן מען כסדר לעבן מיט דעם געפיל, אַז אַלע עטלעכע יאָר וועלן מיר דאַרפן שטיין מיטן רוקן צו דער וואַנט... אַז אַלע עטלעכע יאָר וועלן פרעמדע מענטשן זיך גרייטן דיך צו הרגענען? פשוט, איך פאַרמוליר עס איצט מיט די סאַמע אומ־אַבסטראַקטע טערמינען. מענטשן וואָס זענען דיר אין גאַנצן פרעמד ווילן דיך פער־זענלעך הרגענען. און מיט דעם געפיל לעבן און אין עטלעכע יאָר אַרום זיין דער זעלבער מענטש און זיין דאָס זעלבע פאָלק און נישט דערגיין צו אַ מצב, אין וועלכן מיר וועלן זיי, פשוט, פיינט האָבן, פשוט, זיי האַסן. נישט די פרייד פון הרגענען און נישט די אָרגיע פון לייכטזיניקייט און סאַדיסטישער הנאה. נאָר פשוט די ביטערע און תהומיקע שנאה דערפאַר, וואָס ס׳איז אויף אונדז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אַזאַ לעבן.

אַלי: איך זאָג דיר, אַז אין דער אונטערשטער שורה טראַכט איך, אַז די דאָזיקע מלחמה האָט צוגעגעבן ווערטן. זי איז געווען אין גאַנצן אויף אַ מאָראַלישער באַזע

און ס׳זענען געווען זייער פּאָזיטיווע דערשיינונגען, יעדנפאַלס, אין סך־הכל. און אַ דערשיינונג, אַזוי ווי גילי דערציילט... איך ווייס, אַז אויך ביי אונדז וואָלט געשען די זעלבע זאַך, אַז אַ קאָמאַנדיר טראַכט צען מאָל ווי אַזוי נישט צו הרגענען, און אין דער אונטערשטער שורה האָט אויך אונדזער פאָלק אַזוי זיך געפירט.

עמוס: כ׳וועל דיך פרעגן אַ זייער שווערע פראַגע און אַפילו אַן אַפּיקורסישע, אין באַצוג צו דעם וואָס ס׳איז דאָ געזאָגט געוואָרן היינט אין אָוונט. דאָס הערט זיך כמעט ווי אַן אָנגענומענע זאַך ביי אייך אַלע — און ס׳איז זייער בולט אין נחמנס רייד און אויך אין דער פרעסע, אַז די מלחמה האָט אַנטפּלעקט דאָס גוטע אינעם מענטשן. די אַלע וואָס האָבן פאַראורטיילט די יוגנט און דעם קריזיס פון ירידה און דעם קריזיס פון ווערטן און דאָס אַלץ — איז געקומען דיווירקלעכקייט און האָט באַוויזן, אַז זיי זענען געווען אומגערעכט. ס׳איז באַוויזן געוואָרן, אַז מיר זענען פיל בעסער ווי מיר האָבן אַליין געטראַכט. פאַראַן ביי מיר אַ געגוג אַפּיקורסישע נאָכטראַכ־טעניש אויף דער טעמע. איך פרעג, אויב אַ מענטש איז פאַרדאָרבן; אַ גנב, אַ רויַ־בער — זיצט ביי זיך אין דער היים מיט דער משפּחה, און מענטשן קומען מיט מעסערס אים צו שעכטן און ער כאַפּט מיט צאָרן דעם ערשטן בעזים וואָס שטייט אין ווינקל און אָן אַ חשבון פון ריזיקע, ער... און נישט פרעגנדיק וויפל בין איך און וויפל זענען זיי, גייט ער אַרויס אין דרויסן און שיסט זיי אויס... און ער טוט דאָס מיט שווונג און מיט געוואַגטקייט און מיט דרייסטקייט און מיט דערפאָלג. צי דערהייבט אים דער דאָזיקער ענין פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, אָדער זאָגט עדות וועגן זיין מאָראַלישקייט? איך האָב געהאַט אַ געפיל אין דער דאָזיקער מלחמה, אַז מיר זענען מיט אויפגעברויזטן צאָרן אַרויס באַשיצן די היים, די פרויען און קינדער. צי איז די דאָזיקע זאַך באמת אַן עדות פון אַ ליכט, פון פאַרבאָרגענע אינערלעכע כוחות, וואָס מיר האָבן נישט געוווסט אַז זיי שטעקן אין אונדז? אָדער איז עס אַן עדות פאַרן קיום־אינסטינקט, וואָס געפינט זיך אויך ביי די נידעריקסטע באַשעפענישן? מיר זענען נישט די נידעריקסטע צווישן די באַשעפענישן. כ׳בין קיין מאָל נישט געווען צווישן די עקסטרעמע באַקלאָגערס. אָבער צי באַווייזט די דאָזיקע מלחמה עפּעס? צי דער פאַקט, וואָס די מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן ביזן סוף און זיך מקריב געווען, זאָגט עדות וועגן זייער מאָראַלישער קראַפט?

נחמן: פאַרוואַנדל מיך נישט אין קיין מיליטאַריסט, און לאָמיר נישט טראַכטן אַז די מלחמה איז אַן ענין, וואָס דערהייבט דאָס פאָלק און אַנטפּלעקט אין אים מאָראַלישע ווערטן. אין דער דאָזיקער תקופה זענען געווען דערשיינונגען פון ברידערלעכקייט. איך רעד נישט וועגן דרייסטקייט. ס׳זענען געווען פּשוט דערשיינונגען צווישן מענטשן, דאָס וואָס מיר זאָגן: דאָס צווישן־מענטשלעכע, וואָס מיר באַנוצן אין אַ גאַנץ אַנדערן באַטייט. די מענטשן זענען געווען עמפּינדלעך איינער צום צווייטן און זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן — דווקא אין רעזולטאַט פון דער דערשיינונג, וואָס אַלע צוזאַמען זענען געשטאַנען אַנטקעגן דער געפאַר און מעגלעכקייט פון פאַרטיליקונג. דאָס פאַר־טיידיקן זיך מאַכט אונדז נישט מאָראַליש, איך זאָג, אַז די דאָזיקע מלחמה איז בעצם אַ גערעכטע... דערפאַר ווייל מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין כוונות צו פאַר־ניכטן, באַהערשן און אונטערדריקן אַנדערע... פאַרקערט, זיי האָבן געהאַט אַזעלכע

כוונות און מיר האָבן זיך פאַרטיידיקט און דעריבער זענען מיר געווען גערעכט. אָבער דאָ זענען פאַראַן די דאָזיקע פראַגעס, וואָס וועט זיין, אויב דאָס ראָד וועט זיך אַ דריי טאָן אויף צוריק אין צען יאָר אַרום. איך זאָג אייך, אַז דאָס קאָן זיך איבערחזרן, דאָס קאָן זיך איבערחזרן אין צען יאָר אַרום, פונקט אַזוי ווי ס׳האָט זיך איבערגעחזרט... עמעץ האָט קאָנטראָלירט און אויסגעפונען, אַז אויב מיר וועלן אָנהייבן פון דער תקופה פון די געשעענישן *, האָבן מיר, זינט דעם יאָר 1920, דערנאָך 1929, 1945, און שפּעטער די זעלבשטענדיקייט־מלחמה און סיני — אַלע ניין יאָר: פּעריאָדיש איבער־חזרן זיך פון מלחמות. די פראַגע איז: וואָס קאָן עמעצער פאָרלייגן ,אַנשטאָט׳... זייער פשוט... איך זאָג דאָס אין נעגאַטיוון זין: וואָס, אויב נישט דאָס? מיר וועלן מוותר זיין אויף יעדער זאַך... קאַפּיטולירן, גיין צו אַ שלום... וואָס, אויב נישט די דאָזיקע פאָרעם פון בייקומען עקאָנאָמיש, דערציערייש און קולטורעל און זיכערהייטלעך, אַלץ צוזאַמען? נישטאָ כמעט קיין מער לאַנגוויייליקע זאַך פון דעם וואָס איך זאָג. איך פרעג אָבער, צי איז פאַראַן אַ מער אמתע זאַך פון דעם. מיר דאָ פרעגן זיך אַליין, נישטערן אין זיך ווידער... און ווידער... און ווידער: וואָסערע רעזולטאַטן וועט דאָס ביי אונדז איבערלאָזן? וואָסערע שראַמעס וועלן פאַרבלייבן אין אונדזער געשטאַלט? און אויף וואָס דערציען די יוגנט? און צי וועט זי נישט זיין אין גאַנצן אַ מיליטאַ־ריסטישע? — וואָס קאָן מען פאָרלייגן ,אַנשטאָט׳? לגבי מיר זעט דער ענין באמת אויס ווי אַ לעבן פון סתירה, געגנוי ווי אורי האָט עס דאָ אויסגעדריקט. מיר רעדן צווישן זיך, אין קיבוץ און מיר ווילן זען אַ וועלט, וואָס שאַצט אָפּ דאָס מענטשלעכע לעבן, אַ וועלט פון באַציונג צו אַנדערע און פון טאָלעראַנץ אדג״ל — און אין דער זעלבער צייט כלפּי די אַראַבער, אָדער כלפּי דעם וואָס רינגלט דיך אַרום — אַגרעסיע. נאָר איך זאָג: מיר רעדן מיט זיי וועגן אַ צושטאַנד פון גלייכקייט און נישט וועגן אַ מצב פון העכערקייט — און זיי ווילן דאָס נישט אָננעמען. וואָס קאָן מען טאָן באַזירנדיק זיך אויף עפּעס אַ פּסיכאָלאָגיע, אָדער אויף עפּעס אַזאַ סיטואַציע וואָס האָט לאָגיק, פון זייער שטאַנדפּונקט? און דאָס איז די טראַגישע זאַך וואָס איז דאָ פאַראַן, דאָס איז דער ענין פון ציוניזם. לגבי זיי, ווערט דאָס אַריינדרינגען פון אונדזער פאָלק אין דעם ראַיאָן, אויפגענומען ווי באַהערשונג, בעת פאַר אונדז איז עס אַן ענין פון לעבן. מיר טענהן, אַז מיר האָבן וואָס צו געבן דעם דאָזיקן מזרח: קולטור, ליכט. זיי זאָגן: לאָזט צו רו, אונדז אינטערעסירט נישט אייער קולטור. מיר האָבן זיך אונדזער קולטור פון דער פּיתה ** און ליים פון וועלכן מיר בויען אונדזערע הייזער, און פון דער וועש, וואָס מיר וואַשן דאָרט, אין פליסנדיקן וואַסער דאָרט אין וואַדי *** — און דאָס איז אונדזער אמתדיק לעבן. מיר ווילן נישט אייער קולטור. מיר ווילן אייך בכלל נישט האָבן. דאָס איז טראַגיש. אַזוי אַרום קאָן יזהר **** שרייבן זיין חירבת־חיזעה *****

---

* ווען אַראַבישע באַנדעס פלעגן באַפאַלן יידישע ישובים, אין דער צייט פון מאַנדאַט.

** אַ סאָרט ווייך פלעצל, אָנגענומען ביי די אַראַבער ווי ברויט.

*** אַ טייך־געלעגער, וואָס איז אויסגעטריקנט און פילט זיך אָן אין רעגנצייט.

**** ס. יזהר (יזהר סמילנסקי), אָנגעזעענער העברעישער שרייבער, מחבר פון „ימי ציקלג״ און אַנדערע ביכער.

***** אַ נאָוועלע, וואָס דערציילט ווי יידן טרייבן אַרויס אַראַבער פון זייער דאָרף בעת דער מלחמה פון 1948.

פון איין זייט און באַרעכטיקן דעם ממשל צבאי — פון דער צווייטער זייט. אַזוי און פונקט פאַרקערט כמעט. ס׳איז אָבער דאָ נישטאָ קיין אַנטרינונג...

מ׳דאַרף אין דעם לעבן. מ׳האָט שוין פון לאַנג געזאָגט — ווי שווער ס׳איז געווען צו זיין אַ ייד. און איך נעם עס אָן, אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ ייד: פיזיש, מאָראַליש, טעאָרעטיש — שווער צו זיין אַ רעליגיעזער ייד און שווער צו זיין הומאַניש מיט אָט דעם גאַנצן ענין פון פערמאַנענטער גרייטקייט צו מלחמה און מיטן באַוווסטזיין פון אונדזערע רעכט צו לעבן אויף דעם אָרט. פאַראַן דאָ אַ מאַסע סתירות. מ׳טאָר אָבער זיך נישט איינבערעכן צוליב זיי. איך טראַכט, אַז אָפט מאָל דערגייט מען שוין צו אַזאַ מין מעלאַנכאָליע, גלייך ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין באַרעכטיקונג פאַר דעם גאַנצן ענין... אָדער ווייס איך וואָס. טייל מאָל הער איך די דאָזיקע רייד... כ׳לייען אויך יעדעס מאָל... ווער ווייס וואָס עס קען זיך אַנטוויקלען?... מ׳דאַרף זען די געפאַרן פון נישט גוטע דערציערישע אַנטוויקלונגען — און דאָס איז וואָס אורי האָט באַמערקט אין אָנהייב פון דעם שמועס. דאָס איז טאַקע דער פונקט. פאַראַן דאָ געפאַרן, אַז מען וועט אין דעם אַראַבער באמת זען בלויז אַן אַראַבוש און נישט זען אין אים אויך אַ מענטש, און ס׳וועלן זיין דערשיינונגען וועגן וועלכע אָלי האָט דערציילט. מ׳דאַרף אָבער פּרווון אַנטוויקלען ביי אונדזערע מענטשן אַן אַנדער זייט, אַז די מענטשן וואָס האָבן פאַרנומען דזשענין דעם זעלבן טאָג — ווען עס זענען לעבן זיי געהרגעט געוואָרן זייערע חברים — דערזעענדיק די קאַלאָנעס פליטים, וואָס זענען פאַרבייגעפאַרן אין אויטאָס, האָבן זיי זיי דערלאַנגט וואַסער און צוקערלעך און דאָס גאַנצע עסן, זייערע שלאַכט־פאַרציעס האָט מען זיי אַוועקגעגעבן... אָט אַזוי... דאָס איז ווידער אַ סתירה... פאַראַן אַ פּאָליטיק פון עקזיסטענץ און דאָס איז פאַרבונדן מיט אַכזריותדיקע זאַכן. וויל איך דיר זאָגן, אַז כ׳האָב געזען די דאָזיקע פאַרלאָזטע דערפער, און דאָס שרעק־לעכע בילד פון אָפּגעלאָזנקייט און איבערלאָזן אויף הפקר די אַרבעט, אַזוי אין מיטן... וואָס איז נאָך אַ גרעסער ווערט ווי אַרבעט, וואָס אויף איר דערציען מיר זיך? דו זעסט דאָ פּרדסים וואָס שטייען פאַרוויסטע און שייערס ליידיקע און קי וואָס דרייען זיך אַרום אויף די שטחים, די קי רעווען און שרייען מוראדיק, ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו טרינקען... דאָס איז פון איין זייט... אַז איך זע דאָס, טראַכט איך: דאָס איז די מלחמה. ווייל מלחמה דאָס איז נישט קיין זיידענע הענטשקעס. וואָס קאָנסטו טאָן? אַזוי איז עס... מיר טוט דאָס ווי... און יעדעס מאָל ווען דאָס טוט מיר ווי, בין איך זיכער, אַז כ׳וועל נישט זיין קיין אכזר. און ס׳איז אַ פאַקט. מיט דעם ענין בין איך פולקאָם ביזן סוף.

— — — עמוס, איך וויל דיך פרעגן: דו האָסט געפרעגט יוסין אין שייכות מיט ירושלים, צי ביסטו גרייט געווען מותר צו זיין אויף דער ירושלימער אַלטשטאָט פאַרן פרייז פון שלום? איך ווייס, אַז דו האָסט אַ באַציונג צו ווערטן פון טראַדיציעס אאַז״וו... צי האָסטו לגבי אַלט־ירושלים אויך אַ געפיל, אַז דאָס איז אָקופּאַציע?

עמוס: מיר איז געשען אַ זייער מאָדנע זאַך. כ׳בין געקומען אין אַלט־ירושלים דריי טעג נאָך דעם ווי מ׳האָט זי דעראָבערט... זייער אַ מאָדנע זאַך... איך בין געבוירן אין ירושלים... כ׳בין געווען אין דער אַלטשטאָט ווען כ׳בין געווען אַ קינד, איך האָב זייער ליב ירושלים... פון עטלעכע שטאַנדפּונקטן איז דאָס ביי מיר דאָס באַליבטסטע אָרט אין דער וועלט — דאָס וואָס איז געווען אויף יענער זייט פון דער גרענעץ־ליניע אין

ירושלים... די אַלטשטאָט האָט מיר אויסגעזען אַזוי ווי ס׳האָבן אויסגעזען מיינע קינדער־יאָרן. דאָס מיינט, ווייטע געביטן, וואָס כ׳וועל שוין מער נישט זען אין מיין לעבן. זיי עקזיסטירן אין די זכרונות, אין די חלומות — אָבער נישט אין דערווירקלעכקייט. מ׳האָט דאָס געקאָנט זען פון דערווייטנס אין לאַרנעטעס. און אינטערעסאַנט, אַז מיין געפיל און מיין באַציונג איז די גאַנצע צייט געווען צו די ערטער: אויגוסטאַ וויקטאָריאַ... הר־הצופים... הר־הזיתים. דאָס זענען געווען פאַר מיר באַצויבערנדיקע און מאָדנע נעמען, אַזוי ווי ווענוס און מאַרס און יופיטער — מ׳קאָן זיי זען, מ׳קאָן זיי אָבער נישט אָנרירן. מיט אַ מאָל בין איך דאָרט. און איך מוז דיר זאָגן, אַז ביים ערשטן קלאַפּ, ביים ערשטן איבערגיין דעם מאַנדלבוים־טויער * און די מויערן — דאָס איז ממש געווען אַן איבערלעבונג פון איינברעכן זיך. דאָס מיינט, אַלע נאָרמאַלע דימענסיעס פון דער וועלט אין וועלכער איך האָב געלעבט — און מיין וועלט איז זייער אַ ירו־שלימדיקע, טראָץ דעם וואָס אַ האַלב לעבן האָב איך אָפּגעלעבט אין חולדה... מיין וועלט איז זייער אַ ירושלימדיקע. און די דאָזיקע יסודותדיקע איבערלעבונג פון באַ־לאַגערונג פון דריי זייטן און דער שמאָלער קאָרידאָר ** און אויך די שרעק. די סאַמע טיפּסטע שיכט פון פּחד, פון אַ מענטש אַ באַלאַגערטן און אָפּגעשלאָסענעם, דאָס איז מיר געקומען פון ירושלים און מיט ירושלים, ווייל איך בין דאָרט געווען אין באַ־לאַגערונג אַלס קינד און געווען דאָרט בעת די באַשיסונגען. פּלוצעם איז פונאַנדער־געפאַלן די וועלט אין וועלכער איך בין געווען. פאַר וואָס? ווייל אין מיינע קאָשמאַרן בין איך תמיד געווען ווי אַ קינד אין אַ שטאָט וואָס איז באַלאַגערט נישט פון דריי זייטן, נאָר פון פיר — און אַ באַזיגטער און אַזאַ וואָס האָט געליטן אַ מפּלה, דאָס איז געקומען פון דעם אַלעמען וואָס כ׳האָב געלערנט און פון דעם גאַנצן יידישן „פּעקל״, וועלכן כ׳האָב געשלעפּט מיט זיך. דאָס מיינט, די שטאָט איז אַרומגערינגלט און דער שונא קומט אַריין אינעווייניק — און דו האָסט געליטן אַ מפּלה, דו ביסט אין די קאַלאַנעס און דו ביסט באַזיגט. אַזאַ איז געווען מיין ירושלים פון די חלומות. מיט אַ מאָל זענען צעשטערט געוואָרן אַלע דימענסיעס און איך בין דער זיגער און איך בין דער אָקופּאַנט, און איך בין מיטן „עוזי״ און מענטשן קוקן זיך איין אין מיר. ס׳האָט זיך מיר אַנטדעקט אַ טומלדיקע אַנטפּלעקונג, אַז ס׳זענען פאַראַן אין אַלט־ירושלים מענטשן... דאָס האָט ביי מיר בכלל נישט עקזיסטירט. דאָס איז נישט געווען קיין אָרט פון מענטשן. דאָס איז געווען אַן אָרט פון אָפּגעפרעמדקייט און פון שרעק־קענישן און עפּעס סאָרטן כוחות, אויף וועלכע איך האָב נישט קיין שליטה... מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט זיך דיר, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן. די דאָזיקע מענטשן זענען מיר זייער פרעמד. און די ערטער פרעמד. פרעמד נישט פיזיש — דאָס זענען די זעלבע שטיינער, ס׳איז דער זעלבער קלימאַט, דער זעלבער הימל. אָבער ס׳זענען געווען זאַכן, וואָס כ׳האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט. צווישן דיין דור און מיין דור, הגם דאָס איז נישט קיין סך יאָרן — איז פון דעסטוועגן אַן אונטערשייד ווי צווישן טאָג און

* דער דורכגאַנג פון ישראל־ירושלים אויף דער צווייטער זייט ירושלים וואָס איז געווען ביי די אַראַבער, ביזן קריג.

** אַ שמאָלער פּאַס פוןביידע זייטן שאָסיי, וואָס האָט געפירט פון דער שפלה קיין ירושלים, ביז דער מלחמה.

נאַכט. איר האָט געלעבט מיט אַראַבער, גערעדט מיט אַראַבער. פאַר מיר זענען די אַראַבער, אויסער די אין נצרת און וואַדי־ערה — אַ קאָשמאַר. איך האָב פאַר זיי מורא. מיט אַ מאָל האָב איך געזען, אַז זיי זענען פאַראַן און זיי האָבן מורא פאַר מיר. און פון גייסטיקן שטאַנדפונקט, בין איך קיין איין מאָל אין מיין לעבן נישט געווען איינגעשטעלט אויף אַזאַ סיטואַציע.

איז וואָס? כ'בין געווען ביים כותל און בין איבערגענומען, גערירט געוואָרן, ווייל כ'בין אויסגעוואַקסן אויפן רעוויזיאָניסטישן באָדן און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ סימבאָל און אַזוי ווייטער. איך שטאַם פון אַ פאַרברענטער „חירות"־משפחה. נאָר וואָס? מיט דער גאַנצער גערירטקייט און מיט אַלע היסטאָרישע אַסאָציאַציעס — האָב איך קודם כל געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין אין אַ פרעמדער שטאָט. אין איין הינזיכט אין אַ פרעמדער שטאָט... כ'וועל דיר זאָגן פאַר וואָס... צוליב די מענטשן...

אורי: דאָס איז זייער אינטערעסאַנט. און דער הר־הצופים? און דער הר־הזיתים?

עמוס: אויפן הר־הצופים בין איך זייער אַ סך מאָל געווען אַלס קינד. מיין טאַטע האָט דאָרט געאַרבעט און בעת די גרויסע פעריעס בין איך געווען אויפן הר־הצופים. אין הר־הצופים האָב איך צום ביישפיל נישט געפילט קיין שום פרעמדקייט. קיין פרעמדקייט־געפיל האָב איך אויך נישט געהאַט אויף די שאָסייען. יאָ... ווען איך בין אַריין אין עפּעס אַן אָרט אויף אַ באַרגיקן אָפּשניט צווישן ראַמאַללאַ און שכם, האָב איך געזען קליינע דערפער און סעדער, איילבירטן־ביימער — לאַנדשאַפטן וועלכע זענען מיר באַקאַנט אין לאַנד. דאָס איז געווען ענלעך צום גליל. אין די שטעט גופא, אַז מיר זענען אַריין אין אַ שטאָט צי אין אַ דאָרף — בין איך געווען אַ פרעמדער. און כ'האָב געפילט אַז כ'בין אַ פרעמדער אין אַ פרעמדן לאַנד. דעריבער האַלט איך זיך אָפּ פון די באַגריפן „באַפרייטע געביטן" און „באַפרייטע ערד", ווייל ווער האָט באַ־פרייט וואָס? סיידן אונטערן באַדינג, אַז כ'זאָל קענען אויפלעבן דעם מיטאָס, אַז די ערד שרייט און אַז די ערד איז געשמידט אין קייטן און אַז די ערד איז פאַרשקלאָפט און אַז די ערד וואַרט אויף אירע אויסלייזער. און איך האָב זיך דערצויגן אויף דעם דאָזיקן מיטאָס. נאָר אַלץ וואָס איז פאַראַן אין מיר אייגנס, און נישט פון דעם וואָס מ'האָט מיך אויסגעלערנט — שטעלט זיך קעגן דעם. אַנישט וואָלט איך היינט געווען אַן איבערגעגעבענער מיטגליד פון „חירות". ווייל איך וויל נישט פאַרשטיין, אַז די ערד רעדט און אַז די ערד שרייט און אַז די ערד פאָדערט. איך גלויב אין מענטשן און נישט אין דער ערד. אין מענטשן און נישט אין ערטער. און איך זאָג: ירושלים — וואָלסט מיר פאַרגרינגערט, ווען דו וואָלסט געזאָגט חברון — אָבער אויך אין ירושלים. פון דעסטוועגן, אין דער דאָזיקער אַלט־שטאָט האָב איך געפילט, אַז ס'איז אַ פרעמדע שטאָט, פרעמדע מענטשן. אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן מיך נישט ליב און אַז אַ סך פון זיי וואָלטן מיך געוואָלט זען אַ טויטן. טראָץ דעם וואָס זיי פאַרקויפן מיר בליי־פעדערס און נעמען גוט געלט און זענען צופרידן.

כ'האָב היינט דערציילט אברהמען אַ קליינעם עפּיזאָד, אַ צופעליקן. אין חברון איז זיך אַרומגעגאַנגען אַ קינד צי אַ יינגל, און פאַרקויפט שפּילצייג. ער האָט געהאַט אַ שפּילצייג־רעוואָלווער. און ער דרייט אים אַזוי אויפן פינגער, און איך, אין גע־לעכטער, האָב מיטן רעוואָלווער געמאַכט אַזוי. אין געלעכטער... מיט אַ מאָל האָבן

מירביידע אַנגעהויבן לאַכן אַן אומריינעם געלעכטער. סיי דאָס יינגל, סיי איך. אַ שמוציקן געלעכטער, פון דער קאַטעגאָריע לאַכן פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיך פּלוצעם אַנטדעקט אין אַ פּאַסקודנער לאַגע. דאָס איז געווען אַ מאָמענט, ווען כ'האָב דערפילט, אַז חברון איז אַ פרעמדע שטאָט און אירע איינוווינער זענען פרעמדע. און זי וועט זיין פרעמד, סיידן איך וועל זיין יהושע־בן־נון און איך וועל מאַכן אַנדערע ירשנען אירע איינוווינער, און וועל זיי פאַרטרייבן פון פאַר די קינדער פון ישראל. אָדער ס'וועט עפּעס געשען, וואָס די דאָזיקע גאַנצע חברון וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרשטויסענע פאַרשטאָט פון דער יידישער חברון, מיט „רסקו" און „אתא" און „סולל־בונה" * און מיט דעם אַלעמען וואָס איז מיר באַקאַנט...

נחמן: איך הייב אַן מיטן ערשטן חלוץ, וועלכער איז געקומען אין לאַנד מיט אַ פרעמ־דער לאַנדשאַפט און מיט אַ פרעמדן קלימאַט און פרעמדע מענטשן — וואָס איז מיט דעם גאַנצן עסק?

עמוס: הער, איך בין דאָ געבוירן געוואָרן.

נחמן: אויב אָבער ביסט קאָנסעקווענט, דאַרפסטו קומען צום אויספיר, אַז דער גאַנצער ענין אונדזערער איז נישט באַרעכטיקט און אַז עס קען נישט זיין...

עמוס: איך בין נישט קאָנסעקווענט, ווייל אין גרונט־אויס באַנוץ איך זיך מיט דיינס אַ וואָרט. אין יסוד זע איך דאָ אַ טראַגעדיע. וואָס איז אַזעלכעס טראַגעדיע? אַ טראַ־געדיע איז אַ צושטאַנד, אין וועלכן ביידע צדדים זענען הונדערט פּראָצענט גערעכט, פון יעדן איינעמס שטאַנדפּונקט. איך בין פאַראורטיילט צו לעבן אַ געשפּאָלטן לעבן, דעריבער קען איך נישט זיין קאָנסעקווענט... איך בין פאַרמשפּט נישט צו זיין קאָנ־סעקווענט... נאָר אויב דו פרעגסט מיך, דאָס וועט מיך קאָסטן אַ סך געזונט צו זאָגן דיר יאָ... און איך זאָג עס: יאָ. כ'בין גרייט צו קומען צום כותל המערבי אַלס טוריסט, אין פרידלעכע באַדינגונגען.

אין חולדה איז געפאַלן אַ זון — אַ פאַראַשוטיסט. מעגלעך, אַז דו האָסט אים געקענט. ער איז געפאַלן אין דער פּאָליציי־שול **. אַ יונג קינד. אויך אַ רעזערוויסט. צוויי קאַנטינגענטן אונטער מיר. פון אַ יאָר 24—25. אַז כ'האָב זיך אומגעקערט פון דער מלחמה, בין איך געגאַנגען צו די עלטערן. דאָרט זענען געזעסן עטלעכע חברים. און די מאַמע האָט געוויינט. דער טאַטע האָט געביסן די ליפּן. און עמיצער פון די עלטערע האָט פּרובירט טרייסטן און געזאָגט: זעט, פון דעסטוועגן, מיר האָבן באַפרייט ירושלים... נישט סתם איז ער געפאַלן. האָט די מאַמע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און געזאָגט: דער גאַנצער כותל המערבי איז ביי מיר נישט ווערט מיכהס אַ נאָגל. טאָ אויב דו זאָגסט מיר, אַז מיר האָבן געקעמפט פאַר אונדזער עקזיסטענץ האָט עס פאַר מיר די ווערט פון מיכה היימאַנס נאָגל. אויב דו זאָגסט מיר, אַז מיר האָבן געקעמפט פאַרן כותל — איז עס נישט ווערט זיין נאָגל. הרגע מיך — כ'האָב אַ באַציונג צו די דאָזיקע שטיינער...

---

* פאַרשידענע ישראַלישע אַנשטאַלטן און קליייטן.

** איינע פון די שטאַרקסטע אַראַבישע פּאָזיציעס אין ירושלים, דאָרט איז פאָרגעקומען דער ביטערסטער שלאַכט פון די פאַראַשוטיסטן.

אָבער דאָס זענען שטיינער. און מיכה איז געווען אַ מענטש. געווען אַ מאַן. און ווען מ׳זאָל היינט אויפרייסן מיט דינאַמיט דעם כותל המערבי און דאָס וואָלט מיכהן צוריק לעבעדיק געמאַכט, וואָלט איך געזאָגט: רייסט אויף! אַזוי פיל איך.

אַ ל י: מיך אַרט פּשוט, אַז ס׳איז פאַראַן היסטאָריע, און אַז מיר האָבן געלערנט — און ס׳איז מיר אַ שאָד... כ׳וואָלט געוואָלט צו זיי צוקומען, צונויפרריידן זיך מיט די אַראַבער. כ׳האָב אָבער נישט מער קיין ווילן צו ירשנען ערד פון אַנדערע. באמת, מיר האָבן דאָס געגוג געמאַכט. מיר קענען לעבן אין לאַנד. נאָר פאַרזיכערן, אַז עס וועט זיין שלום. מיר ווילט זיך נישט נעמען באָדן און פאַרמעגן פון אַנדערע — כ׳האָב נישט קיין שום ווילן.

ע מ ו ס: כ׳וויל זיך עטוואָס פאַרריכטן, נחמן. איך וויל, אַז די יידן זאָלן קענען צוגיין צום כותל און לעבן אים מתפלל זיין. מיך גייט עס נישט אָן ווי אַ שאָל פון קנאָבל, אויב כדי דאָס צו טאָן, וועלן זיי דאַרפן באַקומען אַ ירדנער סטעמפּל אין די ראַמען פון אַ שלום־הסכם. דאָס הייסט, אַז היינט גייט עס מיך מער אָן ווי ס׳איז געווען פריער, ווייל כ׳בין דאַרט געווען, און ווידער... אָבער מענטשלעך לעבן?... ייד — אַראַבער — ווער עס זאָל נישט זיין... מענטשלעכע עקזיסטענץ? היינט שטעל איך זיך מיט מיין גאַנצן כוח קעגן דעם מיטאָס פון שרייענדיקע ערד און ערטער וואָס רופן מ׳זאָל זיי באַפרייען. מ׳קען באַפרייען מענטשן. מ׳קען נישט באַפרייען קיין ערטער... הרגע מיך... ביי מיר איז דאָס טויט... מיט דער גאַנצער חירותישער שיכט מיינער — ס׳איז טויט... באַפרייען מענטשן קען מען... מ׳דאַרף... כדאי צו שטאַרבן אויף צו באַפרייען מענטשן... קודם כל כדי אַליין בלייבן באַפרייטע. נאָר צוליבן באַפרייען ערטער? קיין נאָגל נישט.

אַ ל י: דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע צייטונגען ריידן וועגן „באַפרייונג״: אָט, זענען מיר דערגאַנגען... און, די ערטער זענען אונדזערע... נאָך צוויי טויזנט יאָר... און דאָס איז אונדזערס... און די מערת המכפלה... עזר האָט מיר געשריבן אַ בריוו: הער, סאַראַ געפילן געהאַט, אַז כ׳בין געקומען צו דער מערת המכפלה — האָט ער מיר געשריבן. און אַז איך בין דאָרט געקומען, האָב איך גאָרנישט געפילט.
ע מ ו ס: דו הערסט, איך בין געווען איבערגענומען ביים כותל. כ׳בין אָבער טויזנט מאָל מערער געווען איבערגענומען, אַז כ׳האָב דערזען שי — מיין בעסטן חבר פון חולדה — אַז כ׳האָב אים דערזען אַ לעבעדיקן נאָך דער מלחמה. צוויי וואָכן האָב איך נישט געוווסט צי ער לעבט, צי נישט. אָדער זיין ברודער רוני, דער פליער. כ׳האָב אים דערזען אַ לעבעדיקן און מערער זיך איבערגענומען ווי ביים כותל. איך ווייס נישט... מערער זיך איבערגענומען...

א ו ר י: כ׳ווייס נישט, איך דאַרף דיר זאָגן... איך האָב ליב תנ״ך... און כ׳האָב געלערנט די דאָזיקע זאַכן. אַז כ׳בין געקומען קיין סעבאַסטיאַ, קיין חברון, אין דער אַלטער יריחו — די זאַכן, וואָס כ׳האָב געלערנט: היסטאָריע, תנ״ך, אַרכעאָלאָגיע — איך זאָג דיר, ס׳איז מיין געפיל... אַזוי געגוי איז געווען פון מיין סענסיטיוון שטאַנדפּונקט,

אַזוי געגנוי איז מיט מיר געווען ווי כ׳וואָלט געקומען, לאָמיר אָננעמען, קיין מאַנטפּאַרט * און אים קענען געלערנט ווי ס׳געהער צו זיין. ס׳איז מיין...

עמוס: דאָס וואָס איז מאָדנע אין די היסטאָרישע ערטער. פאַראַן היסטאָרישע מקומות וואָס זענען אַ טייל פון לאַנד. פאַראַן אָבער ערטער וואָס זענען אַ חלק פון דיין פערזענלעכער היסטאָריע. כ׳וועל דיר געבן אַ ביישפּיל: פאַראַן אין ארץ־ישראל אַ שטאָט וואָס הייסט חולון. וועגן איר שרייבט מען נישט אין תנ״ך. די אָבות האָט מען דאָרט נישט קובר געווען. זי איז נישט אין די מאָניטאָר־רעגיסטראַציעס. ס׳איז סתם אַ שטאָט פון די זאַמדן. אָבער וואָס? אין דעם פאַל איז חולון די שטאָט... איך ווייס? כ׳האָב דאָרט ס׳ערשטע מאָל געליבט אַ פרוי... פאַר מיר איז חולון מער פון חברון... הרגע מיך — ...היסטאָריש. אויב כ׳וועל נישט קענען איין מאָל אין צוויי יאָר עולה רגל זיין קיין חולון, צו אַ ווינקל, צו אַ געוויסן פונקט אין חולון — וועט עס מיר מערער וויי טאָן ווי די אוממעגלעכקייט עולה רגל זיין צו דער מערת המכפלה, וועלכע כ׳האָב געזען דאָס ערשטע מאָל מיט 2 וואָכן צוריק. קען זיין, אַז דאָס איז נישט נאַציאָנאַל, אָבער דאָס... ווי ס׳זאָל נישט אויסזען אין דיינע אויגן ווי כּפירה־רייד, האָב איך נישט קיין געפיל, אַז חברון איז מיין פאָטערלאַנד. וועגן חולון האָב איך אַזאַ געפיל צוליב די מענטשן, צוליב די ערטער...

אורי: כ׳וויל דיר זאָגן, אַז פון פאָרויס, אין אָנהייב מלחמה, ווייסטו, אַז עס קענען שטאַרבן מענטשן. און די מענטשן מיט וועלכע ביסט אַרויסגעגאַנגען איצט, קענען מאָרגן נישט זיין. און דו גייסט אַרויס. דו קענסט זאָגן: דאָס דאָזיקע לעבן איז מיר וויכטיק און טייער. און פאַראַן זאַכן, וואָס זענען העכער פון דעם.

גילי: לויט מיין מיינונג, איז נישט צו פאַרגלייכן די מערת המכפלה מיטן כותל. יעדעס פאָלק האָט עטלעכע געהייליקטע ערטער. איך מיין, אַז ירושלים און דער כותל זענען פאַרן פאָלק ישראל פיל מערער ווי די ערשטע ליבע.

— — — דורך־אגב, די ביז גאָר נישט אָנגענעמע אויפגאַבן פון אַ קאָמאַנדיר נאָך דער מלחמה, זענען די באַזוכן ביי די פאַריתומטע משפחות און כ׳בין געווען זייער פאַרזיכטיק מיט טרייסטן. געדעדט אַ גאַנץ גלייכן אמת... און כ׳האָב זיי דערציילט ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען. כ׳בין געווען זייער געוואָרנט נישט צו זאָגן „פאַרן פאָטער־לאַנד" און פאַר כל מיני זאַכן. כ׳בין געווען זייער פאָרזיכטיק. אויף איין אָרט האָט מיט מיר באַזוכט דער קאָמאַנדיר און צופעליק איז ער געשטרויכלט געוואָרן מיט דער צונג און געזאָגט: אָבער מיר האָבן געפילט... מיר האָבן געוואָלט... און די פרוי האָט אויסגעבראָכן און אים געזאָגט: ער איז אָבער געווען אין דער היים און מיר געזאָגט, אַז ס׳איז בעסער צו זיצן נאָך צוויי חדשים און נישט געבן קיין שאָס און מיר זאָלן אַהיים קומען אין אָרדענונג און נישט גיין זיך שלאָגן. אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, און דערצייל מיר נישט, אַז דאָס...

נאָר פון שטאַנדפּונקט פון ירושלים און דעם כותל, אין מאָמענט ווען כ׳קום צו צום פערזענלעכן אָפּשניט, גיי איך נישט דיסקוטירן מיט קיינעמען... אויב זיין חבר איז

---

* רואינען פון אַ קרייץ־צוגלער פּאַלאַץ, אין מערב־גליל.

געפאַלן... נאָר איך מיין, אַז פון שטאַנדפונקט פון פאָלק ישראל, איז דאָס אַ נאַציאָ־נאַלער סימבאָל.

— — — אפשר אַ פרייער דורכגאַנג און אַ פעסטער שלום... אַ פרייער דורכגאַנג צו די הייליקע ערטער. אָבער דאָס וואָס די ירדנער האָבן געטאָן אויפן הר־הזיתים און דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן אין... כ'זאָג דיר, בעסער אַז ס'איז איצט אין אונדזערע הענט, ס'איז ווערט דעם פּרייז.

עמוס: גילי, איך וויל דיך פרעגן, בלויז אויפן הר־הזיתים האָט מען געשענדעט דעם בית הקברות?

אלי: כ'ווייס נישט... איך וויל נישט, אַז מענטשן זאָלן ווידער דאַרפן פאַרלאָזן זייערע היימען אין רעזולטאַט פון מלחמה. איין טאָג האָב איך געהערט אין ראַדיאָ דעם ד"ר בורג *. ער האָט דערקלערט וועגן כותל, צו ווער ער איז שייך און צו וועמען ער איז נישט שייך... ער האָט געזאָגט: פאַר די גלויביקע מענטשן איז עס... און די נישט־גלויביקע קומען צום כותל ווי קיין קיסריה **... זיי קומען נאָר זען און נישט מער. האָב איך זיך געטראַכט: דער דאָזיקער מענטש פאַרשטייט נישט וואָס ער רעדט בכלל... ער פאַרשטייט נישט די גייסטיקייט פון פאָלק.

* מיניסטער פון סאָציאַלער הילף, פון דער רעליגיעזער פאַרטיי.

** אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון דער רוימישער שטאָט.

דור עם דור

א דור מיט א דור

5.1.49

טאַטע,

די מאַמע זאָגט די גאַנצע צייט, אַז דו וועסט קומען און דו קומסט נישט — אַ שאָד וואָס דו ביסט אַוועקגעפאָרן אַזוי ווייט. אויך פריער ביסטו געווען אַ זעלנער און פלעגסט אַהיים קומען כמעט יעדן טאָג און איצט נישט. דני האָט מיר דערציילט בסוד, אַז ער קלערט, אַז דו ביסט אין נגב. איך פאַרשטיי באמת נישט ווי אַזוי דאָס קאָן זיין: איך געדענק, אַז די מומע האָט זיך איבערגעצויגן קיין תל־אביב און האָט געהאַט אַ נייעם אַדרעס. און ביי דיר איז פאַרבליבן דער זעלבער אַדרעס. גיב מיר צו פאַרשטיין ווי דאָס איז. איך גלייב אָבער דאָך, אַז דו ביסט אין נגב.

אין אָוונט איז שטאַרק אומעטיק. אויך איצט קומען צו אונדז אין צימער דני און מירי, ס׳איז אָבער נישטאָ ווער ס׳זאָל אין אָוונט דערציילן. זייער אומעטיק. ווען דו וועסט קומען זאָלסטו מיטברענגען אַ דערשרעקנדיקע געשיכטע און זאָלסט אויך מיטברענגען פאַר מיר פאַטראָנען, אָבער נישט פאַטראָנען פון אַ ביקס. אַזעלכע האָב איך אַ סך. איך וויל פון אַן אַרמאַט אָדער פון אַ פּולעמיאָט. זיוואַ האָט שוין איינעם אַזאַ גרויסן. זי דערציילט, אַז ער האָט געפּלאַצט נישט ווייט פון איר טאַטן. איצט טוט זי אַריין אין דעם פאַטראָן בלומען.

פרייטיק ביי נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָבן מיר געמאַכט אַ פּלאַן, אַז אויף מאָרגן וועלן מיר אַנטלויפן צו מאַכן אַ שפּאַציר אויפן באַרג. יהודית האָט עס גאָרנישט באַמערקט און מיר זענען ערשט אַהיים געקומען מיטאָג־צייט. דער באַרג איז שוין גרין. פאַראַן אַ סך נאַרציזן. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז מ׳טאָר נישט אַרויפגיין הויך, ווייל ס׳זענען דאָרט דאָ אַ סך אַראַבער. מיר אָבער ווייסן, אַז דאָרט זיצן אונדזערע בחורים און ס׳איז אונדז טאַקע גאָרנישט געשען. ווען מיר זענען אַראָפּגעקומען אונטן האָבן מיר געזען ווי יהודית לויפט. זי האָט געפרעגט ווו מיר זענען געווען. מיר האָבן איר געזאָגט, דאָס, וואָס איז באמת געווען: עוזי האָט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף איר בלאָפן, אָבער מיר אַלע האָבן באַשלאָסן איר צו דערציילן דעם אמת.

שלום און קום שוין צוריק

דיין זון

(יפעת)

דאָרט און דאָ, דער חורבן און די זעקס־טאָגיקע מלחמה

שמועס אין קיבוץ עין־החורש

מנחם: מיט עטלעכע יאָר צוריק, ערב דעם יום השואה*, האָט מען מיך געשיקט פון „מורשת"** דורכצופירן אַן אינטערוויו מיט אַ פּאַרטיזאַן, אַ פּשוטן מענטש. מיין שמועס מיט אים איז געווען איינע פון די איינדרוקפולסטע זאַכן, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט וועגן יענער תקופה. פאַרוואָס? — ער האָט גערעדט זייער ענלעך צו דעם אופן, ווי עס רעדן היינט די חברים, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה.

ער האָט זיך באַצויגן צום ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, — אַן אַקט פון ווידער־שטאַנד, וואָס אונדז איז בכלל שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט געקאָנט פאַרקומען — פולשטענדיק פּשוט, נישט איינהילנדיק דאָס אין קיין אידעאָלאָגיע. ער האָט גערעדט בערך ווי עס רעדן היינט די חברה: „ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה"; „איך האָב דאַן געפילט אַז איך שטיי מיטן רוקן צו דער וואַנט" א. א. וו.

דאַקעגן, פאַריקע וואָך, האָב איך דערציילט איינעם אַ בחור, אַז מיר האָבן בדעה אָפּצוהאַלטן אַ שמועס וועגן דער פאַרבינדונג צווישן חורבן און אונדזער לעצטער מלחמה. האָט ער צו מיר געזאָגט: איך גלויב נישט, אַז ס'איז פאַראַן וועלכע עס־איז באַוווסט־זיניקע פאַרבינדונג צווישן דער דאָזיקער מלחמה און צווישן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט דאָרט. דאָס זענען לחלוטין פאַרשידענע וועלטן.

ס'איז כדאַי אויפצוקלערן די דאָזיקע זאַכן: צי איז טאַקע דער דאָזיקער דור, דער דור פון יידישער ווידעראויפלעבונג, דער דור וואָס לעכצט צו כנעניש־קייט אין דער אָדער אַנדערער פאָרם — — — און זיין פּסעוודאָ־געזונטקייט און זיין פּסעוודאָ־פּאַרוואָרצלטקייט... צי איז באמת פאַראַן אַ מחיצה צווישן דעם, וואָס איז געווען דאָרט צווישן גלות, צווישן דער גאַנצער יידישער געשיכטע און צווישן דעם וואָס קומט פאָר דאָ, צווישן דער דאָזיקער מלחמה, וואָס מיר האָבן געפירט?

ס'איז מיר געווען שווער זיך צו פילן ווי אַ דעראָבעריש מיליטער, ווי אַ זיגעריש מיליטער, ווי אַ שטאַרק מיליטער. און אויב איך האָב געהאַט אַ קלאָרע דערקענטעניש פון די יאָרן פון וועלט־קריג און פון חורבן, איז דאָס געווען אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען איך בין אַרויף אויפן כביש יריחו אויבן און די פּליטים זענען אַראָפּ אונטן... איך האָב דערפילט אַן אוממיטלבאַר אידענטיפיצירן זיך מיט זיי. ווען איך האָב דערזען די דאָזיקע קינדער, וואָס די עלטערן האָבן געשלעפּט אויף די הענט — — האָב איך פאַקטיש דערזען זיך גופא, ווי מיין פאָטער האָט מיך געשלעפּט. דאָס איז אפשר געווען איינע פון די אוממיטלבאַרע איבערלעבונגען, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער מלחמה־תקופה. און דאָס איז נישט געווען דווקא דאַן, ווען מיר זענען אַרויס און געטאָן דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן, נאָר דווקא אין די מאָמענטן ווען מיר האָבן מיטגעפילט די ליידן פון צווייטן, פון די אַראַבער, וואָס קעגן זיי האָבן מיר געקעמפט. דאָס

---

* טאָג פון חורבן.

** מוזעום פון חורבן און גבורה.

טראַגישע איז אפשר געווען דאָס, וואָס דאָס אידענטיפיצירן זיך איז געווען דווקא מיטן אַנדערן פאָלק, מיט אונדזערע שונאים.

פאַראַן אַ זייער טיפער פאַטאַליזם צווישן די מענטשן, וואָס האָבן שוין דורכגעלעבט עטלעכע מלחמות אין זייער קורצן לעבן. ביז ווען וועט דאָס דאָזיקע פאָלק קעמפן אָן אויפהער? מענטשן האָבן שוין... איך, יעדנפאַלס, פיר מלחמות. איך גיי פון מלחמה צו מלחמה. מען אַנטלויפט, מען פאַרניכטעט, און דאָס אַלץ. ביז ווען וועט דאָס דויערן? דאָס האָט אויך אַן אויסווירקונג לגבי דעם חורבן. דאָס דאָזיקע געפיל פון דער טראַגישקייט פון יידישן קיום. דאָס איז נישט קיין באַוווסטזיניק געפיל. אָבער דאָס איז פאַראַן.

יריב: איך האָב דאָס געפיל פון אַ טראַגעדיע אין שוידערלעכע דימענסיעס, אַזוי האָב איך דאָס איבערגעלעבט אין געדאַנק און אין געפיל; סיי פון שטאַנדפונקט, וואָס אַ מענטש באַגעגנט אין דער מלחמה און סיי פון שטאַנדפונקט פונעם געפיל וועגן יידישן גורל וואָס אין דער זאַך. די מלחמות, וואָס עס נעמט נישט צו זיי קיין סוף, דאָס דאָזיקע געפיל, אַז מיר האָבן בעצם נישט געקעמפט פאַר שטחים נאָר מיר האָבן געקעמפט פאַר אונדזער לעבן.

— — — דער יידישער צד, וואָס אין דער מלחמה, דער צד פון יעדן איינעם פון אונדז. מיר האָבן זיך דערצויגן דורך עפּעס אַ פּראָצעס, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די דאָזיקע יידישע טראַגעדיע אין אַ זייער באַוווסטזיניקער זאַך, אין אַ זאַך, וואָס מען טראַכט וועגן איר און מען ווייס ווי אַזוי זי איבערצוזעצן אין מעשים. די דאָזיקע מלחמה איז איין רינג אין דער קייט פון מעשים, וואָס דרינגען אַרויס פון אָט דעם טראַגישן געפיל. דער קעגנערישער צד, די אַראַבער, זענען בעצם גלייכבאַרעכטיקטע שותפים אין טראַגישן קאָנפליקט, וואָס קומט דאָ פאָר. אָבער זיי זענען בכלל נישט גרייט, — נישט אַזוי ווי מיר — צו שפּילן די ראָל. זייער ראָל אין דאָזיקן פאַל איז מפלה. אויב דער יידישער צד דערשיינט דאָ ווי אַ צד, וואָס האָט זיך צוגעאייגנט די קיום־מלחמה, ווי אַ מסקנה, וואָס איז געצייטיקט געוואָרן אין הונדערטער און טויזנטער יאָרן, פאַרשטייט דאָך דער אַראַבער בכלל נישט די דאָזיקע גורלדיקע, פאַטאַליסטישע געשעעניש, וואָס איר רעזולטאַט זענען פליטים, וואָס איר רעזולטאַט איז חורבן.

ס'איז ריכטיק, אַז די מענטשן האָבן געגלויבט, אַז עס וועט זיין אַ פאַרניכטונג, אויב מיר וועלן נישט מצליח זיין אין דער מלחמה. זיי האָבן געגלויבט, אַז עס וועט זיין פאַרלענדונג, אויב מיר וועלן נישט זיגן. זיי האָבן מורא געהאַט. דער חורבן האָט אונדז געשאָנקען אַדער איבערגעלאָזט בירושה דעם דאָזיקן באַגריף. דאָס איז אַ קאָנ־קרעטער באַגריף לגבי יעדן מענטשן, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין לאַנד, אפילו ווען ער האָט דעם חורבן נישט איבערגעלעבט, נאָר האָט בלויז געהערט און געלייענט. — — „פעלקער־מאָרד" — דאָס איז אַ ממשותדיקער באַגריף. פאַראַן מיטלען דאָס צו טאָן. דאָס איז די לעקציע פון חורבן.

אבא: איך וויל דיך פרעגן: — צי האָסטו געהאַט דאָס געפיל, אַז אויך דאָ קאָן זיין פאַרניכטונג?

יריב: יאָ, אָן ספק. איך געדענק ווי אייניקע טעג פאַר דער מלחמה האָב איך צונויפגערופן מיין קאָמפּאַניע. מען האָט געוואָלט זאָגן עפּעס די מענטשן. ס'איז געווען אַ שפּאַנונג און די אַקציע איז יעדעס מאָל אָפּגעלייגט געוואָרן. און ווען איך האָב

גערעדט, האָב איך זיך געגוויטיקט אין דאָזיקן היסטאָרישן פּאַראַלעל צווישן דעם, וואָס שטייט אויפן טאָגאָרדנונג און דעם, וואָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן פּשוט גערעדט וועגן דעם.

אבא: האָסטו, הייסט עס, געהאַט מאָמענטן, צו יענער צייט, אין וועלכע דו האָסט ממש געזען פאַר די אויגן, אַז אויך דאָ קאָן זיין פאַרניכטונג?

יריב: יאָ, אָן ספק. איך מיין, אַז דאָס איז אַ באַגריף וואָס יעדער מענטש אין לאַנד לעבט מיט אים. יעדער איינער האָט געטראַכט וועגן דעם. איך האָב בפירוש געטראַכט מיט באַגריפן פון פאַרניכטונג.

אבא: די אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, דאָס שאַפן די מדינה, די צוואַנציק יאָר פון איר געשיכטע — זענען נישט געווען בכוח צו דינען ווי אַ גאַראַנטיע, אַז דאָס וועט נישט פּאַסירן? צי איז דאָס ריכטיק, אַז דו, אַ געבוירענער אין לאַנד, האָסט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטן אוישוויץ אין דאָזיקן לאַנד?

יריב: אַבסאָלוט. איך מיין אַז אַ געבוירענער אין לאַנד, אויף וויפל איך פיל דאָס פּערזענלעך, לעבט מיט אַלע זאַכן וואָס עקזיסטירן דאָ. איך יעדנפאַלס, פיל די רעלאַ־טיווקייט אין דער עקזיסטענץ פון אָט די זאַכן. אָבער איך קוק נישט אויף דעם דווקא דורך דער פּריזמע פון די מיליטערישע סכּנות. דער פאַקט פון יידישן קיום אין לאַנד איז נאָך נישט איבערצייגנדיק. דאָס איז אַ זייער קליינע דערשיינונג פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. דאָס איז אַ רעלאַטיוו קליינע דערשיינונג פון שטאַנדפּונקט פון דער צאָל יידן, וואָס לעבן דאָ אַ זעלבשטענדיק יידיש לעבן.

די דאָזיקע פראַגע־צייכנס דרינגען אַרויס נישט דווקא פון דער פאַרהעלטעניש צווישן טאַנקען און האַרמאַטן, פון די כּוחות־פאַרהעלטעניש. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דווקא די מורא אויפן דאָזיקן געביט איז דאָ געווען אָן איבערגעטריבענע. די פראַגע איז פיל מער תּהומיקער, פון שטאַנדפּונקט פון יידישן קיום. וואָס איז דאָס בכלל אַזוינס דער יידישער קיום? וואָס איז די דאָזיקע רעטעניש פון יידישער המשכדיקייט, פון דער ווידערבאַנייאונג?

ווען מאַקס פריש האָט באַזוכט דאָס לאַנד, האָט ער געזאָגט: צו וואָס קום איך דווקא קיין ישראל? מיך אינטערעסירט ווי אַזוי מען קאָן, נאָך צוויי טויזנט יאָר, באַנייען די קולטורעלע, גייסטיקע, נאַציאָנאַלע דערשיינונג אין לעבן פון אַ פאָלק.

די דאָזיקע פּראָבלעמען עקזיסטירן: ווי גרויס איז די מאָס פון דער וויטאַליטעט און פון דער פאַרוואָרצלטקייט פון דער באַנייאונג פון יידישן לעבן אין לאַנד? איך לעב מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען. איך מיין, אַז דאָס געפיל, אַז מיר וועלן אפשר נישט אָפּהאַלטן קיין זיג, איז געווען ביי פיל מענטשן. אפשר ווייניקער אין מיליטער, און מער אין הינטערלאַנד, אַזוי ווי איך האָב דאָס געפילט שפּעטער פון די געשפּרעכן מיט מענטשן. ס'איז נישט געווען דאָס געפיל, אַז דאָ רעדט זיך וועגן יענער פאַרניכטונג, וואָס איז געווען בעתן חורבן, נאָר אין דער סכּנה, אַז מיר וועלן נישט זיגן.

אבא: וואָס מיינסטו ווען דו זאָגסט, — נישט זיגן?

עמרם: ווען עס וואָלטן געווען אַנדערע כּוחות־פאַרהעלטענישן, ווען עס וואָלט געווען אַן אַנדער מיליטער — וואָלט מעגלעך דער אַראַבישער כּוח געווען אַזאַ, ווי

ער איז געווען אין געוויסע ערטער אין באַפרייאונג־קריג, למשל, אין גוש עציון *. ס'איז מעגלעך, אַז עס וואָלטן געווען ערטער ווו די מלחמה וואָלט אונדז געקענט ברענגען צו אַ מצב פון שחיטה, אָדער פון אַ מיליטערישער מפלה. אָבער איך גלויב נישט, אַז דאָס וואָלט געקענט ברענגען צו אַ מצב פון פליטים, אָדער פון קאַפּיטולאַציע.

יהודה ג.: פאַרוואָס נישט? די יידן קאָנען נישט זיין קיין פליטים?

יריב: מעגלעך אַז אין גרונט גענומען איז דאָס דאָזיקע געפיל אַ טעותדיק. אין אַן אַנדער לאַגע וואָלטן מיר זיך געפירט ווי ס'האָבן זיך געפירט יידן אין אַנדערע ערטער. אָבער איך האָב געפילט, און איך מיין, אַז אַזוי האָבן געפילט אויך אַ סך אַנדערע, אַז די ווירקלעכקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דאָ אין לאַנד, וועט ברענגען די מענטשן צו אַן אַנדער אויפפירונג. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַן אילוזיע.

אבא: וואָס פאַר אַן אַנדערע אויפפירונג?

יריב: צו אַן אויפפירונג, אין וועלכער מענטשן וועלן טאָן אַלץ, כדי, כל־זמן זיי קאָנען לעבן און קאָנען קעמפן, צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס זיי האָבן געשאַפן, זייער לעבן און זייער משפחה.

עמרם: אונדז אין גבעת ברנר האָט באַזוכט אַן אַראַבער פון דער אַלטשטאָט. ער האָט יעדן איינעם פון אונדז געפרעגט: „צי גלויבסטו, אַז ווען מיר (די אַראַבער) וואָלטן געזיגט, וואָלטן מיר אייך אויסגעשאָכטן?" און נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט מיט מיין קליין טעכטערל, האָט ער געפרעגט: „צי גלויבסטו, אַז איך וואָלט געווען מסוגל צו שעכטן אַזאַ מיידעלע?"

דאָס איז געווען אַן אויפטרייסלענדיקע געוויסנס־פראַגע, אויך פאַר מיר. איך האָב אים געענטפערט: „אויף דיר בין איך אפשר נישט מסוגל צו טראַכטן אַזוינס". און מיין טאָכטער האָט געגעבן אַ פיל בעסערע תשובה. זי האָט אים געזאָגט: „איך האָב מורא פאַר שלעכטע אַראַבער". ער האָט געפרעגט: „וואָס איז דאָס אַזוינס שלעכטע אַראַבער?" און זי האָט געענטפערט: „שלעכטע אַראַבער זענען די אַראַבער, וואָס זענען קעגן אונדז און קעמפן מיט אונדז". ער האָט געפרעגט, „ווי ווייס מען ווער עס קעמפט קעגן אייך?" און זי האָט געזאָגט: „די וואָס האָבן געווער. און גוטע אַראַבער זענען עפּעס אַנדערש".

איך בין מסכים מיט דער מיינונג פון מיין טאָכטער. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז מיר אַלע האָבן געגלויבט אָדער מורא געהאַט, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער טייל פון דער אַראַבישער מאַסע, וואָס איז מסוגל זיך אויפצופירן אַזוי, ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט, למשל, אין גוש עציון **.

מנחם: נישט נאָר אַראַבער. אין אינדאָנעזיע שעכט מען זיך אויס קעגנזייטיק. אין קאָנגאָ שעכט איינער דעם צווייטן.

---

* אַ ראַיאָן פון 4 קיבוצים דרומדיק פון ירושלים, וואָס זענען געפאַלן נאָך בלוטיקע שלאַכטן אין טאָג ווען מען האָט פּראָקלאַמירט די יידישע מדינה.

** נאָך דעם ווי אונדזערע קעמפערס האָבן זיך אונטערגעגעבן, זענען זיי באַפאַלן און אויסגע־שאָכטן געוואָרן דורך די אַראַבער.

ישי: איך האָב זיך אויפגעפירט אין דער מלחמה אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ זון פון אַ נאָרמאַל פאָלק; אין מיין געפיל איז נישט פאַראַן דער פאַקטאָר „פאַרניכטונג". די דאָזיקע פראַגע האָט מיך בכלל נישט באַשעפטיקט. איך האָב נישט מורא געהאַט פאַר איר. איך בין דערצויגן געוואָרן און בין אויסגעוואַקסן ווי אַ נאָרמאַלער ייד, וואָס לעבט אויף זיין ערד, וואָס איז דאָ געבוירן געוואָרן. כ'האָב נישט געהאַט קיין שום צווייפל לגבי אונדזער נצחון. איך בין געווען זיכער, אַז מיר וועלן זיגן.

איך האָב דאָס געפיל פון אַ פאָלק, וואָס איז געזונט אין זיין גייסט און אין זיין קערפער, אַ פאָלק וואָס קאָן נישט פאַרשפילן, ווייל עס איז פיל בעססער. און נישט דערפאַר וואָס ער קעמפט פאַר װעלכע עס איז ווערטן אָדער צוליב אַ ירושה, וואָס ער טראָגט מיט זיך אין משך פון דורות. איך בין געווען איבערצייגט פון דער ערשטער רגע, אַז מיר וועלן זיגן. איך בין נישט מסכים מיט דער מיינונג פון ירים און עמרם.

אין דאָזיקן ענין האָב איך זיך אויפגעפירט ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, אין אַ נאָרמאַלן לאַנד, און האָב געהאַנדלט ווי עס דאַרף, לויט מיין מיינונג, האַנדלען אַ מענטש, וואָס דאָס איז זיין היימלאַנד און וואָס האָט פאַקטיש געקעמפט מער פאַרן כבוד פון לאַנד, אין פאַל פון אַ פראָוואָקאַציע אָדער בלאָקאַדע, — און ווייניקער צוליב דער דאָזיקער סכנה. איך וואָלט נישט געווען מסוגל צו קומען צו מיינע מענטשן און זיי זאָגן, אַז מיר שטייען פאַר דער ערנסטער דראָונג פון פאַרניכטונג. איך האָב נישט געקעמפט ווי איינער, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ סיטואַציע. איך האָב בשום אופן נישט געקעמפט פאַרן כבוד פון דאָזיקן פאָלק. מעגלעך, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס פון דער פאַרבינדונג מיטן עבר. קאָן זיין. אפשר האָב איך שפּעטער זיך אָפּגעגעבן דערפון אַ חשבון.

— — — — און פון דער צווייטער זייט, איז די מלחמה געווען פאַר מיר אַן אויסערגעוויינלעכע לעקציע, בנוגע דעם וואָס הייסט יידישער באַוווסטזיין. און דאָס אַדאַנק צוויי איבערלעבונגען, וואָס איך האָב געהאַט.

די ערשטע איבערלעבונג — ירושלים. ווען איך האָב געהערט, אין מיין איינהייט, דורכן טראַנזיסטאָר, וועגן דעראָבערן ירושלים, איז נישט געווען קיין איינער, ביי וועמען ס'האָבן זיך נישט געשטעלט קיין טרערן אין די אויגן, און איך צווישן זיי. דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט נישט די ישראלדיקייט, נאָר דאָס יידישקייט פון פאָלק.

די צווייטע איבערלעבונג — ווען מיר זענען געווען געצווונגען צו עוואַקוירן די איינוווינער פון אַ געוויסן דאָרף. און איך געדענק, אַז מיר האָבן נישט נאָר איבער־געטראַכט וועגן דאָזיקן ענין, נאָר מיר האָבן אים געפילט און איבערגעלעבט. איך געדענק, אַז מיר האָבן גערעדט וועגן דעם. און דאָס איז נישט געווען קיין אידענ־טיפיצירן זיך, ווי דאָס איז געווען ביי דיר, מנחם, ווען דו האָסט געזען דעם דאָזיקן פליט. וואָס פאַר אַן אַרגומענטן עס זאָלן נישט זיין, און אויב עס איז אַפילו פאַראַן אַ זאַכלעכע באַרעכטיקונג פאַר דער עוואַקואַציע, עקבערט דיך דאָך אַ דורכדרינגלעך געפיל, ווען דו קומסט דורכפירן אַזאַ באַפעל. זיי, די אַראַבער, האָבן מיר געזאָגט, און נישט איינער, נאָר דריי אָדער פיר, אָדער זיבן: לאָזט אונדז דאָ שטאַרבן. און דאָס איז זייער שווער, פון פשוטן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט.

איך האָב, — און איך וויל זיך נישט לאַנג אָפּשטעלן אויף דעם — וואָס שייך

די דאָזיקע צווייטע פּונקטן געהאַט אַ יידישן באַוווסטזיין פון אַ הויכער מדרגה. אויב ביז איצט איז געווען אַ זייער גרויסע מחיצה צווישן דעם וואָס איך ווייס און צווישן דעם וואָס איך פיל, איז איצט געשען אַן ענדערונג, וואָס איז לויט מיין מיינונג פון דער גרעסטער וויכטיקייט. איך געדענק, אַז יענעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם האָב איך גישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן. איך געדענק, אַז דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר האָט פיר מאָל געשיקט מיך רופן. איך האָב מסכים געווען מיט דער נויט־ווענדיקייט, האָב אָבער פשוט נישט געקאָנט בלייבן אויפן אָרט. איך האָב גענומען מיין דזשיפּ און געפאָרן, אַהין און צוריק. אין די ביידע פאַלן — היינט טראַכט איך וועגן זיי און דאַן האָב איך זיי אָפּגעפילט און אויך וועגן זיי געטראַכט — האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין מיר צוויי זאַכן, וואָס זענען אפשר אין ווידערשפּרוך איינע צו דער אַנדערער, און וואָס וועלן אפשר זיך סוף־סוף אַמאָל פאַראייניקן.

מעגלעך, אַז דאָס האַנדלען און פילן ישראלדיק, אַזוי ווי אַ געזונט און נאָרמאַל פאָלק, האָט אַ פאַרבינדונג מיטן עבר, מיטן יידישן כבוד. און אפשר אַ פאַרבינדונג מיט די פאַרטיזאַנער אָדער מיט קידוש־השם.

עמרם: דאָס געפיל פון נאָרמאַלקייט, וועגן וועלכן דו האָסט גערעדט, רופט ביי מיר אַרויס זאָרג.

פאַראַן אין אונדזערע מענטשן, אין אונדזערע זעלנער, אַ ספּעציעלער גייסט, אַ ספּעציעלע נשמה, וואָס קען געפעלשט ווערן אין באַדינגונגען פון אַ דעראָבערישן פאָלק.

אבא: אפשר וועסטו נאָך אַ מאָל איבערחזרן דעם זאַץ און זיך פאַרטראַכטן צי דו רעדסט וועגן אַ דעראָבעריש פאָלק, אָדער דו רעדסט וועגן אַ דעראָבערישער אַרמיי.

עמרם: עס האָבן מיך אויפגעטראָגן פריִער די רייד פון ישי, לויט וועלכע מיר זענען אַ נאָרמאַל פאָלק. איצט שטעלט זיך אַרויס, אין דער פילבאַרקייט, וואָס ער האָט אויסגעדריקט, אַז ס'איז באמת פאַראַן אַ „נישט נאָרמאַלקייט". — — — די מענטשן, וואָס איך האָב געזען אַרום מיר, האָבן געהאַט די מענטשלעכסטע באַציאונג, וואָס עס קאָן נאָר זיין אין אַזאַ מצב. פון לאָגיש־מיליטערישן שטאַנדפּונקט האָט דער דאָזיקער באַפעל מיך שטאַרק אויפגערעגט. אָבער ער איז לאָגיש, ער איז פאַרשטענדלעך. ווען מען זאָגט דיר, אַז צווישן דער מענטשן־מאַסע אין שטאָט זענען פאַראַן הונדער־טער, און אפשר טויזנטער איינוווינער, וואָס בלויז מיט אייניקע שעה צוריק זענען זיי געווען זעלנער, וואָס האָבן זיך איבערגעטאָן, אַראָפּגעצויגן פון זיך די מונדירן, און אַז אַלץ וואָס מען וויל איז בלויז דערמעגלעכן אויפצוקלערן ווער ס'איז אַ זעלנער און ווער נישט, און דערנאָך זיי צוריקשיקן, — איז פאַראַן אין דעם אַ געוויסע לאָגיק.

יהודה ג.: — — — דער חורבן איז די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשיכטע אין דער מענטשלעכער היסטאָריע. דאָס איז דער פאַרכאַפּנדיקסטער קאַפּיטל אין דער מענטשלעכער געשיכטע. — — די מלחמה פון די יידן אין דער חורבן־תקופה באַשעפּטיקט מיך שוין פון דער יוגנט אָן. עס איז מיר שווער צו זאָגן וואָסער חלק פון דער חורבן־ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען אין מיר, האָט מיך באַגלייט בעת דער מלחמה. פאַר מיר איז קלאָר, אַז דאָס האָט אין מיר עקזיסטירט, אָבער ס'האָט עקזיסטירט אין אַן אומבאַוווסטזיניקער פאָרעם.

— — — מען דערגייט צו אַ מענטשלעכן געפיל בעת דער מלחמה, נישט דווקא צוליב וועלכע עס איז ווערטן, אָדער צוליב דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון אַנדערע מענטשן. דאָס מענטשלעכע געפיל דערוועקט זיך בעת דער מלחמה, אין סאַמע גאַנג אירן, דורך אַ קליין בילדל: דער אויסדרוק פון די אויגן ביי אַ פליטים־פרוי, אַ צעפליקט פערד...

— — — איך קאָן נישט, היינט, זאָגן צו זיך אַליין, אַז איך ווייס מיט וואָס איך האָב זיך געענדערט נאָך דער מלחמה, און מיט וואָס איך באַלאַנסיר זיך גופא אויפסניי. מיר שיינט, אַז קיינער קאָן דאָס נאָך נישט זאָגן לגבי זיך אַליין. איך טראַכט און איך פיל, אַז דאָס וואָס איז געווען אין דער תקופה פון פאַר דער מלחמה — קאָן מער נישט פאַרגעזעצט ווערן. ווי אַזוי ענדערן די לאַגע? אין וואָס זאָל מען זיי איבער־אַנדערשן? אויף וואָס פאַר אַ מטבעות זאָל מען זי אויסבייטן? דאָס אַלץ איז נאָך פאַר מיר נישט קלאָר. אָבער אויב די ענדערונג וועט נישט קומען וואָס פריער, וועלן שוואַכער ווערן די אויסזיכטן אויף אַן ענדערונג.

אבא: ווען איר האַלט אין איין זאָגן, אַז „דאָ וועט נישט פאַסירן וואָס עס האָט פאַסירט דאָרט", דעקט איר דאָך נישט ווילנדיק אויף דעם קיום פון חורבן־באַוווסטזיין ביי אייך. אויבנאויפיק איז עס אויסטערליש. א י י ע ר ע אַסאָציאַציעס גייען אַהין. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז די זאַך, וואָס איז געווען אויסערלעך פרעמד, איז גאָר פאַרזעצט און אויסבאַהאַלטן אין אייך, און אָט רייסט זי זיך אַרויס פון אייך לעת־מעשה.

וואָס שייך מיר, בין איך נישט איבערראַשט פון די אַנטפּלעקונגען פון אָט דער פאַרבינדונג. אָבער איך שטוין נאָך צוליב אַנדערע אַספּעקטן פון דער דאָזיקער דער־קענטעניש, ווי אַזוי זי איז געקומען צום אויסדרוק ביי די זין פון דעם לאַנד און ביי אירע קעמפער.

נישט ווייניק מענטשן אין לאַנד און זייער פיל אין אויסלאַנד, פון צווישן די לייענער פון די צייטונג־קעפּלעך און טעלעוויזיע־צושויער אין דער וועלט, האָבן אונדז געזען אין די טעג צווישן 25סטן מאַי און 5טן יוני, טעג, וואָס זענען ראוי מען זאָל זיי געדענקען. אַרומגערינגלטע פון אַלע זייטן. צוויי מיליאָן יידן אַרומגערינגלט.

אַרומרינגלונג — איז אַ טראַוומאַטישע יידישע איבערלעבונג. אָבער דאָס מאָל איז עס פאָרגעקומען דאָ, אויף דער ערד פון ישראל. איך וועל דאָ נישט אויסרעכענען די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן אַ חלק אינעם אויפבוי פון לאַנד, אין קאַמף פאַרן אויפשטעלן דאָס ציוניסטישע ווערק און זיין פאַרטיידיקונג, און וואָס די טעג פון פאַר דער אַנטשיידונג האָבן זיך פאַר זיי קאָנקרעטיזירט אין באַגריפן געשעפטע פון חורבן־אָנדענק: די סכנה פון דער אָנקומענדיקער מלחמה האָט זיך געצייכנט פאַר זיי אין בילדער פון געטאָ און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געגאַרט, אַז עס זאָל פאַרמיטן ווערן אַ י א ו ש ־ מלחמה, אַז עס זאָל זיך נישט איבערחזרן דער אויפשטאַנד פון די באַלאַגערטע אין וואַרשעווער געטאָ.

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן לאַנג אויף דעם ענין, ווי אַזוי איך קוק אויף די געשעענישן, וואָס עס האָט מיך באַוווּיגן צו טראַכטן אַנדערש און פאַרוואָס איך בין אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער עצם מעגלעכקייט פון אַזאַ פאַרגלייך. וויכטיקער איז צו פאַרשטיין אייער רעאַגירונג. איך שטוין, צי די געשעענישן האָבן אין די אויגן

פון אַ געבוירענעם אין לאַנד געקאַנט אויפגענומען ווערן מיט אַ געפיל פון אַ ר ו מ־ ר י נ ג ל ו נ ג, און צי זייער האַרבקייט האָט אויך אין זייערע אויגן אויסגעזען ווי אַ געפאַר פון געטאָ און פון פאַרניכטונג?

אַ צווייטע זאַך. מדינת ישראל, מיט איר עצם זיין, שטייט אויסגעשפּראָכן כּלפּי דעם וועלט־יידנטום ווי אַ מויער פון לעבן און זיכערהייט פאַרן קיום פון פאָלק. און אָט זענען געקומען טעג, ווען נישט דעם גלות נאָר דעם פאָלק אין ציון האָט געדראָט אַן ערנסטע סכּנה פאַר זיין ע צ ם ע ק ז י ס ט ע נ ץ. וואָס איז אייער גייסטיקע רעאַגירונג אויף דער דאָזיקער אומגעקערטער און צעטרייסלטער סיטואַציע?

די דריטע און לעצטע זאַך. די מלחמה האָט זיך שוין פאַרענדיקט, אָבער די פראַגע־צייכנס זענען פאַרבליבן. וועלכע פראַגע־צייכנס? אָט עקזיסטירט דאָס געפיל, און אויך די דערקענטעניש, אַז דאָס איז מן־הסתם נישט די לעצטע מלחמה. צי איז די זעקס־טאָגיקע מלחמה באמת געווען א י י נ ע פון די מלחמות־אין־וועג, אָדער אפשר איז אין איר פאַרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופן — און זאָל עס זיין אַפילו בלויז אין אונדזער סוביעקטיווער דערקענטעניש — אַ ד ע צ י ד י ר נ ד י ק ע היסטאָרישע ענדערונג. דהיינו, עס וועלן זיין סכּנות אין דער צוקונפט, פון שנאה און פון אַ באַוואָפנטן פאַרמעסט, אָבער א י י ן סכּנה וועט זיך שוין נישט איבערחזרן.

און באמת, צי עקזיסטירט אין אייך דער דאָזיקער גלויבן? אויב יאָ — און דער אופן זיינער איז געוויס אַן אַנדערער ביי אייך און ביי מיר — פון וואַנען דרינגט ער אַרויס?

י ה ו ד ה ג.: דיינע רייד האָבן באַלויכטן אונדזער פאַרבאָרגענע פאַרבינדונג מיטן חורבן. ביי מיר, וויניקסטנס, עקזיסטירט דאָס. ווער עס האָט נישט דורכגעמאַכט דעם חורבן וועט נישט פאַרשטיין זיין באַדייטונג. ער איז מסוגל נאָר צו אַ ראַציאָנאַלן אַנאַליז, וואָס מיט זיין הילף וועט ער פאַרשטיין וואָס דאָס איז אַזוינס כּבוד פון אַ פאָלק. דער כּבוד פון פאָלק איז די וויטאַליטעט פון פאָלק. דאָס באַדייט — די מעגלעכקייט צו רעאַגירן ווען דער חורבן דערנענטערט זיך. וואָס מיך האָט געמאַכט אויפציטערן אין דער דאָזיקער מלחמה, ערב דער דאָזיקער מלחמה, און איך ווייס נישט צי איך דריק אויס מיט דעם אַלעמענס געפיל, איז געווען די לעצטע וואָך פון פאַר דער מלחמה, ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז נישטאָ קיין דעציזיע. איין זאַך איז פאַר מיר קלאָר געווען: — אויב מיר וועלן אָנהויבן — וועלן מיר זיגן. עס איז פאַר מיר בכלל נישט קלאָר געווען צי מיר וועלן זיגן, אויב מיר וועלן זיין די צווייטע. בכלל נישט. אגב, האָבן זיך נישט אַלע מלחמות געפירט אויף זייער שטח. מיט סיריע האָט די ערשטע מלחמה זיך געפירט אויף אונדזער שטח.

א ב א: מיר שיינט, אַז אָט דאָ זענען מיר דערגאַנגען צום טרעפפּונקט מיט דער יידישער געשיכטע. דאָס איז נישט קיין ענין פון כּבוד, פּערזענלעכן אָדער נאַציאָנאַלן. די זאַך איז פון אַ פיל גרעסערער באַדייטונג. ווען עס דראָט אַ סכּנה דעם קיום פון אַ יידישן קיבוץ אָדער דעם עצם קיום פון פאָלק, צו וואָס פאַרפליכטעט דיך דאַן די געשיכטלעכע אחריות? זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שלעכטס, נישט געקוקט אויף די פאָראויסגעזעענע געפאַרן און קרבנות, דורך אַן אַקטיווער שלאַכט צו דער ג ע ה ע ־ ר י ק ע ר צ י י ט, אָדער וואַרטן ביז די סכּנה וועט פאַרביי און פּרווון אויף יעדער

אַנדערן אופן אָפּצוהיטן דאָס עקזיסטירנדיקע אַפילו פאַרן פּרייז פון נאָכגעבן.

אין דאָזיקן לאַנד איז אויפגעקומען אַ נייע יידישע וועלט, אָבער די דאָזיקע צווייטויזנט יאָריקע היסטאָרישע דילעמע עקזיסטירט ווייטער. פאַר מיר איז קלאָר, אַז ס׳איז נישט פאַראַן און ס׳איז נישט געווען אין ישראל קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָליטישער פאַקטאָר, וואָס האָט געצווייפלט אין דער נויטווענדיקייט פון ענטפערן מיט אַ קעגן־אָנגריף. אָבער דאָס רעאַליזירן פון דאָזיקן באַפעל אין דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט זעט נישט תמיד אויס איינדייטיק און גלאַט. אָט איז נאַסער, ביזן פרימאָרגן פון פינפטן יוני, געגאַנגען פון נצחון צו נצחון, נישט אָפּגעבנדיק אַפילו קיין איין איינציקן שאָס.

פאַרן המשך פון זיין אַקציע צו דערשטיקן ישראל האָט ער זיך אפשר געגוויטיקט אין עפּעס תיכף אַ פייער, און אפשר נישט. און מיר זענען געשטאַנען אַליין. ווי תמיד איז אויך דאָסמאָל אונדזער גורל אָפּהענגיק געווען פון אונדזער דעציזיע. איך שטרייך אונטער: נישט פון אונדזערע דעציזיעס, נאָר פון אונדזער דעציזיע, דער איינציקער.

און עס זענען געווען, ווי באַוווסט, מענטשן אין לאַנד, צווישן זיי זייער אַ קאָמפּעטענטע פּערזענלעכקייט, אַ נאַציאָנאַלע אויטאָריטעט, כאָטש נישט אין פאָרמעלן זין, וואָס האָבן שטאַרק געצווייפלט אין אונדזער מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אַ באַוואָפנטן קאַמף אין דער ד אָ ז י ק ע ר סיטואַציע, איינזאַם אַנטקעגן דעם קאָנצענטרירטן כוח פון די אַראַבישע מדינות און זייערע מיטהעלפער. און מען דאַרף אַרויסציען די מסקנות.

איך האָב נישט קיין גענויע אינפאָרמאַציע, אָבער איך וועל נישט מאַכן קיין טעות אויב כ׳וועל זאָגן, אַז דער גרייטקייט־גייסט פון צה״ל — וואָס פאַרקערפּערט די גרייטקייט פון פאָלק — האָט אין דער גורלדיקער דעציזיע פון דער רעגירונג אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. עס איז באַוווסט, אַז יעדער איינער וואָס איז צו יענער צייט געקומען אויף די באַזועס פון די פאָדערשטע פאָרמאַציעס, כדי זיך צו באַקענען מיטן מצב, איז טיף באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם הויכן מאָראַל פון מיליטער. וואָס איז דאָס אַזוינס הויכער מאָראַל? — דער צוטרוי פון די זעלנער צו זייערע קאָמאַנדירן. די אויסגעצייכנטע פעיקייט פון די נידעריקערע קאָמאַנדירן, דאָס אָפּשאַצן די פלאַניר־פעיקייט און אָנפירונג פון דער העכערער קאָמאַנדשאַפט, פון קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט, די באַציִונג פון צוטרוי צו די קאַמף־מיטלען, וואָס געפינען זיך אין דיין רשות און די זיכערקייט אין דער מעגלעכקייט אָנצוווענדן דעם פייער־כוח מיט דער גרעסטער עפעקטיווקייט. בדרך כלל האָט אין מיליטער נישט געהערשט קיין באַציִונג פון גרינגשעצונג כלפּי דעם שונא. אין די פאַזעס פון פאַר דער מלחמה האָבן אונדזערע זעלנער זיך געקאָנט איבערצייגן אין דער גרויס פון טעכנישן כוח, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן בעת פּאַטראָל־אַקציעס, און די מענטשן האָבן געפילט עטוואָס איבערגעטריבן די האַרבקייט פון פאָרויסשטייענדיקן פאַרמעסט. און נישט געקוקט דערויף האָט אין לאַגער געהערשט דער גייסט און די קלאָרע דערקענטעניש, אַז אויב די אויפגאַבע וועט אַרויפגעלייגט ווערן, וועט זי פולשטענדיק אויסגעפירט ווערן. דעריבער שטוין איך און פרעג אייך, צי דער הויכער מאָראַל איז טאַקע אַרויסגעדרונגען פון דעם וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, בלויז פון דער מיליטערישער קאָנצענטראַציע, אָדער אפשר האָבן די דאָזיקע גרייטקייט און זיכערקייט געהאַט אַנדערע גייסטיקע מקורות?

עמרם: מען דאַרף פאַנאַנדערטיילן צוויי זאַכן: דאָס געפיל פון פערזענלעכער סכנה, וואָס האָט עקזיסטירט, און זי עקזיסטירט בעצם אַלע יאָרן וואָס מיר זענען דאָ; און דאָס געפיל פון סכנה פאַרן אַלגעמיינעם ענין. סיי דער חורבן און סיי דער באַפרייאונג־קריג שפּילן אַ ריזיקע ראָל. דער דאָזיקער ענין איז משמעות טיף־טיף איינגעקריצט אין אונדזער דור. למשל, די דערציילונג פון אבא קאָוונער „פּנים אל פּנים". דאָס איז אַ דערציילונג, וואָס דערציט צום געפיל, אַז ווען מען קעמפט פאַר אַ ווערט וואָס איז העכער פון לעבן, העכער פון זיך גופא — איז פּאַקטיש נישטאָ קיין כוח, וואָס מיר זאָלן נישט קאָנען בייקומען.

איך מיין, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ מיסטישע זאַך, וואָס עס איז שווער אויפ־צוקלערן. מיר האָבן געהערט אין ראַדיאָ ספּאָנטאַנע תשובות פון קינדער, ווען מען האָט געפרעגט צו יענער צייט: ווער וועט מנצח זיין? און די תשובה איז געווען אַ קלאָרע שוין פונעם עלטער פון קינדערגאָרטן. דאָס שטאַמט דערפון, אַז מען ווייסט, אַז יעדער איינער קען גיין און זיך אַליין שטעלן אין אַ מצב, אין וועלכן זיין לעבן קען זיך פאַרענדיקן. אָבער אויב ער איז גרייט צו געבן אַלץ פאַר דער בשותפותדיקער זאַך, דאַן וועט די דאָזיקע בשותפותדיקע זאַך אויסהאַלטן. פאַראַן עפּעס זייער אַ טיפע זאַך, וואָס פון דעם דערציִונג־שטאַנדפּונקט האָבן מיר זי נישט געוווּסט אָפּצושאַצן אין דער געהעריקער מאָס.

יהודה א.: איך נעם נישט אָן דעם צוגאַנג פון ישי. מעגלעך, אַז דער מצב אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן איז אַביסל אַן אַנדערער. איך בין געווען איינער פון די געציילטע, וואָס האָט געקעמפט לעבן דער היים. ווי אַ געבוירענער אין קיבוץ דן. אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָבן מיר אין גליל געהאַט זייער אַן אומאַנגענעם געפיל. מיר האָבן פּאַקטיש גאָרנישט געטאָן. מיר זענען געזעסן און אַריינגעכאַפּט באָמבאַרדירונגען... אַז מיר זענען פעיק צו רעאַגירן — און רעאַגירן נישט.

איך ווייס נישט צי מען האָט געטראַכט דווקא וועגן אַ פאַרגלייך מיטן חורבן. מיך האָט די גאַנצע צייט געמאַטערט די פראַגע וואָס עס מאַכן מיינע עלטערן אין שטוב, אין דן. געווען איינער, וואָס האָט פאַרגעלייגט, אַז אויב עס וועט זיין אַ סירישע אינוואַזיע, זאָלן מיר זיי לאָזן אַריינגיין אין ישראל־שטח, אין אַ באַשטימטן ראַיאָן — און דאָרט וועלן מיר זיי הרגענען, דאָרט וועלן מיר זיי צעקלאַפּן. קיין איינער פון אונדז איז נישט געווען מסוגל דאָס אויפצונעמען מיטן געפיל, הגם פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט לייגט זיך דאָס אויפן שכל. קיינעם איז נישט געקומען אויפן געדאַנק די מעגלעכקייט, אַז מען וועט לאָזן די סיריער אַריינגיין אין גדות *, למשל, און זיי זאָלן דאָרט טאָן וואָס זיי ווילן. ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען באמת, וואָלטן זיי דאָרט אויסגע־שאָכטן יעדן איינעם ביזן סוף.

און מיר האָבן גערעדט צווישן זיך. און מיר האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך — — — דאָס פאָלק ישראל וועט נישט מוחל זיין אַזאַ זאַך, ווי לאָזן זיי אַריינגיין און פאַרניכטן אַ ישוב. דאָס איז אפשר אונדזער פאַרבינדונג מיטן חורבן.

אבא: איך בין זיכער, אַז אַזאַ פאַרבינדונג עקזיסטירט. איך וויל זי פאַרשטיין.

---

* קיבוץ אין גליל, ביי דער (פריערדיקער) סירישער גרענעץ.

מנחם: דער חורבן — דאָס איז אַ טעמע וואָס מען טראַכט נישט וועגן איר אויף אַ באַוווּסטזיניקן אופן. אָבער זי שפּילט אַ ראָל. פּאַקטיש קאָנען מיר זיך נישט דערלויבן, אַז אַזאַ זאַך זאָל ווידער פּאַסירן, טראָץ דעם וואָס מיר זענען נישט מסוגל צו באַגרייפן אין אונדזער באַוווּסטזיין די גרויסקייט פון דער זאַך. דער אָנדענק און די לעקציע פון חורבן זענען אַ טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלן כבוד, אַ טייל פון אונדזער לעבן דאָ.

אבא: מיר האָבן געהערט וועגן דעם בריוו, וואָס עס האָט געשריבן אַ חבר פון גבעת־חיים, וועלכער איז געפאַלן. אפשר וועסטו אים פאַרלייענען פאַר אונדז.

אברהם: דאָס איז אַ בריוו, וואָס עס האָט געשיקט עופר פעניגער ז״ל, פון גבעת־חיים, וועלכער איז געפאַלן אין די שלאַכטן פון די פאַראַשוטיסטן אין ירושלים, צו זיין חברטע, אָנהייב 1963:

„איך שרייב צו דיר, ווייל ס'איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער דאָזיקער וועלט, וואָס איך זאָל אים קאָנען זאָגן וואָס אין מיר קומט איצט פאָר.

דער ראַדיאָ שפּילט דזשאַז־מוזיק און זינגערינס זינגען אין באַגלייטונג־טאַקט, בעת אַלץ לעבט און איז באַגייסטערט. איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט לייענען אַ שוידערלעך בוך וועגן חורבן „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" און איך פיל מיט דער גאַנצער נשמה די גרוילן פון דאָזיקן שוידערלעכן חורבן.

איך ווייס, אַז עס וועלן זיין אַזעלכע וואָס וועלן פאַרקרימען די ליפּן, וועלן מיך אין האַרצן אויסלאַכן און זאָגן: אַן אויסטערלישער מענטש, הערנדיק די רייד וואָס איך וועל איצט זאָגן. דעריבער זאָג איך זיי נאָר דיר.

איך וועל נישט זאָגן, אַז איך פיל דאָס, וואָס עס האָבן געפילט יענע פאַרמשפּטע צום טויט, וואָס האָבן געלעבט אין זיין שאָטן אָן האָפענונג, אבער פונדעסטוועגן פיל איך דעם אומקום און די שרעק, וואָס בליקט אַרויס פון זייערע יידישע אויגן, די קלוגע און וואָס קאָנען אַזוי פיל ליידן, הינטער עלעקטריזירטע פאַרצוימונגען. קיינמאָל פאַרגעס איך עס נישט! מיר האָבן באַזוכט דאָס הויז, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון חורבן אין קיבוץ לוחמי הגיטאות, איך האָב געקוקט אויף די בילדער און האָב פאַרשטאַנען! אַנדערע האָבן נישט פאַרשטאַנען, נישט באַנומען; זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך צו באַגרייפן. און נאָך דעם, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, האָבן זיי געלאַכט און זיך אויפגעפירט ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט. איך האָב פאַרשטאַנען, כ'האָב באַנומען און געוווּסט, אַז מען טאָר נישט פאַרגעסן.

איך געדענק, נאָך אין טשעכיע, אין פּראַג, האָט אונדז אַ נאַרישע גויע, אַ קינדער־פלעגערין, גענומען צו אַ פילם וועגן די נאַציסטישע גרוילן אין די טשעכישע דערפער. שוין דאַן בין איך אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן, אַז כ'האָב זיך פאַר גרויס שרעק נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. די זאַך האָט איבערגעלאָזן איר שטעמפּל אין מיר. איך זיץ אויף די חורבן־אָוונטן, קוק זיך אין די אויגן פון די יעניקע וואָס זענען דאָרט געווען און זיצן איצט דאָ, און אַלע זענען זיי הילפלאָז און אָפּהענטיק.

איך פיל, אַז פון דעם גאַנצן גרויל און פון דער הילפלאָזיקייט, שפּראָצט און גייט אויף אין מיר אַ ריזיקער כוח צו זיין שטאַרק; שטאַרק ביז טרערן; שטאַרק און שאַרף ווי אַ מעסער; שטיל און שרעקלעך; אַזאַ וויל איך זיין; איך וויל וויסן אַז מער וועלן נישט קוקן קיין תהומיקע אויגן פון הינטער עלעקטריזירטע פאַרצוימונגען! זיי וועלן אַזוי נישט קוקן נאָר אויב איך וועל זיין שטאַרק. אויב מיר וועלן אַלע זיין שטאַרק! שטאַרקע און שטאָלצע יידן! קיינמאָל מער נישט געפירט ווערן צו דער שחיטה.

ווען איך זע אַ ציטערדיקן ייד, אַ בילד אָדער אַ וואָרט, וואָס דערמאָנט מיר דאָס אַלץ, באַדויער איך יעדע רגע וואָס איך האָב פאַרשוווּנדט אין מיליטער און נישט אויסגענוצט צו ווערן נאָך בעסער, נאָך געפערלעכער.

אין דער אויסשפיר־איינהייט זענען מיר געווען אַזעלכע. מיר זענען געווען שנעלע, שטאַרקע און שטילע, ווי די שדים. מיר זענען געגאַנגען אין די לאַנגע נעכט מיט שטאַרקע פיס. מיר האָבן געקלעטערט אויף בערג און געפילט אַז מיר קומען זיי ביי. מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז מיר קאָנען דאס טאן און מיר זענען געווען זיכער אין אונדזער כוח. צי איז דען פאַראַן אַ בעסער געפיל פאַר אַ זעלנער ווי צו זיין שטיל, וואַכזאַם און געפערלעך; מיר פלעגן פאַרבייגיין ישובים, בערג און פעלדער, אַזוי ווי די שאָטנס, און מען האָט נישט געוווּסט, אַז מיר זענען געווען און זענען נעלם געוואָרן.

ס'איז געווען אַן אַפעל ביים פאַרענדיקן א קורס. איך בין געשטאַנען אויפן אַפעל אַ געשפאַנטער און מיט איין מאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך קוק אויף די וואָלקנס פון האָריזאָנט און זוך יענעם שטאָלץ פון כוח. די אויגן האָבן זיך אפגעריסן פון די וואָלקנס און דער בליק איז געפאַלן אויף די אָפיצירן, וואָס שטייען אויפן פראָנט פון אַפעל. דאָס זענען נישט געווען די זעלבע אָפיצירן, וואָס איך האָב געזען ביי אונדז, און איך האָב געגלויבט און געווען זיכער אין זייער כוח״.

מיר פירן דורך, פאַר דער זאַמלונג „שיחות הלוחמים״, אויך משפחה־געשפרעכן, געשפרעכן פון פאָטערס און זין. מיר מאַכן אַ פרווו אַריבערצוואַרפן אַ בריק צווישן דער דאָזיקער מלחמה (און יונגן דור) און דער פריערדיקער תקופה, דעם חורבן, דעם יידישן האַלטן זיך אין די פריערדיקע דורות. מיר האָבן געוואָלט זען די זין אויפן הינטערגרונט פון זייערע פאָטערס, און די פאָטערס אויפן הינטערגרונט פון די זין.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר אָפגעהאַלטן אַזאַ שמועס אין רמת־יוחנן מיט מתתיהו, זיין פרוי און צוויי זין, ביידע פאַראַשוטיסטן. איינער, מיט אַ זייער לאַנגן סטאַזש פאַראַשוטיסט; דער צווייטער — אַ ייִנגערער. און ביידע האָבן דערמאָנט דעם חורבן אין אייניקע פון זייער פערזענלעכער דערציילונג. אין דאָזיקן שמועס, איז דערמאָנט און אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז ס'איז נישטאָ קיין שנאה צו די אַראַבער. און אין דאָזיקן קאָנטעקסט זאָגט אלישע, דער עלטערער ברודער, צווישן אַנדערן: „דאָס וואָס מיך האָט באַליידיקט אַלס ייִנגל איז דאָס, וואָס מען האָט פאַרשעמט די יידן, און נישט דאָס וואָס מען האָט זיי אומגעבראַכט. און אויך איצט, ווען עמעצער זאָגט „ערבוש״ * דערמאָנט דאָס מיר „זשיד״ און דאָס גרילצט מיר שטאַרק אין די אויערן. ס'איז לייכטער צו פאַרשטיין די שנאה צו אַן אַראַבער, ווי משלים צו זיין מיט אויסדרוקן פון העכערקייט. זינט איך בין געקומען צום שכל רעגן מיך אויף אַזעלכע אויסדריקן״.

איך פאַרשטיי נישט דעם דאָזיקן צוגאַנג — עס רעגט אים אויף ווען מען באַליידיקט יידן, אָבער נישט ווען מען פאַרניכטעט זיי. עס גרילצט אים אין די אויערן דער אויסדרוק „ערבוש״, ווייל דאָס דערמאָנט אים דאָס באַליידיקנדיקע וואָרט „זשיד״. אָבער נישט ווייל אין „זשיד״ זענען פאַראַן אַסאָציאַציעס מיט חורבן, מיט פאַרניכטונג, נאָר ווייל „זשיד״ איז אַ באַליידיקונג. דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער גרונט־מאָטיוו וואָס דאָ איז דאָ, אויב איך האָב ווי געהעריק פאַרשטאַנען, — דריקט זיך אויס אין „איך פאַרשטיי נישט די פאַרניכטונג, ביי מיר איז נאָר פאַראַן אַן ענין פון כבוד. כבוד פון איין זייט, און באַליידיקונג פון דער צווייטער זייט״. פאַר אים איז דער יידישער כבוד וויכטיקער ווי דער עצם י י ד י ש ע ר קיום.

* לייען „אַראַבוש״ — זידלוואָרט פאַר „אַראַבער״.

אַן ענלעכן צוגאַנג, וואָס שטרייכט בעיקר אונטער דעם יידישן כבוד, האָט אויך אַרויסגעבראַכט ישי, דאָ אין אונדזער שמועס. דאָס דאָזיקע געפיל איז מיר פרעמד.

אבא: יעדער איינער פון אונדז דריקט אויס די שטרעבונג צו שלום און איך מיין, אַזוי האַלט אויך דער רוב פון יידישן פאָלק. אָבער אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז די שטרעבונג צו שלום איז אַ וויזיע, און ווי יעדע וויזיע — איז דאָס נישט פון היינט אויף מאָרגן; אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז אין דעם וואָס איז געשריבן אין דברי הימים שטעקט אַ מין פאַטאַליזם, „והארץ שקטה עשרים שנה", „והארץ שקטה עשר שנים", „והארץ שקטה ארבעים שנה" *, און נישט מער.

און אויב אייער דור וועט דאַרפן לערנען דעם זון און דאָס אייניקל, אַז דער באַוואָפנטער קאַמף פאַרן קיום איז גורלדיק, ווי וועט דאָס דאַן זיין? צי מיינט איר, אַז איר און אייערע זין זענען מסוגל אַזוי צו דערציען? אויב דער זון וועט דאָס דאַרפן דורכמאַכן, און דאָס אייניקל וועט עס דאַרפן דורכמאַכן — צי וועלן זיי זיין גרייט דאָס צו טראָגן מיטן זעלבן ווילנס־כוח, מיט וועלכן עס האָט געטראָגן דעם דאָזיקן גורל מיין זיידע און דער פאָטער פון מיין זיידן? — — — אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה איז פאָרגעקומען אַ היסטאָרישע ענדערונג, אַ קאָנטינויִטעט דורך ווידערשפרוך. צי איז זי אַזאַ טיפע? אין גלות האָט קיין שום פאָטער נישט דערצויגן זיין זון צו זעלבסטמאָרד, נישט דערצויגן זיין זון צו יאוש און נישט דערצויגן זיין זון צו פאַרלאָזן דאָס יידנטום. ער האָט דערצויגן צו דעם, אַז ער איז באַשטימט צו זיין אַ פאַרפאָלגטער און דערמיט האָט ער אים דערצויגן צום לעבן. צי איז די ענדערונג דאָ אין לאַנד, און בעיקר אין די דאָזיקע זעקס טעג, אַ טיפע? צי איז די ענדערונג אין דער מענטאַליטעט פון דור, וואָס קעמפט איצט, אַזוי טיף? צי וועט איר פאַרמאָגן דעם כוח פון יידישער שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס עס האָבן געהאַט די פריערדיקע דורות, וואָס האָבן געוווּסט דעם זין פון זייער קיום און זיך דערצויגן אויף אים?

מנחם: זיי, די יידן אין גלות, האָבן געלעבט אין אַ רעליגיעזער אידעאָלאָגיע, וואָס פאַרמאָגט לייזונגען העכערע פון מענטשלעכן לעבן. מיט דער וועלטלעכער אידעאָלאָגיע, לויט וועלכער מיר דאַרפן דערציען — איז די זאַך אַ סך קאָמפּליצירטער.

ישי: אבא, האָסט פריער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די סכנה פאַר יידן דאָ, איז אַ פיל גרעסערע. מיר וואָלט דאָס בכלל נישט געקומען אויפן געדאַנק. איך טראַכט ווייטער, אַז די סכנה איז דאָרט און נישט דאָ.

נורית: איך האָב עטלעכע מאָל זיך אַליין געפרעגט, וואָס וואָלט פאַסירט ווען עס וואָלט, לאָמיר אָננעמען, געשאַפן געוואָרן דאָ דער שלום. סוף כל סוף שלום. אינטערעסאַנט, אַז מיין אויספיר איז געווען, אַז פאַר די אַראַבער, אויב זיי זענען פאַראינטערעסירט אונדז צו ליקווידירן, איז דער בעסטער וועג צו שליסן שלום מיט אונדז. און איך רעד נישט וועגן נאַטירלעכן צוווּקס און וועגן אַזאַ זאַך. איך מיין, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו דער יידישער גורלדיקייט.

אבא: איך האָב גערעדט וועגן גייסטיקער מענטאַליטעט; צו וואָס פירסטו אייגנטלעך

---

* און דאָס לאַנד איז רואיק געווען צוואַנציק יאָר, צען יאָר... פערציק יאָר.

זיך אַליין? וואָס פֿאַר אַ דערציילונג דערציילסטו דיין זון? וואָס פֿאַר אַ לעבן גרייטסטו פֿאַר אים?

גורית: לאָמיר צוּוואַרטן נאָך עטלעכע חדשים. פֿאַרוואָס זאָלן מיר זאָגן, אַז אונדזער געשיכטע דאָ איז אויסגעפּלאָסטערט מיט מלחמות און אַז אין יידישן קיום אין ארץ־ישראל וועט זיין אַ קייט פֿון מלחמות. ס'איז נאָך פּריצייטיק צו זאָגן. איך וואָלט דאָס נאָך נישט געזאָגט.

עמרם: איך וויל נעמען שטעלונג צום בריוו פֿון עופֿר. עופֿר רעדט וועגן דער אידענטישקייט מיטן יידישן ליידן און יידישער דערנידעריקונג. דער יעניקער פּונקט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געטראָפֿן אלישען, בעת ער טראַכט וועגן די, וואָס זענען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה אויף זייער לעצטן וועג.

נישט אויסדריקנדיק די טיפֿע פֿאַרבינדונג, וואָס ער האָט מיט די דאָזיקע מענטשן, מיט דער נאָענטער און ווייטער וועלט, וואָס זיי דריקן אויס — באמית ער זיך אויף זיין אייגענעם וועג, אויפֿן וועג פֿון אַ יידישן יוגנטלעכן, אויסצודריקן דאָס דאָזיקע געפֿיל פֿון אומקערן דעם כבוד פֿון פֿאָלק.

דעריבער פֿעלט מיר אין זיין בריוו די אַנדערע תשובה, וואָס עופֿר האָט זיכער געהאַט פֿאַר זייער וועלט, וואָס איז פֿאַרניכטעט געוואָרן. די חברים דאָ האָבן זיכער נישט געהערט וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ עס האָט פֿאַרנומען אין עופֿרס וועלט דאָס הויז פֿון זיין זיידן אין צפֿת. דער זיידע, אַ טראַדיציאָנעלער ייד, איז געווען פֿאַר אים אַ טיפֿער סימבאָל. ער האָט געפֿאָדערט, אַז צו זיין בר־מצווה זאָל ער אַ וואָך צייט זיצן ביים זיידן און לערנען ווי אַזוי מען איז עולה לתורה.

צווישן זיינע נאָענטסטע חברים אין קיבוץ איז געווען אַ משפּחה, וואָס איז געקומען צו אונדז ווי יונגע מענטשן נאָכן חורבן און עופֿר האָט אַמאָל אין אַ געשפּרעך אויסגעדריקט זיין פֿאַרווּנדערונג, זאָגנדיק צו די דאָזיקע חברים: „וואָס ביסטו, אייגנטלעך, ביסט נישט קיין סאַבּרע און נישט קיין גלותדיקע". עס שיינט, אַז דער דאָזיקער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיטן חורבן און מיט דער סכנה פֿון יידישער פֿאַרלענדונג, האָט אים באַשעפֿטיקט. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פֿאַראינטערעסירונג מיט דער געשטאַלט פֿון דער יוגנטלעכער, וואָס איז דאָרט געווען, און איז היינט אַן אָרגאַנישער טייל אין אונדזער גרופּע.

אונדזער דור איז דערצויגן געוואָרן אויף דער נויטווענדיקייט צו זיין שטאַרק. צו זיין גרייט און פֿעיִק זיך צו פֿאַרטיידיקן. אויף אַזאַ אופֿן קאָן מען דערציִען צען, צוואַנציק יאָר. און וואָס וועט זיין אויף אַ ווייטערער מעטע? פֿון דאַנען שטאַמט דער פֿאַטאַליזם ביים דור, וואָס האָט אויף זיין אייגענעם לייב שוין דורכגעמאַכט צוויי־דריי מלחמות. נישט ווייניק חברים האָבן אויסגעדריקט דעם דאָזיקן פֿאַטאַליזם אין די שמועסן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער לעצטער צייט.

אַזאַ איז, זעט אויס, אונדזער גורל. געווען אויך איינער וואָס האָט געזאָגט: „איך וואָלט געגאַנגען צו דער מלחמה אַ רויִקער ווען כ'וואָלט געוווּסט, אַז דאָס איז די לעצטע מלחמה. אָבער איך ווייס, אַז איך גיי שטאַרבן פֿאַר אַ זאַך, וואָס האָט נישט קיין סוף". איך בין איבערצייגט, אַז נאָך דער דאָזיקער מלחמה וועט דאָס דאָזיקע געפֿיל

זיין פיל שאַרפער ווי נאָך די פריערדיקע מלחמות — דאָס געפיל, אַז ס׳איז נישטאָ קיין זין אין דאָזיקן אָן־סופיקן אַרומהרגנען זיך.

יהודה ג.: פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן מיליטער וואָס איז אַן אויסדרוק פון פאָלק, און דעם פאָלק גופא. איינע פון די גרויסקייטן פון צה״ל איז די — וואָס ער שטייט, פון געוויסע שטאַנדפונקטן, אויף אַ ניוואָ, אָדער האָט אַ באַנעמונג אין גייסט, וואָס איז נישט דער גייסט פון גאַנצן פאָלק. איך האַלט, אַז דאָס מיליטער איז דער איינציקער פלאַץ, ווו עס קומט צום פולן אויסדרוק דער פּאָטענציאַל פון יונגן דור. פאַרוואָס דווקא אין מיליטער? אין אַ קערפערשאַפט וואָס דערציט סוף כל סוף צו הריגה? דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך. אַן אינטערעסאַנטער פּראָבלעם. דאָס איז אַ טעמע, וואָס באַשעפטיקט מיך זייער שטאַרק, פאַרוואָס דווקא אין מיליטער אַנטפּלעקן זיך די בחורים און קומען צום אויסדרוק פיל מער ווי אין קיבוץ.

מיר באַשעפטיקט די פראַגע — צו וואָס זאָל איך זיך גופא דערציען? וואָס איז מיין צוקונפט אין דאָזיקן אָרט? וואָס איז מיין אויפפאַסונג וועגן דאָזיקן לאַנד? וואָס בין איך גרייט צו טאָן? — טאָן און אויך טראַכטן?

עמרם: האָסט געפרעגט וואָס מיר זאָלן טאָן און די פראַגע איז גאָר: וואָס זאָלן מיר זיין.

אבא: צי וועסטו פאַרמאָגן גענוג גייסטיקן כוח, דו, אַ זון פון דאָזיקן דור דאָ, אַזוי צו דערציען? דאָס איז די פראַגע. איך רעד וועגן גייסטיקן כוח. צי וועסטו פאַרמאָגן יענעם כוח, וואָס עס האָט געהאַט מיין זיידע, צו דערציען אין פאַרקערטע באַדינגונגען אָבער צו דער זעלבער גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט, צו דערציען אַזוי ווי ער האָט דערצויגן מיין פאָטער און ווי מיין פאָטער האָט דערצויגן מיך?

נורית: דאָס איז אַ פראַגע, וואָס מען קאָן זיך איצט נישט אָפּשטעלן אויף איר. די דאָזיקע זעקס טעג האָבן געענדערט עפּעס יסודותדיקס. — — —

פאַרפלאַכטן מיטן פאָלק און לאַנד

שמועס אין קיבוץ רמת־יוחנן

מתתיהו: זעלטן האָבן מיר די געלעגנהייט צו פירן אַזאַ שמועס. אונדזער כוונה איז צו רעדן וועגן דעם אָפּפילן אונדזער ביאָגראַפישן הינטערגרונט. איך האָב געהאַט אַ סך פרייע צייט נאָכצוטראַכטן במשך די צוויי וואָכן פון דער שפּאַנונג פאַר דער מלחמה.

ווען כ׳פלעג אַרויסגיין אויפן פאַשע־פעלד אין יענע טעג, בין איך נישט געווען מסוגל צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן די זאַכן מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט. איך האָב זיך געטראַכט: פאַר די אַלע יאָרן בין איך נישט קראַנק געווען אויף קיין געפערלעכער קרענק. נישט געווען קיין געזונטהייט־פאַקטאָר, קיין פיזישער פאַקטאָר,

וואָס זאָלן האָבן באַדראָט מיין לעבן. דאַקעגן, ווי אַ ייד און נאָר ווי אַזאַ — האָב איך דורכגעמאַכט אין משך פון די יאָרן, פאַר מיין קומען אין לאַנד און אין די יאָרן פון זיין אין לאַנד, פיל, פיל גורלדיקע סכנות. סכנות און דראָונגען, וועלכע זענען אַרויסגעדרונגען פון דעם וואָס איך בין אַ ייד.

און אָט לעבן מיר ווידער איבער — אַזוי האָב איך געטראַכט — טעג פון סכנה, טעג פון פרוווונג.

פאַראַן אין מיין געפיל דריי פראָנטן: דער פראָנט פון כלל־ישראל, מדינת־ישראל און מיר אין אים. דער צווייטער פראָנט, אין אַ קלענערן פאַרנעם — דאָס אָרט אין וועלכן איך לעב — די קבוצה און די חברים. און דער דריטער פראָנט — פון מיינע צוויי זין — ווו זיי געפינען זיך, וואָס זיי לעבן איבער א. ד. גל. זיי זענען אין שלאַכט־איינהייטן, איך אָבער באַטייליק זיך נישט אין אָנגריף אָדער אין אַקטיווער פאַרטיידיקונג.

דאָס, וואָס עס קומט פאָר אויף די אַלע דריי פראָנטן, איז פאַרבונדן מיטן יידישן גורל. — — — מיר קעמפן פאַר אונדזער לעבן ווי יידן. אין יענע טעג האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן חורבן, וועגן דעם וואָס קען פאַסירן, וועגן אַלץ וואָס די קרענקלעכע פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר אויסמאָלן, און וועגן אַלץ וואָס איך האָב געזען אין משך פון די יאָרן: די געשעענישן אין 1929 און די געשעענישן אין 1936 *. איך קען די אַראַבער, בין געווען אויסגעשטעלט אויף פיל סכנות... איך האָב זיך באַטייליקט אין די דעראָבע־רונגען פון „חומה ומגדל״ **. איך בין דאַן געווען אַ גאַפיר *** און אַ שומר. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דער איינציקער לאַנגער קאָנטינויִטעט פון אונדזער לעבן. — — — אין מיין מחשבה האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן צו די צייטן פון פאַר מיין קומען אין לאַנד, צו דער תקופה פון מיין קינדהייט, צו דער תקופה פון ערשטן וועלט־קריג, צו די וואַנדערונגען פון אונדזער משפחה, צו דער רעוואָלוציע און צו די פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען.

אין יענע טעג, אין 1918, זענען געווען עקסצעסן קעגן יידן. אונדזער משפחה איז דאַן געווען אין אוקראַיִנע. שוין דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון יידן אין די שטעט און שטעטלעך, די גרייטקייט צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן. און מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ לערער, האָט נישט געקאָנט שיסן. אָבער מוט האָט ער געהאַט — ער איז געווען דער הויפּט פון דער יידישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין שטאָט, און אין אונדזער שטוב אונטער דער פאָדלאָגע האָט מען אויסבאַהאַלטן געווער.

ווען די באַנדעס האָבן אָנגעהויבן דעם פּאָגראָם, איז מען געקומען רופן מיין פאָטער. ער איז געלאָפן דער ערשטער. איך בין דאַן געווען אַ קינד, אָבער איך קאָן נישט פאַרגעסן ביזן היינטיקן טאָג: איך האָב דאַן געזען אַ דערשיינונג — די רעאַגירונג פון דער מוטער איז געווען, אַז בשום אופן זאָל דער פאָטער נישט גיין. ס׳איז איר ממש געגאַנגען אין לעבן. און מיין פאָטער האָט זיך געפונען אין אַ ספּעציעלן מצב — וואָס טוט מען? פון איין זייט די פליכט און פון דער צווייטער זייט דאָס, וואָס די

---

* ווען אַראַבער זענען באַפאַלן יידישע ישובים

** „וואַנט און טורעם״ — אַזוי האָט געהייסן דער סיסטעם פון אויפשטעלן נייע קיבוצים אין יענער צייט.

*** דאָרף־מיליציאַנט אין דער צייט פון מאַנדאַט.

מוטער, אַ פּשוטע פרוי, האָט נישט געקאָנט באַגרייפן דעם דאָזיקן אויסברוך פון אַ ייד, וואָס וואַגט זיך צו פאַרטיידיקן אויף אַ נאַטירלעכן אופן. אַזוי ווי אַ ייד איז נישט געווען געוווינט. דער דאָזיקער פאַל האָט אויף מיר באַזונדערס געווירקט און איך געדענק אים גוט. דאָס איז דאַן געווען אַ גענוג זעלטענע דערשיינונג ביי יידן. פיל מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו רעדן — באַזונדערס מיט אמיתי וועגן חורבן. ער פלעגט שטענדיק ווערן אויפגעבראַכט: „ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען, ווי אַזוי זענען זיי געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה". איך האָב אים געראָטן צו לייענען די בראָשור „כצאן לטבח" (ווי שאָף צו דער שחיטה) (פון ק. שבתאי). — — — די יידישע געוווינהייט, דער יידישער אָפּטימיזם: „אָ, מיר וועלן דאָס אויסהאַלטן, מען דאַרף נישט צופיל דערצערנען די גויים". ריכטיק, דאָס איז געווען אַ שוואַכקייט. מען דאַרף זיך מודה זיין אין דעם.

אינטערעסאַנט ווי אַזוי די מחשבות (און די נאַכטראַכטונגען אין די טעג פון פאַר דער מלחמה) האָבן זיך געדרייט ווי אַ ראָד, זינט דאַן ביז די היינטיקע טעג — ביז דער דאָזיקער שפּאַנונג פון איצט. איך האָב געזען אין דעם אַ געוויסע המשכדיקייט. איך האָב געפילט אַ גרויסע נאָענטקייט צו די זין, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אויף זייער פּלאַץ... איך בין זיכער, — אַז ווען איך וואָלט געווען אין זייער עלטער, וואָלט איך זיכער געטאָן דאָס זעלבע און וואָלט זיך אפשר באַטייליקט אין דער זעלבער איינהייט, און אויף דעם זעלבן אופן געקעמפט. איך האָב געזען אין דעם ווי אַ מין קאָנטינואַציטעט פון מיין לעבן אַלס ייד זינט דאַן ביזן היינטיקן טאָג, — אין וועלכער עס געפינט זיך מיין פאָטער, איך, מיינע זין.

די שטוב איז געווען דער ערשטער מקור פון וועלכן איך האָב געשעפּט. די שטוב, די דערציִונג, דער פאָטער, דער זיידע, דאָס איז געווען אַ קייט, וואָס ציט זיך. פון דאָרט האָב איך געשעפּט די ליבע צום לאַנד, דעם פאַרבונד מיט עברית און די פאַרבינדונג מיט די מקורות פון יידישקייט. דאָס איז געווען דער ערשטער מקור. כ'בין טאַקע געווען אין „השומר הצעיר" און אין „החלוץ" — אָבער קודם־כל האָב איך געשעפּט פון טאַטנס שטוב.

צו יענער צייט, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָב איך געזען ווי פעלקער שטייען אויף און דערוואַכן, שטרעבן צו נאַציאָנאַלער פרייהייט. און איך האָב זיך געפרעגט: „און ווו בין איך?", „און וואָס איז מיט מיר?". אַ סך מענטשן, וואָס האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין צוקונפט אין פּוילן — האָבן דאַן געזוכט פאַרשיידענע עמיגראַציע־לענדער. פאַר מיר איז דאָס נישט געווען קיין לייזונג. די פּערזענלעכע לייזונג מיינע איז געווען ארץ־ישראל. און די דאָזיקע לייזונג האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגעס, וואָס איך האָב זיך געשטעלט.

אויך מיין שטרעבונג צו ערד־אַרבעט האָט געהאַט אַן אָריגינעלן מקור. איך האָב זי נישט געשעפּט בלויז פון דער באַוועגונג אָדער פון ביכער. נאָר פשוט, אַלס קינד, בין איך שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פונעם לעבן פון די פויערים, פון לעבן אויפן דאָרף. איך האָב געהאַלטן דאָס דאָזיקע לעבן פאַר גוט, שיין און צוציִענדיק. און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען דער יסודותדיקער, עיקרדיקער וועג ווען איך האָב עולה געווען צו בויען דאָס לאַנד, זיך צו באַזעצן, זיך צו פאַרוואָרצלען, און פון דאַנען אויך מיין וועג צום קיבוץ, צו אַ לעבן פון אַרבעט. אין אָט די אַלע גלגולים האָב איך זיך געזען

אין אַן אומאיבעררייסלעכן קאָנטינויִטעט... דער עבר, די קעגנוואַרט און די צוקונפט, ווי אַ פּערזענלעכע לאַנגע קייט. אין דער דאָזיקער אומאיבעררייסלעכקייט האָב איך געפונען די באַפרידיקונג, דעם שטאָלץ, די ליבע צו די זין, און אין די גרייטקייטס־טעג — די זאָרג פאַר זיי.

איך געדענק, אַז ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָבן מיך געכאַפּט די פּאַליאַקן און מיך געצוווּנגען צו זאָגן: „זאָל לעבן דער גלח און זאָל שטאַרבן דער רבי". דאָס הייסט — זיך איזדיעקעווען. און פּערזענלעך איזדיעקעווען זיך איבער כבוד פון מענטש, איבערן יידישן כבוד. שוין דאַן האָבן זיי דאָס געוווּסט. זיי האָבן געטאָן גענוי דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן געטאָן די נאַציס. און איך האָב נישט געוואָלט, נישט געקאָנט, מיין כבוד האָט צו דעם נישט דערלאָזן. אָבער איך בין געווען אַ קינד און זיי האָבן מיר געדראָט מיט כוח. איינער פון זיי האָט אַרויסגעצויגן אַ ראַפּניק — און ס'איז מיר נאָך פאַרבליבן דאָ אויפן פנים אַ סימן ביזן היינטיקן טאָג. ווען איך קוק אין שפּיגל דערמאָנט מיר שטענדיק די דאָזיקע קליינע שראַמע, דער דאָזיקער סימן, דעם יידן, וואָס אין מיר. דאָס איז אַ פּרט, וואָס איז טיף אַריינגעדרונגען. אין יענע טעג זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען; ס'איז געווען אַ לבנה־נאַכט און אַ גאַנץ שטעטל שרייט „געוואַלד". אַזוי ווי אַ שטייג געגנדז. דאָס איז געווען שוידערלעך. ווינטער, שניי, אַ לבנה־נאַכט און אַ גאַנץ שטעטל שרייט „געוואַלד". מען האָט געקאָנט הערן דאָס געשריי פון שטוב צו שטוב. און איך הער טריט. נאָך אַ ווײַלע און די פּאָגראָמשטשיקעס וועלן אויך דערגיין צו אונדזער שטוב. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? דאָס איז געווען אַ נידעריקע שטוב, אַן אַ קעלער. איך געדענק, אַז אינסטינקטיוו האָב איך אַ אַ כאַפּ געטאָן אַ האַק און זיך אָוועקגעשטעלט הינטער דער טיר. איך האָב געהאַט פעסט באַשלאָסן, אַז אויב זיי וועלן זיך אַריינרייסן אין שטוב — וועל איך זיי שלאָגן.

ווי עס איז, צי דאָס איז געווען אונדזער גורל, אונדזער מזל, זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען. צו אונדז זענען זיי נישט אַריין, זיי זענען אַריין אין אַן אַנדער הויז...

— — — און פון יענע טעג ביז צו די זין, ביז צו דער פּולער, שטאָלצער שותפות פון די זין אין מיליטער, האָב איך געטראַכט וועגן דעם צוגלייך — מיט דעם גאַנצן ציטער און מיטן גאַנצן ווייטיק, ביז צו דערשלאָגנקייט — איז אין די גרייטקייט־טעג מיין נחמה געווען אין דעם געפיל פון קאָנטינויִטעט, אין דעם געפיל, אַז מיר טוען אַלע צוזאַמען איין זאַך.

— — — מיין זיידע האָט געוואָלט ברענגען די גאולה אויף זיין אופן. ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט, פלעגט טאָג און נאַכט לערנען תורה אין רבינס קלויז. אויף דעם וועג האָט ער געוואָלט ברענגען די גאולה. מיין פאָטער האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דעם דאָזיקן באַנעם און קעגן דער דאָזיקער וועלט.

אברהם: דיין פאָטער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד?

מתתיהו: יאָ, ער האָט געלערנט אין ישיבה, אָבער דאָרט האָט ער זיך צעבונטעוועט. אין עלטער פון זעכצן יאָר האָט ער צעבראָכן די לוחות, איז געוואָרן אַן אפּיקורס. ער איז געווען אַ ברויזנדיקער מענטש, זיין ציוניזם איז געפלאָסן פון אינעווייניק, דירעקט פון די מקורות. פון אים האָב איך געשעפּט. ער איז געווען פאַר מיר אַ מוסטער,

אַ ביישפּיל. און דערנאָך איז געקומען דער וועג, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, ווי אַ פאַרזעצונג פון אים — דער וועג וואָס די זין האָבן אויסגעקליבן.

אברהם: צי הויבט זיך די קאָנטינויִטעט, וועגן וועלכער דו רעדסט, אָן ביים פאָטער, אָדער צי וואָלסטו זי אויך פאַרבונדן מיטן זיידן?

מתתיהו: מיטן זיידן וואָלט איך געקאָנט זיין נאָר אין מיין מחשבה, ווייל איך געדענק אים נישט גענוג.

אלישע: די וואָך איז געווען אַ צוזאַמענטרעף פון פאַראַשוטיסטן־קאָמאַנדירן. משה דיין האָט דאָרט גערעדט. ער האָט געגעבן אַ היסטאָרישן איבערבליק פון דער התישבות * אין לאַנד און האָט דערמאָנט, אַז דער פאַקטאָר פון אַ פיזישער מלחמה ווערט אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַ דאָמינירנדיקן מאָטיוו פון ציוניזם. ער האָט געזאָגט, אַז אויב אין די ערשטע תקופות איז דאָס פּראָבלעם געווען די מלחמה מיט דער וויסטע און מיט מאַלאַריע, איז אין די לעצטע דרייסיק יאָר בולט געווען הויפּטזעכלעך דער פאַקטאָר פון מלחמה. און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָב איך זיך געטראַכט אין האַרצן, אַז דאָס איז בערך די תקופה פון מיין לעבן.

און באמת, זינט איך בין געקומען צום שכל און זינט איך האָב געעפנט מיינע אויגן, געוועלטיקט די מלחמה אינדרויסן.

צווישן מיינע ערשטע קינדער־זכרונות — דער אָנדענק פון די שריפות אין בית־אלפא, די שריפות פון דער נאָפט־רער, — די ראַקעטעס ביינאַכט. אין קינדער־גאָרטן איז געווען אַן אַרויסשטאַרצנדיק פענצטער. ווען עס פלעגן אויפלייכטן די ראַקעטעס און ווען די נאָפט־רער פלעגט ברענען — פלעגן מיר שטיין ביים פענצטער און קוקן. דערנאָך זענען געווען שיסערייען. איך געדענק: די ערשטע זכרונות אַלס קינד — אַז מען טאָר נישט אַרויסגיין, מען טאָר נישט אַריינגיין, מען טאָר זיך נישט דערווייטערן.

דערנאָך איז געווען די וועלט־מלחמה. עס זענען געווען באָמבאַרדירונגען (רמת־יוחנן איז נאָענט צו חיפה) און דער ראַדיאָ האָט אינדערפרי גערעדט וועגן מלחמה, מיטאָג־צייט וועגן מלחמה און אין אָוונט וועגן מלחמה. דערנאָך איז געווען דער חורבן, דערנאָך איז געווען די באַפרייונגס־מלחמה — איך בין דאַן אַלט געווען 14 יאָר, און מיר האָבן געהאַט כל־מיני געהיימע פלענער, אַנטלויפן און זיך מאָביליזירן אין פלמ"ח **.

איך געדענק ווען עס איז פאָרגעקומען (בעת דער באַפרייונגס־מלחמה) די שלאַכט פאַר רמת־יוחנן. עס זענען געקומען אַהער צוויי אָפּטיילונגען פון פלמ"ח און צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ יינגל פון 16 יאָר. מיר זענען געלאָפן צו אים, זיך פאַראינטערעסירט ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן און ווי אַזוי ס'איז אים געלונגען זיך צו מאָביליזירן. אַזוי זענען מיר אויפגעוואַקסן, און ס'איז באמת נישט געווען קיין אַנטרינונג פון געפיל, אַז דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אָדער דעצידירנדיקסטע זאַכן. איך מוז מודה זיין, אַז אַלס קינד האָב איך גענוג מורא געהאַט. איך בין געווען גענוג

---

* באַזעצן אויף ערד־אַרבעט.

** „פלוגות־מחץ" — „שטורעם־איינהייטן" — פון דער יוגנט אין לאַנד. אין דער צייט פון מאַנדאַט זענען עס געווען אונטערערדישע גרופּעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די קיבוצים. אין דער צייט פון דער באַפרייונג־מלחמה האָבן זיי אָנטיילגענומען אין די שווערסטע קאַמפן.

איבערגעשראָקן. אויך אַלס ייִנגל, געדענק איך, אַז ווען ס'איז געווען אַן אָנגריף אויפֿן קיבוץ, האָב איך בעיקר געזאָרגט וועגן פֿאָטער. עס איז נישט געווען די דאגה „וואָס וועט זײַן", איך האָב נישט געטראַכט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט פֿאַרשפּילן, אָבער איך האָב געוווּסט, אַז דער פֿאָטער לויפֿט דאָרט צווישן די קאָר־שטאָלן, צווישן די פּאָזיציעס און איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז ער וועט אַרײַנכאַפּן אַ קויל. מיר זענען געזעסן אין בונקער, און די שילערס, וואָס האָבן געלערנט צוויי קלאַסן העכער פֿון אונדז, האָבן זיך שוין באַטייליקט, זענען געווען פֿאַרבינדלערס און געפֿירט אַמוניציע — — — מײַנע באַליבטע ביכער זענען געווען „בין החומות", „הקנאים הצעירים" *. דאָס איז געווען אַ פֿאַרצווייגטע ליטעראַטור. איך געדענק, אַז דאָס זענען געווען די בעסטסעלערס פֿון די קינדער.

דער באַפֿרײַונג־קריג, וואָס איך האָב אין אים, ווי געזאָגט, זיך נישט באַטייליקט, האָט אָבער אַרויפֿגעלייגט אַ זייער שטאַרקן סטעמפּל אויפֿן לעבנס־שטייגער, אויף די לידער, אויפֿן אויסדרוק און סטיל.

— איך האָב נישט באַוויזן אויסצושעפּן די השפּעה, וואָס דער חורבן האָט געהאַט אויף מ י ר. דער חורבן איז געווען אַזאַ גרויסער און ס'איז מיר נישט געלונגען אים געפֿילמעסיק אַרומצונעמען. און איך געדענק, ווי אַ ייִנגל, פֿלעג איך פּרוּוון אַרײַנצונעמען אין זיך און צו פֿאַרשטיין דעם חורבן. אָבער כ'האָב עס נישט אָפּגעפֿילט אין אַ שאַרפֿער פֿאָרעם. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון געפֿיל בין איך באַאײַנדרוקט געוואָרן נישט פֿון דער גרויסער פֿאַרניכטונג, נאָר פֿון די קליינע באַליידיקונגען קעגן ייִדן. עס האָט מיך זייער געטראָפֿן, ווען כ'בין געווען אַ ייִנגל, דאָס איזדיעקעווען זיך און דאָס באַליידיקן ייִדן. דאָס, און נישט די פֿאַרניכטונג פֿון ייִדן. — — — ווען עמעצער זאָגט „ערבוש" רעגט עס מיך אויף, ווייל דאָס דערמאָנט מיר „זשיד". איך בין גרייט אָנצונעמען די שנאה, ווי אָט דעם דאָזיקן אויסדרוק פֿון העכערקייט לגבי מינדערווערטיקע. זינט איך בין געקומען צום שכל — רעגט מיך אויף דער דאָזיקער אויסדרוק.

א ב ר ה ם: אין שייכות מיטן חורבן אָדער בדרך כלל?

א ל י ש ע: נישט מיטן חורבן. בכלל. דווקא פֿאַרן חורבן. דורך די דערציילונגען פֿון פֿאָטער, וועלכער איז געווען אין גלות פֿאַרן חורבן. דער שראַם אויפֿן טאַטנס פּנים, איך געדענק אים זייער גוט. נאָך אַלס קינד. איך האָב זייער ליב געהאַט צו הערן די דאָזיקע דערציילונג.

— — — איך האָב זיך מאָביליזירט צום מיליטער אין דער רויִקסטער תקופֿה. זינט דעם אויפֿקום פֿון דער מדינה האָבן מיר בכלל נישט געהאַט קיין רויִקע צײַט, אָבער פֿאַרהעלטנישמעסיק...

א ב ר ה ם: ווען האָסטו זיך מאָביליזירט?

א ל י ש ע: אין 1950. די באַפֿרײַאונג־מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, די וועלט־מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, די געשעענישן האָבן זיך פֿאַרענדיקט. מדינת ישראל איז אויפֿגעקומען און ס'איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק רויִק. די שטאַרקסטע אָפּפֿילונגען

---

* „צווישן די מויערן", „די יונגע פֿאַרביסענע"

מיינע זענען פון דער תקופה פון די רעוואַנש־אַקציעס, און נישט פון די דאָזיקע צוויי מלחמות (סיני־אַקציע און די איצטיקע מלחמה). דאָס איז צוליב אַ ריי סיבות. די רעוואַנש־אַקציעס זענען געווען מיינע ערשטע קאַמף־איבערלעבונגען. די ערשטע איבערלעבונגען זענען, זעט אויס, די שטאַרקסטע. איך האָב דעמאָלט נישט געהאַט דאָס געפיל פון לית־ברירהדיקייט, און דאָס איז אויך נישט געווען די מלחמה פון גאַנצן פאָלק ישראל. די רעוואַנש־אַקציעס זענען געווען כלומרשט די פריוואַטע מלחמה פון אַ גרופּע מענטשן. מען האָט געקאָנט מאַכן די ציוניסטישע אויסווירקונג, מען האָט עס געקאָנט לייכט טאָן אויף אַן אינטעלעקטועלן אופן, אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון געפיל, איז דאָס נישט געווען געבוי.

אַ סך מאָל האָב איך געמאַכט צו יענער צייט אַ חשבון־הנפש. עס זענען געווען אַ סך אַקציעס, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך אַ לענגערער תקופה. אין סך־הכל זענען די פאַרלוסטן נישט געווען קיין גרויסע, אָבער זיי האָבן זיך געצויגן. נאָך אַ געהרגעטער און נאָך אַ געהרגעטער... און פאַרוווּנדעטע. און יעדעס מאָל פלעג איך מאַכן אַ חשבון־הנפש. איך מוז זאָגן וואָס עס האָט מיך בעיקר געשראָקן אין אַלע מלחמות — און איך בין אין זיי צוויי מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן — די מורא פאַרוווּנדעט צו ווערן און פאַרבלייבן אַן אינוואַליד. דערהרגעט צו ווערן איז עפּעס וואָס איז שווער צו באַנעמען און שווער צו שילדערן. דאָס פלעגט נישט אָפּשרעקן, אָדער פלעגט אָפּשרעקן ווייניקער. דאַקעגן האָב איך געזען אַ סך פאַלן פון אינוואַלידן. און ווען איך האָב געזען די דאָזיקע אינוואַלידן אַ צייט שפּעטער, — נישט דאַן ווען מען האָט זיי גלאָריפיצירט, ווען מען האָט זיי געבראַכט צו פייערונגען און צו פּאַראַדן, נאָר שפּעטער, נאָך יאָרן, ווען זיי זענען שברי־כלים, וואָס קיינער געדענקט זיי נישט... די אינוואַלידן באַצאָלן דעם פּרייז, וואָס איז אפשר דער העכסטער פּרייז, וועלכן מען קאָן באַצאָלן. די פאַרגיטיקונג איז אַ פאַרגיטיקונג, וואָס בשעתו האָט זי אפשר אויסגעזען זייער אַ גרויסע; לויב אָדער אָרעאָל און ציוניזם. אָבער שפּעטער האָסטו פיל מאָל דאָס געפיל, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן געמאַכט אַ מקח־טעות. לאַנגע תקופות האָב איך געטראַכט וועגן דעם. דאָס פלעגט מיך מאַטערן.

אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אָדער אין דער סיני־אַקציע איז מיר פון אָט דעם שטאַנדפּונקט דווקא געווען אַ סך לייכטער. איך בין געווען פּטור פון חשבון. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז די מלחמה פון גוג ומגוג, אַז אַלע באַטייליקן זיך אין איר און וואָס עס וועט זיין — וועט זיין.

און ווען איך קוק היינט — היינט איז לייכטער צו קוקן מיט אַ בליק אויף צוריק — אויף דער תקופה פון די רעוואַנש־אַקציעס, זע איך אַז דאָס איז געווען אַ בונד צווישן מענטשן, וואָס זענען געווען שותפים צו דער דאָזיקער טאַט אָדער צום דאָזיקן גורל. אַ בונד, וואָס האָט פיל געגעבן. און מיר גיט ער ביז צום היינטיקן טאָג. ער האָט צוגעגעבן נאָך אַ פּלאַסט, נאָך אַ פּלאַך צו דעם שלל איבערלעבונגען אָדער געפילן, וואָס אַ מענטש האָט. עפּעס אַ ווינקל אין מיין האַרץ איז ביי מיר שטענדיק אָפּגעהיט פאַר די דאָזיקע מענטשן און פאַר דער דאָזיקער תקופה, וואָס אין אַ גרויסער מאָס האָט זי נישט קיין פאַרבייט. די גרעסטע פאַרגיטיקונג איז אפשר דער באַזונדערער מין פון באַציונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט און עקזיסטירן ביז צום היינטיקן טאָג צווישן די דאָזיקע מענטשן. באַציונגען, וואָס האָבן נישט צו זיך קיין גלייכן.

מיר איז דעריבער שווער צו זאָגן ווו עס פּאַסט זיך דאָ אַריין דאָס, וואָס מען רופט ציוניזם. איך בין זיכער, אַז ער האָט עקזיסטירט. ס'איז נישט קיין סוד, אַז אונדזער דור גרענעצט זיך אָפּ פון ציוניזם, פון דעם ציוניזם פון די קאָנגרעסן, אפשר צוליב דעם וואָס מיר האָבן אים צופיל געגעסן, אָבער ס'איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דאָס ציוניסטישע געפיל איז דערשינען ביי אונדז תמיד אין פאַרשיידענע פאָרמען. איך בין זייער שטאַרק פאַרבונדן מיטן לאַנד. אַ פיזיש געפיל פון פאַרבינדונג מיטן לאַנד. אין דער דאָזיקער לעצטער מלחמה האָבן מיר צום ערשטן מאָל געפילט, אַז מיר קעמפן ממש פאַרן לאַנד. דאָס מאָל, מעגלעך, אַז מער און מער ווי אין די פריערדיקע פאַלן האָב איך געפילט, אַז איך גיי אַרויס קעמפן פאַרן לאַנד און פאַרן לעבן.

מיר האָבן בשעתו געהאַט אַ סך וויכוחים אין אונדזער אייגהייט וועגן דער באַציונג צום שונא. טעאָרעטישע וויכוחים. איך מוז מודה זיין, אַז קיין איין מאָל האָב איך נישט געפילט קיין שנאה צו אונדזער שונא. איך האָב נישט געהאַט אַפילו דאָס שוואַכסטע געפיל פון שנאה. ס'איז מיר שווער צו זאָגן אין וואָס פאַר אַ מאָס די דאָזיקע זאַך האָט אַן איינפלוס אויף דער קאַמף־מעגלעכקייט אָדער קאַמף־פעיִקייט. איך פלעג לייענען ביכער וועגן חורבן און ס'פלעגט מיר געלונגען אויפצובורעגנען אין זיך געפילן פון שנאה צו די דייטשן אָדער פאַגראַמטשטשיקעס, אָבער דווקא די אַראַבער (אפשר צוליב דעם, וואָס פאַר מיר זענען זיי געוועזן ממשותדיקער ווי אַלע שונאים פון יידישן פאָלק, וואָס זענען לגבי מיר טעאָרעטיש) — האָב איך נישט באַוויזן פיינט צו האָבן אַמאָל און ס'איז מיר נישט געלונגען פיינט צו האָבן ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער גרייטקייט־תקופה פלעגן מיר זייער אַ סך הערן ראַדיאָ. בעיקר פון קאַירע זענען געווען מיליטערישע מאַרשן. די דאָזיקע מוזיק, וואָס האָט געקלונגען אַגרעסיוו און גרויסהאַלטעריש, האָב איך ליב געהאַט צו הערן. דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן — אפשר צום ערשטן מאָל — אַ מין ווילן. איך וואָלט נישט געזאָגט שנאה, אָבער דאָס איז געווען ווי אַ קאָשמאַר, וואָס דריקט אויף דיר, וואָס פלוצים פאַרוועלט זיך דיר אויפצושטיין און אים שלאָגן ביז צו פאַרניכטונג, אים צערייסן אויף פיצלעך.

צום ערשטן מאָל האָב איך דאַן געפילט עפּעס אַזוינס וואָס איז אפשר ענלעך צו שנאה — דעם ווילן צו שלאָגן ביז פאַרלענדונג.

אַברהם: דו האָסט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן — אפשר נישט צופעליק — די פאַרבינדונג מיטן לאַנד. די ליבע צום לאַנד. האָסט געזאָגט, אַז אין דער דאָזיקער מלחמה האָסטו צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז מיר קעמפן ממש פאַרן לאַנד, און איך פרעג — בלויז פאַרן לאַנד, נישט פאַרן פאָלק?

אלישע: שווער פונאַנדערצוטיילן צווישן פאָלק און לאַנד. איך מיין, אַז ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס כ'האָב זיך אַזוי אויסגעדריקט.

מתתיהו: איך וויל עפּעס צוגעבן בשייכות מיט די צוויי זאַכן, וואָס אלישע האָט דערמאָנט: די שנאה און דאָס לאַנד. איך האָב קיינמאָל נישט פיינט געהאַט אַראַבער. איך האָב זיך אָפּט געטראָפן מיט אַראַבער און נישט ווייניק געליטן פון זיי. און דאָך געלינגט מיר נישט זיי פיינט צו האָבן. דאַקעגן געדענק איך מיין שנאה צו די רוסן און פאָליאַקן און צו די אַלע. איך פאַרגעס קיינמאָל נישט, ווען מען

רעדט װעגן חורבן, װאָסער טייל ס׳האָבן אין אים געהאַט די אוקראַינער, די פּאָליאַקן, די רוסן. זיי דווקא געדענק איך און איך קאָן זיי דערמאָנען מיט שנאה.

און לגבי דעם לאַנד און דעם פֿאָלק; נישט געקוקט אויף דעם, װאָס איך בין נישט געבוירן געװאָרן אין לאַנד, איז ביי מיר דאָס פֿאָלק און דאָס לאַנד איין געמיש, אַ פֿולע צונויפֿגיסונג.

אלישע: איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דווקא די נייע מענטשן אין לאַנד האָבן פֿיינט אַראַבער. דווקא די, װאָס האָבן זיך מיט זיי נישט געטראָפֿן, האָבן זיי פֿיינט. פֿאַראַן זייער אַ גרויסע פֿאַרבינדונג צװישן שנאה און שרעק. פֿאַר די אַראַבער האָב איך זיך נישט געשראָקן און האָב װייטער נישט קיין מורא. ברוך השם — עס זענען װאָס אַן אמת געװען אַ סך מלחמות — און תמיד האָבן מיר זיי געשלאָגן.

עס אַרבעט מיט אונדז ביי די באַנאַנעס אַ ייד, װאָס האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן חורבן, איז דורכגעגאַנגען אַלע מדורי גיהנום. מען האָט דערמאָרדעט זיין פֿרוי און זיינע קינדער. ער זאָגט: די אַראַבער זענען ערגער װי די דייטשן. דאָס איז אַ טעמע װאָס יאָרן־לאַנג רעדן מיר מיט אים. מיר זאָגן: װאָס טוען אייגנטלעך די אַראַבער? װאָס האָבן די אַראַבער געטאָן? און ער זאָגט: „אַן אַראַבער קאָן אויפֿשטיין און דיך דערמאָרדן ביינאַכט, דיר אַריינשטעקן אַ מעסער". דאָס אומבאַװוּסטע שרעקט אים. די שנאה איז ביי אים צונויפֿגעמישט מיט שרעק.

נאָך איין קליינע זאַך, װאָס כ׳הייב אפֿשר היינט אָן צו פֿילן. אין אַלע מלחמות, װאָס מיר האָבן געפֿירט און אין דער דערציאונג װאָס מיר האָבן באַקומען, זענען מיר געװען שװאַכע קעגן שטאַרקע, װייניקע קעגן אַ סך. אין די דאָזיקע טעג שטייען מיר אפֿשר צום ערשטן מאָל װי שטאַרקע קעגן שװאַכע. לגבי מיר, איז דאָס אַ ניי געפֿיל.

אברהם: פֿריער האָסטו געהאַט אַ געפֿיל פֿון שװאַכע קעגן שטאַרקע?

אלישע: שװאַכע, װאָס באַזיגן שטאַרקע. מען שטרענגט זיך אָן און מען באַזיגט די שטאַרקע. די שטאַרקע פֿאַרשטאַרקן זיך װידער און די שװאַכע גורטן זיך װידער אָן מיט מוט. און שטענדיק שלאָגט דוד גליתן.

אמיתי: די, װאָס האָבן געגרעדט פֿאַר מיר, האָבן אָנגעהויבן פֿון װייטן עבר. יעדער איינער האָט זיין אייגענעם װייטן עבר. מיין עבר איז אַ קורצער און אויך ער הויבט זיך אָן פֿון מלחמות. מיינע ערשטע זכרונות זענען פֿאַרבונדן מיט מלחמות. איך געדענק ביזן היינטיקן טאָג אונדזערע שפּילערייען פֿון פֿאַר דעם באַפֿרייונג־קריג. אין דער צייט פֿון דאָזיקן קריג בין איך אַלט געװען זעקס יאָר. איך געדענק גוט די מלחמה, װאָס דאָ איז געװען, און פֿון דעם װעל איך אָנהויבן.

מיין ביטערער אָנדענק פֿון דער מלחמה איז — אונדזער עװאַקואַציע פֿון רמת־יוחנן. דער קלאַס װאָס איז געװען העכער פֿון אונדז איז שוין נישט עװאַקואירט געװאָרן. איינע פֿון די זאַכן װאָס האָט געדריקט תמיד אויף די מענטשן פֿון מיין עלטער איז געװען דאָס געפֿיל, אַז מיר האָבן פֿאַרזוימט די געשיכטע.

פֿון די שמועסן אין מיליטער איז פֿאַר מיר קלאָר געװאָרן, אַז דאָס איז נישט קיין לאָקאַל געפֿיל, נאָר אַן אַלגעמיינע שטימונג אין גאַנצן לאַנד. איך האָב געלעבט אין שאָטן פֿון דער געשיכטע פֿון מיין משפּחה, אין שאָטן פֿון מיינע עלטערנס מעשים,

אין שאָטן פון אלישע, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואַנש־אַקציע א. ד. גל. די גאַנצע צייט איז געווען דאָס געפיל, אַז מיין דור האָט שוין פאַרענדיקט מיטן מיליטער און האָט זיך אַביסל צוריקגעקערט צו קונסט. יעל דיין האָט געהאַט געשריבן, אַז מיר זעענען אַ דור וואָס געהערט נישט צו קיין שום זאַך. אַזאַ איז געווען מיין געפיל די אַלע יאָרן. און פאַקטיש איז מיר פון דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט ערשט אין דער דאָזיקער מלחמה געגעבן געוואָרן אַ געוויסע באַפרידיקונג. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויך אַנדערע האָבן געהאַט דאָס זעלבע געפיל; אַז אויך מיר ווילן עפעס צוטראָגן, אויך מיר דאַרפן עפעס צוטראָגן. און דער עיקרדיקער צושטייער אונדזערער, פון שטאַנדפונקט פון פאָלק, פון שטאַנד־פונקט פון לאַנד, איז געווען אין דער לעצטער מלחמה. מיר זענען זין פון מענטשן, וואָס האָבן אין די אומרו־קסטע צייטן רעאַליזירט זייערע פערזענלעכע שטרעבונגען. די דערציילונג פון מיין טאַטן איז אַ דערציילונג פון פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג. די דאָזיקע מענטשן האָבן באַשלאָסן צו פאַרמירן זייער גורל, זיי האָבן געמאַכט אַ שאַרפן קפיצת־הדרך פונעם גלות־לעבן צו אַ לעבן פון בויען דאָס לאַנד און בויען דאָס פאָלק. דער דאָזיקער דור, דער דור פון די עלטערן, איז די עליטע. און איך האָב געטראַכט — ווו זענען מיר? ווו איז אונדזער אויסדרוק? אויב דאָס גייט איבער בירושה, דאַן דאַרפן מיר אויך זיין אַ וועלכע ס'איז עליטע. דער דאָזיקער ענין האָט מיך געעקבערט די גאַנצע צייט און די גאַנצע צייט האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר לאָזן דורך די געלעגנהייט, אַז מיר פירן נישט אויס אונדזער היסטאָרישע אויפגאַבע.

— — — איינע פון מיינע שווערסטע אַנטוישונגען איז געווען נאָך דער סיני־אַקציע און איך האָב זיך נישט געקאָנט מוחל זיין ביז צו דער לעצטער מלחמה. איך בין דאַן געווען אין נײַנטן קלאַס און האָב געוואָלט לכל הפחות זען ווי אַזוי די היסטאָריע איז צו יענער צייט פאָרגעקומען. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַן עלטערער קלאַס צו פאָרן קיין סיני און איך בין געווען דער איינציקער פון מיין קלאַס, וואָס האָט זיך געוואָלט אָנשליסן. געווען אַ שווערער דרוק מצד די לערערס — נישט דערלויבן זיי צו פאָרן. צום סוף האָבן די לערער מסכים געווען, זאָגנדיק: איר וועט פאָרן, אָבער דער קליינער וועט פאַרבלייבן דאָ. און איך בין פאַרבליבן דאָ און דאָס האָט מיך געפרעסן ביז צו דער לעצטער מלחמה.

אונדזער אויסגאַנג־פונקט איז אַ פערזענלעכער. איך וווּנדער זיך נישט, וואָס אלישע האָט אונטערגעשטראָכן דאָס ל אַ נ ד און נישט דאָס פ אָ ל ק. זיין דירעקטער בונד איז מיטן באָדן אויף וועלכן ער זיצט, מיטן לאַנד. דעריבער, אַזוי האַלט איך, האָט ער אויסגעדריקט דעם צובונד צום לאַנד און נישט צום פאָלק.

א ב ר ה ם: האָסט געוואָלט זאָגן, אַז דיין געפיל איז אַנדערש אין דאָזיקן פונקט פון פאָלק און לאַנד?

א מ י ת י: ניין. פאַרקערט. איך פאַרשטיי זיין צוגאַנג, ווייל מיין אופן פון טראַכטן איז דער זעלבער. אין דאָזיקן ענין איז נישט פאַראַן צווישן אונדז קיין שום חילוקי־דעות. אַ טייל פון דאָזיקן צוגאַנג שטאַמט פון דער דערציונג, וואָס מיר האָבן באַקומען, פון די ביכער וואָס מיר לייענען... צום ביישפּיל, דאָס אַרויסהייבן די געשטאַלט פון

טרומפעלדאָרן („טוב למות בעד ארצנו...") * — — איך געדענק אונדזער באַזוך אין גבעת זייד און די סטאַטוע פון אַלעקסאַנדער זייד **. און איך געדענק, אַז איך האָב בשעתו אין אַכטן קלאַס, געשריבן אַן אַרבעט וועגן מרחביה *** און וועגן „השומר", מען האָט אונדז דערציגן אויף תקופות און אויף גרויסע יחידים, אויף פּערזענלעכער פאַרווירקלעכונג. די דאָזיקע דערציונג האָט געגעבן דעם הינטערגרונט פאַר יעדן איינעם פון אונדז, האָט אונדז באַוויזן צו פרעגן די פּערזענלעכע שאלה: ווו ביסטו? און ווו איז דיין פּלאַץ? איך האָב געלעבט אין די שאַנס פון מלחמות, אָדער, גענויער געזאָגט, אין ליכט פון מלחמות. די מלחמות, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אַלס קינד, זענען אַלע געווען מלחמות פון העלדן, אין אַלע האָבן מיר געזיגט. אַקעגן, דאָס וואָס האָט מיך דערדריקט, דאָס איז געווען דער חורבן.

די טעמע פון חורבן האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט און אינטערעסירט מיך ביז צום היינטיקן טאָג. איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ דור, וואָס מען האָט אים באַצייכנט ווי דער דור פון די רעוואַנזש־אַקציעס. אַ דור פון כוח, פון מלחמה, פון „אַ צאָן פאַר אַ צאָן". די רעוואַנש־אַקציעס האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַזוי פיל זעלבסטזיכערקייט, אַז ווען איך האָב געטראַכט וועגן חורבן, האָט ער מיר אויסגעזען אַזוי שרעקלעך. איך האָב דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין און איך היינט בין איך נישט מסוגל עס צו פאַרשטיין.

איך האָב געלעבט אין דער תקופה פון „אַ צאָן פאַר אַ צאָן", און איר עיקרדיקער אויסדרוק זענען געווען די רעוואַנש־אַקציעס. איך מיין, אַז איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע מדינת ישראל האָט אָנגעווענדעט רעוואַנש־אַקציעס, שטעקט אינעם שפּריכוואָרט: „ס'איז נישט וויכטיק וואָס עס זאָגן די גוים, וויכטיק איז וואָס עס טוען די יידן". איך מיין, אַז דאָס דרינגט אַרויס פון עפּעס אַ געפיל פון מינדער־ווערטיקייט אָדער פון אַ געפיל פון שווערער באַליידיקונג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין אַלע דורות. לגבי מיר, דריקט אויס דער חורבן די דאָזיקע באַליידיקונג אין זייער אַ שאַרפער פאָרעם.

א ב ר ה ם: צי קאָן מען פאַרבינדן דאָס געפיל פון יידישער באַליידיקונג אין שטעטל פון חוץ־לארץ (וועגן וועלכער דו האָסט געהערט אין די דערציילונגען פון דיין פאָטער) און דעם געפיל פון באַליידיקונג לגבי דעם חורבן? צי איז פאַראַן וועלכער עס איז אונטערבאַוווסטזיניקער שטראָם, וואָס פאַרבינדט די ביידע זאַכן?

א מ י ת י: וועגן די באַליידיקונגען וואָס מיין פאָטער איז אויסגעשטאַנען אין דער קינדהייט צוליב זיין יידישקייט, האָב איך נישט געהערט אַ סך. איך האָב געהערט וועגן זיי שפּעטער, נישט אין דער תקופה ווען כ'האָב אַ סך געטראַכט וועגן חורבן. די דערציילונג וועגן דער שראַמע אויפן פּנים קען איך. דער פאָטער האָט מיר דערציילט וועגן דעם ווען מיר האָבן גערעדט וועגן חורבן, און נישט פאַר דעם. איך בין געבוירן

---

* „גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד" — מיט די ווערטער איז טרומפּעלדאָר געפאַלן ביי דער פאַרטיידיקונג פון קיבוץ תל־חי.

** אַ היטער פון דער אָרגאַניזאַציע „השומר", וועלכער איז געפאַלן באַהיטנדיק די פעלדער אין עמק־יזרעאל, גבעת זייד איז געווען אַ קיבוץ אויף זיין נאָמען.

*** ערשטער קיבוץ אין יזרעאל־טאָל.

געוואָרן אין דער תקופה פון חורבן, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס אָפּפילן די באַליידיקונג און דאָס שווערע געפיל זענען אפשר געווען איינער פון די אונטער־באַוווסטזיניקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מיך געצויגן צו דער איינהייט צו וועלכער איך בין געגאַנגען. זינט איך געדענק זיך אַליין, איז ביי מיר נישט געווען קיין איין רגע פון צווייפל, אַז איך וועל דערגיין צו אַזאַ מין אַרויספאָדערונג... און איך האָב אויך געזען אלישע און זיינע מעשים אין די אַקציעס פון דער דאָזיקער איינהייט.

— — — כ'האָב נישט געהאַלטן פאַר אַזוי וויכטיק דעם פאַרמעסט מיט די אַראַבער. כ'האָב נישט געטראַכט אין נוסח פון „ווייזן די אַראַבער" אָדער „קלאַפּן די אַראַבער". מיין מחשבה איז בכלל אַריבער דעם דאָזיקן רוים. מיין מחשבה און אָנרעג זענען פונעם אויסגאַנג־פּונקט פון חורבן. „ווייזן" די ווייטע גויים און נישט די נאָענטע גויים.

אברהם: דער חורבן איז געווען אַ גורם, וואָס האָט דיך שטענדיק באַשעפטיקט?

אמיתי: ווען איך אַנאַליזיר דאָס היינט, זעט מיר אויס, אַז דאָס איז געווען איינע פון די זאַכן, וואָס האָט מיך געצויגן צו די פּאַראַשוטיסטן. איך געדענק מיין ווילן נאָך פון יונגן עלטער — אָנצוקומען צו דער דאָזיקער איינהייט. און נישט נאָר דאָס. ווען איך טראַכט, למשל, וועגן די יום־טובים זע איך, אַז דער באַליבטסטער יום־טוב (אין וועלכן איך דערגיי צו דער גרעסטער אידענטיפיצירונג) איז ביי מיר חנוכה. און די הויפּט־סיבה — די דערציילונגען וועגן די מכביים; די שטאָלצע יידן, אין זייער לאַנד, דער ייד וואָס קעמפט פאַר זיין לעבן און פאַר זיין כבוד. מיר האָבן זייער אַ סך געבלעטערט אין דער דאָזיקער ליטעראַטור. איך געדענק אויך דאָס בוך „מעל החורבות". די ליטעראַטור פון דאָזיקן מין האָט מיך זייער געצויגן. מיר האָבן געלייענט די דאָזיקע ליטעראַטור און זיך אידענטיפיצירט מיט די העלדן. דאָס רוב גיבורים פון די דאָזיקע ביכער זענען קינדער, קינדער אין מלחמה. „מעל החורבות", „הקנאים הצעירים", און דערנאָך האָב איך געלייענט, וואָס אַן אמת מיט וויניקער העראָיק, די „חסמבה"*. איך געדענק, אַז מיר פלעגן יעדן טאָג וואַרטן אויפן דערשיינען פון אַ נייעם באַנד — דאָס איז געווען פאַר אונדז אַן אויסדרוק פון די געפילן. מער ווי די דערציִונג.

מיין דור האָט אין דער לעצטער מלחמה געפונען פאַר זיך אַ זייער וויכטיקן זעלבסט־אויסדרוק. סוף־סוף איז אויך אונדז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צוצוטראָגן עפּעס אין היסטאָרישן לוח פון די יידן אין זייער לאַנד.

אברהם: האָסט פריער גערעדט וועגן דיין פערזענלעכער שפּירונג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פאָטער און עלטערן ברודער. צי האָסטו נישט געהאַט נאָך דער מלחמה דאָס געפיל, אַז „אָט האָב איך איצט געבראַכט מיין רייפקייט־צייגעניש לגבי דעם פאָטער און לגבי דעם ברודער"?

אמיתי: יאָ, אַזוי האָב איך געפילט. די מענטשן האָבן נישט מורא געהאַט איינצו־שטעלן זיך אין דער מלחמה, און זיי האָבן זיך איינגעשטעלט זייער אַ סך. די דאָזיקע ריזיקירונג איז אויך אַרויסגעדרונגען פונעם געפיל, אַז אָט גייען זיי טאָן די גרעסטע

---

* אַ ראָמאַן וועגן אַ גרופּע קינדער, וואָס קעמפן קעגן די ענגלענדער און אַראַבער.

זאַך פון זייער לעבן. איך האָב געשעפּט פון מיינע עלטערנס הויז. מיר שיינט, אַז די דערציִונג אין שטוב האָט אַ גרויסן טייל אין דער קיבוצישער דערציִונג. גלייכצייטיק אָבער נעם איך אויף אָפּטמאַל די רייד, וואָס מיין פאָטער זאָגט מיר, מיט אַן אינסטינקט פון אומצוטרוי, ווייל מיר זעט אויס, אַז דער פאָטער באַמיט זיך עפּעס צו פאַרטיידיקן. דער פאָטער און איך האָבן זייער פיל געשמועסט וועגן חורבן און עס דאַכט זיך מיר, אַז אָפּטמאָל איז ער אַליין נישט אין גאַנצן מסכים מיט דעם וואָס ער זאָגט מיר, אָבער ער זאָגט דאָס, ווייל ער פאַרטיידיקט זיין דור. ער האַלט, אַז ער האָט נאָך לגבי מיר אַ דערציִערישע אויפגאַבע. דער עצם פאַקט, וואָס ער איז געגאַנגען אויפן וועג פון פאַרווירקלעכונג און איז נישט פאַרבליבן דאָרט, ווייזט שוין, אַז ער קאָן נישט משלים זיין מיטן גלות און מיטן הינטערגרונט פון חורבן א. אַ. וו. איך בין שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער חורבן־ליטעראַטור, פון די באַשרייבונגען פון די מענטשן, וועלכע זענען דאָרט געווען, און אפשר איז באמת דער עיקרדיקער גורם, וואָס האָט מיך געשטויסן צו די פאַראַשוטיסטן, צו גריייטקייט א. אַ. וו., געווען דאָס אָפּפילן די באַליידיקונג פון אונדזערע דורות, דאָס געפיל פון אַ שווערער פאַרשעמונג.

א ב ר ה ם: אלישע, צי האָסטו אויך אַ סך געלייענט די חורבן ליטעראַטור?

א ל י ש ע: איך האָב כמעט נישט געלייענט די דאַזיקע ליטעראַטור, — נישט צוליב דעם, וואָס זי אינטערעסירט מיך נישט, נאָר אפשר צוליבן מאַנגל אין צייט. אָבער יעדנפאַלס, אויף וויפל איך קען זי אויסערלעך, די נעמען פון די ביכער און שרייבערס — געפינט זיך אין איר אַ בולטער טייל וועגן גבורה אין חורבן, ליטעראַטור פון פאַרטיזאַנער און געטאָ־אויפשטענדלער.

א מ י ת י: איך האָב געהאַט אַ וויכוח מיטן פאָטער נאָכן יום השואה* מיט צוויי יאָר צוריק. עס האָט מיך אויפגערעגט, וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט דעם טאָג פון חורבן אין אַ טאָג פון גבורה. עס זענען בלויז געווען איינציקע און ווייניקע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די אויפשטאַנדן און געקעמפט. מיר האָבן געהאַט דאָ אין צימער אַ שאַרפן וויכוח אויף אָט דער טעמע. איך האָב נישט געלייענט וועגן העלדן פון חורבן, אפשר איז עס אַ מין פאָרעם פון מאַזאָכיזם. דאַקעגן האָב איך ליב געהאַט צו לייענען די שווערע ליטעראַטור וועגן חורבן, למשל די ביכער פון קאַצעטניק. מיין איינדרוק איז, אַז אין דער האַלטונג פון כלל איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון גבורה, און דאָס דערדריקט מיך. מיר דאַכט זיך היינט, אַז די דערציילונגען וועגן גבורה זענען באַשטימט כדי ווייך צו מאַכן די דערציִונג־צוועקן.

איך האָב נישט קיין געפילן לגבי די אַראַבער — נישט קיין ליבע, נישט קיין שנאה און נישט קיין ווידערווילן. מיר לעבן מיט די אַראַבער. די אַראַבער מחוץ אונדזערע גרענעצן לעבן נישט מיט קיין יידן. דעריבער קאָן מען מאַלן פאַר זיי כל־מיני פאַרקריפּלטע יידן. מיר לעבן מיט די אַראַבער. מיר זעען זיי טאָג־טעגלעך. מיר אַרבעטן מיט אַראַבישע אַרבעטער ביי די באַנאַנעס. נישט זיי אַרבעטן פאַר אונדז. זיי אַרבעטן מיט אונדז. דעריבער, ווען ס'איז געווען די מלחמה, האָב איך נישט געהאַט

---

* „טאָג פון חורבן" — ווען מען איז זיך אין ישראל מתיחד מיטן אָנדענק פון די אומגעקומענע אין דער צייט פון חורבן.

דאָס געפיל, אַז איך קעמף קעגן די אַראַבער אַלס פֿאָלק, אָדער קעגן די אַראַבער אַלס ראַסע, נאָר קעגן וועלכער עס איז סכנה, וואָס באַדראָט אונדז. און ווי נאָר די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, איז ביי מיר צערונען דער געדאַנק, אַז איך האָב געקעמפט קעגן אַראַבער.

ווען איך האָב שוין געוווסט, נאָך דער מלחמה, אַז איך קער זיך אום צוריק „אַהיים״ — האָב איך מיט דעם פֿאַרשטאַנען, אַז איך קען זיך אום צו אַלע זאַכן: צו דער משפּחה, צו דער פֿרוי, צו דער אַרבעט און צו די מענטשן ביי דער אַרבעט. איך האָב געטראַכט, וואָס וועט זיין די רעאַקציע אין ערשטן מאָמענט ווען כ׳וועל זיך טרעפֿן מיטן אַראַבער, וואָס אַרבעט מיט אונדז? איך האָב אים זייער ליב. ווי נאָר איך בין געקומען, דריקט ער מיר די האַנט. איך האָב נישט געוווסט וואָס צו זאָגן, און ער דריקט מיר די האַנט און זאָגט: מזל טוב. איך בין געווען אַ ביסל דערשטוינט. גלייך נאָך דעם האָט ער מיך געפֿרעגט, פֿאַרוואָס איך האָב אים נישט געבראַכט קיין טאַבאַק. דער אמת איז, אַז אין ירושלים, אין גאַנג פֿון דער מלחמה, האָב איך געזען אַ גרויס זעקל טאַבאַק אויפֿן קערפּער פֿון אַ ירדנישן זעלנער. דאַן, ווען כ׳האָב דערזען דעם טאַבאַק, האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער אַראַבער. איך האָב געטראַכט: אפשר אים ברענגען דעם טאַבאַק? אָבער דערנאָך האָב איך געטראַכט, אַז דאָס וועט נישט זיין שיין, אויב איך וועל אים ברענגען טאַבאַק פֿון אַ טויטן לעגיאָנער.

טובה: איך געדענק, אַז אמיתי, אַלט זייענדיק פֿיר יאָר, האָט געוויינט, ווייל ער האָט געוואָלט געבוירן ווערן דער ערשטער. דערנאָך האָט ער תמיד געהאַט דאָס געפֿיל אַז ער וועט עפּעס פֿאַרשפּעטיקן.

מתתיהו און איך זענען פֿון איין שטאָט. שוין אין עלטער פֿון אַכט יאָר האָב איך געלערנט עברית. אין שול האָבן מיר געלערנט רוסיש — און אין אָוונט בין איך געווען צווישן די ערשטע און יינגסטע שילערינס, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען עברית. מתתיהוס פֿאָטער איז געווען אונדזער לערער פֿון עברית. ער האָט אונדז דערציילט וועגן ציוניזם. מיר זענען געוואָרן ציוניסטן דורכן לערנען עברית. מיר האָבן געלערנט תנ״ך, בעיקר די דערציילונגען פֿון חומש... אַזוי ווי עס איז איצט פֿאַראַן אַ לאָטעריע, זענען אויך דאַן געווען לאָסירונגען און דער חלום פֿון אונדזער עברית־לערער איז געווען, אַז אויב ער וועט געווינען דאָס געווינס — וועט ער נעמען מיט זיך דעם גאַנצן קלאַס קיין ארץ־ישראל און וועט אונדז ווייזן דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו קענען פֿון די אוראַלטע דערציילונגען. ער וועט אונדז ווייזן די היסטאָרישע ארץ־ישראל: די מערת המכפּלה, דעם כותל המערבי א. ד. גל. די דאָזיקע האָפֿענונג איז געווען פֿאַר אונדז אַן אומגעוויינלעכע איבערלעבונג. — — איך בין אויסגעוואַקסן אין אַ רעליגיעזער שטוב און בין געווען צוגעבונדן צום לערער פֿון עברית. איך האָב אים ליב געהאַט מער ווי מיינע עלטערן און נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט, אַז גאָט וועט מיך שטראָפֿן דערפֿאַר. די דאָזיקע האָפֿענונגען, אַז מיר וועלן זוכה זיין צו באַזוכן ארץ־ישראל זענען פֿאַרבונדן מיט מיינע שטאַרקסטע איבערלעבונגען פֿון דער קינדהייט. שפּעטער בין איך געווען אין דער יוגנט־באַוועגונג. ... עס איז דאַן געשאַפֿן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר״ און

מיר זענען שפּעטער געווען צווישן די ערשטע פּאַרווירקלעכער. די דאָזיקע קינדהייט־איבערלעבונגען באַגלייטן מיך ביז צום היינטיקן טאָג. דאָס איז געווען לגמרי אַן אַנדערע ארץ־ישראל. מיר האָבן צו יענער צייט נישט געוווּסט וואָס עס וועט געשאַפן ווערן און ווי אַזוי עס וועט געשאַפן ווערן. —

מתתיהו: און צי זי וועט בכלל געשאַפן ווערן.

איך האָב געבראַכט אין לאַנד אַריין מיינע עלטערן. ס'איז געווען פּאַר זיי אַן אויסערגעוויינלעך גליק צו זיין אין ארץ־ישראל. מיין פאָטער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לערער, מיט אַ סטאַזש און אַ פּאָזיציע, אָבער אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ער איז געקומען אין לאַנד, האָט זיך נישט געפונען פאַר אים קיין אַרבעט. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן זיין שטימונג. צו יענער צייט האָב איך געזען אַן אויסערלישע זאַך, וואָס אים האָט אויפגעהאַלטן אין יענע טעג פון נויט. איך האָב אים גענומען עטלעכע מאָל אויף עקסקורסיעס אין לאַנד און דאַן האָב איך געפילט וואָס דאָס הייסט — אַ מענטש קערט זיך אום אין זיין היימלאַנד. אַ מענטש קומט צוריק אין זיין היימלאַנד נאָך צוויי טויזנט יאָר. און דאָס איז נישט קיין מליצה. אויף יעדן אָרט ווו מיר זענען געגאַנגען — האָט מען באַלד געזען, אַז ער קען גוט דעם פּלאַץ און זיין הינטערגרונט, זיין פאַרגאַנגענהייט — ס'האָט אויפגעפינקלט זיין טיפע קענטעניש אין תנ"ך. יעדער ישוב און יעדער פּלאַץ האָבן אַרויסגערופן ביי אים פּערזענלעכע זכרונות, ווי ער וואָלט דאָרט געווען און זיי געקענט אויף אַ קאָנקרעטן אופן נאָך פון פריער. ער האָט מיר אויפגעקלערט די לאַנדשאַפטן און די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן דאָרט פּאַרלאָפן. ער מיר — און נישט איך אים. די פּייזאַזשן פון לאַנד (און די תנ"כישע אַסאָציאַציעס, וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן) — האָבן אים דערמונטערט, געהאַלטן פעסט אויף די פיס, טראָץ די שוועריקייטן און דער נויט אין וועלכער ער האָט זיך דאַן געפונען. מיין פאָטער האָט זיך אויסגעהאַלטן פון פאַר־שיידענע טיילווייזע אַרבעטן און האָט נישט געהאַט קיין לייכט לעבן. אָבער תמיד, צוריקקומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, פלעגט ער אַזש זינגען פאַר פרייד, דער־ציילנדיק: דאָרט, אויף יענער גאַס, האָט מען צוגעבויט נאָך אַ שטאָק אויף אַ הויז, און אויף אַ צווייטער גאַס שטעלט מען אויף אַ נייעם בנין... דאָס געפיל פון טיפער שותפות איז געווען אַ טייל פון זיין וועזן. ער האָט געלעבט מיט אַלץ, וואָס דאָ איז געשאַפן און געבויט געוואָרן. דער דאָזיקער מענטש איז געווען פאַרוואָרצלט אין לאַנד, ווי ער וואָלט עס קיינמאָל נישט געהאַט פאַרלאָזן, נישט ער און נישט זיינע אבות און נישט זיינע אבות אבותיו.

טובה: אין דעם איז באַשטאַנען זיין כוח.

מתתיהו: איך גלויב, אַז אַזאַ זאַך גייט נישט לאיבוד — פאַראַן אַ ירושהדיקייט, וואָס שוועבט און וויזט איבער די ווערטן פון זיין פערזענלעכקייט... דאָס איז אַ מעכטיקער כוח. אויב דאָס קאָן אַריבערגיין נאָך צוויי טויזנט יאָר צום פּרט (צו מיין פאָטער), גייט דאָס זיכער אַריבער פון אים צו די נאָענטע נאָכשטאַמיקע.

אברהם: דאָס הייסט, אַז ביים זיידן פון אַמיתי האָט די גייסטיקען ירושה — דער תנ"ך און די יידישע געשיכטע נאָך אים — געשאַפן און געהייליקט ארץ־ישראל. דאַקעגן ביי די זין עקזיסטירט ארץ־ישראל ווי פאַר זיך גופא, אַן דער יידישער געשיכטע.

מתתיהו: פאַראַן דאָ אַ קאָנקרעטער פּראָצעס: פריער האָט דער באַגריף לאַנד זיך איינגעוויקלט אין גייסטיקייט און זיך אין איר אָפּגעהיט. איצט ברענגט די מאַטעריע־לישקייט פון לאַנד, אַרויס פון זיך גייסטיקייט. די זעלבע איבערגעגעבנקייט און די זעלבע ליבע פון די זין צום לאַנד — אָבער עס איז שווער צו גלויבן, אַז אין משך פון איין דור איז מעגלעך אַזאַ פאַרבינדונג, אַן פריערדיקע און טיפע וואָרצלען. מיר ווייסן, למשל, אַז יידן זענען געזעסן אין פּוילן 800 יאָר, אָבער אין וועמענס באַוווסטזיין האָט זיך איינגעקריצט דאָס דאָזיקע לאַנד?! יידן גייען אריבער פון לאַנד צו לאַנד אַזוי ווי... מען גייט אַריבער פון איין דירה אין דער צווייטער (און דאָס לאָזט נישט איבער קיין שום שפור).

אלישע: אויך פון דאָזיקן לאַנד גייט מען אַזוי אַריבער. אַ פאַקט — די יורדים...

מתתיהו: איצט גיט דאָס ממשותדיקע, מאַטעריעלע לאַנד, אַרויס פון זיך גייסט.

אברהם: אָבער די פראַגע איז, צי אַמיתי פילט די זאַכן וועגן וועלכע דו רעדסט?

מתתיהו: ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען ברענגט עס צום אויסדרוק. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן איצט געזען אין דער מלחמה באַווייזט אַבסאָלוט, אַז די זין זענען צוגעבונדן נישט בלויז צום לאַנד. די פאַרבינדונג איז אַ מאַטעריעלע, אַ רעאַלע, אַ ממשותדיקע, און גלייכצייטיק אַ גייסטיקע.

אברהם: אָבער אלישע האָט פריער געזאָגט, אַז נישט צופעליק האָט ער אונטערגע־שטראָכן: לאַנד, לאַנד און נישט פאָלק.

מתתיהו: מיר זענען געווען עדות פון דער טיפער באַציִונג, וואָס האָבן אַלעמען אַרומגעכאַפּט בנוגע ירושלים. דאָס איז נישט סתם אַ באַציִונג צו דער שטאָט. דאָס איז עפּעס גייסטיקס, וואָס האָט אַרויסגעשפּרודלט...

אמיתי: מען רעדט וועגן אויסברייטערן די גרענעצן און עמעצער האָט די לעצטע מלחמה אָנגערופן מיטן נאָמען „ארץ־ישראל אַקציע"; און איך האָב דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַ זייער טייערע זאַך. מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער קליין לענדעלע. מיין ערשטער געדאַנק, בעת מיר האָבן געמאַכט אַן אויספלוג אויף דעם מערב ירדן־ברעג, צו מאָרגנס נאָך דער מלחמה, איז געווען: חברה, מיר מוזן וואָס גיכער זיך צוריקקערן אין גליל, כדי צו באַווייזן איבערצייגן זיך אַליין, אַז אונדזער לאַנד — איך מיין דערביי אונדזער לאַנד, אַזוי ווי עס איז געווען פאַר דער מלחמה — איז דאָס בעסטע און שענסטע לאַנד. איך האָב אַ געפיל פון אַנטוישונג: מיר האָבן פאַרלוירן אָט דאָס קליינע לענדעלע. איך האָב נישט כמעט קיין גייסטיקע פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע גרויסע שטחים, וואָס געפינען זיך היינט אין אונדזערע הענט. מיר פלעגן זייער פיל שפּאַצירן איבערן לאַנד ביז דער מלחמה. די באַזונדערע פאַרבינדונג אונדזערע מיטן לאַנד איז אויך געקומען צום אויסדרוק דורך די עקסקורסיעס, די ברייטע פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיטן לאַנד. אונדזער קליין לענדעלע ווערט ווי פאַרלוירן אין דאָזיקן ריזן־לאַנד.

מיין באַציִונג צום לאַנד דרינגט נישט אַרויס פון דער דערקענטעניש, אַז דאָס איז דאָס אויסדערוויילטע לאַנד. איך האָב נישט געהאַט קיין שום קאָפּ־ברעכעניש בנוגע מיין באַציִונג צום לאַנד. איך בין דאָ געבוירן געוואָרן, און דאָס איז דער אונטערשייד

צווישן מיר און מיין פאָטער. מיין פאָטער האָט זיך צוריקגעקערט אין לאַנד און איך נישט. — איך בין דאָ געבוירן געוואָרן. מיין שטאַרקסטע פאַרבינדונג איז מיטן לאַנד, וואָס מיר האָבן געהאַט ביז איצט, מיטן באַקאַנטן לאַנד, איבער וועלכן איך האָב שפּאַצירט און וואָס צו אים בין איך צוגעבונדן.

אברהם: און צו ירושלים האָסטו אַ באַזונדערע באַציִונג?

אמיתי: ווען איך בין דאָרט געווען, אַרויסגייענדיק צו דער מלחמה, זענען מיר אַדורך די ירושלימער גאַסן, צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט. עס איז געווען אַ שטאַרקע פאַרטונקעלונג. איידער מיר זענען אַריין אין די קוואַרטאַלן, אין ראַיאָן פון וועלכן מיר האָבן דורכגעבראָכן — האָבן מיר זיך געפונען לעבן דעם הויז פון דער הסתדרות. מיר האָבן געזען ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן פון אַ קליינעם פענצטער. אינעווייניק האָבן זיך געפונען אַ יונגערמאַנטשיק מיט לאַנגע פיאות און זיין פרוי. ביידע זענען געווען זייער יונג. איך בין אַרויפגעפאָרן מיטן דזשיפּ אויפן טראָטואַר, די חברה האָבן זיך געשטעלט אויפן דזשיפּ און אָנגעהויבן שמועסן מיט זיי. מיר האָבן זיי געזאָגט: „איר ווייסט, חברה, מאָרגן קאָנט איר קומען באַזוכן דעם כותל המערבי". געווען עפּעס אַזאַ געפיל...

אברהם: איר האָט שוין געוווּסט, אַז איר גייט?

אמיתי: זיכער האָבן מיר געוווּסט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום ספק, אַז מיר גייען. דאָס איז געווען אַזאַ געפיל פון באַפרייונג...

אברהם: האָסט דאָס זיי נישט געזאָגט מיט אַ חוזק?

אמיתי: ביין, נישט מיט חוזק. דאָס זענען געווען די איינציקע יידן, נישט פון די קעמפער, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין ירושלים. מיר האָבן זיי געזאָגט: „חברה, מאָרגן זענט איר ביים כותל המערבי". די ביידע האָבן אָנגעהויבן וויינען... זיי האָבן אונדז געגעבן צו טרינקען און אונדז געבענטשט. מיר זענען דאָרט געשטאַנען געציילטע מינוטן און האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט. ווען איך בין אָנגעקומען צום כותל — איז מיין גערירטקייט נישט געקומען צו קיין שום אויסערלעכן אויסדרוק. פאַראַן וואָס אַן אמת אַזעלכע, וואָס מאַכן פאָרשטעלונגען, אָבער ביי מיר יעדנפאַלס איז דאָס נישט דערגאַנגען צו קיין אויסערלעכער גערירטקייט, כאָטש...

אברהם: פריער האָסטו געזאָגט, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדער געפיל... אפשר קאָנסטו אויסדריקן אָט דאָס געפיל מיט ווערטער?

אמיתי: ווען מיר האָבן געזאָגט יענעם יידן: „מאָרגן קאָנט איר קומען צום כותל", האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל פון עפּעס אַ שליחות. מען קאָן דאָס באַצייכענען ווי אַ נאַציאָנאַל, אָדער היסטאָריש געפיל, אָבער ווען איך בין דאָרט געשטאַנען איז אין מיין געפיל געווען אַ סך נייגער... די פאַרבינדונג אונדזערע מיטן לאַנד איז זייער אַ טיפע, מיינע אויף יעדנפאַלס. אָבער נישט דערפאַר ווייל איך בין דערגאַנגען דערצו באַוווּסטזיניק...

אברהם: ווייל דו ביסט דאָ געבוירן געוואָרן?

אמיתי: יאָ. איך בין דאָ געבוירן געוואָרן און דער אמת איז, אַז איך האָב זיך

אויסגעלערנט צו זען דאָס לאַנד ווי מיין אייגנס. ביי אַלע פעלקער קעמפן מענטשן פאַר זייער לאַנד אָדער לעבן אין זייער לאַנד. נישטאָ אין דעם קיין יידישע איינציק־אַרטיקייט... ביי יעדן פאָלק איז פאַראַן טעריטאָריאַלער שטאָלץ.

מתתיהו: זע, אמיתי — יעדעס פאָלק זיצט אין זיין לאַנד. די אַראַבער זיצן דאָ פיל דורות. אָבער זיי זיצן דאָ נישט טויזנטער יאָרן, און האָבן דאָ נישט געשאַפן קיין תנ״ך. זיי וווינען דאָ — אָבער עס פעלט אים, דעם אַראַבער, דאָס וואָס מיר האָבן, טראָגן דעם וואָס מיר זענען דאָ נישט געזעסן אין משך פון אַ סך דורות. דער אַראַבער איז ווירקלעך אַן איינוווינער פון לאַנד, און דאָס איז בעצם די גאַנצע זאַך...

אמיתי: איך בין נישט זיכער, צי די פאַרבינדונג פון די אַראַבער מיטן לאַנד, איז שוואַכער ווי די פאַרבינדונג פון די יידן צו די לענדער, פון וואַנען זיי זענען זיינער צייט פאַרטריבן געוואָרן.

אלישע: איך בין זיכער, אַז נישט, אַז זייער פאַרבינדונג איז נישט קיין שוואַכערע.

מתתיהו: — — — זיי קאָנען קעמפן נאָר דורך שנאה. אָבער אויב זיי וועלן נישט האָבן די שנאה — מיט וואָס וועלן זיי קעמפן? צי האָבן זיי דאָ אין לאַנד, געשאַפן אַ טראַדיציע פון ליבע און שאַפונג, אַן אייגענע קולטור?... דאָס דאָזיקע לאַנד איז געווען פאַר זיי אַ ראַיאָן, איינער פון די ראַיאָנען פון דער דאָזיקער גרויסער טעריטאָריע.

אמיתי: איך בין נישט זיכער, אַז דאָס איז אַזוי.

אלישע: שווער נישט, אַז דאָס איז אַזוי, טאַטע.

מתתיהו: דאָס איז דער אונטערשייד צווישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. זיי זענען דורכגעדרונגען מיט שאָוויניזם און מיר — מיט נאַציאָנאַליזם. דאָס איז דער אונטער־שייד צווישן אונדז. און פאַראַן נאָך אַ זאַך, — — — מאַטעריעלע זאַכן לאָזן זיך נישט אויפקלערן אָנשוילעך, אָבער איך וועל פרווון. איך וועל ברענגען אַ ביישפיל פון זיך אַליין. מיין שלימות מיטן לאַנד — איז נישט קיין צופעליקע. נישט קיין אומבאַשטימטע. איך בין געקומען אין לאַנד לגמרי אַ צעבראָכענער אָדער צעריסענער...אַן קיין שום פאַרבינדונג מיטן פייזאַזש פון דער קינדהייט. — — — י. ד. בערקאָוויטש האָט געשריבן נאָך זיבעציק יאָר, קאַפּיטלען פון זיין קינדהייט מיט די קלענסטע פּרטים. מען זעט ווי שטאַרק ער איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער וועלט פון זיין קינדהייט. — — — איך האָב געזוכט גאַנצקייט. ס׳האָבן מיר געפעלט טיפע וואָרצלען אויפן אָרט. — — — און ווען איך בין געקומען אין לאַנד האָב איך געפילט, אַז דאָ בין איך געבוירן געוואָרן אויפסניי, אַז פון דאָ הייב איך אָן צו ציילן מיינע יאָרן.

אלישע: איך וויל נאָכמער פאַרשטאַרקן די רייד פון אמיתי; אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון טאַטן. דאָס געפיל פון מיין פאַרבינדונג מיטן לאַנד איז נישט קיין היסטאָרישע (הגם איך בין באַהאַוונט אין היסטאָריע און האָב ליב געהאַט צו לערנען געשיכטע), נאָר דאָס איז אַ דערוואָרבונג, וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן אין משך פון די יאָרן, וואָס איך לעב דאָ. — — — ווען איך בין אַריין אין די נייע שטחים, האָב איך נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים. איך פאַרמאָג נישט מיין פאָטערס געפיל, לויט וועלכן מיר האָבן קולטיווירט די גייסטיקע ארץ־ישראל, ביז ס׳איז פאַרגעקומען אַן אומוואַנדלונג און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פיזישע פאַרבינדונג מיטן לאַנד.

די לאָגיק פון אַזאַ צוגאַנג זאָגט, אַז מיר זענען אַריין אין די דאָזיקע היסטאָרישע שטחים, און איך בין דווקא באַהאַוונט אין געשיכטע און קען דעם היסטאָרישן, תנ״כישן הינטערגרונט פון ארץ־ישראל. און ווען איך בין דורכגעגאַנגען דעם עמק דותן האָב איך נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין צוריקגעקומען אַהיים. טראָץ דעם, וואָס דאָס איז דאָס זעלבע לאַנד, די זעלבע זון, די זעלבע בערג און אַפּטמאָל דער זעלבער אויסבליק, וואָס איך קען אים פון אונדזער זייט גרענעץ... און פאַר ירושלים איז ביי מיר געווען אַ ספּעציעל געפיל.

אברהם: שטענדיק?

אלישע: שטענדיק... אָבער איך מיין, אַז אויך אַ סך פונעם דאָזיקן געפיל האָב איך זיך דערוואָרבן. אָבער איך זאָג, אַז אפשר לגבי ירושלים, נישט אפשר, נאָר כמעט זיכער, האָב איך אויך אַ היסטאָרישע פאַרבינדונג. איך מוז אונטערשטרייכן — דעם דאָזיקן בונד האָב איך אויך געפילט לגבי דער ישראלדיקער העלפט פון ירושלים. אין הינזיכט פון געפיל — איז מיר געגוג געווען די צעטיילטע ירושלים, די נישט־גאַנצע, אָדער לאָמיר זי רופן די נישט־היסטאָרישע. די פאַרבינדונג מיט איר האָט אין אַ גרויסער מאָס זיך געשטיצט אויף דער פּיזישער אָפּפילונג פון ירושלים, אַזוי ווי איך האָב זי געקענט (נישט נאָר פון דער געשיכטע, נאָר ווייל ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין איר אין מיין קורצער לעבנס־געשיכטע און כ׳האָב זיך צוגעווינט זי צו זען אַזוי ווי זי איז), ווי אויך אויף דער פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע און מיטן פאָלק. אונדזער היסטאָריע האָט צוויי שיכטן: א. דער היסטאָרישער שיכט פון פאָלק אין לאַנד (פאַרן אַרויסגיין אין גלות). ב. דער גלות. תמיד זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראַכט און געהאָפט, מעגלעך אַז אויך דער טאַטע צווישן זיי, אַז דער דור וואָס וועט דאָ געבוירן ווערן, וועט אויפשטעלן וועלכע ס׳איז פאַרבינדונג מיט דער ווייטער געשיכטע, אַז דער דאָזיקער דור וועט זיין אַ נאַטירלעכער המשך פון די מכבייער...

אברהם: אַריבערהיפּערנדיק דעם גלות?

אלישע: אַריבערהיפּערנדיק דעם גלות.

מיין געשיכטלעכע פאַרבינדונג איז געשאַפן געוואָרן דורך דער ליטעראַטור. דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ליטעראַטור האָב איך אַ שטאַרקערע פאַרבינדונג מיטן גלות. פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט נעגיר איך דעם גלות. לויט מיינע אָנשויאונגען האָב איך געדאַרפט זיין אַ „האַלבער מכבייער״, אָבער פון דעם שטאַנדפּונקט פון געפיל איז דאָס נישט אַזוי.

אברהם: מיט וואָס פאַרבינדט דיך דיין געפיל צום גלות?

אלישע: איך האָב ליב צו לייענען די גלות־ליטעראַטור. איך האָב זייער ליב די שאַפונגען פון זינגער, אַפּאַטאָשו, שניאור און אַנדערע.

אברהם: און זייער וועלט רעדט צו דיר?

אלישע: זייער וועלט רעדט צו מיר. ווייל די מענטשן, וואָס האָבן געשריבן וועגן אָט דער וועלט, האָבן מיטגעלעבט מיט איר און ס׳איז זיי געראָטן איבערצוגעבן דעם לייענער זייערע געפילן. די פּייזאַזשן פון גלות, דאָס שטעטל, וואָס דער פאָטער האָט

זיך כלומרשט אָפּגעריסן פֿון זיי, רעדן צו מיין האַרץ טראָץ דעם, וואָס איך האָב זיי קיין מאָל נישט געזען. איך האָב געלייענט וועגן זיי אַזוי פֿיל, אַז נישט איין מאָל, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזען, האָב איך געבענקט נאָך יענע פּייזאַזשן (וואָס דער טאַטע בענקט נישט נאָך זיי). איך פֿיל, אַז איך פֿאַרמאָג — און דאָס שיינט זיכער אויסטערליש — עפּעס אַ באַזונדערע פֿאַרבינדונג מיט די יידישע שטעטלעך פֿון מזרח־אייראָפּע. אין מיינע נאָכטראַכטענישן קער איך זיך אום צו די פּייזאַזשן פֿון מזרח־אייראָפּע... צום שניי, צו די פֿייגל־נעסטן אין די קוימענס, צו די קראָען.

אברהם: צי בענקסטו נאָך די פּייזאַזשן אָדער צו דער יידישער וועלט פֿון מזרח־אייראָפּע? צום שניי אָדער צו די יידישע הייזקעס, וואָס האַלטן ביים איינפֿאַלן (אין זעלבן שניי)?

אלישע: איך האָב אַ נייגונג בעיקר צו די פּייזאַזשן, און ווייניקער צו די דאָרטיקע מענטשן. דאָס איז אַ סוביעקטיווער איינדרוק. איך פֿיל אַ פֿרעמדקייט לגבי פֿראַנקרייך, ענגלאַנד, מערב־אייראָפּע. אָבער די קליינע שטעטלעך און די דאָזיקע בריק, וואָס טרייסלט זיך איבער עפּעס אַ קליין טייכל, און די גענדז־פּאַסטעכקע — דאָס איז פֿאַר מיר נישט פֿרעמד. דאָס איז עפּעס אייגנאַרטיקס, טראָץ דעם וואָס איך ווייס, אַז די דאָזיקע פּייזאַזשן זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און אויף זייער אָרט זענען אויפֿגעקומען מאָדערנע שטעט. נישט איין מאָל האָב איך באַקומען חשק מגולגל צו ווערן, אַריינצוכאַפּן זיך אין דער דאָזיקער וועלט. איך האָב אַ באַזונדערע באַציִונג צו איר. אַ דאַנק די דאָזיקע שרייבערס. טראָץ אַלע אויסקרימונגען איז דער בעל־עגלה פֿון שניאורן פֿאַר מיר אַ גרעסערער העלד ווי יהודה המכבי, אפֿשר צוליב דעם, וואָס לייענענדיק די דאָזיקע דערציילונג האָב איך אָפּגעפֿילט די יידישע באַליידיקונג, האָב איך געפֿילט די דאָזיקע העלדן דאָרט, ווי זיי וואָלטן...

אברהם: צי האָסטו געפֿילט דעם העלד, וואָס אין בעל־עגלה?

אלישע: יאָ, מער ווי איך האָב געפֿילט דעם העלד, וואָס אין יהודה המכבי. דער דאָזיקער בעל־עגלה, נח פּאַנדרע, און די איבעריקע געשטאַלטן.... זיי זענען פֿאַר מיר לעבעדיקע יידן. לגבי יהודה המכבי און זיין דור האָב איך אַ געשיכטלעכע באַציִונג — און צום דאָזיקן יידנטום, צום יידנטום פֿון שטעטל, האָב איך אַ פּערזענלעכע באַציִונג.

אמיתי: איך האָב נישט קיין שום באַציִונג צום גלות. ריכטיקער — איך האָב אַ נעגאַטיווע באַציִונג. דאַקעגן צו די העלדן פֿון לאַנד, ווי יהודה המכבי, איז מיין פֿאַרבינדונג אַ פֿיל שטאַרקערע. איך האָב נישט געוואָלט לייענען וועגן די העלדן פֿון גלות (און פֿון חורבן). איך האָב אין גלות געזוכט נאָר דאָס נעגאַטיווע.

אברהם: דאָס הייסט, אַז דו שאַצסט אָפּ נאָר פֿיזישע גבורה, אָדער מלחמה־גבורה?

אמיתי: ניין. איך האָב אַ פֿאַרבינדונג צום לאַנד, צו די נאַטור־יום־טובים פֿון לאַנד, צו די זאַכן, וואָס זענען דאָ געטאָן געוואָרן. אָבער איך האָב נישט קיין שום פֿאַרבינדונג מיט דעם, וואָס עס ווערט געטאָן אין גלות. די דערציִונג איז פֿון גרויסער וויכטיקייט ביים געשטאַלטיקן די מיינונגען פֿון אַ מענטש. איך בין איבערצייגט אין דעם, אַזוי האָט מען מיך דערצויגן. איינער פֿון די פֿלעצער וווּהין איך האָב געוואָלט קומען נאָך דער

מלחמה, איז געווען דער טייך נחל קלט *. איך האָב געלייענט זייער אַ סך. מיך האָט נישט אינטערעסירט אַזוי שטאַרק די מערת המכפלה און נישט... איך געדענק, אַז אָנקומענדיק צום נחל קלט האָב איך געפילט, — ווי דער טאַטע זאָגט: איך האָב זיך צוריקגעקערט צום נחל קלט. איך בין דאָרט אין מיין לעבן נישט געווען, נאָר בלויז געלייענט וועגן אים און איך געדענק אַז מיינע גרעסטע חלומות זענען געווען צו זיין אין נחל קלט און פון דאָרט דערגיין צו יריחו. דאָרט בין איך מער אויפגערודערט געוואָרן ווי ביים כותל המערבי. אַזוי ווי דאָס לייענען דאָס שטעטל־ליטעראַטור האָט געווירקט אויף אלישען — אַזוי בין איך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די זאַכן וואָס איך האָב געלייענט וועגן נחל קלט. איך געדענק אַז מיר זענען געפאָרן אין טייכל מיט דזשיפּן. מיר זענען אַריין אין יעדן קוואַל. מיר זענען אַדורך פון אויבן ביז אונטן. דאָס איז געווען פאַר מיר די גרעסטע איבערלעבונג בעתן שפּאַציר אין דער גדה **. און איך בין איבערצייגט, אַז ווען איך וואָלט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציִונג — וואָלטן אויף מיר געווירקט און מיך אויפגעברויזט אַנדערע פּלעצער. מיר האָבן זיך נישט דערצויגן אויף אַ באַציִונג צום כותל המערבי, מערת המכפלה א. ד. גל. אונדז אינטערעסירט דער באַזוך אין נחל קלט און דאָס אַרויפגיין אויפן הר גריזים. — — — איינע פון די זאַכן, וואָס איך וויל זייער טאָן, וואָס איך האָב געחלומט וועגן דעם מיין גאַנץ לעבן — איז אַרויפצוגיין אויפן חרמון. דאָס איז מיין גרעסטער חלום. דער חרמון, און נישט בית־לחם, אָדער חברון (חברון האָט וואָס אָן אמת מיך אינטערעסירט, ווייל דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז ער איז דאָרט אַמאָל געווען אַרעסטירט). איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז אַן ענין פון דערציִונג.

אברהם: דו שטעלסט דאָס פעסט ווי אַ פאַקט, אָדער דו קריטיקירסט דאָס?

אמיתי: אויפן דאָזיקן געביט האָב איך נישט קיין שום קריטיק.

מתתיהו: צי קאָן מען מיטן פאַקט פון געבוירן ווערן אין דאָזיקן לאַנד אויפקלערן די פאַרבינדונג מיט אים?

אמיתי: אַ פאַקט איז, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים. און פאַרוואָס? אַלע זענען דערצויגן געוואָרן אויפן דאָזיקן ווערט.

---

* אויפן וועג פון ירושלים קיין יריחו.

** דער מערב־ברעג פון ירדן.

מיר האָבן געלערנט אונדזערע זין צו גיין
אויף די ערטער פון סכנה

שמועס אין קיבוץ נען

גיורא: ווי אַזוי האָט איר זיך געפילט, ווי אַ טייל פונעם דור, וואָס האָט געפירט אַ סך מלחמות אין זיין לעבן און געמאַכט רעוואָלוציעס אין לעבנס־שטייגער — און איצט זענט איר פלוצעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מענטשן, וואָס נישט זיי טראָגן אויף זיך די עיקר־לאַסט פון דער מלחמה, און נישט זיי וועלן באַשטימען און דעצידירן וועגן די זאַכן? און נאָך אַ פראַגע — וואָס זענען געווען אייערע געפילן אין הינטערלאַנד לגבי די זין אין דער מלחמה?

יאָסקע: ריכטיק, דאָס מאָל איז עס געווען אַ מלחמה, אין וועלכער מיין דור האָט זיך נישט באַטייליקט ווי אַ גאַנצער דור. וואָס אַן אמת, האָט זיך נאָך מיין דור באַטייליקט צווישן די קאָמאַנדירן און צווישן די, וואָס האָבן געשטאַלטיקט דעם אויסזען פון דער מלחמה. אין די זעקס טעג פון דער מלחמה האָב איך זיך אַנגעשלאָסן צום סעקרע־טאַריאַט *. אַ סך צייט בין איך געווען צוזאַמען מיט מנחמען. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז פאַר אים איז דאָס די ערשטע מלחמה, אין וועלכער ער געפינט זיך אין הינטערלאַנד. אין תש״ח ** און אויך אין דער סיני־אַקציע *** איז ער געווען אַ קאָמאַנדיר. אין תש״ח — אויף די שווערסטע און געפערלעכסטע אָפּשניטן אין ירושלים, אין הראל ****. און בעת דער סיני־אַקציע איז ער געווען קאָמאַנדיר ביים דעראָבערן אַבו־עגילה. אין אונדזערע שמועסן האָט ער בעיקר אונטערגעשטראָכן די פסיכאָלאָגישע שוועריקייט — זיין פּאַסיוו און וואַרטן אויף ידיעות. דו ביסט אַזוי ווי אַן אָביעקט. ביסט נישט אַ סוביעקט פון דער זאַך.

אָבער דאָ דאַרף מען זאָגן, אַז דער אָנטייל פון די זין האָט געגעבן דאָס געפיל, אַז מיר באַטייליקן זיך. פאַראַן אַ זייער ממשותדיקע אָפּפילונג, אז מיר באַטייליקן זיך אין דער מלחמה דורך אונדזערע זין. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך באַטייליק זיך כּלומרשט דורך געוויסע גלידער, וואָס זענען אַהין געשיקט געוואָרן. ממש. דאָס איז געווען אַ זייער שטאַרק געפיל פון מיטבאַטייליקונג. גאַר אַן אַנדער געפיל ווי אין די מלחמות, וואָס מיר האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. גאַנץ אַנדערש.

מיר האָבן געוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער דעצידירנדיקער מאָמענט. מיר האָבן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג אין קיבוץ, איך האָב גערעדט און געזאָגט די מענטשן, אַז דער דעצידירנדיקער מאָמענט דערנענטערט זיך און אַז מיר זענען אַלע באַזאָרגט. ווי טאַטעס, מאַמעס, קרובים, פרויען, ברידער און שוועסטער. אָבער צוגלייך האָבן מיר אַ צווייט געפיל, וואָס פאַרשטאַרקט זיך אפשר אין געוויסע מאָמענטן: דאָס געפיל פון שטאָלץ מיט די זין, וואָס מיר האָבן אויפגעהאָדעוועט. מער ווי בעת דער סיני־

---

* פון קיבוץ.
** .1948
*** .1956
**** אַ קיבוץ אויפן וועג קיין ירושלים.

אַקציע האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אַ גורלדיקער עקזאַמען. דאַן זענען געווען נאָך כוחות*, וואָס האָבן געקעמפט, און ס'איז נישט געווען דאָס געפיל, אַז דער גורל פון דער מדינה איז איינגעשטעלט. אין תש"ח — זענען וואָס אַן אמת געווען מאָמענטן ווען מיר האָבן געטראַכט, אַז מיר פאַרשפּילן דעם קאַמף, אָבער מיר האָבן געוווסט, אַז אויב אַפילו מיר וועלן באַזיגט ווערן, וועט מען דאָס ווערק אויפשטעלן פון דאָסניי.

איצט האָבן מיר געפילט, אַז די סכנה איז אַ סך אַ הארבערע. נאָך צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, וואָלט דאָס פאַלן פון לאַנד געווען אַ פיל גורלדיקערע זאַך, און מעגלעך אַז דאָס וואָלט געווען דער סוף... אויף דער וואָגשאָל איז געלעגן אַזאַ נסיון פון דער יידישער געשיכטע. אַזאַ ייד ווי איך בין געשטאַנען אויף דער פאַרזאַמלונג אין נען אין יענע טעג, ווען איר זענט דאָ נישט געווען, און האָב זיך באַמיט איבערצוצייגן דעם עולם, אַז מען דאַרף אָנהייבן אַ מלחמה און אַז מיר פאַרלירן יעדן טאָג, וואָס מיר לייגן אָפּ. איך געדענק, אַז, אַרויסגייענדיק פון עס־זאָל, האָב איך געהערט ווי איין פרוי זאָגט צו דער צווייטער: „ער האָט צוויי זין אין מיליטער. וואָס וויל ער אַזוי שטאַרק אַ מלחמה?"

איך ווייס נישט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין גרייטקייט — האָבן זיך געפונען אין אַ געוויסער ראַם. זיי האָבן אויסגעפירט באַפעלן און ס'איז געווען ווער עס זאָל זיי באַשטימען דעם סדר־היום. מעגלעך, אַז זיי האָבן נישט אָפּגעפילט מיט אַזאַ שאַרפקייט, ווי מיר. אין די בריוו, וואָס איך האָבן געשריבן צו די זין, האָב איך זיך באַמיט דורכצופילטרירן דאָס דאָזיקע געפיל — דאָס געפיל, אַז מיר שטייען פאַר גורלדיקע טעג.

מיר האָבן באַקומען בריוו סיי פון קובי און סיי פון עופר, אין וועלכע זיי האָבן געשריבן, אַז מיר ווילן נישט קיין מלחמה, בשום אופן ווילן מיר נישט, אַז דער איינדרוק איז, אַז ס'וועט נישט זיין קיין מלחמה, אָבער אויב זי וועט זיין — וועלן מיר מאַכן ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך האָב געפילט, אַז זייער ווילן איז נישט אַריינצוגיין אין קיין מלחמה, בעת די געזעלשאַפט, אויף וויפל זי איז געווען מער באַוווסטזיניק אָדער מער אינפאָרמירט — האָט געוואָלט אַ מלחמה. כאָטש דאָס איז געווען אַ ציבור פון עלטערן, נישט דירעקט באַטייליקטע, און וואָס האָט געוווסט, אַז דער פּרייז וועט זיין אַ טייערער.

חנה רבלין האָט מיר געזאָגט, נאָך דעם ווי איר זון איז דערהרגעט געוואָרן: „וואָס וויל איך, אייגנטלעך? וואָס קלאָג איך זיך? וואָס וויין איך? ווי אַזוי האָבן מיר סוף כל סוף דערצויגן נמרודן? צו וואָס האָבן מיר אים דערצויגן? — יצחק שדה**, און פּלמ"ח, און הגנה, און חנה סענעש***. סוף כל סוף האָבן מיר דאָך דערצויגן אונדזער זון ער זאָל גיין צו דער עקדה. וואָס פאַר אַ עלטערן זענען מיר? מיר זענען דאָך עלטערן, וואָס האָבן דערצויגן אונדזער זון צו גיין צו דער עקדה, איז וואָס וויל איך? מיר האָבן אים דאָך דערצויגן, אַז עס וועט קומען דער מאָמענט פון עקזאַמען. דאָס איז דער מאָמענט און מיר האָבן געוווסט, אַז מען דאַרף באַצאָלן פאַר אים..."

---

* געמיינט פראַנקרייך און ענגלאַנד.

** פּלמ"ח־קאָמאַנדיר.

*** די פאַראַשוטיסטין וואָס די דייטשן האָבן געכאַפּט אין אונגאַרן און זי דערמאָרדעט.

ס׳איז געווען דאָס געפיל, אַז מיר זענען שטאָלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אַ דור, אויף וועלכן מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן, אַז די זין קאָנען דורכפירן די זאַך אויף דער העכסטער שטופע פון יידישער מעגלעכקייט. אָט דאָס געפיל האָט אונדז געגעבן די טיפסטע קאָמפּענסאַציע פאַר דעם, וואָס מיר גופא באַטייליקן זיך נישט אין דער מלחמה. איך מיין, אַז די דאָזיקע מלחמה האָט געשאַפן אַ זייער פעסטע בריק צווישן די דורות. ס׳איז געווען איין האַרצקלאַפּ און אַ געפיל, אַז אויך מיר באַטייליקן זיך.

ווי באַוווּסט, האָט דער דור, וואָס האָט געשאַפן דעם קיבוץ, איבערגעוויזן דעם צווייטן דור זיינע בעסטע באַגערן. דאָס געפיל פון די פאָטערס איז געווען, אַז דאָס טייערסטע פון אַלץ באַטייליקט זיך אין דער מלחמה. מיר, דער דור פון די פאָטערס, האָבן אין דער דאָזיקער מלחמה געגעבן אַלץ. מער ווי זיך גופא. ס׳איז לייכטער צו געבן זיך גופא. דאָס געפיל איז געווען, אַז מיר באַטייליקן זיך מיט דאָס טייערסטע, נישט בלויז ווייל דאָס זענען די זין, נאָר ווייל דאָס איז דער דור צו וועלכן מיר האָבן געגאַרט, און ער מאַכט אונדזער ווערק פאַר אומשטערבלעך.

נאָך דער מלחמה האָב איך געפרעגט די זין: „די ,אַנטענעס׳ אייערע האָבן אויפגעכאַפּט, אַז מיר זענען געווען מיט אייך? אייגנטלעך זענען מיר געווען אויף די שלאַכט־פעלדער״. אפשר איז איינער פון די געהיימע וואָפנס, וואָס נאַצער פרעגט וועגן אים אָדער די גאַנצע וועלט פרעגט וועגן אים, געווען די דאָזיקע פאַרבינדונג צווישן דעם פראָנט און דעם הינטערלאַנד. אַזאַ פאַרבינדונג צווישן הינטערלאַנד און פראָנט — איז אפשר געווען בעת דער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד אָדער ענגלאַנד, אין דער תקופה פון „בליץ״. אָבער איך קען נישט אַזאַ ליטעראַטור, וואָס זאָל געבן דער דאָזיקער פאַרבינדונג אַזאַ שטאַרקן אויסדרוק, אַזוי ווי מיר האָבן געפילט. און אַזוי איז געווען ביז צום לעצטן יידן אין לאַנד. ביז צום לעצטן יידן.

איך פרעג אייך, צי האָט איר געפילט אַזאַ זאַך? ווי אַזוי האָט איר געפילט אין דער גרייטקייט־תקופה די שאַרפקייט פון דער דעציזיע, פאַר וועלכער מיר זענען געשטאַנען?

קובי: מיר האָבן זיך מאָביליזירט צווישן די ערשטע. צום אָנהויב איז נישט געווען קיין געפיל פון שאַרפקייט. מיר האָבן געטראַכט: ווידער אַמאָל גרייטקייט. איך האָב געהאַט אַזוי ווי צוויי פלאַכן פון דענקען. איינער — ווי פון אונטערבאַוווּסטזיין. זינט איך לעב, און זינט איך טראַכט, בין איך געווויינט, אַז אין מיין לעבן האָט נישט פּאַסירט קיין שום עקסטרעמע זאַך. אַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען און אַלע גורל־באַשטימענדיקע געשעענישן — זענען פאַרגעקומען אָדער אין די ביכער, אָדער אין די פילמען, אָדער ביי מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פאַר מיר. אין מיין לעבן איז נישט געווען קיין שום העכסטער עקזאַמען. איך לעב בלויז מיט די קליינע זאַכן פון לעבן.

ווען מיר האָבן געהערט, אַז נאַצער גייט שליסן די טיראַן־דורכגוסן, האָב איך זיך געטראַכט און געזאָגט אויך צו דער חברה, אַז עס מוז זיין אַ מלחמה. דאָס איז די לאָגיק, אָבער צוגלייך מיט דעם האָב איך דאָס נישט באַגריפן. איך און מלחמות? איך וועל דעצידירן אין עפּעס וואָס? טראָץ דעם, וואָס די גאַנצע צייט האָב איך געזאָגט ווי אַלע, אַז הלוואי זאָל נישט זיין קיין מלחמה — האָב איך ערגעץ־ווו אינעווייניק — און איך זאָג עס אויפריכטיק — געוואָלט, אַז דאָס זאָל פּאַסירן.

איך האָב געוואָלט. איך האָב צוגעגרייט דעם טאַנק, און ווי אַ פּליער, וואָס וואַרט אויפֿן קלונג — האָב איך געוואַרט...

דאָס איז שרעקלעך אַזוי צו זאָגן, אָבער איך האָב געוואַרט. איצט קלער איך זיך אויף, אַז איך האָב געוואַרט אפשר צוליב דעם, וואָס אין אונטערבאַוווסטזיין בין איך געווען אַזוי זיכער, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין מלחמה. אין דער צייט פֿון מיין מיליטער־דינסט איז צענדליקער מאָל געווען גרייטקייט. דאָס פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ רוטין. איך בין נישט פֿאַרהייראַט און האָב נישט קיין משפּחה, און אפשר אויך אין דעם איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מיר און דער חברה, מיט וועלכער איך בין געווען. זיי האָבן אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט עס זאָל זיין מלחמה, ביז זיי האָבן זיך גופא איבערצייגט, אַז זי וועט נישט זיין. געווען ביי מיר אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער לאָגיק און געפֿיל.

דערנאָך, ווען מיר האָבן זיך געריַרט — איז פּלוצעם געקומען אַ קריזיס. אָט איז מלחמה. וואָס איז דאָס? אַזוי ווי אין די ביכער. איך גיי אַרויס אין מלחמה!

פּלוצעם האָב איך דערפֿילט, אַז איך וויל נישט. דאָס האָט צעבראָכן מיין זיכערקייט. איך האָב געוואָלט אַהיים. פֿריער האָב איך נישט געטראַכט וועגן דער היים און וועגן הינטערלאַנד. מיטאַמאָל האָב איך באַגריפֿן, אַז די מלחמה איז אַריינגעדרונגען אין געפֿיל.

איך בין געוואָרן אַזוי ווי אַן אַנדער מענטש. אין מאָמענט ווען איך האָב געוווּסט, אַז איך גיי איצט מלחמה האַלטן. איך האָב געהאַט חשק צו קוקן אויפֿן זייגער, צו זען די דאַטע, וואָס מיר האָבן היינט. דאָס איז פּלוצעם געשיכטע. פֿריער, בעת דער גרייטקייט, זענען געווען צייטן, ווען דיך האָט בכלל נישט אינטערעסירט וואָסער טאָג אין דער וואָך ס׳איז, און נישט אינטערעסירט ווי שפּעט עס איז. דאָס איז אַ זאַך, וואָס דו וועסט אַפֿילו שפּעטער נישט געדענקען. פּלוצעם האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איך זע היסטאָריע מיט די אייגענע אויגן. מיט אַמאָל האָבן מיר געפֿרעגט איינער דעם אַנדערן, וואָס פֿאַר אַ דאַטע איז היינט.

די גאַנצע צייט האָב איך געהאַט אַ קאָנפֿליקט מיט חברה, וואָס האָבן נישט געוואָלט קיין מלחמה, און פֿון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט האָבן זיי צוליב דעם אויך נישט געוואָלט זיך גרייטן צו דער מלחמה. אויף וויפֿל דו קאָאָרדינירסט און רייניקסט (דאָס געווער), גרייטסטו זיך צו אַ זאַך, פֿאַר וועלכער דו שרעקסט זיך. און עס זענען געווען אַזעלכע מענטשן. אפשר איז דאָס געווען אַ געזעמל פֿון מענטשן, טיפּן פֿון דער גאַס, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געלעבט נאָר מיט זייערע קליינע ענינים. זיי האָבן געשריבן דער פֿרוי: „שיק איבער דעם טשעק אַהער״, און „איך האָב פֿאַרגעסן צו טאָן דאָס און יענץ״. מלחמה האָבן זיי נישט געוואָלט. אַריינברענגען דאָס מאַשינגעווער און עס אָפּרייניקן — דאָס האָט זיי געשראָקן.

כמעט ווי „פּלוצעם״ זענען מיר געווען אין סיני. איך האָב געפֿילט, אַז סיני — דאָס איז קילאָמעטערס. די פֿלעצער אין נגב קען איך פֿון די איבונגען. דאָס איז אַ טאָג־טעגלעכע זאַך, אַן אָפּגעריבענע און אַפֿילו אויסגעדראָשענע זאַך. מען טראַכט נישט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ גרענעץ־ליניע, און נאָכדעם איז סיני. דאָס שיינט צו זיין אַ ווייטע זאַך. די אַלע נעמען — איצט ווייס איך גענוי, וווּ ס׳איז אבו־עגילה און וווּ דזשעבעל

ליבני. איצט זענען דאָס ממשותדיקע זאַכן, אָבער דאַן זענען זיי בכלל נישט געווען ממשותדיק.

ווען דו באַקומסט דעם וואָרענונג־באַפעל זיך צו רירן, פילסטו פלוצעם אַ מעכטיקן כוח. ווען איך פלעג אַריינשטעקן די שראַפּנעלן האָב איך געטראַכט וואָס פאַר אַ כוח איך האָב. איך האָב זיך קיינמאָל אַזוי נישט געפילט.

גיורא: יאָסקע, אין גאַנג פון די שלאַכטן, ווען ס׳איז פאַר דיר ביסלעכווייז קלאָר געוואָרן, אַז די גרויסע מורא פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, פאַר דער מעגלעכקייט פון אונדזער פאַרניכטונג, איז שוין נישט אַקטועל — האָסטו געפילט אַוועלכן עס איז קער? צי אַנשטאָט דער מורא פאַר אונדזער גורל איז געקומען דער ציטער פון אַ פאָטער וועגן זיינע זין? דער ציטער פאַר די טריט פון אַ מענטשן, וואָס קומט דיר אָנזאָגן די שוידערלעכסטע ידיעה? צי האָסטו געפילט, אַז ס׳איז געווען עפּעס אַן איבערגאַנג, סיי לגבי דיר און סיי אין דער אָפּפילונג פון דער געזעלשאַפט?

יאָסקע: יאָ, געווען זייער אַ שאַרפער איבערגאַנג. דער ערשטער טאָג פון דער מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער באַרימטער מיטטיילונג, זייער שפּעט ביינאַכט, אַז מיר האָבן פאַרניכטעט 400 עראָפּלאַנען און אַז אונדזערע כוחות שטייען שוין אין אל־עריש. נאָך דער דאָזיקער נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געפיל פון נצחון, וואָס האָט באַהערשט אַלע איבעריקע געפילן פון די מענטשן. זיי זענען נישט געווען אימשטאַנד זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וויפל דאָס קאָסט, ווי גרויס דער פּרייז איז. מענטשן האָבן נישט געטראַכט, אַז דאָס האָט געטראָפן דווקא זיי, ווייל דער לעבנסווילן איז אַזוי שטאַרק סיי לגבי דעם מענטשן און סיי לגבי זיינע אָפּשטאַמיקע, ביז זיי איבערצייגן זיך, אַז „דאָס וועט מיר נישט טרעפן". מען שפּילט זיך מיט דער דאָזיקער האָפענונג. דאָס געפיל פון נצחון האָט מיטגעריסן און פאַרשיכורט. יעדער איינער האָט מבשר געווען דעם צווייטן, ווי יענער וואָלט דאָס אַליין נישט געהערט אין ראַדיאָ: „וואָס זאָגסט צו דעם!" און „וואָס זאָגסטו אויף דעם!". „זיי געפינען זיך שוין דאָרט?", „דאָס האָבן מיר פאַרנומען" און „דאָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט". די מענטשן האָבן אפשר בכיוונדיק זיך געשפּילט מיט די דאָזיקע געפילן, כדי צו פאַרשטופן ערגעץ אין אַ ווייטן ווינקל די גריזשענדיקע זאָרג, אַז אפשר האָט דאָס מיר געטראָפן.

דאָס האָט געדויערט ביז עס איז אָנגעקומען דאָס ערשטע קאַרטל. נאַטירלעך, קומען נישט אַלע פּאָסט־קאַרטלעך אָן אין איין טאָג און נישט אַלע קאַרטלעך קומען אָן פון אַלע. תיכף האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג אין קיבוץ: געקומען אַ קאַרטל פון דעם! געקומען אַ קאַרטל פון יענעם! אַ טייל האָט באַקומען און אַ טייל נישט. און גלייך האָבן זיך געשאַפן מחנות פון די, וואָס האָבן באַקומען אַ טאָג פריער און פון די, וואָס האָבן באַקומען אַ טאָג שפּעטער. מיר האָבן באַקומען אַ קאַרטל פון עופרן, פון דעם צווייטן טאָג פון דער מלחמה.

ווען עס האָבן זיך פאַרענדיקט די זעקס טעג פון די שלאַכטן, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע קלעמעניש. מען האָט אָנגעהויבן ציילן די קאַרטלעך, די דאַטעס פון די קאַרטלעך און עס זענען געווען אין קיבוץ עטלעכע משפחות, וואָס האָבן נישט דערהאַלטן קיין קאַרטלעך. אַ מענטש, וואָס האָט באַקומען אַ קאַרטל, האָט געשעמט זיך צו באַגע־גענען מיט די, וואָס האָבן קיין קאַרטלעך נישט באַקומען. ווען מיר פלעגן באַקומען

אַ קאַרטל, האָב איך נישט געוואָלט דערציילן און געבעטן אין פּאָסט זיי זאָלן אויך נישט דערציילן, בכדי עס זאָל זיין אַ גרעסערע סאָלידאַריטעט מיט די וואָס האָבן נישט באַקומען. שווער געווען זיך צו טרעפן מיט זיי, ווייל דו האָסט באַקומען און זיי נישט. און ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע מיטבאַטייליקונג. פון דער דאַזיקער הינזיכט האָט מען באמת זיך פאַרוואַנדלט אין איין משפחה. מיר האָבן זיך געפרייט מיט יעדן קאַרטל, וואָס איז אַהער אָנגעקומען, ווי עס וואָלט כלומרשט געווען פון אונדזער זון פונקט ווי אַ שטיין וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הארצן. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער בשורה־אָנזאָגער. צוגלייך מיט דעם זענען פאַרבליבן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, וואָס האָבן נישט באַקומען. און ס'איז געווען אַ זייער טיפע קלעמעניש אין יענע טעג, נאָכן נצחון. ביז צו דער מיטטיילונג וועגן די געהרגעטע. אויך שפּעטער, ווייל אויך נאָכדעם ווי מען האָט מיטגעטיילט, זענען נאָך פאַרבליבן צוויי־דריי, וואָס ס'איז נישט געווען פון זיי קיין ידיעות און די עלטערן זענען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. ס'איז אוממעגלעך געווען זיך צו באַגעגענען מיט זיי און איך האָב מורא געהאַט צו פרעגן צי זיי האָבן באַקומען אָדער נישט באַקומען. מיר פלעגן דאָס פרעגן דורך אַ דריטער פּערזאָן.

געווען אַ פאַרשיכורטקייט פון נצחון, ביי אונדז אפשר מער ווי ביי אייך. אין די ערשטע טעג איז אַדורך אַ פאַרשיכורטקייט. אָבער דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער דאָזיקער איבערגאַנג צום ענין וועגן פרייז פון דער מלחמה. וואָס איז דער פרייז און ווער וועט אים באַצאָלן. אין יענע טעג, צווישן דינסטיק און שבת — די ידיעה, אַז זיי לעבן איז באַקומען געוואָרן מאָנטיק, און רוחמה האָט דאַן געהאַלטן אין איין טענהן, צו מיר און מיר געזאָגט עטלעכע מאָל — — זיי וועלן זיך נישט צוריקקערן — האָב איך געהאַט עפּעס אַן איראַציאָנאַלן געפיל, וואָס איך קען עס נישט אויפקלערן, אַז מיינע זין וועלן נישט דערהרגעט ווערן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער איך האָב געזאָגט צו רוחמהען, אַז איך האָב עפּעס אַ בטחון, וואָס איך קען אים נישט דערקלערן, אַז זיי וועלן זיך צוריקקערן. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. פאַראַן אַזאַ זאַך. דאָס האַרץ האָט מיר פאָרויסגעזאָגט.

מעגלעך, אַז דאָס איז געווען צוליב דעם — אַזוי מיין איך, אויף וויפל איך קאָן דורכפירן אַ זעלבסט־אַנאַליז, — ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז די דאָזיקע מלחמה מוז מען מאַכן. איך האָב דאָך נישט געקאָנט זיך אַליין באַשטראָפן דערפאַר — אַזוי מיין איך. איך האַלט, אַז דאָס איז דער אַנאַליז. ס'איז געווען אַ וויכוח און איך האָב זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער מיינונג. געווען אַנדערע חברים, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט גיין צו דער דאָזיקער מלחמה, אַז מיר ריזיקירן מיט אַלץ און מען דאַרף אַפילו נאָכגעבן. איך בין געווען צווישן די יעניקע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף יאָ גיין, און איך האָב דאָס געזאָגט אָפן. איך האָב דאָס געזאָגט אויף צוויי פאַרזאַמלונגען אין נען, איך האָב דאָס געזאָגט אין סעקרעטאַריאַט פון הקיבוץ המאוחד *. איך בין געווען פאַר צואיילן די מלחמה און האָב געטראַכט, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט אונדז ראַטעווען. זי וועט אונדז ראַטעווען אויף אַ סך צייט און אפשר בכלל. מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ דעפינירטע מיינונג אין דאָזיקן

---

* אַן אָרגאַניזאַציע פון דער קיבוץ־באַוועגונג.

עניק, האָב איך נישט געקאָנט זיין שולדיק. ווייל איך האָב געוואָלט די מלחמה, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו דערצידירן אין דאָזיקן זין.

ג י ו ר א: אגב, נאָך דער מלחמה זענען מיר געקומען צו משפּחות פון חברים, צו פאַריתומטע משפּחות. אין יעדן אָרט, ווו מיר זענען געווען, האָבן די פרויען פון די געפאַלענע פון אונדזער איינהייט געזאָגט: „מיר האָבן געוווּסט". זיי האָבן אויך געשמועסט מיט זייערע חברטעס אין גאַנג פון דער מלחמה. מעגלעך, אַז דאָס איז דער אונטערשייד צווישן מאַנסביל און פרוי, און מעגלעך אַז דאָס איז עפּעס אַן אַנהויב, אפשר נישט פון אַ צוזאַמענברוך, נאָר פון ווייניקער שטייפקייט. און איך ווייס, אַז אין אַלע ערטער האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן דאָס געוווּסט פון פריער און זיי האָבן זיך באַמיט אונדז דאָס צו דערווייזן. דאָס האָט זיי ווי געשטאַרקט, ווי דאָס וואָלט כלומרשט נישט געווען פאַר זיי קיין איבערראַשונג. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס גייט דערצו. און האָבן דאָס געבראַכט צום אויסדרוק.

י אָ ס ק ע: איך מיין, אַז ווען עס וואָלט מיך געטראָפן אַן אומגליק, וואָלט דאָס געווען פיל שווערער. ווייל איך בין נישט געווען צוגעגרייט גייסטיק, הגם מיטן שכל האָב איך געפּרוּווט טראַכטן ווי אַזוי און וואָס וועט זיין ווען מען וועט מיר זאָגן. איך האָב געפּרוּווט אויפצושטעלן אַ קאָנסטרוקציע פון דער סיטואַציע, וואָס וועט געשאַפן ווערן, אָבער נאָר אין שכל. עפּעס אַן איראַציאָנאַלע זאַך האָט געזאָגט — ניין. רוחמה איז געווען מער גרייט צו דעם, און נישט נאָר וואָס זי איז געווען גרייט, נאָר זי האָט אויך געזאָגט, אַז זי איז גרייט צו דעם. געווען אַ גרויסע אידענטיפיצירונג מיט דער דאָזיקער מלחמה. מיר האָבן געזען, למשל, שיינקע, די מוטער פון נתן ז"ל; ווען מען האָט איר מודיע געווען, האָט זי געזאָגט: „איך האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין. איך האָב געוווּסט, אַז מיר וועלן באַצאָלן דעם פּרייז". מיר זענען געזעסן ביי איר אַ געוויסן אָוונט און עמעצער האָט געזאָגט, אַז ווען מיר וואָלטן געוווּסט וואָס פאַר אַ כּוח ס'איז פאַראַן אין עזה, וואָלטן מיר אָנגעגריפן מיט אַ גרעסערן כּוח, א. ד. גל. זי האָט געזאָגט: „גוט, אין מלחמה טרעפט פאַרשיידנס, אָבער עזה איז אונדזערע, דאָס איז נישט אַבי געזאָגט, עזה איז אונדזערע". דאָס איז געווען אַן אומגעווייןלעכע מאָס פון אידענטיפיצירן זיך מיט דער אַלגעמיינער זאַך. איך האָב געליינט אַן אַרטיקל פון אַ מוטער וואָס האָט געזאָגט, אַז אפשר איז טאַקע געווען בעת דער מלחמה איין מוטער, איין מוטער און אַלע זין זענען געווען אירע. אַ מין נאַציאָנאַלע מוטער. געווען עפּעס פון דעם, פון דערהויבונג און פון זייער אַ גרויסער אידענטיפיצירונג. אָבער די לאָגיק פון דער מלחמה פאַרפליכטעט, אַז ס'איז נישטאָ קיין נצחון אָן אַ פּרייז און עמעצער מוז דעם דאָזיקן פּרייז באַצאָלן.

פאַראַן אַ יידישער באַגריף — „צידוק הדין". פאַראַן פון צידוק הדין אין אַזאַ מלחמה, פאַראַן עפּעס וואָס פאַרלייכטערט אין אַזאַ געפיל פון געמיינזאַמקייט מיט דער מלחמה. נישטאָ קיין שום ספק, אַזוי ווי ס'האָט געשריבן אַלטערמאַן, אַז איין מאָל אין טויזנט יאָר האָט דער טויט אַ זין, אַז אויך דער טויט האָט כלומרשט אַ זין, הגם ער האָט נישט קיין שום מענטשלעכן זין. פאַראַן אַזאַ זאַך. און איך האַלט, אַז זי האָט געבראַכט פאַרלייכטערונג די מענטשן, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן. פאַר דעם איז אויך געווען ביים רוב פון אונדזערע מענטשן אַ גייסטיקע צוגעגרייטקייט. ווען מען האָט געזאָגט

צוערשט די צאָל פון די געפאַלענע, האָבן מיר געפילט און געוווסט, אַז דאָס זענען זיבן הונדערט יחידים, זיבן הונדערט וועלטן. יעדער איינער פון זיי — אַ גאַנצע וועלט.

די שטימונגען אין דער געזעלשאַפט נאָכן נצחון, דאָס איז אַ מענטשלעכע דערשיינונג, וואָס איך ווייס נישט באמת ווי אַזוי זי וועט געפינען איר קינסטלערישן אויסדרוק, אין סימפאָניע, אין ראָמאַן אָדער אין דיכטונג, ווי אַזוי נאָכן נצחון איז געקומען דער טרויער און קומער. אי אויף די קעמפער, אי אויף די זין. אויף די קעמפער געוויס צוליב אַן אַנדערער סיבה, צוליב נאָך אַנדערע סיבות. ווי אַזוי דאָס איז אַריינגעדרונגען אין דער מלחמה גופא און געווען דאָרט פאַרמישט די גאַנצע צייט. איך האַלט, אַז דאָס איז פון די זעלטענע געפילן אין לעבן פון אַ מענטשן. די דאָזיקע געפילן־אַמביוואַלענץ פון שטאָלץ און פאַרשיכורטקייט, דער הויכפונקט פון געפילן און גלייכ־צייטיק די זאָרג פאַר אונדזער טייערסטער זאַך, וואָס געפינט זיך דאָ אויף דער וואָגשאָל — דאָס אַלץ איז געוואָרן איין זאַך, און מען קאָן נישט פונאַנדערשיידן צווישן די געפילן.

איך ווייס נישט ווי אַזוי אָט די זאַכן וועלן געפינען זייער אויסדרוק. איך האַלט, אַז מענטשן האָבן איבערגעלעבט מאָמענטן פון אייביקייט. דאָס איז נישט קיין מליצה. שעהן און מאָמענטן, וואָס זענען געוואָרן אייביקייט. און דער אויסוועג איז געווען נישט צו זיין פאַסיוו, נאָר טאָן עפּעס, אויספירן אַ פליכט.

ג י ו ר א : דו האָסט דערמאָנט דעם ענין פון דער עקדה. אויב מען זאָל לייענען די מעשה אין חומש און זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס אברהם האָט איבערגעלעבט, איז צי זענען נישט געווען קיין מאָמענטן ווען אויך דו האָסט געהאַט דאָס געפיל, אַז פונדעסטוועגן איז דאָס אַן עקדה, אַז פונדעסטוועגן ווערן די זין געבראַכט אַ קרבן צום גאָט פון זייערע פאָטערס? פון שטאַנדפונקט פון ריינקייט, פון שטאַנדפונקט פון באַוווסטזיין, ווייסטו דאָך, אַז דיין גאָט איז אויך דער גאָט פון דיינע זין. און פונדעסט־וועגן, צי האָסטו נישט געהאַט קיין מאָמענטן פון ספק?

י אַ ס ק ע : פאַראַן אַ יידישער גורל און דאָס איז טאַקע אַ ספּעציפישע יידישע זאַך. דער ייד, אויב אַפילו ער פאַרלייקנט זיין יידישקייט, געפינט ער דעם יידישן גורל. דער דאָזיקער גורל יאָגט נאָך אַלע, וואָס אַנטלויפן פון אים.

איך האָב פריער איבערגעחזרט די רייד פון חנהן. און באמת, מיר דערציען באַוווסט־זיניק אונדזערע זין צו גיין אין די קאַמף־איינהייטן. מיר האָבן געלערנט די זין צו גיין אין געפערלעכסטן פלאַץ. איך מיין, אַז די מענטשן האָבן איבערגעלעבט אין דער מלחמה מאָמענטן פון אידענטיפיצירונג, וואָס מען דערגרייכט זיי נישט אויף קיין שום וועג פון אויפקלערונג. מיר ווייסן פון דער געשיכטע — אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דאָס ציוניסטישע ווערק; מענטשן וואָס האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט אַ פּאָגראָם א. ד. גל. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ העכערע זאַך, דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אידענטיפיצירט מיט זיין גורל אַזוי שטאַרק, אַז עס איז גרייט געווען מקריב צו זיין אַלץ. אויך היינט איז פאַראַן עפּעס אַ ווילן, אַז די דאָזיקע זעקס טעג זאָלן נישט פאַר־בייגיין, דאָס זענען געפילן, וואָס שאַפן גרויסע זאַכן, וואָס הייבן אַרויס דעם מענטשן איבער דער טאָג־טעגלעכקייט און מען קאָן זיך שפייזן פון זיי אַ גאַנץ לעבן. דאָס זענען מאָמענטן, אין וועלכע אַ מענטש פאַרשטייט נאָך בעסער די עקדה. קירקעגאָר

האָט געפרעגט, וואָס האָט אברהם געטאָן אין יענער נאַכט. וואָס האָט אברהם געטראַכט בייינאַכט? גאָט האָט אים נישט געזאָגט: נעם תיכף, נאָר האָט אים געזאָגט: מאָרגן אינדערפרי. ער האָט געהאַט צייט אַ גאַנצע נאַכט צו טראַכטן. און קירקעגאָר פרעגט, וואָס האָט ער געטראַכט אין משך פון אָט דער נאַכט? דאָס איז די פראַגע וועגן דעם זין פון מענטשלעכן לעבן. וועגן דעם דערציילט אונדז נישט דער חומש. אָבער מיר שטעלן די פראַגע: וואָס האָט אברהם געטראַכט די גאַנצע נאַכט? צי האָט ער באַרעכטיקט גאָט, אָדער צי האָט ער געוואָלט זיך צעבונטעווען קעגן גאָט? צי האָט ער געפילט, אַז ער האָט געשאַפן זיין גאָט, אָדער אַז גאָט האָט געשאַפן אים? צי האָט ער געפרעגט וועגן זין פון דער זאַך? וואָס שייך אונדז, האָט די דאָזיקע נאַכט געדויערט זעקס טעג. מיר האָבן געטראַכט, אַז אָט האָבן מיר געשיקט די זין און מאָרגן וועט קומען די מיטטיילונג.

אָבער נאָר אין אַזעלכע טעג פון הויכער אידענטיפיצירונג, קאָן מען דאָס איבער־טראָגן. ווייל מענטשן קאָנען אַראָפגיין פון זינען במשך פון זעקס טעג, ווען זיי האַלטן אין איין איבערטראַכטן: צי לעבט דער זון — צי לעבט ער שוין נישט. נאָר אין אַזעלכע טעג האָט מען דאָס געקאָנט אויסהאַלטן און מענטשן זענען אַרויס פון דעם גאַנצע און שטאַרקע. זיי האָבן זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן, ווייל דאָס זענען געווען אַזעלכע טעג, פראַכטפולע טעג. — — דער כותל. מיר זענען נישט קיין רעליגיעזע מענטשן, אָבער דאָס דעראָבערן ירושלים, דעם כותל, און דערנאָך די רמה *. דער קיבוץ האָט דורכגע־לעבט דעם ענין פון דער רמה, צוליב דער פולער סאָלידאַריטעט מיט די ישובים אין גליל. מיר ווייסן, אַז יעדן איינעם פון אונדז וואָלט געקאָנט אויסקומען צו זיצן אין דפנה און גדות. — — — אָבער דער טויט פון אַן איינציקן מענטשן איז אַ שוידערלעכער פאַרלוסט. איך האָב אייך געוואָלט דערציילן וועגן דאָזיקן שמועס מיט חנהן. איך האָב געהאַט מיט איר אַ לענגערן שמועס. זי האָט געזאָגט, אַז זי זוכט אַן אופן ווי אַזוי צו פאַראייביקן, מיט עפּעס וואָס צו פאַראייביקן. אויפן אָרט, ווו דער דזשיפּ האָט זיך איבערגעקערט און נמרוד איז אַרויפגעפאַלן אויפן פעלדז און דערהרגעט געוואָרן, — פלאַנצן אַ בוים. עפּעס אַ זאַך, וואָס איז פאַרבונדן מיט וואָרצל, מיט בוים, צו נעמען עפּעס פון דער נאַטור־סטיכיע. דאָס איז געווען נאָענטער צום האַרצן. מען האָט זיי באַגראָבן אין אַ ברודער־קבר, אַזאַ בערגעלע, וואָס אַ שורה ציגל טיילט אָפּ זיין בערגעלע פון צווייטן נישט מער. מען האָט דאָרט נישט געקאָנט שטיין. ווען עס וואָלט מעגלעך געווען, אַז אָט דאָס בערגעלע זאָל ווערן אַ בוים, און ער זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין די כוואַליעס פון כנרת, אין אַ וואָלקן אויפן הימל... דאָס געפיל, אַז זיין אומקום האָט אַ זין.

— — — די פרייד, פון וועלכער עס האָט זיך געשפייזט דער גייסט פונעם ישוב אין לאַנד בעת די מלחמה־טעג, האָט, ווי מען זאָגט, געבראַכט אַ גרויסע באַגייסטערונג. איך האָב געהאַט אַ רעזומירנדיקן שמועס אין סעמינאַר פון העכערן קורס אין אָפעל **. חנה רבלין האָט זיך באַטייליקט אין דאָזיקן סעמינאַר. איך האָב דאָרט געזאָגט, אַז דער קיבוץ קאָן נישט זיין בלויז דער אינטערעסאַנט פון נח״ל ***, דער קיבוץ האָט שטענדיק

---

* די גולן־הויכקייטן אין סיריע ביי דער גרענעץ.

** דער אידעאָלאָגישער לערן־צענטער פון דער באַוועגונג הקיבוץ המאוחד.

*** נוער חלוצי לוחם: קעמפנדיקע פּיאָנערישע יוגנט. קאַמף־איינהייטן וואָס מאָביליזירן ספּעציעל

געלעבט מיטן געדאַנק וועגן זיכערקייט, זיכערקייט פון אַלע אַספּעקטן. מיר דאַרפֿן אויך רעדן וועגן ענין פֿון פּאַנצער־מיליטער. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב צוויי זין ביי די טאַנקיסטן און אַז איך בין כמעט בקי אין די ענינים פֿון פּאַנצער. בעת איך האָב גערעדט, האָט חנה עפּעס געשריבן. צום סוף איז זי צוגעקומען צו מיר און געזאָגט: „נעם, און זאָלסט דאָס לייענען אין דער היים". „פֿאַרוואָס אין דער היים? איך וועל דאָס לייענען תיכף". האָט זי געזאָגט: „וועסט זיין טרויעריק". און אַזוי האָט זי דאָרט געשריבן:

צו יאַסקען, אַ צווישנשפּיל בעת דו האָסט גערעדט

„איך בין בקי אין פּאַנצער" — האָט געזאָגט דער פֿאָטער, וואָס זיינע צוויי זין
זענען פּאַנצער־זעלנער — און נישט ווייל ער איז געזעסן אַמאָל אין טורעם,
דער פֿאָטער אַ „בקי" געוואָרן, ווען געפֿרעגט ס'האָט פֿון פּאַנצער פֿון האַרצן,
די מוטער פֿון די זין, צי וועלן די צוויי זיך אומקערן, צי ניין,
און אפֿשר איינער בלויז וועט קומען פֿון ברודערס צעשמעטערטן טורעם.
„איך בין באַהאַוונט אין אויסשפּיר" — האָט געזאָגט אַ מוטער, וואָס איר זון
איז געוועזן אַן אויסשפּירער — און נישט, ווייל זי האָט פּאַטרולירט אויף די וועגן.
איר האַרץ האָט זי פֿאָרויס געשיקט פֿאַר אים, געשפּרייט פֿאַר זיינע פֿיס, אים אויסצוהיטן
פֿון אַ מינע, פֿון אַ לויערער. טאָג און נאַכט איז זי מיט אים געגאַנגען אויף די וועגן
פֿון שטויב, אין שפּאַלטן פֿון קאַניאָנען, אָבער אים אָפּהיטן האָט זי נישט געקאָנט.
„איך בין בקי אין אַן עראָפּלאַן" — האָט געזאָגט דאָס קינד, וואָס זיין פֿאָטער איז אין דער לופֿטן, —
און נישט ווייל ער איז אַמאָל געפֿלויגן. נאָר זיין האַרץ
דאָס ציטעריק־שטאָלצע האָט זיך געטראָגן צו די שטאָלענע פֿליגל מיט תּפֿילה —
זיי זאָלן אָפּהיטן דעם פֿאָטער.
דאָס איז דאָס בקיאות פֿון האַרץ, דאָס איז דאָס בקיאות פֿון טרערן און פֿון ווייטיק,
דאָס איז דאָס בקיאות פֿון נישט־שלאָפֿן, פֿון נישט רוען,
„איך בין בקי אין פּאַנצער" — האָט געזאָגט דער פֿאָטער — —

דאָ האָט זי געגעבן דעם דאָזיקן אויסדרוק פֿון אידענטיפֿיצירונג. מיר זענען געגאַנגען מיט זיי, מיט אַ תּפֿילה אין האַרצן, אָבער מיט גרויסן שטאָלץ. איך וויל פֿרעגן קובי, ווי אַזוי האָסטו געזען די זאַכן, בעת דעם דאָזיקן שגעונדיקן געיעג ביז צו מיתלה — בעיקר אין די ערשטע טעג פֿון אַן אומאויפֿהערלעכער נסיעה. צי האָסטו געהאַט עפּעס אַ מאָמענט, ווען דו האָסט זיך פֿון גייסטיקן שטאַנדפּונקט ווי עס איז אָפּגעשטעלט, און זיך אַ פֿרעג געטאָן, וואָס קומט איצט פֿאַר אין דער היים, אָדער וואָס קומט פֿאַר מיט די עלטערן? צי האָסטו געהערט, אַז די ישובים אויף דער ירדנישער גרענעץ ווערן באָמבאַרדירט? אָדער לגבי עופֿרן, צי האָסטו אין גאַנג פֿון דער שלאַכט אָדער פֿון פֿייער־אויסטויש, אין דזשעבעל ליבני, אָדער אין אַזאַ אַנדערן פּלאַץ, זיך פּלוצעם געשטעלט די פֿראַגע: וואָס איז מיט מיין ברודער? אפֿשר איז ער אין אַ טאַנק נישט ווייט פֿון מיר און געפֿינט זיך אויך אין זעלבן פֿייער? צי האָסטו זיך געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגעס, און צי האָסטו געהאַט די דאָזיקע זאָרג דווקא אין גאַנג פֿון אָט דעם שגעונדיקן געיעג, וואָס איז דאָרט פֿאָרגעקומען?

די יוגנט־גרופּעס וועלכע גרייטן זיך גיין אין קיבוץ. אַ טייל פֿון דעם מיליטער־דינסט ווערט געמאַכט אין קיבוצים, ביי אַגריקולטור־הכשרה.

קובי: תמיד זאָרגט אַ מענטש ווייניקער וועגן זיך, ווייל ער לעבט מיטן מאָמענט און ער זעט וואָס עס פּאַסירט מיט אים. וואָס שייך דעם מענטשן, וואָס דו זעסט נישט און דו ווייסט נישט וואָס מיט אים איז, מיינסטו תמיד, אַז ס'געשעט אים עפּעס, בפרט אַז דאָס איז דיין ברודער. איך האָב זיך נישט געשראָקן פאַר נען*, אַפילו קיין איין מאָמענט האָב איך נישט מורא געהאַט פאַר נען. מעגלעך אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין צייט. איך האָב זיך נישט געשראָקן פאַרן הינטערלאַנד. איך האָב געדאגהט וועגן עופרן. דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר פלעגט אונדז די גאַנצע צייט אינפאָרמירן וואָס עס טוט אונדזער שכנתדיקע קאָמפּאַניע, — כדי עס זאָל זיין וועלכע עס איז קאָאָרדינאַציע. איך געדענק ווי איידער מיר זענען דערגאַנגען צו ביר־לחפן** האָט אונדז געזאָגט דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר, אַז די שכנותדיקע איינהייט קעמפט מוטיק. איך האָב זיך געפרעגט: וועלכע איז דאָס די שכנותדיקע איינהייט? די שכנותדיקע פאַרמאַציע? די שכנותדיקע קאָמפּאַניע? גאַנץ גערירט האָב איך געפרעגט דורך דער אינערלעכער פאַרבינדונג־נעץ פון טאַנק צי די שכנותדיקע איינהייט איז די פלוגה ה'***. מיין שאָפער האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט. צוואַנציק מינוט שפּעטער האָט ער זיך פּלוצעם געווענדעט צו מיר אין פאַרבינדונג־נעץ און געזאָגט: „איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס דו האָסט געפרעגט וועגן דער פלוגה ה'". עופר איז געווען אין אַן אַנדער קאָלאָנע, נישט ווייט פון מיר. און ווען איך האָב געזען ווי די קוילן פאַלן, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס זענען די זעלבע קוילן, וואָס קאָנען זיין באַשטימט אויך פאַר אים.

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען עופרן ווען מיר זענען געפאָרן פון ביר־לחפן אין דער ריכטונג קיין דזשעבעל ליבני. זיין טאַנק איז געווען באַשעדיקט און געפאָרן לאַנגזאַם און איך בין אים פאַרבייגעפאָרן.

יאָסקע: וואָס שייך דער באַציִונג צו די אַראַבער. איך בין דערצויגן געוואָרן אין ירושלים. ווען איך בין געקומען אין לאַנד, האָב איך געוווינט אין אַן אַראַביש הויז מיט אַראַבישע שכנים און זיך געשפּילט מיט אַראַבישע קינדער. מילך און גרינוואַרג האָבן מיר געקויפט ביי אַראַבער. די אַראַבער זענען געווען פאַר מיר אַ טייל פון לעבנס־שטייגער. אויך דאָ, אין נען, זענען מיר געווען פאַרבונדן סיי מיט די בעדויִנער, סיי מיט די אַראַבער פון דאָרף נענה. מיר האָבן געהאַט האַנדלס־קאָנטאַקטן, ווי אויך פאַרטיידיקונג־קאָנטאַקטן מיט די אַראַבער. געווען צווישן זיי ביידע צדדים. מיר האָבן תמיד געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן די באַנדעס און די איבעריקע טיילן, צווישן די אַראַבישע פעלאַכן און צווישן די אַראַבער, וואָס זענען געווען נאָענט צו די יידן. און עס זענען געווען משפחות, וואָס האָבן זיך משדך געווען מיט אַראַבער. בכלל זענען די אַראַבער געווען אַ טייל פון אונדזער לעבנס־שטייגער. דאָס האָט געשטעקט זייער טיף אין אונדזער דערציִונג, אַז מיר וועלן לעבן מיט די אַראַבער אין לאַנד, אַז אונדזער צוקונפט איז מיט זיי. דער פּראָבלעם איז געווען, אַז די אַראַבער זענען אַ מערהייט. מיר זענען דערצויגן געוואָרן אויף דער אידעע, אַז מדינת ישראל וועט אויפקומען

* נאָמען פון קיבוץ.
** דרומדיק פון אל־עריש.
*** קאָמפּאַניע נומער 5.

נאָר דאָן ווען מיר וועלן זיין אַ מערהייט. בעתן מאַנדאַט זענען מיר געווען פאַר התיישבות (קאָלאָניזאַציע) און דאָס איז געווען דער גרויסער ציוניסטישער וויכוח מיט זשאַבאָטינסקין, מיט די רעוויזיאָניסטן — מיט אצ״ל און לח״י *. אַז מיר ווילן נישט קיין מדינה, ווייל די אַראַבער זענען אַ מערהייט, און מיר וועלן גיין אויפן וועג פון דונאַם נאָך דונאַם, פון בוים נאָך בוים, עולה נאָך עולה. די אַראַבער זענען געווען דער הינטערגרונט פון אונדזער לעבן און מיר האָבן געטראַכט, אַז דער גורל פון ציוניסטישן ווערק איז צו לעבן מיט די אַראַבער. מיר האָבן געהאָפט, אַז מיר וועלן דערגיין צו אַ פאַרשטענדעניש, מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר ברענגען ברכה די אַראַבער. אין אונדזער תקופה, אין דער צייט, וואָס מיר זענען געווען, איז געשטיגן דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַראַבער. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל פון אַ זכות, נישט דווקא קיין היסטאָרישן, נאָר אַ זכות פון לעבן, ווייל מיר האָבן נישט קיין אַנדער פלאַץ אויף דער וועלט, און מיר זענען פאַרמשפט צו לעבן מיט די אַראַבער און סוף־סוף וועט געפינען ווערן אַ וועלכער עס איז מאָדוס פון צוזאַמענלעבן מיט זיי. מיר האָבן געטראַכט, אַז אונדזער ווערק שטויסט נישט אָפּ קיין איין אַראַבער פון זיין גורל, פון זיין לעבן. דאָס איז געווען זייער וויכטיק אין אונדזער באַוווסטזיין. כאָטש מיר זענען געווען אַ מינדערהייט, אַ מינדערהייט, וואָס האָט געוואָלט געבן דעם לאַנד אַ יידישן כאַראַקטער, אַ יידישן חותם דעם לאַנד, אין וועלכן ס׳איז געווען אַן אַראַבישע מערהייט. צוליב דעם איז פאַר אונדז געווען וויכטיק, אויך אין דער יוגנט־באַוועגונג, אַז מיר האָבן נישט געקויפט קיין ערד, וואָס די אַראַבער האָבן געאַרבעט אויף איר, און קיין שום אַראַבער איז נישט פאַרטריבן געוואָרן. אין תש״ח — זענען די אַראַבער אַנטלאָפן. פאַר אונדז איז וויכטיק דער באַוווסטזיין, אַז מיר האָבן זיי נישט גורם געווען קיין עוולה. דערנאָך זענען מיר געווען קעגן ממשל צבאי **. מיר האָבן געוווסט, אַז די צוקונפט איז אַ בשותפותדיקע.

דער צווייטער דור האָט זיכער נישט דעם זעלבן הינטערגרונט, וואָס מיר האָבן געהאַט. מיר שיינט, אַז דער צווייטער דור פילט נישט קיין שנאה צו די אַראַבער. אויך אין דער שלאַכט, אויף וויפל איך האָב געהערט, איז נישט געווען קיין שנאה. אין דער מלחמה — איז אַזוי ווי אין מלחמה. ווער עס וויל דיך דערהרגענען — דאַרפסטו אים פריער דערהרגענען. אָבער אַ מאָמענט פאַר דער מלחמה און אַ מאָמענט נאָך דער מלחמה. זעט אויס, אַז די דאָזיקע מלחמה האָט זיך נישט געשפּייזט פון שנאה צו פרעמדע אָדער פון שנאה צו די אַראַבער. פאַראַן אַ באַציִונג ווי צו אַ פרעמדן און פאַראַן אַ באַציִונג פון מיטלייד, פון דעם וואָס האָט זיי געטראָפן, עפּעס אַ גרעסערע זאַך ווי שנאה. איך וויל פרעגן פון וואַנען דרינגט אַרויס די דאָזיקע באַציִונג פון יונגן דור?

ק ו ב י: אונדזער קאַמף איז נישט געווען פון דעם מין קאַמפן, אין וועלכע חברים פאַלן אַרום דיר, און דאַן אפשר וועקט זיך אויף די שנאה. מער פון אַלץ איז געווען רחמנות. זיי זענען נעבעכדיקע, פאַרוואָס האָט דער דיקטאַטאָר זייערער זיי געשיקט נאָכאַמאָל אין דער פאַסטקע פון סיני? איך האָב תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז פאַר

* די צוויי מיליטערישע באַוועגונגען פון די רעוויזיאָניסטן.

** מיליטערישער רעזשים אין אַראַבישע ראַיאָנען, ביי דער גרענעץ, ביז יאָר 1965.

אים זענען דאָס פּוסטע רייד. פאַר אים איז דאָס פּאָליטיק, אַזאַ מין שאַכמאַט, וואָס ער רוקט, און דאָ ווערן מענטשן דערהרגעט. דערנאָך וועט ער בסך־הכל האַלטן עפּעס אַ רעדע צום פאָלק און וועט אָפּפּטרן דעם גאַנצן ענין. וואָס מער איך האָב געזען וואָס מען טוט די מצרים, אַלץ מער האָב איך אים פיינט באַקומען, נאַצערן. איך האָב פיינט געהאַט די דאָזיקע רעזשימען, וואָס צוליב זיי האָט דאָס פּאַסירט. איך האָב זיך געפרעגט, צי ווייס ער בכלל, אָדער צי וועט ער ווען עס איז ווּיסן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט? צי וועלן די משפחות פון די מצרישע זעלנער וויסן ווי אַזוי זיי זענען געשטאָרבן, און אַ טייל פון זיי איז אַפילו נישט באַגראָבן געוואָרן? איך האָב געזען ווי זיי וואָלטן עפּעס געהאַט אַ מין שנאה, אָדער אַ שנאה, וואָס איז אויפגעקומען אין יענעם מאָמענט, אָדער אַז זיי האָבן עפּעס אַ טיפע זאַך נאָך פון פריער. עס זענען געווען חברה, וואָס האָבן אַפילו נישט געהאַט עפּעס אַ „באַרעכטיקונג" דאָס צו טאָן, און פונדעסטוועגן האָבן זיי עס געטאָן. דו זעסט, אַז אַ מענטש איז דאָס, וואָס ס'איז די עפּנטלעכע מיינונג. פאַראַן מענטשן, דאָס רוב מענטשן, וואָס, אויב די עפּנטלעכע מיינונג און די מענטשן אַרום זאָגן וועגן עפּעס, אַז ס'איז גוט, און זאָל אַפילו דאָס עפּעס זיין דאָס ערגסטע און עקסטרעמסטע, דאַן טוען זיי עס. „אַלע זאָגן, אַז דאָס איז גוט". איר ווייסט דאָך ווי דאָס איז. איך האָב די גאַנצע צייט געזען די היים: טאַטע — וואָס וואָלסטו געזאָגט? וואָס וואָלט די מאַמע געזאָגט, ווען זי זעט דאָס?

אין מיין אויפפירונג אָדער אין דער אויפפירונג פון מיינע חברים, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר מיר דער חורבן. מען האָט אונדז געהרגעט, מען האָט אונדז פאַרניכטעט. צוליב דעם איז פאַר מיר אַלץ געווען אַ סך שאַרפער. איך האָב געפילט, אַז איך קאָן נישט. עס זענען געווען סצענעס, וואָס האָבן מיר דערמאָנט זאַכן, וועלכע איך האָב געזען אויף בילדער... דו זעסט אַ הויפן קערפּערס און פון זיי שטרעקט אַרויס אַ האַנט. איך מיין, אַז איך בין באַזונדערס פילבאַר צום גאַנצן ענין פון חורבן.

כדי צו מאַכן, אַז דער מענטש זאָל זיין גוט, דאַרף מען צייט, אָבער כדי אים צו פאַרוואַנדלען אין... איז דאָס איינס־און־צוויי.

איך האָב געטראַכט: גוט וואָס דאָס איז נישט פאַרקערט. וואָס וואָלט געווען ווען דאָס זאָל זיין פאַרקערט? זיי קאָנען לויפן מיט זייערע טאַנקען דאָ אין אונדזער נגב און פאַרבייגיין... געווען אויך רחמנות אויף זיי. אָבער צוגלייך מיט דעם האָב איך מיר פאַרגעשטעלט ווי אַזוי יעדער איינער אַזאַ וואָלט זיך אויפגעפירט ווען דאָס וואָלט געווען פאַרקערט. זיי זענען דאָך נישט קיין מענטשן. איך האָב דאָס געזען לויט זייער אונטערחנפענען זיך. ווען דאָס וואָלט געווען פאַרקערט — וואָלטן זיי געווען חיות.

די מלחמה איז בסך־הכל אַ דרעקישער ענין. דאָס איז געווען אַזאַ שאַרפע איבער־לעבונג, אַז אין משך פון אָט די זעקס טעג האָב איך נישט געטראַכט וועגן דער יידן־פראַגע און וועגן קיין שום זאַך. אויב איך האָב וואָס עס איז פיינט געהאַט, איז דאָס געווען איין איינציקער מאָמענט, ווען איך האָב פיינט באַקומען דעם טאַנק. איך האָב געטראַכט, אַז אַלע יאָרן וועל איך מער נישט קאָנען זיך צוריקקערן צו אים. ער וועט מיר דאַרפן דערמאָנען טויטע קערפּערס, דערמאָנען צעשטערונג, ער מוז מיר דערמאָנען... געווען אַזאַ משוגעת ביינאַכט... דו זעסט אַ מצרישן זעלנער — אַ מענטש, וואָס דו האָסט דערהרגעט אין טורעם... מיט דעם אַלעמען, מיט אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענער משוגענער נאַכט — בין איך אַרויס אַ צעטומלטער, און דאַן

מוז דיר דורכגיין אַ געדאַנק. דו טראַכסט, אַז מיר וועלן זיך דאָך צוריקקערן אַהיים, אויב מיר וועלן זיך צוריקקערן אַהיים, דאַן וועלן מיר דאָס דערציילן און עס וועט זיין אַנדערש, ווי עס איז איצט. איך וועל דאָס זען עטוואָס פון דער ווייטן. אויך אַ מענטשלעך לעבן ווערט ביי דיר אַזוי ביליק, ווען בעת דער שלאַכט פּאָרסטו אַרויף אויף די פּיינטלעכע זעלנער מיט די קייטן פון טאַנק. איך געדענק, אַז די גאַנצע צייט האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז מלחמה. ערשט איצט פאַרשטיי איך, וואָס דאָס איז מלחמה.

אין מיין מאַנשאַפט איז געווען אַ בחור, וואָס ווען ער איז געקומען צו אונדז בעת דער גרייטקייט, האָב איך געזען, אַז ער קען זיין אכזריותדיק. ער פלעגט דערציילן, אַז ווען ער אַרבעט מיטן טראַקטאָר האָט ער ליב איבערצופאָרן הינט אויף טויט. ער האָט ליב אויפצוהענגען קעץ. און איך האָב געטראַכט: אָך־און־וויי וועט זיין, אויב ער וועט אַרויסגיין אין מלחמה. אין טאַנק האָב איך די גאַנצע צייט געערדט מיט דער מאַנשאַפט, קודם־כל, פאַר זיך אַליין. און דאַן פלעגט דער בחור זאָגן מיט אַזאַ לייכטקייט: דאָס איז אַן אַראַבער, דאָס איז גאָרנישט. און איך האָב אים די גאַנצע צייט געזאָגט: דו זעסט אים, ער האָט אַ פּרוי, וואָס וואַרט איצט אויף אים. דאָס איז געווען מיין ענטפער. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם עטוואָס אַנדערש. מענטשן איבערצייגן זיך דאָך זייער לייכט, אַז אַ נעגער איז אַנדערש פון אונדז. אַזוי איז אויך געווען די באַציִונג צו די אַראַבער. די גאַנצע צייט האָב איך אים דערמאַנט, אַז אויך אַן אַראַבער איז אַ מענטש און דאָס האָט זעט אויס געווירקט אויף אים. איך האָב געזען ווי ער האָט זיך ביסלעכווייז געענדערט און צום סוף האָט ער געפירט וויכוחים מיט אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט די זעלבע מיינונג, וואָס ער האָט געהאַט פריער... דאָס האָט מיך בלויז איבערצייגט, וואָס פאַראַ חשיבות עס האָט די דערציִונג אין דאָזיקן ענין. אינטערעסאַנט, דו באַקענסט מענטשן און באַקומסט אַן איינדרוק וועגן זיי אויף אַ צופעליקן אופן און שטעלסט פעסט אַ מיינונג לגבי זיי. דערנאָך, אין עקסטרעמע לאַגעס, דערקענסטו זיי בעסער. זיי פירן זיך דאַן אויף באמת לויט זייער כאַראַקטער.



בבית

אין דער היים

4.6.67

— — — איך פיל זיך גוט, איך האָב אַלץ און דער מאָראַל איז הויך. איך נעם אָן, אַז איר אין דער היים זענט זיכער זייער געשפּאַנט און איר דאגהט מער ווי מיר, ווייל איר האָט פשוט מער וועגן וואָס צו טראַכטן. בסך־הכל זענען די זאַכן דאָ פיל פשוטער און ווייניקער קאָמפּליצירט, און יעדער איינער פון אונדז ווייס וואָס עס שטייט פאַר אים און איז גרייט צו געבן אַלץ וואָס ער קאָן. מען דאַרף נישט, פאַרשטייט זיך, אייך לערנען וואָס ס'איז דער טייטש פון געבן אַלץ, ווייל ווער אַזוי ווי איר האָט עס געטאָן אין משך פון אַ גאַנץ לעבן. איר זאָלט נאָר וויסן, אַז אין דאָזיקן ענין באַמיען מיר זיך צו זיין אייך ראוי. איך האָב נישט דעם אַדרעס פון רון, גיט אים איבער דעריבער אין מיין נאָמען אַלץ און אַלץ.

— — — איך בין געזונט און גאַנץ און פיל זיך גוט.

אייער וואָס ליבט אייך
שי

7.6.67

זינט דעם ערשטן מאָמענט פון די קאַמפן, בין איך זייער נישט רויק וועגן רונען. איך האָף פון גאַנצן האַרצן, אַז ער איז געזונט און שטאַרק. הלוואי זאָל דאָס אַזוי זיין. ער איז אַ שותף צום אָנשטרענג און צו דער ריזיקער דערגרייכונג פון אונדזער לופט־פלאָט, וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם גרויסן נצחון. גיט אים איבער אַ יישר־כוח און אַ דאַנק פון די זעלנער אויפן באָדן.

טייערע טאַטע און מאַמע מיינע, היינט שאַצן מיר אָפּ און אָנערקענען דאָס אַלץ, וואָס איר האָט אונדז געגעבן. אויך איך, און איך בין זיכער אַז אויך רון, זענען געווען גרייט צו געבן אַלץ פאַר דעם, וואָס איר און מיר נאָך אייך גלויבן, אַז דאָס איז דער עיקר פון לעבן. איך ווייס נאָך נישט וואָס מיר האָבן באַצאָלט און מיר האָבן באַצאלט פערזענלעך פאַר דער דערגרייכונג. אָבער צוגלייך מיט דער געריכטקייט, הערנדיק די ידיעות אין ראַדיאָ, און מיט די טרערן וואָס מיר האָבן פאַרגאָסן בעת דער ספּיקער פון קול־ישראל האָט אָנגערירט דעם כותל מערבי, — האָבן מיר געפילט, אַז נישט אומזיסט האָבן מיר געקעמפט.

איך האָב אייך ליב
שי

שפליטערס פון לעבנס־שטייגער

אין דער שטילקייט צווישן איין אויפרייס און צווייטן, האָט מען געהערט אַ דין־קינדעריש צוויטשעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון שוואַלבן־נעסט. באַקאַנטע שלום־קולות פון עופעלעך, וואָס וואַרטן אויף זייער מאַמען...

אַ קינד איז געזעסן אויף די טרעפּ פון שוץ־קעלער, מיט אַ גרויסן בילדער־בוך אויף די קני... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געבעטן מיט אַ ציטער־דיקער שטימע: „עפן די טיר! עפן נאָר אויף אַ ר ג ע... דו הערסט נישט?! די שוועלבעלעך רופן זייער מאַמע... נאָר אויף אַ ר ג ע... וועסט זען, אַז די שוואַלב וועט באַווייזן זיי אָנצוקאָרמען... וועסט זען..."

שער הגולן

...איך בין אַריין אין בעט מיט אַ פּחד אין האַרצן. אין צימער איז געווען טונקל און די פינצטערניש האָט מיך נאָך מער איבערגעשראָקן. פון דער ווייטנס האָבן זיך געהערט באָמבאַרדירונגען און דאָס הויז האָט געציטערט. אין דער הייך פליען רוישיקע עראָפּלאַנען. איך האָב מורא געהאַט, אַז יעדע רגע וועט דער סופיט אַראָפּפאַלן און אפשר וועט אויך דאָס הויז איינפאַלן. איין פוס האָב איך געהאַלטן אויף דער פאָדלאָגע, כדי אַרונטער־צוקריכן אונטערן בעט, אָבער כ׳האָב זיך פּלוצעם אויסגעגליטשט, ווייל איך בין אַרויפגעטראָטן אויפן העמד, וואָס כ׳האָב צוגעגרייט אויפן פאַל ווען ס׳וועט זיך נאָר דערהערן אַן אַלאַרם. בכלל, איז דער עסק מיטן שוץ־קעלער געווען ביי מיר פאַרבונדן מיט אַ ביסל שרעק, ווייל איך האָב נישט געוווסט, וואָס דאָרט וועט זיין. צום סוף בין איך איינגעשלאָפן טראַכטנדיק וועגן מיין פאָטער אין מיליטער. פון שרעק האָב איך וועגן גאָרנישט געחלומט. אינדערפרי האָב איך זיך אַביסל באַרויקט, אָבער פונדעסטוועגן איז ביי מיר פאַרבליבן יענץ געפיל פון פּחד.

עין דור, כתה ה׳ *

אין כיתה ד׳ ** האָבן צוויי מיידעלעך אויפגעשריבן זייערע נעמען אויף די צייכענונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין שוץ־קעלער און אונטער־געשריבן: „אַן אָנדענק פאַרן שוץ־קעלער, ווען דאָ איז געווען אַ מלחמה". זיי האָבן מיר אויפגעקלערט: „ווען מיר וואָלטן געשטאָרבן, וואָלט מען געפונען די צייכענונגען און מען וואָלט געוווסט, אַז מיר זענען דאָ געווען".

ברקאי

---

* פינפטער קלאַס.

** פערטער קלאַס.

שלומית טויב / **די מלחמה פון די זין**

פיר יאָר מיין טאַטע אין מלחמה זייערער געווען,
און ניט די שונאים זיינע פיינט געהאַט, ניט ליב.
איך ווייס אָבער אַז טאָג־פּאַר־טאָג און דאָרטן שוין
האָט ער פון זיינע שלוות אויסגעפורעמט מיך,

די זעלטענע אַזוי, וואָס צווישן רויך
און אויפרייסן פון באָמבעס האָט ער אויפגעפיקט,
אין טאָרבע אָפּגעריבענער געלייגט צוזאַמען מיט
זיין מאַמעס רעשטל קוכן, האַלב פּאַרטריקנט שוין.

און אין די אויגן זיינע טויטע אָן אַ נאָמען איינגעקנוילט,
פיל טויטע אויפגעקליבן ר'האָט פאַר מיר,
איך זאָל אין קוק זיינעם דערקענען זיי. זיי האָבן ליב.

און אויסגיין זאָל איך ניט, ווי זיי, אין גרויל...
פאַרפולט מיט זיי זיין אויג — געווען בלויז טועה זיך:
צו די מלחמות מיינע — אומעטום — גיי איך.

(י. ע מ י ת י)

יידיש: מ. י.

4.6.67

אויך דאָס ליד, וואָס איך האָב עס ליב געהאַט צוליב זיין „שיינקייט", האָט אין די דאָזיקע טעג צוגעגעבן מיט זיין אמתדיקייט אַ נייע, טראַגישע און אכזריותדיקע דימענסיע. מיט אַ וואָך צוריק האָב איך עס פאַרצייכנט פאַר זיך, אין דער („נאַכט פון מלחמה"), ווען מיר האָבן זיך נאָך געפרעגט: „וועט זיין — וועט נישט זיין"...

די ליבע פון די פאָטערס האָט קיינמאָל נישט געראַטעוועט די זין פון די מלחמות פון לעבן און זייער ווייטיק — און דאָ שטעקט דער „אייביקער" אמת פונעם ליד. היינט שרייט צו אונדז די „אַקטועלקייט" וואָס אין אים: צי האָבן אונדזערע עלטערן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויך די קינדער פון תש"ח וועלן נאָך אַרויסגיין „צו אַלע מלחמות"?

און נאָך האָב איך פאַרצייכנט „דאַן" (אַ ווייטער דאַן...) אויף די ראַנדן פונעם ליד:

איצט, ווען מיר ווילן אָפּהיטן די קינדער פון תשכ"ז פון די גרוילן, באַמיען מיר זיך צו לערנען עפּעס פון אונדזער דערפאַרונג און שעפּן פאַרנעפּלטע זכרונות פון אונדזערע קינדערגאָרטן־טעג, די טעג פון תש"ח: דער געלאַף צו די שוץ־בונקערס — אַ געמיש פון קינדערישער בייגעריקייט און אומקלאָרן פּחד. דער שוץ־בונקער איז געווען אַן אויסטערלישע איבערלעבונג. אָפּטמאָל — אַפילו אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג.

און די גרויסע פראַגע: פאַרוואָס זענען פאַראַן „שלעכטע" מענטשן? — איז פאַרבליבן נישט פאַרענטפערט. די גרויסע קינדער פלעגן זינגען אין שוץ־בונקער לידער פון פלמ"ח. און אונדזערע קינדער, די זויגקינדער, האָבן שטאַרק געוויינט. אָפטמאָל פלעגט דאָס קליינוואַרג אויסברעכן אין אַ ביטער געוויין זעענדיק אַן עראָפּלאַן אויף אונדזער הימל. היינט, ווען זיי אַליין זענען שוין געגאַנגען „ערגעץ־ווו", (אָדער אפשר דערווייל?) פרייען זיך שוין אונדזערע קינדער, זעענדיק די עראָפּלאַנען, און זיי שטעלן זיך פאָר, אַז אין יעדן אַוויאָן זענען זיי „אונדזער פּילאָט".

אויך די סיני־מלחמה איז אַריבער ווייט פון אונדז און איז פאַרבליבן אין תחום פון אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט אין די ווייטענישן. דאָן איז אונדז נאָך שווער געווען צו באַגרייפן אירע דימענסיעס און באַדייטונג, און דער גאַנצער ענין האָט אונדז אויסגעזען ווי אַ מין גרויסע „רעוואַנש־אַקציע".

„מיר זענען שוין געוווינט צו דעם, מיר האָבן שוין איבערגעלעבט מלחמות", זאָגן אונדז די וועטעראַנען, וואָס האָבן געזען פאַר זיך אַ סך שונאים. אָבער מיר, זייערע זין, ווייסן נישט. נישט געקוקט אויף די 19 יאָר פון אַ לאַנגער און פּיינטלעכער גרענעץ, טראָץ אונדזערע יאָרן אין צה"ל — באַגרייפן מיר נישט די ממשותדיקייט פון אַ מלחמה מיט בלוט, טרערן און רויך. און ווען מיר מאַכן שוצגראָבנס אין אונדזער „הינטערלאַנד", איז נאָך פאַראַן אין דעם עפּעס פון אויספּילן אַ פליכט צוזאַמען מיטן צער אויפן אַ תל־געמאַכטן גראָז־גאָרטן. „ווייל ווער קאָן דאָס גלויבן, אַז די מלחמה וועט דערגיין צו אונדז?" מלחמה, דאָס איז זייער נישט קיין גוטע זאַך.

ווען די פאַקטן, שטייען פאַר אונדז, שניידיקע און אכזריותדיקע, און מיר קאָנען נישט אַנטלויפן פונעם פּולווער, וואָס אין דער לופט, האָבן מיר נישט קיין ברירה, ווי נאָר זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז „דאָס מאָל איז דער עסק אַן ערנסטער" און דאָן ווונדערן מיר זיך צוליב דער דאָזיקער ווונדערבאַרער שטילקייט, דער פעסטער און אַנטשלאָסענער שטילקייט, ווי אַ צוזאַמענגעדריקטע פויסט. און מיר פאַרשטייען, אַז יעדער איינער פון אונדז, יעדער איינער, ווערט היינט אויפגעפאָדערט צו אַ ביסל העלדישקייט און „כאַראַקטער".

די צייטונגען זאָגן: עס איז אַ נערוון־קריג, אָבער ווי לאַנג קאָן אַ מענטש לעבן אין אַזאַ הויכער שפּאַנונג? אַפילו ווען מיר ווייסן, אַז דער „צייטווייליקער שטילשטאַנד" איז קיין שטילשטאַנד נישט, דערלויבן מיר זיך אַ ביסל פאַרגעסונג און פּויזע. און שבת, ווען אונדזערע זעלנער קומען אַהיים, ווער אויף אַ שעה און ווער אויף אַ גאַנצן מעת־לעת, פרייען מיר זיך דאָך זייער שטאַרק מיט זיי, קלאַמערן מיר זיך מיטן גאַנצן כוח אין דער קורצער קעגנוואַרט, און חזרן איבער, אַזוי ווי אַ שבועה, דאָס טייערסטע וואָרט: „להתראות, להתראות"...*

אַלע לעבן מיר די דאָזיקע טעג מיט אַ מעכטיקער אינטענסיוויקייט. די צייט האָט צעדרייט יעדע ריכטונג פון געדאַנק און זאָרג. אָבער וואָסער זין האָט עס צו דערציילן וועגן פּערזענלעכע געפילן, ווען ס'איז באַזייטיקט געוואָרן יעדע מחיצה צווישן פּערזענ־לעכן און געזעלשאַפטלעכן?

די געדאַנקען זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין „סדר פון אויסנאַם־צושטאַנד", און

* אויף ווידערזען.

פונדעסטוועגן, צווישן אומענדלעכע שמועסן וועגן דער „לאַגע", קאָן מען נישט אין גאַנצן אַרויסוואַרפן און אויסמעקן געדאַנקען, דאגות און די רוטין־פּלענער (אָ, די דאָזיקע גלענצנדיקע רוטין!) נאָר מען לייגט זיי אָפּ אויף בעסערע טעג. און הגם ס'איז פאַראַן ווער ס'זאָל זאָגן וועגן די טאָג־טעגלעכע זאַכן: „דאָס ליגט דיר איצטער אין זינען?" — קאָנען מיר דאָך נישט מוותר זיין אויף די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען און צרות. מיר ווילן נישט גלויבן, אַז די וואָכעדיקע טעג וועלן אַזוי גיך זיך נישט צוריקקערן צו אונדז.

די ערד — בלויז זי טרייבט איבער מיט אירע בליעכצן. נישטאָ קיין צוים פאַר איר פאַרשווענדערישן פרילינג, וואָס טוישט זיך מיטן גאָלדענעם זומער.

דער פרילינג קען נישט קיין צוים. אָבער דער רעש פון די מאָטאָרן אויף אונדזערע שאָסייען — איז עפּעס נערוועזער ווי תמיד. דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך אין אַ געצוימ־טער שפּאַנונג, דריקט צונויף און פאַרשטאַרקט דעם שטאָל פון זיינע פויסטן, און וואַרט.

✶

12.6.67

אַ וואָך שפּעטער... וואָס נאָך קאָן מען צוגעבן צו דעם, וואָס ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, וועגן אָט דער וואָך פון די וווּנדערלעכע בליצן און דונערן? ווי אַזוי שמעלצט מען איבער די מאַסע געפילן אין אויסגעסדרטע ווערטער, בעת דעם שכל איז שווער צו באַגרייפן די מעכטיקייט פון די בליצאַרטיקע פּאַסירונגען, און דאָס הארץ, וואָס וויל נישט צוריקקערן צו זיינע נאָרמאַלע פּולסירונגען, שרייט פון פרייד און ווייטיק?

דער צוואַנציק־יאָריקער זעלנער האָט געשריבן אַהיים „דאַן", פאַר דער נייער ציי־טרעכענונג: „מאַדנע, אָבער פּלוצעם הויבט מען דאָ אָן צו רעדן ערנסט וועגן דער מלחמה און דו האָסט נישט קיין ברירה. דאָס פאַרכאַפּט דיך. מאָדנע, ווי אַזוי אַזעלכע ,שיינע' באַגריפן ווי ,געוועזר־חברים', ,קאַמף־ברודערשאַפט' און ,באַציִונג צו געפאַנגענע' הייבן אָן אַרויסגיין פון די געגנדזנפּיסלעך. און דו זאָגסט דיינע חברים פון דער טאַנק־מאַנשאַפט, וואָס בלויז מיט געציילטע טעג פריער האָסטו זיך מיט זיי באַקענט: ,מיר גייען'... שוין נישטאָ קיין געדולד צו ליגן דאָ אין מדבר, און פאַראַן מאָמענטן, ווען אַפילו איך וויל סוף־סוף עפּעס טאָן..."

דער זעלנער, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אַ וואָך שפּעטער, האָט נישט דערציילט זיין דערציילונג ווי אַן אַוואַנטורע, פאַרשיכורט פון נצחון. קיין שום פאַרריסענע „חברהמאַנישקייט" איז נישט געווען אין זיינע רייד. „ווען מען גייט אַריין אין דעם, זעט אַלץ אויס אַנדערש", האָט ער געזאָגט, און ביטער איז געווען זיין שמייכל.

מיר, וואָס האָבן געציטערט אין הינטערלאַנד פאַר אים, וועלן נישט קאָנען באַגרייפן מיט אונדזער פאַנטאַזיע דאָס וואָס ער האָט דאָרט געזען, און ווי אַזוי ער איז פּלוצעם אָן אַ שיעור רייפער געוואָרן.

היינט, ווען די באַקאַנטע נעמען אינעם שוואַרצן רעמל (און זיי זענען אַ סך, נישט צום איבערטראַגן) שלאָגן אונדז מער ווי יעדע אַבסטראַקטע צאָל, און מיר פרייען זיך מיט דער גרעסטער און מעכטיקסטער פרייד מיט די אונדזערע, וואָס האָבן זיך צוריק־געקערט — איז אונדז שוין דערלויבט אַרויסצולאָזן אויף דער פריי אַלע שטורמישע געפילן און אָנרופן מיטן בפירוש נאָמען די אַלע אַנגסטן, וואָס מיר האָבן באַהערשט.

און אויך לויבן אַ ביסל זיך אַליין, אין „הינטערלאַנד". ווייל מיר האָבן אויף „אים" און אויף אַלעמען געוואַרט שטילערהייט, און מיר זענען נישט משוגע געוואָרן מיט דער שרעקלעכער דאגה, און מיר האָבן געטאָן אַלץ מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד. און אונדז איז דערלויבט ווייטער מתפלל צו זיין: „ולא ילמדו עוד מלחמה"...*

(מסילות)

* און זיי זאָלן נישט לערנען מער מלחמה האַלטן.

איך האָב אָנגעהויבן פילן אַז די מלחמה איז ביי מיר אין דער היים

שמועס אין תל־קציר

באַרבאַראַ: שוין צוויי וואָכן פריער איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז אין קיבוץ געווען אַ גרויסער גערודער. אין האַרצן האָב איך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז איך וועל זיצן מער ווי 12 שעה אין שוץ־קעלער, אין משך פון אַלע יאָרן, וואָס איך בין אין תל־קציר, און אַזאַ איז געווען מיין געפיל אויך אין די וואָכן פון פאַר דער מלחמה. איך בין געווען די איינציקע, וואָס איז געקומען אין שוצקעלער לגמרי נישט צוגעגרייט, און אַפילו נאָך דעם ווי מיר זענען דאָרט געזעסן זעקס טעג, איז דאָס מיר אויך שווער געווען צו באַגרייפן.

אינטערעסאַנט איז ווי ווייט אַ מענטש קאָן זיך שנעל צוגעוווינען צו יעדער זאַך, אַפילו צום ערגסטן. איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט אַ חברטע פון עין־גב און זי האָט מער דערציילט: „שבת, דעם פינפטן טאָג פון דער מלחמה, האָבן מיר שוין געפילט דעם שבת אין בונקער. מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם, אַז דאָס איז מער־ווייניקער אונדזער איצטיקער פלאַץ. פלוצעם האָבן מיר אָנגעהויבן פילן, אַז דאָ, אין בונקער, איז אַ טייל פון אונדזער נאָרמאַלן לעבן. מיר האָבן אַפילו אָפּגעריכט אַ „קבלת שבת”. און דאָס האָט אונדז אויך מער פאַרפּליכטעט. אָבער איך האָב טאַקע קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אין משך פון 6 טעג אין שוץ־קעלער קאָן מען אויך שאַפן אַ געוויסן לעבנס־שטייגער.

ציפורה: איך בין געווען אין בונקער מיט די קליינע קינדער, און האָב געטראַכט וועגן דעם ערגסטן, אויב מיר וועלן חס־וחלילה דאַרפן עוואַקויִרן די קינדער פונעם אָרט. מיר האָבן נישט געטראַכט, אַז דאָס וועט זיך ענדיקן אַזוי גוט און אַזוי גיך. אין מאָמענט ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך געהערט קולות פון פרייד אין קיבוץ. אין יענעם מאָמענט האָב איך נישט געוווּסט, צי איך זאָל זיך פרייען אָדער מורא האָבן. דאָס זענען געווען פאַר מיר די שווערסטע און גלייכצייטיק די זיסטע מאָמענטן.

בירה׳לע: איך האָב שוין אָנגעהויבן פילן די מלחמה דעם פרייטיק פאַר דעם. ווען עס זענען פּלוצעם אָנגעקומען די מאָביליזאַציע־באַפעלן פאַר חברה. שוין דאַן האָט מען געפילט, אַז עפּעס וועט פּאַסירן, און באמת — צוויי טעג שפּעטער האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. איך האָב יענעם אינדערפרי געאַרבעט אין עסצימער. מיר האָבן געהערט די ידיעה אין ראַדיאָ, אין קיך. מיר האָבן נישט אויפגעכאַפּט גענוי וועגן וואָס עס רעדט זיך. מיר האָבן בלויז געהערט דאָס וואָרט: קאַמף. מיר האָבן זיך נישט צוגעהערט גענוי ווו און נישט געהערט גענוי וואָס. — מיר זענען געלאָפן צום עסזאַל, כדי מודיע צו זיין, און די ערשטע רעאַקציע איז געווען אַ מין פרייד, געמישט מיט זאָרג. אפשר נישט קיין שמחה, נאָר עפּעס אַן ענטוזיאַזם. דערנאָך האָט מען געהערט וועגן אָנהויב פון דער מלחמה, און מ׳האָט געהאַלטן אין איין וואַרטן אויף דער מיטטיילונג אַראָפּצוגיין אין שוץ־קעלערס. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז די מיטטיילונג וועט קומען. און

באמת — אין דער זעלבער מינוט איז אָנגעקומען די מיטיילונג. תיכף האָט מען אַראָפּ־געפירט די קינדער אין די בונקערס. די דערוואַקסענע האָבן זיך באַצויגן צו די זאַכן אַ ביסל גלייכגילטיק. מיר האָבן נאָך נישט געפילט די זאַכן ממש אויף זיך. אין משך פון די יאָרן האָבן מיר דאָ איבערגעלעבט נישט ווייניק אינצידענטן, און מיר זענען געזעסן אין די בונקערס, אָבער קיין מאָל האָט דאָס נישט געדויערט מער ווי געציילטע שעהן. אַפילו פאַר די קינדער איז געווען אַ מין איבערלעבונג אַראָפּצוגיין אין די בונקערס אויף אַ פּאָר שעה. אָבער קיין מאָל האָט דאָס אַראָפּגיין אין בונקער נישט איבערגעלאָזט אַזעלכע שטאַרקע איינדרוקן ווי אין יענע טעג. מיר זענען געזעסן אין בונקער און געהערט ראַדיאָ. מיר האָבן זיך געפרייט מיט יעדן נצחון און די זאַך האָט געשיינט צו זיין ווייט פון אונדז. ערשט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערנסטע באָמבאַרדירונג פון קיבוץ, האָב איך דערפילט, אַז די מלחמה איז ביי מיר אין שטוב. מען קאָן זאָגן, אַז די מלחמה איז אין יענעם טאָג נישט געווען אַזוי אָנגענעם...

ראָכקע: ערגער איז געווען ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען. די באָמבאַרדירונג — איז אַ באָמבאַרדירונג, אַ רעש און אַ ביסל האָט מען מורא. אָבער דער שווערסטער איינדרוק איז געווען דאָן, ווען מיר זענען אַרויס אין דרויסן און געזען די צעשטערונג. ווען ס'איז ווידער געווען אַ באָמבאַרדירונג און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין בונקער, האָבן די קינדער מיר געזאָגט: „זיי וועלן אונדז נישט איבערלאָזן קיין שום זאַך". (זיי האָבן פריער געזען די צעשטערטע הייזער). „מיר זעען, אַז זיי טרעפן גוט, און איצט, ווען מיר וועלן אַרויסגיין פון בונקער נאָך דער מלחמה, וועלן מיר בכלל נישט האָבן קיין הייזער". אויך נאָך דער מלחמה האָט מען מיט אַ שווער געמיט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף... אין יענע טעג, צווישן די חורבות, האָבן די קינדער זיך נישט געקאָנט געפינען אין די קינדער־היימען ביז זיי וועלן נישט רעמאָנטירט ווערן און עס וועלן נישט באַזייטיקט ווערן פון דאָרט די צעשטערונגען. זיי פלעגן אַראָפּפאָרן יעדן טאָג קיין דגניה* און זייער לעבנס־ראָם איז נישט געווען רעגולירט. דאָס איז געווען פאַר אונדז, אין תל־קציר, די שווערסטע זאַך. נישט אַזוי די באַשיסונג, ווי די רעזולטאַטן.

מוקי: יעדער איינער האָט אין האַרצן עפּעס געוואָלט. צי איז געווען, לויט אייער מיינונג, אַן אונטערשייד צווישן דעם, וואָס עס האָבן געוואָלט די מענער און דעם, וואָס עס האָבן געוואָלט די פרויען? צי האָבן די פרויען גערעדט וועגן דעם, וואָס קען פּאַסירן אויף דער מלחמה, מער ווי די מענער, אָדער ווייניקער ווי די מענער? וואָס איז אייער איינדרוק?

בירה'לע: די פרויען דריקן זיך אויס ווייניקער. די מענער בדרך־כלל שטייען און רעדן — דיסקוטירן אויפן טראָטואַר. און ווען אַ פרוי גייט פאַרביי באַגנוגנט זי זיך מיט צוהערן. יעדע איינע האָט געטראַכט אין איר האַרצן וועגן די זאַכן, אָבער האָט זיך נישט באַטייליקט אין די שמועסן...

איך מיין, אַז אַלע האָבן אין דער זעלבער מאָס געוואָלט, אַז דער מצב זאָל דעצידירט ווערן אַהין אָדער אַהער, און אַז עס זאָל נישט אָנהאַלטן די געשפּאַנטע לאַגע פון פאַר דער מלחמה. אַלע האָבן דאָס געוואָלט. די צוויי וואָכן פאַר דער מלחמה זענען געווען

---

* אַ שכנותדיקער קיבוץ.

זייער שווערע. איך מיין, אַז זיי זענען געווען שווערער ווי די וואָך פון דער מלחמה גופא.

מ ו ק י: ווי אַזוי האָבן די קינדער רעאַגירט בעת דער מלחמה? צי געדענקען זיי די זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט? פאַר דער מלחמה, אין דער מלחמה, נאָך דער מלחמה?

ר אָ כ ק ע: אַ געוויסן טאָג האָבן מיר נאָך מיטאָג געמאַכט אַן איבעררייס און זענען אַרויס מיט די קינדער. די עלטערן האָבן גענומען די קינדער, און זיי אַרומגעוואַשן. מיר זענען דאָן געווען אַ פּאָר שעה הינטער דער מויער, וואָס האָט זיך אונדז צו יענער צייט אויסגעדאַכט, אַז זי באַשיצט אונדז. מיר האָבן זיך אַליין אָפּגענאַרט. נאָך דעם ווי מיר זענען אַרויף צו דער רמה האָבן מיר זיך פּלוצעם איבערצייגט, אויף וויפל זי פּאַרטיידיקט נישט... נאָך דעם ווי איך האָב אַרומגעוואַשן נירן האָט מיך דודו געפרעגט: „אמא, זאָג מיר, די אַראַבער האָבן אויך אַ מויל, האָבן הענט?". ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די אַראַבער ווי עפּעס פאַנטאַסטישע מאָנסטערס. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז זיי זענען מענטשן אַזוי ווי מיר — בין איך נישט זיכער, אַז ער האָט עס באַנומען.

ב אַ ר ב אַ ר אַ: אָפּט מאָל האָב איך דעם איינדרוק, אַז מיר שאַצן נישט ריכטיק אָפּ די רעאַגירונגען פון די קינדער. עס האָט מיר דערציילט די לערערין אין עין־גב *, אַז אין ערשטן טאָג פון די באַנייטע לימודים, האָט זי גערעדט מיט די אַנדערע קינדער און זיי געזאָגט: „איר זאָלט נישט פרעגן די קינדער פון תל־קציר וועגן דער מלחמה און די באָמבאַרדירונגען, איר זאָלט רעדן מיט זיי וועגן אַנדערע זאַכן. איר זאָלט זיי נישט דערמאָנען. זי האָט געמיינט, אַז אונדזערע קינדער וועלן קומען אין שול אַריין מיט עפּעס אַ שאָק. אָבער נישט געשטויגן נישט געפלויגן. די קינדער האָבן גערעדט וועגן די באָמבאַרדירונגען און וועגן די פאַרניכטונגען ווי וועגן אַ זעלבסטפאַרשטענדלכע זאַך. זיי האָבן דערציילט מיט אַ מין באַרימערײ נאָך איידער מען האָט באַוויזן זיי צו פרעגן. און אַזוי איז עס. זיי האָבן דערציילט אַלץ וואָס זיי האָבן געוווּסט און זענען אַריבער צום סדר־היום. דערנאָך איז געווען, פאַרשטייט זיך, די פּרשה פון צונויפזאַמלען שפּליטערס און קוילן, און כל־מיני באַגלייט־דערשיינונגען פון דער מלחמה. אָבער דער שאָק גופא, וואָס פאַר אונדז, דערוואַקסענע, איז ער געווען זייער אַ גרויסער, האָט לגבי זיי בכלל נישט עקזיסטירט. זיי האָבן דאָס אויפגענומען זייער רויק.

מ ו ק י: פאַרוואָס האָבן די דערוואַקסענע מורא געהאַט פאַר דער רעאַקציע פון די קינדער?

צ י פּ ו ר ה: ווען מיר זענען צום ערשטן מאָל אַרויס פון בונקער נאָך די באָמבאַרדי־רונגען, האָבן מיר געהאַט זייער אַ שווער געפיל. די דאָזיקע צעשטערונגען אין קיבוץ... און די גראָז־בייטן באַדעקטע מיט שטיינער. דאָס האָט באמת זייער שווער געווירקט. הגם שפּעטער, ווען מיר זענען שוין ממש אַרויס פונעם בונקער, האָט דאָס דיר אויסגעזען אַנדערש. אָבער דער ערשטער איינדרוק איז געווען זייער אַ דערדריקנדיקער. און ווען

---

* אַ שכנותדיקער קיבוץ ווי עס געפינט זיך אַ רעגיאָנאַלע שול פאַר די קינדער פון עטלעכע קיבוצים אין איינעם.

מיר זענען אַזוי שווער באַאיינדרוקט געוואָרן, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז אויף די קינדער וועט דאָס ווירקן נאָך שווערער.

— — — די שריפה פון עסזאַל. די דערוואַקסענע האָבן זיך באַמיט עס אויפצונעמען לייכט. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מיט הומאָר און געזאָגט: „אָ, פיין, איצט וועלן מיר קויפן אַלץ נײַ. מיר וועלן ברענגען נײַע זאַכן פאַרן עסצימער". און דאַן האָבן די קינדער פון קינדערגאָרטן געפרעגט ציונהלע, די קינדער־גערטנערין: „פאַרוואָס פרייען זיי זיך, דאָס האָט דאָך אָפּגעברענט, און דאָס איז געווען אונדזערס?"

ר אָ כ ק ע: די קינדער זענען געווען באַאיינדרוקט אויף זייער שטייגער. מיר שיינט, אַז די דערוואַקסענע האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס און די קינדער האָבן זיך געוווּנדערט, זעענדיק ווי אַזוי די דערוואַקסענע רעאַגירן. זיי האָבן זיך באַצויגן צו דער מלחמה מיט זייער אַ רעאַלן צוגאַנג. נישט געווען קיין אויסדרוקן פון שרעק אין בונקער גופא. להיפך, ס'איז געווען רויִק אין משך פון טאָג און אויך אין משך פון דער נאַכט. אָבער ווען איך האָב גערעדט מיט די קינדער נאָך דער מלחמה, האָט מיר אַ מיידעלע דערציילט, אַז פאַר דער מלחמה איז זי געווען שטאַרק באַזאָרגט פון דעם, אַז די מלחמה וועט זיין דאָ, ביי אונדז, אין תל־קציר. זי זאָגט: „אָבער איך האָב געזען, אַז די מלחמה איז נישט ביי אונדז (מיר האָבן אויך געהערט זייער פיל ראַדיאָ), און איך האָב געזען, אַז די סיריער זענען נישט געקומען צו אונדז, האָב איך אויפגע־הערט זיך צו שרעקן און ביז איצט האָב איך נישט קיין מורא". די גרעסערע קינדער האָבן אויף די אייגענע אויגן געזען די דעראָבערונג פון דער רמה און דאָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זייער באַוווּסטזיין. דאַקעגן האָבן די קליינע קינדער זיך געשראָקן מער. די צוויגקינדער למשל, שרעקן זיך ביזן היינטיקן טאָג, הערנדיק דעם רעש פון עראָפּלאַנען. ווען זיי דערהערן דעם גערויש פון אַן עראָפּלאַן — טוליען זיי זיך צו אַ דערוואַקסענעם. ביי די גרויסע קינדער איז נישט פאַראַן אַזאַ דערשיינונג. זיי האָבן אויך געזען און פאַרשטייען שוין בעסער, אַז די גרענעץ איז שוין נישט דאָ, און ס'איז נישטאָ קיין מורא.

מ ו ק י: ווי אַזוי איז געווען די אַטמאָספער אין די בונקערס?

צ י פ ו ר ה: ביי אונדז איז געווען שווער, ווייל דאָס איז הויז אַ פּאָר צוויגקינדער. געשרייען 24 שעה אין מעת־לעת. איך מיין, אַז די אַלגעמיינע אַטמאָספער איז געווען, אויך אין לאַנד, אַז יעדער איינער קאָן געבן דאָס, וואָס ער קאָן. מען האָט נישט געמאַכט די קליינע חשבונות. מעגלעך אַז דאָ און דאָרט זענען געווען אויסברוכן, ווייל סוף־כל־סוף איז דאָך אַ מענטש נישט מער ווי אַ מענטש. בדרך־כלל האָבן זיי זיך באַמיט זיך צו באַהערשן.

ב אַ ר ב אַ ר אַ: מיר האָבן געהאַט דאָס גליק, אַז די מענער און די טאַטעס פון די קינדער זענען געווען אין דערהיים, און נישט „ערגעץ־ווו". יעדן טאָג האָבן מיר זיי געזען און דאָס האָט צוגעהאָלפן צו דער אַלגעמיינער באַרויִקונג. מען קאָן נישט פאַרגלייכן אַ קיבוץ אין וועלכן ס'זענען פאַרבליבן כמעט בלויז פרויען און אַלטע לייט, צו תל־קציר. איך האַלט נישט, אַז מיר קאָנען.... גוט, מיר האָבן טאַקע איבער־געלעבט שווערע מאָמענטן, אָבער די אַנדערע, מיין איך, זענען געשטאַנען אין אַ פיל

גרעסערער שפּאַנונג ווי מיר, חוץ דער באָמבאַרדירונג. איך האָב באַקומען בריוו פון חברטעס אין אַנדערע קיבוצים, און מיר זענען געווען דאָ, אין עמק*, אין געוויסע קיבוצים. די אַטמאָספער אין אַנדערע ערטער איז געווען אַ פיל שווערערע. מיינע עלטערן, וואָס זענען געקומען פון תל־אביב, האָבן געזאָגט: „אין תל־אביב פילט מען די שפּאַנונג אויף דער גאַס און דאָ איז שמחה וששון". ווייל דאָ, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, האָבן זיי נישט אָפּגעפּילט... זיי האָבן געפילט, דאָס הייסט זיי האָבן געלייענט אין דער צייטונג, אָבער אַז משפּחות זאָלן פּערזענלעך געטראָפן ווערן איז נישט געווען. און דאָס איז איינע פון די זאַכן, וואָס מען דאַרף נעמען אין חשבון.

מוקי: דו האָסט דערמאָנט, אַז די קינדער האָבן מורא געהאַט, אַז די מלחמה וועט זיין אין תל־קציר. צי האָסטו נישט מורא געהאַט, אַז די מלחמה וועט זיין אין תל־קציר?

ציפורה: איך האָב געהאַט אַ זייער שווערן מאָמענט. דאָס איז געווען אין טאָג ווען די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט זיבן שעה נאָכאַנאַנד. מיר זענען געווען זיבן פּרויען אין בונקער, וואָס פון דער אַנדערער זייט מויער, און מיט אונדז בלויז איין מאַן. מיר זענען געווען ווי מחוץ דעם קיבוץ, אָפּגעשניטן פון אַלץ. און צוויי שעה צייט איז נישט געווען קיין שום טעלעפאָנישע פאַרבינדונג. מיר האָבן געוואַרט אויף עפּעס אַ שטים. פּלוצעם הער איך דעם אָפּהילך פון שריט פון מיליטערישע שיך. איך שריי: „ווער איז דאָס?" און מען ענטפערט נישט. „ווער איז דאָס?" — און קיין שום ענטפער. און דאָ האָבן מיר מיט אייניקע מינוט פריער גערעדט: וואָס וועט פּאַסירן אויב ס'וועט זיין אַן אינוואַזיע? און דו הערסט די דאָזיקע טריט, און ער קומט זיך אַריין... אין לעצטן מאָמענט דערזע איך גדעונען. איך האָב ממש אַ געשריי געטאָן אויף אים. דאָס איז געווען זייער אַ שווערער מאָמענט. אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה זענען מיר געזעסן און פּלאַנירט ווי אַזוי דאָס וועט זיין, וויפל שעה וועלן מיר דאָ זיין אָן הילף, עראָפּלאַנען א. ד. גל. אָבער נאָך די ערשטע ידיעות וועגן די נצחונות, האָבן מיר אַלע דערוויטערט פון אונדזערע הערצער די געדאַנקען וועגן אַן אינוואַזיע. דאָס האָט געגעבן בטחון.

מוקי: וואָס איז געווען אייער רעאַקציע נאָכן נצחון, בעת איר האָט געזען די זעלנער קלעטערן אויף דער רמה?

ראָכקע: מיר האָבן געוויינט. מיר זענען געווען גערירט. די קינדער זענען געשלאָפן. איך בין געגאַנגען זיי אויפוועקן, כדי אויך זיי זאָלן זען, איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן. ס'איז געווען וווּנדערלעך צו זען די טאַנקען פאָרן אַרויף אויבן. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. טראָץ דעם פאַרבאָט אַרויסצוגיין פון די בונקערס — זענען מיר געשטאַנען און געקוקט...

נאָך דעם ווי אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט איז אָנגעקומען דאַדו** אין אַ העליקאָפּטער און געלאַנדעט אויפן הויף. האָסט געדאַרפט זען דעם געלאַף פון אַלעמען צום

---

* ירדן־טאָל.

** גענעראַל דוד אלעזר, דער קאָמאַנדיר פון צפון־פראָנט.

העליקאָפּטער... סתם קומען, שטיין לעבן אים, נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. אים זען און הערן פון אים אַ וואָרט. עמיצער האָט אים אויפגעהויבן אין דער הויך. זיי האָבן ממש נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. מענטשן האָבן דאָרט ממש געוויינט.

מוקי: און וואָס האָט איר געפילט ווען איר זענט געקומען קיין תאופיק? *

בירה׳לע: מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר האָפן, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין נייע רונדע.

באַרבאַראַ: איך האָב געזאָגט, אַז כ׳וועל זיין אַ פּחדנטע, אויב מען וועט צוריק־געבן די רמה.

ראָכקע: פאַר דעם האָבן מיר געמיינט, אַז עס זענען פאַראַן אייניקע פּלעצער אין תל־קציר, וואָס זענען ווי עס איז געשיצט. תמיד האָט מען געזאָגט, אַז ס׳איז כדאי צו וווינען נאָענט צום באַרג, ווייל דאָס איז דער פּלאַץ, וועלכער איז צומייניסטנס געשיצט. אָבער ווען מיר זענען געשטאַנען אויבן און געזען ווי מיר זענען אויסגע־שפּרייט ממש ווי אויף דער האַנטפּלאַך...

מוקי: איך מיין, אַז איר האָט באַזוכט די רמה און איר האָט געזען, וואָס עס איז צעשטערט געוואָרן און וואָס עס איז פאַרבליבן. איך וויל אייך פרעגן וואָס איר האָט געפילט ווען איר האָט געזען די צעשטערטע דערפער, די פאַרלאָזענע הייזער א. ד. גל. צי האָט איר געטראַכט וועגן זיך, וועגן זיי...

בירה׳לע: אין איינעם פון די פאַרלאָזענע הייזער האָב איך געפונען אַ טעקע פון אַ קינד אין ערשטן קלאַס. איך האָב זיך נישט שטאַרק געפרייט... ווען איך האָב געבלעטערט אין לערן־בוך האָב איך וואָס אַן אמת, געזען אַ צייכענונג פון זעלנער מיט באַגנעטירטע ביקסן אַנגעשטעלט קעגן ישראל, אָבער פון דעסטוועגן האָבן געליטן נישט נאָר די שולדיקע. איך האָב נישט געפילט קיין פרייד.

— — — ווען עס זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די פאַרלוסטן — איז שוין בכלל נישט געווען קיין פרייד. אין משך פון די מלחמה־טעג איז געווען אַ געוויסער ענטוזיאַזם. דערנאָך איז געווען אַ קלעמעניש. אין דער לעצטער וואָך, אָדער אין די לעצטע צוויי וואָכן, האָבן מיר זיך באַפרייט פון איר. שוין נישט געווען דאָס באַזונדערע געפיל, וואָס אין דער מלחמה־צייט. צוליב אונדזערע קרבנות, און בכלל. מיר האָבן געזען פּליטים. עס זענען געגאַנגען מענטשן מיט אייזלען און מיט כל־מיני זאַכן. מיר האָבן אויך געהאַט אַלגעמיין־מענטשלעכע געדאַנקען: מלחמה איז נישט קיין גוטע זאַך, אַפילו ווען מען זיגט.

באַרבאַראַ: פון אַט דעם שטאַנדפּונקט איז דער אויספלוג אויף דער רמה געווען שרעקלעך דערדריקנדיק. דער דאָזיקער גאַנצער וועג איז געווען איין גרויסער שוידער. ווען מיר זענען געפאָרן הינטער קונייטראַ ** און מיר האָבן געזען פונדערווייטנס אונדזערע ישובים, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט... מיר זענען ווידער דערגאַנגען צום תחום פון דער ציוויליזאַציע. און דאָך האָבן מענטשן געלעבט אַזוי נאָענט פון אונדז,

---

* דאָס אַראַבישע דאָרף, אויפן באַרג, איבער תל־קציר, פון וואַנען מען פלעגט באַשיסן דעם קיבוץ און די געגנט.

** די צענטער־שטאָט אין דער געגנט.

אויף אַזאַ מרחק, אַז ס׳איז ממש נישט אָנגענעם פון דעם שטאַנדפּונקט דאָרט צו שפּאַצירן. אויך צוליב דעם, וואָס דאָרט איז אַזוי אַלץ אָפּגעלאָזן און אָפּגעשטאַנען.
צ י פּ ו ר ה : אין צווייטן אָדער דריטן טאָג פון דער מלחמה איז אונדזער עסזאַל צעשטערט געוואָרן. פון אַלע קיבוצים אין עמק האָט מען טעלעפאָנירט און געפרעגט צי עס פעלט אונדז עפּעס. צי מיר דאַרפן עפּעס האָבן. עס זענען געווען טעג, ווען ס׳איז ממש געווען אַ באַמבאַרדירונג און זיי האָבן געזאָגט: מיר וועלן זיך נישט רעכענען מיט דעם, מיר וועלן קומען. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אָפּפערן זיך. אַ געוויסן טאָג האָבן זיי נישט געקאָנט קומען און איין קיבוץ האָט זיך איינגעעקשנט: „צי האָט איר עסן פאַר די קינדערלעך?״ איך האָב געזאָגט: „אויב מען דאַרף קומען איצט, בין איך מוותר״. אָבער זיי האָבן מיך געפרעגט: „פאַראַן אָדער נישט?״ און זיי האָבן געוואָלט קומען צו אונדז, נישט געקוקט אויף דער באַמבאַרדירונג.

צום אנדענק
פון די
געפאלענע

א. עלי / אויפן באַרג פון רו

אמנון'ען און חנן'ען, זין פון עין־שמר
וואָס זענען געפאַלן אין דער שלאַכט פאַר ירושלים.

אויפן באַרג פון רו — ניטאָ קיין רו.
ריי נאָך ריי
ליגן די אויפגעגאַנגענע פאַר אַ קרבן
אין ענגן קבר —
און די ערד קאָן זיי ניט צונעמען.

ניטאָ קיין רו אויפן באַרג פון רו.
פאַרביסענע קעמפער — ריי נאָך ריי —
ראַנגלען זיך: גראָבן מיט נעגל זיך אַיין אינעם פעלדז,
רודערן מיט עלנבויגנס אין דער פינצטער,
שעפטשען צו דער ערד: נעם צו אונדזער גאָב, מאַמע,
נעם אונדז אויף...

און די ירושלימער האַרטע, געטרייע ערד,
די ליבנדיקע ערד פון ירושלים,
קאָן זיי ניט אויפנעמען —

זיי זענען ניט אירע,
זיי זענען ניט פון טויט:
הילכנדיקע, אייביק יונגע, זיי לאַכן און טומלען,
און דער טויט אויף זיי — ווי אַ מאַסקע.

איז ווי זיי אויפנעמען, ווי אַריינגעמען אין איר בלוט־קרייז —
אַלטקייט פון סאָסנעס, בלייכקייט פון שטיינער,
שטילקייט פון בערג,
זיי אָװעקלייגן — פאַרגליווערטע זיילן זכרונות —
אין די אייביקע מויערן פון ירושלים.

(און דאָס שווייגן פון די אַנדערע געפאַלענע,
און דאָס געוויין פון מאַמעס, אלמנות און קינדער
וואָס טוען תפילה פאַר די געפאַלענע)

און די האַרטע, גוטע ירושלימער ערד,
די ירושלימער ערד, וואָס אויסגעטריקנט פון טרערן,
די באַגלייבטע ירושלימער ערד —
מיט זיך, מיט זיך —
נאָר זי קאָן ניט...

און אויפן באַרג פון רו — ניטאָ קיין רו.
רייען רייען אויפגעגאַנגענע פאַר אַ קרבן,
לויטערע, סאַמע בעסטע,
וויינען אין ענגן קבר,
בעטן זיך צו דער ערד: נעם אונדז צו, מאַמע,
קלייב אונדז אויף,
ווייל אַרויסגעריסן זענען מיר געוואָרן פון לעבן
און צום טויט קומען קאָנען מיר ניט.

(עין שמר)

יידיש: מ. י.

יהודה בן זאב ז״ל / מאַטיק*

שטיל און שווער האָבן מיר פאַרלאָזן דעם גרויען, איינגעבויגענעם, קיילעכ־דיקן און אַזוי זויער־דעמפּיקן באַראַק. דאָרט ליגט ער, אַ יונגער — פאַר־וווּנדעט און פאַרסמאַליעט, בייסט איין זיין ציטער אין קישן. אַן אָנגע־לאָדענע שווערקייט און זויערע דעמפּיקייט צעמאָרטשעט אַלץ.

ס׳איז צוגעפאַלן אַ פינצטערניש און אויסגעשפּרייט אירע מאַנטלען. טראָפּן נאָך טראָפּן איז מוטנע געוואָרן דער הימל און זיין אָנגעזיכט איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וויינענדיקן איבערצוג פון מאַטע, טרויעריקע און אין שוואַרץ זיך טובלענדיקע כמאַרעס. קרום האָבן זיי זיך צעוויקלט — דאָ און דאָרט. דאָ זייער צונג און דאָרט זייער עק, ווי אָפּשפּעטער. און שוין שטופּן זיך צו אונדז די פויסטיקע טראָפּנס, איינער נאָך דעם אַנדערן, איינזאַמע אין זייער יאוש, שלעפּן מיט מיט זיך קרומקייט און אומעט. און דער איינגע־בויגענער הימל איז פול ביז זיין האַרץ מיט אַ גרויסן און טיפן טרויער, וואָס שפּרייט זיך אויס פון עק צו עק, און ווייסט נישט פון קיין גרענעצן און תהומען.

מיר האָבן זיך געשלעפּט צום טויער מיטן שטעג וואָס ציט זיך אַרום און אַרום און מיט אונדז — די גרויסע, דיקע און אַזוי ווי וואָלענע פינצ־טערניש. און זי איז אַזוי גוט צו אונדז, אַ באַרעמהאַרציקע און פול מיט פאַרשטענדעניש. מען האָט געקאָנט וויינען אין איר שויס, מען האָט איר געקאָנט אַלץ דערציילן, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און רמזים. און זי האָט פאַרשטאַנען, אַלץ פאַרשטאַנען. האָט אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און

* פונעם עזבון פון יהודה בן־זאב, אַ זון פון צווייטן דור אין עין־הכרמל, אַ וועטעראַן פון דער פאַראַשוטיסטן־איינהייט. געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר ירושלים.

אויסגעשטרעקט אַ האַנט. זי איז אַן אונדזעריקע, ממש. מיר האָבן איר דערציילט וועגן מאָטיק, מיר האָבן איר דערציילט, אַז זיין צוזאָגנדיק לעבן איז אַן אָפּגעריסן, פֿאַרבלוטיקט און פֿאַרקרימט לעבן. מיר האָבן איר דער־ציילט וועגן זיין פֿאַרברענטער הויט, וועגן זיין האַנט, וואָס איז אַריינגע־שטעקט אין אַן אַרבל פֿון גיפּס, און וועגן זיינע פּיס. וועגן זיינע פּיס האָבן מיר דערציילט.

ביז צום אָרט, וווּ עס שטייט דער אויטאָ מיט זיין מאַנשאַפֿט, ביז צום פּלאַץ וווּ ליכט צעטרייבט יעדע טונקלקייט. דאָרט איז נישט פֿינצטער, דאָרט לעבן גאַנצע מענטשן...

מאָטיק איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן צו זיין פֿאַרווונדעט. ער האָט נישט געטאָרט פֿאַרווונדעט ווערן. ס'איז שווער צונויפֿצופּאָרן די שפּרודלדיקע בראשיתדיקייט, וואָס איז אָנגערופֿן געוואָרן אויף זיין נאָמען, מיט צוגע־בונדנקייט צו אַ בעט און אַ צימער. די גיפּס־קלאַמערס אויף אים האָבן געשיינט צו זיין ווי דער גראָבסטער מעדיצינישער טעות. דאָס זענען צוויי זאַכן, וואָס עקזיסטירן באַזונדער. ער גופא איז געווען ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס איז נישט פֿאַרענדיקט, נישט אויסגעאַנצט — ווי אַן אַרויספֿאָדערונג צו אַלץ וואָס איז אָנגענומען און קאָנווענציאָנעל. זיין וואָרט איז ווי אַ בת־קול פֿון דער אורשפּרינגלעכער, פּרימיטיווער ווירקלעכקייט, וואָס קען נישט קיין מאַסקע פֿון צוגעאייגנטע און דערוואָרבענע מנהגים. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז די ווערטער ווערן ביי אים נישט אַרויסגערעדט ווי ביי אַלעמען. — אין עצם אַרויסרעדן דאָס וואָרט, אין זיין קלאַנג און אין זיין ריטעם, איז שוין געווען זיין כוונה און זיין מיין. עס שיינט, אַז דו האָסט זיך נישט געניייטיקט אין באַנעמען די לאָגישע באַדייטונג פֿון די ווערטער, כדי צו פֿאַרשטיין, וועגן וואָס זיי רעדן. און אַזוי האָט ער זיך דערוואָרבן ביי אונדז אַ כמעט־לעגענדאַרע קענטעניש פֿון רעאַגירן. אַ האַלבער זאַץ, וואָס איז אַרויס פֿון זיין מויל ווי אגב־אורחא, איז גענוג געווען כדי אַרויס־צורופֿן אַלגעמיינעם שפּאָט און ביטול. כמעט אומבאַוווסטזיניק איז דער געדאַנק, ווי אַזוי מאָטיק וועט רעאַגירן, פֿאַרבונדן געוואָרן מיט יעדן וואָרט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז. ער האָט געשאַפֿן אין אונדז נייע באַגריפֿן און ווערטן, וואָס האָבן גלייך מיט זייער געבוירן ווערן באַ־קומען דעם גליקלעכן שטעמפּל פֿון פּיל־יאָריקער טראַדיציע. נישט געווען נאָך אַזאַ איינער ווי ער, וואָס האָט געקאָנט אָנרופֿן די זאַכן ביי זייער נאָמען. צונעמען, וואָס ער האָט אָנגעבונדן אייניקע פֿון צווישן אונדז, האָבן דעראָבערט זייער אָרט, ווי זייער אויסגעשפּראָכנסטע אידענטיטעט.

ווען יונה איז דערהרגעט געוואָרן דער ערשטער, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּעס איז דעצידירט געוואָרן אינעווייניק אין אים. ס'איז געווען אַן אַלגעמיין געפֿיל פֿון טונקעלער שווערקייט, פֿון אַרויפֿגיין אויף אַ שטעג. מיר האָבן געוווּסט, אַז אַזאַ איז די ווירקלעכקייט אין קעמפֿנדיקן באַטאַליאָן, אָבער ביז מיר האָבן נישט דערפֿילט ווי דאָס אומגליק האָט זיך צוגעקלעפּט

צו אונדז, ביז מיר זענען נישט געווען געצוווּנגען זיך צו טוליען אינעם נאָענטן און צאַפּלדיקן אָנדענק פון אַ חבר — איז דאָס געווען אַן איבערפלעכלעכע ווירקלעכקייט, וואָס רירט אונדז כמעט נישט אָן, ווי נישט קיין אונדזעריקע. איצט איז געקומען די ערשטע דערקענטעניש. אַ באַקוועמע און פרוכטבאַרע שעה פאַר שווערע ווערטער וועגן אויפגאַבע און אַחריות. און שוין זענען מיר געשטאַנען אויפן ראַנד פון יענער טונקעלער, חושים־צערייסנדיקער שטומפיקייט. אַ מאַטעריאַל אָן זעלבשטענדיקייט — אָן גאָט און אָן ווילן. מיר האָבן זיך גענייטיקט אין אַן אויסלייזעריש וואָרט, אין אַ שטיין, וואָס זאָל געוואָרפן ווערן אין די מוטנע וואַסערן און זאָל שלאָגן כוואַליעס־כוואַליעס. אַ רמז, אַ פונק פון אַן אַנדער גאַנצקייט, פון אַן אַנדער מעגלעכקייט, און אַ פונק וואָס עקזיסטירט אין אייגענעם זכות, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַן אינערלעכע באַגייסטערונג און נישט בלויז קיין אויסערלעכע. ס'איז געווען נייטיק אַ נייע פאַרבינדונג מיט דער פריערדיקער ווירקלעכקייט, איידער מיר זענען פאַריתומט געוואָרן, מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך די פריינדשאַפט־פאַרבינדונגען און דורך אַן אָנגעשטרענגטער יסודותדיקער פאַרגעסונג. אָבער דער אָנדענק פון יונה'ן איז געווען איינגעגלידערט אין איר ביז צו די טיפענישן. עס שיינט, אַז קיינער וועט נישט וואַגן אים אָנצורירן, צו זאָגן אַ וואָרט וואָס זאָל נישט געהערן צו זיין איצטיקן וועזן, ווי דער זכר פון כמעט אַ הייליקייט. מיט אַן אומגלויבלעכן כוח און אויפריכטיקייט איז מאָטיק פעיק געווען אויפצושטיין אין יענעם מאָמענט און דערציילן וועגן אַ גאַסן־מיידל, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו יונהן בעת זיין ערשטן אורלויב און ער, אינעם פראַכט פון זיין מונדיר, אויסגעשטעלט צום ערשטן מאָל מיט אַ חוצפהדיקן פּראָטעסט כלפי דער גאַס און זיינע מיידלעך, — האָט אויפגעהויבן די פיס און זיך גיך אָפּגעטראָגן פון אָרט. דאָס איז געווען גענוג. דאָס איז געווען אַן אָפענער קלינגענדיקער פּאַטש, און דער שניי האָט אָנגעהויבן נאָכצולאָזן. אַ שטראָם פון דאַנען און אַ שטראָם פון דאָרטן, און ווידער איז די ווירקלעכקייט צעביטן געוואָרן אויף אירע טויזנטער קליינע, פשוטע, טאָג־טעגלעכע באַשטאַנדטיילן.

אין לויף פון די טעג און די טאַטן זענען די הייליקייט און דער ציטער אין אָנדענק פונעם חבר אָפּגעריבן געוואָרן ביז צו אַ באַציונג פון שטענדיקער אָנוועזנהייט, ווי ער וואָלט בכלל נישט אַוועק. די געפאַלענע זענען ווייטער געווען מיט אונדז, אין זייער לעבעדיקן געשטאַלט און שטאַנד. נישט געווען קיין מחיצה צווישן די מעשים, וואָס האָבן זיך ווייטער געוועבט אין דער אַקטיווער ווירקלעכקייט און זיי, ווי זיי וואָלטן זיך אין איר באַטייליקט. זייערע רעאַגירונגען צו דעם וואָס ס'איז געטאָן געוואָרן, זענען פאַרבליבן ווי שטאַנדהאַפטיקע צווישן די פאַרשידענע שטעלונגען און מיינונגען, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צווישן אונדז. מען האָט ווייטער דערציילט וויצן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זייער נאָמען, געזונגען זייערע באַליבטע לידער. דער פאַקט, וואָס זיי זענען שוין נישט געווען מיט אונדז, האָט נישט

אָפּגעהאַלטן פון אויסלאַכן אַלע זייערע שוואַכקייטן און צוגעגעבן צו זיי נאָך דאָס־און־יענץ. אָפּט מאָל איז שווער געווען אויפצורייסן דעם „אחרי מות קדושים" פון צעבונטעוועטן און צעברויזטן הארץ. אָבער נאָר אַזוי האָט מען געקאָנט אָפּהיטן דעם אָנדענק און צוגלייך נישט ליידן פון דעם, וואָס זיי פעלן. נאָר אַזוי האָט מען געקאָנט דערגיין צו אַ דירעקטן פאַר־מעסט מיטן טויט, אָן דער פּריצייטיקער און פּערמאַנענטער שרעק פאַר דער מעגלעכקייט פון זיין עקזיסטענץ.

מאָטיק איז אין דעם אַלעמען געווען דער בעסטער פריינד פון די גע־פאַלענע. ער האָט געהאַט אַ מין לעבעדיקע און שטענדיקע פאַרבינדונג מיט זייער אָפּוועזנדיקער עקזיסטענץ. אין אויסמאַטערנדיקן אָנשטרענג פון מאַרש האָט ער זיך פּלוצעם געווענדט צו יוסין, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אייניקע וואָכן פריער, און אים געהייסן ער זאָל אָנהייבן זינגען זיינע ווענ־לידער. און אין אָוונט פון פאַרענדיקן אַ שווערע איבונג־אַקציע, האָט ער זיך פּלוצעם געגעבן אַ שטעל אויף און אָנגעהויבן נאָכמאַכן דאָס געוויין פון די משפחות אויפן קבר פון אוריקה, ווי ער גופא וואָלט געווען דער טויטער אוריקה, וואָס שפּעט אָפּ פון זיינע וויינענדיקע קרובים. די געפּלעפּטקייט, וואָס האָט געדויערט אַ מאָמענט, איז גלייך פאַרברענט געוואָרן ווי זומער־פלעווע. מען האָט נישט געקאָנט ביישטיין אָט דעם מעכטיקן כוח, וואָס שטייט איבער די אָנגענומענע באַגריפן וועגן לעבן און טויט.

און עס זענען געווען פיל פאַרוואונדעטע — אין די פאַרשידענע אַקציעס, אין די נאַכט־אָנגריפן, אין די פייער־איבונגען. אָט ווי רעלאַטיוו עס זענען די באַגריפן, וועלכע באַגלייטן נעמען אין די באַדינגונגען פון אַ פאַרשידענער סביבה: דער טיטל פאַרוואונדעט — וואָס אין היימישן לעבן גיט ער אַ ספּעציעלע שטעל פון צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, פלעגע און זאָרג — האָט אין דער שטענדיקער געשפּאַנטער אַטמאָספער פאַרלוירן די דאָזיקע באַ־דייטונג. „פאַרוואונדעט" איז געווען אַ באַגריף פון געפינען זיך אויף אורלויב, לאַנג אָדער קורץ אָדער אויף שטענדיק. שווער געווען אָנצושליסן צו דער לעבעדיקער געשטאַלט די גיהנומישע ליידן פון דער פאַרוואונדונג, פון ווערן אַ קאַליקע. לגבי אונדז איז מאָטיק פאַרבליבן דער זעלבער מאָטיק, שאַרף, בייסיק און וווּנדערבאַר אין זיין שפּעפערישער פאַנטאַזיע אויך דאַן, ווען ער איז געלעגן לאַנגע חדשים מיט אַ פאַרשטיינערטן פוס און מיט צע־בראָכענע ריפּן. און ווען מיר פלעגן קומען באַזוכן גידי'ן, וועלכער איז געלעגן מיט אַן אויפגעטרענטן בויך און האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף זיין פאַרדייאונג־סיסטעם, פלעגט תמיד זיך געפינען עמעצער, וואָס האָט געפרעגט וועגן דער צאָל לעכער, וואָס געפינען זיך אין געבוריך און וועגן דער דיסטאַנץ אויף וועלכער מען דאַרף זיך דערווייטערן, כדי נישט באַגאָסן צו ווערן פון אַ פּלוצעמדיקן שפּריץ. אין דער עצם באַציונג ווי צו איינעם, וואָס איז געזונט אין גוף און אין גייסט, האָט זיך געפונען די גאַנצע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע אין וועלכער דער פאַרוואונדעטער האָט זיך גע־

פונען. ער האָט געמוזט באַקענען די אַלע נייע ווערטלעך און אַנעקדאָטן. ער האָט געמוזט הערן אַ מיינונג וועגן די נייע מיידלעך, וואָס זענען צוגע־קומען צו די סימפּאַטיעס פון דער קאָמפּאַניע, און דערפאַר האָט ער פון זיין זייט געמוזט געבן אַן אָפּשאַצונג פון פּרויען־פּערסאָנאַל אין שפּיטאָל. ווען ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ וועלכע עס איז אַקציע, פלעגן די פאַרוווּנדעטע זוכה זיין תיכף צו באַקומען גענויע שילדערונגען און אָפּשאַצונגען, גלייך ווי אויך זיי וואָלטן זיך באַטייליקט אין אַן אַנדערן טייל פון דער אַקציע. אַזוי ווי די יעניקע, וואָס קערן זיך צוריק פון דער שלאַכט, האָבן אויך זיי געטאַדלט די נישט־דעצידירטקייט פון דעם און די איבערגעאיילטע לייכט־זיניקייט פון יענעם, און מעגלעך, אַז מער ווי מיר אַלע האָבן זיי געזאָרגט פאַרן כבוד פון דער קאָמפּאַניע און אירע מענטשן.

אונטער דעם אַלעמען אָבער האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ מוטנער אָפּזאַץ פון אומצוטרוי און אומזיכערקייט. דער זון און דעם טויט קאָן מען נישט קוקן אין פּנים אַריין — זאָגט אַן אַלט שפּריכוואָרט. תמיד פאַרבלייבט דער אָפּהאַלט, דער פאַרשטעלטער פּחד. און דער מענטש, וואָס לעבט מיט אַ טויט־געפּיל צוגעקלעפּט צו דער קלאַפּע פון זיין בגד ווי אַ שטענדיקע וואָרענונג, געפינט זיך אין אָנגעזיכט פון דער גרויסער סכנה צו פאַרלירן דעם מאָס־שטאָב פאַר זיין טאָג־טעגלעכער אויפפירונג. דאָס לעבן אויפן ראַנד פון סוף קאָן זיך שטאַרק דערהייבן אָדער שטאַרק אַראָפּנידעריקן. דאָס שווערסטע פון אַלץ איז צו געפינען דעם מיטן־וועג פון אַ געוויינלעכן לעבן. און דאָס האָבן מיר געמוזט טאָן. צו דעם האָבן מיר זיך אַליין געצוווּנגען. ס'זענען געווען צווישן אונדז אַ צאָל גרונט־זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט דער בנין פון די טאָג־טעגלעכע געוווינהייטן און מנהגים, דער אופן פון רעדן און דער אופן פון זינגען. אַזעלכע, וואָס זייער עצם אָנוועזנהייט האָט געשאַפן אַ געוויסן שטייגער. די דאָזיקע האָבן נישט געטאָרט געטראָפן ווערן, זיי זענען געווען די קמיעות און די מזל־קרעלן פון דער קאָמפּאַניע. און ס'האָט טאַקע תמיד עקזיסטירט די אילוזיע, אַז די דאָזיקע ווערן נישט געטראָפן. און ווען ס'איז געקומען די ווירקלעכקייט און אונדז געגעבן מיט חציפות אַ הילכיקן פּאַטש איבערן פּנים — האָבן מיר אויסבאַהאַלטן דעם פּנים פאַר איר, מיר האָבן זי איבערגעלאָזט אַליין אָן אַ באַדייטונג. דער בנין איז ווייטער אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אַן אַנדער טייל פון זיינע אונטערשטיצער, פאַרמינערט, אָבער נאָך אַלץ גאַנץ. ווייניק טעג זענען גע־ווען נייטיק כדי אויפסניי צו שאַפן אַ היים פון דער נייער געשטאַלט פון דאָזיקן בנין פון טאָג־טעגלעכן שטייגער און מנהגים. אַ היים האָט געמוזט געשאַפן ווערן, און זי איז געשאַפן געוואָרן.

מאָטיק איז געווען מער ווי אַזאַ גרונט־זייל. אויב ס'איז פאַראַן אַ גייס־טיקער מהות, וואָס ווערט פאַרקערפּערט אין איין געשטאַלט, איז ער דאָס געווען די דאָזיקע געשטאַלט, נישט ווייל ער איז געווען אַ מוסטער זעלנער. מער פון אַלץ האָט זיך אין אים פאַרקערפּערט דאָס נישט־רעכענען זיך מיט

דער ווירקלעכקייט, מיט די שווערקייטן, מיטן פאַרלירן חברים. און דאָס איז נישט געווען קיין חסידות פון אַ פאַנאַטיקער אָדער אַ נאַיווער קולט פון נאַרישקייט. נאָר די שאַרפע, אָפט מאָל טראַגישע פּיקחות, וואָס אין יעדער לאַגע. ווען מען האָט אונדז צום ערשטן מאָל דערציילט, אַז ער איז פאַרווונדעט געוואָרן, האָבן מיר געמיינט אַז אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל האָט אים לייכט אַ קראַץ געטאָן. אָבער די פולע שילדערונג פון זיין מצב האָט אונדז געוואַלדיק צעטרייסלט, ווי געשניטן אין לעבעדיקן פלייש. און דער באַזוך אין שפּיטאָל האָט איבערגעלאָזט אַ בייזוויליקע בלוטנדיקע ווונד.

אין פליסיקן גאַנג פון די פּאַסירונגען און מעשים האָבן מיר זיך איבער־צייגט, אַז די צענטראַלע פּאַראינטערעסירונג, וואָס האָט שטענדיק באַגלייט דעם נאָמען פון מאָטיק, איז געווען אַ סוביעקטיווער פאַקטאָר, וואָס מען האָט געקאָנט, און געמוזט, איבערווינדן. מענטשן ווערן נישט געבוירן צו זייערע פונקציעס. זיי פּאַסן זיך אַליין צו צו דער נייטיקער פונקציע. פאַראַן אַזעלכער, וואָס טוט עס מיט דער שלימות פון אַ גערירשנטן כאַראַקטער, און פאַראַן אַזעלכער וואָס טוט עס מיט אַ דערוואָרבענעם כאַראַקטער, אָבער תמיד געפינען זיך פאַרטרעטער. די עצם עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פאַרלאַנגט אַ פאַרטיילונג פון די פונקציעס, און זי ענדערט זיך פון מאָל־צו־מאָל, ווענדליג דער געזעלשאַפט, וואָס זי דינט. און עס האָט זיך געפונען אויך איינער, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון מאָטיק. און ער — לויטן שטייגער פון די פאַרווונדעטע — זוכה געווען צו דער זעל־בער מאָס קאַלטבלוטיקייט, וואָס איז גובר יעדן פונק סענטימענטאַלקייט און אומעט, וועלכע דראָען זי צו דערשטיקן אין איר קאָנטאַקט מיטן דרויסן. דאָס וווּנדערלעכסטע פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס אויך ער האָט זיך צוגעאייגנט דעם דאָזיקן אופן פון קאָנטאַקט. אָפט מאָל האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז ער באַגייסטערט אונדז אין משך פון די באַזוך־שעהען. אָבער ער האָט עס געטאָן אַנדערש, ווי ער פלעגט זיך נוהג זיין בעת ער איז געווען געזונט. נישט ווי קיין אינערלעכע אויסשטראַלונג, אין אַ שטראָם וואָס ווייס נישט פון קיין אָפּהאַלט, נאָר ווי נאָך אַ שיקול־הדעת און אַ טראַכטן, ווי אַ באַשלוס, ווי אַ זעלבסט־באַצווינגונג. און דאַן איז שוין שווער געווען צו וואַרפן אין אים די אַזוי אויפריכטיקע פיילן פון געלעכטער און שפּאָט, וואָס איז אַזוי אויפריכטיק און גאַנץ מיט זיך אַליין. אַ קליין ביסל פון דעם טאָן פון דער פעלשונג האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים אין דאָזיקן געלעכטער, און אָפט מאָל האָט מען נישט געקאָנט ממשיך זיין אַזוי. און דאַן האָט פּאַסירט דאָס, וואָס האָט נישט געטראָפן אַפילו אין די האַרבסטע פאַלן פון פאַרווונדונג, וועלכע פאַרקריפּלט דעם מענטשנס געשטאַלט — ס'האָט זיך אויפגעהויבן און אויפגעברויזט דער שטורעם, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט רעגן־טראָפּנס, מיט לאָזן טרערן, אָבער קיין מאָל האָט ער נישט באַהערשט דאָס טריקעניש פון די עקשנים, וואָס זענען געווען צווישן אונדז.

הייליק איז אַ זאַך, וואָס פאַר איר ביסטו גרייט צו באַצאָלן מיט דיין לעבן

פון אַ שמועס מיט שי (חולדה)

עמוס: שוין צוויי חדשים ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער אינערלעך, אין דיר, דויערט זי נאָך?... דו חלומסט נאָך וועגן מלחמה? דו טראַכסט נאָך אַ סך וועגן איר?...

שי: איך האָב זיך נאָך פון איר נישט אינגאַנצן באַרויִקט.

עמוס: צי האָסטו געלייענט עפּעס אַ בוך זינט דער מלחמה?

שי: איך לייען ביכער, אָבער אַן ערנסט בוך האָב איך נישט געלייענט. זינט דער מלחמה האָב איך צוויי מאָל געלייענט דעם תנ״ך — פון אָנהויב ביזן סוף... בעיקר צוליב דער ווירקונג פון דעם מערב־ברעג, פון ירושלים. איך בין נישט געווען גוט באַהאַוונט אין תנ״ך און הייַנט וויל איך וויסן וועגן יעדן פּלאַץ, וואָס ער באַטייט פאַר מיר. איך לייען איצט זייער פיל דעם תנ״ך... מער ווי ס'איז פאַרבליבן ביי מיר די מלחמה אין געשטאַלט פון חלומות וועגן טאַנקען און טויטע קערפּערס — איז זי פאַרבליבן ביי מיר אין דער הינזיכט, וואָס איך בין נאָך נישט געקומען צו זיך פון די גרויסע מאָמענטן... פון גרויסן געפיל־אויפברויז. איך מוז זאָגן: ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט ווי די קינדער זינגען, אין אויטאָ בעתן פאָרן צום ים, „ירושלים של זהב״, האָט מיר עפּעס געשטערט. איך האָב געטראַכט: מען זינגט שוין דאָס דאָזיקע ליד אויך אויפן וועג צום ים? אַלע מיידלעך, וואָס קייען טשויִנג־גאָם זינגען שוין „ירושלים של זהב?״ —דאָס ליד איז נאָך פאַרבליבן ביי מיר עטוואָס הייליק. דאָס וועט פאַרבייגיין אין משך פון דער צייט...

עמוס: אויב דאָס איז הייליק — טאָ ווי אַזוי קאָן דאָס פאַרבייגיין אין משך פון דער צייט?

שי: דאָס דאָזיקע ליד וועט נישט פאַרבלייבן הייליק. עס וועט פאַרבלייבן ווי אַן אָנדענק.

עמוס: דאָס געפיל — נישט דאָס ליד?

שי: גוט... איך זאָג נישט, אַז דאָס איז הייליק. איך זאָג נאָר, אַז אין יענעם מאָמענט האָט עס מיר אויסגעזען ווי ס'וואָלט זיין נאָך צו הייליק. איך זע נישט די קדושה הייַנט צו טאָג. דאָס האָט נישט קיין קדושה. דאָס איז אַ ליד, וואָס זאָגט אונדז פיל... יאָ?... עס זאָגט אונדז פיל... עס דערמאָנט אונדז פיל... איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליד פון דעם זעלבן סאָרט ווי די לידער פון באַפרייונג־קריג.

עמוס: און די מלחמה גופא, שי, צי איז זי לויט דיין מיינונג געווען אַ הייליקע מלחמה?

שי: ביין... ביין... מיר האָבן אַלע געפילט, אַז מיר מוזן זי מאַכן, ווייל אַנדערש וואָלטן מיר נישט געקאָנט לעבן אין רו.

עמוס: ווען דו וואָלסט זיך פריער נישט באַנוצט מיטן וואָרט קדושה, וואָלט איך איצט

דיך נישט געפרעגט קיין קשיות. אָבער היות ווי דו האָסט זיך באַנוצט... וואָס איז אייגנטלעך דער געגויער טייטש פון קדושה?

ש י: אָ... דאָס הויבט אָן צו ווערן קאָמפּליצירט... איך וועל זיך באַמיען דאָס אויסצו־דריקן מיט ביישפּילן. פאַר מיר איז היינט צו טאָג הייליק דער אָנדענק פון מיכה, טראַצדעם וואָס ער איז געווען אַ פּשוטער בחור אַזוי ווי איך און וואָס אויפן קוישבאַל־פּלאַץ האָב איך אויף אים געשריען. פאַר מיר איז היינט צו טאָג דער אָנדענק פון מיכה הייליק.

ע מ ו ס: דערפאַר וואָס ער איז נישטאָ, אָדער דערפאַר וואָס ער איז געפאַלן אין דער מלחמה?

ש י: דערפאַר וואָס ער איז געפאַלן אין דער מ...ביידע זאַכן צוזאַמען... דערפאַר וואָס ער האָט פאַרקערפּערט דעם דאָזיקן ענין... אפשר איז דאָס די קדושה... דערפאַר וואָס ער האָט געקעמפט און איז געווען גרייט צו געבן אַלץ — דאָס הייסט, דאָס לעבן. הייליק איז אַ זאַך, וואָס ער איז גרייט צו געבן פאַר איר זיין לעבן. פּשוט... איך מיין... אַז הייליק איז אַ באַגריף, פאַר וועלכן דו ביסט גרייט צו באַצאָלן מיט דיין לעבן, אַזוי זעט דאָס מיר אויס היינט צו טאָג.

ע מ ו ס: און וואָס איז געווען פאַר דיר הייליק אין דער דאָזיקער מלחמה?

ש י: מיין ווויל און דער ווויל פון דער מדינה. נישט די ירושלימער אַלטשטאָט און נישט די הייליקע ערטער. פאַר מיר זענען זיי נישט הייליק. דאָס הייסט — איך רעספּעקטיר זיי ווי ערטער, וואָס זענען הייליק פאַר אַנדערע.

ברית אמת היא לנו, קשר לא נפרד.
רק אשר אבד לי — קניני לעד.*

רחל

מיין עוזי —

ווי לאַנג און ווי טרויעריק זענען די טעג, וואָס זענען פאַרביי זינט דאַן. ווי פּוסט, אָן חלומות, ווי וואַנזיניק עס איז די האָפענונגלאָזע בענקשאַפט.

און דאָס איז דאָך ערשט נעכטן געווען, ווען כ׳האָב געווייטיקט נאָך דיר, געוואַרט אויף דיין צוריקקער.

איך האָב געוואָלט דיר דערציילן וועגן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך מיר אַנטפּלעקט אין יענע טעג פון דערוואַרטונג, ווי אַזוי כ׳האָב געקושט יעדן שמייכל־שפּליטער, יעדעס בילד, יעדעס וואָרט. ווי אַזוי אַלץ וועט זיין ווי איין יום־טוב, פול מיט בליונג, און ווי אַזוי עס זענען נישט וויכטיק די אַלע קליינע דורכפאַלן, אויב דו קערסט זיך צוריק צו מיר פון די טיפענישן פון בענקשאַפט און איך וועל זיין מיט דיר.

יעדן אינדערפרי, זינט דאַן, שטיקט מיך די איינציקע דערקענטעניש, זי קערט אום צו אַלע מאַטערנדיקע פראַגעס און געשרייען, די פולשטענדיק־שטומע טעמפּע.

דאָ, אויפן ראַנד פון אַלע ווייטיקן, מוז געפונען ווערן אַ האָפענונג. איך וועל זיך נעמען דאָס טייערע ליכט פון אונדזער גליק — אונדזער הייראַט, עס זאָל מיך באַלייכטן אין אַלע פינצטערנישן.

מיין טייערער, זאָלן מיר ביישטיין די כוחות, אַז קיין זאַך זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן, אַז איך זאָל זיין ראוי דיר, דעם זין פון דיין לעבן און פון דיין טויט, אַז איך זאָל קאָנען טראָגן מיט זיך דעם גנאָד פון ליבע.

נועה

פון דער אָנדענק־זאַמלונג פאַר עוזי בורשטיין, יפעת

---

* צווישן אונדז אַ בונד איז, אַ נישט צעשיידטער קנופּ.
נאָר וואָס כ׳האָב פאַרלוירן — איז אויף אייביק מיינס.


ירושלי

ווי אַ פליער האָב איך געקאָנט קומען צום כותל המערבי ערשט נאָך דער מלחמה. איך בין געקומען צום כותל אין אַ הייסן טאָג. מען צינדט דאָרט אָן ליכט און עס שטינקט און ס'זענען דאָרט דאָ אַ סך מענטשן. אָבער ערגעץ־ווו האָב איך געהאַט אַ געוויס געפיל, אַז ווען איך וואָלט געקאָנט איצט צונויפזאַמלען אַלע מיינע זיידעס פון דור־דורות, וואָלט איך זיי געזאָגט: רבותי, אָט שטיי איך איצט לעבן כותל המערבי.

דאָס איז געווען דאָס אָרט פאַרן אויסברוך פון נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון דור־דורות.

מיר פאַרמאָגן אַ היסטאָרישן באַגאַזש, וואָס מיר שלעפן אים מיט זיך און מיר קאָנען אים נישט פאַרלייקענען.

אורי (קיבוץ עין־שמר)

די אַלטשטאָט

פון אַ שמועס מיט שי (חולדה)

עמוס: האָסט אַמאָל דערציילט אין עס־צימער אויף אַ זייער רירנדיקן אופן, וואָס איך וועל אים נישט פאַרגעסן, וועגן מאָמענט ווען איר האָט אויפגעכאַפּט די ידיעה, אַז צה״ל איז אַריין אין ירושלים און דערגאַנגען צום כותל המערבי. כ'וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט ווי ווייט מעגלעך דערציילן וועגן דעם.

שי: דינסטיק זענען מיר אַריין אין עזה. מיטוואָך, נאָכמיטאָג־שעהן, האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו פאָרן קיין רפיח און אָפּרייניקן די שטאָט. מיר האָבן שוין געוווּסט וועגן די שלאַכטן, וואָס קומען פאָרן אויפן מערב־ברעג פון ירדן, און אַז מען רינגלט אַרום ירושלים. פאַקטיש האָבן מיר אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע ידיעות, געהאַט דאָס געפיל, אַז מען גייט נעמען ירושלים — אָבער דאָס איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין באַוווּסטזיין. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן אין די אויטאָבוסן ביים אַרויסגאַנג פון עזה, האָבן מיר געהערט ראַדיאָ. און אָט האָט דער ספּיקער איבערגעריסן די אוידיציעס און איבערגעגעבן אַ מיטטיילונג פון וואָרטזאָגער פון צה״ל, אַז אַלט־ירושלים איז אין אונדזערע הענט. ער האָט עס איבערגעחזרט נאָך אַמאָל און דערנאָך האָבן זיי איבער־געגעבן דאָס ליד „ירושלים של זהב״. איך געדענק, אַז מיר זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ גרויסער געריגטקייט, אַז דער גאַנצער באַטאַליאָן האָט אָנגעהויבן צוזאַמען זינגען דאָס ליד. איך געדענק, אַז מענטשן האָבן געוויינט אין די אויטאָבוסן, און האָבן זיך נישט געשעמט צו וויינען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זענען געווען דערוואַקסענע מענטשן. דאָס איז אַ מאָמענט, וואָס איך בין זיכער, אַז ער וועט פאַרבלייבן פאַר מיר דער גרעסטער מאָמענט פון דער דאָזיקער מלחמה. און אין געזאַנג איז געווען דאָס געפיל פון אַזאַ אייניקייט. מיר זענען געפאָרן און אַלע אייגווינער פון די ישובים זענען אַרויס אויף די שאָסייען (מיר האָבן זיך צוריקגעקערט

דורך די ישובים, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט פאָרן דורך די ישובים פון פּאַס *, און געפּאַכעט מיט די הענט. די אויטאָבוסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די מענטשן זענען אַרויס און זיך אַרומגענומען מיט די איינוווינער פון די ישובים. די מאָמענטן זענען געווען גרויסע אויף פריער. ס׳איז געווען אַ גייסטיקע דערהויבנקייט אויך פריער — צוליב אונדזער נצחון אין דער מלחמה. אָבער דאָס איז געווען, לויט מיין מיינונג, דער העכסטער אויסדרוק אין אָט דער מלחמה. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס וועט קומען. פּאַקטיש האָבן מיר באַוווּסטזיניק געוווּסט, אַז דאָס וועט קומען. אָבער דאָס האָט פאַר אונדז סימבאָליזירט די גאַנצע מלחמה. דאָס איז געווען פאַר אונדז דער גרעסטער מאָמענט פון דער מלחמה.

עמוס: די מענטשן האָבן גערעדט, אָדער מתפלל געווען?

שי: זיי האָבן נישט גערעדט. זיי האָבן געזונגען „ירושלים של זהב״, האָבן פאַלש געזונגען, זיצנדיק אין די אויטאָבוסן.

עמוס: איך וועל דיך פרעגן אַ נאַיווע פראַגע, שי. פאַרוואָס דווקא ירושלים? דו זאָגסט, אַז דו ביסט געווען צווישן די יעניקע, וואָס זענען געווען גערירט. איך וועל נישט פרעגן וועגן די מענטשן. אין אָרדענונג, רעליגיעזע מענטשן. דו ביסט געבוירן געוואָרן אין קיבוץ און דו האָסט נישט קיין ספּעציעלע זכרונות פון דער אַלטשטאָט, אָדער פון כותל. אפשר ביסטו דאָרט געווען פאַר דער מלחמה — אפשר נישט — איך ווייס נישט. דו ביסט נישט קיין רעליגיעזער. פאַרוואָס דווקא דער כותל?

שי: קודם־כל איז דאָס נישט דער כותל — דאָס איז די אַלטע ירושלים. דאָס האָט נישט געהאַט קיין שום רעליגיעזן אויסדרוק. אַזוי שיינט מיר. היינט, ווען איך פּרוביר דאָס אויפצוקלערן זיך אַליין, קאָן איך פּאַקטיש נישט געבן קיין גענויעם ענטפער, אָבער מיר דוכט זיך — אַז אַלט־ירושלים איז תמיד געווען פאַר אונדז אַ סימבאָל פון עפּעס אַ זאַך, וואָס איז נישט פאַרענדיקט. אַז דאָס איז אונדזערס. אַז די דאָזיקע שטאָט דאַרף זיין אונדזערע. דאָס איז אונדזער הויפּטשטאָט. דאָס האָט אפשר סימבאָליזירט אונדזער שטרעבונג אין די 19 יאָר. ירושלים איז געווען ווי גוש־עציון, אַ סימבאָל פון עפּעס אַ זאַך, וואָס איז צוגענומען געוואָרן פון אונדז, אַ סימבאָל פון עפּעס אַ מפּלה אין דער פריערדיקער מלחמה. מיר איז שווער צו וויסן די גענויע סיבה. אָבער ס׳איז פאַר מיר קלאָר, אַז דאָס האָט נישט געהאַט אין יענעם מאָמענט קיין רעליגיעזע באַדייטונג.

עמוס: שי, אפשר געדענקסטו: צי האָסט געטראַכט דאַן וועגן דיינע עלטערן, ווי אַזוי זיי האָבן אויפגענומען די דאָזיקע ידיעה, אָדער אפשר איז אין דיין באַוווּסטזיין נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר דער דאָזיקער טעמע?

שי: איך מיין, אַז אין יענעם מאָמענט האָב איך נישט געטראַכט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך, ווי נאָר וועגן געפיל: איך בין געווען פול מיט גליקזעליקייט. אַלע זענען מיר געווען איבערפולט מיט גליקזעליקייט. איך געדענק, אַז אין יענעם מאָמענט האָבן מיר נישט געטראַכט וועגן די אבידות, וועגן די, וואָס זענען געפאַלן, כדי דאָס צו דערגרייכן. ס׳איז געווען אַ פולע שמחה.

---

* עזה־פּאַס.

איך וויל זיך מער קיין מאָל נישט אומקערן אַהין

מיר האָבן אים באַגעגנט אויף אַ גאַס פון אַ שטאָט. דאָס איז געווען אַ טאָג נאָך דער שלאַכט פאַר דער אַלטשטאָט. מיר האָבן אים געקענט נאָך פון פריער. אַ יונגער פאַראַשוטיסט, אַ רעזערוויסט. מיט עטלעכע חדשים פריער האָט ער זיך באַפרייט פון רעגולערן מיליטער־דינסט. אַ קיבוצניק, עטוואָס אַ שטייפער, וואָס האָט אונדז איבערראַשט מיט זיין אויפריכטיקייט און מיט דער מאָסע איבערלעבונגען זיינע. מיר האָבן אים גענומען אין אַ זייט צו אַ קליינעם קאַפע־הויז און דאָרט, ביי אַ גלעזל משקה, האָבן מיר געהערט די דערציילונג פון פאַראַשוטיסט וועגן זיינע פערזענלעכע איבער־לעבונגען ביים דעראָבערן ירושלים. ער האָט בפירוש געפאָדערט נישט צו פאַרעפנטלעכן קיין צוגאָבלעכע פּרטים וועגן אים. די דערציילונג, וואָס ער האָט דערציילט, ציט זיך איבער דריי טעג, אָבער דאָ שיינט זי ווי אָפּגעריסן פון דער צייט, ווייל אַזוי האָט ער דערציילט. און אָט איז די דערציילונג מיט די ווערטער און טערמינען פון דערציילער:

איך האָב באַקומען אַ מאָביליזאַציע־באַפעל ווען כ'האָב געלערנט אין ירושלים. כ'האָב גענומען די פיס אויף די פלייצעס און געקומען צום מאָביליזאַציע־פּלאַץ צוזאַמען מיט דער גאַנצער איבעריקער חברה. אַ ביסל זענען מיר געווען אין כעס, ווייל מיר האָבן געוואָלט זיין אויפן פראָנט אין סיני אָדער סיריע. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז אין ירושלים וועט עפּעס זיין. נאָך אַלעמען זענען מיר דאָך געווען „פאַראַשוטיסטן”, וואָס אַן אמת נישט קיין רעגולערע, נאָך סך־הכל רעזערוויסטן. אָבער פון דעסטוועגן האָט עס אונדז אויסגעזען ווי אַ פאַרשווענדערישקייט. מיר האָבן געוואָלט צוטראָגן אונדזער חלק. ווען מיר האָבן געהערט, אַז כוסיין איז געפלויגן קיין מצרים איז דער מאָראַל אַ ביסל געשטיגן, אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז עס וועט ממש עפּעס זיין. זונטיק האָט מען אונדז באַגלייט. מיר האָבן געשאָלטן און געשאָלטן. צומאָרגנס האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ, אַז די מצרים גרייפן אָן. מיר האָבן זיך צוריק־געקערט אין דער באַזע, אָנגעטאָן די מונדירן און געוואַרט. אין ראַדיאָ האָט מען שוין אָנגעהויבן הערן די שיפרירטע קאָדן פון די איינהייטן. מיר זענען שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין.

בערך 9.30 האָט די ירדנישע אַרטילעריע אָנגעהויבן צו באַשיסן. מיר האָבן נאָך געטראַכט, אַז זיי טוען עס, כדי צו מאַכן אַ רושם אויף די אַראַבישע לענדער. דאַן האָבן מיר געהערט, אַז זיי גייען אַריין אין פּאַלאַץ פון הויכקאָמיסאַר *. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס מאָל איז עס ממשותדיק, אַז פונדעסטוועגן באַטייט עס, אַז זיי זיצן אייניקע מעטער פון אונדז. מען האָט אונדז אַרויסגעפירט צו פאַרנעמען דעם פּאַלאַץ אויפסניי. דאָרט איז נישט געווען קיין אמתע שלאַכט, נאָר מיר האָבן סתם זיי פון דאָרט „אַרויס־געוואָרפן”. אמת, מען האָט אָפּגעגעבן אייניקע שאָסן, אָבער נישט קיין סך. מיר האָבן זיי פשוט „אַרויסגעטראַסקעט”. „טשיק־טשאַק”... **

* דאָ האָט געוווינט דער ענגלישער הויכקאָמיסאַר אין דער תקופה פון מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל. נאָכן אַנטשטיין פון מדינת ישראל האָט זיך דאָרט געפונען דער הויפּט־שטאַב פון דער וואָפנשטילשטאַנד־קאָמיסיע.

** שנעל (סלענג).

די ווייטערדיקע אַקציע איז געווען דעראַבערן פּאָזיציעס. פאַנטאַסטישע פּאָזיציעס. אייזן־בעטאָן, זאַמד־זעק. אַלץ. עראָפּלאַנען זענען נישט געווען קיין סך. זיי איז שוין נישט פאַרבליבן און אונדזערע זענען געווען באַשעפטיקט אין דרום. מען האָט אונדז געשיקט „פוגאָס״*. איך האָב געזען צוויי, וואָס זענען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן. איינער האָט סתם אויפגעריסן אין דער לופטן און דער צווייטער איז אַראָפּגעפאַלן גלייך אויף די פּאָזיציעס פון שונא. מיר שיינט, אַז דער פליער איז פאַרווונדעט געוואָרן און האָט געטאָן דאָס זייניקע, איידער ער איז דערהרגעט געוואָרן. מיר זענען דאָרט געלעגן און זיי האָבן געוואָרפן אויף אונדז אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט. מיר האָבן געזען דאָס פייער פון די האַרמאַטן־לופעס, פון די פּאָזיציעס.

פאַראַן אַן אויסטערלישע דערשיינונג ווען מען גייט אַריין צום ערשטן מאָל אין אַ שלאַכט. דו גלויבסט נישט, אַז וועסט שטאַרבן. דו קאָנסט זיך פשוט נישט פאָרשטעלן, אַז דו קאָנסט דאָ אויסגעענדיקט ווערן, בום, סתם־אַזוי. דו טראַכסט: נו, ווער וואָלט פאַרנומען מיין אָרט? און נאָך אַ זאַך: מען שיקט נישט קיין פרישע זעלנער אין שלאַכט. מען לאָזט דיך וואַרטן. דער שונא גיט דיר דעם מוט. דו זעסט ווי דיינע חברים פאַלן אַרום דיר, דיינע פריינד, און דו ווערסט בייז. דאָס איז נישט לאָגיש, אָבער פון דעסטוועגן.

די גאַנצע צייט פייפן די קוילן אַרום דיר. הונדערטער שראַפּנעלן און קוילן. פּלוצעם האָב איך דערהערט איין לאַנגן פייף, וואָס האָט מיר געשיינט, אַז ער וועט קיין מאָל נישט אויפהערן, נאָר וועט זיך ציען דירעקט צו מיר. דער שראַפּנעל האָט אויפגעריסן אייניקע מעטער פון מיר. אַ חבר מיינער איז דערהרגעט געוואָרן און איך האָב דערפילט אַ שטאָך אין באַק. סתם, אויף אַ סעקונדע. איך האָב אויפגעהויבן די האַנט און דערפילט דאָס בלוט, וואָס האָט געריננען, קיל. מען האָט מיר געזאָגט איך זאָל אַרויפלייגן אויף דעם מיין פערזענלעכן באַנדאַזש. עס האָט נישט ווײ געטאָן. נישט געברענט, נאָר ס׳האָט מיך שטאַרק דערצערנט. אין אָט דעם מאָמענט האָב איך באַקומען דעם מוט.

מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל פאַרויסצוגיין. עס זענען געווען מיט אונדז אויך אייניקע טאַנקען, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אָפּרייניקן די טיפע פּאָזיציעס. אין אָנגריף טראַכט יעדער איינער נאָר וועגן זיך אַליין. דו זעסט ווי חברה פאַלט און דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אויך דיך קאָן עס טרעפן. אָבער אין צווייטן אָנגריף וויסטו שוין, אַז אויך דיך קאָן דאָס טרעפן. דו ביסט ממשיך „אויף בלינד״ און דו לויפסט ווי אַ שד. עטלעכע מעטער פאַר אונדז איז געלאָפן דער קאָמאַנדיר. ווי שנעל דו זאָלסט נישט לויפן, וועסטו אים נישט דעריאָגן. צוליב דעם זענען אַזוי פיל פון זיי דערהרגעט געוואָרן.

פּלוצעם זעסטו ווי דו ביסט דערגאַנגען צו דער פּאָזיציע. דו וואַרפסט גראַנאַטן און פאַרשווענקסט זי מיטן עוזי. די גאַנצע צייט האָסטו אַלץ מער און מער מורא, און בייזערסט זיך אַלץ מער און מער. ווען מיר האָבן דאָרט פאַרענדיקט האָט מען אונדז געלאָזט זיך אָפּרוען. און דאַן האָט מען אונדז געשיקט צו דער „אַלטשטאָט״.

דאָרט האָבן מיר געקעמפט פּנים־אל־פּנים און פון הויז צו הויז. דאָס איז די ערגסטע זאַך אויף דער וועלט. זאָלסט וויסן, אַז אין מדבר איז דאָס אַנדערש — דאָרט זענען

---

* לערן־עראָפּלאַנען וואָס מען האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שלאַכט־אַוויאָנען.

פֿאַראַן עראָפּלאַנען און טאַנקען און דער גאַנצער עסק איז אַ סך ווייטער. אַ שלאַכט פּנים־אל־פּנים איז עפּעס אַנדערש. דאָרט האָב איך דערהרגעט מיין ערשטן. נו, מילא, געוויס האָב איך דערהרגעט אַנדערע נאָך פֿאַר דעם. אָבער פֿאַר מיר איז ער געווען דער ערשטער, ווייל די פֿריערדיקע האָב איך נישט געזען. איך האָב פּלוצים דערזען ווי דער מענטש גייט אַרויס פֿון דער טיר, אַ ריזיקער נעגער. אַ רגע האָבן מיר געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן און איך האָב געוווסט, אַז איך דאַרף אים דערהרגענען, איך פֿערזענלעך. קיין שום אַנדערער איז נישט געווען. דער גאַנצער ענין האָט זיכער גענומען ווייניקער ווי אַ סעקונדע, אָבער פֿאַר מיר האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ לאַנגזאַמע באַוועגונג אין אַ פֿילם.

איך האָב געשאָסן אויף אים פֿון לענד, און איך זע נאָך ווי מיינע קוילן האָבן געטריפֿט אויף דער וואַנט, רעכטס פֿון אים. איך האָב איבערגערוקט עטוואָס דעם עוזי, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך טו עס זייער לאַנגזאַם, ביז איך האָב אים געטראָפֿן אין בויך. ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויף די קני און דאַן האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. זיין פּנים איז געווען אויסגעקרימט פֿון ווייטיק און שנאה. איך האָב ווידער געשאָסן און אים געטראָפֿן אין קאָפּ. ס'איז געווען אַזוי פֿיל בלוט... איך האָב געבראָכן אויך דאַן, ווען עס זענען אָנגעקומען די איבעריקע חברה. דאָס רוב פֿון זיי זענען געווען אין „מבצע קדש״ * און פֿאַר זיי איז דאָס נישט געווען קיין נייס. מען האָט מיר געגעבן וואַסער און געזאָגט, אַז תמיד איז אַזוי צום ערשטן מאָל... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב אויסגע־ליידיקט אין אים אַ גאַנצן קוילן־מאַגאַזין.

דאָס וואָס מען זאָגט איז ריכטיק. וואָס מער דו זעצסט פֿאַר, אַלץ גלייכגילטיקער ווערסטו, און אין דער זעלבער צייט געוווינסטו זיך צו צום געוועו און טרעפֿסט פּינקטלעכער. אָבער יענעם מאָמענט וועל איך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. כל־זמן מיר האָבן פֿאַרגעזעצט דעם קאַמף, האָט דאָס מיך ווייניקער געאַרט. עטלעכע חברים זענען געפֿאַלן איינער נאָכן אַנדערן און איך האָב אָנגעהויבן משוגע צו ווערן. איך האָב געוואָלט הרגענען און גלייכצייטיק זיי נישט זען. איך האָב געוואָלט פֿאַרשווינדעט ווערן און אַרויסגיין פֿון דעם. אַלע האָבן מיר דאָס געוואָלט. דו גייסט סתם אַזוי פֿון שטוב צו שטוב, אויף די טרעפּ, אויפֿן דאַך און דו זאָגסט צו זיך אַליין: נאָך איין הויז און איך גיי אַרויס פֿון דעם. און דאַן איז פֿאַראַן נאָך אַ הויז און נאָך אַ הויז. ביסלעכווייז קריכט אַריין אין דיר דער פֿאַטאַליזם. אָדער מען וועט דיך דערהרגענען, אָדער נישט. דאָס איז נישט אָפּהענגיק פֿון דיר. דעריבער ביסטו סתם ממשיך אין שרעק און שנאה און די געדאַנקען טאַנצן אַרום אין דיין מוח אַזוי ווי קוילן, וואָס זענען דורכגעפֿלויגן פֿון אַלע זייטן און איך האָב נישט געוווסט פֿון וואַנען ס'וועט אָנפֿליען די קומענדיקע. ווען מיר האָבן זיך מער געבייזערט, האָבן מיר אויפֿגעהערט צו זיין מענטשן. יעדער איינער פֿון אונדז האָט געהאַט אַ פּרצוף פֿון ווערן פֿאַרצוקן און פֿון די בייכער האָט זיך געטראָגן אַ געבריל. דו ווילסט הרגענען און הרגענען, ווערסטו פֿאַרוואַנדלט אין אַ חיה.

ס'האָבן פֿאַסירט זאַכן, וואָס איך קאָן זיי דיר נישט דערציילן. דער קאָמאַנדיר האָט געגעבן איינעם פֿון די געפֿאַנגענע וואַסער צום טרינקען. דער ירדנער האָט געטרונקען,

---

* סיני־קאַמפּאַניע.

אַרויסגעצויגן אַ מעסער פון הינטער דער פּלייצע, און דערשטאָכן דעם קאָמאַנדיר. אַזעלכע זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דערהרגעט דעם געפאַנגענעם. זאָלסט אונדז נישט באַשולדיקן.

מיר האָבן וואָס אַן אמת נישט אָנגערירט די ציווילע. דערהרגענען אַ זעלנער, איז נישט דאָס זעלבע ווי דערהרגענען אַ ציווילן. טראָץ אַלעמען האָט חברה נאָך געהאַט רחמנות. אַ גרופּע ציווילע איז אַרויס פון אַ הויז און געבעטן עסן. איך האָב אָנגעשטעלט דעם עוזי און זיי געהייסן זיך צוריקציען. מיין חבר איז אַריין אין אַ הויז און אַרויסגע־נומען פון דאָרט עטלעכע לאַבנס ברויט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי און זיי געגעבן. זיי זענען געלאָפן צו אים, געשריען און געכאַפּט, ביז מיר האָבן אים נישט געזען צווישן זיי. פּלוצעם זענען זיי שטיל געבליבן און אָנגעהויבן זיך צוריקציען. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן און זענען אַנטלאָפן. דאָרט איז ער געלעגן, דער חבר מיינער, מיט אַ מעסער אין בויך. ער האָט געשריען: ניין, ניין, פאַרוואָס? און דאַן האָט ער אויפגעהערט. זענען זיי פאָרט געווען ציווילע. דאָס איז נישט ווי זעלנער. זעלנער זענען עפּעס אַנדערש. זיי זעען דיר נישט אויס ווי געוויינלעכע מענטשן. עס קריכט דיר נישט אין קאָפּ, אַז זיי זענען מענטשן מיט משפחות.

מיר זענען אָנגעקומען צום טויער „סט. סטיוועגס” און געזען דעם כותל המערבי, דורכן אַריינגאַנג. מיר האָבן אים געזען. איצט האָבן מיר דערוואַכט. מיר האָבן געהיפּערט איבער די טרעפּ דירעקט צום כותל. מיר זענען דערגאַנגען צווישן די ערשטע. חברה איז געווען צו מיד, כדי צו שטיין אויף די פיס. זיי זענען געזעסן לעבן כותל און אַרומגענומען די שטיינער. זיי האָבן געקושט די שטיינער און געוויינט. מיר האָבן אַלע געוויינט. פאַר דעם האָבן מיר דאָך בסך־הכל געקעמפט. דאָס געפיל, וואָס מיר האָבן געהאַט אָנקומענדיק צום כותל, איז געווען אַזוי טיף. דאָס איז עס. דאָ האָבן מיר פאַרענדיקט. איצט איז בלויז פאַרבליבן זיך צו פאַרנעמען מיט די סנייפּערס. די ערגסטע זאַך איז געווען בעת דעם אָפּרו. מיר האָבן נישט געקאָנט עסן און שלאָפן. מיר האָבן נאָר געטראַכט וועגן דער שלאַכט. מיר האָבן געטרונקען און געטראַכט. איך געדענק ווי איך האָב געקוקט אויף מיין עוזי, וועלכער האָט אויסגעזען אַזוי אומשולדיק. סתם אַ שטיקל בלישטשענדיקער שטאָל, ווי אַ מענטש מיט אַ שמייכל.

איך מיין, אַז די דאָזיקע דריי טעג האָבן צוגעגעבן פינף יאָר צו מיין עלטער. מיין פאָטער פלעגט תמיד זאָגן, אַז ביז אַ מענטש איז נישט געווען אין מלחמה, איז ער נישט קיין מאַן. איצט ווייס איך, אַז ער איז געווען גערעכט. דאָס איז ווי אַ טייל פון דער דערציִונג פון אַ מאַן. אָבער זאָלסט וויסן, אַז ס'איז כדאי מוותר צו זיין אויף דעם. איך ווייס, אַז קיין מאָל וועל איך שוין נישט זיין דער זעלבער מענטש. ווען איך בין אַרויס, האָט זיך אַלץ געענדערט. אַלץ איז געווען פריש און ניי און ווונדערבאַר... די זון, טרינקען, וואַשן זיך, עסן, שפּאַצירן — אַלע זאַכן, וואָס האָבן מיך פריער דערצערנט, זענען מיר היינט אויס אַזוי נאַריש און קליין. איצט ווייס איך וויפל עס איז ווערט דאָס לעבן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט אָן פרייד. דער נצחון האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג פאַר מיר. מיר האָבן אַפילו נישט געקאָנט שמייכלען, טראָץ דעם וואָס דער עולם האָט אונדז אויפגענומען מיט אָוואַציעס ווען מיר זענען אַדורך דורכן מאַנדעלבאום־

טויער. איך וויל נישט מער זיך צוריקערן אַהין. מיר האָבן דאָס געדאַרפט טאָן, מיר זענען געצוווּנגען געוואָרן דאָס צו טאָן, בלויז דאָס ווייס איך. אָבער זאָל דאָס קיין מאָל מער נישט פּאַסירן. אויב דאָס וועט מער נישט פּאַסירן, איז אפשר געווען כדאי, אפשר...

די נאַכט גייט מען אַריין אין דער געשיכטע...

פון א שמועס אין קיבוץ טירת צבי

מ י כ ה: פּאָליטישע, אידעאָלאָגישע, רעליגיעזע און אַנדערע חלוקי־דעות ווערן ווייניקער וויכטיק בעת דעם בשותפותדיקן געפינען זיך אין צה״ל. דאָס געפיל פונעם אונטערשייד אין די מיינונגען, ווערט פיל שוואַכער. און אין דאָזיקן פאַל, אין אַט דער מלחמה, אין דער גרייטקייט־תקופה — איז קלאָר, אַז דאָס איז כמעט אינגאַנצן נעלם געוואָרן. מען האָט עס כמעט נישט געפילט. פאַרשטייט זיך, אַז אין די שמועסן האָט יעדער איינער געבראַכט מיט זיך זיין אייגענעם באַגאַזש, אָבער מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז געווען וועלכע עס איז פּאָלעמיק אָדער האַרץ־רייסנדיקע וויכוחים. עס איז געווען דאָס געפיל, אַז אַלע צוזאַמען גייען עפּעס טאָן... געווען אַ זייער חבריש געפיל... אַ געפיל פון קעגנזייטיקער הילף. און באמת האָט איינער דעם אַנדערן זייער פיל געהאָלפן.

ע מ ר ם: וועגן דער היים, וועגן דעם וואָס יעדער איינער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך — האָט מען גערעדט?

מ י כ ה: דאָס רוב פון אונדז זענען געווען קיבוצניקעס. מען האָט גערעדט אַ סך וועגן דער ווירטשאַפט און ווי אַזוי עס זעט אויס דער גרייטקייט־צושטאַנד אין דעם גרענעץ־קיבוץ, און ווי אַזוי ס'איז די לאַגע אין יענעם קיבוץ... צום ביישפּיל, מיין קאָמאַנדיר, וועלכער איז געפאַלן אין דער מלחמה, איז געווען פון ניר־דוד. ווען ער איז איין מאָל געפאָרן אַהיים האָט ער דערציילט ווי אַזוי עס איז די לאַגע אין עמק *, ווי אַזוי עס זעען אויס די פעלדער און וואָס מען טוט...

— — — ביינאַכט, אויפן זאַמלפּלאַץ, איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן די אויפגאַבע, וואָס שטייט אונדז פאַר אין ירושלים.

ע מ ר ם: וואָס האָסטו געטראַכט אין יענעם מאָמענט?

מ י כ ה: איך ווייס נישט... פיל צייט אויף געפילן איז נישט געווען. און קיין גראַנדיעזע געפילן זענען נישט געווען. איך בין אויך נישט קיין סענטימענטאַלער מענטש אין אַט

* בית־שאן טאָל.

די תחומים, אָבער איך געדענק, ווי אַזוי עס האָט אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ, אָט דער עסק פון ירושלים... און אָן שום ספק האָבן מיר געזען אין דעם עפּעס אַ באַזונדערע זאַך, ממש אַ טרוים פון דורות, פון צוויי טויזנט יאָר גלות, וואָס האַלט אין רעאַליזירט ווערן... איך געדענק טאַקע, אַז כ'האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז מיר גייען עפּעס טאָן זייער אַ וויכטיקע און היסטאָרישע זאַך. אַזוי האָבן מיר אויך גערעדט צווישן זיך, אַז די נאַכט גייט מען אַריין אין דער אַלטשטאָט און דאָס...

דני: די נאַכט גייט מען אַריין אין דער געשיכטע...

מיכה: יאָ... און ס'איז אָן שום ספק געווען דאָס געפיל, אַז מען טוט עפּעס. חוץ דעם, וואָס די דאָזיקע גאַנצע מלחמה האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ היסטאָרישן מאַסשטאַב, — איז געווען דאָס געפיל, אַז דאָס איז עפּעס באַזונדערס. אַזאַ איז געווען מיין געפיל.

עמרם: און דערנאָך, אין גאַנג פון דער שלאַכט?

מיכה: איך מוז דיר זאָגן, אַז אין גאַנג פון דער שלאַכט גופא איז נישט געווען קיין צייט פאַר אַזעלכע געפילן.

עמרם: וועגן וואָס האָסטו יאָ געטראַכט אין גאַנג פון דער שלאַכט?

מיכה: איך האָב געטראַכט בלויז וועגן אויספירן ווי עס געהער צו זיין די אויפגאַבע, און ווי אַזוי צו טאָן אין יעדן מאָמענט די בעסטע און ריכטיקסטע זאַך. מיין אויפגאַבע אַלס קאָמאַנדיר האָט מיר געגעבן זייער פיל באַשעפטיקונג און איך האָב ממש נישט געהאַט קיין צייט. איך געדענק בלויז, אַז אינדערפרי האָבן מיר געדאַוונט, נאָך דעם ווי מיר זענען אָנגעקומען צום האָטעל „אַמבאַסאַדאָר", בערך אַזייגער צען איז מיר אויסגעקומען אַריינצוכאַפּן אַ קורצע תפילה, לייגן תפילין און שנעל דאַווענען, און ס'איז געווען זייער אַ גוט געפיל, וואָס מיר זענען אין ירושלים... איך געדענק... פאַראַן אין דער תפילה פון שמונה־עשרה — „ותחזינה עינינו בשובך לציון..." * און נאָך אַזעלכע זאַכן. און בכלל... און בכלל האָבן מיר עס געזאָגט אַביסל אַנדערש, ווי מיר זאָגן דאָס געוויינלעך... מיט אַ פיל בעסער געפיל. נאָך דער דעראָבערונג אָדער נאָך דעם ווי מיר האָבן געדאַוונט לעבן כותל המערבי, און מיר האָבן בכלל געדאַוונט אין ירושלים... דערנאָך, ווען מיר זענען אַביסל געזעסן אין ערטער, וואָס זענען ווייטער פון כותל, ס'איז געווען ראש־חודש תמוז, און ראש־חודש איז פאַראַן אַ ספּעציעלע תפילה. אין דער תפילה פון ראש־חודש, ווען מען קומט צום ענין פון קדושת־היום, זאָגט מען: „ומפני חטאינו גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמתנו"...** מיר האָבן דאָס דאַן געזאָגט מיט עטוואָס אַן אַנדער געפיל... אַז דאָס איז נישט אַזוי, אפשר זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן, אָבער איצט געפינען מיר זיך דאָ... מיר האָבן געזאָגט די ערשטע מנחה־תפילה לעבן כותל און קלאָר, אַז דאָס איז געווען עפּעס זייער אַ באַזונדערע זאַך פאַר אונדז.

---

* און אונדזערע אויגן זאָלן זען דיין צוריקקומען קיין ציון.

** און צוליב אונדזער זינד זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד און מיר האָבן זיך דערווייטערט פון אונדזער ערד.

עמרם: ביי אַנדערע זעלנער פון דער קאָמפּאַניע זענען געווען אַנדערע רעאַקציעס לגבי ירושלים?

מיכה: קוק, איך וויל נישט אַרונטעררייסן קיין מיטאָסן, אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי אויפטרייסלענדיק, ווי מען האָט עס געשריבן אין „ידיעות אחרונות"* פון זעלבן טאָג. ריכטיק, עס זענען געווען מענטשן, וואָס זייער געמיט איז געווען אויפגעברויזט און ריכטיק איז, אַז עס זענען געווען אַ סך מענטשן, וואָס פאַר זיי איז עס געווען אַ זייער באַזונדערע איבערלעבונג, צווישן זיי אויך חברה, וואָס האָבן נישט קיין גרויסע פאַרבינדונג מיט יידישקייט, נישט־רעליגיעזע מענטשן, און זיי האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיקע מלחמה האָט זיי געגעבן צו פילן אַז דאָס פאָלק ישראל איז עפּעס באַזונדערס, זיי האָבן דערפילט וואָס דאָס באַטייט „אתה בחרתנו..." איך האָב דאָס געהערט פון אַ סך מענטשן. איך האָב דאָס געהערט פון אַ סך, און עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס דאָס האָט זיי בכלל נישט געזאָגט קיין שום זאַך... געווען זיכער אויך אַזעלכע. דאָס האָט פאַר זיי בלויז באַטייט דער הויכפּונקט פון אויספירן אַ באַשטימטע אויפגאַבע און נישט עפּעס פון אַ יידישער דימענסיע. זיי האָבן געזען אין דעם עפּעס אַזוינס, וואָס איז פון אַ היסטאָרישער דימענסיע, אָבער עפּעס פון דער יידישער דימענסיע ממש — האָבן זיי גאָרנישט געזען אין דעם. אָבער עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע וואָס יאָ, אומבאַדינגט. צום ביישפּיל... איך געדענק ווי מיין קאָמאַנדיר, איידער מיר זענען דערגאַנגען צום כותל... ער האָט מיך צוגערופן און געזאָגט: מיכה, דו וועסט מיט דיין קאָמפּאַניע אַריינגיין דער ערשטער. דער ערשטער פון באַטאַליאָן וועסטו אַריינגיין צום כותל. און דער ערשטער באַטאַליאָן צום כותל... ער האָט אויך גענומען מיט זיך דעם רעליגיעזן קאָמאַנדיר, יורם פון קיבוץ יבנה, און אים געזאָגט: דו וועסט אַריינגיין דער ערשטער און וועסט אויפהענגען די פאָן אויפן כותל... דאָס איז אַ גאַנצע דער־ציילונג... מיין קאָמאַנדיר, יוסי, איז נישט קיין רעליגיעזער בחור, אָבער ער האָט אַזאַ סענטימענט. ער באַנעמט דאָס יידישקייט... מיין קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר, גיורא אשכנזי, איז דערהרגעט געוואָרן ממש לעבן מיר. לעבן מיר ממש זענען געפאַלן דערהרגעטע, חברה זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. איך מוז דיר זאָגן, אַז אפשר צוליב דער מלחמה און אפשר צוליב די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון יעדן איינעם — האָט מיך די זאַך גופא נישט צעטומלט... אַפילו די געשרייען פון די פאַרוווּנדעטע וואָס זענען דאָרט געווען... זיי האָבן נישט געשריען שרעקלעך, אָבער געווען אַזעלכע וואָס האָבן געשריען... זיי האָבן נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק... יעדער מענטש... ספּעציעל אַזעלכע ווי מיר, וואָס פאַרנעמען זיך פיל מיט רעזערוו־דינסט און מיט מיליטער... שטעלן זיך פאַר בדרך־כלל ווי אַזוי דאָס קאָן זיין אַזוי און ווי אַזוי דאָס קאָן זיין אַנדערש... איך טראַכט זייער פיל וועגן די דאָזיקע זאַכן... דאָס איז אַ גייסטיקע גרייטקייט צו אָט די זאַכן... דאָס איז נישט פאַר מיר קיין פּלוצעמדיקע נייע זאַך... פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט בין איך געווען גרייט דערצו. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס האָט מיך נישט צעמישט.

עמרם: אויך נאָך דעם, שפּעטער?

---

* אַן אָוונט־צייטונג.

מ י כ ה : דאָס איז עס. שפּעטער טראַכט מען, פאַרשטייט זיך, פיל מער און דאָס קלעמט מער, אָבער דאָס איז ווידער פאַרבונדן מיט די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון יעדן איינעם. און דאַן, פאַרשטייט זיך, איז דאָס משפּיע. און איך געדענק, למשל, איינעם פון די מאָמענטן ווען איך האָב געטראַכט, און דאָס האָט מיך זייער שטאַרק אָנגערירט. דאָס פאַלן פון גיורא... דאָס איז געווען נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך שוין צוריקגעקערט קיין ירושלים און דורכגעפירט דעם נצחון־אַפעל. אין אָונט, אָדער דעם אָונט פאַר דעם, איז געווען אַ צוזאַמענטרעף אויפן סטאַדיאָן פון הר־הצופים... מען האָט געזונגען „ירושלים של ברזל״ * און עס זענען דאָרט געווען קינסטלער. דער מעמד איז געווען זייער אַן איינדרוקספולער, דער מאָמענט, דער הינטערגרונט, דער פּלאַץ און דאָס אַלץ... און דאַן האָב איך געטראַכט וועגן גיורא, פאַרוואָס אייגנטלעך געפינט ער זיך נישט דאָ... דאָס וואָס מען טראַכט געוויינלעך אין אַזעלכע מאָמענטן. און באמת, דאַן האָט עס מיך אָנגערירט... איך האָב געטראַכט וועגן אים... אָבער אַזוי, בעת די געשעענישן, געדענק איך... אַז ווען גיורא איז געפאַלן, איז דער איינציקער געדאַנק געווען ביי מיר, אַז אין איצטיקן מאָמענט דאַרף מען לויפן, פאַרזעצן און נישט זאָגן קיין איינעם פון די זעלנער, נישט דערציילן אַפילו קיין איינעם פון די זעלנער — און ערשט נאָך דעם ווי מיר וועלן פאַרענדיקן, וועל איך זיי זאָגן. געווען זעלנער, וואָס דאָס האָט זיי פולקאָם צעבראָכן, וואָס נאָך דעם זענען זיי ביזן סוף געווען אין גאַנצן צעמישט...

ד נ י : ווען דו וואָלסט מיך געפרעגט אין וועלכן טאָג עס איז דעראָבערט געוואָרן די אַלטשטאָט ? איך ווייס נישט. מיר זענען אַרויס פון לאַנד אַפילו אָן אַ ראַדיאָ, אַזוי, אַז מיר האָבן שוין דאָס געהערט נישט ווי קיין ערשטע מעלדונג... אָבער אין מאָמענט ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט דאָס רוב זעלנער רעאַגירט ספּאָנטאַן... זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, שפּרינגען פון אויטאָ און אויפן אויטאָ, אונטערן אויטאָ, און זיך געקושט... דאָס איז אַזוי ווי דו געפינסט זיך אין גלות און דו הערסט ווי מען האָט פאַרנומען די שטאָט. איך האָב געהאַט אַ געמישט געפיל. פון איין זייט האָט דאָס מיר גאַרנישט געזאָגט. פון דער צווייטער זייט האָט דאָס מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן זיי „געקלאַפּט״. איך האָב געוווּסט, אַז עס דאַרף זיין אַ געפיל פון הנאה. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין הנאה ווען איך האָב איינגענומען פאָרט־טאַופיק ** און איך האָב נישט געהאַט קיין הנאה ווען איך האָב איינגענומען ירושלים אויף אַ פאַנטאַסטישן אופן, איך האָב נישט געפילט קיין געפיל פון דערהויבנקייט... דאָס האָט מיך עפּעס נישט געאַרט. אגב האָט מען מיך געפרעגט: — דער כותל איז אין אונדזערע הענט... און איך האָב געזאָגט: נו, איז וואָס? איך זאָג: פאָרט טאַופיק איז אין אונדזערע הענט. איך וועל דיר זאָגן: נישט קיין ענין פון קדושה אָדער פון נישט־קדושה. דאָס האָט מיר נישט געגעבן.

ע מ ר ם : אבישי, ווי אַזוי האָסטו זיך געפילט? וווּ ביסטו געווען צו יענער צייט?

א ב י ש י : איך בין געווען אויפן וועג־קנוף דזשענין. נאָכמיטאָג האָבן מיר צום ערשטן מאָל געהערט, אַז מען האָט מיטגעטיילט וועגן פאַרנעמען די אַלטשטאָט. די זעלנער

---

* „ירושלים פון אייזן״ — אַ פּאַראַפראַזע אויפן ליד „ירושלים של זהב״.

** ביים סועץ־קאַנאַל.

האָבן פאַרשטענדלעך אָנגעהויבן גלייך צו ווילדעוועןן, שפּרינגען, איך ווייס נישט... אין אָנפאַנג האָב איך באמת נישט געווילדעוועט. דערנאָך, האָב איך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם... אַז דאָס איז עפּעס גראַנדיעז. פּשוט, עס איז מיר שווער געווען צו רעדן מיט עמעצן... איך האָב געפילט, אַז דאָס איז עפּעס... באמת, איין מאָמענט פון דער געשיכטע, וואָס חזרט זיך נישט איבער אַ צווייט מאָל. בכלל, האָב איך ערשט נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן צו טראַכטן פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, וואָס עס באַדייט אָט דער דאָזיקער ענין פון ירושלים... דאָס איז נישט נאָר געשיכטע...

מיכה: איך האָב זיי פריער געהאַט דערציילט, אַז אין ירושלים האָבן מיר געדאַוונט...

אבישי: ווער האָט געקאָנט דאַוונען? מיר זענען געווען אין וועג... מיר האָבן געדאַוונט...

מיכה: אין דערפרי, בעת דער שחרית־תפילה נעבן כותל, איז געווען זייער אַן ערנסטע איבערלעבונג. די גאַנצע צייט האָט מיך נישט פאַרלאָזן דער געדאַנק, אַז דער דאָזיקער כותל סימבאָליזירט די שטרעבונג צו דער איינִיקייט פון פאָלק ישראל, סימבאָליזירט די פאַרוואָרצלטקייט פון פאָלק ישראל און לאַנד... אַז מיר זענען איצט די שליחים פון אַ גאַנצן פאָלק, פון אַ גאַנצער געשיכטע... דאָס האָט זייער פיל געגעבן. איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב געפילט אַ וואָסער איז טיפע גייסטיקע פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע שטיינער. דאָס איז נישט אַזוי. די מענטשן ווייסן נישט, אַז אין יידנטום איז נישטאָ קיין פאַרהייליקונג פון ערטער און דער הר־הבית איז בכלל נישט הייליק... דער דאָזיקער גאַנצער ענין ווען חברה קומען און מאַכן פּיקניקן לעבן קבר פון רבי שמעון בר־יוחאי איז נישט יידישלעך, דאָס איז נישט יידנטום. למשל, אין שייכות מיטן אָרט פון משהס קבורה איז געשריבן: „ולא ידע איש את קבורתו"...* אויך דער כותל איז נישט פאַרהייליקט צוליב דער זעלבער סיבה. אָבער דער כותל איז באמת פאַר אונדז... איך האָב תיכף געזען פאַר מיינע אויגן די רעאַליזירונג פון איחוד האומה**, פון דער שטרעבונג פון פאָלק, פון פאָלק ישראל... נישט פון דער הייליקער מויער... נישט דער באַשטימטער פלאַץ... נאָר דאָס, וואָס דאָס זאָגט דעם יידישן פאָלק בכלל...

אבישי: דער אמת איז, אַז איך בין געווען ביים כותל ערשט זייער לאַנג נאָך דער מלחמה. אָבער ווען איך האָב געזען דעם כותל האָב איך צוגעמאַכט די אויגן און געזען פאַר זיך דעם בית־המקדש... אַזוי האָט עס מיר אויסגעזען...

עמרם: ווי אַזוי האָבן דאָס אויפגענומען די איבעריקע חברה? די וועלטלעכע?

אבישי: באמת, מען קאָן נישט זאָגן די וועלטלעכע... ווייל יעדער איינער איז דאָך אַזוי פאַרשיידן. אויך צווישן אונדז זענען פאַראַן אונטערשיידן. עס זענען געווען חברה, בעיקר פון די מזרח־עדות, וואָס ביי זיי האָט מען געזען די שמחה. איך ווייס נישט צי זיי האָבן זיך אַליין געקאָנט אויפקלערן פאַרוואָס זיי פרייען זיך. געווען אין דעם עפּעס אַ באַזונדערע זאַך.

---

* קיין מענטש האָט נישט געוווּסט דאָס אָרט פון זיין קבורה.

** פאַראייניקונג פון דער נאַציע.

מ י כ ה : איך וויל דערציילן נאָך עפּעס וועגן ענין פון כותל. איך געדענק ווי אַזוי דאָס האָט געווירקט אויף די זעלנער.. דו קענסט ראובן פון גלאון צי גת? ער איז יעדנפאַלס אַ פאַרברענטער דערציִוגלינג פון השומר־הצעיר. איך געדענק, אַז ווען מיר זענען אַראָפּ פון ירושלים און דורכגעפאָרן אין אויטאָבוסן, און אין אַלע ערטער, ממש אַזוי ווי אין יום־העצמאות, האָט מען געפּאַטשט מיט די הענט — האָט ער אויף יעדן פּלאַץ געשריען צו יעדן פאַרבייגייער: „מיר האָבן באַפרייט ירושלים... דעם כותל...״ און דעם גאַנצן טאָג האָט ער נאָר דאָס געשריען...

אַרום איז צעשטערונג — און קעגנאיבער דיר בליט אַ פלאַנץ אין אַ בלומענטאָפּ

פון אַ שמועס אין משמר השרון

א י ת ן : — — — מיר האָבן זיך פאַרויסגערוקט אין דזשיפּן אויף די גאַסן פון מזרח־ירושלים, דערנאָך האָבן מיר באַזעצט אַ דירה — און פאַרנומען פּאָזיציעס אין דער ריכטונג פון הר הצופים. פון דער מויער פון אַלטשטאָט האָט מען אָנגעהויבן באָמבאַרדירן אונדז און דעם ראָקפעלער־מוזיי *. איך האָב באַוווּנדערט זייערע דירעקטע טרעפונגען. אין טורעם פון ראָקפעלער־מוזיי איז געווען אונדזערע אַ פּאָזיציע און פון איבערן טורעם האָט מיט פולער שטאָלץ געפלאַטערט די ישראלדיקע פאָן. איך זיץ און קוק דורכן פענצטער, און די קוילן פייפן אַרום דער פאָן במשך פון גאַנצן טאָג. איך בין ממש געווען געריִרט. איך האָב געזען: די פאָן פאַלט נישט... שראַפּנעלן און רויך און שפּליטערס — און די פאָן שטייט! חברה, וואָס זענען געזעסן מיט מיר, האָבן זיך געשטאַרקט און געזאָגט: זע וואָס פאַר אַ כוח עס שטעקט אין דער פאָן. אויב זי פאַלט נישט — איז ה י י נ ט י ק ע נ אַ כ ט די אַלטשטאָט אין אונדזערע הענט! דאָס דאָזיקע געפיל האָט געגעבן אַ ריזיקן צושטייער צו דעם, וואָס מיר האָבן אין יענעם טאָג איבערגעלעבט.

איך וויל נישט דערציילן איצט וועגן דער אכזריותדיקער זייט פון דער מלחמה. וועגן פאַרוווּנדעטע, דערהרגעטע און גרוילן. וועגן רויב איז נישטאָ וואָס צו דערציילן — די זעלנער ביי אונדז זענען זייער צוריקגעהאַלטן אין דאָזיקן ענין. זיי האָבן געפילט, אַז דאָס איז נישט פאַר זייער כבוד צו גיין און נעמען — טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ מאַסע געלעגנהייטן. מיר האָבן געקאָנט קומען אַהער אויסגעשטאַט מיט כל־מיני אינסטרומענטן. און מיר האָבן נישט געוואָלט.

נאָך דעם ווי מיר זענען שוין געווען אין דער אַלטשטאָט, האָבן מיר מורא געהאַט פאַר אַ קעגן־אָנגריף. מיר זענען געזעסן אין די פּאָזיציעס אויף דער מויער, און מיר זענען

* אויסער די מויערן פון דער אַלטשטאָט.

געווען אין אַ קריסטלעכן שפּיטאָל, לעבן דער מויער. ווען ס'איז געוואָרן אַ שטילשטאַנד אויף אייניקע שעה, זענען מיר אַרויס פון דער מויער און געזוכט אַ פּלאַץ, ווו מיר זאָלן קאָנען עטוואָס זיך אָפּשווענקען פון דער סאַדזע געמישט מיט שטויב, פון בלוט. מיר זענען אַריין אין אַ האָטעל. די שעהן פון שטילשטאַנד צווישן איין שלאַכט און דער צווייטער גיבן דיר אַ מצב אין וועלכן דו באַפרייסט זיך פון דער שפּאַנונג. און ווען דו גייסט אַריין אין אַ געפּלעגט הויז, אַרום איז אַביסל צעשטערט און קעגנאיבער דיר בליט אַ פלאַנץ אין אַ בלומען־טאָפּ, וויל בליען און דו זעסט ווי ער הייבט אָן צו וועלקן — און דו גייסט אים פאַרביי איין מאָל און אַ צווייט מאָל און דו טראַכטסט: צי וועט אויף דער דאָזיקער פלאַנץ פאַרניכטעט ווערן צוזאַמען מיט אַלץ וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן אַרום? — — — דאָס זענען ספּיקות וואָס דויערן מאָמענטן. און אין יענע מאָמענטן טוט דאָס איריקע די נייגונג וואָס פאַרמאָגסט, די פּרוכט פון דערציִונג און פון דער אַטמאָספער אין דער היים. מיר האָבן געפונען קליינע גלעזלעך, געלאָפן היין־און־צוריק און אָנגעטרונקען מיט וואַסער דעם בלומענטאָפּ.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו די פּאָזיציעס לעבן שפּיטאָל, האָבן מיר געדענקט אין די קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און צונויפגעזאַמלט שפּילצייג פאַר זיי. די דירעקטאָרין פון שפּיטאָל, אַן אַמעריקאַנער פרוי, איז ממש געווען איבער־גליקלעך... איך האָב דאַן געטראָגן די פאַרשמוצטע קאַמף־קליידער און אַ שטאָלענעם העלם — און אָט, צו מיין איבעררעשונג, ווען איך האָב באַזוכט מיט תרצהן דעם זעלבן שפּיטאָל עטלעכע וואָכן נאָך דער מלחמה — האָט מיך די שפּיטאָל־דירעקטאָרין דערקענט. זי האָט גערעדט מיט תרצהן און איר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געוווּנדערט צו זען די פאָטערלעכע און מענטשלעכע באַציִונג פון זעלנער, וואָס געפינען זיך אינעם סאַמע ברען פון מלחמה. זי האָט גענוי געדענקט דעם וועג דורך וועלכן מיר האָבן זיך פאַראויסגערוקט לענגאויס דער מויער און צווישן די פּלויטן, ביז צום שפּיטאָל. און איצט, ווען ציווילע קומען באַזוכן דעם שפּיטאָל און קומען צו אים נישט מיטן הויפּטוועג, נאָר דורך יענע אומוועגן — דערמאָנט זי זיך און פאַרשטייט, אַז דאָס זענען די זעלנער פון אייערנעכטן, וועלכע האָבן דאָ געקעמפט. און ווידער איז זי גערירט פון אָט דער מענטשלעכער אַנטפּלעקונג, פון ברענגען שפּילצייג פאַר די קינדער — אין מיטן פון דער מלחמה. זי האָט געשמועסט וועגן דעם מיט תרצהן.

איינער פון אונדזערע אָפיצירן איז אַ געבוירענער אין בית־הערבה*. ער האָט געוווּסט, אַז צומאָרגנס וועלן מיר צווישן אַנדערן זיין אויפן פּלאַץ, וואָס האָט אַמאָל געהייסן בית־הערבה. די זעלבע נאַכט איז ער אַוועקגעפאָרן און געבראַכט זיין פאָטער פון כברי. און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אונדז. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין בית־הערבה, איז זיין פאָטער געשטאַנען אויף איינעם פון אונדזערע דזשיפּן און אָנגעהויבן דערציילן ווי אַזוי ער האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט. ניינצן יאָר האָט ער נישט באַזוכט דעם פּלאַץ און ער האָט געדענקט יעדן שפּאַן ערד. ער איז פאַרבייגעגאַנגען יעדן אָרט און געזאָגט: „דאָס איז דער בייט פון...״ און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן און ממש געציטערט ווען ער האָט געהאַלטן די ערד אין זיינע הענט. נאָך דעם האָט ער צוגעגעבן: „איך ווייס נישט... איך האָב דאָ געקעמפט גאַנץ לאַנג און איר, אין צוויי טעג האָט איר דאָס

* אַ קיבוץ לעבן ים המלח, וואָס איז פאַרלאָזט געוואָרן בעת די שלאַכטן אין 1948.

איינגענומען. — איך ווייס נישט ווי אַזוי אייך צו דאַנקען". צופעליק האָט זיך דאָרט געפונען אַ פלאַש וואָדקאַ. מען האָט אַרויסגענומען דעם בראָנפן און געטרונקען. ער איז געווען זייער גערירט.

עוזי: לגבי דעם דאָזיקן פּראָבלעם פון ירושלים — זאָג איך, אַז כ'בין דווקא געווען גערירט. און אפשר בין איך נישט געווען אַזוי גערירט — אָבער איך פּערזענלעך זאָג, אַז אין מאָמענט ווען דו הערסט ירושלים פילסטו עפּעס אַן אַנדער געפיל. ווען מיר זענען געפאָרן קיין ירושלים זענען מענטשן געשטאַנען לעבן חולדה און געשריען: „דער כותל... דער כותל..." בלויז די דאָזיקע ווערטער, קיין אַנדערע זאַך, פּשוט — „דער כותל". און דאָס איז פאַר יעדן איינעם פון אונדז, לכל הפחות ווען מיר זענען געזעסן אין די אויטאָבוסן — געווען גענוג. איך ווייס נישט, איך האָב נישט קיין שום רעליגיעזע נייגונג, קיינער קאָן מיר אין דעם נישט חושד זיין, אָבער פון דעסטוועגן איז דאָס עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו אונדז אַלעמען אַ שייכות, דאָס האָט געגעבן מער ווי יעדע אַנדערע זאַך...

איך מוז צוגיין און אָנרירן...

פון אַ שמועס אין יפעת

אהרון: מענטשן רעדן דאָ וועגן דעם, וואָס עס פּאַרכאַפּט זיי, וואָס עס באַשעפּטיקט זיי... ווען מען האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז מיר גייען אויף ירושלים... איז דאָס נישט געווען אַזאַ היסטאָרישער ענין, ווי מען איז געניגט צו זאָגן. ביי מיר איז עס געווען אַן ענין פון אַן אויפגאַבע, ווייל מער אָדער ווייניקער האָבן מיר זיך אָריענטירט אין מצב און געוווסט, אַז מען באָמבאַרדירט שוין אַ האַלבן טאָג, זינט די זאַך האָט זיך אָנגעהויבן. און מיר האָבן געוווסט, אַז דאָ זיצט אַ כוח — און מיר האָבן געקענט דאָס אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין זייער ירושלים און די כוחות וואָס זיצן דאָרט — נאָר פון דער צייט פון אונדזער רעגולערן מיליטער־דינסט... מיר האָבן געוווסט, אַז דאָרט וועט נישט זיין קיין שפּאַס... קיין איינער פון אונדז האָט זיך נישט געפרייט: אָ, מיר גייען דעראָבערן... בכלל, האָט מען זייער ווייניק גערעדט וועגן דעם וואָס עס וועט זיין ווייטער... דאָס איז געווען אַלץ אַ רעזולטאַט פון גוטער אויסשולונג... בכלל, עקזאַמינירן די אויסשולונג... דאָס הייסט, עקזאַמינירן די אויסשולונג, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר דער מלחמה אין משך פון גאַנצן מיליטער־דינסט, לויט די אַקציעס פון פּלאַנירונגען, וואָס מיר האָבן געמאַכט פאַר דעם. — דאָס איז שטאַרק דערמוטיקנדיק, שטעל איך מיר פאָר, אויך לגבי גרויסע גענעראַלן און אויך לגבי אונדז, ווייל ס'איז כמעט נישט געווען קיין מצב אין וועלכן מיר האָבן געדאַרפט קעמפן אויף אַן אופן צו וועלכן מיר זענען נישט געווען צוגעגרייט... עס איז כמעט נישט געווען. מיר האָבן נישט געדאַרפט רעאַגירן אויף זאַכן, וואָס מיר זענען נישט געווען צוגעגרייט צו זיי... דאָס האָט זייער געהאָלפן...

תלמה: איך וויל זייער שטאַרק זאָגן עפּעס אין שייכות מיט דעם, וואָס מ'האָט דאָ פריער גערעדט וועגן ירושלים. איך בין נישט געווען קיין קעמפּערין אין קיין שום זאַך, אויך אין הינטערלאַנד זענען מיר נישט געווען קיין גרויסע קעמפּערינס. איך ווייס נישט... איך האָב אייגנטלעך באַוויזן צו זיין אין דער גדה, אין ירושלים, קורץ נאָך דער מלחמה. איך בין געפאָרן מיט די אָפּיצירן פון עודדים בריגאַדע, מיר זענען דאָרט אַריין צום דאָזיקן כותל און דאָס איז געווען אַן אויסטערליש געפיל... איך ווייס אַפילו נישט צו זאָגן צי דאָס איז געווען אַ נאַריש געפיל... בכלל פיל איך זיך נאָך ביז היינט אין אַן אויסטערלישן מצב... עפּעס אַן אַנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, עפּעס אַ היסטאָרישע פאַרבינדונג... מיר זענען דאָרט געשטאַנען... מיין ברודער איז אַ קאָמאַנדיר אין צה"ל... ער האָט געזאָגט: איך מוז צוגיין און אָנרירן... איך האָב אָנגערירט... איך ווייס נישט... דאָס איז זייער מאָדנע... אפשר אויך... זיכער, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַ צוגאָב פאַר די בחורים, וואָס האָבן געקעמפט אין אָט דער מלחמה. דאָס הייסט, זיי האָבן באמת געפילט דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן פאַרן דאָזיקן גאַנצן ענין, וואָס זיי האָבן דעראָבערט. דערנאָך בין איך דאָרט געווען מיט רחלן. מיט אַ צייט צוריק... איך מוז אונטערשטרייכן, אַז באַזונדערס האָב איך זיך צוגעקוקט צו איר רעאַגירן... איך האָב פּרובירט כלומרשט זוכן נאָך מענטשן וואָס... איך האָב ממש זיך געשראָקן אַרויסצולאָזן פון מיין מויל די דאָזיקע ווערטער... ווייל כ'האָב זיך אַפילו אַ ביסל געשעמט, וואָס איך זע די דאָזיקע וואַנט און איך פיל נישט צו איר קיין שום זאַך. איך האָב געפּרוווט הערן, וואָס עס זאָגט רפאל און איך מוז פעסטשטעלן, אַז ער האָט געזאָגט די זעלבע זאַך. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זייער שיין... פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט, אָבער איך האָב געזען, אַז מיר שטייען דאָרט לעבן כותל, ווי מענטשן, וואָס זענען אָפּגעריסן פון דאָזיקן גאַנצן ענין. און ווען איך באַמי זיך צו טראַכטן ווי אַזוי דאָס איז געווען אין דער אמתן בעת דער מלחמה, אין יענעם דאָנערשטיק — ווען מען האָט דאָ מיטגעטיילט אין ראַדיאָ מיט דער גאַנצער גערירטקייט... דער רב גורן * און אַלע... איך געדענק געגנוי, אַז דאָס איז געווען... איך האָב געהאַט אַ טראַנזיסטאָר און עס זענען געקומען מיינע עלטערן, זיך אַרומגעדרייט סתם אַזוי אַרום די בונקערס און מיין פאָטער האָט טאַקע געוויינט. גוט, ער איז באמת אַ מענטש, וואָס האָט רעליגיעזע געפילן. אָבער די אַלטע דאָ, זענען ממש אַרויס פון זייער הויט. און איך בין געשטאַנען אין אַ זייט מיטן דאָזיקן טראַנזיסטאָר... און ווידער האָב איך געהאַט דאָס זעלבע געפיל... איך האָב זיך געשעמט... דאָס איז געווען אַ געפיל... אַזוי ווי איך וואָלט זיך געשעמט מיטן מיין דאָזיקן געפיל. מיר שיינט, אַז איך האָב דערנאָך געזאָגט צו דער מאַמען: איך ווייס נישט, אָבער איך פיל נישט אַזאַ גרויסע גערירטקייט פון דאָזיקן גאַנצן ענין. אין ראַדיאָ האָט מען טראַנסמיטירט און דער ספּיקער האָט געוויינט לעבן כותל, און דאָס איז געווען זייער... איז קען זיין, אַז פאַר זיי, טאַקע... איך ווייס נישט וואָס איר פילט... אָבער אויף יעדן פאַל, אונדזער גאַנצער דור, מיר זענען שוין דער צווייטער דור... פון דער נייער עליה אין לאַנד אַריין. דער דור וואָס איז עולה געווען אין לאַנד, דער דור פון אונדזערע עלטערן, פילט אַ סך שטאַרקער ווי מיר דעם דאָזיקן גאַנצן ענין פון צוריקקערן זיך... און — ווי מען האָט דאָ געזאָגט — איז דער כותל באמת געווען זייער

---

* דער הויפּט־רב פון צה"ל.

סימבאָל אין חוץ־לארץ, און מיר דאָ... איך ווייס נישט... פאַר מיר איז דאָס אַזוי צי אַזוי געווען אַ געגוג ערנסטער קלאַפּ... ווייל אויך היינט פיל איך עס נישט...

צביה: מ'איז געזעסן אין שפּיטאָל און דאָרט האָט מען געזאָגט: ירושלים איז איינגענומען געוואָרן... און אין שפּיטאָל האָט מען אַלץ געוווּסט עטלעכע שעה פריער, ווייל מ'ר זענען געווען נאָענט צו דער קאָמאַנדשאַפט. האָט מען דאַן אַזוי גערעדט, אַז מען נעמט איין ירושלים... מען נעמט יאָ איין... מען נעמט נישט איין... און אין מאָמענט ווען מען האָט געזאָגט, אַז ירושלים איז דעראָבערט, האָבן אַלע זעלנער, וואָס זענען געלעגן אין בעט און געהאַלטן טראַנזיסטאָרס.. אינסטינקטיוו אַרויפגעלייגט עפּעס אויפן קאָפּ. איינער האָט אַרויפגעלייגט אַ צייטונג, איינער האָט אַרויפגעלייגט אַ טיכל און אַן אַנדערער האָט אַרויפגעלייגט דאָס העמד...

רחל: נישט קיין רעליגיעזע זעלנער?

צביה: ניין. אַלע... אַלע סאַניטאַרן, אַפילו אַלע פרויען האָבן אָנגעטאָן עפּעס אויפן קאָפּ... דאַן האָט עס מיר אויסגעזען אַזוי... פּלוצעם האָב איך עס דערזען... עפּעס אָנטאָן אויפן קאָפּ... און יעדער איינער האָט עפּעס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ. געווען אַזאַ גערירטקייט...

חגי: ווען מען האָט מיטגעטיילט אין ראַדיאָ, אַז די ירושלימער אַלטשטאָט איז פאַרנומען געוואָרן, איז דאָס געווען גענוי ווי די מיטטיילונג. אַז שאַרם־אַ־שייך * איז פאַרנומען געוואָרן. די גאַנצע מלחמה האָט זיך דאָך אָנגעהויבן צוליבן שליסן די דורכגוסן... אָבער מענטשן האָבן בכלל נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַז שאַרם־אַל־שייך איז פאַרנומען געוואָרן. איך געדענק, אַז מיר זענען פונקט געווען אין מאַרש, בעת מען האָט מיטגעטיילט אין ראַדיאָ צום ערשטן מאָל, אַז ירושלים איז דעראָבערט געוואָרן. מיר זענען שוין געגאַנגען פון טובאַס אין דער ריכטונג פון דער דמיה־בריק ** אין אַ מעכטיקער קאָלאָנע. און מען האָט אָנגעהויבן שפּרינגען און טאַנצן. די גאַנצע קאָלאָנע האָט זיך פאַרהאַלטן... מיט אַזאַ גרויסער שמחה: „ירושלים איז פאַרנומען געוואָרן, ירושלים איז פאַרנומען געוואָרן".

רפאל: ביי אונדז איז נישט געווען קיין יום־טוב. אפשר צוליב דעם איז דער דאָזיקער צוגאַנג אַזאַ. איך געדענק, אַז מיר האָבן דאָס געהערט... איך געדענק, אַז פאַקטיש האָט מען אונטערגעשטראָכן נאָר דאָס, אַז אומגליקלעך זענען די, וואָס האָבן דאָרט געקעמפט. ווייל קעמפן אויף אַזאַ שטח איז שרעקלעך און שוידערלעך. דאָס געדענק איך... און איך האָב זיך געשראָקן פאַר דער חברה... דאָס הייסט, פאַר מיינע חברים... ווייל די גאַנצע קאָמפּאַניע מיינע, פאַקטיש פאַראַשוטיסטן... און די חברה מיינע דאָ, אין יפעת, זענען פאַראַשוטיסטן... און איך האָב זיך געשראָקן... איך האָב פשוט מורא געהאַט פאַר זיי. איך ווייס נישט... ס'איז נישט געווען די היסטאָרישע שמחה מיט דער דאָזיקער געשעעניש.

עמרם: אפשר איז דאָס אויך אינטערעסאַנט, פאַראַן דאָ אַן אינטערוויו פון גאולה כהן

---

* אַ מצרישע פּאָזיציע ביי די טיראַן־דורכגוסן.

** בריק אויפן ירדן, וואָס פאַרבינדט דעם וועג פון שכם קיין רבת־עמון.

מיט מאיר אריאל, אַ פּאַראַשוטיסט פון משמרות. אין גאַנצן אינטערוויו באַמיט זי זיך כלומרשט נישט אַרויסציען פון אים, נאָר דערגיין צו עפּעס אַ מין ספּעציעלער גרויסער איבערלעבונג... און ער זאָגט די גאַנצע צייט מיט פּשוטע ווערטער, אַז ער האָט נישט געפילט קיין שום באַזונדערע זאַך — און פונדעסטוועגן זעט מען, אַז ער האָט יאָ געפילט. אָבער צום סוף, ענטפערנדיק אויף דער לעצטער פראַגע, זאָגט ער פּשוט, אַז אין באַצוג צו דער רעליגיעזער טראַדיציע איז ער קיין מאָל נישט געווען גלייכגילטיק און אַז ער האָט תמיד געטראַכט, אַז די רעליגיע איז אויף אַ וועלכן עס איז אופן די געשיכטע פון יידישן פאָלק. דאָס זענען בערך די זעלבע רייד וואָס דו זאָגסט. פּשוט, ער איז קיין מאָל נישט דערצויגן געוואָרן אויף דעם, ער האָט דאָס קיין מאָל נישט איינגעזאַפּט... נישט אין טאַטנס הויז, נישט אין דער שולע, נישט אין דער אַטמאָספער פון קיבוץ. אָבער אונטער דעם אַלעמען, האָט ער ווי עס איז געפילט. אונטער דעם... און איך וואָלט געזאָגט, אַז טראָץ דער גאַנצער דערציִונג עקזיסטירט אָט דאָס געפיל.

חגי: אויך אין דער איצטיקער דערציִונג לערנט מען עס, אין אַ געוויסער מאָס, און מען דערמאָנט עס זייער אַ סך מאָל. דאָס פאָלק עקזיסטירט... דאָס הייסט... אין זכות פון דער רעליגיע. און מען דערציט צו דעם.

עמרם: גוט, אָבער דאָס איז אַזוי בלויז אין די לעצטע יאָרן. אויך אין בילדונגס־מיניסטעריום האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן די יידישע דערקענטעניש *, ווי אויך צוליב דעם, וואָס אין איחוד ** האָבן די אַלטע פּלוצעם דערזען, אַז אַלע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס קאָנען נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער צייט און קאָנען נישט באַשפּייזן די שטרעבונגען און דעם טיפן גלויבן פון די מענטשן. אָבער איך מיין, אַז דאָס איז נישט גענוג. אין השומר־הצעיר און אין קיבוץ־המאוחד *** פעלט עס. און ביי די זין דאָרט איז עס פאַראַן אין דער זעלבער מאָס ווי ביי די זין פון יפעת. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם...

* אַ לערן פּראָגראַם צו באַקענען די ישראלדיקע קינדער מיט דער רעליגיעזער טראַדיציע.

** קיבוצישע באַוועגונג צו וועלכער עס געהערט דער קיבוץ יפעת, איחוד הקבוצות והקיבוצים.

*** די אַנדערע צוויי קיבוצישע באַוועגונגען.

יוסף חרמוני / מאָמענטן פון אמת

מיטוואָך, כ״ח באייר, דער דריטער טאָג פון די זעקס. מיר זענען געזעסן דאָרט ווו מיר זענען געזעסן, צוגעשמידט צו אַ קליינעם טראַנזיסטאָר. דער דור פון טראַנזיסטאָר.

און דער דאָזיקער קליינער אַפּאַראַט, מיט זיינע באַטעריעס, וואָס האָבן געעטעמט מיט זייער לעצטן אָטעם־הויך, האָט באַוויזן אונדז צו געבן הערן דעם געפּלאַטער פון די פליגלען פון דער געשיכטע.

ממש אַזוי.

דאָס זענען געווען יענע עטלעכע צענדליק סעקונדעס, בעת וועלכע מיר האָבן באַגלייט דעם קאָרעספּאָנדענט, מיט דער געשטיקטער שטים, פון די העברעישע ראַדיאָ־אוידיציעס, אויף זיין וועג צום כותל.

איך ווייס נישט ווי אַזוי עס האָט געהייסן יענער ספּיקער, אָבער עס קומט אים אונדזער אַלעמענס דאַנק צוליב דעם, וואָס עס איז אים געלונגען אונדז פּלוצעם אויפ־צוקלערן ווי נאַריש עס איז געווען דער פּלפּולדיקער וויכוח „ווער איז אַ ייד״.

און ער האָט עס געטאָן, ווייל ער איז געשטאַנען פאַר אונדז נאַקעט, אָפּגעדעקט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אויסשטאַטונג, און ער האָט נישט געהאַט נישט קיין זשורנאַליסטישע אָביעקטיווקייט, נישט קיין כוח זיך אויס־צודריקן בעל־פּה און נישט קיין שליטה איבערן אויפנעם־אַפּאַראַט וואָס אין זיינע הענט.

דווקא צוליב דעם האָבן מיר אַלע געפילט ווי אַזוי די געשיכטע פאָכעט מיט אירע פליגל.

— — — דער געפּלאַטער פון די פליגל איז פאַרשטומט און צערונען געוואָרן ווען עס האָט עמעצער געפּרוּווט אים צו כאַפּן, אים צו פאַרשפּאַרן אין תפיסה פון מליצה און אים אַרויסצושיקן, פאַרפּאַקט און פאַרפּוצט, אין יעדן בית ישראל.

דער מאָמענט פון גרויסן אמת אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען היימלאַנד, אייביקייט, פאַרברידערונג, פריינדשאַפט און טויט, דער פשוטער אמת, וואָס האָט געלויכטן ווי אַ בליץ און איז געווען שאַרף ווי אַ מעסער — איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

✶

מיר זענען מצליח צו פאַרפלאַכן, נישט ווילנדיק, זייער פיל אוממיטלבאַרע מאָמענטן פון אמת, אָבער ווען עס דערנענטערט זיך דער טויט און שניידט זיין שניט צווישן אונדז, טוען מיר עס באַוווסטזיניק.

— — — דער קלאַוויר וואָס שפּילט מיט צאַרטקייט, די וווּנדערשיינע לידער, די פאַר־טונקלטע ליכטער, די סאָליסטין, וואָס זינגט עפּעס אומעטיקס און קולטורעלס — צי קאָן דאָס אַלץ באַרירן, אַפילו ביים שפּיץ פונעם ראַנד, דעם תהום פון פאַרניכטונג און גרויל?

מיר שיינט, אַז די אזכרות אונדזערע, — מער ווי זיי זענען אַנטשלאָסענע און אמתע אָפּזונדערונגען מיטן פאַריתומטן, זענען גיכער אַ פּרווו אים צו פאַרוואַנדלען אין עפּעס קולטורעלס, אויסגעאיידלט און געאָרדנט.

די יענע קדמוניתדיקע, אוראַלטע שרעק, וואָס האָבן געפירט אונדזערע אבות־אבותינו צו די אָפּשייד־צערעמאָניעס פון די טויטע, די יענע שרעק און אימפּולסן עקזיסטירן אויך אין אונדז, אָבער די צערעמאָניעס האָבן פאַרלוירן דעם כוח און דעם אמת וואָס אין זיי.

(אילת השחר)

ראובן כהן / **מאָמענטן פון האַרץ**

פייער און בליי

געשפּאַנטע און שווייגנדיקע האָבן מיר זיך פּאָרויסגערוקט אין אַ קאָלאָנע אינמיטן פון אַן אַראַבישער פאָרשטאָט אויסער די מויערן פון אַלט־ירושלים, צו אונדזערן אַ כוח וואָס האָט זיך שוין געפונען אין דעם קוואַרטאַל גופא. די שטילקייט אין דער קאָלאָנע איז געווען אין פולשטענדיקן ווידערשפּרוך צו דער פייפעריי פון די קוילן און פונעם אָפּהילך פון די אויפרייסן, וואָס זענען געקומען, ווי עס האָט געשיינט, פון אַלע זייטן. און ווי דער דאָזיקער גאַנצער געפילדער וואָלט אונדז זייער ווייניק אָנגעגאַנגען, האָבן מיר זיך פּאָרויסגערוקט פון אַ טרעפּ צו אַ הויפן־שטיינער, און פון אַ הויפן־שטיינער צו דער מויער, און פון דער מויער צו אַ וואַנט פון אַ הויז. מיר האָבן אָפּגעהיט גרויסע אָפּשטאַנדן צווישן איין זעלנער צום צווייטן, אָפּשטאַנדן וואָס אַ דאַנק זיי זענען מיר נישט געווען קיין באַדייטונגלאָזע טיילכלעך, ווי אַ מין מאַסע, וואָס האָט נישט קיין פאָרעם און קיין סדר. די דאָזיקע אָפּשטאַנדן האָבן צוגעגעבן יעדן איינעם פון אונדז שטאַנדהאַפטיקייט אין אייגענעם זכות און פערזענלעכע אחריות, אַזוי ווי די גאַנצע הצלחה אָדער דורכפאַל וואָלט געלעגן בלויז אויף זיינע אייגענע פּלייצעס. אויך איינזאַמע זענען מיר געוואָרן צוליב די דאָזיקע אָפּשטאַנדן, ווי יעדער איינער פון אונדז וואָלט געגאַנגען כלומרשט אויף אַן אַנדער שטערנדל, ווען אַפילו די דאָזיקע שטערנדלעך געפינען זיך אין אַ קעגנזייטיקער פאַרבינדונג און זענען אונטערגעוואָרפן די זעלבע געזעצן. און איך האָב געטראַכט: צי איז נישט אַמאָל דער קעמפער אין שלאַכט אַן איינזאַמער מענטש אויך דאַן, ווען ער געפינט זיך צווישן אַסך חברים? די היים, די משפחה, זיין ווינקל אויף דער וועלט, זיינע פריינד — צי העלפן זיי נישט און שטיצן אַפילו דאַן ווען זיי זענען ווייט? געוויס. זיי אַלע העלפן און שטיצן, און פון דעסט וועגן שיינט מיר, אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ ווי דער קעמפער, וואָס גייט אַרויס אַזוי איינזאַם אַנטקעגן דער וועלט, דעם לעבן און דעם טויט.

קוילן האָבן אָן אויפהער געפייפט איבער אונדז און לעבן אונדז, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרעקשנט אויסצופילן דעם חלל מיט זייער דראָענדיקער אָנוועזנהייט. די דאָזיקע קוילן, — ווער זענען זייערע אַרויסשיקערס? און אויף וואָסער אַדרעס זענען זיי געשיקט געוואָרן? אַ סך פון זיי זענען שוין אָנגעקומען צו זייער באַשטימונג. ווהין וועלן דערגיין די יעניקע, וואָס זענען נאָך אין וועג? און די, וואָס זענען נאָך נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן?

דעם כוח אונדזערן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן, האָבן מיר סוף כל סוף דערזען נישט ווייט פון אונדז, פאַרשטעלט הינטער אַ שטיינערנער וואַנט. מיר זענען געשטאַנען און געקוקט, צי איז דאָס באמת אונדזער כוח? אפשר איז עס אַן אויגן־פאַרבלענדעניש? און אפשר איז דאָס אַ כוח פון שונא, וועלכער קען פּלוצעם עפענען אויף אונדז אַ פייער? צי ווייסן זיי, אַז מיר זענען נישט דער שונא. מיר זענען געשטאַנען מיט אויפגעבריזטע געמיטער. עמעצער פון אונדז האָט אויפגעהויבן זיין האַנט מיט אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך ווי פאַרהאַלטן אויפן האלבן וועג, א ביסל צוריקגעהאַלטן, שעמעוודיק. פון דאָרט איז אויפגעהויבן געוואָרן אַ האַנט אויף אַן ענלעכן אופן. אייניקע פון אונדז האָבן אויפגעהויבן די הענט ווי זיי וואָלטן געבעטן אַ תשובה. פון דער צווייטער זייט האָבן אייניקע אויפגעהויבן זייערע הענט אויפן זעלבן אופן. איצט האָבן מיר אַלע אין גרויס באַגייסטערונג געפאָכעט מיט די הענט און זיי האָבן אונדז צוריקגעענטפערט מיט אָן ענלעכן פאָכען. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמע שפּראַך אָן ווערטער. „דאָס זענען אונדזערע", האָט עמעצער אויסגערופן מיט פרייד. „דאָס זענען אונדזערע, דאָס זענען אונדזערע", האָבן אַלע אויסגערופן. דעם אָפּשטאַנד, וואָס איז פאַרבליבן צווישן אונדז, האָבן מיר דורכגעמאַכט לויפנדיק וואָס אַ מאָל שנעלער, ביז מיר זענען געבליבן שטיין איינע קעגן די אַנדערע, פאַרשוויצטע

און גערירטע, בעת דער אָטעם איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן פֿון אונדזערע מײַלער, און מיט אים — די ווערטער.

פֿאַרווונדעטע אין ליכט פֿון די שטערן

ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. אַ קורצע צײַט פֿריִער האָט זיך אײַנגעשטילט דער רעש פֿון די שיסערײַען און פֿון די אויפֿרײַסן און ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געשפּאַנטע שטילקייט, וואָס מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס זי זאָגט אָן: צי באַטײַט זי אַן איבערגרופּירונג אויך אויף דער צווייטער זײַט צו אַ קאַמף אין דער נאַכט; און אפֿשר האָט דער שונא זיך אָפּגעטראָגן און פֿאַרלאָזן זײַנע פּאָזיציעס? מיר זענען אַרויף אויף אונדזערע אויטאָס. פֿיר אויף אַ דזשיפּ. מיר האָבן געקענט אונדזער אויפֿגאַבע און בלויז געוואַרט עס זאָל געגעבן ווערן דער צייכן: דאָ און דאָרט אַ געשפּאַנטער אויסדרוק אויפֿן פּנים, עמעצער פֿאַרטיפֿט זיך אין געדאַנקען און אַן אַנדערער שמייכלט, ווי ער וואָלט געוואָלט פֿאַרלייכטערן זיך און זײַנע חברים. ס'איז געגעבן געוואָרן דער צייכן און די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן רוישן. מיר האָבן זיך גערירט פֿון אָרט. די לופֿט איז ווידער פֿול געוואָרן מיט מעטאַל. מיר זענען געפֿאָרן עטוואָס אויסבאַהאַלטן און אָן ליכט, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו אַן אָפֿענעם שטח. אין זעלבן מאָמענט איז דער שטח פּלוצעם באַלויכטן געוואָרן מיט ראַקעטעס פֿון שונא. מיר זענען ווײַטער געפֿאָרן ביז די ערשטע דזשיפּן האָבן זיך געפֿונען אויף אַ גרויסער און אָפּגעדעקטער בריק. פֿון דער מויער איז איצט אַרויסגעשאָסן געוואָרן צו אונדז אַן עפֿעקטפֿולער און פּרעציזער גיהנום־פֿײַער. אַ פֿאָדערשטער דזשיפּ, וואָס איז געטראָפֿן געוואָרן, האָט זיך פֿאַרהאַלטן, בעת די יעניקע, וואָס זענען געפֿאָרן הינטער אים, האָבן ממשיך געווען פֿאָרויס, ביז די גאַנצע אָפּטיילונג איז צום סוף געבליבן שטעקן אויף דער אָפּגעדעקטער בריק, וועלכע האָט זיך פֿאַרוואַנדלט פֿאַר אונדז אין אַ פֿײַער־פֿאַסטקע. איינעם פֿון די דזשיפּן איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען און צוריקצופֿאָרן, מיטנעמענדיק מיט זיך פֿאַרווונדעטע. אייניקע זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון די אויטאָס און געזוכט אַ דעקונג, אָבער אומזיסט. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן געשרײַען „אַ פֿאַרווונדעטער", „סאַניטאַר", „דאָקטאָר". געפֿינענדיק זיך נאָך אין דזשיפּ האָב איך געפֿרווּווט שיסן, אָבער די ביקס האָט אָפּגעגעבן בלויז איין שאָס און נישט מער. איך בין געטראָפֿן געוואָרן און האָב זיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דזשיפּ אויף אַהינטער, צום שאָסיי. אַ מאָמענט בין איך געבליבן ליגן אויפֿן רוקן, זעענדיק איבער זיך די הימל־דעק און די אויסגעשפּרייטע שטערנס. איך האָב באַמערקט ווי דער דזשיפּ הינטער אונדז, קאָלערט זיך אָן אַ שאָפֿער, צוליב דער אַראָפּנידעריקונג, דירעקט אויף מיר. איך האָב נישט באַוויזן — און האָב אויך נישט געהאַט דעם כּוח — זיך צו רירן פֿון אָרט איידער ער וועט אַרויפֿפֿאָרן אויף מיר. איך האָב געזען ווי זײַן שנעלקייט שטײַגט און ווען ער האָט זיך דערנענטערט איז זײַן שנעלקייט געוואָרן אַלץ גרעסער און דראַענדיקער. „ווו וועט ער טרעפֿן", האָב איך געטראַכט. די פֿאָדערשטע ראָד האָט מיך געטראָפֿן אין די ריפּן און דער דזשיפּ האָט זיך פֿאַרהאַלטן. און ווען מײַן פּנים איז נאָך געווען געווענדעט קעגן דעם הימל (צי איז דאָס געווען דער זעלבער מיט שטערן פֿאַרזייטער הימל, וואָס איז געשטאַנען אַ שטומער אין אַזאַ שרײַענדיקער סתּירה, צי איז דאָס אפֿשר געווען דער זעלבער הימל פֿון טאָלסטאָיס אַנדריי?), און די ראָד צעטרעט מײַן גוף, האָב איך אָנגעשטרענגט אַלע מײַנע כּוחות און זיך אַרויסגעצויגן פֿון אונטערן דזשיפּ. דאָס פֿײַער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. די רופֿן נאָך הילף זענען כּסדר געמערט. איך האָב געפֿילט, אַז כ'וועל ווידער געטראָפֿן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון קערפּער. מיר זענען פֿאַרבליבן אויפֿן שאָסיי פֿאַרווונדעטע, און אָן אַ שוץ. פֿון איינעם פֿון די דזשיפּן איז אויף דער ערד אַראָפּגעפֿאַלן די ביקס פֿון אַ פֿאַרווונדעטן חבר. איך בין צוגעקראָכן פֿון מײַן אָרט און זי געבראַכט צו זיך. מיר האָבן געזוכט אַ לעצטן שוץ־אָרט. מיר האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון דער בריק אויף אונטן: דער טאָל איז געווען צו טיף, אַז מיר זאָלן

קאָנען זען זיין דעק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן פרווון אַרויסגיין פון דאָרט מיט די אייגענע כוחות, נאָך איידער עס וועט קומען אַ כוח אונדז צוהילף. איך האָב געפרווט זיך אויפצושטעלן, כדי זיך צוריקקערן אויף אַהינטער צו דעם קאָנצענטראַציע־פּלאַץ פון הויפּט־כוח. כ'האָב געזען ווי נאָך אַ פאַרוווּנדעטער חבר הייבט זיך אויף. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: „גיב מיר דיין האַנט". מיר האָבן אויסגעשטרעקט די הענט. מיר האָבן געהאָלפן איינער דעם אַנדערן און אָנגעהויבן פאָרויסגיין האַנט ביי האַנט, שריט נאָך שריט.

ביז היינט ווייס איך נישט צי איך בין געווען דער שטיצער אָדער דער אונטערגעשטיצטער, און אפשר איז יעדער איינער פון אונדז געווען ביידע צוזאַמען. אָבער דער באַריר פון אָט דער וואַרעמער האַנט צווישן אונדז, פאַרוווּנדעטע, ממש, בעת דער שלאַכט, אונטער אַ האָגל פון אייזן און בליי, איז געווען עפּעס פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, וואָס האָט יעדן איינעם פון אונדז באַפרייט פון זיין איינזאַמקייט. אין יענעם מאָמענט זענען מיר ווידער געוואָרן מענטשן, פילבאַרע און ליבנדיקע, און נישט מער קיין ווילדע חיות, אָן שום געפילן. ס'איז געווען אין דאָזיקן האַנט־באַריר אַ פולע קעגנזייטיקייט און מענטשלעכע וואַרעמקייט, עפּעס אַזוינס וואָס איז לחלוטין אַנדערש פון אַלץ, וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט אין יענעם מאָמענט. דאָס האָט אונדז געגעבן דעם כוח און די דערמוטיקונג אַרויסצוגיין צום אָרט, וווּ ס'האָבן זיך געפונען אונדזערע איבעריקע חברים, מיר זענען דאָרט ביידע אַנידערגעפאַלן אָן כוחות.

מעגלעך, אַז אין דאָזיקן האַנט־באַריר שטעקט די גרעסטע מענטשלעכע איבערלעבונג, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט אין מיין לעבן.

אין שפּיטאָל

אין קעגנזאַץ צו דעם: די טעג אין שפּיטאָל. דאָ איז דאָס קיניגרייך פון רחמים. אַן אַרמיי פון שוועסטערס אין ווייסן, וועלכע שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער ווי נאָר זיי דערזעען דעם מינדסטן ריר פון דיין גוף: אין דרויסן — אָפּהילכן פון אויפרייסן, דאָ — אַ שטילקייט. אין דרויסן בושעוועט נאָך די מלחמה אָן רחמנות, דאָ — צאַרטקייט און אָנגענעמקייט. שווער איז געווען דער געדאַנק זיך צו געפינען אין אַ זיכער אָרט, און אַ זאָרג האָט דיך באַהערשט, אין דער צייט וואָס דיינע חברים קעמפן נאָך, בעת דו ביסט אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם גענאָד און האָסט נישט קיין מעגלעכקייט צו געבן, אַפילו אַ קלייניקייט, פאַרן אַלגעמיינעם אָנשטרענג. „ס'מאַכט נישט אויס", פלעגן זאָגן די דאָקטוירים און די שוועסטערס, „דו האָסט שוין דאָס דייניקע געטאָן, דיינע חברים וועלן פאַרענדיקן דאָס, וואָס דו האָסט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן". און אַפילו הערנדיק דאָס, בין איך נישט געטרייסט געוואָרן.

פון אונדזערע געלעגערס, צוגעשמידטע צו אונדזערע בעטן, מאַכטלאָזע, צעוויייטיקטע און באַגרענעצטע, האָבן מיר געקאָנט נאָכפאָלגן די געשעענישן בלויז דורכן ראַדיאָ און מיר האָבן דורשטיק געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פונעם מויל פון ספּיקער. „ירושלימער אַלטשטאָט איז אין אונדזערע הענט", האָט ער געזאָגט אין איינעם אַן אָוונט. „איך חזר איבער, ירושלימער אַלטשטאָט איז אין אונדזערע הענט". אין זעלבן מאָמענט האָט דאָס הארץ זיך גערירט פון זיין פלאַץ און ווען מיר וואָלטן געקאָנט, וואָלטן מיר געטאָן דאָס זעלבע. פונעם פענצטער וואָס גייט אַרויס צו דער ירושלימער גאַס האָט אויסגעבראָכן אַ מעכטיקער פרייד־געשריי פון מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן געשאַלט און זיך געפרייט. אַ פרייד־געשריי, וואָס איז אַרויף ביז צו אונדז און איז דערגאַנגען ביז צו אונדזערע בעטן. איצט איז אַ ציטער אַדורך דעם גאַנצן גוף. אַ ציטער פון גרויסער געריהרטקייט און אומענדלעכער פרייד. אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. קיין שום צוים האָט זיי נישט געקאָנט אָפּשטעלן.

די שלאַכטן האָבן זיך פאַרענדיקט. די קאַנצעלאַריסטין פון דער איינהייט האָט אונדז באַזוכט אין שפּיטאָל. זי איז צוגעקומען צו מיין בעט. איך האָב זיך געשראָקן פאַרן דאָזיקן מאָמענט. — כ'האָב זי געבעטן מיר צו זאָגן די נעמען פון די געפאַלענע

פון דער איינהייט: „צי ביסטו גענוג שטאַרק דאָס צו הערן?" — האָט זי געפרעגט. מיר שיינט, אַז ס'איז געווען אַ ליגן, אָבער איך האָב געענטפערט: „יאָ". איך האָב זיך געשטאַרקט אויף מיין בעט, האַלטנדיק זיך פעסט מיטביידע הענט ביים עק פון מאַטראַץ. כ'האָב געוווּסט ווי ריכטיק עס וועט זיין צו זאָגן דאָס מאָל, אַז „דאָס לעבן און דער טויט זענען אין די הענט פון דער צונג", ווי עס וואָלט כלומרשט גענוג געווען אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, כדי פאַרמשפּטן מענטשן צום לעבן אָדער צום טויט. שטילערהייט האָט זי אָנגעהויבן זאָגן נאָמען נאָך נאָמען. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. יעדער נאָמען האָט ווי אַ קויל דורכגעאַקערט מיין גוף און יעדע פּאַוזע צווישן נאָמען און נאָמען האָט געטראָגן מיט זיך שוידער און גרויל. זי האָט געזאָגט אַ נאמען און אַ שטומער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין גאַנצן וועזן: „נ י י ן!". נאָך אַ נאָמען, און נאָך אַ שטומער געשריי „נ י י ן!". און ווען זי האָט פאַרענדיקט (אוי, ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָן אַ סוף איז געווען די ליסטע, און די סעקונדעס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט), איז שוין נישט געווען דער שטומער געשריי... „ניין!", „ניין!", „ניין!" — האָב איך איצט געשריען מיטן גאַנצן כוח.

אַ צייט שפּעטער, ווען מען האָט מיר געזאָגט, אַז דער שפּיטאָל ווו איך בין געלעגן, איז פריער געווען אַ שפּיטאָל פאַר קימפּעטאָרינס, האָב איך געשמייכלט צוליב דעם דאָזיקן ווילן פון גורל: איך האָב געוווּסט, אַז אויפן דאָזיקן פּלאַץ בין איך טאַקע געבוירן געוואָרן צום צווייטן מאָל אין מיין לעבן.

עפּילאָג

און דאָס האַרץ לאָזט נישט פאַרענדיקן זאַכן פון דאָזיקן מין, — וואָס דער אומעט אין זיי, ווי איר האָט געזען, איז פיל מער ווי די פרייד, און עס איז ווי אַ שנור וואָס ציט זיך דורך זיי אין דער גאַנצער לענג, — אָן דעם אַזוי־געזוכטן דורך אונדז טאָן פון אַ בעסערער צוקונפט, פון אַ האָפענונג און אַ דערוואַרטונג אויף דער צוקונפט. און דאָס האָב איך ערשט געקאָנט טאָן דורך אַ קורצן באַזוך, וועלכן איך האָב געמאַכט אַ געוויסע צייט נאָכן אַראָפּגיין פון בעט, אין יענעם טייל פון לאַנד, וואָס איז, ווי ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, באַליבטער פאַר מיר פון אַלע. די מאָלערישע דאָרפישע הייזער, וואָס קלאַמערן זיך מיט אַזאַ מין עקשנות אין זייט פון אַ באַרג, צוגעשמידט נישט צום אָפּרייסן פונעם פּייזאַזש, אַזוי ווי זיי וואָלטן געשלאָגן אין אים וואָרצלען, וועלדלעד־וועלדלעד פון טונקעלע און אוראַלטע איילבירט־בוימער, אָנצאָליקע שטיקלעך באָדן באַדעקטע מיט וויינשטאָקן, פּאַסן ברוינע און פּרוכטבאַרע ערד אָפּגעגרענעצטע מיט הויפנס־שטיינער און צעאַקערטע דורכן צאָן פון אַקעראייזן — דאָס אַלץ האָט נישט געקענט אַרויסרופן דעם אָנדענק פון יענע גרויסע און מעכטיקע געשעענישן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט צו דער בריק. די שפּורן פון דער מלחמה זענען אָפּגעווישט געוואָרן. געוואַשענע אין די לייכטנדע שטראַלן פון דער וואַרעמער זומערדיקער זון, האָבן דאָ געשטראָמט מאַסן — יידן און אַראַבער — ווי צווישן זיי וואָלט קיינמאָל קיין שנאה נישט געווען. זיי זענען לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאָסן פון דער שיינקייט פון פּלאַץ און פונעם שיין פון דער זון. בלויז אַ דענקמאָל־אָנשיט איז דאָ געשטאַנען, אויפֿגעשטעלט פון ירושלימער שטיינער, וואָס אויף איינעם פון זיי זענען געווען פאַרצייכנט די נעמען פון די, וואָס זענען דאָ געפאַלן. איך בין געשטאַנען אַקעגנאיבער אים, ווי ביחידות און אָפּגעריסן פון שטראָמענדיקן המון, אַן אויפגעברויזטער און אַ שווייגנדיקער. עפּעס אַ פאַרבאָרגענע זאַך האָט מיך פאַרבונדן צום דאָזיקן אָנשיט, עפּעס אַ גרויסער און אויסבאַהאַלטענער סוד, וואָס בלויז מיר ביידע ווייסן. בלויז מיר ביידע. ווען כ'האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט נאָך אַלץ געשטראָמט דער המון, פריילעך און אין פליסיקער באַוועגונג. צי האָבן טאַקע יידן און אַראַבער נישט געקאָנט זיין צוזאַמען אָן דער מלחמה? זיי וואָלטן דאָך געקאָנט דריקן איינע די אַנדערן די הענט צו שלום אָן דעם, אַז ס'זאָל אויפגעשטעלט ווערן דער דאָזיקער דענקמאָל.

און אין אַן אַנדער פּלאַץ האָבן קינדער געפּאָכעט מיט די הענט צו שלום: די דאָזיקע

תמימותדיקע און אומשולדיקע קינדער, גלאַטע טאָוולען, וואָס זענען ריין פון די זינד פון די פאָטערס, „דער גאָלדענער דור", — זיי זענען דאָך „די אייביקע פערספעקטיוו פון דער מענטשהייט צו אַ בעסערער וועלט". צי וועט די מענטשהייט וויסן ווי אַזוי צו נעמען אין אירע הענט די דאָזיקע ווונדערלעכע פערספעקטיוו? צי וועט זי וויסן ווי אַזוי איר ראוי צו זיין?

(גלעד)

אורה דן, שלום

בע"ה, רעננה 20.8.67

מיט דער דערלויבעניש פון אתי (מיין פרוי) האָב איך געלייענט דיין בריוו, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן. צו מיין באַדויערן האָב איך דיך נישט געקאָנט פערזענלעך און איך האָב דיך געזען בלויז אַן אויגנבליק, אָבער אין דיין בריוו קומען צום אויסדרוק דיינע געפילן לגבי די פּראָבלעמען פון דעם כלל און דעריבער האָב איך געפילט אַ באַדערפעניש דיר צו שרייבן. איך וויל נישט אין מיין דאָזיקן בריוו פאַרשטאַרקן דיינע רייד וועגן דעם שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דער קאָנווענציאָנעלקייט, סיי צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע טעמע וויל איך איבערלאָזן אויף אַ פערזענלעכן שמועס, און סיי צוליב דעם, וואָס אויף אָט דער קאָנווענציאָנעלקייט איז פון דעסטוועגן אויפגעוואַקסן אַ גרויסער דור פון די זין אין דער אַרבעטנדיקער התיישבות *, וועלכע שטעלן פאַר מיט זיך דעם רוב בניין ומניין פון דער קאַמאַנדשאַפט אין צה"ל בכלל, און ספּעציעל אין דער בריגאַדע אין וועלכער איך דין. איך האָב זוכה געווען צו דינען אין דער פאַראַשוטיסטן־בריגאַדע, וואָס האָט באַפרייט ירושלים. געווען איז אין דעם, לויט מיין גלויבן, גאָטס האַנט, וואָס איך האָב זיך באַטייליקט אין דער מלחמה פאַר באַפרייען גאַנץ ירושלים. איך זע אין דעם גאָטס האַנט, ווייל פון דעם טאָג ווען איך האָב אָנגעהויבן זעלבשטענדיק טראַכטן, און בעיקר זינט איך האָב זיך מאָביליזירט אין צה"ל מיט 13 יאָר צוריק, האָט אין מיין האַרץ אַן אויפהער פולסירט דער ווילן זיך צו באַטייליקן אין דער מלחמה פאַר באַפרייען ירושלים. אויבנאויפיק, איז אין דעם געווען אַ סתירה צו מיין געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָנשויאונג וועגן דער נויטווענדיקייט זיך צונויפצורעדן מיט די אַראַבער, כדי צו שאַפן אַ באַזע פאַר אַ שלום. אָבער מיינע גרויסע שטרעבונגען צו קעמפן פאַר באַפרייען ירושלים זענען געווען העכער און זענען געשטאַנען איבער די פּאָליטישע געדאַנקען.

——— אָנשטאָט דער נאַטירלעכער מורא און דער שרעק פאַרן דערוואַרטן טויט, איז אויף מיר אַראָפּ אַ גרויס ליכט. עס האָט מיך באַהערשט אַ פרייד, וואָס אָט גיי איך קעמפן און מעגלעך אַפילו שטאַרבן פאַר ירושלים. צי ווייסטו וואָס עס באַטייט ירושלים פאַר אַ רעליגיעזן מענטשן, וועלכער דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג (אין שמונה־עשרה) „ולירושלים עירך ברחמים תשוב ותשכון בתוכה כאשר דיברת **"? און ווירקלעך, אַזוי ווי דו שרייבסט, איז דער כותל המערבי קיין מאָל פאַר מיר נישט געווען קיין אַרכע־אָלאָגישער פלאַץ און אַפילו נישט קיין „מקום קדוש" ווי זיין פאָרמעלע באַצייכענונג. אין מיין דערציונג, אין מיין תפילה און אין מיינע לעכצונגען איז ירושלים די גאַנצע אַן אָרגאַנישער טייל פון מיין מענטשלעכן וועזן און פון מיין לעבן. פאַרשטיי, אורה,

---

* באַזעצן יידן אויף ערד־אַרבעט.

** און קיין ירושלים, דיין שטאָט, זאָלסטו זיך אומקערן מיט רחמים און זאָלסט זיך געפינען אין איר אַזוי ווי דו האָסט גערעדט.

אַז אויפֿן הינטערגרונט פֿון אָט די געפֿילן בין איך געגאַנגען קעמפֿן פֿאַר באַפֿרייען ירושלים און איך האָב געפֿילט ווי עס וואָלט אויף מיר אַרויפֿגעלייגט געוואָרן דער גרויסער זכות פֿון אַ געטלעכער און היסטאָריש־יידישער שליחות. צוליב דער גרויסער שפּאַנונג און צוליבן מלחמה־שטורעם, האָב איך צום אָנהויב נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט צו אָבסערווירן די איבערלעבונגען און געפֿילן פֿון די אַנדערע זעלנער. אָבער אין דער לופֿטן איז געהאַנגען דאָס געפֿיל פֿון גרויסע און הייליקע שעהן; ווען איך האָב געפֿרעגט אַ חבר־זעלנער, אַ זון פֿון קיבוץ שער העמקים, אין ראָקפֿעלער־מוזיי, פֿאַרן דעראָבערן דעם הר־הבית: „וואָס זאָגסטו?", האָט ער מיר געענטפֿערט מיט אַ פּסוק פֿון תנ"ך: „שמחתי באומרים לי בית ה' נלך. עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, ירושלים הבנויה כעיר שחוברה לה יחדיו" *. דער בחור האָט געשמייכלט ווען ער האָט ציטירט דעם דאָזיקן פּסוק. אפֿשר דערפֿאַר ווייל ס'איז נישט „שיין", אַז אַ חבר פֿון „השומר הצעיר" זאָל אַזוי רעדן, אָבער איך האָב געזען זיינע אויגן און געוווּסט, אַז אַזוי פֿילט ער. ווען מיר האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער אַלטשטאָט און איך בין אַרויף אויפֿן הר־הבית, און ווען איך בין דערנאָך אַראָפּ צום כותל המערבי — האָב איך זיך איינגעקוקט אין די זעלנער און קאָמאַנדירן; איך האָב געזען זייערע טרערן און תּפֿילות אָן ווערטער, און כ'האָב געוווּסט, אַז אויך זיי פֿילן ווי איך: אַ טיפֿע פֿאַרבינדונג צום הר־הבית ווו עס איז געשטאַנען דער בית־המקדש, און אַ ליבע צום כותל, וואָס דורות האָבן געוויינט ביי זיינע שטיינער. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר מיינע חברים, די רעליגיעזע, און איך פֿילן גרויסקייט און הייליקייט, נאָר אויך זיי פֿילן עס, מיט נישט קיין קלענערער קראַפֿט און טיפֿקייט. מיר איז געווען אַסך לייכטער צו דעפֿינירן מיינע געפֿילן, ווייל אין מיין אַמוניציע־פּאַס זענען געלעגן מיינע תּפֿילין (מעגלעך אַז אַזעלכע האָט אויך אָנגעטאָן שלמה המלך, דער בויער פֿון בית המקדש) און אין מיין קעשענע האָב איך געהאַלטן אַ תּהילימל, וואָס ס'האָט געשריבן דוד המלך — דער קעניג פֿון ירושלים.

ווען איך האָב געוויינט לעבן כותל המערבי, האָבן „געוויינט" מיט מיר מיין פֿאָטער, זיידע און עלטער־זיידע, אַלע געבוירענע אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן געדאַרפֿט האָבן די דערלויבעניש פֿון אַבדאַללאַן, כדי צו דאַווענען. און ווען איך האָב געגלעט די שטיינער פֿון כותל האָב איך געפֿילט די וואַרעמקייט פֿון יידישע הערצער, וואָס האָבן דערוואַרעמט דעם כותל אויף אייביק און אָט די וואַרעמקייט וועט פֿון אים קיין מאָל נישט פֿאַרשווינדן.

———איך האָב געזען מיינע חברים, וואָס האָבן כלומרשט נישט קיין געפֿיל פֿון קדושה, וואָס ווערן דערצויגן אין זייערע קיבוצים אויף אַ זלזול־באַציונג צו די ווערטן פֿון רעליגיע און טראַדיציע, און אויך זיי, ווי איך, זענען געווען באַגייסטערט און דערהויבן. דאַן האָב איך ווידער פֿאַרשטאַנען, וואָס איך האָב זיך משער געווען פֿריער, אַז ס'איז פֿאַראַן אין אונדז, אין גאַנצן יידישן פֿאָלק, — וועלטלעכע ווי רעליגיעזע, אַ טיפֿער יידישער וועזן, וואָס ווערט נישט אָפּגעמעקט דורך דערציונג און ווערט נישט פֿאַרטושט דורך פֿרעמדע אידעען און ווערטן. אין דער פֿרי, צו מאָרגנס נאָך דער שלאַכט, האָב איך געדאַוונט שחרית אויפֿן הר־הבית און ווען די זון האָט געשיינט איבערן באַפֿרייטן ירושלים, האָב איך געווענדט מיין האַרץ צום פּסוק „אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו יחד במהרה לאורו" **.

אנטשולדיק מיר, אורה, אויב איך האָב איבערגעטריבן אין מיינע רייד. אָבער ווען

---

* איך פֿריי זיך, אַז מען זאָגט מיר לאָמיר גיין אין גאָטס הויז. אונדזערע פֿיס זענען געשטאַנען אין דיינע טויערן, ירושלים. ירושלים, וואָס איז אויפֿגעבויט ווי אַ שטאָט, וואָס האָט זיך באַהעפֿט אין איינעם.

** אַ נייַ ליכט זאָלסטו באַלויכטן ציון און מיר זאָלן זוכה זיין אַלע אינאיינעם, אין גיכן צו זיין ליכט.

עס רעדט זיך וועגן דער „זעקס־טאָגיקער מלחמה״ און בפרט וועגן באַפרייען ירושלים, זעט דאָך אַלץ אויס ווי אַ פּאָעמע און ווי אַ מזמור.

מיט גרוס   אליעזר שפר

נ. ב. מיר האָבן דערלאַנגט אַ ביטע צו וווינען אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים. אויב מיר וועלן זוכה זיין דאָרט צו וווינען — וועסטו געוויס אונדז קומען באַזוכן.

עמוס עוז / אַ פרעמדע שטאָט

איך בין געבוירן געוואָרן אין ירושלים. איך האָב דאָרט געלעבט אין מיינע קינדער־יאָרן. ווען איך בין אַלט געווען נײַן יאָר האָב איך דורכגעמאַכט די טעג פון דער בלאָקאַדע און פון די באָמבאַרדירונגען אין ירושלים. צו יענער צייט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דאָס פנים פון אַ טויטן מענטשן: אַ שראַפּנעל, וואָס איז אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון אַ האַרמאַטן־באַטעריע פון אַראַבישן לעגיאָן אין נבי־סמואל* האָט געטראָפן אַ רעליגיעזן מאַן און צעריסן זיין בויך. איך האָב אים געזען ליגנדיק אויף דער גאַס. דאָס איז געווען אַ קליינער מענטש, וואָס אויף זיין גאָמבע האָט געשפּראָצט אַ שיטער בערדל. ליגנדיק אַ טויטער אויפן גאַס איז זיין פנים געווען ווייס און דערשטוינט. די זאַך האָט פּאַסירט אין חודש יולי פון יאָר אַכט־און־פערציק. אַ סך טעג האָב איך פיינט געהאַט דעם דאָזיקן מענטש, ווייל ער פלעגט קומען ביינאַכט אין מיינע חלומות כדי מיך איבערצושרעקן. איך האָב געוווסט, אַז ירושלים איז אַרומגערינגלט דורך כוחות, וואָס ווילן איר טויט און אויך מיין טויט.

דערנאָך האָב איך זיך דערווייטערט פון ירושלים. איך האָב זי נאָך ליב מיט יענער שווערער ליבע, ענלעך צו דער ליבע צו אַ פרוי. אָפט מאָל, אין די פרייע טעג, פלעג איך פאָרן קיין ירושלים, כדי אויפסנייי איר אַרויסצוווייזן מיינע ליבע־געפילן. פאַראַן אין איר געסלעך, וואָס קענען מיך גוט, הגם זיי מאַכן דעם אָנשטעל פון פרעמדע פנימער.

איך האָב ליב געהאַט ירושלים, ווייל זי איז געווען אַ שטאָט פון אָפּגעהאַקטע וועגן, תמיד דערגייין צו איר און קיין מאָל זי נישט דורכגיין, און אפשר אויך צוליב דעם וואָס זי איז קיין מאָל באמת נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין די תחומען פון מדינת ישראל: אַ חוץ אייניקע שטיף־גאַסן, האָט ירושלים אַלע יאָרן אָפּגעהיט אַ ווייטע אידענטישקייט, אַזוי ווי זי וואָלט באַוווסטזיניק זיך אויסגעדרייט מיש דער פלייצע צו אַלע ווייסע און פלאַכע האַנדלסשטעט: תל־אביב, חולון, הרצליה, נתניה.

ירושלים איז געווען אַנדערש. זי איז געווען אַ נעגאַציע פון די שכונות מיט די ווייס־געקאַלכטע בלאָק־הייזער. זי איז געווען ווייט פון די פּרדסים־פּלאַכן, פון די גערטנדלעך אַרומגערינגלטע מיט אַ לעבעדיקן פלויט, פון די רויטע דעכער און פון די באַוואַסערונג־רערן, וואָס שימערן אויף דער זון. אַפילו דער ירושלימער בלוי אין די זומער־טעג איז געווען אַן אַנדערער. די שטאָט האָט נישט גענומען אויף זיך דעם ווייסלעך־פאַרשטויבטן הימל פון דער שפלה און פון שרון**.

אַן אָפּגעשלאָסענע שטאָט. אַ ווינטערדיקע. אויך זומער איז די שטאָט תמיד געווען אַ ווינטערדיקע. פאַרענטשן פון פאַרזשאַווערטן אייזן. גרויע שטיינער וואָס זייער פאַרב דערנענטערט זיך אָפט מאָל צו בלוילעך און אָפט מאָל צו רויטלעך. איינגעפאַלענע פלויטן. פעלדזן. בייז פאַרשלאָסענע מויער־הייף.

---

* אַן אַראַביש דאָרף לעבן ירושלים.

** דער פלאַך־טאָל וואָס לענגאויס דעם ים.

און די איינוווינער: אַ שוויַיגנדיק פאָלק, אַ ביטערלעך, און ווי עס וואָלט שטענדיק איינגעהאַלטן אין זיך אַן אינערלעכע מורא. מענטשן, פרומע, אשכנזים אין פוטערנע שטריימלעך און אַלטע ספרדים אין געשטרייפטע קיטלען. זאַכט גייענדיקע מלומדים, וואָס בלאָנדזשען ווי פאַרלוירענע צווישן די שטיינערנע גאַסן. טרוימערישע מיידלעך. בלינדע קבצנים וואָס שטייען שטיל אָדער שילטן. גאַסן־משוגעים מיט עפּעס אַ פונק.

זינט צוואַנציק יאָר האָט ירושלים זיך עקשנותדיק אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום ריטעם פון די פרייע צייטן. זייער אַ לאַנגזאַמע שטאָט אין אַ פּיבערהאַפטן לאנד, אַן אַלטע, פאַרשטויסענע און באַרגיקע פאָרשטאָט פון געדיכט־פאַרבויטע פלאכן, וואָס פלאַצן פון דער ריזיקער ענערגיע, וועלכע גייט אַריבער אירע ברעגן.

אַ טרויעריקע שטאָט אין אַ פריידיקער מדינה.

און די שטיקעניש.

געווען צעריסענע גאַסן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין פאַרצוימטע געסלעך. באַרי־קאַדעס פון בעטאָן און פאַרזשאַווערטן שטעכלדראָט. אַ שטאָט, וואָס איז אינגאַנצן איין פּעריפעריע. נישט פון גאָלד, נאָר פון אויסגעקרימטע און דורכגעלעכערטע בלעד־ווענטלעך. אַ שטאָט וואָס איז אַרומגערינגלט מיט קולות פון פרעמדע גלעקער אין דער נאַכט, פרעמדע ריחות, אָפּגעפרעמדטע פּייזאַזשן. אַ רינג פון פיינטלעכע דערפער האָט אַרומגענומען די שטאָט פון דריי זייטן: שעפאַט וואַדי־ג׳וז עיסאַוויה סילואַן עזאריה צור־באחר בית־צפאַפה. עס האָט זיך געדוכט: זאָלן זיי נאָר פאַרשליסן די פינגער פון זייערע הענט אין אַ פויסט, און די שטאָט וועט צעקוועטשט ווערן. ווינטער בייִנאַכט האָט מען געקאָנט פילן ווי אַזוי עס שטראָמט פון דאָרטן אַהער עפּעס אַ רשעותדיקע אינטענץ.

און ס׳איז אויך געווען אַ פּחד אין ירושלים. אַן אינערלעכער פּחד, וואָס מען טאָר אים נישט אויסדריקן מיט ווערטער און מען טאָר אים נישט אָנרופן ביים נאָמען, און וואָס האָט זיך אָנגעהויפט, צונויפגעזאַמלט און פאַרגליווערט געוואָרן אין די צעקרימטע געסלעך און פאַרוואָרפענע הייף.

די שטאָש־טאַטעס, די מאַכט־אָרגאַנען, די פאָלקס־קוואַרטאַלן, די פלאַנטאַציעס, די ליכט־סיגנאַליזאַטאָרן — זיי אַלע האָבן געוואָלט איבעררעדן ירושלים, זי זאָל זיך אויסמישן אין מדינת ישראל, און זי, חוץ עטלעכע אויסערגייענדיקע לויזע גאַסן, האָט זיך נישט אויסגעמישט. צוואַנציק יאָר. ירושלים האָט ווייטער אָפּגעהיט עפּעס אַן אָפּגעבלאַקעוועטע און פאַרעקשנטע מאַנדאַטאָרישע דימענסיע. זי איז פאַרבליבן די טרויעריקע ירושלים. נישט אין מדינת ישראל, נאָר אַנטקעגן: ירושלים — וואָס קעגנ־איבער ישראל.

איך האָב ליב געהאַט די שטאָט, ווייל איך בין אין איר געבוירן געוואָרן און צוליב דעם, וואָס מענטשן וואָס שטייען אַנטקעגן, האָבן אַ נייגונג ליב צו האָבן שטעט וואָס שטייען אַנטקעגן.

און דאָס איז געווען אַ ליבע, וואָס ווייס נישט פון קיין גענאָד: די קאָשמאַרן, די גרויל־חלומות, זענען אָפּט אַדורך אין מיר אויפן הינטערגרונט פון ירושלים. איך וווין שוין מער נישט אין ירושלים, אָבער אין די חלומות בין איך אירע און זי לאָזט מיך נישט אָפּ. איך פלעג זי און זיך אַליין זען אַרומגערינגלטע דורך שונאים. אין די חלומות זענען די שונאים נישט געווען פון דריי זייטן, נאָר אַרום־אַרום. איך האָב געזען ווי זי פאַלט אין די הענט פון אירע פיינט. זי ווערט פאַרוויסט, צערויבט און פאַרברענט אַזוי ווי אין די קינדער־דערציילונגען, ווי אין תנ״ך, ווי אין די חורבן־לעגענדעס. און אויך איך, אָן אַן אַנטרינונג און אָן אַ באַהעלטעניש, פלעג געפאַנגען ווערן אין ירושלים פון די חלומות.

אין מיין קינדהייט פלעגט מען מיר אַ סך דערציילן וועגן דער באַלאַגערטער ירושלים. תמיד שטאַרבן דאָרט יידישע קינדער. שטאַרבן העלדיש אָדער ווערן אויסגעשאָכטן, אָבער תמיד האָבן די דערציילונגען זיך פאַרענדיקט מיט פאַרברענען די שטאָט און מיט אויסגעהרגעטע קינדער. סנחריב. טיטוס. קרייץ־ציגלער. פאָגראָמען. באַנדעס. מילי־

טערישע לאַגע. דער הויכקאָמיסאַר. אַבלאַוועס. אַרויסגאַנג־פּאַרבאָט. דער מדבר־קעניג אַבדאללא. די האַרמאַטן פון לעגיאָן. דער קאַראַוואַן צום הר־הצופים *. דער קאַראַוואַן צו גוש עציון. אַן אונטערגעהעצטער המון. אַן אויפגערייצטער פעבל. בלוטדורשטיקע פּראַים. נישט־רעגולערע כוחות, צעווילדעוועטע. אַלץ איז געווען געריכט און געווענדעט צו מיר. תמיד האָב איך געהערט צו די ווייניקע, צו די אַרומגערינגלטע, צו די וואָס זייער גורל איז שוין באַשטימט און זיי לעבן בלויז אויפן חשבון פון אַ ציטווייליקער און צעטרייסלטער פּראָלאָנגאַטע. ווי תמיד וועט אויך דאָס מאָל די שטאָט דורכגע־בראָכן ווערן. מיר וועלן שטאַרבן אין איר אַזוי ווי דער קליינער פרומער ייד, וואָס איז געלעגן אויף דער גאַס און זיין פּנים איז געווען ווייס און דערשטוינט, ווי מען וואָלט אים שווער באַליידיקט.

און נאָך.

נאָך דעם ווי ס'איז אָפּגעשאַפּט געוואָרן די בלאָקאַדע, איז די גרענעץ־ליניע פאַרבליבן אין האַרץ פון דער שטאָט. מיין גאַנצע קינדהייט איז פאַרביי אַנטקעגן פאַרבאָטענע גאַסן און אויסגעשטאָרבענע געסלעך. וווּנד־שראַמעס פון פאַרוויסטונגען, הפקר־שטחים, מינירטע באַדינס באַדיינקטע מיט דערנער, חורבות און סאַדזע. די פאַרצווייפלטע אַרויס־שטאַרצונג פון צעקרימטע אייזן־אָרעמס צווישן די שטיינערנע צעשטערונגען. און פון אַנטקעגנאיבער שטייט די גאַנצע צייט די פרעמדע ירושלים. די שטאָט, וואָס רינגלט אַרום מיין שטאָט. פון איר האָבן געשטראָמט די פרעמדע קולות און אויך ריחות, ווי אויך בלאַסע ליכטער, וואָס טליען אין דער נאַכט, און דער אויפשווידערנדיקער געוויין פונעם מועזין פאַרטאָג. מען מעג זאָגן: אַטלאַנטידאַ, אַ פאַרלוירענער קאָנטינענט. אַ פאַרקערטע שטאָט, וואָס צו איר שטרעקן זיך די האַלוצינאַציעס. ס'זענען געווען מוטנע זכרונות פון די ערשטע קינדער־יאָרן, אַן אָנדענק פון פּילפאַרביקע געסלעך אין דער אַלטשטאָט, דער געוועלבטער דורכגאַנג, וואָס פירט צום כותל, אַ מאַנדאַטאַרישער אַראַבישער פּאָליציסט, שטעלעכלעך פון גאַסנהענדלער, בוזאַ, תמרהינדי **, דאָס געשריי פון שווינדלענדיקע פאַרבן, דאָס דערדריקנדיקע געפיל פון אַ לויערנדיקער געפאַר.

פון דאָרט, פון דער אַנדערער זייט פון גרענעץ־ליניעס, איז אין משך פון דעם רוב יאָרן פון מיין לעבן געווען געריכטעט קעגן מיר עפּעס אַ צאָרנדיקע דראָונג. איך געדענק ווי כ'האָב זיך אַרומגעשלעפּט פאַרנאַכט איבער די גאַסן פון מוסראַרה ***, ביז צום עק פון דעם הפקר־שטח. אָדער די אויסבליקן צום שנלר וועלדל פון דער ווייטנס. פאַר־באַטענע פּייזאַזשן פון אַ אָבסערוואַציע־פּונקט אבו־תור. דער צעקלאַפּטער נאָטרדאַם־סקווער. די טורעמס פון בית־לחם אַנטקעגן די וועלדלעך פון רמת־רחל. מדבריקע בערג־אָפּהענג ביז צו די ריפּן פון שכונת תלפּיות. אין די ווייטן גלאַנצט דער ים־המלח, ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. פעלדזיקע טאָלן אין פאַרטאָג.

✶

זונטיק, דעם עלפטן יוני פון יאָר זיבן און זעכציק, בין איך געגאַנגען זען ירושלים וואָס פון הינטער די ליניעס. איך בין געקומען צו פלעצער, וואָס יאָרן און חלומות האָבן זיי אויסקריסטאַליזירט ווי אַ סימבאָל אין מיין האַרצן, און אָט זענען זיי גאָר מענטשלעכע וווין־ערטער: הייזער, קראָמען, שטעלעכלעך, שילדן.

און איך בין געווען דערשיטערט, ווי עס וואָלטן זיך איינגעבראָכן אין מיר די אינער־לעכע דימענסיעס. די חלומות האָבן אַנטוישט. די וועלט פון די שרעקלעכע לעגענדעס איז צו נישט געוואָרן. די שטענדיקע שרעק איז געווען נישט מער ווי אַן אכזריותדיקער

---

* אַ קאַראַוואַן פון דאָקטוירים און שוועסטער וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פון די אַראַבער, אויפן וועג צום שפּיטאָל אויפן הר־הצופים און אַלע זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן.

** אַ זיס אַראַביש געטראַנק.

*** אַ קוואַרטאָל אין ירושלים.

און אויסגעקרימטער וויץ. אַלץ איז דורכגעבראָכן געוואָרן, האָט זיך צעפּראַלט, ס'איז געשטאָרבן מיין ירושלים, די געליבטע און די גרויזאַמע.

איצט איז די שטאָט אַן אַנדערע. פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך אין אירע אונטערשטע טיילן, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין רוישיקע צענטערס. בולדאָזערס האָבן דורכגעבראָכן נייע וועגן צווישן די בערג רוינעס, וואָס איך האָב זיי געהאַלטן ווי אייביקע פּאַרוויס־טונגען. פאַרגעסענע שכונות זענען פול געוואָרן מיט פיבערדיקער באַוועגונג. מאַסן רעלי־גיעזע מענטשן, קעמפער אין שלאַכט־מונדירן, דערשטוינטע טוריסטן, הייטערע פרויען פון די שטעט פון ברעג ים — אַלץ האָט געשטראָמט צו מזרח. געוועז אַ ים־צופלוס אין ירושלים. דאָס פלאַכלאַנד איז אַרויף כדי צו פאַרשווענקען די אָפענע שטאָט. און אַלעמען האָט פאַרכאַפּט אַ יום־טובדיקע פרייד. אויך מיך.

די זאַכן ווילן זיך נישט אַריינפּאַסן אין ווערטער. ווען איך זאָג ווידער: כ'האָב ליב געהאַט די גאַנצע ירושלים — וואָס מיין איך דערמיט. פּונקט אַזוי ווי אין דער ליבע זענען זיך דאָך די כוחות זיך סותר און ראַנגלען זיך. מיינע און אַ פרעמדע. אַ דעראָ־בערטע און אַ פיינטלעכע. אַן איבערגעגעבענע און אַ פאַרמאַכטע.

איך האָב געקאָנט זיך מאַכן ניט־זעענדיק. דער הימל איז דאָך דער זעלבער הימל און די ירושלימער שטיינער זענען דאָך אויך די זעלבע. און שייך־ג'ראַח איז דאָך אין אַלץ כמעט ענלעך צו קאַטאַמאָן.

אָבער די שטאָט איז באַוווינט. מענטשן לעבן אין איר און זיי זענען מיר פרעמד, און איך פאַרשטיי נישט זייער שפּראַך, און זיי זיצן אויף זייערע ערטער און איך בין עס דער פרעמדער, וואָס איז געקומען פון דרויסן. אמת, די איינוווינער זענען העפלעך. העפלעך ביז צו באַליידיקונג, און זיי זענען כלומרשט גליקלעך מיטן גרעסטן גליק, וואָס ס'איז זיי צוגעפאַלן דער זכות און דער כבוד מיר צו פאַרקויפן פאָסט־קאַרטלעך אָדער מאַרקעס פון ירדנישן קיניגרייך. ברוך הבא. ברידער זענען מיר. נאָר אויף דיר האָבן מיר געוואַרט אַלע יאָרן, כדי צו פאַלן אויף דיין געליבטן האַלדז.

און זייערע אויגן האַסן מיך. ווילן מיין טויט. אַ פרעמדער און אַ פאַרשאָלטענער.

צום באַדויערן, קאָן איך נישט זאָגן קיין ווערטער אין וועלכע עס זאָל זיין אַ קאָנ־סעקווענטקייט.

איך בין געווען אין מזרח־ירושלים דריי טעג נאָך דער דעראָבערונג. איך בין געקומען צו איר דירעקט פון אל־עריש אין סיני, אָנגעטאָן אין אַ מונדיר און באַוואָפנט מיט אַן אויטאָמאַט. איך בין נישט געבוירן געוואָרן צו בלאָזן אין שופרות און נישט צו באַפרייען ערד פון פרעמדן יאָך. דעם קרעכץ פון מענטשן קאָן איך הערן. איך קאָן נישט הערן „דעם קרעכץ פון פאַרקנעכטער ערד".

אין מיינע קינדער־חלומות פלעגן אַראַבער אין מונדירן און מיט אויטאָמאַטן קומען אויף דער גאַס וווּ איך האָב געוווינט אין ירושלים, כדי מיך צו טויטן. מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק איז אויף אַ וואַנט פון אַ הויף, נישט ווייט פון אונדזער שטוב, דערשינען אַ רויטע אויפשריפט: אין בלוט און פייער איז יהודה געפאַלן, אין בלוט און פייער וועט יהודה אויפקומען. איינער פון די אונטערגרונט־מענטשן האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער מיט אַ ברענענדיקער רויטער פאַרב, ביינאַכט. וועגן בלוט און פייער קאָן איך נישט שרייבן. אויב איך וועל ווען עס איז שרייבן עפּעס וועגן דער דאָזיקער מלחמה, וועל איך שרייבן וועגן אייטער, שווייס, ברעכן, און נישט וועגן בלוט און פייער.

איך האָב זיך באַמיט מיט אַלע מיינע כוחות זיך צו פילן אין ירושלים ווי אַ מענטש, וואָס האָט פאַרטריבן זיינע שונאים און זיך צוריקגעקערט צו דער נחלה פון זיינע אבות. אויך דער תנ"ך איז אויפגעבלעטערט געוואָרן: נביאים, מלכים, הר־הבית. יד אבשלום. הר הזיתים. אויך ירושלים פון אברהם מאַפּו און אויך די פון „תמול־שלשום" *. איך האָב געוואָלט זיך מיטבאַטייליקן. זיך פילן אָנגעהעריק.

---

* „נעכטן־אייערנעכטן", אַ ראָמאַן אויפן פאָן פון ירושלים, פון ש"י עגנון.

איך האָב געזען שנאה און בונט, חניפה און דערשטוינונג און שרעק און באַליידיקונג און אינטריגע. איך בין דורכגעגאַנגען די גאַסן פון מזרח־ירושלים ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ פאַרבאָטענעם אָרט. און כ'האָב דערפילט אַ קלעמעניש.

מיין געבוירן־שטאָט. די שטאָט פון חלומות. די שטאָט צו וועלכער ס'האָבן געלעכצט מיינע אבות און מיין פאָלק. און איך בין געווען פאַרמשפט צו גיין אויף אירע גאַסן באַוואָפנט מיט אַן אויטאָמאַט, ווי איינע פון די געשטאַלטן אין די קאָשמאַר־חלומות פון מיין קינדהייט. צו זיין אַ פרעמדער מענטש אין אַ זייער פרעמדער שטאָט.

(חולדה)

סעפטעמבער, 1967

מוקי צור / ירושלים פון מיין קינדהייט

די נעכט פון ירושלים וואָס האָבן געטומלט אין מיין קינדהייט, זענען צוריקגעקומען צו מיר — אין די דאָזיקע טעג. עס רוישט נאָך אין מיינע אויערן דער פייף פונעם ווינט, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן דורך די טויזנטער נאָדלען פון די סאָסנע־ביימער. איך זע דעם גראָען פעלדז, די געסלעך וועלכע האָבן מותר געווען אויפן ברייטן רוים און געזוכט נאָר די הייך, דעם הויכן און שמאָלן הימל־פאַס. די שווערע מעטאַלענע טעראַסעס, די בריקן, די קעסלען און די וועש, וואָס זענען געהאָנגען ווי אַ פאָן אויפן הויף.

די בלאָקאַדע־טעג, וואָס האָבן געטומלט אין מיין קינדהייט, זענען צוריקגעקומען צו מיר. דער טאַטע פילט אָן מיט אונדז זאַמד־זעק אויפן פאַראַפּעט פונעם פענצטער. די לויפעריי צו דער שול צו זען דעם פלמ״ח — דער נאַכט־געזאַנג פון די אָפּטיילונגען פאַרן אַרויסגיין צו אַן אַקציע. די ציבעלע, וואָס יעדעס קינד האָט געפלאַנצט אין גאָרטן, כדי „איינצוברעכן" דעם הונגער, די בלאָקאַדע.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די וואָקווירטע פון דער אַלטשטאָט, וואָס זענען אַריין אין די אַראַבישע שטיינערנע הייזער אין קאַטאַמאָן. די נייַן־יאָריקע קינדער האָבן זיך דאַן אָרגאַניזירט צו אַ מאָדנער שטיפעריי: מיר האבן באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ פאַר־שטעלונג, זי ווייזן פאַר אַ פובליקום — און דאָס „פאַרמעגן" וואָס מיר וועלן פאַרדינען, וועלן מיר איבערווייזן די קינדער פון דער אַלטשטאָט. און אַזוי, אין מיטן פון דער בלאָקאַדע, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ „דראַמע" מיטן נאָמען „די פאַרטיידיקונג פון ירושלים". מיר האָבן אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף כדי צו געפינען אַ פאַסיקן זאַל פאַר דער פאַרשטעלונג זוכן דעקאָראַציעס און אָרגאַניזירן אַ פּראָפּאַגאַנדע. אונדזער פרווו איז דורכגעפאַלן שוין ביים אָנהויב: מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן די פאָרשטעלונג אין איינעם פון די קעלערס אין האָרץ פון דער שטאָט, אָבער דער דאָזיקער קעלער האָט נאָך געדינט ווי אַ דירה און דער אייגנטימער האָט צו אונדזער גרויסער שטוינונג, זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן זיין וווינונג און פאַרוואַנדלען זי אין אַ טעאַטער־זאַל. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן: פון פלאַן פון דער פאָרשטעלונג איז פאַר־בליבן בלויז דער טעקסט.

אין געוויין האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר אין די דאָזיקע טעג: דער געוויין צוליבן פאַלן פון גוש עציון. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין צו יענער צייט ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז דער גוש * איז געפאַלן. „זיי זענען דאָך העלדן", האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון יאוש. מיין פאָטער האָט מיר דאַן אויפגעקלערט, אַז אין אַ מלחמה

* בלאָק — דער נאָמען פון גוש־עציון.

דאַרף מען אויך קאָנען אויסהאַלטן אַ מפּלה. פּיל געשטאַלטן האָבן זיך צוריקגעקערט צו מיר אין אָט די טעג — דער פאַרקויפער פון די געטראַנקען מיט די קופּערנע כלים און די זקנה, וואָס האָט געבראַכט אויפן עק פון אונדזער גאַס אַ שעפל פול מיט טרוסקאַווקעס אָדער פייגן און זיי געוווגן מיט שטיינערנע געוויכטער.

אַזוי האָבן זיך צוריקגעקערט צו מיר בילדער פון דער שטאָט, און די ווייטע טעג פון די באַמבאַרדירונגען, פון געוויין און פון שמחה, פון דער בענקשאַפט און פון אַ סך איינגעשלאָפענע פראַגע־צייכנס. עס טרעפט, אַז איך הער נאָך די שטים פון מיין פאָטער, וואָס זאָגט אַנדערע ווערטער, אָבער מיטן זעלבן טאָן: „אין אַ מלחמה, מיין קינד, דאַרף מען אויך קאָנען מנצח זיין".

(עין־גב)

די קומענדיק

טעג אנטקעג

יעדער איינער פון אונדז דריקט אויס, — און איך מיין אַז דאָס איז ביים רוב פון יידישן פאָלק — די שטרעבונג צו שלום. אָבער אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די שטרעבונג צו שלום איז אַן אידעאַל, און ווי יעדער אידעאַל איז עס נישט פון היינט אויפן מאָרגן, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס וואָס איז געשריבן אין דברי הימים פאַרמאָגט אין זיך עפּעס גורלדיקס: „והארץ שקטה עשרים שנה", „והארץ שקטה עשר שנים", „והארץ שקטה ארבעים שנה" *, און נישט מער.

און אויב אייער דור וועט דאַרפן לערנען דעם זון און דאָס אייניקל, אַז דער באַוואָפנטער קאַמף פאַרן קיום איז גורלדיק, — טאָ ווי וועט עס דאַן זיין? צי האַלט איר, אַז איר און אייערע זין זענען פעיק אַזוי צו דערציען? אויב דער זון וועט עס דאַרפן איבער־לעבן — צי וועלן זיי גרייט זיין עס איבערצוטראָגן מיטן זעלבן ווילנס־כוח, מיט וועלכן עס האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן גורל מיין זיידע און מיין עלטער־זיידע? — — אין גלות האָט קיין איין פאָטער נישט דערצויגן זיין זון צו זעלבסטמאָרד, האָט נישט דערצויגן זיין זון זיך מייאש צו זיין, און האָט נישט דערצויגן זיין זון צו פאַרלאָזן דאָס יידישקייט. ער האָט אים דערצויגן אַז ער איז באַשטימט צו זיין פאַרפאָלגט, און טראָץ דעם האָט ער אים דערצויגן צום לעבן.

אבא קאָוונער

---

* „און דאָס לאַנד האָט גערוט 20 יאָר", „און דאָס לאַנד האָט גערוט 10 יאָר", „און דאָס לאַנד האָט גערוט 40 יאָר".

די לעצטע צי די דריטע מלחמה — דאָס איז די פראַגע

פון אַ שמועס אין קיבוץ עין־שמר

אבישי: דאָס פעלן פון פרייד כאַראַקטעריזירט די, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה. איך האָב נישט דאָס געפיל, אַז דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס די וואָס זיצן דאָ, האָבן אָנגעטאָן מונדירן. גלייך נאָך דער מלחמה האָט זיך געשאַפן דאָס געפיל, אַז דאָס איז געווען נאָך אַ פּאַוזע, אַ פּאַוזע אין וועלכער מיר האָבן שיין מצליח געווען און וואָס איז געווען אַ שטיקל נס.

אָבער איך לעב די גאַנצע צייט מיטן געפיל, אַז די קומענדיקע פּאַוזע וועט זיין אַ פיל שנעלערע ווי אין 10 יאָר אַרום. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אַ פּאָליטישן אָדער געאָ־פּאָליטישן אַנאַליז. דאָס איז בעיקר אַ פראַגע פון געפילן, וואָס נישט תמיד קאָן איך זיי אויפקלערן פאַר זיך אַליין. פאַראַן אַזעלכע וואָס פּרוּוון זיך גופא איבערצייגן: זיי דעבאַטירן און טענהן, אַז דאָס איז דער סוף און די אַראַבער זענען אויסגעענדיקט, און זיי האָבן נישט קיין אויסזיכט א. ד. גל.. איך האָב די גאַנצע צייט דאָס געפיל, אַז די קומענדיקע רונדע וועט אויך זיין אַ פיל אכזריותדיקע. ווייל אויב ביז איצט האָט אַ גרויסער טייל פון די אַראַבער אונדז נישט פיינט געהאַט מיט אַן אמתער שנאה, און ווי באַוווּסט איז די שנאה צום שונא איינע פון די בעסטע טרייב־כוחות צו אַ מלחמה, איז איצט — נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך סוף־סוף פאַרוואַנדלט אין אַן אָקופּאַציע־אַרמיי — וואָס אַן אמת אין באַגלייטונג פון זייער דעליקאַטע מאַניערן, ווייל די יידן, באַזונדערס די קיבוצניקעס, קאָנען נישט אָקופּירן און קאָנען נישט הערשן...

איך האָב געזען אין דער רמה ווי אַזוי צווייַ זעלנער — איך האַלט, אַז זיי זענען קיבוצניקעס, — האָבן געפּירט געפאַנגענע. און ס'איז געווען דער איינדרוק, אַז די דאָזיקע חברה, וואָס האָבן זיי געפּירט, האָבן זיך ווי אַנטשולדיקט, זיי האָבן דאָס געטאָן מיט גרויס שווערקייט. חברה, וואָס האָבן זיך געפונען אַביסל פון דער ווייטנס, האָבן געשריען: יאַללאַ חברה, גיט זיי קלעפּ, האָט נישט קיין רחמנות אויף זיי. אָבער די, וואָס האָבן זיי געפּירט האָבן אַרויסגעוויזן צו זיי אַזאַ רחמנות...

מיר האַלטן אין אונדזערע הענט שטחים, אין וועלכע עס געפינט זיך אַ גענוג פאַרוואָרצלטע אַראַבישע באַפעלקערונג. מיר שיינט, אַז אין דער קומענדיקער רונדע וועט די שנאה פון דעם אַראַבער צו אונדז זיין אַ סך ערנסטער און אַ סך תהומדיקער. און דעריבער וועט אויך די קומענדיקע מלחמה זיין אַ פיל אכזריותדיקערע און עס וועלן זיין פיל מער קרבנות.

— — ווען איך עפן אין דער פרי די צייטונג אָדער ווען איך הער די נייס, געפין איך זיך ווי אין עפּעס אַ דערוואַרטונג, אַז ווי מען וואָלט געגאַנגען מיטטיילן, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די נייע רונדע און מיר אַלע דאַרפן זיך צוריקקערן צום מיליטער. און די אויטאָבוסן וועלן ווידער קומען און די גאַנצע חברה וועט ווידער אַוועקגיין און אַ טייל וועט זיך נישט צוריקקערן.

מעגלעך, אַז דאָס איז נישט באַגרינדעט, מעגלעך אַז דאָס איז נישט ריכטיק און מען קאָן דאָס לייכט אָפּלייקענען. אָבער דאָס געפיל איז אַזאַ.

אַזאַ מיינונג מוז כמעט דערפירן צו פּאַטאַליזם און צום געפיל, אַז אויב לעבן, איז לעבן איצט, און אויב ס׳איז נישטאָ קיין צוקונפט, דאַרף מען אַלץ טאָן גיך און נישט בויען אויף פּלענער פון דער צוקונפט, פון אַ שענערער, בעסערער און יושרדיקער וועלט. דאָס דאָזיקע געפיל ווירקט נישט אויף מיר פון שטאַנדפּונקט פון דער אָרטיקער טעטיקייט, אין קיבוץ, אין דער היים. מען קאָן נישט זאָגן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ דירעקטע פאַרבינדונג צווישן דעם כמעט־אַבסאָלוטן פּאַטאַליסטישן געפיל און דעם אָנשטרענג אין קיבוץ, און מעגלעך נישט אין קיבוץ גופא, אַז דער דאָזיקער עסק זאָל אויסזען פיל בעסער, פיל ריינער און פיל יושרדיקער.

עמוס: דאָס איז צום ערשטן מאָל וואָס דו האָסט זיך באַטייליקט אין מלחמה?

אבישי: יאָ, אין די סיני־טעג בין איך געווען אַ רעקרוט. און מיינע קאָמאַנדירן האָבן געזאָגט: מען לאָזט אונדז נישט קלאַפּן די אַראַבער, וועלן מיר קלאַפּן אייך. און זיי האָבן באמת אונדז געקלאַפּט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— — מ׳האָט מיך דאָ געפרעגט: ווי אַזוי איך האָב פאַרדייט דאָס פאַלן פון מיינע חברים. ניין. איך האָב נישט פאַרדייט ביזן היינטיקן טאָג דאָס פעלן פון די חברים, וואָס זענען געפאַלן מיט דריי חדשים צוריק. אינערלעך האָב איך דאָס נישט אויפגענומען. דו האָסט דאָס געפיל, אַז דער דאָזיקער מענטש, וואָס דו מעלקסט מיט אים אין קו־שטאַל — — — ווען איך גיי אַריין אין שטאַל, זע איך אים פון דער רגע ווען איך הויב אָן מעלקן ביז דער רגע ווען איך ענדיק מעלקן. און איך קוק אַהער און אַהין און תמיד האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער וועט דערשיינען פון אַ וועלכן עס איז אָרט. איך האָב בשום אופן נישט באַוויזן דאָס צו פאַרדייען, אַז אייגנטלעך איז דאָס אפשר אַ פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ אָדער אַן אילוזיע, און אייגנטלעך איז ער דאָך נישט אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

עמוס: צום ערשטן מאָל, ווען דו ביסט צוריקגעקומען אַהיים, האָסטו געהאַט עפּעס אַ געפיל, אַז דאָס הויז האָט זיך געענדערט? אַז דאָס איז נישט דער זעלבער פּלאַץ, און נישט דאָס זעלבע לעבן?

אבישי: דו קומסט צוריק פון אַזעלכע ערטער און פון אַזאַ סביבה, פון אַזאַ מין מעכטיקן צוזאַמענטרעף מיט גאַנץ מדינת ישראל, צוריק צום אָרט אין וועלכן דו ביסט געבוירן געוואָרן. איך בין איצט אויך דער סעקרעטאַר פון קיבוץ און תיכף ווי איך קום צוריק הייבט זיך אָן דאָס באַשעפטיקן זיך מיט די קליינע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, וואָס ליגן אויפן סעקרעטאַר... איך פלעג הערן וואָס מען רעדט צו מיר, זאָגן „גוט״, און גלייך פאַרגעסן. בשום אופן האָב איך נישט געקאָנט אָראָפּשלינגען די דאָזיקע רייד אין מיר.

איך האָב דאָ אַ טאָג־בוך, און בדרך־כלל גיי איך מיט אים און פאַרצייכן יעדע זאַך (איך פאַרגעס בדרך־כלל זייער גיך). האָב איך באַשלאָסן, אַז כדי אַריינצוגיין אין די ענינים, וועל איך פאַרשרייבן אַלץ וואָס מען זאָגט מיר. און אויך דאַן פלעג איך אַ גרויסן טייל פון די ענינים פאַרגעסן, אַ גרויסן טייל פלעג איך פאַרשרייבן און פאַרגעסן. דאָס הייסט, אַז בשום אופן האָב איך נישט מצליח געווען, יעדנפאַלס אין די ערשטע צוויי וואָכן, צוריק אַריינצוקריכן אין די שטיוול פון אַ מענטש מיט אַן אויפגאַבע און אין גאַנצן נאָרמאַלן לעבן.

עמוס: דו ביסט אָבער געווען צופרידן, וואָס דו ביסט באַשעפטיקט?

אבישי: כ'בין געווען זייער צופרידן. געוויינטלעך איז די אויפגאַבע פון אַ סעקרעטאַר קיין מאָל נישט קיין באַקוועמע, אָבער מען קאָן זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער ערשטער תקופה האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט זיצן אַליין, פאַרבלייבן אַליין און פאַרדייען די דאָזיקע זאַכן. איך בין געווען געצווונגען זיך צו געפינען אין עפּעס אַ באַוועגונג, אין עפּעס אַ געלאַף, אין אַ וועלכן עס איז צוזאַמענטרעף מיט מענטשן; רעדן מיט זיי, אַפילו וועגן נישט וויכטיקע זאַכן, בשום אופן נישט פאַרבלייבן מיט זיך אַליין.

עמוס: חגי, דו האָסט זיך שוין באַטייליקט אין צוויי מלחמות, נישט אמת?

חגי: דאָס מאָל האָב איך געקעמפט אין ירושלים און דאַן בין איך געווען אין סיני, אין אַ פוסגייער־קאָלאָנע פון פאַראַשוטיסטן, וואָס איז געגאַנגען דורך כונתילה, תמד און נחל *.

עמוס: און דאָס מאָל?

חגי: דאָס מאָל — די דעראָבערונג פון דער אַלטשטאָט, אין דער ראַנגע פון אַ קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר.

עמוס: וועגן וואָס האָט איר גערעדט פאַר דער מלחמה, אין דער גרייטקייט־תקופה?

חגי: וועגן דער היים, וועגן דער משפחה, וועגן קיבוץ, וועגן אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון די יאָרן, וועגן די זאַכן וואָס זענען נאָענט צום האַרצן — מיט יענעם פאַרבאָרגענעם פחד, וואָס קומט אויף אין אַ מאָמענט ווען דו פילסט זיך נישט אינגאַנצן זיכער. אויך דאָס איז איינע פון די זאַכן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר די דרייסיק־יאָריקע; צו יענער צייט זענען מיר אַלע געווען יונגע בחורים, נישט קיין פאַרהייראַטע, און דאָס מאָל זענען מיר אַלע געווען חתונה־געהאַטע און פאָטערס פון קינדער. און אָן ספק, אין מאָמענט ווען דו האָסט צייט געהאַט צו טראַכטן, און האָסט געהאַט אַן אויסרייד צו צווייפלען אָדער צו וואַקלען זיך, זענען די ערשטע געדאַנקען געווען: די משפחה, די היים, די קינדער, דער קיבוץ...

דאָס פלעגט זיך תמיד איבערחזרן אין די לעצטע שעהן פון פאַר דער שלאַכט, און אין די שעהן צווישן די שלאַכטן. אין מאָמענט ווען דער מענטש דריקט אויפן צינגל און לויפט, הערט ער אויף צו טראַכטן, און אין מאָמענט ווען ער הערט אויף צו טראַכטן האָט ער נישט קיין פּראָבלעמען. אין מאָמענט ווען מען שיסט אויף אים און ער שטעלט זיך אויף און הייבט אָן לויפן, איז ער אַריבער די פאַזע פון פחד און ער טוט זאַכן, וואָס ווען ער וואָלט געטראַכט, וואָלט ער נישט געוואַגט זיי צו טאָן. ווען דו ביסט אין טראַנס פון דער מלחמה, האָסטו נישט קיין צייט אויף שרעק. מעגלעך, אַז עס זענען פאַראַן פאַזעס אין וועלכע ס'איז פאַראַן צייט אויף בליץ־מחשבות — ווען דער אָנגריף ווערט איינגעבראָכן און ס'איז אַ פייער־אויסטויש, ווען דו פאַרהאַלטסט זיך אויף אַ קורצער צייט און ד. גל. — — — אין די ערשטע פינף מינוט פון קאַמף זענען געטראָפן געוואָרן פינף און פערציק מענטשן פון מיין קאָמפּאַניע. איינער איז דערהרגעט געוואָרן און פיר און פערציק זענען פאַרוווּנדעט

* אויפן וועג פון אילת — צום סועץ־קאַנאַל.

געוואָרן. איך וועל נישט זאָגן, אַז כ׳האָב באַקומען אַ שאָק, אָבער דאָס איז געווען אַ שווערע דערשיטערונג און איך האָב זי גובר געווען מיט אַ געגעוג־ערנסטן אָנשטרענג, ווייל אין דער ערשטער מינוט האָסטו געהאַט דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע חברה וועלן שוין מער נישט אויפשטיין. צווישן זיי — חברים פון מיין קיבוץ, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער קאָמפּאַניע. אין ערשטן מאָמענט, ווען עס ווערן פאַרגאָסן אַזעלכע ריזיקע קוואַנטומס בלוט, און דו ווייסט נישט ווער ס׳איז צווישן די לעבעדיקע און ווער צווישן די טויטע, און ווען פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע שטייט אויף צום ווייטערדיקן מאַרש בלויז אַ טייל פון דער חברה, — איז דאָס אַ מין געפיל, וואָס איך האָב עס נישט באַגעגנט אין קיין איינער פון די פריערדיקע אַקציעס. איך האָב זיך שוין באַטייליקט אין אַקציעס אין וועלכע עס זענען פאַרוואונדעט און דערהרגעט געוואָרן איינצלנע, אָבער דאָס איז בכלל נישט קיין ענלעכער מאַסשטאַב. דאָ האָב איך געהאַט דאָס שווערסטע געפיל, וואָס כ׳האָב ווען עס איז איבערגעלעבט...

עמוס: וואָס באַשעפטיקט דיך נאָך דער מלחמה?

חגי: דאָ איז געשאַפן געוואָרן אַן ערנסט פּראָבלעם פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט אין ראַטנפאַרבאַנד און איצט האָבן זיי געזען, אַז די דאָזיקע מדינה האָט באַוווסטזיניק געשטיצט די מעגלעכקייט פון פאַרניכטן מדינת ישראל. עס זענען שוין פאַרביי איינציקע יאָר זינט דעם צוואַנציקסטן קאָנגרעס, אָבער איך האָב נאָך נישט פאַרדייעט דעם דאָזיקן ענין. פאַראַן נאָך אַ סך צווישן אונדז, וואָס נישט אין איין טאָג וועלן זיי דאָס פאַרדייען. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס האָט געטראָפן אַ סך מענטשן פון צווישן אונדז. עס זענען איר געווידמעט געוואָרן דיסקוסיעס און אויפקלערונגען אין „על המשמר"*, אין קיבוץ, אין אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע געשפּרעכן. דאָס איז איינער פון די לאַבירינטן, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אַ ביסל פאַרשטאָפּט. — — —
ביי אונדז, אין דער איינהייט, זענען די מיינונגען צעטיילט אויף אַ געגעוג קלאָרן אופן. פאַראַן יידן וואָס מיינען, נישט האָבנדיק קיין צוטרוי צו קיין שום פשרה־וועג, אַז דער איינציקער וועג איז דער וועג פון כוח. און אַזאַ איז בעיקר זייער געדאַנקענגאַנג, נישט טראַכטנדיק ווייטער צי דאָס איז מעגלעך אין משך פון יאָרן. צי איז מעגלעך אין די נאָענטע יאָרן אַזוי צו לעבן און אַזוי זיך צו אַנטוויקלען. זיי זאָגן, אַז עס אינטערעסירט זיי נישט אַזוי די פראַגע צי דאָס איז מעגלעך, נאָר עס באַשעפטיקט זיי דער פאַקט, וואָס זיי גלויבן נישט אין דער מעגלעכקייט פון אַן אַנדער וועג.

איך מיין, אַז דאָס איז אונדזער צענטראַל פּראָבלעם. דאָס איז נישט קיין ענין פון אַ פּאַרטיי, דאָס איז אַן ענין פון יעדן יוגנטלעכן, וואָס טראַכט וועגן דעם. אויב מיר וועלן וויסן צו שאַפן קודם כל אין זיך אַליין דעם גלויבן, אַז מען קאָן דערגרייכן אַ שלום, אַז פּאַקטיש איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, אַז מלחמות אָן אַ סוף וועלן נישט לייזן קיין שום זאַך, נאָר פאַרקערט, דער ענין וועט יעדעס מאָל פאַרשאַרפט ווערן. פאַראַן עלעקטראָנישע אַפּאַראַטן, וואָס מען קאָן זיי לייכט אַנווענדן פון קאַירא. אין דער נויטווענדיקייט פון אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַרמייען, און מיט זייער הילף

* די צייטונג פון מפ"ם.

קאָנען זיי צונישט מאַכן אונדזער ריזיקע איבערגעוויכט. שוין דער דאָזיקער געדאַנק אַליין מוז דערפירן צום זוכן אַ וועג, וואָס איז נישט באַזירט אין זיין יסוד אויף צוואַנג און אויף אָנווענדן כוח. אַ סך פון אונדז מוזן זיך איבערצייגן — און דאָס האַלט איך פאַר אַ גרונט־באַזע. און אויב מיר וועלן דערגיין צו דעם, אַז אַ ברייטער ציבור פון יוגנטלעכע וועט קומען צום אויספיר, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג ווי נאָר שלום צווישן די דאָזיקעביידע פעלקער, דאַן וועלן מיר, מיין איך, אַריבערגיין די ערשטע און עיקרדיקע פאַזע.

אורי: אין דעם גרייטקייט־פעריאָד, ערב דער מלחמה, האָט די פּאָליטישע סיטואַציע זיך געדעקט מיט דער געשטאַלט, וואָס מיר האָבן פאַר זיך געשאַפן — תמיד האָבן מיר געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן אונדז, צווישן אונדזער איצטיקן מצב און צווישן יידישן קעמפער אין אַלע דורות: דער פיזיש־שוואַכערער קעמפער, וואָס קעמפט קעגן שטאַרקן; דער שוואַכער, אָבער גערעכטער, וואָס זיגט אין זכות פון זיין גערעכטיקייט. צום ביישפּיל: דוד און גלית, די מלחמות פון די מכבים און אַזוי ווייטער. אַזוי איז אויך געווען אונדזער לאַגע פאַר דער מלחמה. מיר זענען געשטאַנען, אַ פאָלק פון צוויי מיליאָן, קעגנאיבער אַלע אַראַבישע לענדער, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט קעגן אונדז.

איך בין איבערצייגט, אַז דאָס געפיל פון אַרומרינגלונג האָט דירעקט געווירקט אויף די רעזולטאַטן פון דער מלחמה. מיר האָבן געוווּסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פאַרשפּילן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך דער מצב געענדערט. פּלוצעם זענען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאַרקע. אין פאַרגלייך צו דעם „אידעאַל" פון שוואַכן, אָבער גערעכטן, זענען מיר איצט דער שטאַרקער דעראָבערער, מיט דער גאַנצער טיפער באַדייטונג פון דער ענדערונג אין באַצוג צו דער פריערדיקער געשטאַלט. פּלוצעם געפינסטו אַ פאַרגלייך צווישן דיר און אַלע אָקופּאַנטן, וואָס זענען געזעסן אין דאָזיקן לאַנד און דאָס שאַפט אין אַ געוויסער מאָס אַ נישט אָנגענעם געפיל, אַ מין געפיל פון שולד. און נישט געקוקט אויף דעם וואָס די זיכערהייט־לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט אין רעזולטאַט פון ענדערן די גרענעצן, שיינט מיר, פערזענלעך, אַז די קומענדיקע מלחמה איז אומפאַרמיידלעך.

מיר שיינט, אַז איינער פון די גרונט־קאָמפּאָנענטן אין אַראַבישן כאַראַקטער איז דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ. זייער נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז דערנידעריקט געוואָרן ביז צו שטויב פון דער מפּלה, וואָס זיי האָבן געליטן אין דער מלחמה. יעדער שלום־הסכם וועט באַטייטן פאַר זיי משלים צו זיין מיט דעם פאַרלעצטן שטאָלץ און דאָס קאָנען זיי זיך נישט דערלויבן, און דעריבער האָבן זיי נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי נאָר ווידער מלחמה האַלטן...

מיר, פון אונדזער זייט וועלן זיך נישט רירן פון די פייער־איבערייס־ליניעס אָן אַ שלום־הסכם. און דער רעזולטאַט: יעדער צד האַלט זיך עקשנותדיק ביי דאָס זייניקע, ס'איז נישט פאַראַן קיין קאָנטאַקט צווישן די צדדים און עס זעט זיך נישט קיין שום אויסזיכט אויף אַ וועלכן עס איז דיאַלאָג און פאַרשטענדעניש. דער רעזולטאַט — די קומענדיקע מלחמה איז אומפאַרמיידלעך. דאָס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט.

ווען דו גייסט אַרויס אין מלחמה, און דו ווייסט, אַז דאָס איז די איינציקע מלחמה,

אין וועלכער דו וועסט דאַרפן קעמפן — איז דיין באַציִונג צו איר אַן אַנדערע, ווי ווען דו ווייסט, אַז נאָך איר וועלן קומען ווייטערדיקע מלחמות, אין אַ מין פּעריאָדישקייט. דאָס שאַפט אַ געפיל פון פּעסימיזם און קלעמונג, און שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן דיין גאַנצע וועלט־אַנשויאונג.

די מלחמה האָט געענדערט די פּראָפּאָרציעס

פון אַ שמועס אין גת

שלומית: ווי אַזוי איז דאָס געפיל לגבי דער צוקונפט? צי אין אייערע אויגן האָבן די זאַכן זיך צוריקגעקערט צו די געוויינלעכע דימענסיעס און פּראָפּאָרציעס?

אמנון: ווען ס'האָבן זיך פאַרענדיקט די קאַמפן אין דער סיני־אַקציע איז מיין פּאַטער געקומען מיך באַזוכן, אין דיר־אל־בלח*. איך האָב אים געזאָגט אַ צעשטראַלטער פון גליק: איצט וועט זיין שלום — און ס'איז כדאי געווען „דער דאָזיקער עסק". איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ צעשמעטערנדיקער קלאַפּ, און איצט וועלן די מצרים זיך איבערצייגן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה און מיר וועלן מאַכן שלום. ווען איך בין געקומען אויף אורלויב, נאָך פאַר דער לעצטער מלחמה, שוין אין מונדיר, האָב איך געזאָגט: איצט וויל איך זיך שוין נישט אָפּנאַרן אַליין, אַז מיט דער דאָזיקער מלחמה וועט זיין שלום. און איך האָב עס געזאָגט בלויז אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן, ווייל אייגנטלעך האָב איך אויף דעם זייער געהאָפט... און ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָב איך דורכגעמאַכט דעם זעלבן פּראָצעס... אַ פולער גלויבן, אַז נאָך אַזאַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ וועלן אונדזערע שכנים זיין געצוווּנגען צו ענדערן זייער צוגאַנג און אָנערקענען אונדזער קיום, און מעגלעך אַז ס'וועט געעפנט ווערן אַ וועג צום שלום. היינט בין איך גענוג סקעפּטיש און איך בין כמעט זיכער, אַז מיר וועלן האָבן נאָך אַ רונדע.

שלומית: מענטשן האָבן אויך דערציילט, אַז די מלחמה האָט זיי דערפירט צו פּערזענלעכע דעציזיעס און האָט צוגעאיילט ביי זיי פּראָצעסן.

אמנון: געווען ביי מיר איינער אַ בחורטשיק, וואָס זיין פרוי האָט געהאַלטן ביים גטן זיך מיט אים... זי האָט געגומען דאָס קינד... און בכלל צרות. בעת דער גרייטקייט־תקופה האָט ער מיר דאָס דערציילט און אויסגעגאָסן פאַר מיר דאָס האַרץ.. און איך האָב זיך באַמיט אים עטוואָס צו דערמוטיקן און ווען דער מצב איז געוואָרן זייער געשפּאַנט... און מענטשן האָבן אָנגעהויבן טראַכטן: מיר וועלן אים נאָך זען, אָדער מיר וועלן אים נישט זען... האָב איך אים געזאָגט: הער, דו האָסט איצט זעקס שעה, באַזוך דיין פרוי (די פרוי האָט גענומען דאָס קינד און איז אַוועק צו קרובים). זיי זענען ווידער געוואָרן אַ משפּחה. איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס וועט האַלטן... אָבער אין זכות פון דער שפּאַנונג האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו אַ שלום־בית.

דן: די מלחמה טוט אונדז אָן זאַכן... יעדנפאַלס לגבי מיר... האָט זי אין אַ גרויסער מאָל געענדערט פּראָפּאָרציעס. ס'איז טאַקע שווער אויפצוקלערן ווי אַזוי דאָס פּאַסירט, אָבער עס שיינט אַז די דאָזיקע סיטואַציע קערט איבער אָפּט מאָל אויף וועלכן עס איז אופן פאַרשיידענע זאַכן... און ס'איז אויך ריכטיק, אַז דאָס האָט פּערזענלעכע אויסווירקונגען און אויסווירקונגען לגבי פּערזענלעכע פּלענער. געווען ביי מיר אין

* אַ שטעטל אין עזה־פּאַס.

דער איינהייט חברה, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט געהאַט חברטעס און האָבן נאָך נישט געהאַט בדעה חתונה צו האָבן. נאָך דער מלחמה האָבן זיי מיר געזאָגט: איצט האָבן מיר פאַרענדיקט; איצט ווילן מיר חתונה האָבן. איך מיין, אַז דער ווילן צו שאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שטיין אין אַ זייער שאַרפן קאָנטראַסט צום מלחמה־מצב... עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין שלימותדיקער, בעסער, דער ווילן צו דערגיין צו אַזאַ פּערזענלעכע זיכערקייט... שטויסט די מענטשן צו מאַכן דראַסטישע שריט, און טאָן זאַכן, וואָס פריער האָבן זיי געמיינט אַז מען קאָן זיי אפשר אָפּלייגן אויף שפּעטער. און באמת ענדערן זיך אַ סך פּראָפּאָרציעס בנוגע דער וויכטיקייט פון פאַרשיידענע זאַכן. די קליינע קריגערייען האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצע חשיבות. פּלוצעם האָט מען דערזען, אַז עס זענען פאַראַן פיל ערנסטערע און וועזנטלעכע זאַכן. בערך אַ חודש נאָך דער מלחמה, האָב איך זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט...ס׳איז מיר זייער שווער געווען זיך צוריק־צוקערן. איך האָב נישט געקאָנט זיך קאָנצענטרירן אין דער אַרבעט... ביזן היינטיקן טאָג איז עס אַ ביסל שווער... אַרבעטן מיט אַ פּלאַן מיט אַ פּערספּעקטיוו... איך פלעג ממש טאָן די טעכנישע אַרבעט און דאָס איז אַלץ. זעט אויס, אַז מיין גאַנצער קאָפּ געפינט זיך נאָך דאָרטן... איך האָב געדאַרפט גיין דערליידיקן עפּעס אַן עסק און כ׳האָב געוווּסט, אַז איך דאַרף דריקן, כדי אַראָפּצונידעריקן דעם פּרייז. און פּלוצעם האָב איך נישט געהאַט קיין חשק זיך צו דינגען וועגן דעם... דאָס האָט מיר אויסגעזען אַזוי נישט־וויכטיק... און אַזוי נישט פּראָפּאָרציאָנעל — דער דאָזיקער גאַנצער ענין. צום טייוול — נאָך 100 פונט, נאָך 200 פונט... אַזוי איז עס סיי וואָס שייך מיין אַמט און סיי וואָס שייך אַ סך געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס איך טרעף זיך אָן אויף זיי ווי אַ מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט, אָדער אין די ראַמען פון מיין אַרבעט... די וועלט פירט זיך ווייטער לויט איר שטייגער — דאָס איז שרעקלעך... און אין דיר איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע ענדערונג. און דו קאָנסט נישט מסכים זיין מיט דעם, וואָס די וועלט פירט זיך ווייטער לויט איר שטייגער. דו קוקסט אויף אַלץ אַנדערש. דעריבער אַנטוויקלט זיך אַ געוויסע מאָס פון גלייכגילטיקייט אָדער ציניזם... פּשוט, די פּראָ־פּאָרציעס ענדערן זיך... דאָס איז זייער שווער אויפצוקלערן, אָבער אַזוי איז עס.

א מ נ ו ן: — — איך האָב דורכגעמאַכט צוויי קעגנזעצלעכע פּראָצעסן. פון איין זייט האָט מיך געעקלט צו רעדן וועגן דער מלחמה, צו דערציילן וואָס איך האָב געטאָן און וואָס איך האָב איבערגעלעבט. איך ווייס נישט פאַרוואָס. נאָך דער סיני־אַקציע בין איך געזעסן צוויי אָוונטן און געגנבֿי דערציילט יעדן וואָס האָט נאָר געוואָלט הערן אַלץ וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. אין דער דאָזיקער רונדע — „פּריוואַט"; איין מאָל האָב איך דערציילט דניען, אַ צווייט מאָל — אַן אַנדער חבר. איך האָב געפילט אַ חוב זיי ביידן צו דערציילן. געווען אַ הסכם צווישן מיר און דניען: ער דערציילט און איך דערצייל; איך מיין, אַז די דאָזיקע גאַנצע מלחמה איז מיר נישט געווען צום געמיט. איך האָב נישט געפונען אין איר קיין גוטע טעמע אויף צו פאַרנעמען זיך מיט איר.

ש ל ו מ י ת: אפשר איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס זינט דאַן ביסטו עלטער געוואָרן?

א מ נ ו ן: איך ווייס נישט. ס׳איז ממש געווען ביי מיר אַן אָפּנויג צו דערציילן.

פאַרשטייסט? ווען ס׳וואָלט געווען אַ לאַגע, אַז איך האָב נישט וואָס צו דערציילן, מיין איך, אַז כ׳וואָלט דערציילט גאַנצע טעג. אָבער איך האָב געהאַט וואָס צו דערציילן — און כ׳האָב נישט דערציילט. איך האָב כמעט נישט דערציילט. און פון דער צווייטער זייט, ווען כ׳האָב געטראַכט וועגן טיש אין צימער פון מרכז־המשק*, ווו עס קומען אַריין כל מיני מענטשן מיט פּראָבלעמען וועגן שופעלדאָזער** און וועגן די קאַלכערס... און פאַרשיידענע קליינע פּראָבלעמען, וואָס זענען פּלוצעם געוואָרן אימוויכטיק... און דער טעלעפאָן קלינגט וועגן נאַרישקייטן... איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין גרעסערן קאָשמאַר ווי צוריקקערן זיך צום זעלבן לעבן, פאַר וועלכן איך האָב בסך־הכל געקעמפט. איך בין געווען געצוווּנגען דורכצופירן אויף זיך אַליין גאַנצע ראַציאָנאַלע איבונגען און זיך זאָגן: מיין הער, צוליב דער דאָזיקער נאַרישער רוטין (אַנטשולדיק פאַרן אויסדרוק) פירט מען מלחמה. פאַר קליינע פּראָבלעמען... פאַר דעם, אַז דער רעמאָנט אין קינדער־היים זאָל פאַרענדיקט ווערן צום טערמין און פאַר דעם, אַז דער חברים־קאָמיטעט זאָל קויפן די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער...

ווי דו וואָלסט געזוכט עפּעס אַן אומבאַשטימטס

פון אַ שמועס מיט אשר (קיבוץ משמר הנגב)

א.: — — — פּלוצעם איז געקומען אַ מעלדונג וועגן אורלויב. דער ערשטער אורלויב. איך בין געווען נאָענט צו איסמעיליה און מיר זענען געפאָרן, ווידער אויפן זעלבן וועג, אויף דער זעלבער טראַסע. מיר זענען געפאָרן אין אַ קאָלאָנע און דאָס האָט געדויערט אַ דריי שעה צייט. און ווידער פאַרסטו זייער לאַנגזאַם, און ווידער עטעמסטו די אַלע ריחות, און ווידער זעסטו די זעלבע בילדער, וואָס דו האָסט געזען במשך פון דידאָזיקע וואָכן. איך בין אַרויף אויף אַן עראָפּלאַן און מיר זענען אָנגעקומען קיין לוד. מיר הויבן אָן גיין, גליקלעכע וואָס מיר קומען אין לאַנד און צום ערשטן אורלויב נאָך דער מלחמה, נאָך די דאָזיקע גרוילן. און ווי נאָר מיר האָבן זיך עטוואָס דערווייטערט האָבן מיר געזען אויטאָס אויף דער גאַס, גרינס און בלומען, און עפּעס אַ יונג מיידל אין אַ קראַכמאַלירטן קלייד דרייט זיך דאָרט אַרום, און מענטשן אין מענטשלעכע בגדים. דו שטעלסט זיך אָפּ און קוקסט. און דאַן האָב איך געפרעגט עמעצן צי דאָ האָט גערעגנט. דו האָסט זיך שוין צוגעווינט צו אַ געוויסן פּייזאַזש און צו אַ געוויסן קאָליר, און ווען דו זעסט אַן אויטאָ, געפאַרבט מיט אַ מענטשלעכן, אַ געוויינלעכן קאָליר, האָסטו דעם איינדרוק ווי עס וואָלט געהאַט גערעגנט און ער

---

* דער צענטראַליזאַטאָר פון דער ווירטשאַפט.

** אַ שווערער טראַקטאָר.

בלישטשעט נאָך דעם ווי דער רעגן האָט אים אָפּגעשווענקט. אַלע אויטאָס האָבן אונדז אויסגעזען ווי נייע. דער איבערגאַנג איז געווען אַ זייער פּלוצעמדיקער, ווי דו וואָלסט געקומען פון גיהנום און מיט איין מאָל דערגאַנגען צו אַזאַ נאָרמאַלן אָרט. בעת דעם ערשטן מאָלצייט, אויפן פליפלאַץ, — איז דאָס עסן נישט אַראָפּ, מען האָט עס נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען. אַלץ איז געווען אַזוי ווי ביליק אין אונדזערע אויגן, אָן שום ווערט. און נאָך דעם ווי מיר האָבן אַ ביסל פאַרענדיקט מיטן הונגער, האָבן מיר שוין נישט געקאָנט דערגיין צו די עיקרדיקע פאַרציעס. ווען איך בין אַרויס אין דרויסן און איינגעאָטעמט אַ ביסל פרישע לופט, איז מיר גוט געוואָרן.

און בכלל, אין די ערשטע טעג, איז געווען שווער. מיר זענען געפאָרן אין אויטאָבוס און געקוקט אויף די זייטן, ווי דו וואָלסט געזוכט טויטע קערפּערס; ווי אַזוי געשעט, ווי קומט עס, וואָס עס זענען נישטאָ קיין טויטע קערפּערס ביי די זייטן פון שאָסיי? ווי אַזוי געשעט עס, אַז אַלע אויטאָס זענען גאַנץ? מיר זענען דערפאָרן צו רמלה און דו זעסט, אַז די הייזער זענען גאַנץ, — נישט באַשעדיקט. מיר האָבן געוווסט, אַז זיי זענען נישט געטראָפן געוואָרן, אָבער ווען מיר האָבן דאָס געזען האָט אונדז אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן עס אויפסניי אַנטדעקט. דאָס איז בכלל אַ געפיל, וואָס איז שווער אויסצודריקן, שווער אויפצוקלערן. און ווען דו קומסט אַהער און דו ביסט אַ גרויסער העלד, האָסט געזיגט, מיר האָבן געזיגט, און די דאָזיקע גאַנצע פרייד זעט דיר אויס צו זיין אָן איבעריקע. אויף אַלץ, וואָס פריער האָסטו אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט, אויף אַלע טויטע קערפּערס, הויבסטו פּלוצעם אָן צו לייגן אַכט, און דו פרעגסט. ווען אַלע פרייען זיך מיטן גרויסן נצחון — איז טיף אין דיר דאָ אַ געפיל: צו וואָס דער דאָזיקער נצחון, ער האָט דאָך אונדז אַזוי טייער געקאָסט. און ווען דו זאָגסט דאָס מאָל טייער, שליסטו איין אין דאָזיקן חשבון אויך אַלע טויטע קערפּערס פון שונא. איך האָב געבעטן מען זאָל מיך ווייניקער פרעגן, מען זאָל מיך נישט אָפּשאַצן אַזוי שטאַרק, מען זאָל נישט אָפּשאַצן אַזוי שטאַרק דעם דאָזיקן גאַנצן נצחון. די גאַנצע פרייד. דער גאַנצער ענין שיינט מיר צו זיין איבעריק. איך האָב אַזאַ געפיל. עס איז נישט איצט דער מאָמענט אויף פרייד, אויף נצחון, אויף פייערלעכ־קייטן. ס׳איז דער מאָמענט אויף אַ וועלכן עס איז טרויער.

פאַראַן זאַכן, וואָס האָבן באַקומען אַן אַנדערע באַדייטונג. קליינע זאַכן, וואָס פריער וואָלטן מיר זיי אפשר געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק — האָבן היינט נישט קיין שום חשיבות. איך קאָן דיר אפילו נישט געבן קיין איין ביישפּיל. אָבער ווען איך בין געקומען אין קיבוץ, און מען האָט מיר שוין דערציילט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און קליינע קריגערייען, וואָס זענען פאָרגעקומען, — זאַכן, וואָס פריער וואָלטן זיי מיך אויפגעבראַכט און איך וואָלט רעאַגירט אויף אומגערעכטיקייט און אומגלייכקייט — אַז די אַלע זאַכן האָבן איצט פאַרלוירן זייער ווערט, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ זייטיקע זאַך. לאָז עס צורה, וואָס איז עס אַזוי וויכטיק, וואָס ענדערט עס. די פּראָפּאָרציעס האָבן זיך געענדערט. ווען דו האָסט געזען ווי דער ענין פון לעבן און טויט הענגט אויף אַ האָר, דאַן האָבן נישט פּלוצעם די אַנדערע זאַכן נישט קיין שום באַדייטונג. וואָס פאַר אַ זין האָט שוין די דאָזיקע קריגערײַ אין פאַרגלייך מיטן טויט? אָדער אין פאַרגלייך מיטן מצרישן זעלנער, וועלכער איז צעטראָטן געוואָרן? דאָס איז גאָרנישט. אַ סך אַזעלכע זאַכן האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצע באַדייטונג.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט האָב איך געפילט עפּעס אַן אינערלעכן אומרו. איך האָב זיך אַרומגעדרייט פון אָרט צו אָרט, איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן. איך האָב נישט געקאָנט טאָן קיין איין זאַך, וואָס פריער האָב איך עס ליב געהאַט. איך בין צוריקגעקומען און קוקה האָט גלייך געוווּסט, אַז כ׳האָב ליב אַ געוויסע פּלאַטע און זי האָט מיך געפרעגט: „ווילסט הערן די פּלאַטע״? — און איך: „ניין, ניין״. „ווילסט הערן ראַדיאָ״? — „ניין, איך וויל נישט הערן קיין מוזיק, ס׳איז מיר שווער צו הערן מוזיק״. „ווילסט אַ בוך?״ — „ניין, ניין״. אַלע אינטערעסאַנטע זאַכן, די שיינע זאַכן וואָס דו ביסט צוגעוווינט צו זיי, וואָס פריער האָבן זיי דיר פאַרשאַפט רו און נחת, האָבן איצט נישט קיין באַדייטונג, האָבן נישט קיין חשיבות, דו שאַצסט זיי נישט אָפּ, זיי זאָגן דיר מער גאָרנישט, און דו — ווי דו וואָלסט געזוכט עפּעס אַן אומבאַשטימטס און דו ווייסט נישט גענוי וואָס דו זוכסט און אַלץ וואָס מען גיט דיר, איז דיר נישט צום האַרצן.

גלייך נאָך דער מלחמה, למשל, איז מיין דראַנג געווען צו זוכן, זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער דאָזיקער מלחמה. איך האָב געזען, אַז אין די קלייטן זענען שוין געווען כל מיני אַלבאָמען און ווען כ׳האָב אָנגעהויבן אַריינקוקן אין זיי, האָב איך צוריק־געוואָרפן איין אַלבאָם נאָכן אַנדערן. פּאַקטיש האָט קיין איין אַלבאָם, קיין איין בילד, נישט אָפּגעשפּיגלט דאָס, וואָס איך האָב געזוכט.

דוד: וואָס האָסטו געזוכט?

א.: איך ווייס נישט. איך האָב געזוכט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס וואָס איך האָב געפילט בעת דער מלחמה, דאָס וואָס איך פיל איצט, נאָך דער מלחמה. ווי איך וואָלט געוואָלט ממשיך זיין צו לעבן מיט דעם. ווי עס וואָלט מיר שווער געווען צו פאַרלאָזן דאָס אַלץ סתם אַזוי. און די אַלע בילדער האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט. היינט האָב איך אָנגעהויבן ווי עס איז זיך צוריקצוקערן צו די רעלסן, און איך האָב זיך אויך געצווונגען, ווייל דאָס איז אַ געפיל, וואָס פירט צו גאָרנישט. איך האָב זיך געצווונגען צו נעמען נאָך אַמאָל דאָס זעלבע העפט, עס לייענען נאָך אַמאָל, און אַריינגיין ווידער אין שפּיטאָל. און ווען איך בין אַריין צום ערשטן מאָל, בין איך זייער גיך אַנטלאָפן, פּונקט ווי דאָרט וואָלט גאָרנישט נישט פּאַסירט. און דאָס איז נישט ריכטיק, ס׳איז נישט געווען. זיי האָבן געאַרבעט שווער, זיך פאַרנומען מיט די פאַרוווּנדעטע, געטאָן אַלץ. אָבער היינט זענען זיי אַריינגעטאָן אין די זעלבע פּראָפעסיאָנעלע ענינים, אַזוי ווי זיי זענען געווען אַריינגעטאָן מיט צוויי־דריי חדשים צוריק, איידער איך האָב זיך מאָביליזירט. דאָס איז פּונקט ווי איך וואָלט געהאַט פאַרלאָזן דעם פּרימאָרגן־באַזוך פון די דאָקטוירים אינמיטן אַ באַראַטונג וועגן עפּעס אַ פּראָבלעם, און איצט, צוריקקומענדיק, געפינען זיי זיך ביים זעלבן פּונקט, וואָס כ׳האָב זיי דאָן פאַרלאָזן. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. זיי האָבן זיך שוין צוריק־געקערט צו זייער רוטין. און אונדז איז אַ ביסל שווער זיך צוריקצוקערן.

איצט, אין שייכות מיט די ווערטן. דאָס איז נישט ריכטיק. איך האַלט, אַז די ווערטן האָבן זיך נישט געענדערט. און אין וואָס איך האָב געגלויבט פריער, האָב איך נישט אויפגעהערט צו גלויבן. איך מיין, אַז פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, איז מיין בנין נישט איינגעפאַלן. און ווירקלעך, מיר האָבן געמוזט טאָן זאַכן, וואָס זענען אין אַבסאָלוטן

ווידערשפּרוך צו אונדזער גייסט. דער עצם פֿאַקט פֿון הרגענען, און בעיקר איך, — וואָס פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט בין איך אַפֿילו געניייגט צו עפּעס אַנדערש, אַפֿילו אויב מיר האָבן געדאַרפֿט דאָס אַלץ טאָן, אָבער די נויטווענדיקייט, דער באַוווסטזיין, דאָס איז עפּעס אַנדערש.

דוד: איך וועל דיך פֿרעגן עפּעס פּערזענלעכס. למשל, די היים איז פֿאַרבליבן די זעלבע היים? לאָמיר נעמען די קינדער. צי איז עס פֿאַרבליבן דאָס זעלבע, צי פֿירסטו זיך אויף מיט זיי אַזוי ווי פֿריער? די פֿילבאַרקייט דיינע כלפּי דעם קינד, צי איז זי אַזוי ווי געווען?

א.: ניין, זי איז געשטיגן. וואָס דאָס באַדייט אַז די פֿילבאַרקייט איז געשטיגן איז צו זען פֿון דעם, וואָס זינט איך בין צוריקגעקומען און ביזן היינטיקן טאָג האָב איך זיך נישט באַפֿרייט פֿונעם געפֿיל, אַז כ׳האָב געפֿונען דאָס קינד אויפֿסניי. גלייך ווי איך וואָלט אים פֿאַרלוירן און אים צוריק געפֿונען. אַזאַ איז דאָס געפֿיל. גוט, מעגלעך, אַז דאָס שטאַמט פֿון דער שרעק, וואָס כ׳האָב געהאַט אין משך פֿון דער גאַנצער מלחמה — דער עיקר אין אָנהויב — נישט נאָך דעם, פּאַקטיש פֿאַר דער מלחמה, אַז די ציווילע באַפֿעלקערונג איז זייער אויסגעשטעלט אויף געטראָפֿן צו ווערן. און צווישן זיי אויך מיין הויז. און ווען איך זע זיי און זיי באַציִען זיך מיט אַזאַ תמימות צו דעם אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט — רעגט עס דיך אויף פֿון איין זייט, און פֿון דער צווייטער זייט איז ווי איך וואָלט זיי אָפּגעפֿונען אויפֿסניי. און מיט דער פּרוי און אין שטוב, וויל איך דיר זאָגן, פֿיל איך זיך איצט פֿיל שטאַרקער. עס פֿעלן אַ סך זאַכן, אָבער דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. און איך האָב דעם איינדרוק, אַז אויף עפּעס אַן אופֿן איז אויך זי אַרויף אויף די זעלבע רעלסן, און אויך זי פֿילט איצט ווייניקער די נויטווענדיקייט אין כּל מיני מאַטעריעלע זאַכן, וואָס פֿריער זענען זיי כּלומרשט געווען נויטווענדיק, און היינט האָבן זיי אינגאַנצן פֿאַרלוירן די חשיבות. פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט פֿיל איך זיך און פֿיל דאָס הויז אַ סך שטאַרקער ווי פֿריער. דאָס הייסט, אַז מיר פֿאַרנעמען זיך איצט אַזוי ווי מיר האָבן תּמיד זיך געדאַרפֿט פֿאַרנעמען — מיטן עיקר. אַלע איבעריקע זאַכן זענען לחלוטין צווייטראַנגיקע. און איצט איז דאָס ביי מיר דורכגעדרונגען נישט נאָר אין דער דערקענטעניש נאָר אויך אין געפֿיל.

דוד: צי קאָן מען זאָגן, אַז אינערלעך זוכסטו אַן ענטפֿער אויפֿן טויט? ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם אובאַשטימטן, האָסטו נישט געזאָגט גענוי, וואָס עס ברענגט צו דיין אומרו.

א.: דאָס איז אַ שווערע פֿראַגע. נישט די פֿראַגע איז אַ שווערע, נאָר דער ענטפֿער איז אַ שווערער. ווייל דער פּראָבלעם פֿון טויט איז אַן ענין, וואָס באַשעפֿטיקט מיך פּאַקטיש אָפֿט מאָל. בעיקר, ווען דו זעסט אין שפּיטאָל ווי עפּעס אַ קינד שטאַרבט פּלוצעם, אָדער אַ יונגער מענטש — און דאַן קומט אויף די דאָזיקע פֿראַגע. אויך אין דער מלחמה, ווען דו ווייסט, אַז בעיקר ווערסטו זיך דאַרפֿן פֿאַרנעמען מיט יונגע מענטשן. דאַן וועקט זיך אויף די דאָזיקע פֿראַגע. דאָס מאָל איז זי אויפֿגעקומען פֿיל שאַרפֿער. איך האָב דאָס געפֿיל, אַז איך פּרוּוו אָפּצושטופּן פּראָבלעמען. איך האָב זיך נישט פֿאַרטיפֿט אין דעם גענוי. אָבער איך מיין, אַז דו האָסט געטראָפֿן אין פּינטל. מעגלעך,

אַז דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט פיל זאָגן. די דאָזיקע באַענטקייט צום טויט שטויסט מיך נישט צו זאָגן אָדער זיך אויפצופירן — כאַפּ און לעב, נאָר פּאַרקערט. דאָס שטויסט מיך צום טראַכטן; לעב מיט דיינע ווערטן. דאָס איז וויכטיק. די אַלע איבעריקע זאַכן, די דאָזיקע לוקסוסן, נישט נאָר די מאַטעריעלע לוקסוסן, נאָר אויך אין דער אויפפירונג, אין דער געזעלשאַפט און אין כל מיני אַנדערע זאַכן — זענען לוקסוסן, וואָס גיבן דיר גאָרנישט. לעב דעם עיקר... אַלע איבעריקע זאַכן האָבן פלוצעם פאַרלוירן זייער גאַנצע באַדייטונג. און אויב איך האָב געפּרוּווט אַמאָל אָפּנאַרן זיך אַליין מיט כל מיני זאַכן, האַלט איך איצט, אַז איך בין אַ סך שטאַרקער, אַז איך וועל נישט פּרובירן אָפּצונאַרן זיך אַליין.

— — — איך וועל דיר אַפילו זאָגן נאָך עפּעס. אין מאָמענט ווען די עראָפּלאַנען האָבן אונדז אָנגעגריפן, איז דאָס אפשר געווען די איינציקע רגע, אין וועלכער איך האָב געדאַרפט מאַכן וועלכן עס איז חשבון־הנפש. דאָס פּראָבלעם פון טויט איז תמיד געווען ווייט פון מיר. נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל מיך צווינגען צו מאַכן אַ חשבון־הנפש. אָבער אין יענע מאָמענטן האָב איך געפּרוּווט — נישט ווילנדיק. ד׳ טראַכסט וועגן טויזנט זאַכן, אויך וועגן נאַרישע זאַכן. ווען מען האָט מיך מאָביליזירט, בין איך געווען אינמיטן פון אַן אַרבעט אין דער אָפּטיילונג, און עס זענען געווען נישט פאַרענדיקטע זאַכן. און פּלוצעם, איך ווייס נישט פאַרוואָס, איז די זאַך, וואָס איז מיר דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ — פאַראַן דאָרט עטלעכע קראַנקייט־רעזומירונגען, וואָס איך האָב זיי נישט פאַרענדיקט. דאָס איז נאַריש, אָבער אַזוי איז עס געווען. און דאַן האָב איך זיך אויפגעקלערט, איז אַלץ געווען כדאַי? אפשר וועלן זיי דאָ אונדז אַלעמען אומברענגען, אַלע די, וואָס געפינען זיך דאָ. צי איז דאָס אַלץ געווען כדאַי? אַ פרוי, קינדער און אַ משפחה. און כ׳האָב געזאָגט צו זיך אַליין: וואָס פאַר אַ נאַרישע פראַגע — אַוודאי איז געווען כדאַי. און איך דערצייל דיר דאָס, ווייל אַזוי האָב איך דאָס געטראַכט דאַן, נישט אַזוי ווי איך טראַכט וועגן דעם היינט. ווייל דאָס איז געווען מיין אינערלעכער אמת.

דוד: לאָמיר צוגעבן אַ ריי פּרטים. ווי אַלט ביסטו און וואָס איז דיין אַרבעט?

א.: איך בין אַלט צוויי און דרייסיק יאָר און האָב געדינט ווי אַ בריגאַדע־דאָקטאָר אין אַ פּאַנצער־בריגאַדע.

צו געפינען זיך אַליין

אַ שמועס בעת אַ צווישנקיבוצישער באַגעגעניש

ג ד: פאַראַן מאָמענטן, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז אייגנטלעך איז נישטאָ וואָס צו טאָן. — די דאָזיקע אַלע פּאַסירונגען זענען צו הויך איבער אונדז. וואָלט איך געווען אַ רעליגיעזער מענטש — וואָלט מיר דאָס אַלץ אַ סך לייכטער געווען, אַזוי דאַכט זיך מיר, אָבער איך בין נישט קיין רעליגיעזער מענטש. און אויב איך בין אין אַ געוויסער מאָס אַ גלויביקער מענטש גיט מיר, אין גרונט גענומען, די דערציונג וואָס איך האָב באַקומען, נישט קיין מעגלעכקייט צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן. ס'האָבן פּאַסירט זאַכן, וואָס קיינער פון אונדז האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט. די דערציונג וואָס איך האָב באַקומען, דערמעגלעכט מיר נישט צו געבן קיין אויפקלערונג אויף דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, אויף די זאַכן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. דאָס איז אַ צו ראַציאָנאַליסטישע דערציונג. לאָמיר זאָגן, אַז דאָ איז כלומרשט אויסגעפאַלן אַ צונויפטרעף פון זאַכן וואָס זענען געקומען איינע נאָך דער צווייטער און ס'איז שווער זיך צו באַפרייען פון דעם געפיל, אַז נישט אַ מאַרקסיסטישע טעזע און נישט קיין אַנדער טעזע קאָן דיר אויפקלערן דאָס, וואָס האָט דאָ פּאַסירט, נאָר ס'זענען דאָ פאַראַן זאַכן, וואָס איך ווייס נישט וואָס איז זייער מקור. מיר האָבן נישט קיין שליטה איבער די זאַכן, איבער די פּאַסירונגען. מיר זענען דאָ עפּעס אַזאַ מין שפּילצייג, און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך אפשר דאָס געפיל פון דעם ווער אייגנטלעך בין איך און וואָס בין איך?... מיר רעדן וועגן אַ פּאַציפיסטישער דערציונג און דאָס זעט מיר צייטנווייז אויס זייער אויסטערליש, ווייל דער צווייטער דור אין קיבוץ האָט געפונען פאַר זיך צוויי געביטן צו פאַרצוימען זיך אין זיי און באַווייזן זיך דורך זיי: — דעם געביט פון ווירטשאַפט (ביז צום אַנטלויפן פון גייסטיקע זאַכן) און דעם מיליטערישן געביט. יעדער זון פון קיבוץ, וואָס האָט ביי זיך אַ ווערט, פּרווט זיך אַרויסווייזן אויף דעם געביט. איך מיין נישט, אַז דער השומר הצעיר האָט אַרויסגעגעבן פון זיך ווייניקער פליערס, ווייניקער קאָמאַנדירן ווי יעטוועדע אַנדערע באַוועגונג, טראָץ דעם, וואָס עס איז אין אים געווען עפּעס אַן אַנדערשקייט. און ווי אַזוי דאָס פּאָרט זיך מיט פּאַציפיסטישער דערציונג — איז מיר נישט אַזוי קלאָר.

ר או ב ן: דער מקור פון דער דאָזיקער צעטומלעניש איז, וואָס די מלחמה גייט פון איין זייט אין איינעם מיט איר גלאַנץ און אַנטקעגן דעם עקזיסטירט דער אומשטרייטבאַרער באַוווסטזיין, אַז עס איז אוממעגלעך, אַז די מלחמה איז אַ גוטע זאַך, און אַז מען קאָן דורך אַ מלחמה דערגרייכן זאַכן. ס'איז אוממעגלעך אַז עמיצער זאָל אַרויס פון אַ מלחמה גאַנץ. דער דאָזיקער געדאַנק, אַז דווקא אַ דאַנק דער מלחמה זענען דערגרייכט געוואָרן גרויסע און מעכטיקע זאַכן, וואָס קיין מענטש האָט פון זיי נישט געחלומט, איז פאַר מיר אַ שווערער און אַ האַרבער.

צי איז דען מעגלעך אַ דערציונג אין ליכט פון מלחמה? צי איז מעגלעך אויפצושטעלן, בויען און פלעגן אַ סיסטעם פון באַגריפן, ווערטן און אידעען אין ליכט פון מלחמה, אָדער אין שאָטן פון אַ מעגלעכער מלחמה? צי קאָן מען אַנטוויקלען אַ געפיל פון פאַר־

אַנטוואָרטלעכקייט און אַ געפיל פון וועלן בויען און אויפגעבויט צו ווערן דורך הריגה? מען קען נישט אויפגעבויט ווערן פון אַ מלחמה. און באמת, ווען מען זעט דעם דאָזיקן טאָן און די זאַכן, וואָס כאַראַקטעריזירן יעדע וווּנדערלעכע מלחמה — איז דאָס אַ סתירה, וואָס איז שווער אויסצוגלייכן.

מיר געהערן צו אַ דור, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין פאַרטיקן מצב, אַריין אין אַ פּראָצעס, ווען די רעוואָלוציע איז שוין געווען אין פולן ברען, ווען די גרויסע זאַכן זענען שוין געשען. די דאָזיקע מלחמה... און אַ שאָד, וואָס דאָס איז אַ דאַנק אַ מלחמה... האָט געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון יענעם געפיל. זי האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוווייזן אין דער זעלבער מאָס ווי טוערס, שעפערס, גרינדערס. אויב מען פרעגט מיך, וואָס איז דער סימבאָל פון דער דאָזיקער מלחמה — וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס זענען נישט די גרויסע דערגרייכונגען, נאָר, עס וועט אפשר אויסזען פיל באַשיידענער, אָבער דאָך אַ סך גרעסער און מער אַרומנעמענדיקער פאַר מיר איז דער סימבאָל פון דער מלחמה — דער פאַראַשוטיסט, וואָס שטייט אַנטקעגן דעם כותל מערבי און געפינט נישט קיין אַנדער וועג אויסצודריקן וואָס ער פילט, ווי נאָר דורך זיין געוויין. פאַראַן אין דעם אויך עפעס סימבאָלישעס, ווייל דער דאָזיקער פאַראַשוטיסט איז געשטאַנען נישט נאָר אַנטקעגן דעם כותל מערבי, נאָר אפשר איז ער געשטאַנען אַנטקעגן צוויי טויזנט יאָר גלות, ער איז געשטאַנען אַנטקעגן דער היסטאָריע פון יידישן פאָלק.

אורי: דו ביסט געווען צווישן די פאַראַשוטיסטן אין ירושלים?

הגר: ער איז נישט נאָר דאָרט געווען, ער איז דאָרט פאַרוווּנדעט געוואָרן.

ראובן: יאָ... ער איז געשטאַנען אַנטקעגן דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אפשר צום ערשטן מאָל אַזוי ממשותדיק. און אפשר איז עס עפעס אַ דערציערישער אַספּעקט, וואָס מיר וואָלטן זיך געקאָנט אָנכאַפּן אין אים, אַז אָט שטייען מיר פון דאָס ניי אַנטקעגן די ערטער, וואָס זענען אונדז טייער פון שטענדיק אָן; מיר שטייען אַנטקעגן דער היסטאָריע פון יידישן פאָלק. נישט יעדער דור איז זוכה צו דעם.

אבי: דווקא פון די דריי לעצטע מלחמות האָט זיך געשאַפן עפעס אַ גלויבן אין גורל פון פאָלק — און עס איז געשטאַרקט געוואָרן דער גלויבן, אַז די געשיכטע וועט האָבן אַ המשך. קלאָר, אַז אויב מיר ווילן נישט פאַרטיליקט ווערן — וועלן מיר שטענדיק דאַרפן מלחמה האַלטן פאַר אונדזער קיום, ווייל פיל האָבן אונדז פיינט, און דאָס איז אפשר פאַרשטענדלעך, ווייל מיר זענען די געלונגענסטע, אַ צו קלוג פאָלק. פאַראַן אין דעם, לויט מיר, אַ סך פון דעם „צדיק ורע לו ורשע וטוב לו"... (דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע איז גוט). איך גלויב זייער אין דעם גורל פונעם דאָזיקן פאָלק. וואָס שטאַרקער ס'וועט זיין דער קלאַפּ, וואָס זיינע שונאים וועלן באַקומען, אַלץ מער וועט דער צייט־אָפּשניט פון איין קלאַפּ צום אַנדערן זיך אויסברייטערן. איך גלויב, אַז דער קומענדיקער קלאַפּ וועט קומען אין אַ פיל שפּעטערער צייט. דאָס איז מיין געפיל.

ישי: מען האָט דאָ פריער גערעדט וועגן די געפילן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן כותל. וואָס אַן אמת, איז יעדער ייד געווען גערירט, כאָטש נישט מיט דער זעלבער קראַפט פון רעאַגירן... פאַראַן אַזאַ, וואָס האָט געוויינט... און פאַראַן אַזאַ, וואָס האָט נישט געוויינט... אָבער איך בין איבערצייגט, כ'בין געווען ווייט פון כותל... אָבער איך האָב

נאָכגעפאָלגט די דאָזיקע סיטואַציע, ווען מען האָט איבערגעגעבן וועגן דעראָבערן ירושלים. די קראַפט פון געפילן איז פאַרשידן. אָבער עס איז קלאָר, אַז אויך די קראַפט איז אַ פונקציע פון דעם, וואָס מענטשן האָבן געטאָן אין דער מלחמה... פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן געקעמפט, פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן ווייניקער... פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן דורכגעלעבט גאַנץ אַנדערע איבערלעבענישן, וואָס זענען נישט פון דעם סאָרט איבערלעבענישן פון שטאַנדפונקט פון קאַמף, בלוט און הרגענען און פון צער־שטערן — איבערלעבענישן אויף גאַנץ אַנדערע געביטן. פאַרשטייט זיך, אַז די צעטרייס־לונג, וואָס מענטשן האָבן באַקומען איז אין גאַנצן אַן אַנדערע.

און איך גלויב נישט קיין איין מינוט, אַז אויב מיר רעדן וועגן דעם פּינטעלע ייִד, אַז עס איז נישט געווען קיין מענטש, האָט ער געמעגט זיין דער האַרטסטער — וואָס האָט נישט געפילט אין דער דאָזיקער מלחמה, דעם דאָזיקן עפּעס פון יידישן פאָלק.

עמרם: לויט מיין מיינונג האָט כמעט נישט קיין טעם צו דיסקוטירן איבער דער פראַגע צי ס'איז געווען אַן אויפטרייסלונג, אָדער נישט געווען קיין אויפטרייסלונג. יעדער איינער האָט איבערגעלעבט די זאַכן אַנדערש. די פראַגע, וואָס באַשעפטיקט מיך היינט איז טאַקע, וואָס וועלן מיר טאָן מיט דער דאָזיקער אויפטרייסלונג. ווי אַזוי וועלן מיר זי „פאַרדייען”, צו וואָס פאַראַ שטראָמען וועלן מיר זי ווענדן, ווייל אין דער אויפטרייסלונג איז פאַראַן עפּעס, וואָס איז זייער און זייער קאָנסטרוקטיוו. פונקט ווי עס קאָן זיין עפּעס זייער דעסטרוקטיווס. איך מיין, אַז מען דאַרף געפינען דעם וועג אַרויסצוברענגען דאָס קאָנסטרוקטיווע פון דעם נעגאַטיוון וואָס איז אין דער מלחמה — און ווען איך זאָג אַרויסברענגען דאָס קאָנסטרוקטיווע מיין איך: געפינען זיך אַליין. ווייל איך פערזענלעך לעב מיט דעם געפיל, אַז אונדזער דור איז נאָך ווייט פון אָפּגעפינען זיך אַליין. ער אַנטלויפט נאָך אויף פאַרשידענע וועגן צו כלערליי „ערזאַצן”... עס זענען דאָ צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן צו זיין מיליטערלייט, — און ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן „משקיסטן” *. אָבער, אַז אַלע זענען מיר אַזעלכע, דערין גלויב איך נישט. דער פאַקט, וואָס אַזוי ווייניק צווישן אונדז באַזיצן די מעגלעכקייט צו קומען צו אַן ערנסטן אויסדרוק — דאַרף געפאָרשט ווערן און די דאָזיקע זאַכן דאַרף מען אפשר פּרווון באַהאַנדלען.

איך האָב אַ סך געטראַכט איבער דיינס אַן אַרטיקל וועגן דעם קאַמף־גייסט. איך האָב אין אים געזען אַ שיינע אַנטפּלעקונג פון די דערגרייכונגען פון צה״ל. דערנאָך, ווען איך האָב זיך פאַרטיפט און אַנאַליזירט דעם באַטייט פון די זאַכן, האָב איך געזען, אַז איך בין נישט אַזוי זיכער אין דעם דאָזיקן עניָן. פון דעם שטאַנדפונקט, אַז דער קאָמאַנדיר אונדזערער ווייס, אַז זיין פליכט איז צו זיין אַ „פּײַטער” **, איז ער פאַרפליכטעט צו לויפן פאַרויס און ווי צו אים אויב ער וועט נישט זיין אַזעלכער. אַ סך זאַכן טוט ער באַוווסטזיניק, וויסנדיק, אַז ס'איז דאָ עמעצער וואָס זעט און קאָנטראָלירט אים אין אַלע זיינע מעשים. פאַראַן אפשר אַן ענלעכקייט צווישן דעם דאָזיקן געפיל און דעם אופן ווי מיר פירן זיך אויף אין קיבוץ. ס'זענען דאָ אַ סך געפאַרן פאַר אַזאַ מין אויפפירן

---

* וואָס פאַרנעמען זיך מיט ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

** אַ גוטער קעמפער.

זיך, אָבער פֿאַראַן אויך אין דעם אַ כּוח פֿון געשטאַלטיקונג. מיר דאַרפֿן פֿאַרשטאַרקן אין יעדן איינעם פֿון אונדז דעם פּערזענלעכן מאַסשטאַב, וואָס זאָל אָנווייזן ווי ער דאַרף זיך אויפֿפֿירן אין צייט פֿון נסיון. מיר דאַרפֿן העלפֿן אָפּהיטן דעם גייסט, וואָס האָט באַהערשט און באַהערשט נאָך אונדזער מיליטער, וואָס צוליב אים איז אונדזער זעלנער גרייט אויסצופֿירן דאָס, וואָס ער פֿירט אויס אָן נאָכטראַכטענישן און קווענקלענישן.

מוקי: פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס טענהן, אַז די מלחמה — יעדע מלחמה — רירט אָן די גערעכטיקייט און אַז עס עקזיסטירט אַ פּינקטלעכער מעכאַניזם, כּדי צו דערקענען דורך אים דעם גערעכטן. דער גערעכטער איז דער, וואָס פֿאַרלירט, ווי דאָס וואָלט געווען דער עיקר פֿון דער גערעכטיקייט, דער היפּוך פֿון „כּל דאלים גבר" *. דאָס פֿאַראיינפֿאַכן הויבט זיך אָן מיט דער מינוט, ווען דער כּלל פּרוּווט אַלץ אויפֿצוקלערן. ער פֿירט צום אַנטלויפֿן פֿון דעם שרעקלעכן זכּרון פֿון דער ייִדישער היסטאָריע און פֿון דעם אַרויסרוף, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט. צייטנווייז דרינגט ער אַפֿילו אַרויס פֿון אַ ווילן צו באַגיין אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, וואָס איז אַזוי טיף איינגעקריצט אין אונדזער האַרץ, און דווקא דערפֿאַר, ווייל מיר זענען קינדער פֿון דער ייִדישער געשיכטע — און זענען אויך ממשיך אירע נעגאַטיווע אַנטפּלעקונגען. — — —

אונדזער באַציִונג צו ארץ־ישׂראל איז אַ קאָמפּליצירטע. אַ באַציִונג פֿון בענקשאַפֿט און צוגעבונדנקייט. עס בינדן אונדז צו איר קינדער־חלומות, און מיר זענען געבונדן צום לאַנד מיט אַ מעכטיקן ווילן זיך איינצוהאַלטן אין אים, וואָס אַ סך מאָל דריקט ער אַפֿילו אויס די מורא אָפּגעריסן צו ווערן. אָבער דער דאָזיקער ווילן רירט אויך אָן מענטשן, וואָס וווינען דאָ, וואָס לעבן דאָ. נאָך דעם ווי עס איז דערגרייכט געוואָרן די ייִדישע סוווערעניטעט און ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז די היים פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, אַז דאָס איז זיין נאַכט־אַזיל, זיין חלום פֿון אַ היים און די שאַפֿונג פֿון זיין גייסט — איז דער גרויסער חלום, וואָס איז אונדז נאָך פֿאַרבליבן, וואָס איז אפֿשר נישט ווייניקער פֿאַנטאַסטיש פֿון דער וויזיע פֿון אויפֿשטעלן די מדינה, אַז מיר זאָלן זיך קענען אָנהאַלטן נישט נאָר אין די בערג, אין דער ערד, נאָר מיר זאָלן זיך אויך קאָנען אָנהאַלטן אין דער מענטשלעכער לאַנדשאַפֿט — אין די אַראַבער.

וויכטיקער פֿון דעם וואָס מיר חלומען איז — וואָס מיר טוען. פֿאַראַן אָבער חלומות, וואָס מען טאָר זיי נישט פֿאַרגעסן. ווייל אויך צו דער גאַנצער ירושלים האָבן מיר דאָך געחלומט זיך אומצוקערן, און דער חלום האָט געגעבן פּרוכט נאָך אַ סך יאָרן און נישט אין דער מינוט און אין דער פֿאָרעם וועגן וועלכע מיר האָבן געטראַכט.

ס'איז ריכטיק, אַז מיר חלומען נישט איינמאָל קעגנזייטלעכע חלומות, אָבער צייטנווייז פֿאַרטושט דאָס לעבן די דאָזיקע קעגנזאַצן דורך דעם, וואָס עס שטעלט פֿאַר דיר אַוועק צושטאַנד, וואָס זענען פֿאַראַנקערט אין קעגנזאַצן. און די דאָזיקע צושטאַנדן פֿאָדערן פֿון דיר אַ סך מער קאָמפּליצירטע ענטפֿערס ווי דיינע אַבסטראַקטע חלומות און פּרינציפּן.

---

* ווער ס'איז שטאַרקער, דער זיגט.

מנחם שלח / צוריק

די באַשעפטיקונגען — ווי געוויינלעך. דינסטיק — אַ פילם, מאַנטיק — פילע אָדער באַקאַלאַ *, פינף נאָך מיטאָג קומען די קינדער. מען טרינקט קאַלטן נעס־קאַפע. מ׳גייט אַרויף אין צימער מיט פינף פענעצן ברויט און אַ האַלבן טעפל מילך. מ׳שטייט אויף אַ פערטל צו פינף. דער מישמיש ** איז רייף, באַלד אויך די עפל, ביים פיאַנאַ — דריי פעלאַכן *** און יאַנקעלע. שבת צו נאַכטס שטיקלעך רכילות דורך די באַלויכטענע פענצטער, רוישיקע שמועסן און אַ געפליסטער אויף די גראָז־בייטן. אַלץ קומט אויף זיין אָרט — ...בשלום?

דאָס לעבן גייט זיך נאָרמאַל. די מיליטערישע שיך אין שאַנק אויף דער טעראַסע, דאָס כאַקי־העמדל אויסגעפרעסט... מיר זענען צוריקגעקומען, אַלץ ווי געווען. מיר זענען געווען דאָרט, הינטער די הרי־חושך, אין אַ וועלט פון גרויסע פחדים, און איצט — פאַרגעסן. מיר האָבן פאַרגעסן. דערנאָך וועלן די זאַכן אָנהויבן דורכדרינגען אַמאָל אין חלומות ביינאַכט, אַמאָל אין אַ לייכטן, נישט־באַמערקבאַרן ציטער, אַבאָל אין אַ הוילן בליק אָן אַ סיבה, אַ שטוינונג אויף צוריק. די דערציילונגען — ווי שוים אויפן וואַסער, די אויסערלעכע קאָנטורן פון זאַכן, וואָס זענען אין אונדז פאַרבליבן אויף אייביק. פון זיי וועלן מיר נישט פטור ווערן, פון זיי וועלן מיר זיך נישט קאָנען אַנטוויינען. מיר וועלן לעבן ווי פריער, שלעכט געשטימטע, גוטהאַרציקע, לייכטזיניקע, ערנסטע. ניין, מיר האָבן זיך נישט געענדערט, אוי, וויפל מיר האָבן זיך געענדערט.

אָן איראָנישער שמייכל, בעת מען דערזעט די שראַמעס פון די אָקאָפּעס אין די גראָז־פלאַנטן: וויפל צאָרן, געשרייען, וואָרענישן, בקשות, וויפל מעלדונגען, באַקאַנט־מאַכונגען, קריגערייען. נועם און גיורא, מיינע טייערע, איבער וואָס און פאַר וואָס איז געווען דאָס יאָגן זיך נאָך די הפקרדיקע טרעטער אויף די גראָז־פלאַנטן, ווען איין־איינציקע שעה מלחמה האָט אַ תל געמאַכט דאָס דאָזיקע גרינס, דאָס, וואָס עס האָבן נישט געמאַכט די אַלע געזעץ־געבער אין משך פון לאַנגע יאָרן פון וועגן־פאַרקירצונגען ****.

...געציילטע טעג נאָך דעם ווי די שלאַכטן האָבן זיך פאַרענדיקט, בין איך געקומען אַ היים. איך בין נאָך אַלץ געווען פאַרזונקען — ווי די פּאָעטן זאָגן — ווי אין אַ חלום. דער נצחון און זיין זיסער טעם האָבן מיך נאָך איינגעהילט אין אַן אַטמאָספער פון זאָרגלאָזער לוסטיקייט. מען האָט מיך באַגעגנט מיט ערנסטער ליבשאַפט. אין די בליקן איז נישט געווען קיין שמץ פון בראַוואָ־אויפשאַל, אייניקע האָבן מיך אַרומגערינגלט און געוואָלט קוקן, סתם קוקן אויף דעם פנים פון איינעם, וואָס איז געקומען פון דאָרטן, פון יענעם אָרט פון פורעניות, אַנדערע האָבן געזען מיט קנאה, אַז דאָס בין איך און

* סאָרטן פיש.

** מאַרעלן.

*** קיבוץ־חברים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט.

**** חברים, וואָס פאַרקירצן זייער וועג, טרעטנדיק אויף די גראָזן־גערטנער.

נישט עמעצער פון זייערע טייערע, אָבער אין אַלעמענס אויגן האָט געגעסטיקט עפּעס אַ צער, אַ ווייטיק, וואָס איז מיר דעמאָלט נישט פאַרשטענדלעך געווען.

איצט ווייס איך ווי ביטער און שווער עס איז דאָס לעבן פון דעם, וואָס וואַרט דאָ אין הינטערלאַנד, וויפל כוח ס'פאָדערט זיך פון די דאָזיקע פרויען, פון די דאָזיקע עלטערן, פון די דאָזיקע חברים, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט אויף זייערע אַקסלען די בשורות און די לאַסט פון דער אַרבעט, דאָס אויסקוקן אויף אַ בריוו, אויף אַ גרוס, אויף אַ קול, אויף אַן עכאָ, אַז מיר לעבן און זענען גאַנץ. איצט ווייס איך, אַז דאָס לייכטסטע פון דעם אַלעם אין דעם דאָזיקן לאַנד אונדזערן איז — אַנטקעגנצוגיין דער מלחמה, און דאָס גרויזאַמסטע פון אַלעם איז — הערן פון דערווייטנס איר שרייענדיקן ברום.

אין אָוונט, בעתן אַראָפּגיין אין עסזאַל, הערן זיך פונעם מוזיק־צימער קלאַנגען פון פּיאַנאָ און פידל. שלווה. פון די קינדער־הייזער דערגייען די שטימעס פון די פּרעבליס־טינס, וואָס דערציילן מיט אַ קול פון זיך וויגנדיקע סאָסנעס, מעשהלעך פאַרן איינשלאָפן. אויפן טראָטואַר : „גוט־נאָוונט. היט פאַר מיר אַן אָרט אינמיטן קעגן דער טיר”. פון מערב־זייט בלאָזט אַ ים־ווינט. די וועלט פירט זיך ווי געוויינלעך. אַלץ איז אַריבער. די לאַמטערנס לייכטן מיט אָפענע אויגן. אָבער עס געדענקט זיך נאָך גוט, ביז בהלה, די שווערע פינצטערניש, וואָס האָט איינגעהילט דעם גרויסן טאָל ערשט מיט וויניקע טעג צוריק.

(משמר העמק)

מהלכים וקרבות עיקריים בחצי האי סיני וברצועת עזה
כ"ו-כ"ט אייר תשכ"ז, 5-8 יוני 1967





באַוועגונגען פֿון מיליטער און שלאַכטן אויפֿן מערב־ברעג פֿון ירדן און אין ירושלים



מהלכים וקרבות יבשה
עיקריים ברמת הגולן
א׳.ב׳ סיון תשכ״ז 9-10 יוני 1967
קנה מדה
ק.מ.
0 1 2 3 4 5 6 7
קרבות שריון עיקריים
גבולות וקוי שביתת נשק לשעבר
גבול בין לאומי
קו הפסקת האש
לבנון
סוריה
ירדן
ים כנרת
טבריה
צפת
קרית שמונה
קניטרה
מטולה
נחילה
בניס
דן
מסעדה
זעורה
כפר סולד
קלע
מנצורה
להבות הבשן
גונן
נוטרה
גדות
חצור
ראש פנה
אלמגור
מסדיה
כפר עקב
אל כרסי
עין גב
פיק
אל על
צנתנית
האון
בית קציר
דגניה
אל מחיבה
האופיק
רפיד
בטמיה

אינהאַלט

אומעטיקע זיגער — יהודה גור־אריה 5
די אַנטיילנעמער און זייערע קיבוצים 7
אַריינפיר — יריב בן־אהרן 15
אין איינער פון די נעכט — מוקי צור 19

אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן

כ׳האָב נישט געהאַט קיין געוויסן־ביסן ווען כ׳האָב געשאָסן / אַ שמועס אין קיבוץ יפעת . 21
ס׳איז געווען אַ געפיל, אַז יעדער איינער וועט אָוועקגעבן אַלץ / פון אַ שמועס מיט שי (חולדה) 37
פאַר דער שלאַכט / פון אַ שמועס אין קיבוץ גת 41
פון אַ שמועס מיט אשרן (משמר הנגב) 42
ציוניזם און גורל געפיל / פון אַ שמועס אין קיבוץ עין שמר 44

קאַמפגייסט

וועגן חברשאַפט און וועגן „לית ברירה״ / פון אַ שמועס אין קיבוץ גבעת השלושה . . 50
כ׳האָב בכלל נישט געטראַכט וועגן מלחמה / פון אַ שמועס אין קיבוץ עין חרוד 55
פרינציפן אין שטורעם פון דער שלאַכט / פון אַ שמועס מיט אשרן (משמר הנגב) . . 62
די היסטאָרישע טאַט און דאָס געפיל פון אַן אָקופּאַנט / פון אַ שמועס אין קיבוץ גת . 66
דו האָסט מורא ביז דער ערשטער קויל / אַ שמועס מיט שי (קיבוץ אפיקים) . . . 72
אַ בריוו / מאיר 77
אַ בריוו צו אַן עגיפּטישן זעלנער פון זיין פרוי 78
האָסט געפילט, אַז חברה זענען גרייט צו גיין אויף אַלץ
וואָס וועט געשען / פון אַ שמועס אין קיבוץ גבעת־חיים 79
אין מעיין חרוד / אבי פורת 88

קעגנאיבער דעם טויט

ס׳זענען מיר אַדורך פאַרשידענע מחשבות וועגן טויט / אַ שמועס אין קיבוץ נען . . 94
דער טעם פון לעבן און דער ריח פון טויט / פון אַ שמועס אין קיבוץ משמר השרון . 103
אין טאָל פון טייטונג / פון אַ שמועס אין קיבוץ גבע 109
פון אַ שמועס אין קיבוץ גת 110
פון אַ שמועס מיט אשרן (קיבוץ משמר הנגב) 112
פון אַ שמועס מיט שי (קיבוץ חולדה) 113
פונעם ביולעטין פון קיבוץ כפר גלעדי 115
היינט קען איך נישט שמייכלען, אפשר מאָרגן? / רבקה ניידעט 117
צהלון — ביולעטין פון די זעלנער פון קיבוץ יפעת 118
וואָס איז גבורה? / פון אַ שמועס מיט אביעזר (קיבוץ מרחביה) 119
דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַן ערנסטע שפּיל מיט קוילן / פון אַ שמועס אין קיבוץ טירת־צבי) . 121

אין כף הקלע

די מלחמה איז אַ קריטעריע לגבי אַלע דערשיינונגען אין לעבן / אַ שמועס אין קיבוץ
משמר העמק 125
כאַראַקטער און חשבון הנפש / פון אַ שמועס אין קיבוץ גבעת־חיים (איחוד) . . . 136
מיט געמישטע געפילן / פון אַ שמועס מיט אַ שכן (קיבוץ משמר הנגב) 140
בושה איז דאָס פּאַסיקע וואָרט / פון אַ שמועס אין קיבוץ יפעת 147
וועגן געוויסן און וועגן מאָראַל / אַ שמועס אין קיבוץ גבעת־השלושה 153
די באַטייטשן פון גערעכטיקייט און פון כוח / פון אַ שמועס אין קיבוץ גבע 160

אַ דור מיט אַ דור

אַ בריוו פון אַ קינד צום טאַטן, ז״עם זעלנער / קיבוץ יפעת 185
דאָרט און דאָ, דער חורבן און די זעקסטאָגיקע מלחמה / שמועס אין קיבוץ עין־החורש . 186
פאַרפלאָכטן מיטן פאָלק און לאַנד / שמועס אין קיבוץ רמת־יוחנן 200
מ׳ה׳אָבן געלערנט אונדזערע זין צו גיין אויף די ערטער פון סכנה / שמועס אין קיבוץ נען 221

אין דער היים

בריוו / שי, חולדה 237
שפליטערס פון לעבנס־שטייגער 238
די מלחמ פון די זין / שלומית טויב 239
איך האָב אָנגעהויבן פילן אַז די מלחמה איז ביי מיר אין דער היים / שמועס אין תל קציר 243

צום אָנדענק פון די געפאַלענע

אויפן באַרג פון רו / א. עלי 253
מאָטיק / יהודה בן זאב ז״ל 254
הייליק איז אַ זאַך, וואָס פאַר איר ביסטו גרייט צו באַצאָלן
מיט דיין לעבן / פון אַ שמועס מיט שי (חולדה) 260
מיין עוזי / נועה 262

ירושלים

די אַלטשטאָט / פון אַ שמועס מיט שי (חולדה) 265
איך וויל זיך מער קיין מאָל נישט אומקערן אַהין 267
די נאַכט גייען מיר אַריין אין דער געשיכטע / פון אַ שמועס אין קיבוץ טירת צבי . . 271
אַרום איז צעשטערונג — און קעגנאיבער דיר בליט אַ פלאַנץ אין אַ בלומעטאָפּ
(פון אַ שמועס אין משמר השרון) 275
איך מוז צוגיין און אָנרירן / פון אַ שמועס אין יפעת 278
מאָמענטן פון אמת / יוסף חרמוני 282
מאָמענטן פון האַרץ / ראובן כהן 283
אַ בריוו / אליעזר שפר 287
אַ פרעמדע שטאָט / עמוס עוז 289
ירושלים פון מיין קינדהייט / מוקי צור 293

די קומענדיקע טעג אַנטקעגן

די לעצטע צי די דריטע מלחמה — דאָס איז די פראַגע / פון אַ שמועס אין קיבוץ עין־שמר 298
די מלחמה האָט געענדערט די פּראָפּאָרציעס / פון אַ שמועס אין גת 304
ווי דו וואָלסט געזוכט עפּעס אַן אומבאַשטימטס / פון אַ שמועס מיט אשר (קיבוץ משמר הנגב) 306
צו געפינען זיך אַליין / אַ שמועס בעת אַ צווישנקיבוצישער באַגעגעניש 311
צוריק / מנחם שלם 315
מאַפּע פון די שלאַכטן אין סיני און אין עזה־פּאַס 317
מאַפּע פון די שלאַכטן אויפן מערב־ברעג פון ירדן און אין ירושלים 318
מאַפּע פון די שלאַכטן אויף דער רמת הגולן 319